STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09390

VELTGESHIKHTE FUN URALTER TSAYTEN BIZ HAYNTIGEN TOG

Y. G. Fogt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

אילוסטרירט.

צווייטער באַנד: אלטע צייט.

ניו יאָרק:

היברו פאבלישינג קאמפאני.

.1918

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Companv, New York.

אינהאַלט־פערצייכניס

פון צווייטען באַנד.

די איראָפּעאישע פעלקער.

די גריכען.

זייט

די אורצייט פון די גריכען 6

די הערשאָאישע צייט פון די גריכען 11

פּערסעאוס ז. 11. הערקולעס ז. 13. טהעזעאוס ז. 16. די עדיפּוס־
זאַגע ז. 19. די קאַלידאָנישע יאַגד ז 22. דער צוג פון די אַרגאָנאַוו-
טען ז. 23. דער טראָיאַנישער קריג ז. 25 . ענטוויקלונג פון דער פאַ-
מיליע ז. 42. די גריכישע קולטור אין דער הערשאָאישער צייט ז 48.
די שטאַם־פערפאַסונג ז. 49. די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען ז. 53.
מוזיק און פּאָעזיע ז. 55. די געטער־וועלט ז. 59.

דאָרישע וואַנדערונג און די גרינדונג פון גריכישע קאָלאָניעס 76

די דאָרישע וואַנדערונג ז. 77. די קאָלאָניעס ז. 79. דער האַנדעל ז.82.

די צייט פון בילדונג פון שטאַאטען 83

ספּאַרטאַ ז. 83. די מעסענישע מלחמות ז 95. אַטהען ז. 97. סאָלאָן'ס
געזעצגעבונג ז. 103. די פערפאַסונג פון קלייסטהענעס ז. 112. דע-
מאָקראַטיע אין אַטהען ז. 113. די קלענערע גריכישע שטאַאטען
ז. 117. די פערבינדונג פון די גריכישע שטאַאטען ז. 119.

די צייט פון די מלחמות מיט פּערסיען 131

דער אויפשטאַנד פון די יאָניער ז. 131. ערסטער און צווייטער פעלד־
צוג פון דאַריוס'ן געגען די גריכען ז. 136. דער דריטער קריג מיט די
פּערסיער ז. 146. פּלאַטעע און מיקאַלע ז. 160.

זייט

אַטהען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר מאַכט . . . 165

די צייט פון דער שלאַכט ביי פלאַטעע ביז צימאָן'ס טויט ז. 165. דער דעלישער בונד ז. 169. פעריקלעס ז. 172. די קולטור אין דער צייט פון פעריקלעס'ן ז. 183. סקולפטור, מאַלעריי ז. 187. די פאָעזיע ז. 190. טהעאַטער ז. 195. די פראָזאַאישע ליטעראַטור ז. 201. סאָק-ראַטעס ז. 211.

דער פעלאָפאָננעזישער קריג 214

דער אַרכידאַמישער קריג ז. 216. די צייט פון ניקיאַס'עס פרידען ביז דער סיצילישער עקספעדיציאָן ז. 222. די סיצילישע עקספעדי-ציאָן ז. 226. דער דעצעלעאישער קריג ז. 230. דער שטורץ פון אַטהען ז. 234.

די אויבערהערשאַפט פון די ספּאַרטאַנער 235

די דרייסיג טיראַנען אין אַטהען ז. 235. דער פעלד=צוג פון דעם אינ-גערען צירוס ז. 238. דער צוריק=צוג פון די צעהן טויזענד ז. 238. דער פערסיש=ספּאַרטאַנישער קריג ז. 239. דער קאָרינטהישער קריג ז. 243.

די רציחות פון ספּאַרטאַ און איהר געבראָכענע מאַכט דורך טהעבען 246

עפּאַמינאָנדאָס ז. 247.

די פערניכטונג פון גריכענלאַנד'ס פרייהייט דורך פיליפּ פון מאַצעדאָניען 251

דעמאָסטהענעס ז. 255.

די מאַצעדאָניש=פערסישע אימפעריע 259

אלכסנדר דער גרויסער ז. 259. עראָבערונג פון פערסיען ז. 269. פעלד=צוג נאָך אינדיען ז. 271. אלכסנדר'ס טויט ז. 274. די מלחמות צווישען אלכסנדר'ס קאָמאַנדירען נאָך זיין טויט ז. 277.

די שטאַאַטען, וואָס זיינען ענטשטאַנען פון דער מאַצעדאָניש= פערסישער אימפעריע 280

מאַצעדאָניען און גריכענלאַנד ז. 280. אויפשטאַנד פון אַטהען ז. 281. סיריען ז. 287. עגיפּטען אונטער די פּטאָלעמייער ז. 288.

זייט

די גריכישע קולטור זינט דער פעריקלישער צייט 292
די פילאָזאָפיע ז. 292. פּלאַטאָ ז. 293. אַריסטאָטעלעס ז. 296. די סטאָאישע שולע (סטאָאיקער) ז. 301. די עפּיקורעער ז. 301. די סקעפּטיקער ז. 302. די בילדענדע קונסטען ז. 302. די פּאָעזיע ז. 308. די רעדע-קונסט ז. 310. די וויסענשאַפט ז. 311. די געשיכטע-שרייבונג ז. 312. די קליידונג, ערציהונג, וואוינונג, מנהגים או. אז. וו. ז. 313.

אידען אונטער גריכישער הערשאַפט.

אלכסנדר מוקדון און די הערשאַפט פון די פּטאָלעמעער . . 327
דער כהן גדול ידוע ז. 328. יוסף בן טוביה ז. 331.

די גריכיש-סירישע הערשאַפט אין יהודה 337
אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס (אנטיוכוס הרשע) ז. 339. יאַזאָן (ישוע) ז. 341. מענעלאָוס ז. 343. אַנטיאָכוס'עס רדיפות ז. 345. מאַרטירער פיר'ן אידישען גלויבען ז. 347.

דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים און די מלחמות פון יהודה המכבי 349
מתתיהו דער חשמונאי ז. 351. יהודה מכבי ז. 352. זיג איבער אַנטיאָכוס'ן ז. 355. דער יום טוב „חנוכה“ ז. 355. דער פעלד-צוג געגען די אידומעער (בני אדום) ז. 356. ליזיאַס'עס פעלד-צוג געגען יהודה ז. 357. דער קריג פון ניקאַנאָר ז. 361. יהודה'ס אַפּמאַך מיט רוים ז. 363.

די מלחמות פיר אונאַפּהענגיגקייט: יונתן און שמעון . . . 364
שטרייט פון יונתן געגען באַקכידעס'ן, דעם פעלדהערר פון דעמעטריוס דעם 1טען ז. 365. באַקכידעס און יונתן שליסען פרידען ז. 367. יונתן ערוועהלט אַלס כהן גדול ז. 369. יונתן און דעמעטריוס ז. 371. שמעון החשמונאי ז. 373.

די אידישע ליטעראַטור אין דער צייט פון דער גריכישער הער-שאַפט 376
יהושע בן סירא ז. 378. ספר דניאל ז. 380. איבערזעצונג פון דער תורה אין גריכיש ז. 383.

זייט

די אונאָפּהענגיגקייט פון יהודה אונטער די חשמונאים . . 385

יוחנן הורקנוס (הירקאַנוס) ז. 385. אלכסנדר ינאי ז. 385. צדוקים און פרושים ז. 387.

די פירסטען שמעון און יוחנן הורקנוס 388

שמעון זיהן טריאומפירען אין אַ קאַמף געגען אַנטיאָכוס סידעטעס ז 389. יוחנן בעפרייט זיך פון דער הערשאַפט פון סיריען ז. 391. די מלחמה מיט אדום ז. 392.

די אידישע פאַרטייען און די אינערליכע רעגירונג אין די לעצ־טע צייטען פון יוחנן הורקנוס 393

די צדוקים ז. 395. די פרושים ז. 396. די אסיים ז. 398. די סנהדרין ז. 400. די שפּאַלטונג צווישען יוחנן הורקנוס און די פרושים ז. 403.

די קעניגען אַריסטאָבולוס און אלכסנדר ינאי און די קעניגין סאַלאָמאַ אלכסנדראַ 404

אלכסנדר ינאי און זיינע מלחמות ז. 407. דער אויפשטאַנד אין טעמ־פעל ז. 409. דער בירגער־קריג ז. 411. סאַלאָמאַ אלכסנדראַ און די פרושים ז 413.

דער קריג צווישען הורקנוס און אַריסטאָבולוס און דאָס אריינ־מישען זיך פון רוים 416

פּאָמפּעיוס אין יהודה ז. 420.

די אידישע קולטור אין יהודה און מצרים 425

די ליטעראַטור אין יהודה ז. 426. די אידיש־גריכישע ליטעראַטור ז. 431.

די אידיש־גריכישע פילאָזאָפיע און פערטיידיגונג פון דער אי־דישער נאַציאָן 432

II. די איראָפּעאישע פעלקער.

1. די גריכען.

די געשיכטע פון די אָריענטאַלישע לענדער שטעהט אין ענגען צו-זאַמענהאַנג מיט דער קולטורעלער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. אזיען איז דער אור-אָרט פון אַלע קולטור-ראַסען, און דעריבער האָט זי גע-מוזט זיין דער אָרט, וואו אַלע קולטורען האָבען זיך אָנגעפאַנגען. ווען די פרי-הערדיגע קולטור-ראַסען האָבען פון זייערע ערטער אויסגעוואַנדערט און זיך בעזעצט אין אַנדערע לענדער, ווי עגיפּטען, בבל, אשור א. אז. וו., האָבען זיי מיט זיך געבראַכט ניט נאָר די פעהיגקייט פיר ערפינדונגען צו פערבעסערן דאָס מענשליכע לעבען, נאָר זיי האָבען אויך געבראַכט שוין פערטיגע ער-פינדונגען. עס איז כמעט געוויס, דאָס ווען די אויסוואַנדערער פון צענט-ראַל-אזיען זיינען אָנגעקומען אין די נייע לענדער, האָבען זיי שוין מיט זיך גע-בראַכט מעטאַלענע כלי-זין, מיט וועלכע זיי איז גרינגער געווען צו בעזיגען די אור-איינוואוינער פון די נייע לענדער. עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס די איינוואַנדערער פון אזיען האָבען מיטגעבראַכט די בראָנז און האָבען זי פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אויך די קענטנים פון אַקערבוי האָבען זיי מיט זיך פון צענטראַל-אזיען געבראַכט און האָבען זי איבער דער וועלט פערשפּרייט.

ווען מיר שיידען אָפּ די איראָפּעאישע פעלקער פון די אזיאַטישע איז עס נאָר אין געאָגראַפישער הינזיכט. ווייל אין גרונד גענומען זיינען אַלע איראָפּעאישע פעלקער פון אזיאַטישער אָפּשטאַמונג, און זייער קולטור שטעהט אין ענגער צוזאַמען-ענטוויקלונג מיט דער קולטור פון די אזיאַטישע פעלקער.

אויסער די כינעזער האָבען אַלע אָריענטאַלישע קולטור-פעלקער זייער עקסיסטענץ ניט אויף אימער ערהאַלטען. נאָר זיי זיינען נאָך אַ קירצערער

אָדער לענגערער צייט אונטערגעגאַנגען. אויך די איירָאָפּעאישע פעלקער האָבען דיזע שוואַכקייט אין זיך געהאַט. די אָריענטאַלישע קולטור=ראַסען האָבען די פעלקער פון די נייע לענדער, וואוהין זיי האָבען איינגעוואַנדערט, בעזיגט און פערשקלאַפט, און דאָס איז געווען די אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג, ווייל די הערשאַפט האָט זיי געפיהרט דערצו, אויך זייערע אייגענע ברידער, די שוואַכערע, צו פערגוואַלדיגען און אונטערדריקען, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די קולטור=ראַסען האָבען איינע די אַנדערע אונטערדריקט. די פרייע פערוואַלטונג פון די שטאַמען איז געשטירצט געוואָרען, אויף איהר אָרט איז געוואָרען פריסטער=הערשאַפט, און שפּעטער — דער פּאָליטישער קלאַסען=שטאַאַט מיט אַ דעספּאָטישער אויבערהערשאַפט. דיזע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע איינריכטונגען און אָרדנונגען זיינען אויך צו די איירָאָפּעאישע פעלקער איבערגעגאַנגען.

דיזע לאַנגע נאַכט פון קנעכטשאַפט, פון פערגוואַלדיגען איינער דעם אַנדערען, פון אונטערדריקען יעדע פרייע ענטוויקלונג פון די מענשליכע גייסטיגע קרעפטען, איז אַ ביסעל בעשטראַהלט געוואָרען דורך אַ ליכטיגען שטערן, דורך דאָס גריכישע פאָלק. הגם אין אָנפאַנג האָבען אויך די גריכען זייער קולטור געבויט אויף שקלאַפעריי, אָבער עס האָט זיך באַלד געצייגט ביי זיי דער דעמאָקראַטישער גייסט, דער גייסט פון פרייהייט.

דער גריכישער גייסט האָט אויפגעוועקט דעם אָפּשטאַרבענדען גייסט פון דער אָריענטאַלישער קולטור. ער האָט אויך אין די פינסטערע צייטען אַ נייעם לעבען אריינגעבלאָזען אין די האַלב=פערשטאָרבענע איירָאָפּעאישע קולטורען אין ענדע פון מיטעל=אַלטער. נאָר די גריכען האָבען מיר צו פערדאַנקען די נייע קולטור, וועלכע זיי האָבען אונז געגעבען נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם רוימישען רייך. ערסט אַלס די איירָאָפּעאישע וועלט איז בעקאַנט געוואָרען מיט די גריכישע דענקער און פּאָעטען האָט אָנגעהויבען צו פאַלען די אויטאָריטעט פון די פינסטערע גייסטליכע און זייער סכאָלאַסטיק (פּשט'לעריי). פון דאַמאָלס אָט האָט דער פרייער גייסט פון פאָרשונג געקריגען בירגער=רעכט. די הויפּט=אויפגאַבע פון די ערסטען יאָהרהונדערטער פון דער ווידער=געבורט פון די וויסענשאַפטען אין געווען זיך אַרויפצואַרבייטען אויף דעם שטאַנדפּונקט, וועלכען די גריכען האָבען פערלאָזען אַלס זיי זיינען אַראָפּ פון דער ביהנע פון דער געשיכטע. די ערסטע שאַפונגען פון אונזער נייער קולטור זיינען ניט אונזער אייגענטום, נאָר געבאָרגט פון די גריכען. אזוי צום ביישפּיל איז בעוויזען געוואָרען, דאָס קופּערניקוס' אידעע פון דער קוגעל=

פאָרמיגער געשטאַלט פון דער ערד האָבען שוין לאַנג געהאַט די יאָניער גרי־כישע פעלאָזאָפען.

די גריכען זיינען וויכטיג פיר אונז ניט אזוי פיעל מיט דעם שטאָף, מיט דעם אינהאַלט, וואָס זיי האָבען פערשאַפט אונזער דענקען, ווי מיט דער מעטאָדע, מיט דער פאָרמע פון דענקען, וואָס מיר האָבען פון זיי געלערנט. וועיל די וויכטיגסטע עלעמענטען פון פערשיידענע וויסענשאַפטען, ווי אויך דעם אָנפאַנג פון קונסט, האָבען אויך די גריכען ניט געשאַפען; זיי האָבען זיי איבערגענומען פון בבל און עגיפּטען דורך די פערמיטלונג פון די פעני־ציער. וואָס די גריכען האָבעןווירקליך געשאַפען — דאָס איז די פ אָ ר מ ע פון דענקען און צו מאַכען שלוסען פון דעם דענקען. די גריכען זיינען געוועזען די ערסטע, וועלכע האָבען דער מענשהייט געלערנט, געוויזען אַ וועג ווי צו דענקען, און ווי צו מאַכען פאָלגערונגען פון דעם דענקען. פאַר די גרי־כען האָט דער מענש נאָר געוואוסט צו אויפנעהמען די נאַטור־ערשיינונגען ווי זיי קומען פאַר אין דער וועלט, ניט מאַכענדיג קיין שלוס פון זיי אי־בער אונבעקאַנטע זאכען. די גריכען זיינען די ערסטע, וואָס האָבען געשאַפען די עלעמענטען פון לאָגיק, ד. ה. די מעטאָדעס פון דענקען, פון מאַכען שלו־סען, פאָלגערונגען.

דיזע נייע וויסענשאַפט, וואָס די גריכען האָבען געשאַפען, האָט זיי גע־געבען די מעגליכקייט צו שאַפען גרויסע וויכטיגע נייעס. דער דענקענדער גריך האָט זיך ניט צופרידען געשטעלט און זיך ניט געלאָזט בענוגענען מיט זאַמלען קענטניסען, ער האָט געזוכט צו פערשטעהן דעם צוזאַמענהאַנג פון די געזאַמעלטע קענטניסען און וואָס מען קען נאָך דערפון נייעס שאַפען. דער גריך האָט זיך איבערגעגעבען צו געאָמעטריע, צו פילאָזאָפיע און האָט מיט די־זע געגענשטענדען געשאַפען עלעמענטען, וועלכע זיינען געבליבען אַלס מוס־טער פיר אַלע צייטען. דאָס די גריכען האָבען אין קונסט דערלאַנגט אַזאַ הויכע שטופע, דאָס די מענשהייט האָט נאָך ביז היינט ניט דערגרייכט, איז אַלע־מען בעקאַנט.

דער וואוין־אָרט פון די גריכען. די גריכען האָבען פערנומען אַ קליינעם טייל פון דעם זידליכען ענד פון דער באַלקאַנישער האַלב־אינזעל, וועלכע געפינט זיך צווישען דער אינזעל־גרופּע אין דעם יאָנישען מעער. דאָס קליינע שטיקעל לאַנד איז געוועזען בעדעקט מיט בערג. קיין איין גרויסער טייך איז אין לאַנד ניט געוועזען. גריכענלאַנד האָט געהאַט נאָך אַ בעזונדערע אייגענטימליכקייט, דאָס זי איז כמעט אין גאַנצען געשטאַנען ביים ברעג פון ים. עס זיינען דאָ אין גריכענלאַנד אַזוי פיעל גאָלפען און בוכטען, ווי אין קיין

אנדער לאנד אין דער וועלט. אין צפון טיילען די בערג אפ די האלב-אינזעל פון פעסטען לאנד, אזוי ווי די אלפען טיילען אפ איטאליען פון אייראפעאי-שען קאנטינענט. גריכענלאנד איז נאך רייכער אין ברעגען אלס איטאליען. אויסער דעם איז גריכענלאנד ארומגערינגעלט מיט זעהר פיעלע אינזלען, אי-בערהויפט צווישען גריכענלאנד און קליין-אזיען. דיזע אינזלען האבען פיעל געהאלפען צו פערבינדען גריכענלאנד מיט קליין-אזיען, ווייל זיי האבען פיעל פערלייכטערט דעם פערקעהר צווישען די ביידע לענדער. דערצו האט גרי-כענלאנד געהאט זעהר פיעלע גוטע האפענס, מיט א זעהר גוטער געשמאקער לופט. דאס אלץ האט געמאכט גריכענלאנד פיר א זעהר אויסגעצייכענטעס לאנד פיר דעם פערקעהר פון שיפען. די גריכען האבען זיך ווירקליך גלייך



אטהענא ביי דעם בויען פון דעם ערסטען שיף.

אין אנפאנג פון זייער איינוואנדערונג אין לאנד בענוצט מיט דיזע מעלות פון דעם ארט און זיינען גיך געווארען גוטע זעע-פאהרער און האנדעלס-לייט. דעם בוי פון זייער ערסטען שיף האבען זיי צוגעשריבען דער געטין אטהענע.

די גריכישע האלב-אינזעל איז פון דער נאטור איינגעטיילט אין דריי טיילען: 1) דעם נארדליכען טייל, וועלכער בעשטעהט פון טהעססאליען אין מזרח און עפירוס אין מערב; 2) דעם מיטעלען טייל, וועלכער ציהט זיך פון טהעססאליען און עפירוס ביז דעם קארינטהישען ים-בוזים (בוכט פון קארינטה); 3) דעם זידליכען טייל, בעקאנט מיט דעם נאמען פעלאפאננע-זוס, וועלכער איז פערבונדען מיט'ן מיטעלען טייל דורך א שמאלען פאס לאנד, דעם איסטהמוס פון קארינטה. דער מיטעלער

טייל פון גריכענלאַנד האָט ענטהאַלטען די פּראָווינצען: אַטטיקאַ מיט דער בעריהמטער שטאָדט אַטהען, באָאָטיען, לאָקריס, דאָריס, אַעטאָליען און אַקאַרנאַניען. די פּעלאָפּאָננעזישע פּראָווינצען זיינען געווען: מעגאַריס, אַכאַיאַ, עליס, אַרקאַדיען, מעססעניען, לאַקאָניען און אַרגאָליס.

די אינזלען אין אָגעאישען מעער, וועלכע האָבען געהערט צו גריכענ־לאַנד, זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס: די ספּאָראַדען און ציקלאַדען. די הויפּט אינזלען פון די ספּאָראַדען זיינען: סאַמאָס, פּאַט־מאָס, קאָס, רהאָדעס; צווישען די ציקלאַדען: אַנדראָס, קעאָס און נאַקסאָס. די ציקלאַדען ליגען אין אַ קרייז ארום דער אינזעל דעלאָס, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען דער אַלטער טעמפּעל פון אַפּאָללאָ. צו גריכענלאַנד האָבען אויך געהערט די יאָנישע אינזלען: קאַרקירא, לעאוקאַס, איטהאַקאַ, קעפאַלעניאַ, צעקאַנטהאָס, ווי אויך אייניגע פעראיינצעלטע אינזלען אין אָגאָ־אישען מעער, ווי: עווּבאָאַ, סאַלאַמיס, קיטהערא, אָגינאַ, סאַמאָטהראַקע און קרעטאַ. דיזע אַלע אינזלען זיינען ווי גריכענלאַנד זעלבסט געווען בע־דעקט מיט בערג און האָבען קיין גרויסע טייכען ניט געהאַט.

די בערג אין גריכענלאַנד שפּילען אַ גרויסע ראָלע ווי אין דער גע־שיכטע אַזוי אויך אין דער זאַגע. מיר האַלטען דעריבער פיר נעטיג צו דער־מאָהנען די וויכטיגסטע פון זיי. אין טהעססאַליען זיינען די בעקאַנטעסטע בערג־גרופּעס: אָססאַ און אָלימפּוס; אין מיטעל־גריכענלאַנד: אָטאַ, ביים מזרח־גרענעץ פון אָטאָליען. דיזע בערג־קייט ציהט זיך צום אָגעאישען מעער, וואו זי בילדעט דעם בעריהמטען פּאַס פון טהערמאָפּילאָ; די בערג־קייט העליקאָן אין באָאָטיען, דער פּאַרנאַס אין פאָקיען, און דער הימעטטוס אין אַטטיקאַ, וועלכער איז בעריהמט מיט זיין האָניג. אין פּעלאָפּאָננעזוס זיי־נען בעריהמט געווען די בערג: ערימאַנטהאָס אין אַכאַיאַ, טאַיגעטוס אין לאַקאָניען, און די בערג־קייטען אין אַרקאַדיען.

די וויכטיגסטע טייכען אין גריכענלאַנד זיינען: דער פּענעאוס אין טהראַקיען, וועלכער פליסט דורך דעם שענעם בעריהמטען טאָל טעמפּע, דער אַלפעאוס אין אַרקאַדיען און עליס, דער פּאַמיזוס אין מעססעניען, דער עאורא־טאַס אין לאַקאָניען, און דער קעפיססוס, וועלכער פליסט דורך פאָקיס און גיסט זיך אריין אין די באָאָטישע אָזיערע קאָפּאַיס. דיזער טייך איז בעזונ־דערס מערקווירדיג צוליב די אונטערערדישע קאַנאַלען, וועלכע פעראייניגען איהם מיט'ן מעער. דיזע קאַנאַלען זיינען טיילס בעשאַפען פון דער נאַטור און טיילס פון מענשליכע הענט.

א. די אור־צייט פון די גריכען.

די גריכישע אפשטאמונג איז אין א דונקעלען וואלקען פערהילט. ווי די גריכישע זאגע ערצעהלט, האט אין גריכענלאנד געוואוינט אין דער צייט, ווען די גריכען זיינען אהין געקומען, א פאלק אונטער דעם נאמען פעלאזגער. דיזע אור־איינוואוינער זיינען געווען פרידליכע אקער־בויער און פיה־ציכטער. עס ווערט ערצעהלט, דאס זיי האבען געבויט „ציקלאפישע מויערן", וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון אונגעהייער גרויסע אונבעהאקטע שטיינער אהן שום צעמענט אדער לעהם. צו דיזע בנינים געהערען דאס שאץ־הויז פון אטרעאוס און דער לייבען־טויער פון מיצענע, וועלכע עקסיסטירען נאך אויך יעצט. ניט ווייט פון דיזע בנינים האט מען געפונען פערשיידענע וואפען, שמוק־זאכען און כלים פון דער גאנץ אלטער צייט, נאך איידער די גריכען זיינען אין לאנד אנגעקומען. מען האט אויך געפונען איבעררעסטען פון ציקלאפישע מויער־ווערק ביים זעע (אזיערע) פון יאנינא. דיזע איבעררעסטען זיינען אמאל געווען דאס היילינגטום פון די פעלאזגער, אין וועלכען עס האט זיך דאמאלס געפונען דער וועלדעל פון דאדאנא, וואו די פריסטער פלעגען פארויסזאגען די צוקונפט פון דעם גערויש פון די אייכען־בלעטער און פון דעם רוישען פון א קוואל. דער ארט פון די פעלאזגער איז הויפטזעכליך געווען אין עפירוס און אין טהעססאליען. פון דאנען זיינען זיי געקומען אין באאטיען. דארט האבען זיי געגרינדעט די שטאדט ארכאמענאס, וועלכע איז געווען בעריהמט מיט איהר רייכטום. אין דיזער שטאדט האבען זיי געהאט פיעלע געביידעס, ווי אויך דעם בעריהמטען אונטערערדישען קאנאל פון דעם קאפאיס־זעע. עס האבען זיך געפונען אין פעלאפאננעזוס (אין ארגאס און ארקאדיען) זאכען, וועלכע בעווייזען, דאס אויך דא האבען פעלאזגער געוואוינט.

ווער אבער זיינען די פעלאזגער און פון וואנען קומען זיי—דאס איז שווער צו זאגען בעשטימט. אייניגע גלויבען, דאס זיי קומען פון קליין־אזיען, און קומען ארויס פון דעם זעלבען שטאם, וואס די פעניציער, ווייל די ארבייט פון די פעלאזגער האט פיעל עהנליכעס מיט דער ארבייט פון די פעניציער. אבער דאס איז זעהר א שווער בעוויז. ווייל עס קען זיין, דאס די פעלאזגער האבען געלערנט פון די פעניציער, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג אין האנדעל. קורץ, איבער די אפשטאמונג פון די פעלזאגער ווייסען מיר גאר ניט. עס איז גאר וואהרשיינליך, דאס די גריכען האבען זיך פערמישט מיט די פעלאזגער, און עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז דער נא־

מען פעלאַזגער איז פערגעסען געוואָרען, און אַנשטאַט דעם איז דער נאָמען „גריכען" אָדער „העללענען" בעקאַנט געוואָרען און איז פערבליבען.

די גריכען אָדער ווי זיי פלעגען זיך רופען „העללענען" זיינען געוועזען פון דער אַרישער ראַסע און האָבען, ווי מען גלויבט, איינגעוואַנדערט אין גריכענלאַנד דורך דעם ים, ד. ה. זיי זיינען פון קליין־אַזיען אַנגעקומען צוערסט אין די אינזלען פון דעם אַגאַאישען מעער און נאַכהער האָבען זיי אויך דאָס

לייבען־טויער אין מיצענע.

פעסטלאַנד, דאָס אייגענטליכע גריכענלאַנד בעזעצט. דיזע בעהויפּטונג איז אָבער ניט אַלגעמיין אַנגענומען. מאַנכע געלעהרטע זיינען געגען דיזער מיינונג. דער פאַקט, דאָס גריכען זיינען געזעסען אין קליין־אַזיען נאָר ביי די ברעגען, ווערענד אין מיטען זיינען געזעסען אַנדערע פעלקער, בעווייזט, דאָס דער אָרט פון די גריכען איידער זיי האָבען איינגעוואַנדערט אין גרי-

בענלאנד איז ניט געווען קליין־אזיען. פון גריכענלאנד זאָלען זיי האָבען אַרי־בערגעקומען נאָך די ברעגען פון קליין־אזיען. דערפאר נעהמען אונזערע גע־לעהרטע אָן, דאָס די גריכען זיינען געקומען מיט צוויי אַנדערע אַרישע שטאַ־מען, נעמליך מיט דעם איללירישען און טהראקישען שטאַם, דורך דעם גע־וועהנליכען לאנד־וועג, מיט וועלכען אַלע אַנדערע אזיאַטישע פעלקער האָ־בען איינגעוואנדערט אין איירָאפּא. דיזע דריי שטאַמען האָבען זיך בעזעצט אין דעם זידליכען טייל פון איירָאפּא. דיזע מיינונג איז אָנגענומען פון פיעלע געלעהרטע, ווייל די שפּראַכען פון דיזע דריי שטאַמען זיינען עהנליך און זייערע זאגעס זיינען זעהר שטארק פערוואַנדט צווישען זיך.

די גריכישע זאגע ערצעהלט, דאָס דער ערסטער פאָטער פון זייער פאָלק איז געווען דעווקאַליאָן, דער זוהן פון פּראָמעטהעאוס. אין דעווקאַליאָן'ס צייטען האָט זיך געטראָפען אַן איבערשווועמונג (אַ מבול), אַלץ אין דער וועלט איז פערניכטעט געוואָרען. עס האָט זיך גערעטעט דעווקאַליאָן און זיין ווייב פּירההאַ דורך אַ שיף, וואָס זיי האָבען אויסגעבויט צו דיזען צוועק. דאָס שיף האָט לאנג געשוואומען איבער'ן וואַסער ביז עס האָט זיך ענדליך אָפּגעשטעלט אויף דעם בארג פאַרנאַססוס. דאָרט האָט ער מיט זיין ווייב בעקומען אַ בעפעהל פון העכסטען גאָט צו נעהמען שטיינער און וואַרפען הינטער זיך און דאַן וועלען פון די שטיינער, וואָס דעווקאַליאָן וועט וואַרפען, ווערען מענער, און פון די, וואָס זיין ווייב פּירההאַ וועט וואַרפען, וועלען ווערען פרויען, מיט דיזען אופן וועט ווערען אַ נייע מענשען־געשלעכט. זיי האָבען אַזוי געטאָן, און עס איז ענטשטאַנען אַ נייע מענשהייט. דעווקאַ־ליאָן זעלבסט האָט געהאַט אַ זוהן העללען, פון וועלכען עס זיינען אַרויסגע־קומען די גריכען און דערפאר רופען זיך אָן די גריכען מיט'ן נאָמען „העל־לענען".

די העללענען האָבען זיך אויסגעצייכענט פון די אור־איינוואוינער, די פעלאַזגער, מיט זייער קריגערישען גייסט, און דעריבער איז זיי געלונגען די פעלאַזגער צו אונטערדריקען און אַליין ווערען די הערשער אין לאַנד. די גריכען זיינען געווען איינגעטיילט אין פיער שטאַמען, נעמליך: אָאָליער, דאָריער, אַכאָער און יאָניער, וועלכע זיינען געווען פערשיידען איינער פון דעם אַנדערען מיט דער שפּראַך און זייערע זיטען. דיזע פיער שטאַמען קומען אַרויס פון העללען'ס צוויי זיהן אָאָלוס און דאָרוס, און זיינע צוויי ענייקלאָך יאָן און אַכאָאוס. די אָאָליער האָבען פערנומען הויפּטזעכליך דעם זידליכען טייל פון טהעססאַליען, די דאָריער האָבען געוואוינט אין דער

פראָווינץ דאָריס, די אכאָער אין ארגאָליס, לאַקאָניען און עליס, די יאָניער — אין אַטטיקאַ און מעגארא. אנדערע געלעהרטע גלויבען אָבער, דאָס די יאָניער, אכאָער און אָאָליער זיינען צווייגען פון די פעלאזגער. דאָס איז אָבער שווער ריכטיג צו ענטשיידען, ווייל עס זיינען ניטאָ די ריכטיגע בעוויי־זען דערצו.

אָבער אויך די אור־בעוואוינער פון גריכענלאַנד זיינען געקומען אין בע־ריהרונג מיט דער אויסענוועלט. די פעניציער האָבען אויף זייערע רייזעס בע־זוכט ניט נאָר די אינזלען פון גריכענלאַנד, נאָר זיי האָבען אויך בעזוכט דאָס פעסטלאַנד און האָבען געמאַכט געשעפטען מיט די אור־איינוואוינער. אין פיע־לע ערטער פון גריכענלאַנד, ווי צוםביישפיעל אין אָרכאָמענוס, קאָרינטה און אויך אויף אייניגע אינזלען, איז געווען איינגעפיהרט דער פעניצישער רע־ליגיאָנס־דינסט. אין דיזע ערטער פלעגען די אור־איינוואוינער בריינגען מענ־שען־אָפּפער צום הויפּט־גאָט צעאוס, ווי די פעניציער פלעגען עס טאָן צום מאָלאָך (מולך). דער ליבעס־געטין אפראָדיטע האָבען זיי געדינט מיט דער זעלבער פאָרמע פון אויסגעלאַסענקייט, ווי די פעניציער האָבען געדינט צו זייער געטין אשרה. אויסער פון די פעניציער האָבען די גריכען פיעל גענומען פון דער עגיפּטישער קולטור, און דעריבער ווערען דערמאָהנט אָפּט־מאָל אין די אַלטע זאגעס עגיפּטישע פּערזאָנען, ווי מיר וועלען עס זעהן ווייטער אין אונזער ערצעהלונג.

דיזע זאגעס זיינען זעהר וויכטיג פיר די קולטור־געשיכטע. זיי ער־צעהלען פון פיער עגיפּטישע איינוואַנדערער. הגם אין דיזע זאגעס איז דאָ פיעל פאַבעלהאַפטעס, ענטהאַלטען זיי אָבער אויך א קערן פון געשיכטלי־כער וואהרהייט. דער ערסטער פון דיזע פיער איינוואַנדערער איז געווען קעקראָפּס פון סאַאיס אין עגיפּטען. דיזער קעקראָפּס האָט אין יאָהר 1550 פ. קר. איינגעוואַנדערט אין גריכענלאַנד און האָט זיך בעזעצט אין אַטטיקאַ. דער קעניג פון אַטטיקאַ האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער פיר א ווייב. די זאגע ערצעהלט, דאָס קעקראָפּס האָט אויסגעבויט א פעסטונג, וועלכע האָט זיך גערופען קעקראָפּיא, און האָט אויך געגרינדעט די שטאָדט אַטהען. איהם ווערט אויך צוגעשריבען דאָס איינפיהרען פון אַקערבוי אין לאַנד, די הייראַט, רעליגיעזע געברויכען, און אָרענטליכע געריכטס־הייזער, פון וועלכע אין די שפּעטערע צייטען האָט זיך ענטוויקעלט די בעריהמטע געריכטס־אינסטיטוציאָן, וואָס האָט זיך גע־רופען „אַרעאָפּאַגוס” (א געריכט וואָס האָט געהאַט צו משפט'ן איבער לעבען און טויט).

דער צווייטער איינוואַנדערער איז געווען קאַדמוס פון פעניציען. ער האָט זיך בעזעצט אין באָאָטיען און האָט אויסגעבויט די פעסטונג קאַדמעא, ארום וועלכער שפּעטער האָט זיך די שטאָדט טהעבען ענטוויקעלט. קאַדמוס האָט די גריכען געלערנט די בוכשטאַבען־שריפט און די בעאַרבייטונג פון רויהען מעטאַל. אכט יאָהר נאָך קאַדמוס'ן האָט זיך דער עגיפּטער דאַנאַאוס בעזעצט ביי דער שטאָדט ארגאָס, איז געוואָרען דאָרט הערשער און האָט אויפגעהויבען די קולטור. דער לעצטער פון די איינוואַנדערער איז געווען פּעלאָפּס. די אינזעל פּעלאָפּאָננעזוס איז עס נאָך איהם אַ נאָמען. פּעלאָפּס איז געקומען פון פריגיען אין מיטען פון 14טען יאָהרהונדערט פ. קר. און האָט זיך בעזעצט ביים ברעג פון עליס. זיינע קינדער האָבען בעהערשט עליס, ארגאָליס און לאַקאָניען.

ווי די זאַגע ערצעהלט האָט פּעלאָפּס געהאַט צוויי זיהן, אַטרעאוס און טהיעסטעס. צווישען די צוויי ברידער איז געוואָרען אַ שרעקליכע שנאה, וועלכע האָט געפיהרט צו גרויסע פערברעכענס און אונגליקען. נעמליך: טהיעסטעס האָט פערפיהרט די פרוי פון זיין ברודער אַטרעאוס, דאַן האָט ער גערויבט זיין ברודער'ס זוהן און האָט איהם איינגערעדט צו ערמאָרדען זיין פאָטער. דאָס איז דעם אינגעל ניט געלונגען און ער איז ערמאָרדעט געוואָרען אנשטאָט צו ערמאָרדען זיין פאָטער. אַטרעאוס האָט צו שפּעט דערקענט, דאָס דער אינגעל, וועלכען ער האָט ערמאָדעט, איז געווען זיין אייגענער זוהן. ער האָט דאַן געשוואָרען ראַכע צו נעהמען פון זיין ברודער טהיעסטעס, ער האָט פערבאָרגען דעם כעס פון זיין ברודער און האָט זיך געוויזען ווי ער וואָלט וועלען גוט־פריינד ווערען מיט איהם און פערגעסען אַלץ, וואָס ער האָט איהם געטאָן. טהיעסטעס האָט געגלויבט אין די פריינדליכקייט פון זיין ברודער און איז געקומען צו איהם אין הויז מיט אַ וויזיט. אַטרעאוס האָט ארייננעקראָגען טהיעסטעס' קינדער, האָט זיי צוקוילעט און האָט זייער פלייש געגעבען עסען צו טהיעסטעס'ן ביים טיש. דיזע מאָרדען זיינען ניט געבליבען אונבעשטראָפט. דער איבערגעבליבענער זוהן פון טהיעסטעס'ן, מיט'ן נאָמען אֶגיסטהוס, האָט ערמאָרדעט אַטרעאוס'ן, דעם מערדער פון זיינע ברידער. אויך די שוועסטער פון פּעלאָפּס'ן האָט געהאַט אַ שרעקליכעס שיקזאַל. זי האָט געהאַט פיעלע שענע און בליהענדע קינדער און איז ביי זיך זעהר שטאָלץ געווען דערמיט. זי האָט זיך געהאַלטען גלייך מיט לאַטאָנא'ן, דער פרוי פון דעם גאָט צעאוס, און האָט פערלאַנגט מען זאָל זי אַזוי פערעהרען, ווי די געטין. דיזער שטאָלץ האָט אַזוי פיעל אויפגעבראַכט די געטין לאַטאָנא, דאָס זי האָט דורך אַפּאָללאָ'ן געלאָזט שיסען די 7 זיהן

און דורך אַטרעאוס'ן די 7 טעכטער, און זי, ניאָבע (אַזוי האָט מען גערופען די שטאָלצע מוטער), אין אַ שטיין פערוואַנדעלט.

ב. די הערָאאישע צייט פון די גריכען.

נאָך דעם, ווי די גריכען האָבען זיך שוין פערשמאָלצען מיט די פּעלאַזגער, פאַנגט זיך אָן די עפּאָכע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „די הערָאאישע עפּאָכע" (העלדען-צייט), ווייל אין דיזער צייט האָבען די גריכען אונטערגענו־מען און דורכגעפיהרט זעהר פיעלע און גרויסע העלדענטאַטען. דיזע צייט איז אויך בעוואוסט מיט דעם נאָמען : די אַכאָאישע, ווייל דער אַכאָאישער שטאַם האָט דאַמאָלס געשפּילט די הויפּט-ראָלע, און דער נאָמען „העלענען" פיר די גריכען איז ערסט שפּעטער געקומען. פון דיזער צייט, וועלכע מען רעכענט פון 1400 ביז 900 פ. קר., האָבען מיר ניט קיין ריכטיגע היסטאָרישען ידיעות, מיר האָבען נאָר זאַגעס וועגען איינצעלנע העלדען פון דיזען אָדער יענעם שבט, זאַגעס וועגען דער גרינדונג פון דער מעער-הערשאַפט דורך מינאָס פון דער אינזעל קרעטאַ, פון דעם צוג פון די ארגאָנאַווטען, פון דעם טראָיאַנישען קריג. דיזע זאַגעס האָבען פיר די געשיכטע אַ גרויסען ווערט, ווייל זיי מאַכען אונז בעקאַנט מיט דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון די גריכען פון יענער צייט. אין יענע זאַגעס געפינט זיך אויך אַ געשיכטליכער קערן און זיי פערדינען דעריבער פּלאַץ אין דער געשיכטע. זאַגעס זיינען ניט אימער פאַבלען.

די העלדען און זייערע טאַטען. איינער פון די בעריהמטעסטע העל־דען פון דער גריכישער זאַגע איז פּ ע ר ס ע א ו ס, דער זוהן פון דעם גאָט צעאוס און פון דאַנאַע, וועלכע האָט געשטאַמט פון דאַנאַאוס'ן, דעם הערשער אין אַרגאָליס. דער אָראַקעל האָט אַקריזיוס'ן, דעם פאָטער פון דאַנאַע, נביאות געזאָגט, דאָס ער וועט פערלירען זיין לעבען דורך זיין עני־קעל. דעריבער האָט אַקריזיוס זיין טאָכטער דאַנאַע מיט זיין עניקעל, איהר זוהן פּערסעאוס'ן, פערפּאַקט אין אַ קאַסטען און האָט זיי אין ים אַריינגעוואָרפען. די כוואַליעס פון ים אָבער האָבען דעם קאַסטען געבראַכט צו דער אינזעל סעריפוס. דאָרט האָט דער ברודער פון דעם אינזעל-הער־שער פריינדליך אויפגענומען די מוטער מיט איהר זוהן. דאָ איז פּערסעאוס אויסגעוואַקסען אַ שטאַרקער, מוטיגער יונגער מאַן און האָט זיך אויסגעציי־כענט אין פיעלע זאַכען פון אַנדערע יונגע לייט.

איין מאָל איז ער אַוועק אין אַפריקאַ אום די מעדוזאַ צו הרג'ענען און איהר קאָפּ דעם קעניג צו ברענגען אַלס בעלוינונג אָדער מתנה צו זיין כלה'ס פאָטער, ווייל ער, פּערסעאוס, איז געוועזען זעהר אָרים און האָט ניט געהאַט

קיין אנדער מתנה צו געבען. די מעדוזא איז געווען איינע פון די גאָר-גאָנען — דאָס זיינען געווען דריי שוועסטער, וועלכע זיינען געווען אזוי שרעקליך, דאָס ווען אימיצער האָט א בליק געטאָן אויף זיי, איז ער באלד אין א שטיין פערוואנדעלט געוואָרען. מעדוזא איז געווען די איינציגע פון די דריי שוועסטער, וועלכע איז געווען שטערבליך, די איבריגע צוויי זיי-נען געווען אונשטערבליך. מיט דער הילף פון דעם גאָט הערמעס איז עס איהם געלונגען צו קומען צו דער העהל, וואו די דריי שוועסטער האָבען גע-שלאָפען צו מיטטאָג-צייט. די העהל איז געווען ארומגערינגעלט מיט א שרעק-ליכער שטינקעדיגער בלאָטע, אין וועלכער עס האָט געקישעט אן אונגעהייערע מאַסע פּאַסקודנע קליינע ברואים און פליגען. ער איז געגאַנגען צו זיי מיט'ן רוקען, קוקענדיג אין א שפּיגעל, וואָס א מאַן פון אַטהען האָט איהם גע-שענקט. ווען ער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו די גאָרגאָנען, האָט ער אָפּגע-האַקט דעם קאָפּ פון דער מעדוזא, וועלכע איז געווען ארומגערינגעלט מיט שלאַנגען. די שוועסטערס האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און האָבען געוואָלט טויטען פּערסעאוס'ן, אום ראכע צו נעהמען פון איהם פיר דעם מאָרד. אין דיזען אויגענבליק אָבער איז פון דעם בלוט פון דער מעדוזא ארויסגעשפּרונגען א פערד מיט פליגלען, וועלכער איז בעוואוסט מיט דעם נאָמען „פּעגאַזוס", און אויף דיזען פערד האָט ער זיך גערעטעט פון דער ראכע פון די גאָרגאָנען. אויף זיין רייזע צוריק האָט ער דערזעהן די טאָכ-טער פון עטהיאָפּישען קעניג, אַנדראָמעדא, וועלכע איז געווען בעשטימט איבערגעגעבען צו ווערען צו א ווילדער ים-חיה צום אויפפרעסען. ער איז גע-וואָרען גערירט פון איהר אונגליק און האָט זי בעפרייט פון איהר לאַגע דורך דעם קאָפּ פון דער מעדוזא, מיט וועלכען ער האָט פערשטיינערט די ווילדע חיה. ער האָט געבראַכט אַנדראָמעדא צוריק צו איהר פאָטער, וועל-כער האָט איהם זעהר געדאַנקט פיר די רעטונג פון זיין טאָכטער. ער האָט איהם גענעבען פיעלע אוצרות און אויך די גערעטעטע אַנדראָמעדא פיר א ווייב.

אָבער אַקריזיוס האָט זיך ניט געקענט אויסדרעהען פון טויט דורך פּערסעאוס'ס האַנט. ביי א שפּיל אין א געוויסען יום-טוב אין טהעססאַליען האָט פּערסעאוס אַנגעטראָפען זיין זיידען, וועלכער האָט צוגעקוקט, ווי מען שפּילט אין דיסקען (רונדע שטיינער). ניט ווילענדיג האָט איהם פּערסע-אוס געטראָפען מיט זיין דיסק און האָט איהם דער'הרג'עט, ווי דער אָראַקעל האָט פאָרויסגעזאָגט. פּערסעאוס האָט זעהר שטאַרק געטרויערט נאָך זיין זיידען, וועלכען ער האָט ניט ווילענדיג געטויטעט, און פון עגמת-

נפש האָט ער זיך ניט אומגעקעהרט צוריק נאָך ארגאָליס, נאָר ער איז אוועק נאָך טירינס, וואו ער האָט געגרינדעט די שטאָדט מיצענע.

פון פערסעאוס'עס נאָכפאָלגער איז מעהר פון אַלעמען בעריהמט דער גרויסער העלד הערקולעס. נאָך אַלס קינד האָט ער בעוויזען גרויסע גבורות. די ערסטע פון זיינע העלדענטאַטען איז געווען, וואָס ער האָט צודריקט אין זיין וויג די צוויי שלאַנגען, וועלכע די געטין הערא האָט געשיקט צו טויטען איהם. אַלס ער איז עלטער געוואָרען האָט ער אויסגעפיהרט 12 העלדענטאַטען צו ערפילען דעם וואונש פון דעם קעניג עווריסטהעאוס, זיין הערשער. צוערסט האָט ער דערוואָרגען דעם אונפערוואונדבארען ליעב, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטען אין נעמעער־וואַלד. הערקולעס האָט איהם דערוואָרגען און האָט זיך אָנגעקליידט אין זיין פעל. נאָך דעם האָט ער דער'הרג'עט א שלאַנג מיט 9 קעפּ, פון וועלכע יעדער אָפּגעהאַקטער קאָפּ איז באַלד אָפּגעוואַקסען צוריק. דיזע שלאַנג האָט זיך אויפגעהאַלטען אין די בלאָטעס פון לערנא. אום נאָך דעם, ווי איין קאָפּ איז אָפּגעשניטען, זאָל מעהר קיין אנדערער ניט אָפּוואַקסען, האָט מען געמוזט דעם אָרט, וואו דער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט געוואָרען, ארומברענען מיט ברענענדע שטאַמען פון בוימער. דיזעס האָט הערקולעס געטאָן און מיט דיזען אופן האָט ער גערעטעט די גאַנצע געגענד פון דער געפעהרליכען מזיק. די דריטע העלדענטאַט איז געווען, וואָס ער האָט געכאַפּט א הירש־קוה, וועלכע האָט געהאַט גאָלדענע הערנער און איז געווען דאָס אייגענטום פון דער געטין ארטעמיס, אָבער דער קעניג עווראסטהעאוס האָט זי געוואָלט האָבען, און הערקולעס האָט זי געכאַפּט פון זיינעט וועגען. נאָכדעם האָט איהם דער קעניג געהייסען פאַנגען דעם עבער (ווילדען שוויין), וואָס האָט זיך געפונען אין די ערימאַנטישע בערג. דער אַנבליק פון דעם עבער איז אַזוי שרעקליך געווען, דאָס עווריסטהעאוס האָט זיך אין א פאַס בעהאַלטען פון איהם. אַז הערקולעס האָט דאָס דורכגעפיהרט האָט איהם ערווריסטהעאוס געהייסען אויסראַמען דעם שטאַל פון אוגיאַס, אין וועלכען עס זיינען געשטאַנען 3,000 רינדער און וועלכען מען האָט קיינמאָל ניט גערייניגט. דיזע אַרבייט איז איהם לייכט אָנגעקומען, ווייל ער האָט געפונען דערצו א קלוגע עצה. ער האָט נעמליך דורכגעפיהרט דעם טייך אַלפעאוס דורך דעם שטאַל און דאָס וואַסער האָט זעלבסט דעם גאַנצען מיסט אַוועקגעטראָגען און דער שטאַל איז דורך דעם ריין געוואָרען. נאָך דעם האָט איהם עוריסטהעאוס געגעבען אַנדערע אַרבייטען. אין די סטימפאַלישע בלאָטעס פון אַרקאַדיען האָבען זיך געפונען זעהר פיעלע רויב־פויגלאָך מיט אייזערנע נעגעל, וועלכע פלעגען בע-

פאלען מענשען און בהמות און פלעגען זיי טויטען. עווריסטהעאוס האָט גע-
הייסען הערקולעס'ן די פויגלאך טויטען, און דיזער האָט עס געטאָן. דאַן
האָט ער געפאַנגען דעם ווילדען אָקס אויף דער אינזעל קרעטא, און האָט
איינגעהאַלטען די מענשענפרעסענדע פערד, וואָס האָבען געהערט צו די-
אָמעדעס, דעם קעניג פון טהראַקיען. ער האָט גערויבט דעם געוועהר-גאַרטעל
פון דער קעניגין פון די אמאזאָנען, היפפאָליטע, ווי אויך די רינדער, וואָס
האָבען געהערט צו דעם ריז גאַריאָנעס אין שפאַניען. שווער איז געווען פיר
הערקולעס'ן צו בעקומען די עפעל פון די העספערידען, וואָס עווריסטהעאוס
האָט פערלאַנגט פון איהם, ווייל הערקולעס האָט זעלבסט ניט געוואוסט דעם
אָרט, וואו די העספערידען געפינען זיך. ער האָט לאַנג געוואַנדערט איבער
דער וועלט און האָט אויך דעם קאַווקאַזוס בעזוכט. דאָ האָט ער בעפרייט
דעם פראָמעטהעאוס, וועלכען די געטער האָבען צוגעשמידט צום קאַווקאַזוס,
און אָדלערס האָבען זיין ברוסט געריסען אלס שטראָף דערפאַר, וואָס ער
האָט גערויבט דעם פייער פון הימעל און האָט איהם געגעבען צו מענשען
זיך צו בענוצען מיט איהם. ער האָט צוריסען די קייטען און האָט צושאָסען
די אָדלערס. פון פראָמאָטהעאוס'ן האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס דער גאָר-
טען פון די העספערידען געפינט זיך ווייט אין מערב, דאָרט, וואו דער
הימעל-געוועלב איז אָנגעשפּאַרט אויף די שולטערן פון „א ט ל א ס". הער-
קולעס האָט געפונען דעם אַלטען שטיינהאַרטען אַטלאַס, וועלכער איז געווען
בערייט צו אויפזוכען דעם שענעם העספערידען-גאָרטען, ווען ער וועט דער-
ווייל האַלטען אויף זיינע שטאַרקע שולטערן די הימעל-קוגעל. הערקולעס
האָט אויף זיך גענומען צו אונטערהאַלטען דעם הימעל פיר אַטלאַס'ן.
דיזער איז אַוועק, האָט אויפגעזוכט דעם העספערידען-גאָרטען, האָט אָפגע-
ריסען דעם עפעל, אָבער אַלס ער איז געקומען צוריק, האָט ער ניט געוואָלט
נעהמען אויף זיך די לאַסט, דעם הימעל צו אונטערשפאַרען, פון וועלכער
ער איז קוים בעפרייט געוואָרען, און האָט געוואָלט בעסער דינען עווריסטהע-
אוס'ן אָנשטאָט הערקולעס'ן. הערקולעס האָט זיך נאָר דורך ליסט (כיטראָסט)
בעפרייט פון דיזער שרעקליכער משא. ער האָט געבעטען אַטלאַס'ן ער זאָל
נאָר אויף אַ קורצע ווייל די לאַסט איבערנעהמען ביז ער וועט זיך צובערײ-
טען אַ קיסעלע אויף'ן רוקען, די משא זאָל איהם ניט אזוי שטאַרק דריקען.
ווי נאָר אַטלאַס האָט די לאַסט אויף זיינע שולטערן צוריק איבערגענומען,
איז הערקולעס באַלד ענטלאָפען צו עווריסטהעאוס'ן מיט די וואַפען פון דער
אמאזאָנען-קעניגין און מיט די עפעל פון דעם שענעם העספערידען-גאָרטען.

אויף זיינע וואַנדערונגען איז הערקולעס געקומען צו דער ים־שטראָס פון גיבראַלטאַר, וועלכע פעראייניגט דאָס מיטעללענדישע מעער מיט דעם אטלאַנטישען אָקעאַן. דאָ האָט ער אויסגעריסען 2 גרויסע פעלזען, וועל-כע ער האָט אויפגעשטעלט ביי ביידע זייטען פון דער ים־שטראָס צום אָנ-דענקען פון זיינע וואַנדערונגען. דיזע צוויי פעלזען זיינען יעצט בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: „די זיילען פון הערקולעס".

די לעצטע און די צוועלפטע אַרבייט, וואָס הערקולעס האָט געמוזט דורכפיהרען לויט דער פאָדערונג פון עוריסטהעאוס'ן, איז געווען: צו

הערקולעס בעפרייט פראָמעטהעאוס'ן.

בריינגען געפאַנגען דעם גהינום־הונט צ ע ר ב ע ר ו ס. אַלע שרעקען פון דער אונטער־וועלט האָט הערקולעס גובר געווען און האָט געבראַכט דעם צערבערוס צו עוריסטהעאוס'ן. דיזער אָבער האָט זיך שטאַרק דערשראָ-קען אַלס ער האָט דערזעהן דעם גיהנום־הונט, און האָט בעפוילען הער-קולעס'ן דעם הונט צוריק אין גיהנום אַרונטערצובריינגען.

נאָך דעם, ווי הערקולעס האָט אַלע צוועלף העלדענטאַטען דורכגעפיהרט, איז ער בעפרייט געוואָרען פון עוריסטהעאוס'עס הערשאַפט, און איז גע-וואָרען אַ העלד אויף אייגענער רעכנונג. ער האָט געקעמפט מיט דעם ריז

אנטאָאוס, וועלכער פלעגט בעקומען נייע קרעפטען יעדען מאָל, ווען ער האָט די ערד בעריהרט. הערקולעס האָט איהם אויפגעהויבען אין דער לופט און האָט איהם דערוואָרגען.

אָבער אויך הערקולעס האָט געהאַט זיין ביטערען סוף. ביי א וועט־שיסעריי מיט'ן בויגען האָט ער אַלס פּרייז געוואונען די שענע יאָלע. ווען ער האָט זי געבראַכט צו זיך אַהיים, האָט זיך אין זיין ווייב דעיאַנירא אָנגעצונדען א פייער פון אייפערזוכט. אום צוריק צו בעקומען זיין ליבע צו איהר, האָט זי איהם געגעבען אָנצוטאָן א מאַנטעל, וואָס איז געווען אָנגע־טרונקען מיט פערגיפטעטען בלוט פון דעם צענטאַווּרוּס נעססוס. ווי הער־קולעס האָט דעם מאַנטעל אָנגעטאָן איז דער גיפט אריין אין זיין קערפּער און האָט איהם פעראורזאַכט שרעקליכע שמערצען. ער האָט געוואָלט דעם מאַנטעל אראָפּוואַרפען פון זיך, אָבער ער איז געווען איינגעגעסען אין זיין לייב. ער האָט גענומען מיט אַלע קרעפטען רייסען פון זיך דעם מאַנטעל און האָט זיך דערוויל זיין פלייש צוריסען, אָבער דער מאַנטעל איז אַלץ ניט אַרונטער. אום זיך צו בעפרייען פון זיינע שמערצען, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אויפצושטעלען א שייטער־הויפען און זיך פערברענען אויף איהם. פילאָקטעטוס האָט אונטערגעצונדען דעם שייטער־הויפען און הערקולעס האָט איהם אויס דאַנקבאַרקייט אָפּגעגעבען זיין פייל און בויגען. ווען דאָס האָלץ האָט זיך אָנגעצונדען איז אראָפּ א וואָלקען פון הימעל און האָט אויפגעכאַפּט הערקולעס'ן און האָט איהם ארויפגעבראַכט אויף דעם באַרג אָלימפּוס, וואו די געטער האָבען געוואוינט.

דער שטאַם־העלד פון די יאָניער איז געווען טהעזעאוס, דער זוהן פון קעניג אֶגעאוס פון אַטטיקאַ. די זאַגע וועגען דיזען העלד איז די וויכטיגסטע פיר די געשיכטע פון גריכענלאַנד. נאָך אין זיינע יונגע יאָה־רען, ווען ער איז געגאַנגען פון זיין געבורטס־אָרט טראָעצען נאָך אַטהען, אום דאָרט די ירושה פון זיין פאָטער צו איבערנעהמען, האָט ער שוין דאַמאָלס געהאַט די געלעגענהייט ארויסצוצייגען זיין קראַפט און זיין קלוגהייט. ער האָט צוםביישפּיעל גע'הרג'עט איינינע רויבער, וועלכע האָבען אָנגעוואָרפען א טויט־שרעק אויף די רייזענדע. דער רויבער סינים פלעגט צוזאַמענבויגען די שפּיצען פון צוויי בוימער, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט איינער נעבען דעם אַנדערן, פלעגט צובינדען איין פוס פון דעם וואַנדערער צו איין שפּיץ בוים און דעם אַנדערן פוס צו דעם אַנדערן שפּיץ, נאָכדעם פלעגט ער אָפּלאָזען די שפּיצען און דער צוגעבונדענער וואַנדערער איז צוריסען געוואָרען אויף צווייען. אַן אַנדערער רויבער, פּראָקרוסטעס, האָט געהאַט צוויי בעטלאַך פיר

וואנדרער, איינס א לאנגעס און דאס אנדרע א קורצעס. א קורצען וואנ-דרער פלעגט ער ארויפלעגען אויף דאס לאנגע בעט, און האט איהם אזוי לאנג געצויגען זיינע גלידער ביז יענער איז פון שמערץ געשטארבען. א לאנ-גען וואנדרער פלעגט ער לייגען אויף דאס קורצע בעט, און פלעגט איהם אפהאקען די שטיקער פון זיין קערפער, וואס זיינען געווען לענגער פון דעם בעט. דיזע רויבער האט טהעזעאוס אפגעראמט. אין אטהען האט איהם קיי-נער ניט דערקענט. אבער ער האט זיך דארט באלד זעהר נוצליך געמאכט. ער האט געפאנגען דעם ווילדען אקס פון קרעטא, וועלכער פלעגט פערוויס-טען די גאנצע געגענד. דיזען אקס האט שוין הערקולעס א מאל געהאט גע-פאנגען, אבער ער האט זיך ווידער בעפרייט און האט איבער־א־נייס אנגע-הויבען צו פערוויסטען די פעלדער פון מאראטהאן. אבער דעם גרעסטען דאנק האט ער פערדינט דערמיט, וואס ער האט בעפרייט די אטהענער פון א שרעקליכען מענשען־טריבוט, וועלכען זיי זיינען געווען געצוואונגען צו גע-בען צו מינאס'ן, דעם קעניג פון קרעטא. דיזער טריבוט איז בעשטאנען דארין, דאס זיי האבען געמוזט יעדען ניינטען יאהר שיקען 7 יונגע לייט און 7 יונגפרויען אויף די אינזעל קרעטא, וואו זיי זיינען איבערגעגעבען געווארען צום אויפפרעסען צום מינאטאורוס, א מין בעשעפעניס, וואס איז געווען האלב־־מענש און האלב־אקס. אלס די אטהענער האבען געמוזט צום דריטען מאל שיקען דיזען טריבוט נאך קרעטא, האט טהעזעאוס געבעטען מען זאל איהם אריינרעכענען צווישען די יונגע לייט, וואס דארפען געשיקט ווערען פיר דעם מינאטאורוס. זיין פאטער אגעאוס האט איהם געוואלט אפהאלטען דערפון, אבער ער האט זיך איינגעשפארט צו געהן אהין. טהע-זעאוס האט פערשפראכען זיין פאטער, דאס אין פאל ער וועט גערעטעט ווע-רען פון דעם מינאטאורוס, וועט ער אויף'ן שיף, וואס וועט איהם פון קרע-טא צוריקברייגנען, אויפשטעלען א ווייסען פלאג אנשטאט דעם שווארצען, וועלכען מען פלעגט געווערנליך אויף'ן שיף אנטאן אלס צייכען פון טרוי-ער. דיזעס האט ער פערשפראכען דעם פאטער אום דיזער זאל וואס גיכער ווי-סען פון דער גוטער בשורה.

ווען טהעזעאוס איז געקומען אין קרעטא, האט זיך באלד אין איהם פערליבט אריאדנע, די טאכטער פון דעם קעניג מינאס. דיזע אריאדנע האט איהם פערשאפט די רעטונג. די קרבנות פלעגט מען געווערנליך ברייננגען אין דעם לאבירינט, א געביידע מיט איין אונגעהייערער צאהל צימערן, מיט זעהר, זעהר פיעלע פערשיידענע גענג, אזוי אז עס איז געווען כמעט אונמעג-

ליך ניט צו פערבלאַנדזשען אין איהם. ווען מען האָט דיזען מאָל די קרבנות יום־טוב'דיג צוגעפּוצט און גענומען אַריינפיהרען אין לאַבירינט, וואו דער מינאָטאַוורוס האָט זיך אויפגעהאַלטען, האָט אַריאַדנע געגעבען טהעזעאוס'ן אַ קנויל פאָדים מיט אַ שווערד. טהעזעאוס האָט גלייך פערשטאַנען דעם צוועק פון די צוויי זאַכען, וואָס זי האָט איהם געגעבען. באַלד ווי ער איז אַריין אין לאַבירינט האָט ער אָנגעבונדען דעם עק פון דעם קנויל פאָדים אָן דער טהיר, און אַז ער איז געגאַנגען ווייטער איבער די צימערן האָט ער דעם קנויל פאָדים געהאַלטען אין האַנט און האָט אָפּגעוויקעלט, אַזוי דאָס ער האָט צו יעדער צייט געקענט דורך דעם קנויל פאָדים געפינען דעם אַרויס־גאַנג. אין איינעם פון די צימערן האָט ער דערזעהן דעם מינאָטאַוורוס און האָט איהם מיט'ן שווערד אומגעבראַכט. נאָך דעם איז ער מיט דעם הילף פון דעם קנויל צוריק אַרויס פון לאַבירינט. דער אָפּמאַך צווישען אַטהען און דעם קעניג מינאָס איז געווען, דאָס ווען עס וועט געלינגען איינעם פון די יונגע לייט, וואָס זיינען בעשטימט אַלס קרבנות, צו טויטען דעם מינאָ־טאַוורוס און אַרויס פון לאַבירינט, זיינען זיי מעהר ניט פערפּליכטעט איהם מעהר קרבנות צו שיקען. די יונגע לייט און די יונגפרויען זיינען דעריבער בעפרייט געוואָרען און האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך אַטהען מיט פרייד. פון גרויס שמחה האָבען זיי פערגעסען אויף'ן שיף דעם ווייסען פלאַג אַרויפ־ציהען. אַלס טהעזעאוס'עס פאָטער, וועלכער איז מיט אונגעדולד געשטאַנען אויף'ן ברעג פון ים און האָט ערוואַרט דאָס שיף, האָט דערזעהן דעם שוואַר־צען פלאַג, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען פון פערצווייפלונג אין ים אַריין. דעריבער רופט זיך דיזער ים דער אֶ ג אֶ א י ש ע ר. דאָס פאָלק פון אַטהען האָט איהם דאַמאָלס אוים דאַנקבאַרקייט ערוועהלט אַלס קעניג.

אַלס רעגירער האָט טהעזעאוס געוואונען די ליבע און אַכטונג פון די אַטהענער דערמיט, וואָס ער האָט פעראייניגט די פיער שבטים, פון וועלכע די אַטהענער זיינען געווען איינער, אין איין גאַנצעם פאָלק—אַ פאַקט, וואָס איז זעהר וויכטיג אין דער געשיכטע פון די גריכען. די אַלטע אַדעללייט זיי־נען אָבער געווען ניט צופרידען דערמיט. טהעזעאוס האָט ענדליך פערלאָ־רען די אַכטונג פון פאָלק, ער האָט געמוזט אַטהען פערלאָזען און איז אַוועק אויף די אינזעל סקירוס, וואו ער האָט געהאַט גיטער. אָבער אויך דאָ האָט ער ניט געהאַט קיין גליק. דער קעניג פון לאַנד האָט איהם שרעקליך פערפאָלגט און האָט איהם ענדליך פון אַ פעלז אין ים אַריינגעוואָרפען. נאָך זיין טויט האָט זיך דאָס פאָלק אַרומגעזעהן, דאָס זיי האָבען געגען איהם

אונרעכט געהאנדעלט. זיי האָבען זיינעביינער נאָך אטהען געבראכט און האָבען איהם צו עהרע געבויט טעמפּלען און אויפגעשטעלט אַלטאַרען.

אין דער זאגע וועגען טהעזעאוס'ן איז דאָ אַ געשיכטליכער קערן. די היסטאָריקער ערקלערען זי אויף פאָלגענדען אופן: פון טראָעצען האָט איינ-געוואנדערט אַ יאָנישער שטאַם אין אַטטיקאַ. אין יענער צייט האָבען זיך אויף דעם איסטמוס פון קאָרינטה געפונען זעהר פיעלע רויבער, וואָס האָבען געשטערט דער פערבינדונג פון דער האלב־אינזעל פּעלאָפּאָננעזוס מיט דעם פעסט־לאַנד פון די גריכען. דיזע רויבער־באַנדעס האָט דער יאָניער שטאַם אויסגעראָטעט. דאַמאָלס האָבען נאָך די פעניציער געהערשט אין יענע גע-גענדען און אטהען האָט נאָך געמוזט שיקען אויף די אינזעל קרעטאַ מענשען־קרבנות צום פעניציזשען גאָט מאָלאָך (מולך). וועלכער האָט געהאַט אַ גע-שטאַלט פון האלב־מענש און האלב־אָקס. די אטהענער אַליין האָבען זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם יאָך פון די פעניציער ביז דער יאָניער שטאַם איז זיי צו הילף געקומען.

זעהר אינטערעסאַנט איז אויך די זאגע וועגען אָ ד י פּ ו ס'ן. לאַיוס, דער קעניג פון טהעבען, האָט ערהאַלטען אַ נביאות פון דעם אָראַקעל, דאָס ער וועט אומקומען דורך די הענט פון זיין אייגענעם זוהן. אום דיזעס אומגליק צו פערהינדערן האָט ער זיין זוהן באַלד ווי ער איז געבאָרען גע-וואָרען ארויסגעוואָרפען און האָט איהם נאָך דערצו זיינע פיס דורכגעשטאָ-כען. מען האָט אָבער געפונען דאָס קינד, און דער קעניג פון קאָרינטה האָט עס גענומען צו ערציהען און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אָ ד י פּ ו ס, וואָס בעדייטעט אין גריכיש: „געשוואָלענע פיס", ווייל ביים קינד זיינען די פיס געווען געשוואָלען פון די וואונדען, וואָס זיין פאָטער האָט איהם גע-מאַכט. אָדיפּוס האָט געוואָלט וויסען, ווער זיינען זיינע עלטערן, און האָט געפרעגט דעם אָראַקעל וועגען דעם. דער אָראַקעל האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך קיינמאָל ניט צוריקקעהרען אין זיין פאָטער־שטאָדט. אָדיפּוס האָט געפאָלגט דעם אָראַקעל, און איז אוועק קיין טהעבען. אויף'ן וועג האָט ער בעגעגענט אַ וואָגען, ער האָט זיך פיר עפּעס צוקריגט מיט דעם מענשען, וואָס איז געזעסען אין וואָגען, און האָט איהם דער'הרג'עט. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס יענער איז געווען זיין פאָטער. נאָך דעם האָט אָדיפּוס בעפרייט טהעבען פון אַ שרעקליכען אונגעהייער (ווילדע זאַך), פון דעם ספינקס. דער ספינקס פלעגט יעדען פאַראיבערגעהענדען מענשען פרעגען אַ רעטעניש: „וואָס איז דאָס, וואָס אין דער פריה געהט עס אויף פיער פיס, אין מיטען טאָג אויף צוויי, און אָבענדס אויף דריי פיס?" און ווער עס

האָט ניט געקענט ענטפערן דיזע רעטענים האָט דער ספינקס איהם אַריינגע-
וואָרפען אין אָפּגרונד. פיעלע מענשען זיינען צו'הרג'עט געוואָרען און קיינער
האָט די פראַגע ניט געקענט ענטפערן. דער קעניג קרעאָן האָט פערשפּראָכען די
מלוכה מיט דער האַנט פון זיין שוועסטער יאָקאַסטע דעם יעניגען, ווער עס
וועט טרעפען דיזע רעטענים. אֶדיפּוס'ן איז געלונגען צו ענטפערן אויף דיזע
פראַגע און ער איז געוואָרען קעניג פון טהעבען און דער מאַן פון יאָקאַסטע,
וועלכע האָט איהם געבאָרען פיער קינדער. צום אונגליק האָט דער בלינדער
זינגער טירעזיאַס ענטדעקט אַזאַ מין
געהיימניס, וואָס האָט אֶדיפּוס'ן אונ-
גליקליך געמאַכט. ער האָט נעמליך
אויפגעוויזען, דאָס אֶדיפּוס האָט זיין
פאָטער ערמאָרדעט און האָט חתונה
געהאַט מיט זיין אייגענער שוועסטער,
ווייל יאָקאַסטע איז זיין שוועסטער גע-
וועזן און ער האָט עס ניט געוואוסט.
פון גרויס עגמת נפש האָט ער זיך
זעלבסט די אויגען אויסגעשטאָכען, און
יאָקאַסטע האָט זיך געהאַנגען. אֶדיפּוס
האָט געמוזט זיין פאָטער-שטאָדט פער-
לאָזען, און האָט גענומען וואַנדערן
אַליין איבער דער וועלט, נאָר זיין
טרייע טאָכטער אַנטיגאָנע האָט איהם
געפיהרט. ענדליך איז ער געקומען אין
קאָלאָנאָס, אין אַטטיקאַ, אין אַ וואַלד,
וואו די עאומענידען אָדער ראַכע-גע-
טינס האָבען געוואוינט. די ראַכע-גע-
טינס, זעהענדיג זיינע ליידען, האָבען
איהם ענדליך פערצייהעט, און האָבען איהם געלאָזען צורוה. דאָ איז איהם
טהעזעאוס געקומען צו הילף און האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין אַן אָרט,
וואו אֶדיפּוס האָט ענדליך רוהיג זיין טויט געפונען און זיין ערלעזונג פון
זיינע ליידען. דער גרויסער גריכישער דיכטער סאָפאָקלעס האָט פון דיזער
זאַגע געמאַכט אַ שענעם דראַמאַ, וועגען וועלכען מיר וועלען נאָך שפּעטער
אויספיהרליך רעדען.

דער בלינדער אֶדיפּוס געפיהרט
פון זיין טאָכטער אַנטיגאָנע.

נאָך דעם טויט פון אֶדיפוס'ן זיינען געוואָרען שרעקליכע אונרוהען אין טהעבען. זיינע צוויי זיהן האָבען זיך געריסען צווישען זיך איבער די הערשאַפט, און איינער פון זיי, פּאָליניקעס, האָט געמוזט ענטלויפען צום קעניג פון אַרגאָס, וועלכער האָט איהם פריינדליך אויפגענומען און האָט איהם זיין טאָכטער געגעבען פיר אַ ווייב. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער קעניג פון אַרגאָס, אַדראַסטוס, האָט זיך אָנגענומען פיר זיין איידים, פּאָליניקעס, און האָט אָנגעהויבען צו העלפען איהם דעם טראָן צו בעקומען, און איז ארויס אין שטרייט מיט פּאָליניקעס' ברודער, דעם קעניג פון טהעבען. דיזער

דער בלינדער אֶדיפּוס אין דעם הייליגען וועלדעל פון די עאומענידען.

שטרייט איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דער צוג פון זיבען געגען טהעבען", ווייל אויסער אַדראַסטוס און פּאָליניקעס זיינען נאָך פינף העלדען צוגעשטאַנען צו זיי. אָבער אַלע זיבען העלדען האָבען גאָר ניט געקענט אויספיהרען געגען טהעבען. נאָך דעם, ווי די פינף פיהרער זיינען געפאַלען אין שטרייט און עס זיינען נאָר געבליבען אַדראַסטוס און פּאָליניקעס, האָבען די צוויי ברידער, עטעאָקלעס און פּאָליניקעס, בעשלאָסען ענדיגען דעם שטרייט דורך אַ צוויי־קאַמף. אין דיזען צוויי־קאַמף זיינען ביידע ברידער געפאַלען טויט. די זאַגע ערצעהלט, דאָס דער האַס פון די צוויי ברי-

דער האט זיך געלאזט פיהלען אויך נאך זייער טויט. ווען מען האט זייערע קערפּערס פערברענט איינעם נעבען דעם אנדערן האבען זיך די פלאמען צו-טיילט אין בעזונדערע זייטען. אום די אש פון זייערע קערפּערס זאלען זיך ניט צוזאמענמישען.

נאך דעם טויט פון די צוויי ברידער איז קרעאן, דער ברודער פון יא-קאסטע, געוואָרען קעניג אין טהעבען. זיין ערסטע האנדלונג איז געווען, דאס ער האט פערבאטען צו בעערדיגען די ביינער פון פאליניקעס. אנטיגאָנע, די שוועסטער פון דעם פערשטאָרבענעם פאליניקעס, האט ניט געאכטעט אויף קרעאן׳ס פערבאט, זי האט ניט געקענט צוזעהן, דאס דער קערפּער פון איהר ברודער זאל זיין א רויב פיר חיות, און זי האט איהם צו קבורה געבראכט. קרעאן האט עס איהר ניט געקענט פערציייהען און האט געהייסען בעגראבען זי לעבעדיגערהייד, ניט אכטענדיג אויף דעם דאס זי איז געווען די כלה פון קעניג׳ס זוהן.

דערווייל האט אדראסטוס פארטגעזעצט די בעלאגערונג פון טהעבען. אבער קרעאן׳ען איז עס געלונגען איהם צו בעזיגען, אזוי דאס אדראסטוס איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען, און האט אפילו קיין צייט ניט געהאט צו בעערדיגען די געפאלענע קריגס־לייט. אבער די טהעבאנער האבען זיך ניט לאנג געפרייט מיט זייער זיג. די זיהן פון די זיבען, וועלכע זיינען בעוואוסט אלס עפּיגאָנען, האבען בעזיגט די טהעבאנער, האבען בערויבט די שטאדט, און זיינען געוואָרען איהרע הערשער.

די קאלידאָנישע יאגד. איין מאל האט א ריזיגער ווילדער שווין פערוויסטעט די פעלדער פון קאלידאן אין אטאליען, ווייל די געטין ארטעמיס איז אין כעס געוואָרען אויף דעם קעניג אָנעאוס. עס האט קיין מיה ניט גע-האלפען זיך צו בעפרייען פון דיזען ווילדען שווין. דאמאלס האט מען צו-זאמענגערופען די גרעסטע און בעריהמטעסטע העלדען פון גאנץ גריכענלאנד, ווי טהעזעאוס, פּירטהאוס, נעסטאר, טעלאמאן, יאזאן, קאסטאר, פאלידעאו-קעס, די בעריהמטע יעגערין אטאלאנטא און אנדערע, אום מיט פעראייניגטע קרעפטען די ווילדע חיה בייצוקומען. זיי איז ווירקליך געלונגען דעם ווילדען שווין צו הרג׳ענען. דאן איז געוואָרען א שטרייט צווישען די העלדען, צו וועמען זאלען געהערען די טראפעען (ציינענס פון זיג). דער שטרייט האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס אלע העלדען זיינען געפאלען אין דעם קריג, עס איז נאר געבליבען אטאלאנטא, וועלכע האט גענומען דעם קאפּ פון דער דער׳הרג׳עטען שווין און איז געקומען מיט איהם אין ארקאדיען. דארטען איז

דער קאָפּ א לאַנגע צייט געשטאַנען אַלס בעווייז פון דער גרויסער העלדענ-טאַט. אויך אין דער היסטאָרישער צייט האָט מען נאָך דעם קאָפּ געצייגט צו דורכוואַנדערער אַלס א בעווייז פון די גבורות פון די אַלטע גריכען.

דער צוג פון די אַרגאָנאַווטען. די זאַגע פון דעם ארגאָנאַווטען-צוג האָט א געשיכטליכען גרונד. די מיניער האָבען די ערסטע געמאַכט א וועג איבער'ן שווארצען מעער פיר האַנדעל, און זיינען געקומען דורך דיזעם מעער אין קאָלכיס, פון וואַנען זיי האָבען געבראַכט גאָלד. דער טייך פאַזיס שווייגקט אראָפּ גאָלד פון די בערג, אַזוי דאָס אין דיזען טייך איז זעהר אָפט גאָלד צו געפינען. אום דאָס גאָלד פון וואַסער ארויסצובעקומען פלעגט מען אריינלעגען אין וואַסער א שעפּסענע פעל מיט דער וואָל, אין וועלכער דער

די טויטונג פון דעם קאַלעדאָנישען ווילדען שוויין.

גאָלד-שטויב פלעגט זיך אָננעהמען, און אַרויסציהענדיג די פעל פון וואַסער פלעגט מען בעקומען דעם גאָלד-שטויב פון צווישען די וואָל. צו בעקומען גאָלד פון קאָלכיס האָבען זיך א גרופּע גריכישע אונטערנעהמער געלאָזען אַהין. די זאַגע ערצעהלט וועגען דיזער אונטערנעהמונג פאָלגענדע געשיכטע.

פּעליאַס, א פירסט פון די מיניער אין טהעססאַליען, האָט ערהאַלטען פון דעם אָראַקעל די וואַרנונג, ער זאָל זיך היטען פון מענשען מיט אַן איינציגען שוך. טרעפט זיך, דאָס זיין פּלעמעניק יאַזאָן, וועלכער האָט געהאַט צו בעקו-מען די ירושה פון זיין פאָטער פון די הענט פון זיין אָנקעל (פּעליאַס), האָט איין שוך פערלאָרען אריבערפאָהרענדיג א טייך, און איז דעריבער געקומען צו

איהם אין איין שוך. פעליאס האט געפונען פיר נעטיג צו זוכען א מיטעל אום צו מאכען יאזאן אונשעדליך, אויך האט זיך איהם ניט געוואלט אפגעבען די אוצרות, וואס זיין ברודער האט אין זיין האנט איבערגעלאזען פיר יאזאן, זיין יורש. צו דיזען צוועק האט איהם פעליאס געגעבען דעם אויפטראג צו מאכען א רייזע נאך קאלכיס פון דארט צו רויבען די גאלדענע וואל. ווייל דער אראקעל האט פארויסגעזאגט, דאס די רייזע וועט זיין מיט גרויס ערפאלג, האט יאזאן איינגעוויליגט אונטערצונעהמען די נסיעה נאך קאלכיס. אום זי-כער צו זיין מיט'ן ערפאלג, האט ער מיט זיך גענומען די גריכישע העלדען הערקולעס און טהעזעאוס, דעם זינגער ארפעאוס און די ברידער קאסטאר און פאללוקס. ער האט געלאזט בויען דורך די פעניציער א גרויסעם שיף, וועל-כעס ער האט א נאמען געגעבען א ר ג א. צוליב דיזען נאמען האט זיך דער גאנצער צוג גערופען: א ר ג א נ א ו ט ע ן = צוג.

אין אנפאנג איז די רייזע געגאנגען דורך בעקאנטע וואסערן. נאך דעם איז מען אריין אין דאס שווארצע מעער. אויף'ן וועג האבען זיי געהאט אויסצושטעהן איינינע געפאהרען, ווי צ. ב. דעם שטרייט מיט די הארפיען (פויגלאך מיט מענשליכע געזיכטער און קופערנע נעגעל), און מיט די סימ-פלעגאדען (פעלזען, וועלכע פלעגען צוזאמענקומען אום דורכרייזענדע צו דערשטיקען).

ענדליך זיינען זיי געקומען צום ארט, וואו דער טייך פאזיס גיסט זיך אריין אין ים. דארט האט זיי דער קעניג אעטעס, דער אייגענטימער פון דער גאלדענער וואל, אויפגעגעבען זעהר שווערע אויפגאבעס, וועלכע זיי הא-בען געמוזט ערפילען אום די געווינשטע וואל צו בעקומען. יאזאן האט געמוזט מיט צוויי פייער=שיטענדע אקסען אויפאקערן א הארטען גרונד, בעזעען די אויפגעאקערטע ערד מיט ציינער פון שלאנגען און נאכהער צו קעמפען מיט די שטארק בעוואפענטע מענשען, וואס זיינען אויסגעוואקסען פון דיזע ציי-נער. יאזאן וואלט עס בשום אופן ניט געקענט אויספיהרען, ווען מעדעא, דעם קעניג'ס טאכטער, וואלט איהם ניט געהאלפען אין דעם. ערסטענס האט זי איהם געגעבען א זאלב, וועלכע האט איהם בעשיצט פון פייער און פון שווערד, צווייטענס האט זי איהם געגעבען א שטיין, ער זאל איהם אריינ-ווארפען צווישען די אויסגעוואקסענע בעוואפענטע מענשען. דיזער שטיין האט אנגעמאכט קריג צווישען די דאזיגע מענשען און זיי האבען איינע די אנדערע צו'הרג'עט. ווען דער קעניג האט ערפאהרען, דאס יאזאן האט אויס-געפיהרט די ארבייט, וואס ער האט איהם געגעבען, האט ער בעשלא-סען איהם מיט אלע זיינע חברים צו ערמארדען. דא איז איהם איבער=א=נייעס

מעדעאַ געקומען צו הילף. זי האָט איינגעגעבען דער שלאַנג, וואָס האָט געהיט די גאָלדענע וואָל, אַ שלאָף־טרונק, און האָט איהר געזונגען אַ שלאָף־ליד ביז זי איז שטאַרק איינגעשלאָפען. אין דיזער צייט האָט יאַזאָן געשווינד צוגע־כאַפּט די גאָלדענע וואָל און אין די זעלביגע נאַכט האָט ער מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע צוזאַמען מיט מעדעאַ, וועלכע יאַזאָן האָט גענומען פיר אַ ווייב, פערלאָזען דאָס לאַנד קאָלכיס. אָעטעס האָט נאָכגעיאָגט דאָס שיף און איז שוין געווען זעהר נאָהענט צו איהם. מעדעאַ האָט דערצו אויך געפונען אַ מיטעל, אָבער זעהר אַ שרעקליכעס; נעמליך, אַלס זי האָט בעמערקט דעם זעגעל פון איהר פאָטער'ס שיף, האָט זי אויף שטיקער צושניטען איהר קליינעם ברודער, וועלכען זי האָט גענומען מיט זיך, און האָט זיין אָפּגעשניטענעם קאָפּ אַרויפגעשטעקט אויף אַ שפּיז, דער פאָטער זאָל דאָס דערזעהן פון דער וויטען. דאָס האָט דעם פאָטער שטאַרק דערשראָקען און ער האָט פער־געסען די נאָכיאָגעניס אום די גלידער פון זיין ליבען קינד צוזאַמענצוקלייבען און זיי צו קבורה ברייננען. דערווייל איז די קאָמפּאַניע מיט מעדעאַ פערשוואונדען געוואָרען. די אַרגאָנאַווטען אָבער האָבען געהאַט נאָך גענוג צרות און געפאַהרען ביז זיי זיינען צוריקגעקומען.

נאָך דעם, ווי ער איז געקומען צוריק נאָך גריכענלאַנד, האָט יאַזאָן גע־לעבט מיט זיין ווייב מעדעאַ 10 יאָהר אין פרידען און האָט גענומען פון די רייכע אוצרות, וואָס ער האָט אָנגעבראַכט פון קאָלכיס. ענדליך אָבער איז דער פאַמיליען־פרידען צושטערט געוואָרען צוליב דעם עהרגייץ פון יאַזאָן. דיזער האָט בעשלאָסען צו שיידען זיך מיט זיין ווייב מעדעאַ און הייראַטען קרעאוזאַ, די טאָכטער פון דעם קעניג פון קאָרינטה, אום ער זאָל נאָך דעם קעניג'ס טויט ירש'ענען דעם טראָן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט מעדעאַ אין אַ שרעקליכען צאָרן. אום ראַכע צו נעהמען פון קרעאוזאַ, האָט זי איהר געשיקט אַ כלה־קלייד, וועלכעס האָט זיך באַלד אָנגעצונדען ווי נאָר עס האָט זיך צוגעריהרט צו איהר קערפּער. קרעאוזאַ איז באַלד פערברענט געוואָרען און מיט איהר האָט זיך דער גאַנצער פּאַלאַץ אָנגעצונדען און איז פערניכטעט גע־וואָרען. נאָך דעם האָט מעדעאַ ערמאָרדעט איהרע אייגענע קינדער. זי האָט זיך דאַן אַריינגעזעצט אין אַ וואָגען איינגעשפּאַנט מיט אַ שלאַנג און איז אַוועק נאָך אַטהען. דאָרט אָבער איז זי שרעקליך פערהאַסט געווען און האָט געריזט איבער אַנדערע לענדער. איבעראַל איז זי געווען פערפאָלגט און פערהאַסט ביז זי האָט זיך ענדליך נאָך קאָלכיס צוריקגעקעהרט.

דער טראָיאַנישער קריג. די זאַגע וועגען דיזער בעריהמטער מלחמה האָט אויך אַ געשיכטליכען גרונד. מען גלויבט, דאָס אין דיזער זאַגע ווערען

פארגעשטעלט אלע קאמפען, וואס די גריכען האבען געהאט אין זייער שטרע-
בען צו גרינדען קאלאניעס אין קליין-אזיען. די טראיאנער האבען געהערט
צו דעם טהראקישען שטאם, וועלכער האט זיך פערברייטערט אויף ביידע
זייטען פון פראפאנטים און האבען געהאט געשעפטען מיט די פעלקער פון
קליין-אזיען. אלס די גריכען האבען אנגעהויבען אריינצודרינגען אין דיזע
שטאמען האבען זיי בעגעגענט א שרעקליכען ווידערשטאנד בעזונדערס פון
די איינוואוינער פון טראיא, א שטאדט, וועלכע האט ווירקליך עקסיסטירט
אין יענע צייטען, ווי עס איז ניט לאנג בעוויזען געווארען פון די אויס-
גראבונגען, וואס די געלעהרטע האבען געמאכט אין יענער געגענד. די טרא-
יאנער זיינען ניט געווען די איינציגע, וואס האבען געשטערט די גריכען
צו פערבאפען קליין-אזיען; פיעלע אנדערע פעלקער פון זייערע שכנים הא-
בען זיי געהאלפען אין דיזען שטרייט. אויב די פערזאנען, וועלכע ווערען דער-
מאהנט אין דער זאגע פון דעם טראיאנישען קריג, זיינען ווירקליכע אדער
זיי זיינען פאבעלהאפטע, דאס איז שווער צו זאגען. נאר דאס איז זיכער—
אז די שילדערונג פון דעם גרויסען גריכישען פאעט האמער אין זיינע צוויי
אונשטערבליכע פאעמעס, די „איליאדע" און „אדיססעע", זיינען געשיכט-
ליך וואהר, און דעריבער דינען זיי פיר אונז אלס די בעסטע קוועלען, פון
וועלכע מיר קענען שעפען ידיעות וועגען דעם קולטור-צושטאנד פון די גריכען
פון יענער צייט. מיר וועלען די זאגע מיט אלע איהרע פאנטאזיעס אויספיהר-
ליך היר איבערגעבען.

צו א חתונה, וועלכע דער הערשער פון די מירמידאנען, פעלעאוס, האט
געפייערט מיט דער געטין פון מעער, טהעטיס, איז עריס, די געטין פון
שטרייט, געווען איינגעלאדען. זי האט בעשלאסען ראכע צו נעהמען פיר
דיזע בעליידיגונג. זי האט גענומען א גאלדענעם עפעל, האט אנגעשריבען
אויף איהם די ווערטער „צו דער שענסטער" און האט איהם אריינגעווארפען
צווישען די געסט פון דער חתונה. באלד האבען דריי געטינס: הערע, פאל-
לאס און אפראדיטע, אנגעפאנגען שטרייטען צווישען זיך וועגען דעם עפעל,
יעדע פון זיי האט געזאגט, דאס זי איז די שענסטע און דער גאלדענער עפעל
געהערט צו איהר. אום צו ענדיגען דעם שטרייט פרידליך, זיינען די דריי
געטינס אוועק צום קעניגליכען פאסטוך פאריס, וועלכער איז געווען דער
זוהן פון פריאמוס, דעם קעניג פון טראיא, ווייל ער, פאריס, איז געווען
דאמאלס בעוואוסט אלס דער גרעסטער מבין אויף פרויען-שענהייט. די גע-
טין הערע האט איהם צוגעזאגט רייכטום און הערשאפט איבער גאנץ אזיען,
ווען ער וועט זי אנערקענען פיר די שענסטע פון די דריי געטינס; פאללאס

האָט איהם צוגעזאָגט חכמה, און אַפראָדיטע האָט איהם צוגעזאָגט די שענסטע פרוי אין דער וועלט. פּאַריס האָט באַלד דעם עפּעל איבערגעגעבען צו אַפראָדיטען.

אין איינינע יאָהר שפּעטער האָט די געטין פון ליבע און שענהייט ערפילט איהר פערשפּרעכען. זי האָט פעראורזאַכט, דאָס פּאַריס זאָל פאָהרען אין ספּאַרטאַ און זאָל דאָרט אוועקרויבען דעם קעניג מענעלאַוס'עס פרוי, העלענאַ, וועלכע איז געוועזען כמעט אַזוי שען ווי אַפראָדיטע זעלבסט. אין דער זעלביגער צייט האָט די בעליידיגטע געטין הערע צוגעטראַכט ווי ראַכע צו נעהמען פון פּאַריס פיר די בעליידיגונג, וואָס ער האָט איהר פערשאַפט. זי האָט ערמונטערט מענעלאַוס'ן, העלענאַ'ס מאַן, און זיין ברודער אַגאַממעמנאָן, דעם מעכטיגען הערשער פון מיצענע, צו אונטערנעהמען אַ קריגס-צוג געגען דעם רויבער פּאַריס און זי האָט אויפגערייצט די בעריהמטע גריכישע העלדען אַנטייל צו נעהמען אין דיזען פעלד-צוג. די וויכטיגסטע פון דיזע העלדען זיינען געוועזען: א כ י ל ל ע ס, וועלכען, ווי די זאַגע ערצעהלט, קיינער האָט ניט געקענט פערוואונדען, דער קלוגער אָ ד י ס ס ע א ו ס, דער אַלטער נ ע ס ט אָ ר, דער בראַווער ד י אָ מ ע ד ע ס און דער שטאַרקער א י אַ ס.

די גריכישע פלאָטע איז בעשטאַנען פון 1,200 שיפען מיט 100,000 קריגס-לייט. דער פערזאַמלונגס-האַפען איז געוועזען אוליס. פערשיידענע ווינטען האָבען זיי לאַנג אָפּגעהאַלטען אַנצופאַנגען זייער צוג. דיזע הינדערניס האָט זיי פערשאַפט די געטין אַרטעמיס דערפאַר, וואָס אַגאַממעמנאָן האָט געטויטעט אַ הינדין (הירש), וועלכע איז געוועזען געהייליגט צו איהר. דער אויבער-פּריסטער קאַלכאַס האָט ערקלערט, דאָס דער צאָרן פון דער געטין אַרטעמיס וועט זיך נאָר דאַן איינשטילען, ווען מען וועט איהר אָפּפערן דאָס אונשולדיגע מעדכען איפיגעניע, די טאָכטער פון אַגאַממעמנאָן. אַגאַממעמנאָן האָט איינגעשטימט צו ברייננען דיזען שרעקליכען קרבן, מען האָט איפיגעניען מיט גוואַלד צוגענומען פון איהר מוטער קליטאָמנעסטראַ אום זי אַלס קרבן צו דער געטין אַרטעמיס צו ברייננען. אָבער אַרטעמיס זעלבסט האָט זיך ערבאַרמט אויף די אונגליקליכע איפיגיניע. זי האָט זי אוועקגעפיהרט נאָך טאַוריס, וואו זי איז פערבליבען דינען אַלס פּריסטערין צו דער געטין אַרטעמיס. נאָך דעם איז די פלאָטע אונגעשטערט נאָך טראָיאַ געשוואומען. אַנקומענדיג אַהין האָבען זיי געלאַנדעט אויף דער אינזעל טענעדאָס, וועלכע איז געלעגען געגען טראָיאַ, און פון דאָרט האָבען זיי געשיקט אַלס געזאַנדטע אין טראָיאַ די צוויי בעריהמטע קעניגען אָדיססעאוס און מענעלאַוס צו פאָדערן צוריק די שענע העלענאַ און די אוצרות, וועלכע פּאַריס האָט אוועקגערויבט.

די טראיאנער האבען ניט געוואלט נאכגעבען דעם פערלאנג פון די גריכען, און דיזע האבען בעלאגערט די שטאדט טראיא. נאך אונזערע בעגריפען פון בעלאגערונג איז שווער צו פערשטעהן, וואס פיר א מין סארט בעלאגערונג עס איז דאמאלס געווען ביי טראיא. די שטאדט איז ניט געווען ארומגערינגעלט און די הילפס־פעלקער פון די טראיאנער האבען געהאט א פרייען צוטריט צו דער שטאדט. די בעלאגערטע האבען געקענט צו יעדער צייט לעבענס־מיטעל בעקומען אונגעשטערט. די גאנצע בעלאגערונג איז בעשטאנען דערין, דאס אויף דעם פלאץ צווישען דער שטאדט און די גריכישע שיפען פלעגען פארקומען מלחמות צווישען די פיינד. די מלחמות זייערע זיינען אויך ניט געווען לויט אונזערע בעגריפען פון מלחמה. דארט איז גאר קיין רייד ניט געווען וועגען ארדנונג אין שלאכט. יעדער קריגער, יעדער העלד האט געקעמפט פיר זיך אונאפהענגיג פון וועמען עס איז, קיין קאמאנדיר איז ניט געווען. די פיהרער האבען זיך אויסגעצייכענט פון איינפאכע קריגער דערמיט, וואס זיי פלעגען אויף א שטרייט־וואגען עפטער זיך אריינברעכען אין פיינדליכען לאגער, מאנכמאל אראפשפרינגען פון וואגען און שטרייטען צופוס. די הויפט־וואפען זיינען דאמאלס געווען א שפיז אדער א צוויי־זייטיגער שווערד, דאס הייסט א שווערד וואס ביידע זייטען זיינען געווען שארפע. זייערע שוץ־וואפען זיינען געווען: א שילד, וועלכען זיי האבען געטראגען אויף'ן לינקען ארים, א העלם (הוט) מיט א פערדישען עק אויף'ן קאפ, און א ברוסט־פאנציר. אלע זייערע זאכען זיינען געמאכט געווארען פון רינדער־לעדער בעדעקט מיט בראנז. ביי אזא ארט קריג־פיהרונג איז קיין וואונדער ניט, דאס די בעלאגערונג האט געדויערט 9 יאהר און די טראיאנער האבען זיך ניט אונטערגעגעבען. שפייז האבען זיי בעקומען צו יעדער צייט אהן הינדערניס, הילף פון בעפריינדעטע שכנישע פעלקער האבען זיי אויך זעהר אפט ערהאלטען. די שטאדט טראיא איז ניט געווען פערשלאסען, אבער זי האט געהאט ארום און ארום שטארקע מויערן מיט הויכע טורמס. דאס האלץ פון די שיפען האט שוין אנגעהויבען צו פוילען, און עס האט נאך אלץ קיין סוף צו דער בעלאגערונג ניט געקומען. אויף דעם צעהנטען יאהר האט זיך די לאגע געענדערט. אין אנהויב פון צעהנטען יאהר האט עס אויסגעוויזען, אז דאס אונגליק פערפאלגט די גריכען. ווארום אין זייער לאגער זעלבסט האט זיך געמאכט א קריג צווישען די צוויי גרעסטע העלדען אגאמעמנאן און אכיללעס וועגען א שקלאפין. צוליב דיזען קריג האט אכיללעס מיט זיינע קריגער אויפגעהערט אנטייל צו נעהמען אין דעם שטרייט און די גריכען האבען אנ-

געהויבען צו האבען מפלות איינע נאך דער אנדערער. עס איז געקומען אזוי וויט, דאס די טראיאנער האבען זיך שוין אין גריכישען לאגער איינגעכאפט און האבען אנגעפאנגען די שיפען צו ברענען. דיזע לאגע האט געמאכט אכיללעס'ן ענדערן זיין בעשלוס און ער האט ערלויבט זיין פריינד פאטראקלוס ער זאל נעהמען די מירמידאנען אום מיט זייער הילף צו פערטרייבען די טראיאנער פון גריכישען לאגער. אבער אכיללעס האט איהם פערבאטען, נאך דעם ווי ער וועט פערטרייבען די טראיאנער פון לאגער, זיי ווייטער צו פערפאלגען.

פאטראקלוס האט זיך אנגעטאן אין אכיללעס'עס קריגס־קליידער, און אן דער שפיץ פון די מירמידאנען, וועלכע האבען מיט פרישע קרעפטען גע־וואלט געהן אין שטרייט, איז ער ארויס געגען די טראיאנער. די טראיאנער, בעמערקענדיג פאטראקלוס'ן אין אכיללעס'עס קליידער, האבען געמיינט, דאס אכיללעס נעהמט ווידער אנטייל אין דעם שטרייט און זיינען באלד ענטלאפען פון די גריכישע קריגער. פאטראקלוס איז געווען שטארק צוהיצט פון דעם שטרייט און איז געווען ווי פער'שכור'ט פון דעם זיג און האט דערי־בער פערגעסען וואס אכיללעס האט איהם אנגעזאגט, ניט נאכיאגען די טרא־יאנער ווייטער פון גריכישען לאגער. אין ווילדען טומעל האט ער ערהאלטען צוויי וואונדען פון די טראיאנער קריגער, און ענדליך איז ער געפאלען פון די הענט פון דעם גרעסטען טראיאנישען העלד העקטאר, דעם זוהן פון פריאמוס, דעם קעניג פון טראיא און דעם ברודער פון פארים. העקטאר האט פון פאט־ראקלוס'ן באלד די טייערע קריגס־קליידער אראפגעצויגען. דאן האט זיך צו־פלאקערט א שרעקליכער שטרייט צוליב פאטראקלוס'עס קערפער, וועלכען די גריכען האבען געוואלט אפנעהמען פון די טראיאנער, זיי זאלען איהם ניט שענדען, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע צייטען. אין אנפאנג פון דיזען שטרייט האבען די גריכען געהאט א נידערלאגע. אבער ווי אכיללעס האט ערהערט פון דעם אונגליק, וואס האט זיין פריינד פאראקלוס'ן געטרא־פען, איז ער באלד אוועקגעלאפען צום שלאכט־פעלד, אהן געוועהר אפילו. אבער זיין ערשיינען אין דעם שטרייט האט אנגעווארפען א שרעק אויף די טראיאנער.

אכיללעס האט געשווארען דעם נעכסטען מארגען ראכע צו נעהמען פון העקטאר'ן פיר די ערמארדונג פון זיין געליבטען פריינד פאטראקלוס'ן. הע־פאסטוס, דער גאט פון די שמידען, האט איהם געמאכט נייע געוועהר מיט נייע שוץ־קליידער, און מיט דיזע נייע געוועהר און קריגס־קליידער האט ער

זיך געלאָזען אין שלאַכט. ער האָט געזעטיגט זיין ראַכע־לוסט מיט שרעק־ליכע מאָרדען.

אין דיזען שטרייט האָט ער דורכגעלכערט פּאָלידאָרוס'ן, דעם אינגערען זוהן פון פּריאַמוס, און האָט פיעלע טראָיאַנישע קריגער אריינגעטריבען אין דעם טייך סקאַמאַנדרוס און האָט זיי אַלע צו'הרג'עט, אַזוי דאָס דער טייך איז רויט געוואָרען פון זייער בלוט. ער האָט שוין געהאַלטען אריינצודרינגען אין דעם טויער פון טראָיאַ, אָבער דאָ איז איהם ענטקעגען ארויס דער טראָיאַנישער העלד העקטאָר. אַכיללעס האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף איהם. העקטאָר איז ענטלאָפען און אַכיללעס האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך איהם. דריי מאָל איז העקטאָר ארומגעלאָפען ארום די מויער פון שטאָדט, ביז ער האָט זיך ענדליך אָפּגעשטעלט אום אין א צוויי־קאַמף מיט איהם איינצוטרעטען. העקטאָר האָט איהם געבעטען אָפּצומאַכען צווישען זיך, דאָס דער קערפּער פון דעם בעזיגטען זאָל ניט געשענדעט ווערען דורך דעם זיגער. אַכיללעס האָט דעם פאָרשלאַג ניט אָנגענומען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אַכיללעס האָט טויט געשלאָגען העקטאָר'ן.

אָבער אויך העקטאָר'ס טויט האָט ניט געקענט לינדערן דעם שמערץ, וואָס דער טויט פון זיין פריינד האָט איהם פעראורזאַכט. די גאַנצע נאַכט איז ער געזעסען אין טיפען טרויער און איז געווען אין גרויסען צאָרן אויף די געטער, וואָס האָבען איהם אַזעלכע גרויסע שמערצען פערשאַפט. פערזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען האָט ער ניט געהערט ווי פּריאַמוס, דער אַלטער קעניג פון טראָיאַ, איז אריין און האָט איהם זיינע הענט געקושט, די קני ארומגענומען און געבעטען ער זאָל איהם ארויסגעבען דעם טויטען קערפּער פון זיין געליבטען זוהן, דעם בעריהמטען טראָיאַנער העלד העקטאָר.

אַכיללעס האָט ניט געקענט ענטזאַגען די ביטע פון דעם אונגליקליכען אַלטען פאָטער, ווייל ער איז געווען געריהרט פון זיין לאַגע ביז צו טרערען. ער האָט באַלד געהייסען זיינע דינער ריין וואַשען העקטאָר'ס קערפּער, וועלכער איז געווען איינגעשמוצט אין בלאָטע דורך דעם, וואָס ער האָט איהם צוגעבונדען צו זיין קריגס־וואָגען מיט די פיס און דאָס געזיכט האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד בשעת דער קריגס־וואָגען איז געשווינד געשלעפּט געוואָרען פון די פערד. נאָך דעם האָט ער זעלבסט איהם ארויפגעלעגט אויף פּריאַמוס'עס וואָגען, וועלכער האָט איהם געבראַכט נאָך טראָיאַ, וואו ער איז מיט כבוד בעגראָבען געוואָרען.

באַלד נאָך העקטאָר'ס טויט איז געקומען א סוף אויך צו אַכיללעס'ן. איינמאָל האָט ער די טראָיאַנער שטאַרק צושלאָגען און האָט זיי פערפּאָלגט

ביז די טויערן פון שטאָדט, און איז שוין געווען פערטיג אַריינצודרינגען און בערויבען זי. דאַ האָט איהם פּלוצלונג געטראָפען אַ פּייל אין זיין פּיאַטע, דער איינציגער אָרט פון זיין קערפּער, וועלכער האָט געקענט פערוואונדעט ווערען, און פון דיזער וואונד איז ער געשטאָרבען. באַלד נאָך אַכיללעס'עס טויט איז די שטאָדט טראָיאַ געפאַלען אין די הענט פון די גריכען דורך אַ שפּיצעל (כיטראָסט) פון אָדיססעאוס'ן.

דיזער האָט אויסגעבויט פאַר די מויערן פון שטאָדט אַ גרויסען פּוסטען הילצערנעם פערד. אין פערד'ס בויך האָט ער אַריינגעזעצט אויסגעצייכענטע שטרייטער. די איבריגע גריכען האָבען זיך געמאַכט אַזוי ווי זיי הייבען אָן זיך מאַכען רייזע פערטיג אום זיך צו זייער לאַנד צוריקצוקעהרען, און זיינען ווירקליך אָפּגעשוואומען צו דער אינזעל טענעדאָס, דעם הילצערנעם פערד אָבער האָבען זיי געלאָזען שטעהן אויף'ן ברעג. די טראָיאַנער האָבען זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ענדליך זיינען זיי פון דער בעלאַגערונג בעפרייט געוואָרען, און זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צום פיינדליכען לאַגער, צו בעטראַכטען, וואָס דאָרטען איז געבליבען. אַלס זיי האָבען בעמערקט דעם הילצערנעם פערד, האָבען זיי אָנגעהויבען צו קלערען, וואָס צו טאָן מיט איהם. דער פּריסטער פון אַפּאָללאָ, מיט'ן נאָמען לאַאָקאָאָן, האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּיצעל פון די גריכען. ער האָט זיין שפּיז אין דעם בויך פון פערד אַריינגעשטאָכען און מען האָט געקענט הערען אַ גערויש פון די געוועהר פון די פערבאָרגענע לייט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען די טראָיאַנער פּאַסטוכער געבראַכט אַ געפאַנגענעם גריך מיט'ן נאָמען סינאָן, וועלכער האָט זיי ערצעהלט, דאָס ער איז ענטלאָפען פון אַ טויט־שטראָף, און האָט געבעטען שוץ ביי די טראָיאַנער. ווען דיזע האָבען איהם געפרעגט, וואָס איז דאָס פיר אַ פערד און צו וואָס האָט מען איהם געמאַכט, האָט ער זיי ערצעהלט, דאָס דער פערד איז געמאַכט געוואָרען פיר אַ כפּרה פיר די זינד פון אָדיססעאוס און דיאָמעדעס, וועלכע האָבען בערויבט דעם טעמפּעל פון אַטהענע. אויב די טראָיאַנער וועלען דיזען פערד צושטערען ווערט טראָיאַ אַריינפאַלען אין די הענט פון די גריכען. וועלען זיי אָבער איהם אַריינגעהמען אין שטאָדט, וועלען זיי בעזיגען די גריכען. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז געשעהען אַ גרויסער וואונדער, נעמליך: עס זיינען פון ים אַרויס צוויי גרויסע שלאַנגען, האָבען זיך אַרומגערינגעלט אַרום לאַאָקאָאָן און זיינע צוויי קינדער, האָבען זיי דערשטיקט און האָבען זיך בעהאַלטען דערנאָך אין טעמפּעל פון דער געטין אַטהענע.

די טראָיאַנער האָבען געזעהן אין לאָאָקאָאָן'ס טויט אַ געטליכע שטראָף פיר זיין בעליידיגען דעם הייליגען פערד און האָבען איהם גלייך מיט פרייד אין שטאָדט אריינגעבראַכט, און זיי האָבען זיך אַ גאַנצען טאָג געפרייט מיט זייער בעפרייאונג פון די גריכען. ווען די נאַכט איז אָנגעקומען זיינען די בעוואָפענטע קריגער ארויס פון דעם הילצערנעם פערד, האָבען געגעבען אַ פייער=צייכען צו די גריכען, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען אויף דער אינזעל טענעדאָס. באַלד איז די שטאָדט פול געוואָרען מיט גריכען, וועלכע האָבען אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען די טראָיאַנער, וואָס האָבען זיך ניט לאַנג צוריק געפרייט מיט זייער בעפרייאונג פון די גריכען. מענעלאַאוס האָט זיך מיט פיעלע קריגער אריינגעבראָכען אין דאָס הויז פון דעאיפאָבוס, וועלכער האָט געהייראַטעט די שענע העלענאַ נאָך דעם טויט פון פאַריס, און האָט איהם ערמאָרדעט; ער האָט אויך געוואָלט ערמאָרדען זיין אונטרייע פרוי, אָבער זי האָט איהם איבער=אַ=נייס בעצויבערט מיט איהר שענקייט און ער האָט זי אויף זיין שיף צוריקגענומען. שרעקליך איז געווען די שלאַכט פאַר דער פעסטונג און דעם פאַלאַץ פון פריאַמוס. לאַנג האָבען די גריכען געזוכט איינצוברעכען די טויערן פון פאַלאַץ און אריין אינוועניג. אָבער עס איז זיי אַלץ אונמעגליך געווען — די טראָיאַנער האָבען געקעמפט ווי לייבען, און האָבען ניט צוגעלאָזען דעם פיינד צו זייער ליבען קעניג פריאַמוס. ענדליך האָט נעאָפטאָלעמוס, דער זוהן פון אכיללעס, אויפגעבראָכען דעם טויער און איז אריין אין פאַלאַץ. די גריכען האָבען דאָרט אָנגעטאָן שרעקליכע רציחות. נעאָפטאָלעמוס האָט ערמאָרדעט פריאַמוס'עס זוהן פאָליטעס און האָט איהם געבראַכט אַ פערבלוטיגטען צו זיין פאָטער. פריאַמוס האָט געוואָלט ראַכע נעהמען פון נעאָפטאָלעמוס'ן און האָט אויף איהם זיין שפיז געוואָרפען. דער שפיז האָט אָבער נעאָפטאָלעמוס'ן ניט געשאַדט. דאָס האָט איהם נאָך שטאַרקער צורייצט און ער האָט געכאַפט דעם אַלטען פריאַמוס'ן פיר די האָר, און האָט אויסגעשטרעקט זיין שווערד איהם צו טויטען. די טראָיאַנער האָבען געבעטען דעם העלד ער זאָל רחמנות האָבען אויף דעם אַלטען אונגליקליכען קעניג. די פרויען האָבען געבעטען ביי די געטער זיי זאָלען רעטען זייער קעניג. די קעניגין, פריאַמיוס'עס פרוי, האָט זיך געוואָרפען צו זיינע פיס, בעטענדיג רחמנות, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. נעאָפטאָלעמוס האָט ערמאָרדעט דעם אַלטען פריאַמוס, און גענומען ראַכע פיר דעם טויט פון זיין פאָטער אכיללעס. מאָרד, פייער און פערוויסטונג האָט איבעראַל געהערשט. אונשולדיגע פרויען מיט זייערע קליינע קינדער זיינען ווי שאָף צוקוילעט געוואָרען פון די הענט פון די זיגער,

דער טויט פון פּריאַמוס.

די גריכען. נאָר אַ קליינער טייל פון די טראָיאַנער האָט זיך געדעטעט דורך די ענטשלאָסענהייט פון אָנעאַס. אַלע אַנדערע זיינען צושטאָכען געוואָרען אָדער זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען אין גריכענלאַנד אַלס געפאַנגענע אום דאָרט אַלס שקלאַפען פערקויפט צו ווערען.

אויף דעם וועג צוריק אהיים האָבען די גריכען געהאַט פיעלע געפאַהרען אויסצושטעהן און פיעל צו ליידען ביז זיי זיינען געקומען צו זייער לאַנד. נאָך איידער זיי האָבען אָנגעפאַנגען אָפּפאָהרען צוריק האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען אַ קריג, וועלכען וועג מען זאָל נעהמען אויף דער רייזע אהיים. זיי האָבען ניט געקענט איינשטימען אויף דיזע פראַגע, און האָבען זיך צוטיילט אין פערשיידענע גרופּעס. אויף'ן וועג צוריק האָבען מיט זיי געטראָפען פיעלע אונגליקען, אַזוי דאָס קוים די העלפט פון זיי איז צוריקגעקומען אהיים. די מעהרסטע פון זייערע שיפען זיינען דערטרונקען געוואָרען, און די שיפען, וואָס זיינען פערבליבען, האָבען פערבלאָנדזעט אין פרעמדע אונבעקאַנטע ימים און האָבען געליטען נויט. מעהר פון אַלץ איז בעריהמט די צוריק-רייזע פון אָדיססעוס. די צופאַלען, וואָס איהם האָבען געטראָפען, און אַלץ, וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט אויף זיין צוריקוועג, זיינען מייסטערהאַפט געשילדערט אין דער „אָדיססעע", דעם אונשטערבליכען פּאָעטישען ווערק פון דעם גרעסטען גריכישען דיכטער, האָמער. דיזעס ווערק, הגם עס איז אַ געדיכט, איז זעהר וויכטיג אַלס אַ קוועלע פיר געשיכטע, וויל עס שילדערט דאָס קולטור-לעבען פון יענער צייט. מיר וועלען ווי וויים מעגליך אויספיהרליך איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דיזען מערקווירדיגען געדיכט.

דאָס ערסטע אונגליק, וואָס האָט געטראָפען אָדיססעאוס'ן אויף זיין רייזע אהיים, איז געווען וואָס ער האָט פערבלאָנדזעט אין דאָס לאַנד פון די ווילדע ציקלאָפען, וואו עס האָבען זיך געפיטערט גרויסע סטאַדעס ציגען. ווען די גריכען זיינען אָנגעקומען אין דיזעס לאַנד האָבען זיי אָנפאַנגס ניט בעמערקט קיין שפור פון מענשליכען לעבען. זיי האָבען אַ לאַנגע צייט גע-זוכט ביז זיי האָבען ענדליך ענטדעקט אַ גרויסע העהל, אין וועלכער עס האָ-בען זיך געפונען זעהר פיעלע ציגען מיט פיעל מילך, קעז און פוטער. אָדיססע-אוס האָט בעשלאָסען צו וואַרטען ביז די בעוואוינער פון דער העהל וועלען קומען צוריק. אָבער דערווייל האָבען זיך די גריכען ערלויבט צו שטילען זיי-ער הונגער און דורשט מיט די מילך, קעז און פוטער, וואָס זיי האָבען דאָרט געפונען גרייט. אַלס עס איז געקומען דער אָבענד, איז אַריין אין די העהל אַ גרויסע סטאַדע שאָף און ציגען און מיט זיי זייער פּאַסטוך פּאָליפעמוס. די-זער איז אַריין מיט זיין סטאַדע דורך דעם אַריינגאַנג אין די העהל און האָט

אַליין גענומען אַן אונגעהייער גרויסען שטיין, וואָס קיין מענשליכע קראַפט
וואָלט עס ניט אין שטאַנד געווען צו טאָן, און האָט פערמאַכט דעם אריינ-
גאַנג. נאָך דעם, ווי ער איז מיט זיין סטאַדע אריין אין די העהל, האָט ער
זיי גענומען מעלקען, האָט זיך אָנגעטרונקען מיט מילך און די איבערגע-
בליבענע האָט ער אָפּגעשטעלט אין כלים. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנ-
געזעטיגט, האָט ער אָנגעצונדען פייער אין זיין העהל און האָט בעמערקט
אָדיססעאוס'ן מיט זיינע מענשען. ער האָט זיי אָנגעפאַנגען אויסצופרעגען,
ווער זיי זיינען און ווי זיי זיינען אהער געקומען און וואָס איז דער צוועק
פון זייער רייזע, אויב זיי זיינען ים־רויבער אָדער מענשען, וואָס פאָהרען
איבער דער וועלט איינשלינגען פרעמדע פעלקער. דאָס גאַנצע אויסזעהן פון
דעם ציקלאָפּ און זיינע פראַגען האָבען אַ שרעק ארויפגעיאַגט אויף אָדיססע-
אוס'עס מענשען.

אָדיססעאוס.

אָדיססעאוס האָט געפאַסט מוט, האָט
געבעטען ביים ריז גאַסטפריינדליכע אויפנאַה-
מע, און אין דעם נאָמען פון דעם גאָט קראָ-
ניאָן, דעם בעשיצער פון פרעמדע וואַנדערער,
האָט ער איהם בעשוואָרען ער זאָל איהם מיט
זיינע לייט קיין שלעכטס ניט טאָן. דער
ציקלאָפּ האָט אָדיססעאוס'ן קיין וואָרט ניט
געענטפערט. ער האָט געכאַפּט צוויי פון
אָדיססעאוס'עס לייט, האָט זיי מיט איין
קלאַפּ גע'הרג'עט, האָט זיי צושטיקערט, גע-
מאַכט פון זיי אַן אָבענד־מאָהלצייט, און האָט
זיי אויפגעפרעסען מיט די ביינער און איינגע-
ווייד ביז עס פון זיי קיין גליד ניט געבליבען.

מיט גרויס שרעק האָט אָדיססעאוס מיט זיינע מענשען געקוקט אויף
דעם שרעקליכען טויט פון די צוויי פון זיי און זיי האָבען קיין מיטעל ניט גע-
זעהן, ווי זיך צו רעטען פון דיזען אונגליק. זיי האָבען אָנפאַנגס געטראַכט דעם
ציקלאָפּ צו ערמאָרדען אין דער צייט פון זיין שלאָף, אָבער דאָ איז זיי
געשטאַנען אין וועג דער גרויסער שטיין, וואָס האָט פערדעקט דעם ארויס-
גאַנג, אַ שטיין, וואָס זיי זיינען אויף קיין פאַל ניט געווען אין שטאַנד אויפ-
צוהייבען. אויף'ן אַנדערען טאָג האָט פּאָליפעמוס נאָך צוויי פון אָדיססע-
אוס'עס לייט אויפגעפרעסען צום פריהשטיק, נאָכדעם האָט ער ארויסגעלאָ-
זען די סטאַדע שאָף און ציגען, איז אויך ארויס מיט זיי און האָט פערמאַכט די

העהל צוריק מיט דעם אונגעהייערען שטיין. דער קלוגער אַדיססעאוס האָט אָבער צוגעטראַכט א מיטעל, ווי זיך צו רעטען. ער האָט אָפּגעבראָכען א שטיק אייזען פון דער האַק פון דעם ריז, האָט עס דורך פייער געמאַכט שפּי-ציג און הארט. אָבענדס, ווען דער ריז איז צוריק געקומען מיט זיין סטאַדע און האָט אָפּגעפרעסען זיין אָבענד־מאָהלצייט און איז שטארק איינגעשלאָ-פען, האָט איהם אַדיססעאוס מיט'ן שפּיציגען אייזען זיין איינציגעס אויג ארויסגענומען. אומזיסט האָט זיך דער ציקלאָפּ געיאָגט כאַפּען די גריכען, זיי האָבען זיך בעהאַלטען אין פערשיידענע לעכער פון דער העהל, אזוי דאָס דער בלינדער ריז האָט זיי ניט געקענט געפינען. דאַן האָט אַדיססעאוס צו-געטראַכט א מיטעל, ווי ער זאָל זיך מיט זיינע מענשען רעטען פון דער העהל נעכסטען מאָרגען. ער האָט נעמליך געבונדען די שאָף דריי־ווייז צוזאַמען, און האָט צו דעם מיטעלען פון יעדע דריי שאָף פון אונטען צוגעבונדען איין גריך, אזוי דאָס ווען דער בלינדער ריז וועט ארומטאַפּען די שאָף ביים ארויסלאָזען זיי פון דער העהל אין פעלד וועט ער ניט בעמערקען קיין גריך, און מיט דיזען אופן וועלען אַלע זיין גערעטעט.

דער איינפאַל איז געלונגען און די גריכען האָבען זיך גערעטעט מיט זייערע שיפען און האָבען געלאַנדעט אויף דער אָלישער אינזעל. היער האָט זיי אָאָלים, דער הערשער פון די ווינטען, געגעבען א לאָגעל (א לעדערנעם זאַק) אָנגעפילט מיט ניט קיין גינסטיגע ווינטען. אַלס אַדיססעאוס איז שוין געוועזען אזוי נאָהענט צו זיין לאַנד, דאָס ער האָט שוין געזעהן דעם רויך פון די היימישע הייזער, האָט איינער פון זיינע שיפס־לייט געעפענט דעם לאָגעל, אין וועלכען זיי האָבען געדענקט צו געפינען א גרויסען אוצר. ווי נאָר זיי האָבען געעפענט דעם לאָגעל האָבען זיך פון איהם באַלד ארויסגעכאַפּט שרעק-ליכע שטורם־ווינטען, וועלכע האָבען די שיפען פערטריבען אויף ווייטע ימים, ווייט, ווייט פון זיין לאַנד. אַלס דער ווינט האָט געטריבען די שיפען ביי די ברעגען פון די ריזיגע אָסטריגאָנען, האָבען די בעוואוינער געוואָרפען שטיי-נער אויף די שיפען און זיי זיינען אַלע דערטרונקען געוואָרען אויסער דעם שיף פון אַדיססעאוס זעלבסט. אַדיססעאוס איז ווייטער געפאָהרען צו דער אינזעל אָאָא, אויף וועלכער עס האָט געוואוינט די כשוף־מאַכערין צירצע. זי האָט אפילו די שיפס־לייט גאַסטפריינדליך אויפגענומען, אָבער ווי זיי האָבען זיך אָנגעטרונקען מיט וויין, האָט זי זיי בעריהרט מיט איהר צויבער-שטעקען און האָט זיי פערוואַנדעלט אין חזירים, נאָר איינער איז געבליבען ניט פערוואַנדעלט אין א שוויין, וויל ער האָט זיך פריהער דערשראָקען פאַר א ווילדער בעשעפענים אויף דיזער אינזעל און ער האָט זיך בעהאַלטען, אזוי

דאָס צירצע האָט איהם מיט איהר צויבער=שטעקען ניט בעריהרט. דיזער איז גלייך געלאָפען צו אָדיססעאוס'ן, וועלכער איז נאָך געווען אויף'ן שיף, און האָט איהם ערצעהלט וועגען דעם אונגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט זיינע שיפס=לייט. אָדיססעאוס איז באַלד געגאַנגען צו צירצע'ן אום צו בעטען, זי זאָל בעפרייען זיינע פריינד. אויף'ן וועג אַהין האָט איהם דער גאָט הערמעס געגעבען אַ גראָז, וועלכער וועט ברעכען די מאַכט פון צירצע'ן. אָדיססעאוס איז אַוועק צו צירצע'ן און האָט זי געצוואונגען זיינע פריינד צו בעפרייען פון דעם צויבער.

ענדליך האָט ער זיך בעפריינדעט מיט צירצע'ן און זי האָט איהם געגעבען אַן עצה ער זאָל פאָהרען ביז צום ענד פון אָקעאַן=שטראָם און זי וועט אַראָפּגעהן אין די אונטער=וועלט פון די טויטע, און פרעגען דעם נביא טירעזיאָס, ווי זאָל ער פאָהרען צוריק אַהיים. אין אַ קורצער צייט האָט ער אויסגעפונען דעם טויער, וועלכער פיהרט צו דער אונטער=וועלט. דורך אַ קרבן פון צוויי שוואַרצע שאָף האָט ער בעשוואָרען די טויטע וועגען דעם. אונטער די טויטע האָט זיך אויך געפונען דער נביא טירעזיאָס. דיזער האָט איהם נביאות געזאָגט, דאָס ענדליך וועט ער זיך צוריקקעהרען אַהיים, אָבער אָהן זיינע פריינד, עלענד אויף אַ פרעמדען שיף, און וועט זעהן, ווי פרעמדע מענער זוכען די האַנט פון זיין טרייער פרוי, נאָר ער וועט ראַכע נעהמען פון זיי.

דיזע נביאות האָב איהם פיעלע שמערצען פערשאַפט און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו צירצע'ן און האָט געפרעגט איהר עצה, ווי זאָל ער זיך בעפרייען פון דער געפאַהר, וועלכע שטעהט איהם נאָך פאָר. נאָכדעם איז ער געקומען מיט זיינע שיפס=לייט צו דער אינזעל פון די סירענען (ים=נימפען), וועלכע האָבען איהם געוואָלט אַריינקריגען מיט זייער צויבער=געזאַנג, אָבער צירצע האָט איהם פערזאָגט ער זאָל זיך היטען פון זיי.

מיט גרויס האָפנונג באַלד צו קומען אַהיים זיינען די רייזענדע מיט אָדיססעאוס'ן אָנגעקומען אין די ים=שטראָם צווישען איטאַליען און סיציליען. זיי האָבען ניט געוואוסט וועלכע שרעקען עס ערוואַרטען זיי נאָך דאָ. זיי האָבען געמוזט דורכפאָהרען צווישען סציללאַ און כאַריבדיס, דעם געפעהרליכסטען אָרט אין דער וועלט, און זעקס פון די מוטיגסטע העלדען זיינען פון דער האַנט פון סציללאַ דערטרונקען געוואָרען. ער האָט זיך מיט גרויס מיה צוגעשלאָגען צו סיציליען. דאָרט האָט ער פערבראַכט אַ היבשע צייט. ענדליך האָט ער בעשלאָסען פאָרטצוזעצען זיין צוריק=רייזע. זייענדיג אין סיציליען האָבען זיינע לייט געטויטעט די רינדער, וואָס זיינען געווען געהיי-

ליגט צו העליאָס. צעאוס איז שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף אָדיססעאוס'ן און זיינע לייט דערפאַר און האָט דורך אַ בליץ צושטערט דאָס איינציגע שיף, וואָס זיי איז איבערגעבליבען. אַלע פּאַסאַזשירען זיינען דערטרונקען געוואָרען, נאָר איין אָדיססעאוס איז פערבליבען. ער האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ באַלקען פון דעם דערטרונקענעם שיף, אָבער דאָ האָט ער זיך אריינגעדרעהט אין דעם שטראָם פון כאַריבדיס, און ער איז שיער דערטרונקען געוואָרען. צום גליק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ צווייג פון אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען איבער דער כאַריבדיס און פון דאָרטען איז ער אַראָפּגעשפּרונגען אויף דעם מאַסט פון זיין שיף, וועלכער איז אין אויגענבליק פון דעם אָפּגרונד אונטער דער כאַריבדיס אַרויפגעשוואומען. ער האָט דאַן גאַנצע ניין טעג איבער'ן ים געוואָגעלט, ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען זיך צושלאָגען צו דער אינזעל אָגיגיאַ, וואו די נימפע קאַליפּסאָ האָט געוואוינט. דיזע האָט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און האָט איהם געוואָלט די אונשטערבליכקייט שענקען, ווען ער זאָל נאָר איינשטימען מיט איהר צו פערבלייבען. אָדיססעאוס האָט אָבער זעהר שטאַרק געביינקט אהיים און האָט פיר קיין גליק אין דער וועלט ניט געוואָלט בלייבען מיט קאַליפּסאָ'ן. די געטער האָבען געגעבען קאַליפּסאָ'ן אַ בעפעהל זי זאָל אָפּלאָזען אָדיססעאוס'ן און זאָל איהם אויך העלפען אויפבויען אַ פּלאָס (צוזאַמענגעבונדענע קלעצער) צו דער אָפּרייזע און בעזאָרגען מיט דער נעטיגער שפּייז. אָבער אויך אויף זיין רייזע פון דאָנען זיינען איהם פאָרגעשטאַנען פערשיידענע לײדען. פּאָסיידאָן, דער גאָט פון ים, איז געוועזען בייז אויף אָדיססעאוס'ן דערפאַר, וואָס ער האָט בלינד געמאַכט זיין זוהן, דעם ציקלאָפּ פּאָליפעמוס, ער האָט געשיקט אַ שטורם-ווינט. וואָס האָט צוריסען זיין פּלאָס און ער איז שיער דערטרונקען געוואָרען. צום גליק איז די געטין פון ים לעאוקאָטהעאַ געקומען איהם צו הילף. זי האָט איהם צוגעוואָרפען אַ שלייער, אויף וועלכען ער איז צוגעשוואומען אויף'ן דריטען טאָג צו דער אינזעל סכעריאַ, דעם לאַנד פון די פאַאַקען.

אָדיססעאוס איז געוועזען שרעקליך מיד פון זיין אָנשטרענגונג, און ער איז איינגעשלאָפען אין אַ וואַלד, ביים ברעג פון אַ טייך, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפען שלאָף צוליב דעם געשריי פון איינינע פאַאַקען-מיידלאַך. דיזע האָבען צוזאַמען מיט נאַוזיקאַא, דעם קעניג'ס טאָכטער, געוואַשען וועש אין טייך, און נאָך דער אַרבייט האָבען זיי געשפּילט אין באַל. אָדיססעאוס איז אַרויס פון וואַלד אַ נאַקעטער, און די מיידלאַך זיינען צולאָפען, ווי זיי האָבען איהם דערזעהן. נאָר דעם קעניג'ס טאָכטער איז געבליבען שטעהן און האָט איהם געגעבען די נעטיגע קליידער. דאַן איז

ער אַריין אין שטאָדט פון די גליקליכע פאַאַקען, וועלכע האָבען געלעבט אָפּ-געזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און האָבען זיך געשעצט גליקליך. ער איז אַריין אין דעם פּאַלאַץ פון דעם קעניג אַלקינאָאוס, און האָט געבעטען פון דער קעניגין פריינדליכע אויפנאַהמע און הילף, ער זאָל קענען צוריקקעהרען זיך אַהיים. זיי האָבען זיין וואונש ערפילט און אויף׳ן דריטען טאָג האָבען זיי איהם אויף אַ שנעלען שיף געבראַכט אין איטהאַקאַ, צו זיין הויז.

אָדיססעאוס האָט קוים דערקענט זיין היים, וועלכע ער האָט שוין צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן. ער האָט בעהאַלטען זיינע אוצרות אין אַ העהל, און אַליין האָט ער זיך אָנגעטאָן אין קליידער פון אַ בעטלער און איז אַוועק

אָדיססעאוס גערופען פון די נימפען.

צו זיין טרייען דינער עאומאָאוס, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהיט און געפיטערט זיינע גרויסע סטאַדעס שווינען. דאָ האָט ער זיך בעגעגענט מיט זיין זוהן טעלעמאַכוס. ער האָט זיך באַלד געלאָזט דערקענען און זיי האָבען צוזאַמען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, ווי ראַכע צו נעהמען פון די שטאָלצע חתנים, וועלכע האָבען געזוכט פענעלאָפּע׳ס האַנט און האָבען פיעל פון זיין רייכטום פערשלונגען. פענעלאָפּע האָט אָבער ניט אָנגעוואָרען די האָפנונג צו-זעהן איבער-אַ-ניים איהר טרייען מאַן, און האָט אימער גענאַרט די שטאָלצע ליב-האָבער, דאָס זי וועט אויסקלייבען איינעם פון זיי פיר אַ מאַן, ווען זי וועט

ענדיגען די תכריכים, וואָס זי האָט געמאַכט פיר דעם אַלטען העלד לאַערטעס. זי פלעגט אַלע נאַכט צוטרענען די ארבייט, וואָס זי האָט געמאַכט דורך'ן טאָג, און אַזוי האָט עס זיך די ארבייט געשלעפּט יאָהרען לאַנג.

אויף'ן אַנדערען טאָג איז אָדיססעאוס אין בעגלייטונג פון זיין דינער עאומאָאוס אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט נאָך זיין הויז. קיינער האָט איהם ניט דערקענט, אויסער זיין אַלטער טרייער יאַגד־הונט, וועלכער איז באַלד צוגע־לאָפען צו איהם, האָט געדרעהט מיט גרויס פרייד דעם ווידעל, און איז פון גרויס שמחה טויט געפאַלען. ביי אָדיססעאוס'ן האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען. עס האָט איהם זעהר געקרענקט דער טויט פון זיין טרייען הונט, ווי אויך דער שפּאָט און די שאַנדע, וואָס ער האָט געהאַט צו איבערטראָגען אין זיין אייגענעם הויז. איינער פון פענעלאָפּע'ס ליבהאָבער, אַנטינאָוס, האָט איהם געוואָרפען אַ ביינקעל אין קאָפּ; איינער עוורימאַכוס האָט פון איהם חוזק געמאַכט. זיין זוהן טעלעמאַכוס האָט זיי געהייסען געהן אַהיים, אָדיססעאוס איז פערבליבען אין זאַאַל און איז געוועזען שרעקליך אויפגעבראַכט.

אָדיססעאוס האָט בעשלאָסען ראַכע צו נעהמען דעם אַנדערען טאָג פון די שטאָלצע ליבהאָבער וועלכע זיינען וויעדער אין זיין הויז געקומען, האָ־בען געפרעסען און געזויפט ניט פרעגענדיג קיינעם'ס ערלויבנים. דאַן האָט די טרייע פענעלאָפּע אריינגעבראַכט אין זאַאַל דעם גוואַלדיגען בויגען אָדיססעאוס'עס און האָט זיי געזאָגט, דאָס זי איז בערייט אַוועקצוגעהן פון איהר הויז, וואו זי האָט איהרע גאַנצע יאָהרען פערבראַכט, פון איהר געליבטען טרייען מאַן, פון וועלכען זי פלעגט יעדע נאַכט טרוימען, און וועט פאָלגען דעם דאָזיגען מאַן, וועלכער וועט אין שטאַנד זיין אָדיססעאוס'עס בויגען אָנציהען און שיסען.

יעדער פון פענעלאָפּע'ס ליבהאָבער האָט געפּרובט שיסען מיט דעם בוי־גען, אָבער קיינער האָט עס ניט געקענט טאָן. דאַן האָט טעלעמאַכוס אי־בערגעגעבען דעם בויגען צו אָדיססעאוס'ן. דיזער האָט אָהן בעזונדערער מיה אויסגעשאָסען אַ פייל אין דעם פרעכען אַנטינאָוס און האָט איהם אויגענבליק־ליך געטויטעט. נאָך דעם האָט ער די איבריגע חברים געטויטעט איינעם נאָך'ן אַנדערען ביז דעם לעצטען. ער האָט נאָר געלאָזט לעבען דעם זינגער פעמיוס און דעם העראָלד (קוריער) מעדאָן.

נאָך דעם, ווי מען האָט דעם זאַאַל גערייניגט פון די הרוגים, האָט מען אַריינגערופען זיין ווייב, פענעלאָפּע, וועלכע האָט אין דער צייט פון דעם קאַמף געשלאָפען. אָנפאַנגס האָט זי ניט געטרויט אָדיססעאוס'ן. זי האָט געפירכ־

טעט פיעללייכט איז דיזער מאַן אַ בעטריגער, וועלכער געהט אונטער דעם נאָ-
מען אָדיססעאוס, אָבער ווען ער האָט איהם געזאָגט אַזעלכע זאַכען, פון וועלכע
נאָר זי און ער האָבען געוואוסט, און קיין זייטיגער מענש, האָט זי שוין גע-
גלויבט, דאָס ער איז דער ריכטיגער אָדיססעאוס, איהר מאַן, דער קעניג פון
איטהאַקאַ, און דאַן איז זי מיט הייסע טרערען אין זיינע אָרימס אַריינגע-
פאַלען. נאָך דעם האָט אָדיססעאוס געפיהרט אַ רוהיגעס לעבען צווישען זיי-
נע פריינד און זיין פאַמיליע, צו וועלכע עס האָט אויך געהערט זיין אַלטער
פאָטער לאַערטעס. דאָס נעבען-שטעהענדע בילד שטעלט פאָר, ווי אָדיססע-

אָדיססעאוס ערצעהלט זיינע רייזע-פאַסירונגען.

אום ערצעהלט פאַר זיין פרוי און אַנדערע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע אַלץ,
וואָס האָט מיט איהם פאַסירט אין די 20 יאָהר פון זיין אומוואַנדערן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טראָיאַנישען קריג איז אויך די זאַגע וועגען
אָ ר ע ס ט ע ס זעהר וויכטיג פיר די געשיכטע. אין דיזער זאַגע איז
פאָרגעשטעלט איינע פון די וויכטיגסטע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען
אין דעם סאָציאַלען לעבען פון דער מענשהייט: די געשיכטע, ווי דאָס מו-
טער-רעכט איז אָפגעשאַפט געוואָרען און אָנשטאָט איהם איז דאָס פאָטער-
רעכט איינגעפיהרט געוואָרען. אום דיזעס צו פערשטעהן, מוזען מיר פריהער
עטוואָס וועגען דעם ערקלערען.

די יעצטיגע פאָרמע פון אונזער פאַמיליען־לעבען איז ניט געווען אזוי פון אייביג אָן, זי איז א רעזולטאַט פון א לאַנגער רייהע פון געשיכטליכע ענט-וויקלונגען. דאָס איז קלאָר בעוויזען געוואָרען דורך די נייעסטע אונטערזוכונ-גען און פאָרשונגען פון מאָרגאַן, באַכאָפען און אנדערע. דאָס, וואָס מיר ווילען דאָ אין קורצען בעריכטען וועגען דיזע פאָרשונגען, איז געגרינדעט אויף פאַקטען, וועלכע מיר געפינען ביי אלע נאַטור־פעלקער פון אלע וועלט-טיילען. די פאַקטען זיינען דער אויסדרוק פון אַן ענטוויקלונגס־געזעץ, וועל-כעס בעהערשט די גאַנצע מענשהייט. דער רוים פון דיזען ווערק ערלויבט אונז ניט זיך אין צופיעל אויספיהרליכע איינצעלהייטען אריינצולאָזען.

אין די גאַנץ אַלטע צייטען פון דער מענשהייט איז ניט געווען קיין פאַ-מיליען־לעבען. די פרויען האָבען ניט געהערט צו געוויסע מענער, ווי עס איז היינט איינגעפיהרט, נאָר יעדע פרוי האָט געהערט צו יעדען מאַנספאַרשוין און יעדער מאַנספאַרשוין האָט געהערט צו יעדער פרוי, ווי עס איז ביי דעם גרעסטען טייל פון די חיות. פון דיזער פאָרמע פון פעראייניגונג צווישען די געשלעכטער האָט זיך זעהר פריה ענטוויקעלט די פ א מ י ל י ע פ ו ן ב ל ו ט ־ פ ע ר וו א נ ד ט ש א פ ט, אין וועלכער נאָר מענער און פרויען פון גלייכען עלטער און פון גלייכע קלאַסען פון פערוואַנדטשאַפט האָבען זיך געמעגט פעראייניגען. אזוי צ. ב. האָבען זיך געמעגט פעראייניגען ברי-דער מיט שוועסטער, קוזינס מיט קוזינעס (שוועסטערקינדער) פון גלייכע יאָהרען. אויף דיזען אופן האָבען נאָר געקענט זיין מאַן און פרוי א גרויספאָ-טער מיט א גרויסמוטער, זייערע קינדער האָבען אויסגעמאַכט א בעזונדערען קרייז, וואָס מעגען זיך פעראייניגען צווישען זיך, זייערע עניקלאַך האָבען אויסגעמאַכט ווידער א נייעם קרייז פון מענער און פרויען. די קינדער פון ברידער האָבען זיך גערעכענט פיר שוועסטער און ברידער, די קינדער פון שוועסטער האָבען זיך אויך גערעכענט פיר שוועסטער און ברידער, דאָס זעלביגע איז אויך געווען מיט די קינדער פון שוועסטער און ברידער.

פון דיזער אַרט פערבינדונג פון די געשלעכטער האָט זיך אויסגעבילדעט א נייע פאַמיליען־פאָרמע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען פ ו - נ א ל ו א ־ פ א מ י ל י ע. אין דיזער פאַמיליע האָבען זיך שוין שוועסטער מיט ברידער ניט געטאָרט פעראייניגען אַלס מאַן און ווייב. א צאָהל שוועס-טער זיינען געווען פרויען פיר א צאָהל ברידער, אָבער צווישען די ברי-דער, וואָס זיינען געווען זייערע מענער, האָבען זיך ניט געטאָרט געפינען די אייגענע ברידער פון די פרויען און די שוועסטער. א צאָהל ברידער האָבען גע-האַט א צאָהל שוועסטער פיר אַלגעמיינע פרויען, אָבער די אייגענע שוועסטער

פון די מענער די ברידער האבען זיך ניט געטארט געפינען צווישען די פרויען. אין דיזען פאמיליען־סיסטעם איז יעדער מאנספארשוין דער מאן פון אלע פרויען פון אלע זיינע ברידער, און יעדע פרוי איז די ווייב פון אלע מענער פון איהרע שוועסטער. לויט דיזען סיסטעם פון פאמיליען־לעבען האבען געמוזט א רייהע שוועסטער פון איין פאמיליע הייראטען מיט א רייהע ברידער פון אן אנדערער פאמיליע.

אין דיעזען פאמיליען־סיסטעם ווייס מען ניט, ווער דער פאטער פון א קינד איז, ווייל איין פרוי האט פיעלע מענער. מען ווייס נאר, נאטירליך, ווער די מוטער פון דעם קינד איז. דער סדר הדורות געהט נאר אין ווייבליכער ליניע. דעריבער זיינען די רעכטען אין דיזער ארט פאמיליע נאר מוטער־רעכטען. ווען צ. ב. איינער איז געשטארבען און האט געלאזען קינדער, און מען ווייס אפילו געוויס, דאס ער איז דער פאטער פון דיזע קינדער, געהערט די ירושה ניט צו זיינע קינדער, נאר צו זיין מוטער, אדער צו דער פאמיליע פון זיין מוטער. די קינדער רעכנען זיך ניט צום פאטער'ס פאמיליע, נאר צו דער מוטער'ס פאמיליע. דעריבער האט די פרוי פערנומען א גאנץ אנדערען ארט אין דער פאמיליע ביי דיזען סיסטעם, ווי זי האט היינט. זי איז געווען דער הויפט פון דער פאמיליע. זי איז געווען דער ריכטער אין דער פאמיליע, זי איז געווען דער פריסטער און האט געבראכט קרבנות פיר די גאנצע פאמיליע. איהר דעה איז געווען די וויכטיגסטע ניט נאר אין איהר אייגענעם הויז, נאר אויך אין דעם גאנצען שטאם.

אין פערלויף פון דער צייט, איבערהויפט זינט די ארבייט איז צוטיילט געווארען, האט דער מאנספארשוין בעקומען מעהר ווערט, ווייל ער האט מעהר נוצען אריינגעבראכט אין די פאמיליע. אבער מעהר פון אלץ איז עס געווען דער רעזולטאט פון געוואלט און קראפט. דאמאלס איז אנשטאט מוטער־רעכט אריינגעטרעטען אין די פאמיליע פאטער־רעכט. דאמאלס איז די פרוי געווארען אונטערווארפען און פערשקלאפט צום מאן און דאמאלס האט מען אויפגעהערט זי צו אכטען. אין דער צייט פון מוטער־רעכט איז די פרוי געווען שטאלץ, זעלבשטענדיג; שפעטער, אונטער דעם מאן'ס הערשאפט, איז זי געווארען פערשקלאפט און קליין ביי זיך. דאס האט זיך אויך אויסגעדריקט אין דער פארמע פון איהרע קליידער. דאס קלייד פון דער דארישער פרוי אין גריכענלאנד, וואו עס האט נאך דאמאלס געהערשט מוטער־רעכט, איז געווען פריי אויף איהרע שולטערן, א קורצעס אויבערקלייד האט נאר ביז איהרע קני דערגרייכט, די ארימס און די פיס זיינען געווען פריי, די בעוועגונג פון די גלידער איז געווען אונגעשטערט. דאגעגען האט די יאנישע

פרוי, וועלכע איז שוין דאמאלס געווען אונטער דער הערשאפט פון מאן, געטראגען לאנגע קליידער, וואס האבען בעדעקט דעם גאנצען קערפער, און זי איז געווען געצוואונגען אפילו צו פערדעקען דאס געזיכט מיט א שלייער אין געגענוווארט פון פרעמדע מענשען.

מיר קענען יעצט ניט וויסען מיט אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי דיזע גרויסע ענדערונג איז פארגעקומען. אבער פיעלע זאגעס, זיטען און מנהגים בעווייזען, דאס דיזע ענדערונג איז אנגעקומען מיט גרויס שוועריגקייט און נאך א לאנגען שטרייט פון די פרויען פיר זייערע רעכטען. עס ווייזט אויס, דאס אין אטהען איז דאס פאטער־רעכט זעהר לאנג איינגעפיהרט געווארען, דאס מוטער־רעכט איז דארט אונטערדריקט געווארען שנעל. דער קאמף האט ניט לאנג געדויערט, ווי מען קען שליסען פון די זאגעס וועגען די אמאזאנען־פרויען, ד. ה. די פרויען, וואס האבען געהאט אן איינענע הערשאפט און האבען געשטריטען מיט מענער. זעהר דייטליכע שפורען פון יענער צייט, ווען דער קאמף צווישען מענער און פרויען איז פארגעקומען צוליב רעכטען, געפינען מיר אין דער זאגע פון ארעסטעס, וועלכע מיר וועלען דא איבערגעבען אויספיהרליך מיט איניגע בעמערקונגען, וועלכע וועלען די זאך ערקלערען.

אין דער צייט, ווען אגאמעמנאן האט בעלאגערט טראיא, האט אגיסטהוס, דער זוהן פון טהיעסטעס, אפגערעדט אגאמעמנאן'ס פרוי קליטאמנעסטרא פון איהר מאן און זי איז אוועק צו איהם, צו אגיסטהוס'ן. צוזאמען מיט דער פרוי האט אגיסטהוס אויך די הערשאפט פון אגאמעמנאן גערויבט. אלס אגאמעמנאן איז צוריקגעקומען אהיים און מיט טרערען פון פרייד זיין פאטערלאנד איבער־א־נייס דערזעהן, איז איהם קליטאמנעסטרא ארויס ענטקעגען מיט א הערצליכען גרוס. אבער ביי דער מאהלצייט, וואס די גריכען האבען געגעבען צו עהרע פון די בעזיגער פון טראיא, האט אגעסיטהוס ערמארדעט אגאמעמנאן מיט זיינע פריינד. אגיסטהוס האט לאנג גענאסען דאס פערגניגען פון דער גערויבטער הערשאפט. ענדליך האט ארעסטעס, דער זוהן פון אגאמעמנאן, בעשלאסען ראכע צו נעהמען פון אגיסטהוס'ן פיר דאס אונרעכט, וואס ער האט געטאן זיין פאטער אגאמעמנאן. ווען אגאמעמנאן איז ערמארדעט געווארען פון אגיסטהוס'ן איז ארעסטעס נאך זעהר יונג געווען. אהן צווייפעל וואלט ארעסטעס דאן אויך זיין לעבען פערלארען, ווען זיין שוועסטער עלעקטרא וואלט איהם ניט געראטעט און איהם איבערגעגעבען צו זיין פאטער'ס שוואגער, סטראפיוס. דיזער סטראפיוס האט איהם פריינדליך אויפגענומען און האט איהם ערצויגען צוגלייך מיט זיין אייגענעם זוהן פילאדעס. ארעסטעס איז געווארען מיט פילאדעס'ן די בעסטע

פריינד. אַלס זיי זיינען אויסגעוואַקסען, האָבען זיי ביידע בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פיר אַגאַמעמנאָן'ס טויט. אויך דער אָראַקעל האָט זיי אויפגעפאָדערט צו בעשטראָפען דעם מערדער פיר דאָס אונשולדיגע בלוט, וואָס ער האָט פערגאָסען. צו אויספיהרען דיזע ראַכע האָבען זיך די ביידע יונגע פריינד אָרעסטעס און פילאַדעס אוועקגעלאָזען אין מיצענע, וואו אֶגיסטהוס איז געזעסען אויף אַגאַמעמנאָן'ס טראָן. דאָ האָבען זיי ארויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס אָרעסטעס איז טויט. קליטעמנעסטראַ איז געווען זעהר ערפרייט פון דער בשורה, דאָס איהר זוהן אָרעסטעס איז טויט, און דאָס זי האָט שוין מעהר ניט צו פירכטען, דאָס ער וועט זיך אַ מאָל נוקם זיין אָן איהר. זי האָט אריינגענומען די צוויי יונגע לייט, וואָס האָבען איהר געבראַכט די גוטע בשורה אין קעניגליכען פּאַלאַץ, און האָט מיט גרויס פרייד מיטגעטיילט איהר געליבטען אֶגיסטהוס די וויכטיגע און פרעהליכע נייס פון דעם טויט פון איהר זוהן. דערווייל האָט זיך אָרעסטעס געזעהן מיט זיין שוועסטער עלעקטראַ, און זי האָט אין איהם אריינגעבלאָזען פרישע געפיהלען פון ראַכע, ערצעהלענדיג איהם פון דער שלעכטער בעהאַנדלונג, וואָס זי האָט געהאַט פון זייער מוטער קליטעמנעסטראַ, וועלכע האָט זיך מיט איהר בעגאַנגען ווי מיט אַ שקלאַפין. אום אין איהם אויפצוועקען אַ שטאַרקען האַס צו דער מוטער, האָט זי איהם געוויזען דעם אָרט, וואו אַגאַמעמנאָן איז ערמאָרדעט געוואָרען, אין וועלכען עס זיינען נאָך געווען צו מערקען די שפּורען פון דיזען שרעקליכען פערברעכען. ווי נאָר אֶגיסטהוס איז אריין אין די גאַסט-צימערן פון זיין פּאַלאַץ, האָט איהם אָרעסטעס באַלד ערמאָרדעט. אויף זיינע געשרייען איז קליטעמנעסטראַ אריינגעלאָפען. אָרעסטעס האָט זי אויך געוואָלט טויט שלאָגען, אָבער זי האָט איהם מיט טרערען געבעטען זי צו שוינען און ער האָט ניט געקענט זיין אַזוי הארט צו זיין מוטער. ער האָט זיך שוין געווענדט צו זיין פריינד פילאַדעס, און האָט איהם געפרעגט אָן עצה, וואָס זאָל ער דאָ טאָן? דיזער האָט איהם דערמאָהנט אָן די פאָרויסזאָגונג פון דעם אָראַקעל. אָרעסטעס האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ערמאָרדעט זיין אייגענע מוטער.

אָרעסטעס האָט ווירקליך ערפילט זיין פליכט צו זיין פאָטער, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער געוואָרען אַ מוטער-מערדער. דאַמאָלס זיינען פון גיהנום ארויס די ראַכע געטינס, די עריניעס, מיט זייערע שרעקליכע געשטאַלטען און האָבען אָנגעפאַנגען צו פייניגען און פערפאָלגען דעם מוטער-מערדער. מיט שרעק איז ער ענטלאָפען פון דעם אָרט, וואו דער מוטער'ס בלוט איז פערגאָסען געוואָרען און איז געלאָפען זוכען שוץ ביי דעם זעלביגען אַפּאָללאָ, וועלכער האָט איהם געהייסען בעגעהן דיזען מאָרד. אַפּאָללאָ האָט די עריניעס

געמאַכט פערזינקען אין אַ טיפען שלאָף, און דאַן איז אָרעסטעס בעפרייט גע-וואָרען פון זיינע שרעקליכע ליידען. וואָס וועט אָבער זיין, ווען די ראַכע-געטינס וועלען זיך אויפכאַפּען פון זייער שלאָף? אַפּאָללאָ האָט קיין אַנדער מיטעל ניט געפונען צו רעטען אָרעסטעס'ן פון די ראַכע-געטינס, ווי צו שיקען איהם נאָך אַטהען און דאָרט זאָל די געטין אַטהענע איהר אורטייל אַרויסגעבען, אויב ער איז שולדיג אָדער אונשולדיג. די געטין אַטהענע האָט אַליין ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פון אַזאַ משפּט, און זי האָט בעשטימט אַ פערזאַמלונג פון די עהרווירדיגע זקנים פון שטאָדט, זיי זאָלען די זאַך פערהאַנדלען און זייער פּסק אַרויסגעבען. פאַר דיזען געריכט האָבען די עריניעס פאָרגעבראַכט זייער קלאַגע געגען אָרעס-טעס'ן, וועלכער האָט זיך געמוזט פערטיידיגען. די עריניעס האָבען ניט גע-וואָלט אַנערקענען דאָס פאָטער-רעכט, נאָר דאָס מוטער-רעכט. אַפּאָללאָ דאַגע-גען האָט ניט געוואָלט אַנערקענען קיין מוטער-רעכט, און ער האָט געהייסען אָרעסטעס'ן ערמאָרדען זיין מוטער. ווייל דער הויפּט איז דער פאָטער, די מו-טער טראָגט נאָר דאָס, וואָס דער פאָטער האָט איהר געגעבען צו בעהאַלטען. דאָס לעבען האָט דער פאָטער געגעבען, און די מוטער האָט עס נאָר געהיט אַ געוויסע צייט. אומזיסט האָבען די עריניעס אָנגעקלאָגט אַפּאָללאָ'ן, דאָס ער שטירצט די מאַכט פון דער אַלטער צייט, די מאַכט פון די פרויען.

די ריכטער, וואָס אַטהענע האָט בעשטימט צו משפּט'ן אָרעסטעס'ן האָ-בען זיך צוטיילט אין צוויי העלפטען: איין העלפט איז געווען פיר מוטער-רעכט און די אַנדערע פיר פאָטער-רעכט. דאַן האָט אַטהענע געגעבען איהר שטימע פיר פאָטער-רעכט און אָרעסטעס איז בעפרייט געוואָרען.

דאָס פאָטער-רעכט האָט געזיגט. די אַלטע אָרדנונג איז געשטירצט. די עריניעס האָבען מיט אַ שרעקליכען צאָרן בעקלאָגט זייערע אַלטע רעכטען, אַטהענע האָט זיי געטרויסט, דאָס זיי וועלען פון היינט זיין „עאומענידען", ד. ה. גנעדיגע געטינס, און זיי וועלען האָבען זייער אָרט אין אַטטיקאַ. אָבער אַ טייל פון די עריניעס האָבען בעשלאָסען פאָרטצוזעצען צו פערפאָלגען אָרעסטעס'ן. דיזער האָט ווידער געזוכט שוץ ביי אַפּאָללאָ'ן. ער האָט גע-קריגען אַ בעפעהל צו געהן נאָך טאַווריס, און פון דאָרט זאָל ער בעקומען דאָס בילד פון דער געטין אַרטעמיס, וועלכעס איז אין יענער געגענד פון הימעל אַראָפּגעפאַלען, און עס ברייננגען נאָך גריכענלאַנד. אָרעסטעס איז באַלד אוועק נאָך טאַווריס אין בעגלייטונג פון זיין פריינד פּילאַדעס, וועלכער האָט איהם ניט געוואָלט לאָזען אַליין אין קיין געפאַהר, און זיי זיינען צוזאַמענגעקומען אין דאָס לאַנד פון די סקיטהען און גלייך אריין אין טעמפּעל פון אַרטעמיס.

דאָ האָט געהערשט איפיגעניע, די שוועסטער פון אָרעסטעס, אַלס פּריסטערין, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער ערצעהלט. דער דינסט אַלס פּריסטערין איז איהר זעהר שווער פאָרגעקומען. די ווילדע סקיטהען פלעגען אָפּפערן יעדען פרעמדען, וועלכען דאָס שיקזאַל האָט פערטראָגען אין זייער לאַנד, און איפיגעניע זעלבסט האָט געמוזט בעשפּריצען דעם קאָפּ פון יעדען אונגליקליכען מיט אָפּפער=וואַסער, איידער מען האָט איהם אין טעמפּעל אריינגענומען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די עדעלע גריכין האָט געוואָלט פון דיזען ווילדען אָרט זיך רעטען און נאָך גריכענלאַנד צוריקקעהרען. באַלד האָט איהר וואונש בעדאַרפט ערפילט ווערען, און גאָר אונערוואַרטעט.

באַלד ווי אָרעסטעס און פּילאַדעס זיינען אָנגעקומען אין דאָס סקיטהען=לאַנד, האָט מען זיי געכאַפּט און געבראַכט צום קעניג טהאָאַס. דיזער האָט גלייך געהייסען מען זאָל זיי אָפּפערן. אַלס מען האָט זיי געבראַכט צו איפיגעניע'ן זי זאָל זיי מיט אָפּפער=וואַסער די קעפּ בעשפּריצען פאַר דער שלאַכטונג, האָט זי זיי געפרעגט וועגען זייער שיקזאַל און זייער פאָטערלאַנד. אַלס זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס זיי זיינען פון גריכענלאַנד, האָט זי זיי געפרעגט וועגען איהר פאַמיליע דאָרט. מיט גרויס שרעק האָט זי זיך דערוואוסט פון די אונגליקען, וואָס האָבען איהר פאַמיליע געטראָפען, און איהר שרעק און שמערץ זיינען נאָך פערגרעסערט געוואָרען אַלס זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס אָרעסטעס, וואָס איז איינער פון די צוויי אָפּפער, איז איהר ברודער. זי האָט אָבער באַלד געפונען אַ מיטעל, ווי זיך אַרויסצודרעהען פון דעם אונגליק. זי האָט ערקלערט דעם קעניג, אַז דאָס הייליגע בילד פון דער געטין אַרטעמיס איז זעהר פעראונרייניגט געוואָרען פון דער אַנוועזענהייט פון די פרעמדע, וועלכע זיינען בעפלעקט מיט מוטער=בלוט, און דאָס איידער מען זאָל זיי אָפּפערן, מוז מען זיי צוזאַמען מיט'ן בילד פון דער געטין אין ים טובל זיין. דער קעניג האָט איהר ערלויבט נעהמען דאָס בילד פון דער געטין אַרטעמיס און צוזאַמען מיט די געפאַנגענע איז זי אַוועק צום ים. צום אָרט, וואו דאָס שיף פון אָרעסטעס איז געשטאַנען. זיי האָבען זיך באַלד אַרויפגעכאַפּט אויף'ן שיף און זיינען גלייך אָפּגעשוואומען. דער קעניג האָט געוואָלט זיי נאָכיאָגען, אָבער די געטין אַטהענע האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל עס ניט טאָן, און ער זאָל לאָזען צורוה איפיגעניע'ן צוזאַמען מיט די צוויי געפאַנגענע זיי זאָלען אונגעשטערט קומען אַהיים.

מיר וועלען ברייגנען נאָך אַ זאַגע, וועלכע דערמאָהנט אָן דעם אונטערגאַנג פון מוטער=רעכט. אונטער דער רעגירונג פון קעקראָפּס'ן אין אַטהען,

האט פאסיידאן, דער גאט פון ים, אריינגעבאפט א קוואל, וואס האט גע־שפריצט פון א פעלז, בשעת אטהענע האט געוואלט לאזען שפראצען אן אויל־בוים. דיביידע גאטהייטען האבען אנגעפאנגען צו שטרייטען, ווער עס האט מעהר רעכט איבער דאס לאנד. דאן האט קעקראפס גערופען א פאלקס־פער־זאמלונג, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען מענער און פרויען. די מע־נער האבען געשטימט פיר פאסיידאן, די פרויען אבער האבען געשטימט פיר אטהענע. ווייל די פרויען־שטימען זיינען געווען מעהר אין צאהל איז דאס לאנד געבליבען דאס אייגענטום פון דער געטין אטהענע. פאסיידאן איז דע־ריבער אריין אין גרימצארן און האט אטטיקא פערפלייצט מיט וואסער. פא־סיידאן האט אנדערש ניט געוואלט די שטראף ארונטערנעהמען, סיידען די פרויען וועלען פערלירען זייערע רעכטען, ד. ה. זיי זאלען מעהר ניט האבען קיין שטימרעכט, די קינדער זאלען מעהר ניט טראגען דעם נאמען פון דער מוטער, נאר פון דעם פאטער. און זיי זעלבסט זאלען זיך מעהר ניט רופען אטהענערינס (אויף דעם נאמען פון דער שטאדט אטהען).

די גריכישע קולטור אין דער הערא־אישער צייט. די הויפט־קוועלע, פון וועלכער מיר שעפען די ידיעות וועגען דעם צושטאנד פון דער גריכישער קולטור אין דער הערא־אישער צייט, זיינען די בעריהמטע געדיכ־טען פון דעם גרויסען גריכישען דיכטער האמער, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער די נעמען „אילאדע” און „אדיססעע”. דיזע וואונדערבארע פאע־טישע ווערק ערצעהלען אונז די פארטשריטען, וואס דער מענשליכער גייסט האט געמאכט ביז יענער צייט, זיי ערגענצען די צייגניסען פון די עגיפטישע דענקמעלער פון די אלטע צייטען, אזוי דאס ביידע צוזאמען, די עגיפטישע דענקמעלער מיט דער גריכישער פאעזיע, גיבען אונז א פאלשטענדיגען בע־גריף וועגען דער אור־אלטער קולטור פון דער מענשהייט. די איליאדע פון הא־מער גיט אונז א פאלשטענדיגען בעגריף פון דער ארישער קולטור־ראסע אין דער צייט, ווען זיי האבען זיך נאך געפונען אויף דער שטופע פון בארבארען.

די וויכטיגסטע איינריכטונג פון די גריכען אין דער הערא־אישער צייט איז די שטאם־פערפאסונג. דיזע פערפאסונג איז זעהר וויכטיג פיר אונז צו וויסען, ווייל זי ערקלערט אונז, ווי עס האבען זיך ענטוויקעלט די געזעלשאפט־ליכע איינריכטונגען. די גרונדלאגע פון דיזע איינריכטונגען איז דער שטאם, די ג ע נ ס. די פריהערדיגע היסטאריקער האבען ניט גוט פערשטאנען די בעדייטונג פון דיזער איינריכטונג. די גענס איז די ערסטע געזעלשאפטליכע גרופירונגס־פארמע, וועלכע אלע פעלקער האבען געמוזט דורכמאכען איידער זיי זיינען געקומען צו א העכערען געזעלשאפטליכען לעבען.

די גענס בערוהט אויף בלוט־פערוואנדטשאפט, דאָס הייסט, דאָס די מיטגלידער פון דער גענס זיינען נאָהענטע קרובים צווישען זיך. זיי בעשטעהען פון קינדער פון איין מוטער, וועלכע רעכענט זיך פיר די גרינדערין פון דער גענס. דער יסוד פון דער גענס זיינען אלזא נאָר די פרויען. די מענער פון דער גענס מוזען הייראטען פרויען פון אן אנדער גענס, און זייערע קינדער געהערען צו יענער גענס.

די רעכטען און די פליכטען פון די מיטגלידער פון איינער און דערזעלביגער גענס זיינען געווען פאָלגענדע:

1. די מיטגלידער פון גענס ערוועהלען איינעם אלס פאָרשטעהער אין צייט פון פרידען און א קריגס־אנפיהרער אין קריגס־צייט. דער פרידענס־פאָרשטעהער מוז זיין פון דער זעלביגער גענס, און ווערט ערוועהלט פון אלע מענשען פון שבט, פון פרויען ווי פון מענער. ווייל ביי זיי גילט נאָר מוטער־רעכט, האָט דער זוהן פון דעם אנפיהרער קיין רעכט ניט צו ירש'ענען דאָס אמט פון זיין פאָטער. דער זוהן געהערט נאָר צו אן אנדער'ן שבט. דאגעגען טרעפט אָפט, דאָס די שטעלע בעקומט דער זוהן פון א ברודער אָדער פון א שוועסטער. די פליכט פון דעם פאָרשטעהער איז נאָר אויפצוהאלטען פרידען אין שבט, ווי די פליכט פון א פאָטער אין זיין פאמיליע. ער קען קיין צוואנג־מיטעל ניט געברויכען. עהנליך צו דעם איז אויך די שטעלונג פון דעם קריגס־אנפיהרער. דער אונטערשייד צווישען דיזע ביידע עמטער בעשטעהט דערין, דאָס דער קריגס־אנפיהרער האָט נאָר צו זאָגען אין קריגס־צייט, און דער פרידענס־פאָרשטעהער רעגירט אימער. דער אויסגעוועהלטער דאַרף זיך אויסצייכנען מיט זיין מוטיגקייט, קלוגהייט און בערעדזאמקייט, אָבער ער האָט ניט קיין בעזונדערע מאכט.

2. די מיטגלידער האָבען דאָס רעכט אראָפצוזעצען פון אמט דעם פרידענס־פאָרשטעהער אָדער דעם קריגס־פיהרער. דאָס רעכט אראָפצוזעצען פון אמט האָבען פרויען און מענער צוגלייך. די אורזאַך פון אראָפזעצען פון אמט איז שלעכטע אויפפיהרונג. דער אראָפגעזעצטער פון אמט ווערט נאָכדעם א געוועהנליכער מיטגליד גלייך מיט אלעמען.

3. די מיטגלידער פון א שבט טאָרען ניט הייראטען צווישען זיך, נאָר מיט מיטגלידער פון אן אנדער שבט.

4. שטאַרבט איינער פון שבט, ווערט זיין פערמעגען צוטיילט צווישען די מיטגלידער פון שבט. ווייל קיין רייכטום איז אין דיזען צושטאנד געוועהנליך נאָך ניט צו בעמערקען און די זאכען, וואָס דער פערשטאָרבענער לאָזט איבער, מוז מען איהם מיטגעבען אין זיין קבר, איז געוועהנליך זעהר ווע-

ניג וואָס דאָ צו פערטיילען צווישען אַנדערע, און דאָס ביסעל איבריגע זאַכען ווערט צוטיילט נאָר צו די נאָעהנטסטע קרובים, צו די ברידער, שוועסטער און מוטער־ברידער פון אַ פערשטאָרבענעם מאַן, און צו די קינדער אָדער שוועסטער פון אַ פערשטאָרבענער פרוי.

5. די מיטגלידער פון איין שבט האָבען אויף זיך די פליכט צו שטיצען איינער דעם אַנדערען אין פאַל פון נויט, העלפען איהם אין פאַל, ווען מען וויל איהם אָנגרייפען, זיך נוקם זיין אָן דעם, ווער עס האָט בעליידיגט איינעם פון זיינע חברים, און איבערהויפּט זיך נוקם זיין פיר דאָס פערגאָסענע בלוט פון אַ מיטגליד פון שבט. וויל דער שבט פון דעם מערדער מוז זיך אויך אָננעהמען פיר זיינעם אַ מיטגליד, קומט אָפט אויס, דאָס צוויי שטאַמען זיינען געצוואונגען צו אַ בלוטיגען שטרייט. אום דיזעם צו פערמיידען זוכען זעהר אָפט די מיטגלידער פון דעם שבט פון דעם מערדער די זאַך צו ענדיגען מיט פרידען: זיי דריקען אויס זייער טיפען בעדויערן פיר דעם מאָרד און שלאָגען פאָר רייכע מתנות צו די קרובים פון דעם ערמאָרדעטען. ווען די זאַך קען מיט פרידען ניט געענדיגט ווערען, ערוועהלען די מיטגלידער פון דעם שבט פון דעם ערמאָרדעטען איינעם אָדער איייניגע בלוט־רעכער, וועלכע נעהמען אויף זיך די פליכט דעם מערדער צו טויטען. נאָך דעם, ווי זיי האָבען די ראַכע דורכגעפיהרט, ווערט אין דיביידע שבטים רוהיג. ווען איין מיטגליד פון אַ שבט געהט אַוועק פון איין דאָרף צו וואוינען אין אַן אַנדער דאָרף, בלייבט זיין טייל ירושה צו די מיטגלידער פון שבט און עס קען איבערגעגעבען ווערען אָדער פערקויפט ווערען צו אַן אַנדערער פערזאָן. אייגענטליך גיט עס גאָר ניט קיין פריוואַט־אייגענטום אין אַ שבט, אַלעס געהערט צו אַלעמען. יעדער איינצעלנער האָט נאָר דאָס רעכט זיך צו בענוצען מיט דעם, וואָס איהם איז נעטיג. האָט ער עס אויפגעהערט צו בענוצען געהט עס איבער צוריק צום שבט.

6. יעדער שבט האָט פיר זיינע מיטגלידער בעזונדערע פערזאָנען־נעמען. קיין אַנדער שבט פון דעם זעלבען שטאַם האָט קיין רעכט ניט צו געברויכען די זעלביגע נעמען. פון די פערזאָנען־נעמען קען מען אַלזאָ לייכט וויסען, צו וועלכען שבט איינער געהערט. דאָס רעכט צו געבען אַ נאָמען אַ ניי־געבאָרענעם געהערט צו דער מוטער.

7. דער שבט האָט דאָס רעכט צו אַדאָפּטירען (צונעהמען אַלס אייגענע קינדער) פרעמדע פערזאָנען, און געבען זיי די פולע רעכטען פון דעם שבט. געוועהנליך קומט עס פאָר מיט קריגס־געפאַנגענע. דאָס אַדאָפּטירען ווערט פאָרגעשלאָגען פון איינצעלנע פערזאָנען פון דעם שבט, און די אַדאָפּטירטע

רופען זיך די שוועסטער אָדער די ברידער פון די פּערזאָנען, וועלכע האָבען געמאַכט דעם פּאָרשלאַג. ווען אַ פרוי מאַכט דעם פּאָרשלאַג צו אַדאָפּטירען, דאַן ווערט דער אַדאָפּטירטער גערעכענט אַלס איהר קינד. די אַדאָפּטירטע ווערען בעהאַנדעלט ווי נאַטירליכע מיטגלידער פון דעם שבט.

8. דער שבט שאַפט בעזונדערע רעליגיאָנס=צערעמאָניעס און פייערטעג. די גענס איז דער געבורטס=אָרט פון אַלע רעליגיעזע מנהגים.

9. יעדער שבט האָט אַן אייגענעם בית=הקברות. יער בעזאָרגט דעם פערשטאָרבענעם מיט אַ קבר און אַנדערע נעטיגע זאַכען צו דער קבורה, ווי בעגלייטען דעם פערשטאָרבענעם צו זיין לעצטער רוה און האַלטען הספדים אויף זיין קבר.

10. די ראַט=פערזאַמלונגען פון דער גענס זיינען עכט דעמאָקראַטיש. יעדער ערוואַקסענער מיטגליד האָט דאָס רעכט צו שטימען ביי אַ וואהל, מע-נער ווי פרויען. די פערזאַמלונג איז די הויפּט=רעגירונג און די הויפּט=מאַכט פון דעם שבט. געוועהנליכע אַנגעלעגענהייטען ווערען בעהאַנדעלט און בע-שלאָסען פון די בעאַמטע אָדער פּאָרשטעהער, אָבער וויכטיגע זאַכען מוזען פערהאַנדעלט און בעשלאָסען ווערען פון דער גאַנצער פערזאַמלונג, וועלכע ערוועהלט די פיהרער פון שבט אָדער זעצט זיי אַראָפּ, בעשליסט וועגען בלוט=ראַכע און אַדאָפּטירט פרעמדע.

אַלע מיטגלידער פון שבט זיינען געווען פריי, פון שקלאַפעריי האָבען זיי ניט געוואוסט, געפאַנגענע פון קריג זיינען געוואָרען אַדאָפּטירט. זיי זיינען געווען פערפליכטעט איינער דעם אַנדערען צו שיצען זיין פרייהייט. אַלע זיי-נען געווען גלייך אין זייערע רעכטען. די פּאָרשטעהער און פיהרער אין קריג האָבען קיין פּאָרצוג ניט געהאַט געגען אַלע אַנדערע מיטגלידער. פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט זיינען געווען די פּרינציפּען פון זייער געזעל-שאַפטליכען לעבען.

אין דער צייט, ווען די גריכען טרעטען אריין אין די געשיכטע, ווערט שוין זייער אַרט לעבען אין פיעלע הינזיכטען געענדערט. אין דיזער צייט הערט שוין ביי זיי אויף דאָס מוטער=רעכט און עס ווערט אויף זיין אָרט איינגעפיהרט דאָס פאָטער=רעכט.

די גריכען זיינען דאַמאָלס געווען איינגעטיילט אין פ ר א ט ר י ע ס אָדער ברידערשאַפטען. דריי פראַטריעס האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ שטאַם. יעדע פראַטריע האָט געהאַט דאָס רעכט צו פערזאַמלען זיך, האָבען אייגענע ריכטער, אַן אייגענע פערוואַלטונג און אַן אייגענעם פּאָרשטעהער. וואָס אַנבעטרעפט די פליכטען פון אַ פראַטריע, זיינען זיי געווען מעהרסטענס

פון א רעליגיעזען כאראקטער, ווי צ. ב. בעזארגען די טויטע, פראווען די צערעמאָניעס פון ימים טובים א. אז. וו. איינע פון זייערע וויכטיגסטע פליכטען איז געווען די ב ל ו ט ־ ר א כ ע.

עטליכע פערוואנדטע פראטריעס האָבען צוזאמען אויסגעמאכט איין שטאם. אין אטטיקא זיינען געווען 4 אזעלכע שטאמען. יעדער שטאם איז געזעסען אויף א בעשטימטען אָרט. די פערפאסונג, די געזעצען פון די שטאמען זיינען געווען פאָלגענדע:

1. אַן דער שפּיץ פון דעם שטאם איז געשטאַנען דער ר א ט פ ו ן פ אָ ש ט ע ה ע ר פון די איינציגע משפחות. די אויפגאבעס פון דיזען ראט זיינען געווען זעהר בעדייטענדע. אלע בעאמטע פון שטאם זיינען געווען פעראנטוואָרטליך צו איהם. פון דיזען ראט האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט דער בעריהמטער סענאט.

2. די צווייטע אין ראנג נאָך דעם ראט פון פאָרשטעהער איז געווען די פאָלקס־פערזאמלונג. דיזע איז איינבערופען געוואָרען פון דעם ראט פון פאָרשטעהער. די פאָלקס־פערזאמלונג האָט קיין דעה ניט געהאט אין דער רעגירונג, זי האָט נאָר אויסגעדריקט די עפענטליכע מיינונג אין וויכטיגע פראגעס, וועלכע דער ראט פון פאָרשטעהער האָט אויפגעגעבען. די פליכט פון דער פאָלקס־פערזאמלונג איז געווען צו וואכען איבער די פאָלקס־פריי־הייט. יעדער פון פאָלק האָט געהאט דאס רעכט צו בעשפּרעכען א פראגע און אויסזאָגען פריהער זיין מיינונג. נאָך אלע דעבאטעס פלעגט מען אָפּשטי־מען די פראגע דורך אויפהייבען די הענט.

3. אויסער די צוויי דערמאָהנטע אינסטיטוציאָנען האָט נאָך יעדער שטאָם ביי די אלטע גריכען געהאט א ב א ז י ל ע א ו ס. דאָס איז געווען דער אויבער־פיהרער פון דער ארמעע פון שטאם, ווי אויך דער פּריסטער און ריכטער. זיין מאכט איז געווען בעשרענקט פון דער פאָלקס־פערזאמלונג און ער איז אימער געווען געבונדען אַן דעם ראט פון די פאָרשטעהער.

דאָס אמט פון באזילעאוס איז ניט איבערגעגאנגען בירושה, נאָר עס איז געווען א וואהל־אמט. דער באזילעאוס האָט זיך אויסערליך אויסגעצייכנעט פון אנדערע דערמיט, וואס ער האָט אימער אין די הענט געהאלטען א סצעפּטער און עס האָבען איהם אימער בעגלייט העראלדען (קוריערען). ביי די פערזאמלונגען איז ער געזעסען אויף'ן ערסטען פּלאַץ, און ביי די מאָהלצייטען פון קרבנות האָט מען איהם געגעבען א דאָפּעלטע פּאָרציאָן. אין אלגעמיין איז זיין איינפלוס געווען א פּאָטערליכער, א מאָראלישער. זיי־

נע איינקונפטען זיינען בעשטאַנען אין פריווילעגיע געשענקען. אין א מלחמה האָט צו איהם געהערט א גרויסער טייל פון דעם רויב.

ביי די מעהרסטע פעלקער האָט זיך איין שטאם פיעל אונטערשיידט פון אַן אַנדערען דורך זיין בעזונדער ארט רעדען, דורך זיין בעזונדערען דיאלעקט. ביי די גריכען זיינען די דיאלעקטען ניט געווען שטארק פערשיידען, ווייל זייערע שטאַמען זיינען אין לאַנד געזעסען ענג צוזאַמען. דער דיאלעקט פון דער פּראָווינץ אַטטיקאַ איז געווען אַלגעמיין אָנגענומען אין דער ליטעראַטור.

דאָך זיינען די גריכען ניט געווען אין דער ערסטער צייט אַן איינהייטליכעם פאָלק און דעריבער האָבען זיי דאַן נאָך ניט געהאַט קיין אַלגעמיינעם נאָמען פיר דאָס גאַנצע פאָלק, ווי שפּעטער, ווען זיי האָבען זיך אַלע גערופען ה ע ל ל ע נ ע ן. די בעצייכנונג ג ר י כ ע ן שטאַמט פון א פעלקערשאַפט פון עפּירוס, וועלכע האָט זיך אַזוי אָנגערופען. דער נאָמען איז גראַדע זעהר בעקאַנט געוואָרען אין אַנדערע לענדער, און זיי האָבען אַזוי אָנגערופען אַלע העללענישע פעלקערשאַפטען.

די אַלטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג האָט אָנגעפאַנגען צו ענדערן זיך נאָך אין דער הערּאָיען־צייט פון די גריכען. אַנשטאַט מוטער־רעכט איז איינגעפיהרט געוואָרען פאָטער־רעכט מיט דעם רעכט פון ירושה. אַנשטאַט געמיין־איינענטום איז איינגעפיהרט געוואָרען פּריוואַט־איינענטום, און דיזעס האָט געלעגט דעם פונדאַמענט צו אַן אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי. די הייראַט האָט בעקומען א גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער, כמעט דעם זעלבען כאַראַקטער, ווי ביי די היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער. די קריגס־געפאַנגענע וועלען מעהר ניט אַדאָפּטירט, נאָר זיי ווערען פערוואַנדעלט אין שקלאַפען.

וואָס אַנבעטרעפט די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען פון די גריכען צו יענער צייט, איז צו בעמערקען, דאָס זיי האָבען שוין דאַמאָלס געוואוסט די וויכטיגקייט פון צוטיילען די אַרבייט, אָבער די פּראָדוקציאָן איז געווען נאָר בערעכענט פיר דעם אייגענעם געברויך, מען האָט נאָך ניט אויסגעאַרבייט מעהר, ווי מען האָט פערברויכט פיר זיך, אום דאָס איבריגע צו פערקויפען אָדער אויסצוטוישען אויף זאַכען, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט גענוג. דעריבער איז נאָך דאַמאָלס ניט געווען אין עקסיסטענץ דער געברויך פון געלט, איבערהויפּט האָט נאָך ניט עקזיסטירט דער געברויך פון מינץ.

די הויפּט בעשעפטיגונג איז דאַמאָלס געווען לאַנד־אַרבייט און פיה־צוכט. געזעעט האָט מען דאַמאָלס אַלערליי סאָרטען געטריידע, אויסער מאַאיס (קוקורוזע). זיי האָבען געהאָדעוועט און געפיטערט אַלע סאָרטען דויז־טיערען,

וועלכע מיר געברויכען אין אונזערע צייטען, אויסער געפליגעל. אויך פלעגען זיי בעארבייטען פרוכט־גערטנער און וויין־גערטנער. פיעלע האבען זיך בעשעפטיגט מיט יאגד און פיש־פאנג. זיי האבען שוין געוואוסט צו בעארבייטען מעטאלען: אייזען, צין, בליי און קופער און צו בענוצען זיך מיט דעם. זיי האבען שוין געקענט שמעלצען און גיסען מעטאלען.

שוין אין יענער אלטער צייט האבען די גריכען בעזעסען די קונסט צו מאכען כלים און צירונג פון גאלד און זילבער. דער דייטשער געלעהרטער ג. שליעמאנן האט ניט לאנג געפונען אונטער די רואינען פון דער אלטער טראיא זעהר פיעלע גאלדענע און זילבערנע כלים און שמוק־זאכען. איבערהויפט האט מען געפונען דיזע ארטיקלען אין א זעהר גרויסער צאהל אין דער שאץ־קאמער, וועלכע איז געשטאנען ניט ווייט פון קעניג פריאמוס'עס פאלאץ. צווישען די זילבערנע כלים האט מען געפונען 6 לאנגע קלינגען, א בעכער, אייניגע שאלען און 6 וואזעס. פיעל מעהר האט מען געפונען דארט גאלדענע זאכען, פון וועלכע עס איז בעזונדערס צו בעמערקען: א שווערען גאלדענעם בעכער פון 226 גראם געוויכט, א גאלדענע פלאש מיט שענע בעצירונגען פון 400 גראם, נאך א שווערען בעכער מיט רעהרען צום אויסגיסען פון איהם דעם וויין, 2 דיאדעמען (קרוינען), איין שטערן־באנד, 6 ארם־בענדער (בראסלעטען), איבער 50 אוירינגלאך און אן אונגעהייערע צאהל פון אנדערע קליינע שמוק־זאכען. אין דעם שאץ פון קעניג פריאמוס האט מען אויך געפונען זאכען פון אנדערע מעטאלען, צ. ב. פון קופער א שילד, א קעסעל, א וואזע, העק, שפיזען. מען האט דארט אויך געפונען עלעקטראן, וועלכעס מען האט אמאל גערעכענט פיר ברוסטין, אבער עס איז אין אמת'ן א צוזאמענמישונג פון גאלד און זילבער.

אויסער מעטאל־ארבייט האבען די אלטע גריכען נאך געטריבען וועבעריי, וועלכע האט געליפערט קליידער פון לייוועגט און וואל, מאנטלען, שלייערס, דעקעס, מאטען א. אז. וו.; שוסטעריי, צו מאכען סאנדאלען אדער שניר־שיך; בוי־קונסט פון הייזער און שיפען. זיי האבען גוט פערשטאנען צו מאכען שטיינערנע מויערן מיט טורמס און טויערן, פיעל־שטאקיגע הייזער צום וואוינען און אנדערע געביידעס. א חוץ דעם האבען זיי געקענט מאכען וויין, מאהלען געטריידע מיט האנט־מיהלען און מאכען טעפ און אנדערע כלים פון לעהם. איבערהויפט איז די טעפער־קונסט געוועזען זעהר שטארק ענטוויקעלט ביי זיי. זיי האבען געמאכט די פערשיידענסטע טעפ, קוגעל־פערמיגע און האלב־קוגעל־פערמיגע כלים, בעכערס, וואזעס מיט גראווירטע בעפוצונגען, זעהר פיעלע געטער־

בילדער און אַפּילו אינסטרומענטען צום שפּילען און וועבען! **עס איז צו** בעמערקען, דאָס שוין אין דער הערָאישער צייט איז ביי די גריכען דער זין פון דער פּלאַסטישער־קונסט, ד. ה. פיר שענע פּאָרמעס פון זאַכען געמאַכט פון מעטאַל, לעהם, האָלץ, א. אז. וו., געווען היבש ענטוויקעלט.

גרויס און שטאַרק איז ביי די אַלטע גריכען געווען די ליבע פיר מ ו ז י ק און פּ אָ ע ז י ע, וועלכע האָבען געשפּילט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון די גריכישע פעלקערשאַפטען. נאָך פאר האָמער'ן זיינען שוין געווען ביי די גריכען פערפאַסט לידער צו עהרע פון די געטער, עס פלעגען שוין געזונגען ווערען פון וואַנדערנדע דיכטער העלדען־לידער. עס זיינען שוין דאַמאָלס געווען גאַנצע פאַמיליעס, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט מוזיק און פּאָעזיע

אַ שוסטערשע ווערקשטאַט. (נאָך אַ פּאַרצייטיגען בילד.)

צו פערהערליכען די פייערטעג, און צו פערזיסען דאָס לעבען אין אַלגעמיין. האָמער זעלבסט ערצעהלט אין זיינע געדיכטען פון אַזעלכע זינגער און פּאָעטען, צ. ב. פון דעמאָדאָקאָס, דעם זינגער פון די פּאַאַקען אין זיין אָדיססעע.

דיזע זינגער האָבען זיך גערופען ר ה אַ פּ ס אָ ד ע ן און זיינען געווען די שעפער פון פאָלקס־עפּאָס און העלדען־עפּאָס. די דיכט־קונסט האָבען די גריכישע קאָלאָניסטען אַריבערגעטראָגען נאָך קליין־אזיען, וואו די בעפעלקערונג איז געווען וואוילהאַבענד, צופרידען, און איז געשטאַנען העכער פון די גריכען אין דעם מוטער־לאַנד, און דעריבער האָט זי דאָרט דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע. די העלדען־זאַגעס, וועלכע זיינען געווען זעהר בעליבט ביים פאָלק,

זיינען געבראכט געוואָרען אין צוזאמענהאנג און בעארבייט געוואָרען, פיעלעס האָט מען אַרויסגעוואָרפען און פיעלעס צוגעגעבען. אזוי זיינען פערשיידענע איינצעלנע פּאָעמעס פערשמאָלצען געוואָרען אין איין גאנצעס, אין וועלכען דער קריג פון טראָיא מיט זיינע נאציאָנאלע העלדען זיינען געוואָרען דער מי-טעלפּונקט. אזוי זיינען עס ענטשטאנען די צוויי בעריהמטע גריכישע פּאָעמעס: „איליאס" און „אָדיססעע".

אלס פערפאסער פון דיזע צוויי אונשטערבליכע ווערק ווערט אָנגעגעבען האָמער, אָבער אפילו די אַלטע גריכען האָבען פון זיין פערזענליכקייט כמעט גאָר ניט געוואוסט. די זאגע ערצעהלט, דאָס ער איז געוועזען אַ בלינדער, אָבער פון וואנען ער שטאמט האָבען זיי ניט געוואוסט. עס איז בעקאַנט, דאָס זיבען שטעדט האָבען געשטריטען צווישען זיך וועגען זיין געבורטס-אָרט.

די צייט, ווען האָמער האָט געלעבט, רעכענט מען איז געוועזען אונגעפעהר 900 פּ. קר. יעדענפאלס איז ער ניט געוועזען דער פערפאסער פון דיזע צוויי פּאָעמעס. מען רעכענט איהם פיר דעם זאמלער און רעדאקטאָר פון די איינ-צעלנע לידער פון יענער צייט.

ווען זיינען די האָמערישע לידער בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט? — איבער דיזער פראגע ווייסען מיר זעהר ווייניג. עס איז פאראַן אַ זאגע, דאָס דער ספּאַרטאַנישער געזעצגעבער ליקורג (700 פּ. קר.) האָט געבראכט איינצעלנע שטיקער פון דיזע פּאָעמעס נאָך ספּארטא. דער גרויסער פי-לאָזאָף און געזעצגעבער פון אַטטיקא סאָלאָן (640—558 פּ. קר.) האָט פערבאָטען צו איבערארבייטען טיילען פון דיזע פּאָעמעס, אָדער נאָכ-מאכען נייע אין דיזען סטיל. זעהר וויכטיג איז אין דיזער הינזיכט די ארבייט פון פּיזיסטראטוס (500 פּ. קר.), וועלכער האָט מיט דער הילף פון געלעהרטע אונטערזוכט די לידער ווי זיי האָבען צירקולירט אין זיין צייט, און האָט זיי אויסגערייניגט פון פאלשע צוזאצען. שפּעטער האָט זיי נאָך מעהר אויסגעבעסערט דער טאלענטפולער קריטיקער אַריסטאַרכוס און האָט זיי געגעבען די פאָרמע, אין וועלכער זיי האָבען זיך ערהאַלטען ביז יעצט.

מיר האָבען שוין פריהער איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון די צוויי פּאָעמעס איליאס און אָדיססעע. יעצט האָבען מיר נאָר צו זאגען אַ פּאָאָר ווערטער איבער דעם רעדאקטאָר פון דיזע צוויי בעריהמטע פּאָעמעס, וועלכע האָבען געהאַט אַן אונגעהייער גרויסען איינפלוס ניט נאָר אויף די בילדונג פון די אַלטע גריכען, נאָר אויך אויף די בילדונג פון דער גאַנצער אייראָ-פּעאישער מענשהייט.

דיזע פּאָעמעס זיינען דער בעסטער מוסטער אין דער וועלט פיר עכטע פּאָעזיע. ריין און ניט געפעלשט שטראָמט יעדעס געפיהל, טרויער און פרייד, האַס און צאָרן, ליבע און עהרפורכט, יעדעס וואָרט איז צוגעפּאַסט דעם נאַ- טירליכען געפיהל, יעדעס וואָרט איז זינליך קלאָר.



האָמער.

דער גרויסער אינטערעס, וואָס די גריכען האָבען געהאַט אין האָמער'ס פּאָעמעס, האָט ערוועקט דעם וואונש עטוואָס צו וויסען וועגען דעם אָנפאַנג און דעם סוף פון דעם טראָיאַנישען קריג. ווייל דיזעס גראַדע פעהלט אין די-

זע פּאָעמעס, דעריבער איז ענטשטאַנען אין פערלויף פון דער צייט אַ גאַנצע רייהע פון דיכטער, וועלכע האָבען אויסגעפילט דיזען מאַנגעל. דיזע דיכטער זיינען בעקאַנט אונטער דעם טיטעל „צ י ק ל י ק ע ר", פון „קיקלאָס", ד. ה. קרייז. צו דיזע ערגענצענדע געזאַנג געהערען צ. ב. „די צושטערונג פון טראָיאַ" פון ארקינוס פון מילעט „די קיפּריען" פון סטאַסינאָס פון קיפּראָס, וועלכע בע-שרייבען דעם אָנפאַנג פון דעם טראָיאַנישען קריג און וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט אין דער צייט פון די 9 יאָהר פון דער בעלאַגערונג, און „די נאָסטען", וועלכע שילדערן די שיקזאַלען פון די פערשיידענע גריכישע העלדען, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון שלאַכט. אָבער דיזע אַלע ווערק קענען גאָר ניט פערגליכען ווערען מיט דעם מייסטער־ווערק פון האָמער'ן, הגם זייערע פערפאַסערס האָבען זיך די גרעסטע מיה געגעבען נאָכצואַהמען די האָמערישע געדיכטען אין אַלע הינזיכטען, אין דער פאָרמע און אין דעם אינהאַלט.

אין די גריכישע קאָלאָניעס פון מערב קליין־אַזיען האָט זיך די קולטור מיט 100 יאָהר פריהער ענטוויקעלט ווי אין גריכענלאַנד זעלבסט. דאָרט האָט זיך פריהער פון אַלץ ענטוויקעלט דער עפּאָס אָדער דאָס העלדען־געדיכט, וועלכעס האָט אויסגעדריקט די פרייד פון לעבען. די דיכט־קונסט אין גרי-כענלאַנד זעלבסט האָבען פריהער פון אַלע די דאָריער אין באָאָטיען אָנ-געפאַנגען צו קולטיווירען. אָבער דיזע האָבען זיך בעדינט מיט דער פּאָעזיע נאָר אַלס אַ מיטעל צו פערברייטערן רעליגיעזע לעהרעס און פּראַקטישע לע-בענס־וויזהייט. אַלס גרינדער פון דיזען סאָרט פּאָעזיע ווערט גערעכענט ה ע ז י אָ ד. מען גלויבט, דאָס ער איז געבאָרען געוואָרען 800 פ. קר. אין אַסקראַ, אָאָליען. ער איז געוועזן דער הויפּט פון אַ דיכטער־שולע אין באָאָטיען און איז ערמאָרדעט געוואָרען אין זיין טיפען אַלטער. מען גלויבט אָבער, דאָס די ווערק, וואָס טראָגען אויף זיך העזיאָד'ס נאָמען, זיינען ניט אַלע פון איהם פערפאַסט, אַזוי ווי די ווערק האָמער'ס שטאַמען ניט אַלע פון האָמער'ן.

צווישען די ווערק, וואָס ווערען צוגעשריבען צו האָמער'ן, זיינען בע-זונדערס וויכטיג די „ווערק און טעג" און די „טהעאָגאָניע" (אָפּשטאַמונג פון די געטער). אין די „ווערק און טעג" שילדערט דער פּאָעט די פיער וועלט-פּעריאָדעס, וואָס די מענשהייט האָט דורכגעמאַכט; ער פאָדערט פון די מענשען טעטיגקייט און גערעכטיגקייט אין אַלע זייערע האַנדלונגען, ער גיט זיי פּראַקטישע עצות אין אַקערבוי, בעאַרבייטונג פון וויין־גערטנער, פערקעהר פון שיפען און אין הייזליכען עקאָנאָמישען לעבען. דאָס אַלץ האָט אַ גרויסען ווערט פיר די קולטור פון יענער צייט. ענדליך גיט ער געוויסע רעגלען אי-בער גליקליכע און אונגליקליכע טעג.

זיינע שילדערונגען פון די מענשליכע זיטען אין דעם אייזערנעם צייט־אַלטער בעווייזען דעם צושטאַנד פון דער מאָראַל אין זיינע צייטען. „דער מענש האָט קיין רוה ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט, אפילו די געטער ווערען געפּלאָגט פון זאָרגען. דער פאָטער ליבט ניט דעם זוהן און דער זוהן ליבט ניט זיין פאָטער, דער פריינד איז פאַלש צום גאַסט און דער גאַסט צום פריינד. די ברודער־ליבע, וועלכע האָט געהערשט אין די פריהערדיגע דריי צייט־אַלטערן, אין דעם גאָלדענעם, זילבערנעם און קופּערנעם, איז שוין לאַנג פערשוואונדען און פון איהר איז יעצט אין דעם אייזערנעם צייט־אַלטער קיין זכר ניט געבליבען. קיין עהרע עקסיסטירט יעצט ניט פיר גרייז־גרויע על־טערן, מען בעהאַנדעלט זיי שלעכט, מען בעליידיגט זיי, קיין דאַנק פיר זייער מיהזאַמע ערציהונג און זאָרג. קיין גערעכטיגקייט איבעראַל, נאָר דאָס רעכט פון פויסט הערשט אין דער וועלט. ווער עס איז גוט, ווער עס איז גע־רעכט, ווער עס איז וואהרהאַפט, דער ליידט מעהר ווי אַלע. גוט איז נאָר דעם פאַלשען, דעם רשע, דיזע ווערען הויך געשעצט, בושה און מורא פאַר שלעכטעס זיינען פערשוואונדען פון דער מענשהייט, עס איז זיי נאָר געבליבען טרויעריגע עלענד און שאַנדע. קיין רעטונג איז ניטאָ פיר די פערדאָרבענע מענשהייט.”
דיזע שילדערונג פון דעם מאָראַלישען צושטאַנד אין יענע צייטען ביי די גרי־כען איז זעהר עהנליך צו דעם מאָראַלישען צושטאַנד ביי דעם אידישען פאָלק אין דער צייט פון די פּראָפעטען.

די טהעאָגאָניע, אָדער געטער־אָפּשטאַמונג, איז איבערהויפּט אַ רעליגיע־זעס ווערק, וועלכעס האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט און איז וואהרשיינליך איבערגעליפערט געוואָרען אין פּריסטערליכע פאַמיליעס. די טהעאָגאָניע איז מערקווירדיג דערמיט, וואָס זי שטרעבט איינהייט און צוזאַמענהאַנג צו בריינ־גען אין דעם וועלט־אַל. די טהעאָגאָניע בעמיהט זיך די איינצעלנע געטער־זאַ־געס צו פעראייניגען אין איין גאַנצעס האַרמאָנירענדעס סיסטעם.

די געטער־וועלט. וועגען דעם אור־שפּרונג פון דער גריכישער גע־טער־וועלט איז שווער יעצט עטוואָס בעשטימטעס צו זאָגען. דאָס וויסען מיר אָבער זיכער, דאָס שוין אין דער הערָאאישער צייט איז די מיטהאָ־לאָגיע געוועזען אויסגעאַרבייט אין אַ פאָלשטענדיגעס סיסטעם. ווי די גרי־כען זעלבסט ערצעהלען, האָבען זיי אין דער אור־אַלטער צייט פערעהרט נ אַ מ ע נ ל אָ ז ע געטער. אונטער דיזע געטער מוז מען פערשטעהן, נאָך דער מיינונג פון די נייערע פאָרשער פון געשיכטע, די גייסטער פון די פער־שטאָרבענע. אויף אַזאַ אַרט זיינען אין דיזער הינזיכט די גריכען גלייך צו אַנדערע אור־פעלקער, ביי וועלכע דער ערסטער בעגריף פון רעליגיאָן איז

עלטערן־קולטוס, אָדער פערעהרונג פון די נשמות פון די פערשטאָרבענע על־טערן. העאָרדאָט איז פון דער מיינונג, דאָס די געטער־נעמען, וועלכע האָמער און העזיאָד האָבען געברויכט אין זייערע ווערק, זיינען עגיפּטישע.

לויט העזיאָד'ן זיינען אַלע גריכישע געטער צווישען זיך קרובים. די אָפּ־שטאַמונג פון די געטער איז אַזוי: פון אָנהייב פון דער בריאה איז געווען דער כ א אָ ס (תוהו ובהו), דער אור־גרונד פון אַלע בעשעפעניסען. פון כאָאָס איז אַרויסגעקומען די ערד. די ערד האָט געבוירען דעם א ו ר א נ ו ס (דעם הימעל) און דעם פּ אָ נ ט ו ס (דאָס וויסטע מעער); די קינדער פון דער ערד און פון הימעל זיינען געווען אויסער די ציקלאָפּען די ר י ז ע ן און די ט י־ט א נ ע ן. קראָנאָס איז דער אינגסטער פון די טיטאַנען. פון דעסטוועגען האָט ער אַרויסגעריסען די הערשאַפט פון זיין פאָטער אוראַנוס, וועלכען ער האָט געמאַכט אוים מאַנסביל. פון דעם טראָפּען בלוט, וואָס איז אַראָפּגערונען אויף דער ערד פון דיזער אָפּעראַציאָן, זיינען אויסגעוואַקסען די שרעקליכע עריניעס, וועלכע פערפאָלגען יעדען בעל עברה מיט בראַנדען (האָלאָוועשקעס) אין די הענט און שלאַנגען אַרום קאָפּ, פון דעם זעלבען בלוטס־טראָפּען זיינען אויך אַרויסגעקומען די ג י ג א נ ט ע ן (ריזען). פון דעם אָפּגעשניטענעם גליד, וואָס קראָנאָס האָט אַריינגעוואָרפען אין ים, איז געוואָרען א פ ר אָ ד י ט ע, די געטין פון ליבע, וועלכע שטייגט אַרויס פון די שוימענדע וואַסערן און ווערט געפיהרט פון ע ר אָ ס (ליבע) און ה י מ ע ר אָ ס (שטאַרקע בענק־שאַפט). קראָנאָס האָט נעהייראַט מיט ר ה ע א. פון דיזער הייראַט זיינען אַרויסגעקומען: ה ע ס ט י א, ה ע ר א, ד ע מ ע ט ע ר, פּ אָ ס י י ד אָ ן און צ ע א ו ס. קראָנאָס האָט פערשלונגען זיינע קינדער. ווי עס ווייזט אוים האָט דיזע זאַגע אַ שייכות מיט דעם מאַלאָך־דינסט פון די פעניציער. נאָר צע־אוס איז געבליבען. זיין רעטונג האָט ער צו פערדאַנקען זיין מוטער רהעאַ, וועל־כע האָט איהם מיט ליסט (כיטראָסט) גערעטעט פון טויט. מען האָט איהם גע־בראַכט אויף די אינזעל קרעטאַ, און דאָ איז ער אויסגעוואַקסען און איז געוואָ־רען אַ שטאַרקער מאַן. דורך די ליסט פון גאָאַ איז איהם געלונגען צו צווינגען זיין פאָטער קראָנאָס אויסצושפּייען די קינדער, וואָס האָט איינגעשלונגען, און מיט דיזע בעפרייטע שוועסטער און ברידער, וועלכע זיינען בעוואוסט אַלס די אָלימפּישע געטער, האָט ער אָנגעפאַנגען אַ שטרייט געגען קראָנאָס'ן און נאָכדעם געגען די טיטאַנען, וועלכע האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דער נייער געטער־הערשאַפט און האָבען געוואָלט שטורמען דעם הימעל. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכער קאַמף. די טיטאַנען האָבען פערלאָ־רען, זיינען געוואָרען בעזיגט, אין קייטען געשמידט און אין טאַרטאַרוס (אונ־

טער-וועלט, גיהנם) אריינגעוואָרפען געוואָרען. קראָנאָס זעלבסט, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דעם אויפשטאַנד, האָט געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל, וואָס די טיטאַנען האָבען געהאַט. אָבער דערמיט איז נאָך די הערשאַפט פון צעאוס'ן ניט געווען געזיכערט אין גאַנצען. גאַא איז שרעקליך אויפגע-



אַפראָדיטע און אַרעס.

רעגט געוואָרען געגען צעאוס'ן, ווייל ער האָט איהרע קינדער, די טיטאַנען, בעזיגט, און האָט פון טאַרטאַרוס געבוירען אַן אונגעהייער גרויסעס בעשעפּע-ניס מיט 100 שלאַנגען-קעפּ, מיט גוואַלדיגע הענט און פיס, וועלכעס איז בע-

קאַנט אַלס ט י פ אָ ן, אום מיט דער הילף פון דיזען בעשעפענים צו בעקעמפען צעאוס'ן. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייעד קאַמף, אַזוי דאָס דער ים האָט אָנגעהויבען צו זידען פון די פלאַמען פייער, וואָס דאָס אונגעהייערע בעשעפענים האָט פון זיין מויל אַרויסגעלאָזען, און דער גאַנצער טאַרטאַרוס האָט געברענט. ענדליך אָבער האָט צעאוס בעזיגט, מיט זיינע בליצען האָט ער די קעפּ פון דעם אונגעהייער פערברענט און דעם שרעקליך גרויסען קערפּער האָט ער אַריינגעוואָרפען אין טאַרטאַרוס.

נאָך דעם, ווי צעאוס האָט געזיכערט זיין הערשאַפט, האָט ער בעשאַפען אַ היבשע צאָהל פון געטליכע וועזענס, וועלכע זאָלען איהם העלפען דורכפיהרען די נייע וועלט־אָרדנונג. זיין ווייב טהעמיס האָט איהם געבאָרען די ה אָ ר ע ן, ד. ה. די געטינס פון וועטער, און די מ אָ י ר ע ן, די שיקזאַלס־געטינס. זיין אַנדערע פרוי ד ע מ ע ט ע ר האָט איהם געבאָרען די פּ ע ר ס ע פ אָ נ ע, ל ע ט אָ האָט איהם געבאָרען אַ פּ אָ ל ל אָ און אַ ר ט ע מ י ס, מ אַ י אָ האָט איהם געבאָרען ה ע ר מ ע ס, זיין לעצטע פרוי ה ע ר אַ האָט איהם געבאָרען: ה ע ב ע, אַ ר ע ס און ה ע פ אֶ ס ט ו ס, און פון זיין אייגענעם קאָפּ איז אַרויס די געטין פּ אַ ל ל אַ ס אַ ט ה ע נ ע. דיזע אַלע האָבען צוזאַמענגעשטעלט די הערשענדע געטער־פאַמיליעס פון צעאוס'ן און זיינען געוועזען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „אָלימפּישע געטער”, ווייל זיי זיינען צום גרעסטען טייל געזעסען אויף דעם באַרג אָלימפּוס נאָר האַדעס מיט פּערסעפאָנע האָבען געהאַט זייער אָרט אין דער אונטער־וועלט, און ווערען דעריבער בעצייכענט מיט דעם נאָמען „אונטערערדישע געטער”. די הערשאַפט פון דער וועלט איז צוטיילט געוואָרען צווישען צעאוס'ן און זיינע ברידער, אַזוי דאָס צעאוס האָט ערהאַלטען דעם הימעל, האַדעס די אונטער־וועלט און פּאָסיידאָן די ימים. איבער דער ערד האָבען אַלע דריי געהערשט, אָבער צעאוס איז דאָ געוועזען דער אויבערהערשער, צוליב זיין גבורה און זיין שכל. דעריבער איז צעאוס אַנערקענט געוואָרען אַלס דער גאָט איבער אַלע געטער.

די אָלימפּישע געטער. ווי מיר האָבען עס שוין פריהער בעמערקט, איז צעאוס געוועזען ביי די גריכען דער העכסטער גאָט, דער גאָט איבער אַלע געטער (ביי די רוימער: י ו פּ י ט ע ר). איידער מען האָט איהם דאָרט בעטראַכט אַלס גאָט פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער זיך נאָר גערעכענט פיר הערשער און פיהרער פון הימעל, פון די העכסטע שיכטען פון דער לופט. זיין טראָן איז הויך אין דער לופט, ער בעשאַפט טעג, יאָהרען און תקופות דורך די בעוועגונג, וואָס ער מאַכט אין דער לופט. פון זיין האַנט קומען שטורם, שנעע און האָגעל. ער שיקט אויך אַראָפּ רעגען, וועלכער בעפרוכטעט די ערד,

די מילדע לופט און דעם ערפרישענדען טוי. אויך דאָס לעבען פון מענשען איז אין זיין האַנט. געזעץ און רעכט שטאַמען פון איהם, און ווער עס פערבייגט דאָס געזעץ ווערט פון איהם שטאַרק בעשטראָפט. אונטער זיין שוץ שטעהען פאָלקס־פערזאַמלונגען, ווי אויך אַלע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען. ער גיט שטאַרק אַכטונג, דאָס ווען אַ מענש גיט אַ שבועה, זאָל ער זי ריכטיג מקיים זיין, און ווער עס איז עובר די שבועה ווערט שטאַרק בעשטראָפט. ער שיצט יעדע פאַמיליע און אַלץ וואָס געהערט צו איהר, און דערפאַר איז אין מיטען פון יעדען הויף געשטאַנען אַן אַלטאַר (מזבח) געווייהעט צו צעאוס'ן און יעדער פאַמיליען־פאָטער האָט אַלס פאַמיליען־פריסטער געאָפּפערט קרבנות אויף דיזען אַלטאַר צו עהרע פון צעאוס'ן.

צעאוס'עס פרוי און שוועסטער איז געווען די געטין, וועלכע איז בעזונדערס פערעהרט געוואָרען אין אַרגאָס און אויף דער אינזעל סאַמאָס. זי האָט געהאָלפען דעם מאַן צעאוס צו רעגירען, זי האָט אויך רעגירט איבער די הימעלס־ערשיינונגען, איבער ווינט, שטורם, דונער און בליץ. אויך דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז געשטאַנען אונטער איהר שוץ. זי האָט אַכטונג געגעבען, דאָס די הייליגקייט און טרייהייט פון דער הייראַט זאָל ניט צושטערט און פעראונרייניגט ווערען, און זי האָט בעשטראָפט יעדעס פערברעכען אין דיזער הייליגער איינריכטונג. דעריבער פלעגט זיך זעהר אָפט מאַכען קריג צווישען איהר און איהר מאַן צעאוס'ן, ווייל ער פלעגט זיך אָפטמאָל ערלויבען צו זינדיגען מיט אַן אַנדערער געטין. דיזע אָפטע קריג זיינען געווען אַ געגענשטאַנד פון הומאָר ביי די אַלטע גריכישע פּאָעטען און שרייבער, וועלכע פלעגען זיך זעהר אָפט לוסטיג מאַכען איבער דעם אַלטען פרויען־יעגער. דערמיט ווערט אויך ערקלערט, וואָרום הערא, וועלכע איז געווען אַ מוסטערהאַפטע עהרליכע פרוי, ווערט אימער פאָרגעשטעלט פון די גריכישע שרייבער אַלס אַן אייפערזיכטיגע און בייזע פרוי. וואָס אַנבעטרעפט די געשטאַלט פון הערא, ווערט זי אימער פאָרגעשטעלט אַלס אַ גרויסע שעהנהייט. איבערהויפּט איז בעריהמט געווען אין דיזער הינזיכט די קאָלאָסאַלע סטאַטוע, וואָס פּאָליקלעט האָט געמאַכט, וועלכע איז געשטאַנען אין הערא־טעמפּעל צווישען אַרגאָס און מיצענע. דאָס געזיכט איז זאַנפט און ערהאַבען, און דריקט אויס די זיטען־שטרענגקייט פון כאַראַקטער. דער בליהענדער קערפּער איז אין אַ לאַנגען איבערטוך געקליידט, נאָר דער האַלז און די אָרעמס זיינען אונבעדעקט. אין מיטען פון קערפּער איז איבער דעם אַן אַנדער קלייד אַריבערגעוואָרפען, וועלכעס איז בעוואוסט מיט דעם נאָמען הימאַטיאָן. הערא'ס קינדער זיינען דער קריגערישער אַ ר ע ס, דער קרומער ה ע פ אַ ס ט ו ס,

און די צוויי טעכטער: העבע, וועלכע האָט געדינט אויף'ן אָלימפּוס צו דערלאַנגען געטרענק צו די געטער, און עילעיטהיא, וואָס איהר פליכט איז געווען צו בעשיצען פרויען אין דער צייט, ווען זיי געהען צו קינד.

איינע פון די העכסטע גאָטהייטען אויף'ן אָלימפּוס, וועלכע איז אויך געווען די שוץ-געטין פון אטהען, איז געווען פּאַללאַס אַטהענע (ביי די רוימער: מינערוואַ), וועלכע איז ארויסגעקומען פון דעם קאָפּ פון צעאוס'ן, ווי מיר האָבען שוין פריהער ערצעהלט. די זאַגע ערצעהלט, דאָס צעאוס האָט פריהער געהייראַט מעטיס (די געטין פון קלוגהייט), וועלכע האָט איהם געדאַרפט געבערען צוויי זעהר קלוגע קינדער, נעמליך אַ טאָכטער אַטהענע, און אַ זוהן, וועלכער זאָל איהם פון טראָן שטירצען און אליין ווערען הערשער איבער דער וועלט. אום צו רעטען זיך פון דיזען אונגליק האָט צעאוס איינגעשלונגען זיין ווייב איידער אַטהענע איז געבאָרען געוואָרען, און נאָכהער האָט ער זיי ארויסגעבראַכט אויף דער וועלט דורך זיין קאָפּ. ווען עס איז געקומען די שטונדע פון געבערען אַטהענע'ן, האָט צעאוס געשיקט העפאַסטוס'ן, דעם גאָט פון די שמידען, יענער האָט איהם מיט אַ האַק דעם קאָפּ צושפּאָלטען און אַטהענע איז ארויסגעשפּרונגען פאָלשטענדיג בעוואָפענט. ברויזענד האָט זי אַ שליידער געטאָן איהר שפּיז, דאָס די ערד און דער ים האָבען אויפגעציטערט, און צעאוס האָט פון גרויס שמחה איבער זיין שטאַרקע און קלוגע טאָכטער אראָפּגעשיקט אויף דער ערד אַ שטאַרקען שנעע-שטורם.

אַטהענע.

אין אָנפאַנג איז אַטהענע געווען גערעכענט אַלס די געטין פון דעם ריינעם בלויען קלאָרען הימעל. נאָך דעם איז זי אָנערקענט געוואָרען אַלס געטין פון קריג און פון דעם גייסטיגען און בירגערליכען לעבען פון מענשען. זי פערשאַפט און געווינט דעם זיג ניט דורך ווילדען טומעל, נאָר דורך קלוגהייט און פאָרזיכטיגקייט. זי איז די ערפינדערין פון אַלע קונסטען — זי האָט ערפונדען דעם אַקער-אייזען; וועבעריי, שפּינעריי, מעדיצין, מוזי-

קאַלישע אינסטרומענטען זיינען אויך איהרע ערפינדונגען. זי איז די בע־שיצערין פון שטעדט און בירגערליכע איינאָרדנונגען. זי גיט אכטונג אויף די ערציהונג פון דער יוגענד, אויף די גערעכטיגקייט פון די ריכטער און אויף די רעגירונג און הערשאַפט איבער מענשען אין אַלגעמיין. דעריבער איז אין פיעלע גריכישע שטעדט איהר בילד געווען געשעצט און געהייליגט. מעהר אָבער, ווי איבעראַל, איז איהר בילד געווען געעהרט אין אַטהען, דער שטאָדט, וועלכע טראָגט איהר נאָמען. דאָ, אין אַטהען, פלעגט מען פייערן איהר צו עהרע אַ גרויסאַרטיגען יום־טוב.

אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור איז הערא פיעל אונטערשטיצט געוואָרען פון העפאַסטוס'ן. דיזער איז געווען דער ערפינדער פון דער קונסט צו בעאַרבייטען מעטאַלען, און איז זעלבסט געווען אַ מייס־טער אַ שמיד. זיינע ווערקשטאַטען זיינען געווען דער בארג אֶטנא און אַנ־דערע פערשיידענע בערג. זיינע אַרבייטער זיינען געווען די ריזיגע ציקלאָ־פען, וועלכע האָבען געמאַכט די בליצען. וואָס אַנבעטרעפט דעם כאַראַק־טער פון העפאַסטוס'ן, איז ער געווען גוטמוטיג, הגם דיזער געטליכער שמיד האָט אָפט געברויכט זיין קונסט מיט ליסטיגקייט (כיטראַסט) אום מענשען צו בעשטראָפען. זיין קערפּער איז העסליך, ווי געוועהנליך ביי שמידען, זיינע פיס זיינען שוואַך און הינקען, אַזוי דאָס ער מוז שטענדיג האָבען אַ שטיצע. דיזען גאָט פלעגט מען עהרען איבערהויפּט אין לעמנאָס און אין אַטהען. אין דיזער לעצטער שטאָדט איז זיין פערעהרונג געווען פערבונדען מיט דער פערעהרונג פון דער געטין אַטהענע און דעם גאָט פּראָמעטהעאוס, וועלכער האָט גערויבט דאָס פייער פון די געטער אין הימעל און האָט עס איבערגעגע־בען צו די מענשען און האָט זיי געצייגט, ווי מען זאָל געברויך מאַכען דערפון. אין דעם פעסט פון דיזען גאָט פלעגט מען אַרומלויפען מיט ברענענדע פאַקלען צום אָנדענקען פון דעם פייער, וואָס ער האָט גערויבט פון הימעל פיר די מענשהייט.

אַפּאָללאָ, דער זוהן פון צעאוס און פון לעטאָ, האָט געהערט הויפּט־זעכליך צום דאָרישען שטאַם. האָמער ערצעהלט ווי לעטאָ, ווען זי האָט גע־דאַרפט געבערען אַפּאָללאָ'ן, האָט געוואַנדערט איבער פיעלע לענדער און האָט ניט געקענט געפינען איין אָרט, וואו זי זאָל איהם קענען געבערען, ווייל זיי האָבען זיך אַלע געשראָקען פאַר דעם מעכטיגען, וואָס האָט געדאַרפט גע־באָרען ווערען. ענדליך איז לעטאָ געקומען נאָך דער אינזעל דעלאָס, וואו די איינוואוינער האָבען איהר ערלויבט איהר זוהן צו געבערען, מיט דער בע־דינגונג, דאָס ער זאָל קיינמאָל די אינזעל ניט פערלאָזען. ווען לעטאָ האָט

געבאָרען אַפּאָללאָ'ן, איז די ערד פול געוואָרען מיט שיין און גאָלדענעם גלאַנץ, אַלע געטינס האָבען זיך געפרייט מיט דעם גליק פון דער מוטער. די געטין טהעטיס האָט איהם געגעבען פון דעם נעקטאַר (געטער־טראַנק) און אַמבראָזיאַ (געטער־שפּייז). דיזעס האָט איהם געגעבען קראַפט, מוט און שענקייט, און ער איז באַלד אַרוים אויף דער וועלט צו גרינדען טעמפּלען און הייליג-



אַפּאָללאָ.

טימער, וואו מען זאָל פעהעהרען זיין נאָמען. פון די אַלע טעמפּלען איז דער טעמפּעל אויף דער אינזעל דעלאָס איהם געווען דער ליבסטער. אין די אַלטע צייטען איז אַפּאָללאָ געווען גערעכענט אַלס דער גאָט פון דער זון, האָמער אָבער רעכענט איהם נאָר אַלס גאָט פון ליכט, און אונטערשיידט

איהם פון העליאָס, דעם גאָט פון דער זון. אַפּאָללאָ בעשטראָפט יעדעס אונ־רעכט און פיר יעדע עברה. ער האָט בעשטראָפט טיטיוס'ן דערפאַר, וואָס ער האָט די געטין לעטאָ פרעך בעהאַנדעלט. ער האָט אַראָפּגעשיקט די פעסט אין גריכישען לאַגער ביי טראָיאַ דערפאַר, וואָס אַגאַמעמנאָן האָט בעליידיגט אַ פּריסטער פון זיין (אַפּאָללאָ'ס) טעמפּעל. אָבער צו די גערעכטע און עהר־

אַרטעמיס.

ליכע איז ער גוט און העלפט אָפט מענשען אין זייער נויט. ער שיקט רפואות צו קראַנקע, ער רעכענט זיך דער פאָטער פון א ס ק ל ע פ י ו ס (דעם גאָט פון מעדיצין). ער איז דער שיצער פון גאַסען און היט די אַריינגאַנגען אין די הייזער, עס זאָל קיין שלעכטס אהין ניט אַריינקומען. מען פלעגט זיין בילד דעריבער אוועקשטעלען אין די טירען און הויפען. די פרוכטען פון די פעלדער

און די חיות פון די וועלדער זיינען אויך געשטאנען אונטער זיין שוץ. אפאללא איז אויך געשטאנען אן דער שפיץ פון די 9 מוזעס: קליא (די געטין פון געשיכטע), קאליאפע (די געטין פון העלדען־געשיכטען), מעלפא־מענע (די געטין פון טראגעדיע), טהאליא (די געטין פון קאמעדיע), עראטא, עאוטערפע, טערפסיכארע, פאליהימניא (די געטינס פון געזאנג, מוזיק, טאנץ), אוראניא (אסטראנאמיע), און דעריבער ווערט אפאללא בעצייכענט מיט דעם נאמען מוזאגעטעס (פיהרער פון די מוזעס). זיין קולט (רעליגיאנס־דינסט) איז פערשפרייט איבער גאנץ גריכענלאנד, און בעזונדערס אין דעלפי און אין דעלאס. דער דארישער שטאם האט זיך אנגעשלאסען הויפטזעכליך אן דעלפי, דער יאנישער שטאם דאגעגען האט אלע פינף יאהר געפייערט גלענצענדע פעסטען און שפילען אויף דער אינזעל דעלאס. דיזע אינזעל האבען די יאניער בעטראכט אלס מי־טעלפונקט פון דעם אפאללא־דינסט. אפאללא איז געוועזען פארגעשטעלט אלס א זעהר שענער יונגער מאן. זיינע געזיכטס־ציגען זיינען שטאלץ און ערהא־בען, זיינע האאר לאנג. דער לייב איז נאקעט, אבער אלס מוזאגעטעס (פיה־רער פון די מוזעס) ווערט ער אויך פארגעשטעלט אין א לאנגען יאנישען קלייד, אזוי דאס מען קען איהם ביים ערסטען בליק האלטען פיר א יונגפרוי. ער טראגט געוועהנליך א שיס־בויגען און פיילען. אלס פיהרער פון די מוזעס טראגט ער אויך א לירע אין די הענט.

אפאללא׳ס שוועסטער איז די יונגפרוי ארטעמיס. זי איז אין איהר אויסזעהן און כאראקטער זעהר עהנליך צו איהר ברודער. די רוימער קענען זי אונטער דעם נאמען דיאנא. זי איז אויך א ליכט־גאטהייט, זי בעשיצט אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען: פיש, ווילדע חיות, הויז־טיערען, קינדער א. אז. וו. זי בעשיצט אויך קעניגרייכען און שטעדט. זי האט איין אייגענשאפט, וועלכע איז ביי איהר ברודער כמעט גאר ניטא: די ליבע צו יאגד. מיט פייל און בויגען לויפט זי דורך די וועלדער און יאגט זיך נאך חיות, וועלכע זי בעשיצט מיט אזוי פיעל זארג. שענע נימפען בעגלייטען זי אויף דער יאגד, אבער זי שטראהלט איבער זיי אלע מיט איהר שלאנקען, הויכען וואוקס און איהרע זעהר שענע געזיכטס־ציגען. אפטער פון אלע בעזוכט זי די וועלדער פון ארקאדיען און די רייך בעוואוינטע טאלען דארט. אין ארקאדיען ווערט זי מעהר פערעהרט, ווי אין אלע אנדערע ערטער. די איינוואוינער פון יענער געגענד האבען זי געהאלטען פיר זייער שטאם־מוטער.

דיזער לעצטער פאקט גיט אונז פיעללייכט א וואונק, ווי מען דארף פערשטעהן די ענטשטעהונג פון די גריכישע געטער און געטינס. וואהר־

שיינליך זיינען זיי געוועזען גרינדער אָדער גרינדעריננס פון געוויסע משפחות, און די אור־עלטערן פון די ערסטע בעוואוינער פון דיזער אָדער יענער געגענד אָדער שטאָדט. מיט דער צייט זיינען דיזע פּערזאָנען פערהייליגט און פער־געטערט געוואָרען. געוועהנליך ווערט אָנגענומען, דאָס די גריכישע געטער זיינען נאַטור־קרעפטען פאַרגעשטעלט אַלס פּערזאָנען.

אין איינינגע ערטער אין גריכענלאַנד פלעגט מען צו אַרטעמיס׳ן בריינ־גען מענשען־קרבנות, ווי צ. ב. אין ספּאַרטאַ. דיזען מנהג האָט דער ספּאַר־טאַנישער געזעץ־געבער ליקורגוס אָפּגעשאַפט, און אָנשטאָט מענשען־קרבנות האָט ער איינגעפיהרט מען זאָל יונגע אינגלאַך שמייסען אויף איהר אַלטאַר ביז בלוט האָט זיך בעוויזען. צו דיזער געטין האָט מען געהייליגט איפיגעניע׳ן, וועלכע איז געוועזען אָנגעשטעלט אַלס פּריסטערין אין איהר טעמפּעל, ווי מיר האָבען עס פריהער ערצעהלט. אין אַנדערע ערטער האָט מען איהר געדינט מיט שרעקליכער אויסגעלאַסענהייט, ווי אין אַזיען צו דער אַסטאַרטע.

פּאָסיידאָן.

אַ זעהר אַלטע גאָטהייט אין גרי־כענלאַנד איז געוועזען פּאָסיידאָן (די רוי־מער האָבען איהם גערופען נ ע פּ ־ ט ו ן). שוין די אור־איינוואוינער פון גריכענלאַנד, די פּעלאַזגער, האָבען גע־דינט צו דיזען גאָט, איבערהויפּט איז ער געוועזען פערעהרט אין פּעלאָפּאָננעז־זוס. ער האָט זיך גערעכענט אַלס דער מעכטיגער הערשער איבער׳ן ים. ער ווערט פאַרגעשטעלט האַלטענדיג אין די הענט אַ דריי־צאָהן (אַ געוועהר מיט דריי שפּיצען), מיט וועלכען ער רעגט אויף דעם ים צום שטורם, דאָס די ערד זאָל ציטערן, און נאָכהער בערוהיגט ער איהם צוריק. זיין וואוינונג איז אין אַ פּאַלאַץ אין טיפען ים, אַ פּאַלאַץ, וואָס שימערט ווי גאָלד. דאָ שטעהען אויך זיינע פערד מיט די גאָלדענע גריוועס און זיין וואָגען, אין וועלכען ער פאָהרט איבער׳ן ים. מעהר פון אַלע אַנדערע חיות ליבט ער דעם פערד, פון וועלכען ער רעכענט זיך אַלס שעפּער. די ווייב פּאָסיידאָן׳ס איז די נימפע אַ מ פ י ט ר י ט ע. ער האָט געהאַט זעהר פיעל קינדער און פיעלע שטעדט רעכנען זיך אַלס אָפּשטאַמענ־דע פון דעם אָדער יענעם פון זיינע זיהן, וועלכע זיינען אָנערקענט געוועזען אַלס די גרינדער פון דער אָדער פון יענער שטאָדט.

דער גאָט פון קריג איז אַ ר ע ס (ביי די רוימער: מ אַ ר ס). דיזער גאָט איז איבערהויפּט געעהרט געווען אין טהעבען, אַטהען און ספּאַרטאַ. אַרעס איז אויך געווען אַ גאָט פון בלוט־ראַכע, און דעריבער פלעגען פאָר־קומען די געריכטס־זיצונגען איבער בלוט־שולד אויף דעם אַרעאָפּאַג (אַרעס־בערגעל) אין אַטהען; דיזער בערגעל איז געווען געהייליגט צו אַרעס'ן, און דאָרט האָט זיך געפונען אַ טעמפּעל פיר איהם. אַרעס איז געווען פערליבט אין אַפראָדיטע'ן, די געטין פון ליבע און שענהייט. דיזע געטין האָט זיך ביי די רעמער גערופען ו ו ע נ ו ס. די זאַגע ערצעהלט, דאָס זי איז גע־באָרען געוואָרען פון ים און דעריבער האָט זי אויך געטראָגען דעם נאָמען „אַפראָגעניאַ" (שוים־געבאָרענע). אַפראָדיטע איז געווען פערליבט אין אַדאָ־ניס, אָבער אַ ווילדער שוויין האָט איהם גע'הרג'עט. אַלס אַפראָדיטע האָט זיך דער־וואוסט דערפון, האָט זי אויפגעזוכט זיין טויטען קער־פער און האָט זיך איבערגע־געבען צו אַן אונענדליכען טרויער. ווען צעאוס האָט ערפאַהרען פון דעם גרויסען טרויער פון זיין טאָכטער אַפ־ראָדיטע, האָט ער אַיינגעאָר־דענט, דאָס אַדאָניס זאָל בלייבען אין דער אונטער־וועלט נאָר איין האַלבען יאָהר און דעם אַנדערען האַלבען יאָהר זאָל ער זיך פרייען מיט אַפראָדיטע'ן און זי מיט איהם. דערפון נעהמט זיך דאָס, וואָס אין אַ גרויסען טייל פון מעבר־אַזיען און נאָכהער אויך אין גריכענלאַנד און אין רוים האָט מען געפייערט אין אָנפאַנג פריהלינג דעם אַדאָניס־פעסט. דעם ערסטען טאָג פון דיזען יום טוב פלעגען די פרויען בעקלאָגען דעם טויט פון אַדאָניס'ן און דעם צווייטען טאָג פלעגט ווערען ששון ושמחה פון זיין ווידער לעבעדיג ווערען. דער זוהן פון אַפ־ראָדיטע'ן איז ע ר אָ ס (אַ מ אָ ר, ק ו פּ י ד אָ), דער גאָט פון ליבע. ער פליהט איבעראַל אויף זיינע גאָלדענע פליגלען און שיסט אַריין אין אַלע הערצער די פיילען פון ליבע. קיין גאָט און קיין מענש קען זיך ניט אויס־

אַפראָדיטע אַלס מעער־געטין.

דרעהען פון די פיילען פון דיזען שטאָלצען אינגעל. ער שיקט זיינע פיילען אַפילו אין דאָס הארץ פון זיין מוטער אַפראָדיטע און פון דעם וועלט־הערשער צעאוס. זיין געליבטע איז פּ ס י כ ע (די זעעלע), וועלכע ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ צאַרטע יונגפרוי מיט פליגלען פון אַ שמעטערלינג. די שטענדיגע בעגלייטערינס פון אַפראָדיטע'ן האָבען זיך גערעכענט די כ אַ ר י ט ע ס (ג ר אַ צ י ע ס), די געטינס פון ליבליכקייט און רייץ, און די ה אָ ר ע ס, די געטינס פון וועטער און צייט.

די לעצטע פון די הימלישע גאָטהייטען איז העסטיא (ו ו ע ס ט אַ). זי איז די געטין פון קיך־פייער און פאַמיליען־לעבען. זי איז די פאָרשטעהערין פון געזעלשאַפטליכע פעראייניגונגען און פון שטאַאטען, און דריבער איז דאָס פריטאַנעאום, דאָס רעגירונגס־געביידע, בע-טראַכט געוואָרען אַלס איהר טעמפּעל און מען פלעגט איהר דאָט בריינגען קרבנות. יעדער פרעמדער, יע-דער ענטלאָפענער און פערפאָלגטער האָט אין איהר טעמפּעל געפונען שוץ און זיכערהייט.



עראָס און פּסיכע.

די געטער פון דער אונטער־וועלט. די גע-טער דעמעטער און הערמעס דינען אַלס איבערגאַנג פון די הימלישע גאָטהייטען צו די אונטערערדישע. דעמעטער (צ ע ר ע ס), די טאָכטער פון קראָנאָס און פון רהעאַ, אַ שוועסטער פון צעאוס'ן, איז די ערד־מוטער און געטין פון נאַטירליכען לעבען אויף דער ערד, איבערהויפּט פון פלאַנצען־לעבען. זי האָט דעם מענשען די תבואה געגעבען, זי האָט דעם אַקערבוי איינגעפיהרט, זי האָט צוגעוועהנט דעם מענשען צו פערשאַפען זיך אַ פעסטען, שטענדיגען אָרט צום וואוינען. זי האָט געגרינדעט אַלע געזעלשאַפטליכע און בירגער-ליכע אָרדנונגען. זי איז פערעהרט געוואָרען מיט אַ בעזונדערער פרומקייט. מען האָט געפייערט צו איהר עהרע פיעלע זאַאט־פעסטען און שניט־פעסטען. איבערהויפּט איז איהר קולט (דינסט) געווען פערברייטערט אין אַטטיקאַ, טהעססעאַליען און סיציליען. איהר טאָכטער איז געווען פּ ע ר ס ע פ אָ נ ע (פּראָסערפּינאַ), אָדער ק אָ ר ע (יונגפרוי). איהר מוטער, דעמעטער, האָט זי געליבט מיט דעם גאַנצען פייער פון אַ מעכטיגען, ריינעם מוטער-הארץ. די זאַגע ערצעהלט, דאָס צעאוס, דער פאָטער פון פּערסעפאָנע, האָט זי פערשפּראָכען אַלס ווייב צו האַדעס'ן, דעם גאָט פון דער אונטער־וועלט,

אהן זעם וויסען פון איהר מוטער, דעמעטער. ביי א גינסטיגער געלעגענהייט האט האדעס די שענע יונגפרוי אוועקגערויבט און האט זי אוועקגעפיהרט אין די אונטער־וועלט. אין גרויס טרויער האט איהר מוטער דעמעטער זי ניין טעג געזוכט, זי האט די גאנצע צייט ניט געגעסען און ניט געטרונקען. אבער איהר זוכען איז געווען אומזיסט, ענדליך האט איהר העליאס, דער גאט פון דער זון, ענטדעקט דעם רויב פון איהר קינד. פון גרויס צארן



דעמעטער.

האט זי אנגעשיקט א הונגער, פון וועלכען די מענשהייט איז געווען אין געפאהר אונטערצוגעהן און די געטער צו פערלירען זייערע קרבנות. צעאוס האט געמוזט צוזאגען, דאס ער וועט פערשפאנע'ן ארויסנעהמען פון דער אונטער־וועלט, אויב זי האט דארט גאר ניט פערזוכט צו עסען. זי האט אבער דארט פערזוכט א גראנאט־עפעל און האט דעריבער געמוזט בלייבען

די פרוי פון האַדעס'ן און איז פערבליבען אַ האַלב יאָהר ביי איהם אין דער אונטער־וועלט, אָבער דאָס אַנדערע האַלב־יאָהר האָט זי געקענט פערברייגגען אויף דער ערד. דיזע זאַגע שטעלט פאָר אין אַ פּאָעטישען בילד דעם וועקסעל פון בליהען און אָפּשטאַרבען אין דער פלאַנצען־וועלט אין ווינטער און זומער.

ה ע ר מ ע ס (ביי די רוימער: מ ע ר ק ו ר) איז געוועזן דער זוהן פון צעאוס'ן און פון דער נימפע מאַיאַ (מוטער). ער האָט אין דער גאַנצער נאַטור און אויך אין מענשען־לעבען אָרדנונג געשאַפען. אָבער אַלס צעאוס איז געוואָרען דער הויפּט־גאָט און אַלע אַנדערע געטער זיינען געוואָרען אונטערטעניג צו איהם, איז הערמעס געוואָרען זיין דינער.

הערמעס.

ער האָט פערלאָרען זיין זעלבשטענדיגקייט און האָט געמוזט טאָן נאָר דאָס, וואָס צעאוס האָט איהם געהייסען און אויפגעגעבען. ער ווערט פאָרגעשטעלט, ווי ער טראָגט אַ שטעקען פון הייליגען האָלץ בעדעקט מיט וואָל, אויף'ן קאָפּ טראָגט ער אַ פלאַכען הוט מיט ברייטע ראַנדען, אויף'ן הוט און אויף די פיס האָט ער קליינע פליגלען. ער איז געוועזן דער העראָלד (שליח) פון די געטער. ער האָט זיך גערעכענט פיר זעהר אַ קלוגען און שלויען. ער איז געוועזן דער בעשיצער פון סוחרים און גנבים. ער רעכענט זיך אויך אַלס דער ערפינדער פון בוכשטאַבען און שפּראַכען. ער האָט בעשיצט אַקערבוי און פיה־צוכט, דעריבער ווערט ער אויך אַלס דער גאָט פון פּאַסטוכער פערעהרט. צו זיינע פליכטען האָט אויך געהערט צו פיהרען די נשמות פון די פערשטאָרבענע צום גאָט האַדעס אין די אונטער־וועלט.

דער הערשער פון דער אונטער־וועלט, ווי מיר האָבען שוין איינינע מאָל געזאָגט, איז געוועזן ה אַ ד ע ס (פּ ל ו ט אָ). די אונטער־וועלט איז אָפּגעטיילט פון דער אויבער־וועלט מיט פערשיידענע טייכען ווי: סטיקס, אַכעראָן, קאָקיטוס, לעטהע, א. אַנד. האַדעס איז געוועזן דער זוהן פון קראָנאָס און רהעאַ. ער איז שרעקליך פערהאַסט צווישען אַלע געטער, ווייל ער רייסט אַרויס די מענשען פון דער ליכטיגער וועלט און האַלט זיי אין דער אונטער־וועלט, וואו עס הערשט אייביגע נאַכט. איידער די מענשען קומען אין די אונטער־וועלט מוזען זיי פריהער אַריבערפאָהרען דעם טייך פון דער אונטער־וועלט, וואָס טיילט

זי אַפּ פון דער אויבער־וועלט. דער שיפער כאַראָן זעצט אריין די נשמות פון די פערשטאָרבענע אין אַ שיפעל און פיהרט זיי אריבער אין די אונטער־וועלט. אָבער ניט אַלעמען פיהרט ער אריבער. די, וואָס זיינען ניט געקומען צו קבורה, בלייבען אויף אימער ביים ברעג פון דעם אונטערערדישען טייך און בלאָנדזען דאָרט אייביג אַרום. די נשמות, וואָס ווערען אריבערגעפיהרט איבער דעם אונטערערדישען טייך, ווערען נאָכדעם צושיקט אין פערשיידענע ערטער, נעמליך די עהרליכע און פרומע געהען אריין אין ע ל י ס י א ו ם (אַ מין גן עדן) און די פערברעכער ווערען אריינגעוואָרפען אין ט אַ ר ט אַ - ר ו ס (אַ מין גיהנום).

האדעס איז געווען זעהר ווייניג געעהרט פון די גריכען צוליב זיין שרעקליכער ארבייט. זיי האָבען זיך אַלע מיה געגעבען צו געפינען אין איהם אויך עטוואָס גוטעס און ניצליכעס פיר די מענשהייט. און זיי האָבען געפונען, דאָס ער מיט זיין ווייב דעמעטער שיקען אַרויס פון אונטער דער וועלט די פלאַנעטען, ווי אויך די ניצליכע און רייכע מעטאַלען, וועלכע ברייגגען דעם מענשען גליק און זעגען. ער איז דעריבער אויך געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פּ ל ו ט אָ, ד. ה. דער רייכער אָדער דער רייכטום־געבער. די רוימער האָבען איהם גערופען פּלוטאָ אָדער ד י ס, וועלכעס איז די לאַטיינישע איבערזעצונג פון פּלוטאָ.

דער אינגסטער צווישען די אָלימפּישע געטער איז ד י אָ נ י ס אָ ס (באַקכוס), דער זוהן פון צעאוס'ן און פון סעמעלע'ן פון טהעבען. איידער דיאָניסאָס איז געבאָרען געוואָרען האָט זיך צעאוס געצייגט צו סעמעלע'ן אין זיין פולען הימלישען גלאַנץ, אין זיין גאַנצער הערליכקייט. פון זיינע בליצען אָבער האָט זיך דאָס הויז פון סעמעלע'ן אָנגעצונדען און פון שרעק פון דעם פייער האָט זי מפּיל געווען, האָט געבאָרען איין אונצייטיגעס קינד און איז געשטאָרבען. צעאוס האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון די פלאַמען און האָט עס צוגענעהט צו זיין אייגענעם קערפּער ביי זיינע היפטען עס זאָל נעבען איהם צייטיג ווערען און דערנאָך אַרוים אויף דער וועלט. מיט ליבע און זאָרג האָבען די נימפעס פון נ י ז אָ, אַ באַרג אין באָאָטיען, דאָס קינד ערצויגען און האָבען עס געהאַלטען אין אַ קיהלער שמעקענדער העהל, און דאָס געטער־קינד איז געוואַקסען דאָרט שען און שטאַרק. נאָך דעם, אַז דאָס קינד איז אויסגעוואַקסען, פלעגט עס אומלויפען מיט די נימפעס צווישען די בערג אין ווילדער לוסט, און צוליב דעם האָט ער געקראָגען דעם נאָמען באַקכוס אָדער בראָמיאָס (ד. ה. דער לאַרם־מאַכער) און די נימפעס, וואָס זיינען מיט איהם צוזאַמען געלאָפען, געשטיפט און געשפּרונגען, האָבען געקריי-

גען דעם נאָמען: די באַקכאַנטינעס, אָדער מאֶנאַדעס. מיט בעגייסטערטען מוט האָט ער דורכגעריזט פיעלע לענדער אום זיין דינסט און זיינע גאבען די מענשען צו איבערגעבען. איבעראַל האָט ער געלערנט די מענשהייט צו מאַכען וויין, אַרויסברייינגען פרוכט און בויען שטעדט. ער האָט בעזוכט דרום-איטאַליען, די אינזלען פון אֶגאֶאישען ים, לעסבאָס, נאַקסאָס, וואו ער האָט געהייראַט אַריאַדנע'ן, אַ שענע געטין מיט וואונדער-בארע לאָקען, נאָכדעם האָט ער בעזוכט טהראַציען, טהעבען, אָרכאָמענאָס, אַטטיקאַ, און האָט נאָך אויך בעזוכט אינדיען. אויף זיינע רייזעס האָבען איהם בעגלייט די באַקכאַנטינעס מיט זייערע ברידער די סאַטירען (וואַלד-געטער), וועלכע זיינען געווען זעהר שלוי, בייז, גראָב און תאוה'דיג. די געשטאַלט פון דיזע געטער איז געווען עהנליך צו אַ באָק און זיי האָבען איבעראַל אַרויסגעוויזען זייערע טיערישע ליידענשאַפטען. מעהר פון אַלע-מען האָט דיאָניסאָס ליב געהאַט דעם סאַטיר סילענאָס, וועלכער איז געווען זיין לעהרער אויף דעם בארג ניזא. סילענאָס איז שטענדיג שכור, אַזוי דאָס מען מוז איהם אימער פיהרען.

ביי אַזאַ פאָרשטעלונג פון דיאָניסאָס איז קיין וואונדער ניט, דאָס דער דינסט צו איהם איז געווען פערבונדען מיט לאַרם, שכרות און ווילדע טענץ. אין אַטטיקאַ פלעגט מען פייערן די פעסטען פון דיאָניסאָס מיט אַלערליי לוסטיגקייטען, טענץ און מאַסקאַראַדען. אין פערשיידענע ער-טער זיינען געווען איינגעפיהרט ווינטער-פעסטען, פריהלינגס-פעסטען, אי-בעראַל מיט דעם זעלביגען לוסטיגען הולטייסקען כאַראַקטער. פון דיזע יום-טוב'דיגע שטיפערייען און פערשטעלעניסען איז שפּעטער ענטשטאַנען דאָס דראַמאַ, די טראַגעדיע און די קאָמעדיע.

צו די דיאָניסישע גייסטער געהערען די צענטאַווּרען. לויט דער זאַגע האָבען זיך דיזע געפונען אין די בערג-וועלדער און זיינען געווען ווילדע ברואים מיט קודלעוואַטע האָאַר. אָבער זייט זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דיאָניסאָס'ן איז זייער ווילדקייט געבראָכען געוואָרען. שטיל און רוהיג און מיט חשק ציהען זיי דעם וואָגען פון זייער גאָט דיאָניסאָס. די צענ-טאַוורען ווערען פאָרגעשטעלט אין בילדער אַלס האַלב-מענש און האַלב-פערד. דאָס נעבענשטעהענדע בילד שטעלט פאָר אַ צענטאַוור געטריבען פון אַ מאֶנאַדע. די הענט זיינע זיינען געבונדען, און די מאֶנאַדע האַלט איהם ביי די האָאָר און מיט די פיס שטויסט זי איהם אין די זייטען און טרייבט איהם צו אַ ווילדער יאַגד. דער בעריהמטעסטער פון אַלע צענטאַוורען איז געווען כ ע י ר אָ ן, וועלכער איז געוואָרען אַ גרויסער געלעהרטער, אי-

בערהויפט אין מעדיצין. די זאגע ערצעהלט, דאס דיזער צענטאוור איז געווען דער לעהרער פון אלע גרויסע און בעריהמטע גריכישע העלדען, ווי אכיללעס, פעלעאוס, יאזאן, מאכאאן א. אנד., וועלכע ער האט געלערנט מע-דיצין, מוזיק, גימנאסטיק און פאראויסזאגען די צוקונפט.

ג. דארישע וואנדערונג און גרינדונג פון גריכישע קאלאניעס.

באלד נאך דעם טראיאנישען קריג זיינען אין גריכענלאנד פארגעקומען גרויסע ענדערונגען. עס האבען זיך נעמליך אנגעפאנגען קריגס-צוגען פון איינצעלנע פעלקערשאפטען, וועלכע ווערען בעצייכענט מיט דעם נאמען „די דארישע וואנדערונג". וואס די אורזאך פון יענע וואנדערונגען איז גע-ווען, קען מען יעצט מיט זיכערהייט ניט זאגען. די היינטיגע היסטאריקער גלויבען, אז דאס זיינען פשוט געווען רויבער-צוגען. די גבורות פון די גרי-כישע העלדען האבען דעם גריכישען פאלק געבראכט פיעל רייכטום. דיזער רייכטום האט אויפגערייצט דעם חשק פון נידריגער שטעהענדע פעלקער. שאפטען זיך אויך רייכטימער צו ערווערבען, ניט דורך אינדוסטריע און אר-בייט, נאר דורך רויבעריי. דעם בעפאלענעם האט מען ניט נאר בערויבט פון זיין פערמעגען, נאר אויך פון זיין פרייהייט; מען האט איהם פערוואנ-דעלט אין א שקלאף, ער האט געמוזט ארבייטען פיר זיין בעזיגער, וועלכער איז שטארקער געווען פון איהם. מיט דיזען אופן האט זיך ענטוויקעלט דער גייסט און שטרעבען נאך מלחמות, דורך וועלכע די זיגער האבען איינגענו-מען גאנצע לענדער, האבען פערוואנדעלט גאנצע פעלקער אין שקלאפען, וועל-כע האבען שווער געארבייט פיר די בעזיגער און האבען זיי רייך געמאכט. עס קען אבער אויך זיין, דאס די אורזאך פון דער וואנדערונג איז איינפאך געווען וואס עס איז די מענשען פון יענע געגענדען ענג געווארען אין זייערע ערטער און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו זוכען אנדערע ערטער, וועניגער בעזעצטע, ווי עס איז געווען מיט דער פעלקער-וואנדערונג אין 4טען יאהר-הונדערט נ. קר.

צוערסט (1123 פ. קר.) האבען די טהעספראטישע טהעססאליער זיך אריינגעריסען אין דאס לאנד, וואס איז געלעגען אויף דעם פענעאוס און פינדוס (בערג), האבען א טייל פון יענער בעפעלקערונג אונטעריאכט און א טייל געצוואונגען צו פערלאזען דאס לאנד און איבערוואנדערן אין אנדערע ערטער. די, וואס זיינען פערבליבען אין לאנד, זיינען פערשקלאפט געווארען. פון די, וואס האבען אויסגעוואנדערט, ווייל זייער שטאלץ האט זיי ניט ערלויבט צו ווערען לייב-אייגענע אדער שקלאפען, זיינען איבערהויפט געווען

די אָ א ל י ע ר. דיזע האָבען אויסגעוואַנדערט אין דאָס לאַנד פון די קאַדמעער און מיניער און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. דיזעס לאַנד האָט דאַן ערהאַלטען דעם נאָמען באָאָטיען. אַן אַנדער שטאַם, די ד אָ ר י ע ר, האָט אויסגעוואַנדערט פון דאָרט און האָט זיך בעזעצט ביי דעם באַרג אָעטאַ, און דעריבער האָט דיזעס לאַנד בעקומען דעם נאָמען ד אָ ר י ס. אָבער די טהעס-סאַליער און באָאָטיער האָבען די דאָריער פון זייער נייעם אָרט אַרויסגע-שטופּט, זיי האָבען געמוזט וואַנדערן ווייטער צו דרום צו און נאָך לאַנגע מלחמות האָבען זיי איינגענומען די פּעלאָפּאָננעזישע האַלב-אינזעל.

די איינוואוינער פון פּעלאָפּעננעזוס, די אַכאָער, וועלכע זיינען פער-טריבען געוואָרען פון אַלע טיילען פון לאַנד אויסער פון אַרקאַדיען, האָ-



צענטאַוור מיט מאָנאַדע.

בען אַרויסגעטריבען די י אָ נ י ש ע בעפעלקערונג פון די נאָרדליכע ברע-גען און האָבען זיך דאָרט בעזעצט, און דעריבער האָט דיזער טייל פון לאַנד געקריגען דעם נאָמען א כ א י א. דערוויל האָבען די דאָריער געמאַכט א בעגאַל אין אטטיקא (1068 פ. קר.), און האָבען זיך שוין גענומען אַטהען איינצונעהמען. פון דיזען אונגליק האָט דיזע שטאָדט דער קעניג קאָדרוס אַרויסגעהאָלפען. אַן אָראַקעל אין דעלפי האָט פאָרויסגעזאָגט, דאָס אין די-זער מלחמה וועלען די יעניגע זיגען, וועמעס קעניג עס וועט פאַלען אין שטרייט. ווען די דאָריער האָבען זיך דערפון דערוואוסט האָבען זיי שטרענג

אנגעזאגט אלע קריגער קיין בייזעס ניט צו טאן דעם קעניג פון אטהען, קאר־דוס׳ן. דער קעניג אבער האט זיך פערשטעלט פיר א פאסטוך און האט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין פרידליכען לאגער. דאס האט ער בכיוון זיך צוקריגט מיט איינעגע פון די קריגס־לייט, און אין דיזער קריגעריי איז ער גע׳הרג׳עט געווארען, ווי ער האט עס אליין געוואונשען. באלד ווי די דאריער האבען זיך דערוואוסט, דאס דער דערשלאגענער פאסטוך איז עס דער קעניג קארדוס, האבען זיי אויפגעגעבען זייער האפנונג צו בעזיגען אטהען און זיינען אוועק צוריק מיט גארנישט, נאר מעגארא איז געבליבען פיר זיי.

די דאריער האבען זיך רעגירט אין די נייע ערטער, וואס זיי האבען איינגענומען, נאך זייערע אלטע געזעצען. זיי זיינען געבליבען איינגעטיילט אין 3 שטאמען, יעדער שטאם אין 10 משפחות (גענטעס). אין איין הינזיכט אבער האט אין זייער לעבען אויף די נייע ערטער אריינגעטרעטען א גרויסע ענדערונג. די שקלאפעריי, וועלכע איז אין זייער פריהערדיגען צושטאנד געווען כמעט אן אונגעוועהנליכע ערשיינונג, איז אין זייערע נייע ערטער צוליב די אונטעריאכונגען פון פערשיידענע עלעמענטען געווארען סיסטע־מאטיש רעגולירט אין דער געזעלשאפט, און איז געווארען איינע פון איהרע הויפט־פונדאמענטען. די יעניגע פון די צוריקגעבליבענע, וואס האבען זיך פרייוויליג אונטערגעגעבען, האבען נאר בעדארפט צאהלען טריבוט צו די בעזיגער, אום ניט צו ווערען פערשקלאפט. די פון די אונטעריאכטע, וואס האבען זיך מיט זייער גוטען ווילען ניט אונטערגעגעבען, זיינען מיט גוואלד פערשקלאפט געווארען. דיזע אונטערדריקונג איז איבערהויפט פארגעקומען אין לאקאניען. אין אנדערע דארישע ערטער, ווי אין קארינטה, סיציאן און מעססעניען זיינען די אונטעריאכטע אדאפטירט געווארען פון די דאריער און זיינען ניט פערשקלאפט געווארען.

די דארישע וואנדערונג איז נאך וויכטיג פיר די געשיכטע פון די גרי־כען דערמיט, וואס זינט דאן האט זיך אנגעפאנגען דער האנדעל ענטוויקלען אין גריכענלאנד, און מיט דעם און דורך דעם זיינען אפגעשאפט געווארען די אלטע געזעצען און די רעגירונגס־ארדנונג און האבען געמאכט פלאץ פיר נייע געזעלשאפטליכע ארדנונגען. דער האנדעל האט געפיהרט צו דער גרינדונג פון נייע קאלאניעס, וועלכע האט זיך אייגענטליך נאך פריהער אנגעפאנ־גען, צוליב דער אויסוואנדערונג פון די פעלקער, וואס די דאריער האבען ארויסגעטריבען. דער צו, ד. ה. צו דער גרינדונג פון קאלאניעס, האבען א סך געהאלפען און מיטגעווירקט אינערע שטרייטיגקייטען פון פערשיידענע פארטייען איבער צופיעל בעפעלקערונג, פעראריםונג, און איבערהויפט איבער

האנדעלס־אינטערעסן; עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאָס אין דער פעריאָדע צווישען דער דאָרישער וואנדערונג ביז עס האָט זיך בעוויזען דער גרויסער געזעץ־געבער סאָלאָן (594 פ. קר.) האָבען זיך געגרינדעט 250 נייע קאָלאָניאל־שטעדט.

די ערסטע גרינדער פון קאָלאָניעס זיינען געוועז די אָעָליער פון באָאָטיען. דיזע האָבען זיך בעזעצט ביי די ברעגען פון קליין־אזיען, אין מיזיען און טראָאַס און אויף די נאָהענטע אינזלען, ווי לעסבאָס און אַנדערע. נאָך זיי האָבען די יאָניער געגרינדעט קאָלאָניעס, צווישען וועלכע עס זיינען געוועז מ י ל ע ט, ע פ ע ס ו ס, פ אָ ק אָ אַ. 12 פון דיזע קאָלאָניעס האָבען זיך פער־בונדען און געגרינדעט דעם „יאָנישען בונד". דיזע אַלע קאָלאָניעס האָבען גע־האָט אַן אַלגעמיינעם טעמפעל, וועלכער איז געוועז געהייליגט צו פּאָסיידאָן און איז געשטאַנען אויף דעם פאָרגעבירג מ י ק אַ ל ע. דאָ האָבען זיי יעהר־ליך געפייערט זייערע פעסטען, און דאָ פלעגען זיי זיך בעראַטען וועגען אַל־געמיינע אינטערעסען פון בונד. צו דיזען בונד האָבען זיך שפעטער צוגעשלאָ־סען ס מ י ר נ אַ, סאַמאָס און כיאָס. ווייטער צו דרום זיינען געלעגען די דאָרישע קאָלאָניעס ה אַ ל י ק אַ ר נ אַ ס ס ו ס, ק נ י ד ע ס און די אינז־לען ר ה אָ ד ו ס און ק אָ ס. צווישען די יאָנישע שטעדט איז מילעט גע־וועז די וויכטיגסטע. זי איז געוועז די גרעסטע האנדעל־שטאָדט, אין איהר האָבען געבליהט קונסט און וויסענשאַפט. די קויפלייט פון פאָקאַאַ האָבען די ערסטע אונטער די גריכען אונטערגענומען ווייטע רייזעס נאָך איטאַליען, גאַל־ליען (פראַנקרייך) און שפּאַניען. ע פ ע ס ו ס האָט זיך ביז די צייטען פון די רוימער גערעכענט פיר זעהר אַ וויכטיגען האנדעלס־פונקט, סמירנאַ איז נאָך עד היום די ערסטע האנדעל־שטאָדט אין דער אַזיאַטישער טערקיי. ניט ווייט פון דיזע שטעדט צו מזרח האָבען זיך געפונען די רייכע געגענדען לידיען און פריגיען, וואו עס זיינען געוועז ענטוויקעלט שטאַרק אַקערבוי און פיה־צוכט. דיזע געגענדען האָבען אַרויסגעגעבען פיעל וויין און אויל, טייערע וואָל פון שאָף און ציגען, וועלכע זיינען אַלע געוועז זעהר וויכטיגע אַרטיקלען פון האַנ־דעל. ק ע ל אָ נ אָ אין פריגיען און ס אַ ר ד ע ס אין לידיען זיינען אויך גע־וועזן בעדייטענדע פונקטען פיר'ן האנדעל.

אין העללעספּאָנט און אויף די ברעגען פון פּראָפּאָנטיס געפינען מיר די קאָלאָניעס אַ ב י ד ו ס, ל אַ מ פ ס אַ ק ו ס, ה ע ר אַ ק ל ע אַ, צ י־צ י ק ו ס, פ ע ר י נ ט ה ו ס, כ אַ ל צ ע ד אָ ן און ב י צ אַ נ ט י ו ם. דאָס מיליטער האָט אויף די ברעגען פון שוואַרצען מעער געגרינדעט מעהר פון הונדערט קאָלאָניעס. מיט דער צייט זיינען געוואָרען נייע שטעדט און אַ ישוב

אויך אין בארבארישע לענדער אונטער דעם איינפלוס פון די גריכען, וועלכע האבען מיט זייער קלוגהייט זיך געשטעלט אין געשעפטס־פערבינדונגען מיט זיי. צווישען דיזע שטעדט זיינען געווען: הערא קלעא, סינאפע, צעראסונט, טראפעצוס, דיאסקוריאס, פאסיס אין קאלכיס, טאנאאיס, פאנטיקאפאאום א. אנד. אין דיאס־קוריאס האבען לויט די בעריכטען פון די אלטע היסטאריקער זיך געפונען אי־בער 300 דאלמעטשערס אלס פערמיטלער צווישען פערשיידענע נאציאנאלי־טעטען, וועלכע זיינען דארט צוזאמענגעקומען וועגען האנדעל. דורך דיזע קאלאניעס זיינען די גריכען געקומען אין פערבינדונג מיט די גרעסטע און וויכטיגסטע האנדעלס־צענטערן פון דער וועלט. זיי האבען אויך געהאט גע־שעפטס־פערבינדונגען מיט די אסט־זעעאישע לענדער און די געגענדען פון דעם אינערן רוסלאנד.

אויף די ברעגען פון טהראציען און מאצעדאניען זיינען געלעגען די האנדעל־שטעדט: אבדערא, אמפיפאליס, סטאגירא, אלינטהעס און פאטיבאא. אויך צו מערב צו האט זיך פערשפרייט די גריכישע קאלאניזאציאן. די קאלאניעס זיינען מעהרסטענס געגרינדעט גע־ווארען פון די אייראפעאישע גריכען. עס איז אבער א גרויסער אונטערשייד צווישען די קאלאניעס, וואס די גריכען פון קליין־אזיען האבען געגרינדעט, און די, וועלכע די אייראפעאישע גריכען האבען געפלאנצט. די קאלאניעס אין מזרח זיינען ווירקליך געווארען גרויסע און וויכטיגע פונקטען פיר דעם וועלט־האנדעל. דיזעס קענען מיר ניט בעהויפטען וועגען די קאלאניעס אין מערב. פון די קאלאניעס אין מזרח האבען זיך דריי זעלבשטענדיג ענטווי־קעלט; די וועסטליכע קאלאניעס האבען זיך אימער איינגעארדענט נאך דעם מוסטער פון דעם מוטער־לאנד מיט אלע שטרייטיגקייטען און פארטייליכקיי־טען ווי דארט.

די ערסטע קאלאניעס זיינען געגרינדעט געווארען אויף די יאנישע אינז־לען. קארצירא, א טאכטער־שטאדט פון קארינטה, איז געשווינד אויפ־געוואקסען און האט באלד אליין געגרינדעט נייע קאלאניעס: אפאללא־ניא און עפידאמנעס. מיט דער צייט זיינען פון דאנען ארויס נייע אונטערנעהמער און האבען געגרינדעט קאלאניעס אין זיד־איטאליען. אין 6טען יאהרהונדערט האבען זיך אין זיד־איטאליען געגרינדעט אזוי פיעלע נייע קאלאניעס פון די גריכען, דאס דיזע לאנדשאפט האט בעקומען דעם נאמען: גרויס־גריכענלאנד. די עלטעסטע פון דיזע קאלאניעס איז גע־ווען קומא. סיבאריס, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר

רייכטום און וואוילטאָג, קראָטאָן, מעטאַפּאָנטום, לאָקרי, רהעגיאום, טאַרענט א. אנד. האָבען זיך געקענט פערגלייכען מיט די ערסטע קאָלאָניעס פון דעם מוטער־לאַנד. מיט אונערמידליכען פליים האָבען די גריכען געשאַפען וואו עס איז מעגליך געווען נייע קינסטליכע האַפענס, זיי האָבען פערוואַנדעלט זומפּיגע ערטער אין בליהענדע פעלדער און האָבען מיט דיזען אופן געשאַפען גרויסע גיטער. אין טאַרענט האָט זיך פעראייניגט דער האַנדעל פון סיציליען און גריכענלאַנד מיט קאָלאָניאַל־שטעדט פון די ברעגען. פישעריי, וואָל־וועבעריי און פורפור־פאַרבעריי האָבען געבראַכט גרויסע פערדינסטען, אַזוי דאָס די שטאָדט טאַרענט איז געוואָרען איינע פון די גרעסטע און בעדייטענדסטע האַנדעלס־פּונקטען פון יענער צייט. צו אַ העכערער שטופע פון ענטוויקלונג אין האַנדעל האָט דערגרייכט די שטאָדט סיראַקוז אין סיציליען ((785 פ. קר.). זי האָט געהאַט איבער אַ האַלבע מיליאָן איינוואוינער. איהר הויפּט־אַרטיקעל פון עקספּאָרט איז געווען געטריידע. צו סיראַקוז האָבען זיך אָנגעשלאָסען די שטעדט: אַגריגענט מיט איהרע רייכטימער אין געטריידע, וויין און אויל, געלאַ מיט איהרע מערקווירדיגע פרוכט־פּלעצער, קאַלאַנאַ, מעססינאַ, סעלינוס, סעגעסטאַ א. אנד. די גרויסאַרטיגע רעסטען פון די אַמאָליגע טעמפּלען און אַנדערע געביידעס, מיט די שען געשטעמפּעלטע מינצען (מטבעות), פּרעכטיגע וואַזעס מיט ערדעלע בעמאָלונגען, וועלכע מען האָט געפונען פון יענע צייטען, וועיזען אויף די פּראַכט און בילדונג פון דיזע גריכישע קאָלאָניעס.

די גריכען האָבען געוואָלט גרינדען קאָלאָניעס אין שפּאַניען, אָבער די קאַרטהאַגער האָבען זיי געשטערט דערין. דאַגעגען האָבען זיי געהאַט גרויס ערפאָלג אין גרינדען קאָלאָניעס אויף דעם צפון־ברעג פון אַפריקאַ, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי זיי האָבען אָנגעקניפּט פערבינדונגען מיט עגיפּטען; די קאָלאָניע, וואָס זיי האָבען געגרינדעט אין 641 פ. קר. אין דער געגענד, וואו היינט געפינט זיך טריפּאָליס, מיט דעם נאָמען צירענע, איז געשטאַנען אויף איין שטופע מיט די גרעסטע שטעדט פון דעם מוטער־לאַנד אין בילדונג, קונסט און פערקעהר פון שיפען. דער אָרט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט רייכע פּראָדוקטען, ווי פערד, רינדער, געטריידע, וויין, אויל, פרוכטען, זאַפרען און האָט פערשאַפט די איינוואוינער גרויסע רייכטימער.

די ווירקונג פון דיזער פערברייטערטער קאָלאָניזאַציאָן איז געווען זעהר גרויס. די קאָלאָניעס האָבען געהאַט גרויס ערפאָלג אין זייערע אונטערנעהמונגען. אַנשטאָט דעם, וואָס אָנפאַנגס האָבען זיי קוים געדעקט זייערע קאָסטען און האָבען קוים געהאַט דאָס נעטיגע צום לעבען, האָבען זיי אין אַ

קורצער צייט געמאַכט די קאָלאָניעס פיר בעריהמטע האַנדעל־שטעדט מיט גרויסע רייכטימער. אַלע גרויסע וועלט־וועגען פיר האַנדעל האָבען דורכ־געקרייצט דורך זייערע קאָלאָניעס אין קליין־אַזיען. דאָ זיינען געווען ענג פערבונדען דער ים־האַנדעל מיט דעם לאַנד־האַנדעל. דורך די צוזאַמענקונפט מיט די קולטור־פעלקער פון דער אַלטער וועלט אין אַזיען האָבען די גריכען פון די קאָלאָניעס אין קליין־אַזיען געלערנט איינפיהרען ביי זיך מאָס, גע־וויכט, האַנדעלס־געזעצען און מאַכען מטבעות, אַ זאַך וואָס איז זעהר וויכטיג צום פערברייטערן האַנדעל. מיר ווייסען, דאָס אין אֶגינאַ (לידיען) האָט מען געמאַכט מטבעות שוין אין 660 פ. קר., ד. ה. מיט 100 יאָהר פריהער איידער אין גריכענלאַנד זעלבסט.

די גריכען זיינען דורך די פערברייטונג פון זייער קאָלאָניזאַציאָן גע־וואָרען געפעהרליכע קאָנקורענטען מיט די פעניציער, און דאָס האָט מיט



סיראַקוזאַ.



מאַססיליאַ.



קראָטאָן.



ביצאַנטיום.

מטבעות פון גריכישע שטעדט.

דער צייט פעראורזאַכט אַ שרעקליכען צוזאַמענשטויס. ביסלאַכווייז האָבען די גריכען אַרויסגעשטופט די פעניציער פון די ערטער, וואו זיי האָבען גע־גרינדעט האַנדעלס־פונקטען אין גריכענלאַנד זעלבסט און אויף די גריכישע אינזלען. די ווירקונג פון די גריכען ביים גרינדען קאָלאָניעס און ביים פער־ברייטען דעם האַנדעל איז זעהר פערשיידען פון דער ווירקונג, וואָס די פע־ניציער האָבען געמאַכט אין דיזער הינזיכט. די פעניציער זיינען געווען די גרעסטע האַנדעלס־לייט אין דער אַלטער וועלט. זיי האָבען קיין גלייכען צו זיך ניט געהאַט אין דיזען פאַך, אָבער זיי זיינען געווען ניט מעהר ווי האַנדעלס־לייט. די גריכען אָבער האָבען איבעראַל צוזאַמען מיט דער גרינ־

דונג פון קאָלאָניעס און דעם פערברייטען פון מסחר אויף פערברייט בילדונג, וויסענשאַפט און קונסט. אין יעדען נייעם אָרט, וואָס זיי האָבען געגרינדעט אַ ישוב, האָבען זיי מיט זיך געבראַכט פון זייער פאַטערלאַנד די זאַמען פון גריכישער בילדונג און האָבען עס גלייך פערפלאַנצט אין דער נייער קאָלאָניע, וואו עס האָט באַלד געבראַכט גוטע פרוכט.

ד. די צייט פון בילדונג פון שטאאטען.

1) ספאַרטאַ.

ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, האָט די וואַנדערונג פון די דאָריער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די געשיכטע פון גריכענלאַנד. וואָרום דיזע וואַנדערונגען האָבען בעשאַפען שקלאַפעריי און דעם האַנדעל, צוויי זאַכען,



מיטילענע.



אטהען.



סאמאס.



קאס.

מטבעות פון גריכישע שטעדט.

וועלכע האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרניש אין אַלטען גריכישען לעבען און האָבען איהם געגעבען אַ נייע ווענדונג. ליידער ווייסען מיר גאַנץ וועניג פון דער אינערער ענטוויקלונג און פון די אומענדערונגען אין דער אַלטער גריכישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג פון יענער צייט. מיר ווייסען מעהר ניט, דאָס די אַלטע אָרדנונג, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף בלוט־פערוואַנדטשאַפט, אויף'ן פאַמיליען־פרינציפ, האָט אויפגעהערט, און אַנשטאָט איהר האָט זיך געגרינדעט דער שטאַאַט. דיזע ענדערונג איז צו בעמערקען ביי אַלע פעלקערשאַפטען פון גריכענלאַנד. אַן אויסנאַהמע פון דיזער רעגעל האָט געמאַכט ספאַרטאַ. ביי איהר האָט זיך פאַרמירט אַ נייע אָרד-

נונג, וועלכע איז געווען א צוזאמענמישונג פון דער אלטער ארדנונג און פון די פרינציפען פון שטאאט. ספארטא איז ניט געווען א ריינע שטאאט-ארגאניזאציאן, ווייל אין איהר איז געווען די שקלאפעריי א גרויסער עלעמענט פון דער געזעלשאפט, און זי האט דעריבער געמוזט האבען א פא-ליציי און א מיליטער-מאכט; זי איז אבער קיין שטאאט אויך ניט געווען, ווייל דער פרינציפ פון דער בלוט-פערוואנדטשאפט האט נאך ביי זיי עקסיס-טירט, ווענינסטענס פיר די ספארטאנער, ווי עס איז קלאר צו זעהן פון דער קאלאניסטישער ארדנונג, וועלכע איז געווען דער הויפט-גרונד פון זייער גע-זעלשאפטליכען לעבען.

מיר האבען שוין פריהער ערצעהלט, דאס די אכאער, וועלכע זיינען בעזיגט געווארען פון די דאריער, זיינען נאך דער אונטעריאכונג געווען צו-טיילט אין 2 קלאסען. איין קלאס איז געווען פערזענליך פריי און האט געהאט איהר אייגענטום, אבער זי האט געמוזט צאהלען שטייער צו די בע-זיגער און האט ניט געהאט קיין אנטייל אין דער רעגירונג. דיזע קלאס איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען ל א צ ע ד א מ א נ י ע ר אדער פ ע ר י א-ק ע ן. צו דיזער קלאס האבען געהערט ניט נאר די ריינע אכאער, נאר אויך געבארענע פון אכאער מיט דאריער. די צווייטע קלאס זיינען געווע: די העלא-טען, ד. ה. די יעניגע אכאער, וועלכע די דאריער האבען מיט גוואלד אונ-טערגעווארפען, אדער די, וואס האבען שפעטער געפרובט זיך בונטעווען גע-גען די דאריער. דיזע האבען פערלארען זייער פרייהייט און מען האט זיי צו-טיילט צו איינצעלנע פאמיליעס פון די דאריער אלס שקלאפען. מען האט ניט געטארט פערקויפען זיי אין פרעמדע לענדער, אדער זיי ערמארדען. אלס געגען-טייל פון די העלאטען זיינען געווען די דאריער, אדער די ס פ א ר-ט א נ ע ר, ד. ה. די איינוואוינער פון דער שטאדט ספארטא, וועלכע זיי-נען געווען דער אדעל. שפעטער איז געווארען דער נאמען ס פ א ר ט א נ ע ר אדער ל א צ ע ד א מ א נ י ע ר א בעצייכנונג פיר דאס גאנצע ספארטא-נישע פאלק, דעם אדעל מיט די שקלאפען צוזאמען.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, דאס די פערשקלאפטע אכאער זיינען ניט צופרידען געווען מיט זייער לאגע; זיי האבען אפטער רעבעלירט, גע-מאכט אויפשטאנדען און האבען געפאדערט מעהר רעכטען און מענשליכע בעהאנדלונג. דיזע אומשטענדען האבען געפאדערט ענדערונגען און נייע גע-זעצען. די בעשטימונגען פון די פליכטען און רעכטען אין ספארטא פיר די ביידע קלאסען — די הערשענדע דאריער און די פערשקלאפטע אכאער — שרייבט מען צו צו ל י ק ו ר ג ' ן (900 פ. קר.).

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס ליקורג איז אַ געשיכטליכע פּערזאָן, ד. ה., דאָס ער האָט ווירקליך עקסיסטירט אין אַ געוויסער צייט און האָט געווירקט אין ספּאַרטאַ אַלס געזעץ־געבער. אָבער זיין פּערזענליכקייט איז אַזוי אַרומ־געוויקעלט מיט זאַגע, דאָס עס איז אונמעגליך די וואהרהייט אַרויסצובעקו־מען. געוועהנליך ווערט ערצעהלט, דאָס ליקורג איז געווען דער ברודער פון דעם באַזילעאוס פּאָלידעקטעס. נאָך דעם טויט פון פּאָלידעקטעס׳ן איז זיין פרוי, די אלמנה, געבליבען מעוברת מיט אַ קינד. ליקורג האָט איבער־גענומען די רעגירונג, אָבער ניט אַלס קעניג, ביז זיין שוועגערין וועט געבערען

די עדעל־הערציגקייט פון ליקורג׳ן.

אַ זוהן. נאָך איידער דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען האָט די אלמנה פון פּאָלידעקטעס׳ן פאָרגעשלאָגען ליקורג׳ן ער זאָל מיט איהר הייראַטען און זי וועט דאָס קינד ערמאָרדען באַלד נאָך דער געבורט. ליקורג האָט דעם פאָרשלאַג ניט אָנגענומען, און האָט געגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל זי שטרענג בעוואַכען און באַלד נאָך דעם, ווי דאָס קינד וועט געבאָרען ווערען, זאָל מען עס צונעהמען פון איהר. ווען ליקורג איז איין מאָל געזעסען ביי אַ מאָהלצייט מיט פיעלע אַדעללייט פון ספּאַרטאַ, האָט מען איהם דאָס קינד

געבראכט. ער האט באלד דאס קינד אנערקענט אלס קעניג (באזילעאוס), און ער איז געבליבען אלס רעגענט ביז דאס קינד וועט אויסוואקסען און וועט זיין אין שטאנד זעלבסט צו רעגירען. זיין שוועגערין, די אלמנה, האט בעשלאסען ראכע צו נעהמען פון ליקורג'ן. זי האט אויסגעטראכט, דאס ליקורג האט די גאנצע געשיכטע מיט'ן ערמארדען דאס קינד אליין בעשאפען אום ער זאל איהם זעלבסט ערמארדען און בלייבען קעניג. אום צו איבערציינען דאס פאלק, דאס די שוועגערין זאגט ליגען, האט ער זיך פרייוויליג אפגעזאגט פון רעגענטשאפט, האט פערלאזען ספארטא און איז אוועק רייזען איבער אנדערע לענדער, און האט געפארשט און געשטודירט די געזעצען און ארדנונגען פון די לענדער, וועלכע ער האט בעזוכט, אום דערמיט נוצען צו ברייגגען זיין פאטערלאנד. דיזע זאגע איז אבער זעהר ווייט פון צו זיין א היסטארישער פאקט, ווייל די הערשער אין יענע צייטען אין ספארטא זיינען ניט געוועזן קיין פירסטען אין דעם שפעטערען זין פון דעם ווארט, און די געשיכטע האט ניט געקענט פארקומען אין יענער צייט, ווי זי ווערט ערצעהלט.

מיר וועלען זיך ניט צופיעל בעשעפטיגען מיט דער לעבענס-בעשרייבונג פון ליקורג'ן, ווייל אונז איז אונמעגליך עטוואס גענויעס און ריכטיגעס וועגען זיין פערזענליכקייט צו וויסען. מיר וועלען דעריבער איבערגעהן צו דער געזעצגעבונג, וועלכע ווערט מיט רעכט אדער אונרעכט צו איהם צוגעשריבען. די צוטיילונג פון דער בעפעלקערונג פון לאקאניען אין 3 קלאסען איז געבליבען ווי פריהער. די בעסטע לענדערייען זיינען געבליבען פיר דעם ספארטאנער אדעל. הגם דאס לאנד האט זיך גערעכענט פיר דאס אייגענטום פון גאנצען פאלק אדער פון שטאאט, איז עס דאך געווען איינגעטיילט פיר די פאמיליעס פון אדעל צו זייער אייגענעם נוצען. נאך דעם טויט פון דעם פאטער פון א פאמיליע, וועלכע האט געהאט אין בעזיץ א געוויסעס שטיק לאנד, איז דער עלטערער זוהן געווארען דער פערוואלטער פון גוט און ער האט געמוזט די גאנצע פאמיליע אונטערהאלטען מיט אלעם נעטיגען. ווען קיין זוהן איז ניט געבליבען, האט א טאכטער גע'ירש'עט דאס רעכט. זי האט אבער געמוזט הייראטען א ספארטאנער, וואס האט זעלבסט קיין גוט ניט. דאס גוט געהט דאן אריבער צו דער משפחה פון זיין פרוי. די גיטער זיינען געוועזן דאס געמיין-אייגענטום פון דער גאנצער קלאס, קיין פריוואט-אייגענטום. ווען איינער פון די ספארטאנישע אדעלליים האט זיך געפונען אין א נויט, האט ער געהאט דאס רעכט זיך צו בענוצען מיט די שקלאפען און מיט דעם איבערפלוס פון אנדערע ספארטאנער אדעלליים.

די צווייטע קלאַס, די פרייע פּ ע ר י אָ ק ע ן, האָבען אויך ערהאַלטען חלקים ערד, אָבער ניט אַזעלכע גוטע, ווי די אַדעלליט פון די דאָריער. דיזע ערד האָבען זיי בעקומען אַרום און צווישען די ספּאַרטאַנישע אַדעללייט, און דאַרום האָבען זיי זיך אויך גערופען ספּאַרטאַנער. אַזוי ווי צום גרעסטען טייל האָט די ערד, וואָס די פּעריאָקען האָבען געקריגען, ניט געקענט גענוג זיין פיר זייער אונטערהאַלט, זיינען זיי געווען געצוואונגען זיך בעשעפטיגען אויסער דעם אַקערבוי מיט האַנדעל און אינדוסטריע. דיזע לעצטע בע-שעפטיגונג האָט זיי פערשאַפט מיטלען צום לעבען אין איבערפלוס. איבער-הויפּט זיינען געווען בעריהמט די לאַקאָנישע גיסערייען פון מעטאַל. פיר זיי-ערע אייגענע אינטערעסען האָבען זיי ערהאַלטען אַ געוויסע זעלבסט-רעגירונג. אויסער דעם האָבען זיי נאָך דער ליקורגישער געזעצגעבונג געהאַט זעהר בע-שרענקטע פּאָליטישע רעכטען. פערבייגעהענדיג מוזען מיר בעמערקען, דאָס די ליקורגישע געזעצגעבונג איז ניט קיין נייע, נאָר אַ מין רעפאָרמע פון דער אַלטער דאָרישער קאָנסטיטוציאָן. די פּעריאָקען האָבען קיין רעכט ניט גע-האַט וועלכעס עס איז אַמט אין דער רעגירונג צו בעקליידען. זיי האָבען קיין שטים-רעכט ניט געהאַט אין די פאָלקס-פערזאַמלונגען, אויסער אין דער פראַ-גע פון קריג און פרידען. דאָך זיינען זיי אימער געווען רוהיגע בירגער, און האָבען גרויס אינטערעס גענומען אין דעם וואוילשטאַנד פון דעם לאַנד, ווייל זיי האָבען דאָך געהאַט געוויסע פרייהייט, וועלכע האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך רייכטום צו שאַפען דורך האַנדעל און אינדוסטריע. הגם עס זיינען אין ספּאַרטאַנישען שטאַאַט געווען נאָר 9,000 אַדעללייט געגען 214,000 העלאָטען אָדער שקלאַפען, האָט דער שטאַאַט דאָך געקענט לאַנג עקסיסטירען, ווייל עס זיינען אויך געווען דאָרט 120,000 פרייע פּעריאָקען, וועלכע האָבען געשטיצט די רעגירונג. דער כלל פון די רוימער: „**divide et impera**" (שפּאַלט אין פּאַרטייען און הערש) איז זעהר פּראַקטיש בענוצט געוואָרען פון די דאָרישע בעזיגער. און דעריבער האָבען זיי געגעבען צו אַ גע-וויסען טייל פון אונטערדריקטע אייניגע פרייהייטען, זיי זאָלען קענען שאַפען רייכטום און דורך דעם האָבען אַן אינטערעס צו שטיצען די רעגירונג פון לאַנד.

די ה ע ל אָ ט ע ן זיינען לויט ליקורג'ס געזעצען געווען שטאַאַטס-שקלאַ-פען, זייער לעבען איז געלעגען אין דער האַנט פון דער רעגירונג. דער ספּאַר-טאַנער אַדעלמאַן האָט עס געהאַלטען פיר אַ בזיון זיך בעשעפטיגען מיט וועלכער עס איז אַרבייט. אַלע אַרבייט אין פעלד און צו הויז האָט געמוזט דער שקלאַף טאָן. פון זיין אַרבייט האָט דער שקלאַף גענאָסען נאָר אַזוי

פיעל, ווי עס איז נעטיג געווען צו זיין אונטערהאַלט, דאָס איבריגע איז אָנ-
געקומען צו זיין הערר. דער שקלאַף האָט אויך געמוזט אַלע הייזליכע ארבייט
פיר דעם הערר טאָן. די לאַגע פון די העלאָטען איז געווען זעהר אַ געדריקטע.
עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דיזע שקלאַפען האָבען געזוכט צו יעדער צייט
אַ געלעגענהייט זיך צו בעפרייען און ווערען זעלבשטענדיגע מענשען. מיר בע-
געגנען אין דער געשיכטע פון ספּאַרטאַ זעהר פיעלע אויפשטאַנדען און בונטען
פון די העלאָטען. מאַנכמאָל איז אַ זייטיגער צופאַל געווען אַן אורזאַך פיר
אַן אויפשטאַנד. אזוי צ. ב. ערצעהלט די געשיכטע פון אַן אויפשטאַנד, וואָס
די העלאָטען האָבען געמאַכט אין דער צייט פון אַ ערד-ציטערנים. אָבער
יעדער אויפשטאַנד איז פערלאָשען געוואָרען מיט דעם בלוט פון די אונגליק-
ליכע העלאָטען. דער שקלאַפען-קריג אין ספּאַרטאַ איז געווען איינער פון
די ביטערסטע מלחמות פיר פרייהייט פון די פערשקלאַפּטע און אונטער-
דריקטע געגען זייערע בעדריקער. עס איז אין גרונד גענומען אין ספּאַרטאַ
געווען אַ שטענדיגער, ניט אונטערבראָכענער שטרייט צווישען בעדריקער און
בעדריקטע. די ספּאַרטאַנער האָבען דעריבער געהאַט דעם גרעסטען מיסטרויען
צו זייערע שקלאַפען, און זיי זיינען שטענדיג געווען אויף דער וואַך געגען זיי.
די ספּאַרטאַנער פלעגען אַלע יאָהר ארויסשיקען אַ געוויסע צאָהל יונגע לייט
אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד שטילערהייד נאָכפּרעגען, אויב עס איז
ערגעץ-וואו דאָ אַ פאָרבערייטונג צו אַן אויפשטאַנד פון די העלאָטען, און די
יונגע לייט האָבען געהאַט דאָס רעכט צו טויטען יעדען פערדעכטיגען שקלאַף.
דיזע צוגען פון די יונגע לייט, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אין
געהיים, האָבען געהייסען ק ר י פּ ט י י ע ן, ד. ה. פערבאָרגענע. די ספּאַר-
טאַנער האָבען בענוצט אַלע בעטרוגען און שפּיצלאַך אום לויז צו ווערען
פון העלאָטען, וועלכע האָבען געשיינט געפעהרליך צו זיין. אזוי צ. ב. האָ-
בען זיי איין מאָל ארייננענאַרט פיעלע יונגע העלאָטען אין אַ טעמפּעל מיט
דעם צוזאָג, אַז דאָרט וועלען זיי בעקומען דאָקומענטען פיר זייער בעפרייאונג,
און דאָרט האָט מען זיי אַלע ערמאָרדעט. די ספּאַרטאַנער האָבען די העלאָטען
ניט ערלויבט צו טראָגען קיין געוועהר. אין קריג איז נאָר געווען ערלויבט
זיי צו בעוואָפנען מיט לייכטע כלי-זין, אָבער ניט מיט אַ שווערד. אין אַ
מלחמה אויף'ן ים האָט מען זיי נאָר בעשעפטיגט אַלס רודערער פון די
שיפען.

די פּ אָ ל י ט י ש ע מ אַ כ ט האָט ליקורג געלאָזען אזוי, ווי די גענ-
טיל-פערפאַסונג (ד. ה. פערפאַסונג פון משפחה און שטאַם) האָט זי ענטווי-
קעלט. די וויכטיגסטע פּאָליטישע מאַכט דאָט געבילדעט די פאָלקס-פערזאַמ-

לונג, אין וועלכער עס האָבען געקענט נעהמען אָנטייל נאָר ספּאַרטאַנער פון דעם עלטער פון 30 יאָהר און העכער, די פערזאַמלונגען פלעגען פאָרקומען אַלע מאָנאַט אין צייט פון ניי־מאָנד (ראש חדש) אונטער דעם פרייען הימעל. די פערזאַמלונג האָט אָנגענומען אָדער פערוואָרפען געזעצען, וואָס דער ראַט האָט פערגעשלאָגען, האָט בעשטימט בעאַמטע און בעשלאָסען איבער קריג און פרידען. אויב עס איז אין דיזע פערזאַמלונגען ערלויבט געווען צו האַלטען רעדעס און צו דעבאַטירען איבער פאָרשלאָגען, ווייסען מיר נים. נאָר דאָס ווייסען מיר, אַז עס איז געווען ערלויבט צו געזאַנדטע פון אַנדערע מדינות רעדעס צו האַלטען אין דיזע פאָלקס־פערזאַמלונגען. די פאָרזיצענדע פון

ערד־ציטערנים און אויפשטאַנד אין ספּאַרטאַ.

דיזע פערזאַמלונגען זיינען געווען די קעניגען אָדער דער ראַט, און שפּעטער אויך די עפאָרען (מאַגיסטראַטען).

די רעגירונג איז געווען אין די הענט פון דעם ראַט, וועלכער האָט אין ספּאַרטאַ געטראָגען דעם נאָמען גערוסיא, ד. ה. דער ראַט פון די זקנים (סענאַט). די גערוסיאַ איז בעשטאַנען פון די פאָרשטעהער פון די ספּאַרטאַנישע משפחות. ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט זיינען אין ספּאַרטאַ געווען 3 שבטים (היללער, דימאַנען און פאַמפילען), יעדער שבט איז בעשטאַנען פון 10 אָבעס (משפחות). דעריבער זיינען אין דער

גערוסיא געווען 30 זקנים אָדער געראָנטען. פון דיזע 30 געראָנטען זיינען צוויי ערוועהלט געוואָרען אַלס אָנפיהרער אָדער קעניגען. יעדער פון די גע־ראָנטען האָט געמוזט אַלט זיין ניט וועניגער פון 60 יאָהר. זייער פליכט איז געווען צו בעשליסען און צו בעראָטען איבער אַלע פאַרשלאָגען, וואָס וועלען געמאַכט אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג. די גערוסיא איז אויך געווען דאָס העכ־סטע געריכט צו אורטיילען איבער פערברעכענס, וועלכע קענען בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט אָדער מיט פערלוסט פון עהרען־רעכט. זיי האָבען אויך גע־האַט צו זאָגען איבער די זיטען פון די אָבעס.

ווי מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, זיינען די ספּאַרטאַנישע קעניגען, וועלכע זיינען אימער געווען צו צוויי, געווען ניט מעהר ווי פאָרשטעהער פון א גענס (משפחה). דאָס קעניגטום איז אימער געבליבען אין די זעלביגע גענטעס (משפחות), נעמליך אין די גענטעס פון די אַגידען און אין די גענטעס פון די עוריפאָנטידען. די פליכטען פון די קעניגען זיינען אימער נאָר געווען מיליטערישע; אויסער דעם האָבען זיי נאָך געהאַט געוויסע עהרען־רעכטען, ווי צ. ב. צו זיין פאָרזיצענדע אין דער גערוסיא א. אנד. אין דער פערוואַלטונג האָבען זיי אָבער ניט געהאַט די קלענסטע מאַכט.

די ליקורגישע געזעצגעבונג האָט אויך רעגולירט די קינדער־ערציהונג און דאָס פריוואַט־לעבען פון די ספּאַרטאַנער. אַלע דיזע פאָרשריפטען זיינען געווען געריכטעט געגען דער שקלאַפען־מאַסע, פאַר וועלכער די ספּאַרטאַנער האָבען אימער מורא געהאַט, און געגען וועלכער זיי האָבען אימער געוואָלט זיין גרייט מיט א שטאַרקער מיליטערישער מאַכט. די ספּאַרטאַנער האָבען גע־מוזט שטענדיג זיין גרייט צום קאַמף מיט די אימער אונרוהיגע העלאָטען, און דעריבער האָבען זיי געמאַכט אַלערליי געזעצען, וועלכע זאָלען רעגולירען דאָס פריוואַט־לעבען פון די העלאָטען, אום זיי זאָלען זיך אימער געפינען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. ווען א אינגעל איז געבאָרען געוואָרען האָט די רעגירונג בעדאַרפט ענטשיידען זיין עקסיסטענץ. שוואַכע און פערקרי־פּעלטע קינדער האָט מען ניט געקענט געברויכען, מען האָט זיי דעריבער אי־בערגעלאָזען אויף דעם באַרג טאַיגעטוס, וואו ווילדע חיות האָבען זיי אויפגע־פרעסען. נאָך דעם, ווי קינדער זיינען אַלט געוואָרען פולע 7 יאָהר, זיינען זיי אַריינגעבראַכט געוואָרען אין אַן ערציהונגס־אַנשטאַלט פון דער רעגירונג. די אינגלאַך זיינען דאַמאָלס געוואָרען איינגעטיילט אין קלאַסען און ערצויגען פון בעזונדערע אויפזעהער. מען האָט די קינדער דאָרט בעשעפטיגט יעדען טאָג מיט קערפּערליכע איבונגען און מאַרשירען. דערמיט איז געווען בעצוועקט צו ערציהען שטאַרקע, אָפּגעהאַרטעטע, קריגערישע בירגער. מען פלעגט זיי געבען

זעהר שלעכטע שפּייז און דערצו זעהר ווייניג, אזוי דאָס זיי זיינען אָפּטער געצוואונגען געווען צו גנב'ענען אום צו שטילען דעם הונגער. עס איז זיי געווען ערלויבט דאָס צו טאָן נאָר מיט דער בעדינגונג, דאָס מען זאָל זיי ניט כאַפּען. ווער עס איז אָבער ניט געווען קלוג גענוג צו גנב'ענען אזוי אַז מען זאָל איהם ניט כאַפּען, האָט בעקומען אַ שטראָף. זייער קליידונג איז געווען איין איינפאַכעס אונטער-קלייד. אויף די פיס האָבען זיי גאָר קיין שיך ניט געטראָגען. געשלאָפען האָבען זיי אויף היי אָדער שטרוי, אָדער אויף שילף-ראָהר, וועלכעס זיי האָבען זיך אַליין געמוזט פערשאַפען פון דעם טייך עוו-ראָטאָס. זיי זיינען געווען אָפּגעהאַרטעט געגען קערפּערליכע שמערצען. מען פלעגט זיי אַלע יאָהר אין פייערטאָג פון דער געטין אַרטעמיס שמייסען ביז בלוט איז גערונגען פון זייערע קערפּערס; אייניגע פון זיי פלעגען אויף'ן אָרט פאַלען טויט און קיינער האָט אַפילו קיין קול ניט אַרויסגעלאָזען, וואָס זאָל צייגען זיין שמערץ.

מיט אַזעלכע קערפּערליכע איבונגען איז פיר גייסטיגע בילדונג געבליבען זעהר ווייניג צייט. זיי האָבען זייער צייט פערבראַכט אין לערנען אַ ביסעל זינגען און אויסלערנען זיך לידער צו די געטער. מען האָט שטאַרק געפאָדערט פון יונגע לייט, זיי זאָלען אָפּגעבען כבוד דעם לעהרער און אַלטע לייט, און זאָלען צוהערען, ווען זיי רעדען איבער די אַנגעלעגענהייטען פון שטאַאַט און וועגען די פליכטען פון די בירגער. די ספּאַרטאַנער אָדער לאַקאָניער האָבען זעהר פיינד געהאַט צו רעדען פיעל. זיי האָבען גערעדט אזוי קורץ און שאַרף, דאָס זייער אַרט פון אויסדריקען זיך איז געוואָרען שפּריכווערטליך. מיר וועלען ברייננען אייניגע ביישפּילען פון זייערע קורצע אויסדריקען:

אַ פרעמדער, וואָס איז געקומען אין ספּאַרטאַ, האָט געפרעגט דעמאַראַ-טוס'ן: „ווער איז דער בעסטער ספּאַרטאַנער?" יענער האָט איהם געענט-פערט: „דער, וועלכער איז אַם ווענינגסטען עהנליך צו דיר". אַן אַטהענער האָט גערופען די ספּאַרטאַנער „אונגעלערנטע". „ריכטיג", האָט איהם אַ ספּאַרטאַנער געענטפערט, „ווייל פון אַלע העללענען (גריכען) זיינען מיר די איינציגע, וואָס האָבען פון אייך קיין שלעכטעס ניט געלערנט".

אַ פרעמדער האָט געוואָלט האַלטען אַ לאַנגע לויב-רעדע וועגען הער-קולעס'ן, האָט איהם אַ ספּאַרטאַנער געפרעגט: „ווער טאַדעלט איהם דען"? אַ ספּאַרטאַנישע מוטער האָט געזאָגט צו איהר זוהן פאַר זיין אַוועקגעהן צום שלאַכט-פעלד: „מ י ט אָדער א ו י ף דעם שילד" (מ י ט דעם שילד הייסט זיגען, א ו י ף דעם שילד הייסט ברייננען אַ געהרג'עטען, אָבער קו-

מען אָ ה ן דעם שילד, ד. ה. ענטלויפען פון שלאַכט-פעלד און אַוועקווארפען דעם שילד, איז געווען אַ שאַנדע, אַ צייכען פון פייגהייט).

אויך פרויען זיינען אין ספּאַרטאַ ערצויגען געוואָרען אויף דיזע אַרט. זיי האָבען געוואוסט פון דעם פּרינציפּ, דאָס נאָר שטאַרקע קענען געבערען שטאַרקע. דעריבער האָט מען אַ מיידעל ניט געלאָזען שפּינען, וועבען און טאָן אַנדערע עהנליכע אַרבייטען, וועלכע שוואַכען אָפּ דעם קערפּער, און מען האָט אַזעלכע אַרבייטען איבערגעגעבען צו די שקלאַפינס. די מיידלאַך האָבען געטראָגען לייכטע קורצע קליידער און פלעגען זיך שפּילען אין באַל, טאַנצען, לויפען. דערביי פלעגען אַנוועזענד זיין מענער און יונגע לייט, וועלכע פלעגען לויבען די, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט, און געטאַדעלט די, וואָס זיינען געווען אונפעהיג. ביי די גימנאַסטישע און אַנדערע איבונגען און שפּילערייען פון מענער פלעגען זיין מיידלאַך און פרויען און אויך אויסדריקען זייער ביפאַל אָדער טאַדעל.

אַלע יונגע לייט און מענער זיינען געווען פערפליכטעט צו שווערע איבונגען, ווייל יעדער ספּאַרטאַנער האָט געהערט צו דער גאַנצער נאַציאָן. זיי האָבען געמוזט עסען צוזאַמען צו 15 פּערזאָן ביי איין טיש. יעדער ספּאַרטאַנער האָט בעקומען פיר זיין אונטערהאַלט 33 קוואַרט גערשטען-מעהל, 19 מאָס וויין, 5 פונט קעז, 2½ פונט פייגען און אַ ביסעל געלט צו דעקען די נעטיגע בעדערפניסען. ווער עס איז דאָס ניט געווען אין שטאַנד, איז געווען אויסגעשלאָסען פון אַלגעמיינעם טיש. אַלס אַן ענטשולדיגונג פיר ניט אַנטייל נעהמען אין דעם אַלגעמיינעם טיש האָט נאָר געקענט דינען דער צופאַל פון ברייגנען אַ קרבן אָדער בעשעפטיגונג אויף דער יאַגד. אין דיזען פאַל אָבער האָט דער פעהלענדער פון אַלגעמיינעם טיש געמוזט צושיקען צו די מאָהלצייטען אַ טייל פון דעם קרבן אָדער פון דער יאַגד. דאָס הויפט-געריכט ביי דיזע מאָהלצייטען איז געווען די בעוואוסטע „שוואַרצע זופּ", וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פון שוויינען-פלייש, בלוט, זאַלץ און עסיג.

איידער דער ספּאַרטאַנער האָט ערפילט זיין מיליטער-דינסט, האָט ער ניט געטאָרט פערלאָזען דאָס פאָטערלאַנד. איבערהויפּט איז ניט גרינג געווען פיר דעם ספּאַרטאַנער צו האָבען וועלכע עס איז בעריהרונג מיט אויסלאַנד, ווייל דאָס איז געווען געגען דעם פּרינציפּ פון דער ספּאַרטאַנישער רעגירונג. אויך איז עס געווען שווער פיר דעם ספּאַרטאַנער צו מאַכען געשעפטען מיט אויסלאַנד, ווייל עס איז געווען פערבאָטען פון דעם געזעץ צו האָבען קופּערנע, זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. מיר מוזען דאָ בעמערקען, דאָס געוועהנליך שרייבט מען צו צו ליקורג'ן אַלע ספּאַרטאַנישע געזעצע, וועלכע ווייכען

אַפּ פון די געזעצען פון די אַנדערע גריכישע שטאַאטען, הגם אין גרונד גע-נומען שטאַמען זיי ניט פון ליקורג'ן.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, דאָס ביי אַזאַ סאָרט לעבען איז פיר די ספּאַרטאַנער אַ מלחמה געווען אַ פערגניגען. ווען דער ספּאַרטאַנער איז געגאַנגען צום שטרייט האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טייערע פּורפּור-קליידער, זאַכען, וואָס אין צייט פון פרידען איז איהם ניט ערלויבט געווען צו טראָגען. דערביי האָט מוזיק געשפּילט און מען האָט געזונגען. אויך דאָס לאַגער-לעבען איז געווען פיעל פרייער און פרעהליכער. דער רויב אין מלחמה-צייט האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך זאַכען פון לוקסוס, און זיי האָבען אין דיזער צייט גאָר פערגעסען דאָס שטרענגע מעסיגע לעבען פון דער היים. ווער עס האָט געשטריטען ווי אַ העלד און איז געפאַלען אין שטרייט, האָט מען איהם געגעבען פערשיידענע קראַנצען אָדער מען פלעגט איהם בעגראָבען אין פּורפּור-קליידער. דער פּייגלינג, דער שרעקעדיגער, וועלכער איז ענטלאָפען פון שלאַכטפעלד, איז געווען אַזוי פעראַכטעט, דאָס מען האָט איהם צום אַלגעמיינעם טיש ניט צוגעלאָזען, קיינער האָט ניט גע-וואָלט מיט איהם מיטשפּייזען, מען האָט איהם קיין זאַך ניט געוואָלט פער-קויפען, אָדער עטוואָס פון איהם קויפען.

מיר זעהען דערפון, דאָס די ליקורגישע געזעצען האָבען דאָס ספּאַרטאַני-שע פאָלק פערוואַנדעלט אין אַ קאַסטע קריגער און די אונטעראָכטע פעלקער אין אַ מאַסע שקלאַפען. די קריגער זיינען אימער געשטאַנען אויף דער וואַך צו האַלטען די שקלאַפען אין געהאָרזאַמקייט. וועגען דעם הייראַט-צושטאַנד און ספּאָרטס (שפּילען) גיט אונז דער פאָלגענדער געשפּרעך צווישען אַ פרעמ-דען און אַ ספּאַרטאַנער דעם ריכטיגען בעגריף. אַ פרעמדער האָט אַ מאָל געפרעגט אַ ספּאַרטאַנער: „ווי ווערען אונטרייע מאַן און ווייב בעשטראָפט אין ספּאַרטאַ ?"—„ביי אונז זיינען ניטאָ קיין אונטרייע מענער און פרויען", האָט איהם דער ספּאַרטאַנער געענטפערט: „אָבער ווען עס טרעפען זיך דאָך אַזעלכע, דאַן מוז ער אָדער זי אַלס שטראָף געבען אַן אָקס, וועלכער זאָל זיין העכער פון דעם הויכען בארג „טאַיגעטוס". האָט דער פרעמדער געזאָגט: עס איז דאָך אונמעגליך אַזאַ אָקס צו בעקומען". „אַזוי איז עס אונמעגליך אין ספּאַרטאַ צו געפינען אונטרייע מאַן און ווייב", האָט דער ספּאַרטאַנער געענטפערט. יעדערער האָט לייכט געקענט קריגען ערלויבניס ביי אַ ספּאַר-טאַנער צו האָבען פערטרויטען אומגאַנג מיט זיין פרוי.

לאַנגזאַם איז די צאָהל פון די שקלאַפען געוואַקסען און האָט מיט דער צייט דערגרייכט אַ זעהר הויכע צאָהל. די פעריאָקען האָבען געהאַט דאָס

רעכט אריינצוטרעטען אין די ארמעע, אבער האבען קיין רעכט ניט געהאט וועלכעס עס איז אמט צו בעקליידען. דאס האט געפיהרט דערצו, דאס די מעהרהייט האט אנגעפאנגען צו דענקען וועגען שטירצען די הערשאפט פון די ספארטאנער. עס איז ווירקליך אין א געוויסען פייערטאג אזא פארשלאג גע-מאכט געווארען. נאר דער פלאן איז ענטדעקט געווארען איידער ער האט געקענט פערווירקליכט ווערען. אבער ווי וויט די צאהל פון אונצופרידענע געגנער איז געווען גרויס און שטארק בעווייזט דער פאקט, דאס די ספארטא-נער האבען ניט געוואגט דעם שולדיגען צו בעשטראפען.

די ספארטאנער האבען געזעהן און פערשטאנען די געפאהר, וואס זיי שטעהט פאר, און האבען צוגעטראכט א מיטעל געגען דער געפאהר. אלס כ ע י ל א ן איז אין יאהר 580 פ. קר. ערוועהלט געווארען צו דער ראטס-פערזאמלונג, האט ער פארגעשלאגען מען זאל ערוועהלען 5 ע פ א ר ע ן (מאגיסטראטען) און מען זאל זיי געבען א בעשרענקטע מאכט, און אפילו די 300 געוועהלטע קריגער, איבער וועלכע דער קעניג אליין האט געהאט צו זאגען, זאלען זיין אונטערוואָרפען אונטער זייער מאכט. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען פון דער הערשענדער קלאס, וועלכע האט דעם פאר-שלעגער אנערקענט פיר דעם קלוגסטען געזעץ-געבער נאך ליקורג׳ן. די אונ-טערדריקטע קלאסען אבער האבען איהם גערעכענט אלס דעם גרעסטען טי-ראן און אונטערדריקער. די עפארען האבען זייער פליכט טריי ערפילט. זיי האבען אונמענשליך בעהאנדעלט די העלאטען און די פעריאקען, פיר יעדע קליינינקייט האבען זיי זיי געגעבען די גרויזאמסטע שטראפען, אפילו דער קלענסטער פערדאכט איז גענוג געווען איינעם פון זיי מיט׳ן טויט צו בעשטראפען. די עפארטען האבען געהאט דאס רעכט אפילו די קעניגען אנ-צוקלאגען און זיי ארונטערצוזעצען, זיי האבען אויך געוואכט איבער דעם ראט. זיי האבען געהאט דאס רעכט די פאלקס-פערזאמלונג צו בערופען און צו שטימען איבער וויכטיגע זאכען. זיי האבען געהאט שטימרעכט אין קריגס-ראט. מיט איין ווארט, עס האט זיך אויסגעבילדעט אין ספארטא א פאלקאמענע שטאאטס-איינריכטונג און ארדנונג מיט א דעספאטישער מאכט.

פון דיזער קורצער בעשרייבונג פון דער מאכט פון די עפארען איז לייכט צו זעהן, דאס די יעניגע היסטאריקער, וועלכע כאראקטעריזירען זיי אלס א דעמאקראטישע מאכט, וואס האט געהאט צו בעשיצען די רעכטען פון פאלק געגען די הערשאפט פון די קעניגען, איז פאלש, דורכאויס געגען דער ווירקליכקייט. ווייל די אונבעגרענצטע רעכטען, וואס מען האט געגעבען די עפארען צו שאפען איבער דאס לעבען פון די העלאטען און פעריאקען איז שוין

גאַר ניט דעמאָקראַטיש. אויך איז ניט דעמאָקראַטיש דאָס רעכט, וואָס זיי האָבען געהאַט יעדען פּערדעכטיגען ספּאַרטאַנער אָהן בעווייז צו אַרעסטירען און אפילו צו פּעראורטיילען. די ספּאַרטאַנער, וועלכע האָבען זיך געריהמט, דאָס זיי פאָלגען נאָר דעם געזעץ — ווי אזוי האָבען זיי געקענט דולדען די אונבעשרענקטע מאַכט פון די עפאָרען, וועלכע זיי האָבען אלע יאָהר זעלבסט ערוועהלט? ניט אדערס, ווייל זיי האָבען בעדאַרפט האָבען די אונבעשרענקטע מאַכט צו אונטערדריקען די העלאָטען און פּעריאָקען, פאַר וועלכע זיי האָבען אַנגעפאַנגען שטאַרק מורא צו האָבען. אָהן צווייפעל זיינען די עפאָרען געווען ניט די בעשיצער פון די רעכטען פון פאָלק, נאָר זיינען געווען געזעצט צו דריקען די פערשקלאַפטע העלאָטען, אַפּנעהמען ביי זיי יעדע האָפנונג ווען עס איז צו ווערען פריי, זייערע הענט אין שטאַרקע קייטען צו שמידען און צובינדען זיי אויף עוויג צו די שטאָלצע ספּאַרטאַנער.

די מעססעניִשע מלחמות. א קורצע צייט נאָך ליקורג'ן האָבען די ספּאַרטאַנער אונטערוואָרפען אונטער זייער מאַכט די לאַקאָנישע בעפעלקערונג, וועלכע איז נאָך געבליבען ביז דאַן פריי. באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעפאַנגען א לאַנגע מלחמה מיט די מעססעניער, וועלכע האָבען געוואוינט אין מערב־זייט פון דעם באַרג טאַיגעטוס. דיזע מלחמה האָט זיך געצויגען 19 יאָהר, פון 743 ביז 724 פ. קר., און זי איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען: „דער ערסטער מעססעניִשער קריג". וועגען דיזען קריג זיינען ניטאָ קיין געוויסע געשיכטליכע דאָקומענטען, אלץ וואָס מיר ווייסען פון איהם, איז נאָר פון זאַגעס און לידער. און דעריבער וועלען מיר אויך וועגען איהם ניט צופיעל ריידען. די אורזאַך פיר דיזען קריג זיינען געווען די אָפטע שטרייטיגקייטען צווישען די איינוואוינער ביי די גרענצען. די ספּאַרטאַנער האָבען אימער בעזיגט די מעססעניער אין זייערע קליינע שטרייטיגקייטען, זיי האָבען אפילו אויך איינגענומען די מעססעניִשע פעסטונג **איטהאָמע** און האָבען זי צושטערט. די מעססעניער האָבען פערלאָרען זייער פּאָליטישע פרייהייט, און זיינען געווען געצוואונגען אלע יאָהר געבען צו ספּאַרטאַ א העלפט פון די תבואות, וואָס זיי האָבען אראָפּגענומען פון זייערע פעלדער. פיעלע פון די מעססעניער האָבען אויפגעגעבען זייערע פעלדער און האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך רהעגיום אין אונטער־איטאַליען.

דער צווייטער מעססעניִשער קריג האָט געדויערט 17 יאָהר, פון 685 ביז 668 פ. קר. אין אָנפאַנג פון דעם קריג האָט עס אויסגעוויזען, דאָס די מעססעניער וועלען ענדליך בעפרייט ווערען פון זייער יאָך. אונטער דער פיהרונג פון זייער קליגען און אונערשראָקענעם העלד **אַריסטאָמענעס** האָבען

זיי איינגענומען אייניגע פעסטונגען, אזוי דאס די ספארטאנער האבען פער-לארען דעם מוט און האבען געבעטען מאכען שלום. אבער אונערוואַרטעט האבען זיך די אומשטענדען געענדערט. דיזע ענדערונג האבען זיי געהאט צו פערדאנקען א שוהל-לעהרער, א געוויסען פאעט ט י ר ט א א ו ס. דיזער טירטאאוס איז אנגעקומען צו די ספארטאנער אלס קריגס-מאן מיט א צופאל. די געשיכטע איז אזוי געוועזן. די ספארטאנער האבען געבעטען ביי די אטהענער, זיי זאלען זיי צושיקען א געניטען קריגס-מאן, וואס זאל שטעהן אן דער שפיץ פון זייער ארמעע און פיהרען די שלאכט. די אטהענער האבען צוגעשיקט צו זיי א שוהל-לעהרער פון אפידנא, וועלכער איז קיינמאל ניט געוועזן קיין פיהרער אין א שלאכט. דיזער לעהרער איז געוועזן א גוטער פאעט, און ער האט מיט זיינע טרויעריגע שלאכט-לידער און קריגס-לידער אזוי שטארק בעגייסטערט די קריגער פון ספארטא, דאס זיי האבען געוואונען די שלאכט. דער מעססענישער העלד אריסטאמענעס איז געפאנגען גע-ווארען מיט נאך פיעלע פון די מיליטער-בעאמטע, און זיי זיינען אלע אריינגעווארפען געווארען אין טיפען אפגרונד. אלע אנדערע, וואס זיינען אריינגעווארפען געווארען, זיינען אויף'ן ארט דער'הרג'עט געווארען, נאר אריסטאמענעס איז גאנץ געבליבען. אבער ביי אלעם דעם האט ער קיין האפ-נונג ניט געהאט פון דעם אפגרונד זיך צו רעטען, און ער האט גערעכענט פיר געוויס צו שטארבען פון הונגער. גליקליכערוויז האט ער בעמערקט א פוקס, וואס האט געפרעסען די טויטע קערפערס פון די אנדערע זיינע חברים. ער האט זיך אנגעכאפט אן דעם עק פון פוקס און דיזער האט גע-נומען לויפען צוריק פון אפגרונד ארויף דורך פערשיידענע קרומע וועגען ביז ער איז צוזאמען מיט איהם ארויס פון אפגרונד. אריסטאמענעס האט זיך ווידער גענומען צו פעכטען די ספארטאנער, אבער ער האט ניט געקענט בעשטעהן געגען זייער מוט. די וויכטיגע פעסטונג ע י ר א, וועלכע האט זיך גערעכענט פיר די שטארקסטע אין יענער צייט, איז געפאלען אין די הענט פון די ספארטאנער, און די מעססענער זיינען דאן געוועזן געצוואונגען אויפגעבען די האפנונג צו בעזיגען די ספארטאנער. א טייל פון די בעזיגטע מעססעניער האבען פערלארען זייער לאנד, און האבען זיך בעזעצט אין צ א נ ק ל ע אויף דער אינזעל סיציליען. זיי האבען פון דארט פערטריבען די אור-איינוואוינער און האבען דער שטאדט א נאמען געגעבען מ ע ס - ס א נ א. די יעניגע מעססעניער, וואס זיינען פערבליבען אין זייער לאנד, זיינען פערוואנדעלט געווארען אין העלאטען, וועלכע האבען זיך אבער זעהר אפט געבונטעוועט געגען זייערע בעדריקער. צוויי הונדערט יאהר שפעטער

האָט אויסגעבראָכען אַ דריטער קריג צווישען די מעססעניער און די ספּאַר-טאַנער. דער קריג האָט לאַנג געדויערט, אָבער האָט זיך געענדיגט אונגליק-ליך פיר די מעססעניער.

אויך די אַרקאַדיער, וועלכע זיינען געווען די גרעסטע פיינד פון די ספּאַרטאַנער, זיינען ענדליך געוואָרען אָפּהענגיג פון זיי. נאָך אַ לאַנגען קאַמף האָט אַרגאָליס פערלאָרען דעם לאַנד־שטריך קינוריא (500 פ. קר.), וואָס האָט זיך געפונען ביים גרענעץ פון לאַקאָניען (ספּאַרטאַ), נאָר זי איז גע-בליבען ביי איהר זעלבשטענדיגקייט. די שנאה צו ספּאַרטאַ איז אַזוי גרויס געווען, דאָס אַפילו מיט אַ צייט שפּעטער, ווען אַלע איבריגע שטאַאַטען פון גריכענלאַנד האָבען געמאַכט אַ פערבאַנד און האָבען אַנערקענט איבער זיך די אויבערהערשאַפט פון ספּאַרטאַ, זיינען די אַרקאַדיער געבליבען אַליין און האָבען ניט געוואָלט אַריין אין דעם פערבאַנד מיט די איבריגע שטאַאַטען. אויסער אַרקאַדיען און דער קליינער לאַנדשאַפט אַכאַיאַ האָבען זיך די אַלע שטאַאַטען פון גריכענלאַנד פעראייניגט צו איין באַנד אונטער דער פיהרער-שאַפט פון ספּאַרטאַ, וועלכע האָט בעשטימט, וויפיעל קריגער יעדער שטאַאַט מוז אַרויסשטעלען, און האָט גענומען די פיהרער פון די חיל נאָר פון זיך אַליין. דיזע אָרדנונג האָט זיך איינגעפיהרט אין גריכענלאַנד אין מיטען פון 6טען יאָהרהונדערט פ. קר. אַזוי איז ספּאַרטאַ געווען אַ לאַנגע צייט אָנפיהרערין אין גריכענלאַנד ביז אַטהען האָט זי איבערגעשטיגען און האָט פערנומען דעם ערסטען ראַנג.

2) אַטהען.

אויך אין אַטהען האָט די אַלטע פאָרמע פון רעגירונג, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון בלוט־פערוואַנדטשאַפט, געמוזט אָפּטרעטען און מאַכען פּלאַץ פאַר אַ נייע אָרדנונג, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „אָרטס־געמיינדע”, ד. ה. אַ געזעלשאַפטליכעס סיסטעם, לויט וועלכען די מענשען, וואָס זיצען אין איין אָרט צוזאַמען, זאָלען האָבען גלייכע רעכטען, און גלייכע פליכטען, ניט קוקענדיג פון וואַנען זיי שטאַמען און אויב זיי זיי-נען בלוט־פערוואַנדטע אָדער ניט. די ענדערונג אין אַטהען איז אַרויסגעקומען פון די עקאָנאָמישע צושטענדען פון די אַטהענער זעלבסט. דעריבער איז דער ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער אַטהענישער בעפערלקערונג פיעל אינטערעסאַנ-טער און בעלעהרענדער, און ווירקליך איז אַטהען געוואָרען אַ מוסטערהאַפטע פאָרמע פון אַ שטאַאַט. אונז קומט פאַר די ערפינדונג פון אַ געמיינדע און די אָרגאַניזירונג פון איהרע איינוואוינער צו אַ פּאָליטישער קערפּערשאַפט

אלס עטוואס זעהר געוועהנליכעס און איינפאכעס, ווייל מיר זיינען אויס־געוואקסען אין אזא ארדנונג, און מיר האבען גאר קיין אנדער פארשטעלונג ניט פון אן אנדער געזעלשאפטליכען גרופירען פון מענשען. פיר די יע־ניגע אבער, וועלכע זיינען אויפגעוואקסען אין דער ארדנונג פון א געזעל־שאפט פון בלוט־פערוואנדטשאפט האט עס געמוזט זעהר שווער זיין צו־געוועהנען זיך צו דער אידעע און ארדנונג פון אן ארטס־געמיינדע. עס האט געפאדערט א געניאלען קאפ, וואס זאל קענען די נאטירליכע ארדנונג פון בלוט־פערוואנדטשאפט אומענדערן און אנשטאט איהר צופאסען דאס לעבען צו אן ארטס־געמיינדע. אום צו קענען פערווירקליכען דיזע אידעע האט זיך געפאדערט א לאנגע רייהע פון ערפאהרונגען. דיזעס זעהען מיר גאנץ קלאר אין דעם איינפיהרען פון דער פאליטישער געזעלשאפט אין אטהען.

מיר האבען שוין פריהער געבראכט די זאגע, דאס קעקראפס פון עגיפ־טען האט געגרינדעט די פעסטונג אטהען. ארום דער פעסטונג האבען זיך בּיסלאכווייז בעזעצט פיעלע פון פערשיידענע געגענדען, וועלכע האבען שפע־טער געבילדעט די שטאדט אטהען. דאס צוזאמענוואוינען פון פיעלע מענשען אויף א קליינעם שטח האט געפאדערט זיך צו בעשעפטיגען מיט אקערבוי און פיה־צוכט און צו שאפען פיעלע זאכען, וועלכע זיי האבען אויף'ן ארט ניט געהאט. דאס האט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון רייכ־טום, פון אייגענטום. דאס אלץ האט ארויסגערופען נייע פארמעס פון פער־וואלטונג, געריכטס־הייזער, מיליטערישע און בירגערליכע בעאמטע. דער האנ־דעל האט ענטוויקעלט א נייע קלאס, א קלאס פון קויפלייט, וועלכע האבען אריינגעבראכט רייכטום און נייע בעדערפניסען אין לעבען. דער האנדעל האט געפאדערט פון פערשיידענע סוחרים צו פערלאזען זייערע ערטער און זיך בע־זעצען אין אנדערע, וואו דאס געשעפט האט זיי געפאדערט, אזוי דאס די שטרענגע אפזונדערונג פון די שטאמען, וועלכע זיינען אין אטטיקא געוועזען פיער אין צאהל, האט געמוזט אויפהערען. די שטאמען האבען זיך צומישט, און די פריהעריגע ארדנונג פון בלוט־פערוואנדטשאפט האט ביסלאכווייז גע־מוזט אפטרעטען א נייער ארדנונג מיט אנדערע בעדינגונגען.

צו גרינדען דיזע נייע ארדנונג האט פיעל מיטגעהאלפען טהעזע־אוס. לויט ווי דער גריכישער היסטאריקער טהוקידידעס ערצעהלט, האט דאס אטטישע פאלק אין דער פעריאדע פון קעקראפס'ן ביז טהעזעאוס'ן געוואוינט אין שטעדט. יעדע שטאדט האט געהאט איהרע אייגענע ארכאנטען (פיהרער) און איהרע פריטאנעאומס (פערזאמלונגס־געביידעס פיר דעם ראט). ווען אבער טהעזעאוס איז ערוועהלט געווארען אלס באזילעוס

האָט ער איינגעפיהרט, דאָס די אַלע בעזונדערע שטעדט זאָלען ערוועה־לען איין ראַט, וועלכער זאָל רעגירען אַלע אינטערעסען פון אַלע שטעדט צוזאַמען. אויף דיזען אופן האָט ער פערבונדען אַלע פערשיידענע שטאַמען צו איין גאַנצען פאָלק, וועלכעס האָט געהאַט זיין צענטער אין דער הויפּט־שטאָדט אַטהען. פון דאָרטען האָט דער פאָלקס־ראַט אַנגעהויבען ארויסגע־בען געזעצען פיר דאָס גאַנצע פאָלק און די איינצעלנע געזעצען פיר־די פער־שיידענע שטאַמען האָבען אַנגעוואָרען זייער קראַפט. דיזער שריט האָט גע־בראַכט דערצו, דאָס גאַר פרעמדע, וועלכע האָבען צו קיינעם פון די פיער אַטטישע שטאַמען ניט געהערט, האָבען אויך גענאָסען די זעלבע רעכ־טען, וואָס דאָס אַטטישע פאָלק האָט גענאָסען.

טהעזעאוס האָט איינגעפיהרט נאָך אַ נייעס, וועלכעס האָט נאָך מעהר געהאָלפען צושטערען די אַלטע אָרדנונג מיט די אַלטע געזעצען פון די שטאַ־מען און איינפיהרען אַ נייע אָרדנונג פיר די געזעלשאַפט. נעמליך, ער האָט איינגעטיילט דאָס פאָלק אין דריי קלאַסען: ע ו ו פ אַ ט ר י ד ע ן אָדער אַדעליגע, ג ע אָ מ אָ ר ע ן אָדער ערד־אַרבייטער, און ד ע מ י א ו ר ־ ג ע ן אָדער האַנדעלס־לייט. פון דיזע דריי קלאַסען האָט נאָר די ערסטע קלאַס, די עווּפּאַטדריטען, געהאַט דאָס רעכט אַן אַמט אין דער רעגירונג צו בעקליידען. אָבער ביסלאַכוויז, מיט דער צייט, האָבען די רייכע קויפלייט אויך בעקומען דאָס רעכט אַן אַמט צו פערנעהמען. רייכטום איז פון אייביג אַן אַ מאַכט, וואָס קען זיך שאַפען פּריווילעגיעס. דיזע איינטיילונג איז אָבער ניט שטרענג דורכגעפיהרט געוואָרען און איז מיט דער צייט אין גאַנצען אָפּ־געשטאָרבען.

די צייט פון טהעזעאוס'ן ביז סאָלאָן'ס געזעצגעבונג איז פיר די אַטהענישע געשיכטע איינע פון די וויכטיגסטע פעריאָדען, ליידער אָבער האָ־בען מיר יעצט זעהר װעניגע ריכטיגע נאַכריכטען וועגען איהר. דאָס אַמט פון באַזילעאוס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אין יאָהר 776 פ. קר. און אַנשטאָט איהם האָט דאָס פאָלק ערוועהלט אַרכאָנטען פון דעם אַדעל. אין יאָהר 711 פ. קר. איז געוואָרען בעשרענקט דאָס אַמט פון אַרכאָן אויף 10 יאָהר און עס איז אַ חוץ דעם איינגעפיהרט געוואָרען, אַז דיזעם אַמט זאָל געגעבען ווע־רען צום בעסטען און פעהיגסטען מאַן פון אַדעל, ניט ווי פריהער, ווען מען האָט די אַרכאָנטען געוועהלט נאָר פון איין פאַמיליע, פון די מעדאָנטידען. אַ ביסעל שפּעטער (683 פ. קר.) איז דער טערמין פון דעם אַרכאָן בעשרענקט געוואָרען נאָר אויף איין יאָהר, די צאָהל פון די אַרכאָנטען איז פערגרעסערט

געוואָרען ביז 9 און מען האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט פריסטערליכע און ריכ־טערליכע פליכטען.

פאַר סאָלאָן'ס צייט איז דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד, דער אַ ר ע - אָ פ אַ ג, בעשטאַנען פון געוועזענע אַרכאָנטען, וועמעס אויפגאַבע עס איז גע־ווען צו משפט'ן פערברעכער און אַכטונג געבען אויף די זיטען פון פאָלק. זיי האָבען אויך פערטראָטען פיעלע שטעלעס אין דער אַרמעע און פלאָט און זיינען געווען די הויכע ציוויל=בעאַמטע. זעהר וויכטיג איז געווען די בילדונג פון די נ אַ ו ק ר אַ ר י ע ס, דורך וועלכע די אַטהענער האָבען געשאַפען אַ שטענדיגע זעע=מאַכט צו בעשיצען זייערע האַנדעל=שיפען. צו דיזען צוועק איז יעדער שטאַם געווען איינגעטיילט אין 12 בעצירקען, יעדער בעצירק האָט געמוזט צושטעלען איין קריג=שיף מיט דער נעטיגער אויסשטאַטונג און מאַט־ראָזען, און אויסער דעם נאָך צוויי רייטער. דורך דיזע איינריכטונג האָט זיך געבילדעט אין אַטהען אַ שטענדיגע מיליטערישע מאַכט, און וואָס איז נאָך וויכטיגער — דיזע איינריכטונג האָט געמאַכט אַן ענד צו דער פריהערדיגער אָרדנונג, לויט וועלכער אַלעס איז געווען פער־בונדען מיט בלוט=פערוואַנדטשאַפט. די נאַו־קראַריע איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם שטאָדט=בעצירק און מיט איהר איז צום ערסטען מאָל דאָס פאָלק איינגעטיילט געוואָרען ניט נאָך קרובה'שאַפט, נאָר לויט די ערטער, וואו זיי האָ־בען געוואוינט צוזאַמען. 12 נאוקראַריעס האָ־בען געבילדעט אַ גרעסערן בעצירק, אַ ט ר י ט ט י ס. פון דיזער טריטטיס האָט זיך שפּעטער געבילדעט דער לאַנד=בעצירק.

סאָלאָן.

אָבער פיעל שטאַרקער האָט געווירקט צו צושטערען די אַלטע אָרדנונג פון בלוט=פערוואַנדטשאַפט די עקאָנאָמישע לאַגע פון פאָלק. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס דער האַנדעל האָט אַרויסגערופען אַן ענדערונג אין דער פּראָדוקציאָן. דאָס פאָלק האָט ניט געקענט זיין מעהר צופרידען מיט פּראָדו־צירען זאַכען נאָר צו ערפילען אייגענע בעדערפניסען, עס האָט געמוזט אַר־בייטען און אַרויסברייגען פיעל נעטיגעס פיר דעם האַנדעלס=מאַרק. דיזעס האָט געפאָדערט אַ גאַנצע רעפאָרמע אין זיין אַרבייט. אָנשטאָט צו פערשאַפען זיך אַליין אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט נעטיג צו זיין געברויך, אָנשטאָט צו קע־נען פון אַלע סאָרטען אַרבייטען צו ביסלאַך און קיין זאַך ניט קענען גרינדליך,

האָט יעדערער אָנגעפאַנגען צו פּראָדוצירען נאָר איין זאַך און זיך אויסצייכנען דערין, און דיזע פּראָדוקציאָן האָט ער געשיקט צום האַנדעלס־מאַרק און האָט פערקויפט צו פיעלע אַנדערע, וועלכע ער האָט ניט געקענט און ניט געוואוסט און וועלכע זיינען מיט איהם קיין קרובים ניט געווען. יעדערער האָט דאַן געאַרבייט ניט נאָר וויפיעל זיינע בעדערפניסען האָבען געפאָדערט, נאָר וויפיעל ער האָט געקענט, ער האָט זעלבסט ניט געוואוסט, אויב זיין פּראָדוקציאָן וועט אין גאַנצען פערקויפט ווערען אין מאַרק, ער האָט געאַרבייט און האָט געריזיקירט. אין מאַרק האָט יעדערער, וואָס האָט געבראַכט צו פערקויפען זיין פּראָדוקציאָן, זעלטען בעגעגענט דעם מאַן, וואָס ברויכט זיינע וואַארע, נאָר ער האָט צום מעהרסטען בעגעגענט דעם קויפמאַן, וועלכער האָט די וואַארע צופיהרט און צושיקט אין פערשיידענע געגענדען, וואו ער האָט געוואוסט עס איז דאָ אַ פאָדערונג אויף זיי. די קויפלייט האָבען דערביי זעהר אָפט געמאַכט גרויסע פּראָפיטען און האָבען דורך דעם אָנגעזאַמעלט רייכטום און זיינען געוואָרען די בעהערשער פון די פּראָדוקציאָנען. די קויפלייט אַליין האָבען בעזעסען דאָס געלט, דאָס צוויבער־מיטעל, וואָס קען אין יעדע געווינשטע זאַך פערוואַנדעלט ווערען, און פיר וועלכעס אַלע פּראָדוצירער זיינען בערייט געווען זיך אין שטויב צו וואַרפען. די קויפלייט אַליין האָבען פון די פּראָדוצירער זייער וואַארע אָפּגעקויפט. זיי פלעגען געבען די פּראָדוצירער געלט פאָרויס—צו אייניגע, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט די מיטלען צו פּראָדוצירען, און צו אַנדערע, ווייל זיי האָבען זיך געפונען אין אַ קריטישער לאַגע צוליב אַנדערע אומשטענדען. דיזע אומשטענדען האָבען בעשאַפען די צינזען און וואוכער, ווי אויך די היפּאָטהעקע, דאָס הייסט דאָס פער'משכון'ען. ווי עס איז בעוואוסט האָט דאָס לאַנד לויט דער פערפאַסונג פון די שטאַמען געהערט צום פאָלק, יעדער איינציגער האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט די ערד צו בעאַרבייטען און גניסען די פרוכט פון זיין אַרבייט. מיט דער צייט אָבער האָט יעדערער אָנגעהויבען בעטראַכטען דאָס שטיקעל ערד, וואָס ער האָט בעאַרבייט, אַלס זיין אייגענטום, ווייל זיין פאַמיליע איז געזעסען אויף איהר פון פיעלע דורות צוריק. נאָכהער האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען, ווי צו אָפּשאַפען אין גאַנצען דאָס רעכט פון כלל אויף די טיילען פון פרט. נאָך לאַנגען שטרעבען איז זיי געלונגען זיך צו בעפרייען פון די קייטען פון די אַלטע געזעצען, און דאָס לאַנד איז געוואָרען ענדליך דאָס אייגענטום פון יעדען, וואָס איז געזעסען אויף איהר און בעאַרבייטעט זי פון די אַלטע צייטען, אַן אייגענטום, וואָס ער האָט געהאַט דאָס רעכט אפילו צו פערקויפען

צו אן אנדערן. מיט דיזען רעכט איז דער באָדען געוואָרען א סחורה, וואָס מען קען עס פערקויפען און מאַכען צו געלט.

דיזע נייע אָרדנונג האָט געגעבען די מעגליכקייט דער רייכער קלאַס פון דעם אדעל צו אריינכאַפּען אין איהרע הענט דאָס ערד־אייגענטום. אין א קורצער צייט איז א גרויסער טייל פון לאַנד געווען פער׳משכון׳ט אין די הענט פון די רייכע. די בויערן זיינען געוועזן צופרידען, ווען די רייכע בעלי חובות זייערע האָבען זיי ערלויבט צו בלייבען אויף זייערע פריהעריגע פעלדער און בעארבייטען זיי פיר די נייע אייגענטימער און זיך נעהמען פיר זייער ארבייט נאָר איין זעקסטעל פון דער תבואה און די פרוכט, וואָס זיי האָבען ארויסגעצויגען מיט זייער ארבייט, און 5 זעקסטעל איבערגעבען צו די הערען, צו וועמען זיי האָבען זיך פערשולדיגט. נאָך מעהר, אויב דער ווערט פון דער פערקויפטער ערד איז ניט גענוג געווען צו געבען דעם גאַנ-צען חוב, וואָס דער אָרימער בויער איז שולדיג געווען, דאַן האָט דער בעל-חוב געמוזט זיינע קינדער אין אויסלאַנד פערקויפען פיר שקלאַפען אום דעם חוב צו בעצאָהלען. דאָס איז געווען די ערסטע פרוכט פון פאָטער־רעכט — צו פערקויפען זיינע קינדער פיר שקלאַפען. און אויב דער פערקויף פון די קינדער אלס שקלאַפען האָט נאָך אלץ ניט געקענט בעצאָהלען דעם גאַנצען חוב, האָט דער מלוה, דער פּראָצענטניק, געהאַט דאָס רעכט צו פערקויפען דעם בעל חוב זעלבסט פיר א שקלאַף. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער ציוויליזאציאָן ביים אטהענישען פאָלק.

דיזע אָרדנונג, ווי מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, האָט געמאַכט אַן ענד צו די אלטע מנהגים און פערפאַסונג. דער הויפּט־באַנד וואָס האָט צוזאַמענגעבונדען אלע שבטים און די איינצעלנע משפחות פון יעדען שבט אין איין גאַנצעס, די ערד — דיזער באַנד איז צוריסען געוואָרען, און די בלוט־פערוואַנדטשאַפט פון די שבטים איז ניט געווען שטאַרק גענוג אום אויפצוהאַלטען דעם אלטען פערבאַנד פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. דער-צו איז צוגעקומען נאָך איין אומשטאַנד, זעהר ניט קיין גינסטיגער — די צאָהל פון די שקלאַפען האָט זיך אין אטהען שטאַרק פערמעהרט, און זיי זיינען געוואָרען א מאַכט און האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָדערן רעכט פיר זיך. עס האָט זיך געפאָדערט א שטאַרקע מאַכט דיזע מאַסע צו האַלטען אין צוים. דער האַנדעל האָט אין אטהען געבראַכט פיעלע פרעמדע, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט, זיי האָבען דאָרט אלס פרעמדע קיין רעכטען און קיין שוץ ניט געהאַט, און זיי האָבען אויך געבילדעט א פרעמדען עלעמענט אין אטהען.

קורץ, די אַלטע שטאַם=פּערפאַסונג האָט זיך איבערגעלעבט, עס האָבען זיך אין לעבען בעוויזען נייע אומשטענדען, וועלכע האָבען געפאָדערט הילף. דאַמאַלס איז אַרויס ד ר א ק א (624 פ. קר.) מיט זיינע געזעצען, וועלכע זיינען בעוואוסט אין דער געשיכטע מיט זייער גרויסער שטרענגקייט. אין גרונד גענומען האָט דראַקאָ די אַלטע געזעלשאַפטליכע פּערפאַסונג גאָר ניט געענדערט, ער האָט געלאָזען די אַלטע אָרדנונג, און האָט נאָר צוגעגעבען שטרענגע געזעצען איבער פערברעכענס געגען אייגענטום, געגען בירגער=רעכט, געגען געזעלשאַפט. ער האָט אָבער פיר דיזע פערברעכענס באַרבאַרישע שטראָפען בעשטימט, דעריבער האָט זיי דאָס פאָלק ניט אַנערקענט און זיי זיינען געבליבען אָהן ווירקונג און האָבען קיין ראָלע ניט געשפּילט אין דער פערפאַסונגס=געשיכטע פון אַטהען.

וויכטיג איז געווען די געזעצגעבונג פון ס אָ ל אָ ן (594 פ. קר.), וועלכע האָט געלעגט דעם פונטדאַמענט פון דעם אַטהענישען שטאַאַט. וואָס אַנבעטרעפט סאָלאָן'ס פּערזאָן, האָבען מיר וועגען איהם ריכטיגערע געשיכטליכע ידיעות ווי מיר האָבען וועגען ליקורג'ן. די געזעצען, וועלכע ווערען צוגעשריבען צו איהם, שטאַמען ווירקליך פון איהם. דאָך זיינען די ידיעות וועגען איהם געמישט מיט זאַגע. לויט דער געוועהנליכער טראַדיציאָן האָט סאָלאָן געשטאַמט פון אַן עווּפאַטרידישער (אַריסטאָקראַטישער) פאַמיליע, איז געוועזן אַ בעוואוסטער פּאָעט, און מען האָט איהם גערעכענט אַלס איינעם פון די זיבען גריכישע פילאָזאָפען (שבעה חכמי יון). זיין פאָטער האָט פערשוועגדט אַ גרויסען טייל פון זיין פערמעגען, און סאָלאָן איז צוליב דעם געווען געצוואונגען זיך נעהמען צו האַנדעל און אינדוסטריע. צוליב זיין האַנדעל איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין פערשיידענע שטעדט און געגענדען פון גריכענלאַנד און אַזיען, און דורך דעם האָט ער געקריגען פיעל ערפאַהרונג און קענטניס. ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינע רייזעס אין פרעמדע לענדער איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס רעספּעקט פון זיינע שטאָדטלייט, ווייל ער האָט זיינע מיטבירגער געהאָלפען קריגען צוריק די אינזעל סאַלאַמיס, וועגען וועלכער זיי האָבען פערלאָרען זייער האָפנונג. זיי האָבען פיעל מאָל געפּרובירט צוריק אָפּנעהמען די אינזעל סאַלאַמיס, אָבער עס האָט זיי ניט געלונגען, און זיי האָבען אַלע מאָל גרויסע פערלוסטען געהאַט אין דעם שטרייט, אַזעלכע גרויסע, דאָס זיי האָבען געמאַכט אַ געזעץ, דאָס דער יעניגער זאָל מיט'ן טויט בעשטראָפט ווערען, ווער עס וועט מאַכען דעם פאָרשלאַג נאָך אַמאָל פּרובירען אָפּנעהמען די אינזעל סאַלאַמיס. די זאַגע ערצעהלט, דאָס סאָלאָן האָט זיך געמאַכט משוגע, האָט געמאַכט אַלערליי

נארישע שטיק, און איין מאל איז ער אריין אין די פאלקס־פערזאמלונג מיט א רייזע־הוט אויף׳ן קאפ, אזוי ווי ער קומט יעצט אן פון דער פרעמד. דאן האט ער דעקלאמירט א געדיכט, וואס ער זעלבסט האט פערפאסט וועגען דער אינזעל סאלאמיס. דאס געדיכט האט אזוי שטארק בעגייסטערט די פערזאמלונג, דאס זי האט בעשלאסען נאך א מאל צו פרובירען אן אנגריף אויף סאלאמיס אונטער דער קאמאנדע פון סאלאן. דער קאמף איז געלונגען און די אינזעל איז בעזיגט געווארען.

דאס פאלק איז געווען העכסט צופרידען מיט דעם רעזולטאט פון דעם זיג פון סאלאמיס און אום צו צייגען סאלאן׳ען זייער דאנקבארקייט, האט מען איהם ערוועהלט צום ארכאן מיט דעם אויפטראג צו ענדערן די געזעצען פון לאנד נאך זיין פערשטאנד. דאס ערסטע, וואס ער האט געטאן, איז גע־ווען צו פערקלענערן די שולדען פון דער ארימער קלאס. צו דיזען צוועק האט ער געלאזען מאכען נייע מינצען (מטבעות), וועלכע זיינען געווען מיט 27 פראצענט ווענינגער אין געוויכט ווי די פריהעריגע, אבער זיי האבען לויט געזעץ געהאט דעם זעלבען ווערט, אזוי דאס יעדער האט געקענט בעצאהלען א חוב פון 100 דראכמעס מיט 73 דראכמעס. צווייטענס האט ער מבטל געווען אלע קאנטראקטען, דורך וועלכע א בעל חוב אדער זיינע קינדער זיי־נען געווען פער׳משכון׳ט אלס שקלאפען, און די פער׳משכון׳טע פערזאנען זיינען באלד בעפרייט געווארען, און די יעניגע, וואס זיינען פערקויפט געווא־רען אין אויסלאנד אלס שקלאפען, זיינען אויסגעקויפט געווארען פון שקלא־פעריי אויף דער רעכנונג פון דער רעגירונג און מען האט זיי אומגעקעהרט זייערע רעכטען.

אום אזא אונגליקליכע לאגע זאל זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען, האט סאלאן איינגעפיהרט עקסטרא געזעצען. ער האט געמאכט א געזעץ, דאס קיין מענש טאר ניט האבען מעהר ווי א געוויסען טייל ערד אלס אייגענ־טום. ער האט איינגעטיילט די געזעלשאפט אין קלאסען נאך דעם בעטרעף פון אייגענטום. דער יעניגער, וואס האט געהאט 500 מעדימנוסען (א מע־דימנוס האט געהאט אונגעפעהר 40 קווארט) איינקונפט פון זיין לאנד, האט זיך גערעכענט צו דער ערסטער קלאס, א מאן מיט 300 מעדימנוסען איינ־קונפט האט געהערט צו דער צווייטער קלאס, א בירגער מיט 150 מעדימנוסען איינקונפט איז געווען גערעכענט אין דער דריטער קלאס. צו דער פערטער קלאס האבען געהערט די, וואס האבען געהאט ווענינגער ווי 150 מעדימנוסען איינקונפט, אדער האבען גאר קיין ערד־אייגענטום ניט געהאט. נאר בירגער פון די ערסטע דריי קלאסען האבען געקענט בעקליידען אן אמט. העכערע

אַמטען האָבען געקענט פערנעהמען נאָר בירגער פון דער ערסטער קלאַס. די לעצטע קלאַס האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט צו רעדען און שטימען אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג, וועלכע האָט געהאַט דאָס רעכט צו ערוועהלען אַלע בעאַמטע און ביי זיי רעכענשאַפט אָפּנעהמען פיר זייערע האַנדלונגען, ווי אויך דאָס רעכט אָנצונעהמען אָדער צוריקווייזען די געזעצען, וואָס דער ראַט האָט פאָרגעשלאָגען. די פליכטען פון דיזע קלאַסען זיינען אויך געוועזן פערשיידען. די ערסטע קלאַס האָט געצאָהלט די מעהרסטע שטייערן. זי האָט געמוזט די קריג־שיפען בעמאַנען און אויסהאַלטען. די צווייטע קלאַס האָט געמוזט שאַפען די רייטערס פיר דאָס מיליטער און אויף איהרע קאָסטען זיי אויסהאַלטען. די דריטע קלאַס האָט קיין שטייערן ניט געצאָהלט, נאָר אין פאַל פון אַ קריג האָט זי געמוזט צושטעלען אַ געוויסע צאָהל לייכט בעוואַפענטע פוס־סאָלדאַטען.

דאָס וויכטיגסטע פון אַלץ אין סאָלאָן’ס געזעצגעבונג איז געווען וואָס מען האָט אַנערקענט פיר בירגער מיט אַלע רעכטען יעדען פרעמ־ען, וואָס האָט געוואוינט אין לאַנד, הגם ער האָט ניט געהערט צו די איינגעבאָרענע שטאַמען, און זיי זיינען באַלד געוואָרען שטאַאטס־בירגער און מיטגלידער פון דער פאָלקס־פערזאַמלונג. דאָך איז אויך נאָך סאָלאָן’ס רעפאָרמעס די פריהעריגע שטאַם־איינטיילונג ניט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען. דער פאָלקס־ראַט, וועלכען סאָלאָן האָט פערגרעסערט ביז 400, האָט נאָר פון די אַלטע שטאַמען געקענט ערוועהלט ווערען; קיין אַנדער בירגער פון די פרעמדע, וואָס זיינען נאַטוראַליזירט געוואָרען, האָט ניט געקענט ערוועהלט ווערען אַלס מיטגליד אין ראַט. די מיטגלידער פון ראַט זיינען ערוועהלט געוואָרען דורך אַ גורל. יעדער מיטגליד האָט געמוזט אַלט זיין ניט וועניגער ווי 30 יאָהר. דער ראַט האָט זיך פערזאַמעלט יעדען טאָג אויסער אין פייערטעג. אָבער ניט דער גאַנצער ראַט האָט זיך פערזאַמעלט יעדען טאָג, נאָר אַ טייל פון די דעפּוטירטע, יעדען טאָג 40 אַנדערע מיטגלידער. די דעפּוטירטע האָבען זיך גערופען פּ ר י ט אַ נ ע ן, און דאָס רעגירונגס־געביידע, וואו זיי פלעגען זיך פערזאַמלען, האָט זיך דעריבער גערופען פּ ר י ט אַ נ ע א ו ם. אין דיזען געביידע פלעגען די פּריטאַנען זיין דעם גאַנצען טאָג, זיי פלעגען דאָרט אויך שפּייז בעקומען. דאָרט האָבען זיי פערהאַנדעלט די פאָרקומענדע געשעפטען. דער פאָרזיצענדער פון די פּריטאַנען איז אויסגעקליבען געוואָרען נאָר אויף איין טאָג, ווייל יעדען טאָג זיינען געווען אַנדערע פּריטאַנען. אין פאָרזיצענדען’ס האַנט האָבען זיך געפונען דער זיגעל און דער שליסעל צום שאַץ און צו דעם אַרכיוו פון אַטהען.

דאָס געריכט איז געווען איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס. צו איין קאַטעגאָריע האָבען געהערט די ה ע ל אָ א אָדער געריכט פון די גע- שוואָרענע. צו דיזען געריכט זיינען על פי גורל אויסגעקליבען געוואָרען 4,000 פּערזאָן פון די 4 אַטהענער שבטים. פון יעדען שבט צו 1,000, און נאָך דעם, ווי זיי האָבען געשוואָרען צו זיין עהרליכע ריכטער, האָט מען זיי צוטיילט צו די 10 געריכטס־הייזער, אין יעדען געריכטס־הויז צו 400 ריכטער. זיי האָבען געהאַט צו אורטיילען טיילס איבער פערברעכענס, טיילס איבער בירגערליכע שטרייטיגקייטען. די אַנדערע קאַטעגאָריע איז געווען דער אַרעאָפּאַג, פון וועלכען מיר האָבען שוין גערעדט.

די פאָלקס־פערזאַמלונג פלעגט צוזאַמענקומען 4 מאָל אין 35 טעג אויף דעם בערגעל פּ נ י ק ס, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויף איין זייט ערטער צום זיצען ווי אין אַ טהעאַטער רייהען־ווייז. ווען די פאָלקס־פער- זאַמלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען זיינען אַלע טויערן פון שטאָדט געשלאָסען געוואָרען, די געשעפטען זיינען אויף אַ צייט צוגעמאַכט געוואָרען, און יעדער בירגער, וואָס האָט זיך בעוויזען אין גאַס, איז געצוואונגען געווען צו געהן אין די פאָלקס־פערזאַמלונג. קיין בירגער האָט ניט געטאָרט פער- לאָזען די פאָלקס־פערזאַמלונג איידער זי איז געשלאָסען געוואָרען. דערי- בער איז די גאַס, וואָס האָט געפיהרט צום פּניקס, פערשפּאַרט געווען. די אָפּשטימונג איז געווען אָדער דורך אויפגעהויבענע הענט, אָדער דורך שטיינ- ברעטלאַך אָדער שטיינדלאַך.

סאָלאָן האָט געבראַכט דעם האַנדעל און די אינדוסטריע צו אַן עהרען- שטופע. ער האָט פערפליכטעט אַרימע עלטערן זייערע קינדער צו לערנען אַן אַרבייט, ער האָט געשאַפען אַ געזעץ, וועלכעס האָט בעשטראָפט יעדען, וואָס האָט בעליידיגט אַ מענשען, ווייל ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט קליין- האַנדעל. ער האָט איינגעלאַדען פון אויסלאַנד טיכטיגע אַרבייטער און האָט זיי פערזיכערט מיט געוויסע רעכטען אום זיי זאָלען דינען אַלס מוסטער פיר די אַטהענער. דיזע רעפאָרמען פון סאָלאָן האָבען געגעבען די אַטהענער אַ בעזונדערע ריכטונג, אַן וועלכע זיי האָבען זיך געהאַלטען איינינע הונדערט יאָהר. האַנדעל, אַרבייט און פאַבריקאַציאָן האָבען דערלאַנגט אַ הויכע שטופע, עס איז ענטשטאַנען אַ נייע קלאַס, וועלכע האָט געשטרעבט נאָך מאַכט און האָט געשאַפען נייע קאָנקורענטען צום אַלטען אַדעל.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס סאָלאָן׳ס געזעצגעבונג האָט געהאַט פיעלע געגנער צווישען דעם אַדעל און עס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען זי אין פּראַקטיק דורכצופיהרען. סאָלאָן האָט אָהן צווייפעל געהאַט די

עדעלסטע מענשענפריינדליכע געדאַנקען און שטרעבונגען אין זיינע רעפאָר-מעס, וועלכע האָבען ווירקליך פיעל פערבעסערט דעם צושטאַנד פון דער גע-דריקטער קלאַס. ער האָט געשטרעבט אויסצוגלייכען אויף ווי פיעל עס איז מעגליך געווען די סאָציאַלע פערשיידענהייטען צווישען די קלאַסען פון פאָלק. ער האָט אָבער איבערהויפּט געהאַט אין אויסזיכט די עקספּלואַטאַציאָן פון די ערד-בעזיצער געגען די, וועלכע האָבען קיין גרונד-בעזיץ ניט געהאַט. ער האָט פערזעהן די עקספּלואַטאַציאָן פון די רייכע אין אַלגעמיין, די עקס-פּלואַטאַציאָן פון די האַנדעלס-לייט און פאַבריקאַנטען. דיזע קלאַסען צו-זאַמען מיט דעם אַדעל האָבען אַלע מיטלען אָנגעווענדט סאָלאָן'ס פּלאַנען צו צושטערען און ברייננען צוריק די אַלטע אָרדנונג.

שוין פריהער פאַר סאָלאָן'ען האָבען זיך געבילדעט פערשיידענע פּאַר-טייען אין אַטהען, וועלכע האָבען געזוכט מיטלען צו פערטיידיגען זייערע אינטערעסען געגען די אָנגריפען פון אַנדערע. אָן דער שפּיץ פון דיזע פּאַר-טייען זיינען געשטאַנען די פּ אַ ד י אָ ע ר, ד. ה. די בעוואוינער פון פלאַכ-לאַנד. דאָס זיינען געווען די אַדעליגע גוטס-בעזיצער. צו די פּ אַ ר אַ ל ע ר האָבען געהערט די האַנדעלס-לייט און זעע-פאָהרער. זיי געגענאיבער זיי-נען געשטאַנען די ד י אַ ק ר י ע ר, די אָרימע קלאַס, וועלכע האָט געשטרעבט נאָך גלייכע רעכטען. אַזוי באַלד, ווי סאָלאָן האָט זיין אַרבייט געענדיגט, האָט ער פערלאָזען אַטהען און איז אַוועק רייזען איבער דער וועלט. ער איז געווען אין ציפּערן, לידיען, עגיפּטען און אַנדערע לענדער. אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַוועק, זיינען דיזע דריי פּאַרטייען איבער-אַ-נייעם ארויף אויף די סצענע. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס סאָלאָן'ס רעפאָרמעס זיינען געווען אין געפאַהר אָפּגעשטעלט צו ווערען. די אָנהענגער פון זיינע רעפאָרמעס האָבען זיך זאָגאַר געווענדט צו איהם מיט דער ביטע, ער זאָל אַליין ווערען הערשער אין אַטהען, אום מיט אַ מעכטיגער האַנט די רעפאָרמעס דורכצופיה-רען און צו בעשיצען. דיזע ביטע האָט סאָלאָן אָפּגעוויזען צוריק.

אין דער צייט, ווען סאָלאָן איז געווען אַוועק, האָט זיינער אַ קרוב פּ י ז י ס ט ר אַ ט ו ס, אריינגעכאַפּט די הערשאַפט אין זיינע הענט. פּי-זיסטראַטוס איז געווען אַ מאַן פון אַ הערשזיכטיגען כאַראַקטער און דערצו זעהר שלוי. ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער דריטער פּאַרטיי, די ד י אַ ק ר י ע ר, ער האָט אָבער געוואוסט אויך די קעפּ פון יענע צוויי פּאַרטייען צו פערדרעהען. ער האָט פערנומען די פעסטונג פון אַטהען, און האָט קיין רעספּעקט ניט געהאַט פאַר די פאָדערונגען פון דעם אַדעל אין די ווינשען פון פאָלק, ער האָט אָפּגעשאַפט די סאָלאָנישע פערפאַסונג און האָט

איינגעפיהרט די זעלבסט־הערשאפט. דערוויל איז סאָלאָן צוריקגעקומען פון זיינע רייזעס, מען האָט מיט אַלע קרעפטען געארבייט געגען דער טיראַניי פון פּיזיסטראַטוס'ן, אָבער געגען איהם האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. פּיזיסטראַ-טוס האָט געוואוסט מיט זיין שלויהייט דעם פּאָלק און דעם אדעל די אויגען צו פערבלענדען, זיי זאָלען ניט זעהן די זאַכען אין זייער ריכטיגען ליכט, און איז געבליבען זעלבסט־הערשער (566 פ. קר.).

פּיזיסטראַטוס איז אָבער געווען אַ מאַן מיט אַ הויכען גייסט. ער האָט געוואוסט, ווי אזוי די זעלבסט־הערשאפט איינצואָרדנען, דאָס אַטהען זאָל צו-פרידען זיין מיט איהר. ער האָט מיט קיין זאַך ניט געשטערט דער ענט-וויקלונג פון אַטהען. אין געגענטייל, ער האָט די קולטור־ענטוויקלונג פון דיזער בעריהמטער שטאָדט געבראַכט צו אַזא הויכער שטופע, אויף וועלכער זי איז נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען. ער האָט שטארק גערריקט די הערשאפט פון דעם אדעל און האָט פיעל געהאָלפען צו פערשטארקען די דעמאָקראַטיע. אונטער פּיזיסטראַטוס'עס הערשאפט איז אַטהען צום ערסטען מאָל ערשינען אלס אַ גרויסע זעע־מאַכט. ער האָט זיך אויך פערדינט געמאַכט דורך זיין זאַמלען די געדיכטען פון האָמער'ן.

פּיזיסטראַטוס האָט אָבער געהאַט צוויי שטארקע און געפעהרליכע געג-נער אין מעגאַקלעס און ליקורג, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון די צוויי העכערע קלאַסען, די פּאַראַלער און די פּעדיאָער. אָנפאַנגס איז עס פּיזיסטראַטוס'ן געלונגען זיי צו בעזיגען, אזוי דאָס זיי האָבען געמוזט אַטהען פערלאָזען. אָבער אין יאָהר 554 פ. קר. האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט נאָך אַטהען מיט אַ גרויסער מאַכט און האָבען פערטריבען פּיזיסטראַטוס'ן. באַלד אָבער האָט זיך ליקורג צוקריגט מיט מעגאַקלעס'ן, וועלכער האָט זיך געווענדט וועגען הילף צום פערטריבענעם פּיזיסטראַטוס'ן, און האָט איהם פערשפּראָכען צו געבען זיין טאָכטער פיר אַ ווייב און העלפען איהם צוריק בעקומען די איבערמאַכט אין אַטהען. פּיזיסטראַטוס איז צופרידען געווען מיט דיזען פאָרשלאַג און האָט אָנגעפאַנגען צו ארבייטען צוזאַמען מיט מע-גאַקלעס'ן אום צו דערגרייכען די זעלבסט־הערשאפט אין אַטהען איבער־אַ־ניים. ער האָט זיך אָבער באַלד צוקריגט מיט מעגאַקלעס'ן, און האָט וויע-דער פערלאָזען אַטהען. אין די בענאַכבארטע לענדער האָט ער דערווייל צו-זאַמענגעקליבען אַ גרויסע מאַנשאַפט מיט געלט און אין יאָהר 538 פ. קר. האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך אַטהען. ער האָט בעזעצט מאַראַטהאָן, און האָט בעקומען הילף פון אַטטיקאַ און האָט בעזיגט זיינע געגנער ביי פּאַל-לענע. נאָך דעם האָט ער געהערשט אין אַטהען אָהן קיין שום שטערונג ביז זיין

טויט (527 פ. קר.). אין דער צייט פון זיין רעגירונג האט ער זיך כסדר בעמיהט אויפצוהייבען דעם עקאנאמישען, קאמערציעלען און אינדוסטריעלען צושטאנד פון פאלק און האט אויך געבראכט די גייסטיגע בילדונג פון אטהען צו א זעהר הויכער שטופע.

פייזיסטראטוס האט אהן צווייפעל געהאט אין אויסזיכט צו גרינדען א זעלבסט-הערשאפט אין אטהען אויף אימער. איהם איז געלונגען זיין הער-שאפט איבערצולאזען צו זיינע צוויי זיהן היפפיאס און היפ-פארכוס. דיזע צוויי הערשער האבען איינגעארדענט ביי זיך אן עכטען אזיאטישען קעניגליכען הויף מיט'ן גאנצען גלאנץ און לוקסוס. עס האבען זיך אפילו געפונען ביי זיי אין הויף אויך בעריהמטע פאעטען, קינסטלער און פילאזאפען, ווי אנאקרעאן און סימאנידעס, אבער דאס איז געווען א ביי-זאך. די הויפט-זאך איז געווען לוקסוס און שווענדעריי. דאס הויף-לעבען האט געפאדערט גרויסע סומעס געלט. די רייכע און די שטארקע האבען ווידער פערמעהרט און פערגרעסערט די שטייערן אויף ערד, דאס פאלק האט פראטעסטירט, אבער קיינער האט זיך ניט געקימערט וועגען דעם. דאס פאלק איז געווארען שרעקליך אויפגעבראכט אויף די נייע ארדנונג און אויף די צוויי קעניגליכע ברידער, און ביי א פעסט-פערזאמלונג האט דאס פאלק ערמארדעט היפפארכוס'ן. מען האט אפילו דאמאלס בעהויפטעט, דאס דיזער מארד האט ניט געהאט קיין פאליטישען גרונד, נאר עס איז גע-ווען א פערזענליכקייט, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס די הויפט-אור-זאך פון דעם מארד איז געווען דאס דעמאקראטישע געפיהל פון פאלק. אלס היפפיאס האט בעשטראפט מיט'ן טויט די מערדער פון זיין ברודער, האט דאס פאלק זיי געריהמט אלס מארטירער, וועלכע האבען געאפפערט זייער לע-בען אום דעם פאלק זיין פרייהייט צוריקצוקעהרען. אין שפעטערע צייטען האט מען זיי נאך מעהר פערהערליכט: מען האט צו זייער אנדענקונג אויפ-געשטעלט סטאטועס, מען האט פערפאסט פיר זיי לידער און זאגאר פעסטען איינגעריכטעט.

היפפיאס האט געקוקט פון דאמאלס אן אויף יעדען איינעם פון פאלק מיט חשד און איז געווארען א טיראן. אום דאס פאלק זאל פון איהם ניט אוועקנעהמען זיין דעספאטישע הערשאפט, האט ער זיך פערבונדען מיט'ן פערסישען קעניג, וועלכער האט איהם פערשפראכען הילף געגען דעם פאלק. אין דער זעלבער צייט האבען די אדעללייט, וועלכע האבען געמוזט פערלא-זען אטהען צוליב פייזיסטראטוס'ן, איבערהויפט די אלקמאעאנידען, געמאכט אלע אנשטרענגונגען די טיראנען ארונטערצוואארפען און די הערשאפט אי-

בער דאָס פאָלק ווי פריהער צו זיך צו ציהען. די ספּאַרטאַנער, וועלכע זיינען אימער געווען פיר די הערשאַפט פון דעם אדעל, האָבען געשטיצט די אַלק-מאַעאָנידען געגען די טיראַנען מיט וואָס זיי האָבען געקענט. היפּפּיאַס האָט זיך פערבונדען מיט אַ פירסט פון טהעססאַליען און מיט דער הילף פון זייערע רייטער האָט ער צושלאָגען די אַרמעע פון די אַנגרייפער און האָט געטויטעט דעם אַנפיהרער פון די ספּאַרטאַנער. די עהרע פון ספּאַרטאַ האָט געפאָדערט ראַכע. דער ספּאַרטאַנישער קעניג ק ל ע אָ מ ע נ ע ס מיט אַ גרויסער מאַכט צו-זאַמען מיט די אַלקמאַעאָנידען זיינען געגאַנגען געגען אַטהען און האָבען בע-זיגט די שטאָדט. היפּפּיאַס האָט זיך אין זיין פעסטונג פערשלאָסען און האָט זיך פאַרבערייטעט פיר אַ לאַנגע בעלאַגערונג. די ספּאַרטאַנער האָבען קיין לוסט ניט געהאַט צו פערברייגגען פיעל צייט אויף בעלאַגערונג און זיינען אַוועק צוריק אין זייער לאַנד. די אַלקמאַעאָנידען האָבען פאָרטגעזעצט די בע-לאַגערונג. אָבער די פעסטונג איז געווען זעהר שטאַרק און זיי האָבען כמעט קיין האָפנונג ניט געהאַט זי איינצונעהמען. גליקליכערוויז זיינען די קינדער פון היפּפּיאַס'ן, וועלכע ער האָט געשיקט נאָך אויסלאַנד, אום צו ברייגגען זיי אין אַ זיכערען אָרט, אריינגעפאַלען אין די הענט פון די אַלקמאַעאָנידען, וועלכע האָבען איהם דורך דעם געצוואונגען צו פערגלייכען זיך מיט זיי, היפּפּיאַס האָט איבערגעגעבען די פעסטונג און האָט פערלאָזען אַטטיקאַ (510 פ. קר.). ער איז גלייך אַוועק נאָך פערסיען. דער פערסישער קעניג דאַריוס (דריוש) האָט איהם פריינדליך אויפגענומען, און ער האָט איהם געהאַלטען פיר אַ ראַט-געבער אין דער צייט, ווען ער האָט אונטערגענומען קריג געגען גריכענלאַנד.

אַזוי איז פערגאַנגען אַ גאַנצער יאָהרהונדערט זינט סאָלאָן האָט איינ-געפיהרט זיינע מערקווירדיגע רעפאָרמעס אין פערשיידענע אונאָרדנונגען און רייסעריען, ביז עס איז ענדליך געלונגען דעם אדעל צו קריגען צוריק די הערשאַפט איבער די קויפּלייט און פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען גע-שטרעבט נאָך מאַכט און נאָך גלייכהייט. אָבער דער טריאומף פון דעם אדעל איז געווען נאָר אויף אַ קורצע צייט. וואָרום די רעוואָלוציאָן פון ק ל י ס-ט ה ע נ ע ס'ן האָט געמאַכט אויף אימער אַן ענד צו דער הערשאַפט פון אדעל און צו דעם אַלטען סיסטעם פון בלוט-פערוואַנדטשאַפט און שטאַם-רעכט, און האָט געלעגט דעם פונדאַמענט צו אַ נייער אָרדנונג, צו דער אָ ר ט ס-ג ע מ י י נ ד ע, אַן אָרדנונג וועלכע דינט עד היום אַלס מוסטער פיר אַלע ציוויליזירטע פעלקער. קלייסטהענעס איז דער גרינדער פון דער

צוויימער גרויסער גרונד־פאַרמע פון דער געזעלשאַפטס־פערפאַסונג, נאָך וועלכער עס אָרגאַניזירען זיך אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

קלייסטעהענעס האָט איינגעטיילט אַטטיקאַ אין 100 געמיינדעס אָדער דעמאָסען. יעדער בירגער האָט זיך געמוזט איינשרייבען אין דעם דעמאָס, וואו ער האָט געוואוינט. ביים איינשרייבען זיך האָט ער אויך געמוזט זיין איינענטום גענוי פערשרייבען. דיזע רעגיסטרירונג איז געווען דער בעוויז און די גרונדלאַגע פון זיינע בירגער־רעכטען. יעדער דעמאָס האָט געהאָט דאָס רעכט זיך זעלבסט צו פערוואַלטען. די געמיינדע־בירגער האָבען ערוועהלט אַ פאָרשטעהער אָדער דעמאַרכוס. דיזער האָט געפיהרט די בירגער־ליסט, בעזאָרגט די וואַהל פון בעאַמטע און ריכטער, וועלכע האָבען געמוזט זיין ניט וועניגער פון 30, און וועלכע האָבען געהאָט דאָס רעכט קליינע שטרייטיגקייטען אויסצוגלייכען. די העכסטע מאַכט איז געווען אין די הענט פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. יעדער דעמאָס האָט געהאָט זיין אייגענעם טעמפעל מיט זיינע אייגענע גאָטהייט און פריסטער.

די אַטהענער אין קאַמף מיט די פערזער.

צעהן געמיינדעס אָדער דעמאָסען האָבען אויסגעמאַכט אַן אָרט־שטאַם, אַנשטאָט דעם פריהערדיגען געשלעכט־שטאַם. די איינוואוינער פון יעדען אָרט־שטאַם האָבען געהאַט געוויסע רעכטען פון דער אָרטליכער זעלבסט־פערוואַלטונג, זיי האָבען ערוועהלט אַ פילארכוס — אַ בעאַמטען איבער די רייטעריי, אַ טאַקסיאַרכוס — אַ בעאַמטען איבער דאָס פוס־פאָלק, און אַ פעלדהערר, וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער פון די ביידע, פון דער רייטעריי און פון דעם פוס־פאָלק. אויסער דעם האָט דער שטאַם געמוזט צושטעלען 5 דריי־רודערדיגע שיפען מיט די נעטיגע בעאַמטע דערצו. יעדער שטאַם האָט בעדאַרפט אויסוועהלען פון זיינע איינוואוינער 50 סענאַטאָרען. דער ראַט איז בעשטאַנען פון 500 בירגער. אין פאָלקס־פערזאַמלונג האָט יעדער בירגער געהאַט שטים־רעכט.

אום צו זיכערן די פערפאַסונג געגען אומשטירצונג פון דער זייט פון אַדעל אָדער פון הערשזיכטיגע פערזאָנען, ווי פּיזיסטראַטוס, האָט קלייסטהענעס איינגעפיהרט דעם אָסטראַציזם, אָדער דאָס שערבעל־געריכט. דאָס איז געווען אַ מין פאָלקס־געריכט, דורך וועלכעס יעדער בירגער, וועלכער איז געוואָרען געפעהרליך פּאָליטיש, האָט געקענט אַרויסגעשיקט ווערען פון לאַנד אויף 10 יאָהר און שפּעטער נאָר אויף 5 יאָהר. דיזע פעראורטיילונג איז ניט געווען אַלס שטראַף פיר אַ זינד, אָדער אַ בזיון, און דעריבער איז דער פעראורטיילטער צום אַרויסשיקען געבליבען ביי זיין פערמעגען און מען האָט עס ניט קאָנפיסקירט, ווי מען פלעגט עס טאָן מיט פערברעכער. אַלע יאָהר פלעגט מען דעם פאָלק פאָרלעגען די פראַגע, אויב עס איז דאָ אַ מאַן, וועלכער פערדינט מען זאָל איהם אַרויסשיקען. אויב עס האָט זיך געפונען אַזאַ מאַן, האָט מען אין דער נעכסטער פאָלקס־פערזאַמלונג יעדען בירגער געגעבען אַן אָסטראַקאָן (אַ שערבעל), אויף וועלכען יעדער האָט געדאַרפט אָנשרייבען דעם נאָמען פון דעם מאַן, וואָס פערדינט אַרויסגעשיקט צו ווערען. און אויב אַ בירגער האָט געהאַט מעהר פון 6,000 שטימען געגען זיך, האָט ער געמוזט דאָס לאַנד פערלאָזען. דאָס פאָלק האָט אָבער געהאַט דאָס רעכט איהם צוריקצורופען איידער זיין טערמין האָט זיך געענדיגט.

קלייסטהענעס האָט אַלזאָ אָפּגעשאַפט די געזעצען און פערפאַסונג פון בלוט־פערוואַנדטשאַפט און האָט איינגעפיהרט אַנשטאָט דעם די אָרט־געמיינדע. אום צו זיין אַ בירגער, האָט מען געמוזט זיין איינגעשריבען אַלס איינוואוינער אין וועלכען עס איז דעמאָס. דאָ האָט יעדער בירגער זיין שטימע אָפּגעגעבען, דאָ האָט ער געצאָהלט שטייער, צום מיליטער־דינסט

געגאַנגען, אין סענאַט בערופען געוואָרען, אַן אַמט בעקומען. זיין געהערען צו דעם אָדער יענעם שטאַם פון לאַנד האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף זיינע בירגער־רעכטען. אַלע רעכטען פון די שטאַמען זיינען איבערגעגעבען גע־וואָרען צו דעמאָסען. זיי איז נאָר געבליבען דאָס רעכט צו פעראייניגען זיך צו רעליגיאָנס־גענאָסענשאַפטען אום צוזאַמען צו פייערן רעליגיעזע פיי־ער־טעג. דאָך איז דער מאָראַלישער איינפלוס פון די שטאַמען און פון בלוט־פערוואַנדטשאַפט נאָך לאַנג פערבליבען אין פאָלק. דיזעס האָט זיך זעהר דייטליך אַרויסגעצייגט אין דער איינריכטונג פון דער אַטהענער פאָ־ליציי. אַטהען האָט פריהער געהאַט נאָר איין אַרמעע און איין פלאָטע אום די שטאָדט צו בעשיצען און אום די שקלאַפען אין געהאָרזאַמקייט צו



אָפּפער, טאַנץ און מאָהלצייט פון אַ רעליגיעזער געזעלשאַפט.

האַלטען. די נייע אָרדנונג האָט געפאָדערט איינצופיהרען אַ פּאָליציי פון פוס־פאָלק און רייטעריי, וועלכע זאָל דאָס פאָלק זעלבסט אין אָרדנונג האַל־טען. די אַלטע שטאַם־גענאָסען האָבען עס געהאַלטען פיר אַ שאַנדע צו דינען אין דער פּאָליציי, עס איז יעדען פון זיי ליבער געווען זיך לאָזען אַרעסטירען פון אַ שקלאַף איידער ער זעלבסט זאָל אויף זיך נעהמען די ערנידריגונג צו פערהאַפטען אַ בירגער. דעריבער איז די פּאָליציי איבער־געגעבען געוואָרען צו שקלאַפען.

אַלס גרינדער פון דעמאָקראַטיע אין אַטהען רעכענט מען געוועהנליך סאָלאָן׳ען, נאָר איינינע שריפטשטעלער שרייבען צו אַ טייל פון דיזער

ארבייט צו קלייסטהענעס'ן און טהעזעאוס'ן. אין גרונד גענומען איז די דעמאָקראַטיע אין אַטהען עלטער פון דיזע אַלע דריי. זיי האָבען נאָר גע־מאַכט גרויסע פערענדערונגען אין דער אַטהענישער פערפאַסונג. קיינער פון זיי האָט ניט געוואָגט די פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע צו פערוואַרפען אָדער אומצוענדערן. אין דער נייער פּאָליטישער געזעלשאַפט האָבען די אַטהע־נער פערווירקליכט אַ פּאָלשטענדיגע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט נאָר גע־פאָדערט אַ פערענדערונג אין דער פערפאַסונגס־פאָרמע. פיעלע היס־טאָריקער האָבען אַ טעות, ווען זיי בעהויפּטען, דאָס די אורשפּרינגליכע פערפאַסונג פון די גריכישע שטאַמען זיינען געוועזען מאָנארכיש, און דאָס עס האָט געפאָדערט גרויסע רעוואָלוציאָנען ביז עס איז געלונגען אין אַטהען איינצופיהרען די דעמאָקראַטישע אָרדנונג. דאָס איז ניט וואהר. די אַלע אַלטע גריכישע איינריכטונגען זיינען אימער געוועזען דעמאָקראַטיש. עס איז אמת, דאָס מאַנכמאָל האָבען איינצעלנע פּערזאָנען פערכאַפּט די אויבערהערשאַפט, אָבער מיר דאַרפען ניט פערגעסען, דאָס דיזעס האָט ארויסגערופען העפטיגע שטרייטיגקייטען אום די דעמאָקראַטיע צוריק איינ־צופיהרען. אָבער קיינמאָל האָבען די גריכישע שטאַאַטען ניט פערלאָרען זייערע פרייהייטען און דאָס רעכט זיך זעלבסט צו פערוואַלטען, וועלכע זיינען אין אַלע צייטען געוועזען זייער הייליגעס איינענטום.

ווען מיר פערגלייכען יעצט די פערפאַסונג פוןביידע גריכישע הויפּט־שטאַאַטען, אַטהען און ספּאַרטאַ, זעהען מיר גלייך דעם גרויסען אונטערשייד צווישען זיי. דער איינציגער ציעל פון ליקורג'ס געזעצען אין ספּאַרטאַ איז געוועזען די אונטערדריקטע מאַסען, די העלאָטען, מיט דעם שווערד צו האַל־טען אונטערטעניג. אין אַטהען אָבער האָט מען געזוכט מיטלען ווי צו איינאָרדנען די בעציהונגען פון פרייע בירגער איינער צום אַנדערן, דאָס קיינער זאָל ניט אָנגרייפען דעם אַנדערן'ס רעכטען: די שקלאַפען אין אַטהען האָבען גענאָסען מעהר פרייהייט ווי די שקלאַפען אין ספּאַרטאַ. אין אַטהען זיינען די שקלאַפען בעהאַנדעלט געוואָרען פיעל מענשליכער. דעריבער זיינען אין אַטהען געוועזען וועניגער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונגען פון די שקלאַפען ווי אין ספּאַרטאַ, און די וועניגע בעוועגונגען זיינען ניט געוועזען אַזוי ביטער ווי אין ספּאַרטאַ. אין אַטהען האָט געמוזט די אַלטע פערפאַסונג פון די שטאַמען אָפּגעשאַפט ווערען, ווייל זי האָט געשטערט צו דער ענטוויקלונג פון האַנדעל און אינדוסטריע, אין ספּאַרטאַ אָבער איז זי פערשטאַרקט געוואָרען. דורך די געזעצגעבונג אום בעסער צו קענען אונ־טערדריקען יעדע פרייע ענטוויקלונג. אין איין הינזיכט האָבען זיך ביידע

שטאַאַטען פערגליכען, נעמליך — אין דער פאָלקאָמענער דעמאָקראַטיע פון די פרייע בירגער צווישען זיך.

ווי עס איז לייכט צו בעגרייפען, האָבען די רעפאָרמעס פון קלייסטהענעס'ן ארויסגערופען א שרעקליכען האס צו איהם פון דעם אדעל. איבער-הויפט איז ארויס געגען איהם א י ז א ג אָ ר א ס, איינער פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע אונטער דעם אדעל. איזאַגאָראַס האָט זיך פערבונדען מיט ספּאַרטאַ און האָט געווירקט, זי זאָל איהם העלפען קלייסטהענעס'ן פון אַטהען ארויסצוטרייבען. די ספּאַרטאַנער האָבען געשיקט א הערהאָלד (שליח) צו די אַטהענער מיט דער פאָדערונג קלייסטהענעס'ן פון לאַנד ארויסצושיקען. די אַטהענער זיינען געצוואונגען געווען נאָכצוגעבען דעם פערלאַנג פון ספּאַרטאַ, און קלייסטהענעס מיט זיין פאַמיליע האָבען געמוזט די שטאָדט פערלאָזען. נאָך דעם האָט קלעאָמענעס, דער באַזילעאוס (קע-ניג) פון ספּאַרטאַ, אונטערגענומען א קריגס-צוג נאָך אַטהען, האָט פער-טריבען פון דאָרט 700 פאַמיליעס, וועלכע איזאַגאָראַס האָט אָנגעצייגט, האָט אויפגעלעזט דעם פאָלקס-ראַט פון 500 און האָט געוואָלט איבער-געבען די גאַנצע פערוואַלטונג צו 300 לייט פון דעם אדעל. אָבער דער פאָלקס-ראַט האָט ניט נאָכגעגעבען, האָט ארויסגערופען די אַטהענער צום ווידערשטאַנד און האָט איינגעשלאָסען די אדעליגע און די ספּאַר-טאַנער אין אקראָפּאָליס, דער פעסטונג פון אַטהען. אויף'ן דריטען טאָג האָ-בען זיך די בעלאַגערטע אונטערגעגעבען, ווייל עס האָט זיי געפעהלט לע-בענסמיטעל. קלעאָמענעס און איזאַגאָראַס זיינען ענטלאָפען און אלע זייערע אנהענגער זיינען געטויטעט געוואָרען.

דער זיג פון די דעמאָקראַטען האָט די אַטהענער פיעל צוגעגעבען קראַפט און מוט, וואָס זיי האָבען יעצט בעזונדערס נעטיג געהאַט. די נידער-לאַגע פון קלעאָמענעס'ן האָט ארויסגערופען א קריג מיט ספּאַרטאַ, ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען. דערצו קומט נאָך די אייפערזוכט פון דער אינזעל אֶגינאַ, וועלכע איז רייך געוואָרען פון האַנדעל, שיפען-פער-קעהר און אינדוסטריע, און האָט געקוקט אויף אַטהען ווי אויף א געפעהר-ליכע קאָנקורענטקע. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט כאַלציס. דיזע ביידע האָבען זיך פעראייניגט מיט ספּאַרטאַ צו דערשטיקען אַטהען. אויך טהעבען האָט זיך צוגעשלאָסען צו דיזען בונד געגען אַטהען. די אַטהענער האָבען זיך געווענדעט וועגען הילף צום פערסישען שטאַטהאַלטער ארטאַ-פערנעס, וועלכער האָט רעגירט אין סאַרדעס אין לידיען. ארטאַפערנעס האָט זיי פערשפּראָכען הילף, אָבער אונטער דער בעדינגונג, דאָס זיי

זאָלען איהם ברייננגען ערד און וואסער אַלס צייכען פון זייער אונטערטע-ניגקייט צו איהם. די אַטהענער האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ ערנידרי-גונג. קלייסטהענעס האָט איינגעשטימט אויף דיזע בעדינגונג, ער האָט אָבער דערפאַר פערלאָרען דאָס גאַנצע צוטרויען פון פאָלק, און ווי עס ווייזט אויס איז ער פון זיין פאָטערלאַנד פערטריבען געוואָרען. די ספּאַר-טאַנער, די טהעבאַנער און די איינוואוינער פון כאַלציס זיינען בעפאַ-לען אַטטיקאַ און די אֶגינער האָבען געפּלינדערט די ברעגען. צום גליק פון די אַטהענער האָט זיך באַלד געמאַכט אַ שטרייטיגקייט צווישען זיי-ערע געגנער.

אויך אין ספּאַרטאַנישען לאַגער זעלבסט האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַל-טונג. דער צווייטער באַזילעאוס (קעניג) פון ספּאַרטאַ, דעמאַראַטוס, האָט ניט געהאַט קיין צוטרויען צום ערסטען באַזילעאוס, קלעאָמענעס, ווייל ער איז געווען צו פיעל עהרגייציג. דעריבער איז עס גרינג געווען פיר די אַטהענער צו בעזיגען די באָאָטיער און נאָך אין דעם זעלבען טאָג זיי-נען זיי אַריבער אין כאַלציס, אויף דער אינזעל ע ו ו ב אָ אַ, האָבען זי אין גאַנצען בעזיגט, און האָבען גלייך געשיקט 4,000 קאָלאָניסטען צו בעזעצען די שטאָדט. דיזע האָבען זיך צוטיילט מיט די בעסטע גיטער פון די רייַ-כע פון כאַלציס, און האָבען מיט דער צייט געבילדעט איינע פון די רייכסטע קאָלאָניעס פון די אַטהענער.

אזוי איז די פערפאַסונג פון אַטהען געראַטעט געוואָרען, ווייל די דעמאָקראַטיע האָט בעגייסטערט די בירגער. די בירגערליכע גלייכהייט און פרייהייט איז אַן אויסגעצייכענטעס געוועהר, זאָגט הערָאָדאָט. אין אַ דע-מאָקראַטישען שטאַאַט ווייס יעדערער, דאָס ער שטרייט פיר זיך זעלבסט, פיר זיינע אייגענע אינטערעסען. די דעמאָקראַטיע האָט עס אויך געהאָלפען אַטהען צו בעקומען איהר וועלטגעשיכטליכען רוהם. נאָך דעם, ווי די אינ-טערעסען אין לאַנד זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען, האָט אַטהען אָנגע-פאַנגען נאָך מעהר צו פערשפּרייטען דעם האַנדעל און די אינדוסטריע, אין דערמיט איז איהר מאַכט געוואַקסען אויך אין אויסלאַנד צו אַן אונגעוועהנ-ליכער שטופע. דער קלאַסען-האַס צווישען דעם אַדעל און די איבריגע פרייע בירגער איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, עס איז נאָר גע-בליבען דער אונטערשייד צווישען פרייע און שקלאַפען. מיר מוזען געדענ-קען, דאָס די אַטהענישע דעמאָקראַטיע איז געווען געגרינדעט אויף שקלאַ-פעריי. די שקלאַפען זיינען דאָרט געווען 18 מאָל מעהר ווי די פרייע, און זיינען געווען אויסגעשלאָסען פון אַלע רעכטען, דאָך האָבען זיי געטאָן

אַלע קולטור־אַרבייטען, זיי האָבען געשאַפען דעם גאַנצען וואויל־שטאַנד און רייכטום פון לאַנד. די שקלאַפען האָבען געטריבען די מאַנופאַקטורען, זיי זיינען געווען די טרעגער פון האַנדעל. די פרייע האָבען זיך בענוצענט דערמיט, וואָס זיי האָבען פערצעהרט די פּראָדוקטען, וואָס די שקלאַפען האָבען מיט זייער שווערער מיה געשאַפען. די פרייע האָבען גערעכענט פיר זיך אַלס אַן ערנידריגונג צו בעשעפטיגען זיך מיט אַרבייט. פיר זיי האָט נאָר געפּאַסט זיך בעשעפטיגען מיט פּאָליטיק, מיט שטאַאַטס־אינטערעסען. מען קען פערגלייכען אַטהען מיט דעם יאַנוס־קאָפּ (יאַנוס איז געווען אַ גאָט מיט צוויי געזיכטער). איין געזיכט, דאָס געזיכט פון דער בירגערשאַפט, איז שען, ערהאַבען, אידעאַל, דורכגעגליהט מיט פרייהייט, בעשיינט מיט דעם גלאַנץ פון קונסט, פערגייסטיגט מיט אַ געניאַלער דענק־קראַפט. דאָס אַנדערע, דאָס געזיכט פון דער שקלאַפעריי, איז העסליך און פערדאַרבען פון האַרטער, אייביגער אַרבייט, נידערגעדריקט פון דעם בעוואוסטזיין פון קנעכטשאַפט און פול מיט כעס און גיפט געגען זיינע הערען די פּאַראַזיטען.

3) די קלענערע גריכישע שטאַאַטען

די פערפאַסונגען פון ספּאַרטאַ און אַטהען זיינען געווען די הויפּט־מוס־טערן פיר די פערפאַסונגען פון אַלע קלענערע גריכישע שטאַאַטען. אין ענדע פון 7טען יאָהרהונדערט פ. קר. איז אין די דאָרישע שטאַאַטען געווען די ספּאַרטאַנישע אָרגאַניזאַציאָן און אין די יאָנישע שטאַאַטען זיינען געווען דעמאָקראַטישע איינריכטונגען מיט מעהר אָדער וועניגער ענדערונגען. די אַלטע אָרדנונג, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף בלוט־פערוואַנדטשאַפט און שטאַם־פערפאַסונג, איז שוין דאַמאָלס געווען אין גאַנצען פערשוואונ־דען. אָבער ווען אַפילו די פערפאַסונגען פון די פערשיידענע שטאַאַטען זיינען געווען פערשיידען איינע פון דער אַנדערער, האָבען זיי דאָך אַלע געהאַט איין דעמאָקראַטישע גרונדלאַגע, ניט רעכענענדיג די העסליכע זייט פון שקלאַפעריי. איבעראַל איז די פאָלקס־פערזאַמלונג געווען דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער געזעצגעבונג, און אין דיזער פערזאַמלונג האָבען אָנטייל גענומען אַלע בירגער. די בעאַמטע פלעגען ערוועהלט ווערען געוועהנליך נאָר אויף איין יאָהר און זיי האָבען בעדאַרפט רעכענשאַפט אָפּגעבען צו דעם פאָלק. די ריכטער זיינען געווען אָדער די פאָלקס־פערזאַמלונג, אָדער איינינע ערוועהלטע בירגער. הגם די דאָרישע שטאַאַטען האָבען איינגע־פיהרט זייערע פערפאַסונגען נאָך דעם מוסטער פון דער ספּאַרטאַנישער, זיינען זיי דאָך אַזוי ניט פערבליבען אין דער גאַנצער געשיכטליכער צייט,

אויסער אין קרעטא. די איבריגע שטאאטען זיינען ביסלאכוויז איבער־געגאנגען צום האנדעל און אינדוסטריע, און דעריבער האט זיך ביי זיי ווידערהאלט דער זעלביגער ענטוויקלונגס־גאנג ווי אין אטהען, אזוי דאס די מעהרסטע דארישע שטאאטען האבען זיך ווייניג אונטערשידען פון דער דעמאקראטיע, וואס האט געהערשט אין די יאנישע שטאאטען.

אין די גריכישע שטאאטען האט זיך אפט געטראפען, דאס א מעכטיגער אדעלמאן האט זיך בענוצט מיט דער אונארדנונג און האט זיך געמאכט צום זעלבסט־הערשער. איבערהויפט זיינען געווען פיעלע אזעלכע פעלען פון הערשאפט־פערכאפונג אין 6טען און 7טען יאהרהונדערט פ. קר. די בעריהמטעסטע טיראנען פון יענער צייט זיינען געווען: פעריאנדער פון קארינטה און פאליקראטעס פון סאמאס. ווייל אויסער קארינטה און סיציאן האבען די איבריגע שטאאטען צו יענער צייט געשפילט א זעהר קליינע ראלע, דעריבער געפינען מיר נאר פיר נעטיג צו רעדען איבער די פערפאסונגען פון דיזע צוויי שטעדט.

נאך דעם, ווי די שטאם־פערפאסונג אין אונטערגעגאנגען, איז די מאכט איבער די גאנצע בירגערשאפט אין קארינטה איבערגעגאנגען אין די הענט פון אייניגע אדעל־לייט, ווי אין אטהען. עס האבען זיך דאן אנגעפאנגען שטענדיגע צאנקערייען און רייסערייען צווישען די בירגער, און אין דיזער פערוויררונג איז עס געלונגען איין אדעל־מאן מיט'ן נאמען קיפסעלאס זיך צו מאכען צום טיראן. ער האט בעצירט קארינטה מיט פרעכטיגע געביידעס. די מיטלען דערצו האט ער גענומען פון די גיטער, וואס ער האט אפגענומען פון די פערטריבענע אדעל־לייט, וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען זיין טיראניי. ער האט אויך דעם האנדעל שטארק פערברייטערט דורך גרינדען נייע קאלאניעס. זיין זוהן פעריאנדער האט נאך איבערשטיגען זיין פאטער אין האנדעלס־פאליטיק און אין אונטערנעהמונגען און ער האט געבראכט קארינטה צו א הערשענדער פאזיציאן אין גריכענלאנד, אבער זיין רעגירונג איז געווען פול מיט גרויזאמקייטען. דיזעס האט ארויסגערופען גרויסע ערביטערונגען צווישען די בירגער. די אונצופרידענהייט פון פאלק האט געגרייכט די העכסטע שטופע אלס זיין נאכפאלגער פסאממעטיך האט פארטגעזעצט די זעלביגע טיראניי. פסאממעטיך איז אין פערטען יאהר פון זיין רעגירונג געשטירצט געווארען, און די אלטע אדעל־הערשאפט, אין א מילדערער פארמע, איז ווידער איינגעפיהרט געווארען, און דיזע פארמע פון רעגירונג האט זיך לאנג געהאלטען אין קארינטה.

די פערפאַסונגס־געשיכטע פון סיציאָן איז זעהר עהנליך צו דער קאָרינטהישער. אין יאָהר 665 פ. קר. האָט אַן אדעלמאַן אָ ר ט ה אַ ג אָ ר אַ ס אָפּגענומען די רעגירונג פון די הערשטענדע דאָריער און איז געוואָרען אַליין הערשער. זיין נאָכפאָלגער ק ל י י ס ט ה ע נ ע ס, וועלכער איז געוועזען בעריהמט דורך זיין ליבע צו פראכט און קונסט, האָט אין גאַנצען גע־שטירצט די אַלטע שטאַם־פערפאַסונג, האָט אָפּגענומען פון די דאָריער אַלע רעכטען און האָט דעם יאָנישען שטאַם פון די אַגיאַלער געמאַכט פיר דעם הערשענדען. זיין ענד איז ניט בעקאַנט. מען ווייס ניט, אויב ער האָט גע־פיהרט זיין טיראַניי ביז דעם סוף פון זיין לעבען, אָדער ער איז פון טראָן געשטירצט געוואָרען פאַר דער צייט. נאָר דאָס ווייס מען אויף געוויס, דאָס אין יאָהר 600 פ. קר. זיינען די דאָריער ווידער געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער רעגירונג אין סיציאָן. אויך אין די יאָנישע שטעדט און אויף די אינזלען פון קליין־אַזיען האָט זיך דער שטאַאַט ענטוויקעלט אויף דער זעלביגער אַרט, ווי אין דעם גריכישען מוטער־לאַנד.

4) די פערבינדונג פון די גריכישע שטאַאַטען.

פון דעם, וואָס מיר האָבען ביז יעצט ערצעהלט, אייז קלאָר צו זעהן, דאָס די גריכען זיינען ניט געווען פעראייניגט אין איין נאַציאָן, נאָר זיי זיינען געווען צוטיילט אין פערשיידענע שטאַאַטען און פעלקערשאַפטען. פון דיזען צושטאַנד זיינען זיי ביז צו ענדע פון זייער געשיכטע ניט אַרויס־געוואַקסען. זיי האָבען אימער געלעבט אין געגענזייטיגער פיינדשאַפט איי־נער מיט דעם אַנדערן. דאָך געפינען מיר אייניגע פערבינדונגס־פונקטען צווישען די פערשיידענע שטעדט און שטאַאַטען, וועלכע האָבען אין אויס־לאַנד געמאַכט דעם איינדרוק, דאָס זיי זיינען אַן איינהייטליכעס פאָלק מיט גע־מיינשאַפטליכע אינטערעסען. די פערבינדונגס־פונקטען זיינען געווען: די גע־מיינזאַמע שפּראַך און די גלייכאַרטיגקייט פון זייער כאַראַקטער, וועלכער האָט זיך געצייגט דורך געבאָרענעם מוט, ריהרעוודיגקייט פון גייסט, פרייהייטס־זין, ליבע פיר פּאָעזיע און קונסט, ווי אויך פיר אַ פרעהליכעס לעבען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלערליי פּייערטעג און פערשיידענע צייט־פערטרייבען. דיזע געמיינזאַמע לעבענס־אַרט און ריכטונג פון גייסט האָבען די גריכען גע־בראַכט דערצו, זיי זאָלען איינפיהרען אייניגע אַלגעמיינע איינריכטונגען, וועלכע האָבען זיי ביז אַ געוויסען גראַד געהאַלטען צוזאַמען. דיזע איינ־ריכטונגען זיינען געווען די נאַציאָנאַל־שפּילען, די אַמפיקטיאָנען (בונד פיר פּאָליטישע און אַנדערע צוועקען) און דער אָראַקעל (אַ מין אורים ותומים).

די נאציאָנאַל־שפּילען פון די גריכען האָבען זיך ענטוויקעלט פון די וועט־קאַמפּען, וועלכע זיינען געוועזן פעסט צוזאַמענגעקניפּט מיט די רעליגיעזע פייערטעג. די עלטעסטע פון דיזע פעסט־שפּילען זיינען געוועזן די, וועלכע די יאָנישע שטאַמען האָבען איינגעפיהרט אויף דער אינזעל דעלאָס צו עהרע פון אַפּאָללאָ. אויך אַנדערע קולט־ערטער האָבען געהאַט אַזעלכע וועט־קאַמפּען, אָבער אין זיי האָבען אָנטייל גענומען די נאָהענטע נאַכבאַרען. נאָר פיער פון די אַלע זיינען געוועזן אַלגעמיינע, נאַציאָנאַלע, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענומען אַלע גריכישע שטאַאַטען, נעמליך: די אָלימפּישע, פּיטהישע, נעמעאישע און איסטהמישע.

מעהר פון אַלע זיינען בעריהמט און בעזוכט געוועזן די אָלימפּישע נאַציאָנאַל־שפּילען, וועלכע פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען אין אָלימפּיאַ, אין דער לאַנדשאַפט עלים. די זאַגע שרייבט צו די גרינדונג פון דיזע שפּילען צו הערקולעס׳ן. אָבער די אַלגעמיינע בעדייטונג האָבען זיי געקריגען דורך דעם קעניג איפיטוס, וועלכער האָט געמאַכט מיט ליקורג׳ן אַ פּערטראַג, דאָס די אֶטאָליער זאָלען דיזע פעסטען צוזאַמען מיט די ספּאַרטאַנער פייערן. מיט דער צייט זיינען אויך אַנדערע גריכישע שטאַאַטען צו די שפּילען צוגעלאָזען געוואָרען, אַפילו די ווייטעסטע קאָלאָניעס. הונדערט יאָהר שפּעטער (776 פּ. קר.) האָט מען אָנגעפאַנגען צו פערצייכנען דעם נאָמען פון דעם זיגער אין דיזע שפּילען, און מען האָט איהם פערעפענטליכט אין אָלימפּיאַ. פון דאַמאָלס אָן איז עס אימער אַזוי געשעהן אָהן אונטערברעכונג. און ווייל דיזע שפּילען פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען זעהר רעגעלמעסיג, האָט מען זינט יענעם יאָהר געשאַפען אַ זיכערע צייטרעכנונג, מיט וועלכער די געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט און פון שפּעטערע צייטען האָבען זיך בעדינט. מען האָט געטיילט נעמליך די גאַנצע צייט אין אָפּשניטען פון פיער יאָהר, וועלכע זיינען געוועזן בעוואוסט מיט דעם נאָמען: אָלימפּיאַדעס, ווייל די שפּילען פלעגען פאָרקומען איין מאָל אין פיער יאָהר. די ערסטע אָלימפּיאַדע האָט זיך אָנגעפאַנגען צו רעכנען פון דעם יאָהר 776 פּ. קר. נאָך דעם האָט מען גערעכענט די אָלימפּיאַדעם נאָך דעם נאָמען פון דעם זיגער אָדער נאָך דער צאָהל פון די אָלימפּיאַדעם פון דער ערסטער. אַזוי ערצעהלט דער געשיכטע־שרייבער דיאָדאָר, דאָס די פּערבאַנונג (אַרויסשיקונג פון לאַנד) פון טהעמיסטאָקלעס׳ן איז געווען אין דעם 2טען יאָהר פון דער 75טער אָלימפּיאַדע, ד. ה. אין דעם יאָהר 474 פּ. קר.



אַנזיכט פון אָלימפּיאַ.

די שפיעלען פלעגען פארקומען אין א הייליגען וועלדעל פון אויל-בוימער ביים ברעג פון טייך אלפעאוס, וואו עס איז געשטאנען דער טעמ-פעל פון צעאוס'ן. דארט האבען זיך געפונען א היפפאדראם און א סטאדיאן. דאס סטאדיאן איז געווען א געמאכטער וועג צום וועט-לויפען, מיט זיץ-ערטער פון ביידע זייטען פיר צושויער. דער וועג איז געווען 600 גריכישע פוס לאנג. נעבען דעם סטאדיאן איז געווען דער היפפאדראם, וועלכער איז געווען איינגעריכטעט ווי דאס סטאדיאן, נאר ער איז געווען פיעל גרעסער, ווייל דא איז דער וועט-לויף פארגעקומען אין וואגענס מיט פערד.

דאס פעסט איז געפייערט געווארען אין דער צייט פון דער ערסטער פולער לבנה נאך דער תקופה פון זומער (דאס הייסט נאך דעם יום הארוך).

וועט-לויף.

אנפאנגס פלעגט מען פייערן נאר איין טאג, און עס פלעגט פארקומען נאר איין וועט-לויף אין סטאדיאן. אבער גיך האט מען די צייט פערגרעסערט אויף 5 טעג און אויך די צאהל פון די שפילען איז פיעלפאך פערמעהרט געווארען. ווען די צייט פון פעסט איז אנגעקומען, האט מען צושיקט העראלדען (שלוחים) אין אלע געגענדען צו געבען צו וויסען וועגען דעם. דאמאלס פלעגען אלע גריכישע שטאאטען ארויסשיקען פעסט-געזאנדטשאפ-טען רייך בעפוצט מיט פאהנען און מיט א קרבן, און צוזאמען מיט די וועט-קעמפער האבען זיי זיך געצויגען נאך אלימפיא. צו דיזע זיינען נאך צוגעקומען זעהר פיעלע רעדנער, דיכטער, פילאזאפען און געשיכטע-שרייבער אום עפענטליכע פארטראגען צו האלטען און דורך דעם זייערע ווערק בע-קאנט צו מאכען צו אלע גריכען.

דער צענטער פון גאַנצען יום טוב זיינען געווען די וועט־קאַמפּפע, וועלכע זיינען בעשטאַנען אין שפּרינגען, לויפען, זיך ראַנגלען, וואַרפען דיסקען (רונדע פלאַכע שטיינער אָדער שטיקער מעטאַל) אָדער שפּיזען, ווי אויך אין פויסט־קאַמפּף. די רייכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט וועט־לויפען אויף וואָגענס מיט אַ געשפּאַן פון פיער פערד. דער פּרייז פיר אַלע סאָרטען וועט־קאַמפּפען איז געווען דער זעלביגער. דאָך האָט געגאָלטען אַלס דער ערסטער זיגער דער יעניגער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין וועט־לויפען. די ריכטער, וועלכע האָבען געדאַרפט אורטיילען, ווער עס האָט געוואונען דעם פּרייז, זיינען שטענדיג געווען מענער פון עלים. בעקומען אַ פּרייז האָט געקענט נאָר אַ פריי־געבאָרענער גריך, וועלכער האָט נאָך איידער די וועט האָט זיך אָנגעפאַנגען געמוזט בעווייזען זיין יחוס, דאָס ער שטאַמט פון עכטע גריכען. אויסלענדער האָבען געקענט צוגעלאָזען



וועט־לויף אין אַ וואָגען.

ווערען צו די שפּילען נאָר אַלס צושויער. די פּרייזען האָט מען אויסגעטיילט דעם לעצטען טאָג פון פעסט. נאָך דעם, ווי מען האָט געבראַכט אַ גרויסאַרטיגען קרבן צו צעאוס׳ן, האָט מען פאָרגעלעזען די נעמען פון די זיגער פאַר׳ן פּובליקום, וועלכעס האָט מיט גרויס בייפאַל און פרעהליכען יובעל בעלוינט דעם זיגער מיט אַן איינפאַכען קראַנץ פון אויל־צווייגען. נאָך דעם האָט מען די זיגער בעגלייט מיט גרויס פּאַראַד צו זייערע געבורטס־ערטער, וואו מען האָט זיי געצייגט גאַנץ בעזונדערע צייכענס פון עהרע. דעם אָליווען־קראַנץ פלעגט דער זיגער טראָגען ביי אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייטען און פייערטעג. צו דיזען קראַנץ פלעגט מען אָפטער צוגעבען אַ גאָלדענעם קראַנץ, און מען פלעגט מאַכען אַ מאַרמאָרנע סטאַטוע פון דעם זיגער אין אָלימפּיאַ. דורך לידער פלעגט מען פערשפּרייטען זיין נאָמען און זיין כבוד ביז אין די גאַנץ ווייטע געגענדען, און מען האָט אָנגע-

וואנדט מיטלען, דאס זיין נאמען זאל בלייבען בעוואוסט און געשעצט אויף אין די שפעטעסטע צייטען. עס איז געוועזן דאס גרעסטע גליק פיר א גריך ארויסצוגעהן א זיגער אין אלימפיא. מיט דעם האט שטאלצירט ניט נאר דער זיגער, נאר אויך די שטאדט פון וועלכער ער איז געוועזן א בירגער. עס איז אונז פערבליבען א קליינע ערצעהלונג פון איינעם א געוויסען דעמא-ראטוס'ן, וועלכער כאראקטעריזירט דייטליך דעם כבוד, וואס א זיגער אין אלימפיא האט דאמאלס גענאסען. אן אלטער מאן פון רהאדוס, וועלכער האט א מאל געוואונען דעם פרייז אין אלימפיא, האט בעגלייט זיינע צוויי זיהן צו די שפילען, און האט געהאט דאס זעלטענע גליק צו זעהן, ווי זיי-נע ביידע זיהן זיינען ארויס די זיגער. די קינדער האבען באלד גענומען זייערע קראנצען, האבען זיי ארויפגעלעגט אויף'ן פאטער'ס קאפ און הא-



ראנגלען.

בען איהם אויף זייערע שולטערן געטראגען צו דער גאנצער פערזאמלונג אום איהם דעם גאנצען כבוד איבערצוגעבען. מיט גרויס בייפאל האט די גאנצע פערזאמלונג געצייגט עהרע דעם אלטען פאטער און האט שטארק בעלוינט די טאט פון די קינדער. דאן איז איינער פון דער פערזאמלונג ארויס מיט די ווערטער: „שטארב, דיאגאראס, אין דעם אלימפוס ארייג-צוקומען איז דיר ניט בעשערט!" (ד. ה. די איינציגע עהרע, וועלכע שטעהט העכער פון דעם זיג פון אלימפיא, איז דיר ניט בעשטימט). דיאגאראס האט ווירקליך ניט געקענט אריבערטראגען די צו גרויסע פרייד, איז אראפ-געפאלען פון די הענט פון זיינע קינדער און איז געשטארבען.

די פּ י ט י ש ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל = ש פּ י ל ע ן זיינען כמעט געווען אזוי וויכטיג און אזוי געעהרט ווי די אָלימפּישע. דיזע שפּילען פלעגען געפּייערט ווערען נאָהענט פון דעלפי צו עהרע פון אַפּאָללאָ. די שפּילען האָבען זיך גערופען פּ י ט י ש ע, ווייל פּ י ט י ע ר איז געווען דער צונאָמען פון אַפּאָללאָ. די פּיטישע שפּילען פלעגען אויך אָפּגעהאַלטען ווערען אַלע 4 יאָהר, נעמליך דעם 3טען יאָהר פון דער אָלימפּיאַדע. אין דעם שפּיל פלעגען פּאָרקומען דיכטערישע, מוזיקאַלישע וועט=קאַמפּען צוזאַמען מיט גימנאַסטישע, ווייל אַפּאָללאָ איז געווען דער גאָט פון פּאָעזיע און מוזיק. אָנפאַנגס פלעגט מען דעם זיגער געבען אַ גאָלדענעם קראַנץ, שפּעטער פלעגט מען איהם געבען נאָר אַ לאָרבעער=צווייג, וועלכען מען פלעגט אָפּרייסען פון דעם בוים, וואָס איז געווען געהייליגט צו אַפּאָללאָ'ן.

פויסט=קעמפער.

די נ ע מ ע אַ י ש ע ש פּ י ל ע ן זיינען געווען געגרינדעט צו עהרע פון צעאוס'ן. זיי פלעגען פּאָרקומען ניט ווייט פון דער שטאָדט נ ע מ ע אַ אין אַרגאָליס. דיזע שפּילען פלעגען פּאָרקומען אַלע צוויי יאָהר. ד י א י ס ט ה מ י ש ע ש פּ י ל ע ן זיינען געווען זעהר עהנליך צו די נעמעאישע. זיי האָבען זיך גערופען די איסטהמישע, ווייל מען פלעגט זיי פייערן אויף דעם איסטהמוס (לאַנד=פּאַס) פון קאָרינטה. אָנפאַנגס פלעגט מען דאָרט פייערן די שפּילען אַלע 3 יאָהר, שפּעטער האָט מען זיי אָנגעהויבען צו פייערן אַלע 5 יאָהר. דיזע שפּילען זיינען געווען געגרינדעט צו עהרע פון פּאָסיידאָן, דעם גאָט פון ים.

צווישען די גריכישע פעלקערשאפטען איז צו בעמערקען אַן ערשיינונג, וועלכע מיר האָבען ניט געפונען צווישען אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטען, נעמליך — איינינע שטאַאטען האָבען זיך צוזאַמענגעבונדען צו בעשיצען איין הייליגטום, וואָס זיי אַלע האָבען פערעהרט. דיזער בונד האָט זיך ביי זיי גערופען אַ מ פ י ק ט י אָ ן. זייער צוועק איז געווען צוזאַמען צו פייערן געוויסע פעסטען און פייערטעג און אַ בעשטימטען טעמפעל צו ערהאַלטען און בעשיצען. מיט דער צייט האָט דיזעם געפיהרט דערצו, דאָס אויך די איינצעלנע מיטגלידער פון בונד זיינען געוואָרען פריינדליך איינער צום אַנדערן, האָבען געמאַכט דעם קריג געוויסע גרענצען און האָ-בען זיך פערפליכטעט איינער דעם אַנדערן צו שטיצען. אין פאַל, ווען איין שטאַאט פון דער אַמפיקטיאָן איז געצוואונגען געווען צו שטרייטען מיט אַן אַנדערן שטאַאט פון דער זעלביגער אַמפיקטיאָן, איז געווען פער-וועהרט די קריגער אָפצושניידען פון די, וועלכע בעלאַגערן, דעם צופיהר פון נעטיגע לעבענס-מיטלען, אָדער אָפצואַווענדען דעם פלוס פון טייכען פון דער בעלאַגערטער שטאָדט, דאָס די בעלאַגערטע זאָלען ליידען פון מאַנגעל אין שפייז און וואַסער. עס איז אויך געווען פערבאָטען די בעזיג-טע שטאָדט צו צושטערען. לאַנגזאַם האָבען די אַמפיקטיאָנען בעקומען אַ זעהר גרויסע וויכטינקייט פיר דעם האַנדעל. וויל זייער אַלגעמיינער טעמ-פעל איז געווען בעשיצט פון אַלע בונד-שטאַאטען, איז ער געווען אַ זי-כערער פּלאַץ, וואו זיי אַלע פלעגען בעהאַלטען זייערע טייערע זאַכען. אויסער דעם האָבען אַלע קויפליים, וועלכע פלעגען קומען פון פערשיידענע געגענדען צו פייערן ביים טעמפעל די אַלגעמיינע פייערטעג, אויך געהאַט אַ געלעגענהייט צו ברייננען זייערע סחורות צום פערקויף צו פערשיידענע איינצעלנע מענשען און קויפליים, אַזוי דאָס דער פּלאַץ פון טעמפעל איז געוואָרען אַ וויכטיגער מיטעלפונקט פיר דעם אינערליכען האַנדעל פון איינינע שטאַאטען.

דער בעריהמטעסטער אַמפיקטיאָנען-בונד איז געווען דער דעלפישער. צו איהם האָבען געהערט צוועלף פעלקערשאַפטען, דאָרישע, טהעססאַלישע און יאָנישע. די געזאַנדטע פון דיזע פעלקערשאַפטען פלעגען זיך פער-זאַמלען 2 מאָל אַ יאָהר, איין מאָל אין פריהלינג אין דעלפי, און דעם צוויי-טען מאָל אין הערבסט אין די טהערמאָפּילען. דאָרט פלעגט מען זיך בעראַטען אַרום אַן אַלטאַר, וואָס איז געווען געהייליגט צו הערקולעס'ן, וועגען די אַנגעלעגענהייטען פון דעם בונד. דיזער בונד האָט געהאַט אַן איינפלוס איבער גאַנץ גריכענלאַנד. איין מאָל האָט דיזער בונד בעשטראָפט די איינ-

וואוינער פון קריססעאַ פיר אַ פערברעכען, וואָס זיי האָבען בעגאַנגען געגען אַפּאָללאָ'ן, און האָט דערפאַר צושטערט זייער שטאָדט. דער בונד האָט אויך בעשטראָפט די ספּאַרטאַנער און די אָגינעער מיט אַ געלט־שטראָף פיר גוואַלדטאַטען, וואָס זיי האָבען בעגאַנגען. אין די שפּעטערע צייטען איז זייער מאַכט שוואַכער געוואָרען, ווייל די שטאַאטען זיינען געוואָרען שטאַרקער און גרעסער, און זייערע בעשליסען זיינען געווען גילטיג נאָר פיר די 12 שטאַאטען, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם בונד. אַפילו ביי דיזע שטאַאטען זיינען אָפט פאָרגעקומען שטרייטיגקייטען.

דער אַמפיקטיאָנען־בונד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען מיט'ן צוועק צו בעשיצען דאָס היילגטום, וואָס איז געשטאַנען אויף דער אינזעל דעלאָס,

דיסק־וואַרפער.

איז געווען כמעט אַזוי וויכטיג, ווי דער דעלפישער אַמפיקטיאָנען־בונד. אין דעם בונד פון דעלאָס זיינען אויך געווען 12 שטאַאטען פערבונדען, וועלכע פלעגען זיך פערזאַמלען אין געוויסע טעג צו פייערן אַ פעסט צו עהרע פון דעם גאָט אַפּאָללאָ. דער האַנדעל, וואָס איז דורך דיזען בונד פערברייטערט געוואָרען, איז געווען פיעל גרעסער, ווי דער האַנדעל פון דעלפי.

נאָך איין וויכטיגע איינפיהרונג איז געווען אַלגעמיין פיר אַלע גריכישע שטאַאטען — די אָ ר אַ ק ל ע ן. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען דער אָראַקעל פון דעלפי, וועלכער האָט געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָלע אין

דער געשיכטע פון גריכענלאנד. צווישען די בערג פון פארנאססוס געפינט זיך א טיפע שפאלט, פון וועלכער עס שטייגען אימער ארויס שארפע, בע-טויבענדע גאזען. איבער דיזער שפאלט איז געוועזען אויפגעשטעלט אן אלטע ציקלאפישע מויער, אין וועלכער עס איז געשטאנען א דריי-פוס. צו דיזען ארט האבען געהערט פראפעצייהענדע פריסטערינס אדער פיטהיאס, וועל-כע זיינען אנפאנגס געוועהלט געווארען פון יונגפרויען און שפעטער פון עלטערע פרויען. ווען א פיטהיא האט זיך געזעצט אויף דיזען דריי-פוס, איז זי דורך די שטייגענדע גאזען אריינגעקומען אין בעגייסטערונג און האט אין דיזען צושטאנד ארויסגעזאגט אונדייטליכע ווערטער, וועלכע זיינען אנ-גענומען געווארען אלס ענטפלעקונג פון גאט און זיינען פון די פריסטער אויסגעטייטשט געווארען לויט אומשטענדען. די ערקלערונגען פון די פריס-טער זיינען אויך ניט געוועזען דייטליך. זיי פלעגען די נביאות פון דעם אראַ-קעל ערקלערען אזוי, אז ווי די זאך וועט זיך אויסלאזען, זאל אלץ הייסען, אז זיי האבען געטראפען. צוליב דעם האבען די נביאות פון דעם דעלפישען אראקעל געהאט א גרויסע וויכטיגקייט פיר גריכענלאנד. עס האט פיעלע מאל געטראפען, דאס דער אראקעל האט פערהיטט א קריג, וועלכער האט געהאלטען ביים אויסברעכען צווישען די שטאאטען. שפעטער, ווען דאס גריכישע פאלק איז געווארען מעהר אויפגעקלערט און די פריסטער האַ-בען אנגעפאנגען צו מאכען געלט פון זייערע אויסדייטונגען, האט דער אראַ-קעל פערלארען זיין ווערט און מען האט איהם אנגעפאנגען צו פערשפאטען און פעראכטען.

אין די פריהעריגע צייטען איז דער אראקעל געוועזען ארומגערינגעלט מיט א פרעכטיגען טעמפעל. אין דיזען טעמפעל האבען זיך געפונען זעהר פיעלע טייערע זאכען, וואס פערשיידענע שטאאטען פלעגען צושיקען צום אראקעל אלס דאנק פיר די אנטווארטען, וועלכע ער האט געגעבען אויף זייערע אנפראגעם; צווישען דיזע זיינען געוועזען: א סטאטוע פון האמער'ן געגאסען פון מעטאל, צוויי אונגעהייער גרויסע מיש-קריג פון גאלד און זיל-בער פון קרעזוס'עם אוצר, א בראנזענער שיף-מאסט מיט 3 שטערן, וואס די אינזעל אעגינא האט געגעבען נאך דעם זיג ביי סאלאמיס א. אנד. דער טעמפעל איז געוועזען אזוי רייך אין אנטיקען, דאס מען האט גערעכענט זייער ווערט אויף 10,000 טאלענטען אדער אונגעפעהר 12 מיליאן דאללאר.

דיזע אלע אנטיקען זיינען געוועזען אנפערטרויט צו די פריסטער זיי זאלען אכטונג געבען מען זאל זיי ניט צונעהמען.

ענדליך געפינען מיר פיר נעטיג צו דערמאָהנען נאָך אייניגע שפּילען און פעסטען, וועלכע זיינען געווען איינגעפיהרט נאָר אין אייניגע ערטער אָדער שטאאטען. צו דיזע געהערען די גרויסע פּאנאטהענאָען, די עלעאוסיניען און די טהעסמאָפאָריען.

צווישען די פיעלע פעסטען פון אטהען זיינען זעהר וויכטיג געווען די פּאנאטהענאָען (יום טוב פון אלע אטהענער), וועלכע מען פלעגט דאָרט

עלעאוסינישער יום טוב.

פייערן צום אָנדענקען פון די פעראייניגונג פון די 4 אטהענישע שטאמען אין איין פאָלק. עס זיינען געווען צווייערליי פּאנאטהענאָען: די קליינע און די גרויסע. די קליינע פלעגט מען פייערן יעדען יאָהר, די גרויסע אלע 4 יאָהר. דעם ערסטען טאָג פון דעם יום טוב פלעגען שטרייטען פיר דעם

פרייז זינגער, ציטהער־שפּילער און פלעטען־שפּילער. דעם צווייטען און דריטען טאָג פלעגען די גימנאַסטישע שפּילען פּאַרקומען. די פּרייזען זיי־נען געווען: אַ קראַנץ פון אויל־צווייגען און אַ לעהמענע כלי מיט הייליגען בוימעל, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון הייליגע אויל־בוימער. דער הויפּט גלאַנץ פון דעם יום טוב אָבער איז געווען דער צוג, אין וועלכען די אַטהע־נערינען פלעגען ברייננען אין די אַקראָפּאָליס (פעסטונג) דאָס רייך גע־שטיקטע ספּאַראַן־קלייד צו בעקליידען דאָס אַלטע שניץ־בילד אין ערעכ־טהעיאָן. טעכטער פון אַריסטאָקראַטישע בירגער פלעגען טראָגען אויף זייערע קעפּ קערב מיט פערשיידענע כלים, וואָס מען האָט געברויכט צו קרבנות, נאָך זיי זיינען געגאַנגען אַלטע מענער און פרויען מיט אויל־צווייגען, נאָך דיזע זיינען געגאַנגען פרויען און טעכטער פון פריי־געלאָזענע שקלאַפען מיט קערב און קריגלאַך, וואָס מען האָט נעטיג געהאַט פיר דעם קרבן. אויסער דיזע אַלע האָבען אין צוג אָנטייל גענומען אַלע בירגער מיט זייערע פאַר־שטעהער, אַלע זיגער אין די פּאַנאַטהענאָען, ווי אויך דער אַטהענישער סענאַט אין זיין גאַנצער פּראַכט. דער יום־טוב פלעגט זיך ענדיגען מיט אַ העקאַ־טאָמב, ד. ה. אַ קרבן פון פיעלע רינדער, מיט אַ גרויסאַרטיגער מאָהלצייט פיר דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין דעם יום טוב.

אין אַלע שטאַאַטען פון גריכענלאַנד האָט מען געהאַט זעהר פיעלע פייערטעג צו עהרע פון דער געטין פון תבואות ד ע מ ע ט ע ר. פון דיזע אַלע פייערטעג זיינען געווען די וויכטיגסטע, וואָס מען האָט געפייערט אין אַטהען און אין עלעאוסיס; דיזע פייערטעג זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען ע ל ע א ו ס י נ י ע ן. אויך עלעאוסיניען זיינען געווען צווייערליי: גרויסע און קליינע. די גרויסע פלעגט מען פייערן אין הערבסט, און זיי פלעגען דויערן ניין טעג. די ערסטע 4 טעג האָט מען פערבראַכט אין ברייננען גרויסע קרבנות, אָפּפער־מאָהלצייטען, רייניגונגען און לאַרמדיגע מאַרשען. דעם 5טען טאָג פלעגט מען געהן דורך אַ הייליגע גאַס אין אַ פּראָצעסיאָן צום עלעאוסיס, וועלכער האָט זיך געפונען 4 שטונדען רייזע פון שטאָדט, אום צו ברייננען אַהין די סטאַטוע פון יאַקכאָס (דיאָקכוס) פון אַטהען און אַריינשטעלען זי אין דעם עלעאוסינישען טעמפּעל. אין דיזען צוג פלעגען אָנטייל נעהמען אויסער די העכערע קלאַסען און פּריסטער אַ גרויסע מאַסע מענשען, וועלכע איז געקומען פון נאָהענט און ווייט. בעקרענצט מיט מיר־טהען (הדסים) און אין די הענט זאַנגען, אַקער־אינסטרומענטען אָדער פּאַק־לען, פלעגען זיי טאַנצען און שטיפען און זיך לוסטיג מאַכען ביז אויס־געלאַסענקייט. נאָך דעם, ווי מען איז אין אָבענד אָנגעקומען אין עלעאוסיס

האָט מען די נאַכט פערבראַכט אין פערשיידענע פייערליכקייטען, וועלכע האָבען פאַרגעשטעלט, ווי פערסעפאָנע ווערט געזוכט פון איהר מוטער. נאָך דעם, ווען מען האָט פיעל געטרויערט און געפאַסט, האָט מען דעם יום טוב געשלאָסען מיט אַ צערעמאָניע פון גיסען וואַסער פון פערשיידענע כלים, וואָס זיינען געווען בעשטימט צו דיזען צוועק. די אַנטייל־נעהמער אין דיזע פייערליכקייטען זיינען געווען געטיילט אין 2 קלאַסען. די ערסטע קלאַס האָט געהייסען מ י ס ט ע ן; דיזע האָבען אַנטייל גענומען נאָר אין די אויבען־ערצעהלטע פייערליכקייטען און צערעמאָניעס. די צווייטע קלאַס האָט געהייסען ע פ אָ פ ט ע ן (צושויער); דיזע זיינען אויך צוגעלאָזען געוואָרען צו געהיימע פייערליכקייטען אין אינערן פון טעמפעל. דער וויכטיגסטער טייל פון דיזע געהיימע פייערליכקייטען איז געווען אַ הייליגע מיסטישע דראַמאַ, וועלכע האָט מיט גרויס פּראַכט פאָרגעשטעלט די געשיכטע פון דער גטין דעמעטער. דערביי פלעגט מען די געטער־בילדער בעשיינען מיט שטראַהלענדער בעלייכטונג. דיזע פייערליכקייט האָבען אַלע אַנוועזענדע געדאַרפט האַלטען אַלס אַ געהיימניס און ניט רעדען וועגען דעם.

אויך די טהעסמאָפאָריען זיינען געווען געהייליגט צו דער גטין דעמעטער. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פון געזעץ (אַ מין שמחת תורה). מען האָט דאַמאָלס געפייערט די איינפיהרונג פון אַקערבוי, פון מאָנאָגאַמיע (דאָס אַ מאַן טאָר מעהר ניט נעהמען ווי איין פרוי), און געזעצליכע אָרדנונג. אין אַטהען האָט דיזער יום טוב געדויערט 5 טעג. מען פלעגט איהם דאָרט פייערן מיט גרויס פּאַראַד. אין דיזען יום־טוב האָבען געקענט אַנטייל נעהמען פערהייראַטעטע פרויען, און דאָס געלט אויף די נעטיגע הוצאות דערצו האָבען געמוזט געבען פערהייראַטעטע מענער, וואָס פערמאָגען אַ קאַפּיטאַל ניט ווענינער פון דריי טאַלענטען (אונגעפעהר 3,500 דאָללאַר). אין אָנפאַנג איז דער יום טוב צוגעגאַנגען מיט פאַסטען און רייניגונגען און האָט געהאַט אַ זעהר פרומען כאַראַקטער. צו ענדע אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אויסגעלאַסענקייט, שכרות און הולטאַייסטווע.

ה. די צייט פון די מלחמות מיט פּערסיען.

1) דער אויפשטאַנד פון די יאָניער.

דער ביישפּיעל, וואָס קלייסטהענעס האָט מיט זיינע געזעצען אין אַטהען געגעבען, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די יאָנישע קאָלאָניעס (די שטעדט, וואָס די אַטהענער האָבען געגרינדעט אין אַנדערע ערטער). אין

יענע שטעדט איז דער האנדעל און אינדוסטריע געווען פיעל מעהר און שטארקער ענטוויקעלט, אלס אין דעם מוטער־לאנד. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די איינוואוינער פון די קאלאניעס האבען שטארק אנגעהויבען פערלאנגען, דאס מען זאל אויך ביי זיי איינפיהרען די דעמאקראטישע רעפארמעס, וואס קלייסטהענעס האט איינגעפיהרט אין אטהען. דעם אנפאנג צו פערווירקליכען דיזען וואונש האט געמאכט די רייכע שטאדט מילעט. דא האט אריסטאגאראס זיך אליין פרייוויליג אפגעזאגט פון רעגירען און האט עס איבערגעלאזען צום פאלק, וועלכעס האט באלד איינגעפיהרט ביי זיך א דעמאקראטישע ארדנונג. אויך אין אנדערע שטעדט האבען די איינוואוינער איינגעארדענט א דעמאקראטישע רעגירונג ווי אין אטהען. אין די גריכישע שטעדט פון קליין־אזיען, וועלכע זיינען געווען אונטערווארפען אונטער פערסיען, האט עס געהייסען, דאס די גריכען האבען דארט אראפגעווארפען פון זיך דעם יאך פון פערסיען.

דער היסטאריקער פון יענער צייט העקאטאאוס פון מילעט האט געראטען ניט אויפצורייצען פערסיען געגען זיך, ווייל דיזע מאכט איז צו שטארק פיר זיי. זייןווארנונג איז אבער געווען אומזיסט. ער האט נאר געווירקט אויף זיי, דאס זיי זאלען ניט האנדלען לייכטזיניג. זיי האבען זיך געווענדעט נאך הילף צום מוטער־לאנד. צו דיזען צוועק איז אריסטאגאראס געקומען נאך ספארטא און האט דארט דעם קעניג קלעאמענעס פארגעלעגט זיין פלאן. ער האט איהם געבראכט א לאנגע קארטע געגראווירט אין מעטאל, אויף וועלכער עס זיינען געווען געצייכענט אלע לענדער, וואס געפינען זיך אונטער דעם יאך פון פערסיען, און דערביי האט ער איהם ערקלעהרט זיין פלאן ווי צו בעפאלען די שטאאטען, וואס געהערען צו פערסיען, און ווי צו שטירצען דעם פערסישען קעניג. קלעאמענעס'ן איז אין אנפאנג דער פלאן געווען געפעלען, אבער ווען ער האט דערהערט, דאס עס מוז דויערן דריי מאנאטען צייט צו ברייגנען אן ארמעע פון דעם יאנישען ברעג ביז צו סוזא (שושן), די הויפטשטאדט פון פערסיען, האט ער מעהר ניט געוואלט הערען פון דיזער אונטערנעהמונג. אריסטאגאראס האט געפרובט איהם אנבאטען א גרויסע סומע געלט פיר זיין הילף. דא האט איהם זיין קליינע טאכטער צוגערופען און האט איהם געזאגט: „פאטער, געה אוועק פון דיזען מאן, ער וויל דיך אונטערקויפען". דאס האט אויף איהם נאך מעהר געווירקט און ער האט זיך אין גאנצען אפגעזאגט פון נעהמען וועלכען עס איז אנטייל אין דיזער זאך.

דאַן האָט זיך אַריסטאַגאָראַס געווענדט צו אַטהען. דאָרט האָט ער לייכט געוואונען דאָס פאָלק אויף זיין זייט. דאָס פאָלק האָט איהם געגעבען 20 שיפען, צו דיזע האָבען נאָך די איינוואוינער פון ערעטריאַ צוגעגעבען נאָך 5 שיפען, וויל די שטאָדט מילעט האָט זיי אַ מאָל געשטיצט אין אַ שטרייט

פערזאַמלונג פון יאָנישען בונד ביים טעמפעל פון נעפטון אויף דעם פאָרגעבירג מיקאַלע.

געגען כאַלציס. מיט דיזער הילף איז אַריסטאַגאָראַס אַוועק נאָך סאַרדעס, וואו דער ברודער פון פערסישען קעניג, אַרטאַפערנעס, איז געווען וויצע־קעניג. אַרטאַפערנעס האָט זיך מיט זיין מיליטער פערשלאָסען אין דער

פעסטונג, און די שטאָדט סאַרדעס האָט ער איבערגעלאָזען צו די גריכען, וועלכע האָבען זי אין גאַנצען צושטערט אין פייער. דערווייל איז אונטערגע-קומען מיליטער פון לידיען און פערסיען צו העלפען ארטאפערנעס'ן. ווען די אַטהענער האָבען דערזעהן די פערסישע אַרמעע, האָבען זיי זיך צוריק-געקעהרט אין גריכענלאַנד נאָך דעם, ווי זיי האָבען געליטען אַ קליינע ני-דערלאַגע ביי עפעסוס.

די יאָניער האָבען פאָרטגעזעצט דעם קאַמף אָהן די אַטהענער, מיט דער הילף פון דער אינזעל קיפּערן און פון די קאַריער. קיפּערן איז אָבער באַלד בעזיגט געוואָרען פון די פערסיער, און די קאַריער האָבען זיך גיך צוריקגעצויגען נאָך דעם, ווי זיי זיינען צוויי מאָל געשלאָגען געוואָרען פון די פערסיער. נאָך דעם האָט אַריסטאַגאָראַס אָנגעוואָרען יעדע האָפנונג צו געווינען דעם שטרייט געגען די פערסיער און האָט זיך אין גאַנצען צוריק-געצויגען. יעצט איז ארטאפערנעס מיט אַ גרויסער פערסישער מאַכט גע-גאַנגען אויף מילעט. אום צו רעטען דיזע שטאָדט, האָבען די יאָניער בע-שלאָסען צו שטרייטען מיט די פערסיער אויף'ן ים. אין דער שטאָדט פּאַ-ניאָניאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם פאָרגעבירג מיקאַלע, האָבען זיך פערזאַמעלט בירגער פון פערשיידענע יאָנישע שטאַאטען, ווי: כיאָס, לעס-באָס, סאַמאָס און מילעט, און נאָך אַ בעראַטונג האָבען זיי געפונען די מעגליכקייט ארויסצושיקען געגען די פערסיער 353 קריגס-שיפען. די פער-סיער האָבען געהאַט 600 שיפען. דער זאַמעל-פונקט פון די גריכען איז גע-ווען אויף דער אינזעל ל א ד ע נאָהענט פון מילעט. צווישען די גריכען האָט זיך דאַמאָלס געפונען אַ זעהר פערשטענדיגער קריגס-קענער, וועלכער האָט זיי ערקלערט, דאָס אום צו געווינען דעם שטרייט מיט די פערסיער, מוזען זיי איינפיהרען אין דער אַרמעע אַ שטרענגע דיסציפּלין, און פערשיי-דענע שווערע איבונגען צווישען די קריגער. זיבען טעג האָבען די גריכען געטאָן אַלץ, וואָס דער מאַן, וועלכער האָט געהייסען דיאָניסיאָס, האָט פון זיי געפאָדערט. אָבער נאָך דעם האָבען זיי זיך אָפּגעזאָגט איהם צו פאָלגען. דער סוף איז געווען, דאָס די גריכען זיינען געשלאָגען געוואָרען פון די פערסיער און זיינען צולאָפען אין זייערע ערטער (497 פ. קר.).

דיזע לאַגע האָט ענטשיידען דאָס שיקזאַל פון מילעט. די פערסיער האָ-בען זי באַלד גענומען מיט שטורם. און נאָך מילעט זיינען אונטערגעוואָר-פען געוואָרען אונטער דער מאַכט פון די פערסיער פיעלע אַנדערע גריכישע שטעדט און אינזלען. דער אונגליק פון די בעזיגטע שטעדט איז געווען זעהר גרויס. אַ גרויסער טייל פון די מענער זיינע געטויט געוואָרען. פיעלע ווײַ-

ד. אַטענער אין שלאַכט.

בער און קינדער זיינען אלס געפאנגענע אוועקגעפיהרט געווארען נאך פער־סיען און דארט האט מען זיי בעזעצט אין א שטאדט ביים ברעג פון דעם טייך טיגריס (חדקל). אין די בעזיגטע גריכישע שטעדט האבען די פערסיער איינגעפיהרט זייער רעגירונג, וועלכע האט ניט צוגעלאזען קיין נייעם אויפ־שטאנד.

די אטהענער האבען שטארק סימפאטיזירט מיט די יאניער, זיי האבען זייער אונגליק בעטראכט פיר אן אייגענעס, ווייל זיי האבען פארויסגעזעהן, דאס די פערסיער וועלען זיך באלד נעהמען צו זיי. און דיזעס איז ווירקליך באלד געשעהן.

2) ערסטער און צווייטער פעלד־צוג פון דאריוס'ן געגען די גריכען.

(490—493 פ. קר.)

דער וויכטיגסטער רעזולטאט פון דעם זיג פון די פערסיער איבער די גריכען איז געווען, דאס דאריוס האט איבער־א־נייס בעשלאסען זיין הער־שאפט אין אייראפא צו פערברייטען. פריהער פון אלץ האט ער בעשלאסען אטהען צו אונטערווארפען, ווייל זי האט די יאניער הילף געשיקט געגען פער־סיען און דערמיט האט זי דעם פערסישען קעניג שטארק ערביטערט געגען זיך. דער קעניג האט בעשלאסען ראכע צו נעהמען פון די אטהענער. אום עס זאל איהם די זאך פון זינען ניט ארויס, האט ער אנגעזאגט, דאס איי־נער פון זיינע דינער זאל איהם יעדען טאג דערמאהנען וועגען דעם מיט די ווערטער: „הערר, געדענק די אטהענער". דער קעניג האט ענדליך איבער־געגעבען די אויספיהרונג פון דעם שטרייט מיט די גריכען צו זיין איידים מארדאניוס.

נאך דעם, ווי מארדאניוס האט אנגעזאמעלט גענוג שטרייט־קרעפטען אין קליין־אזיען, האט ער זיך געלאזען מיט א שטארקער מיליטערישער קראפט איבער דעם העללעספאנט (די ים־שטראס, וועלכע טיילט אפ אזיען פון אייראפא). דיזע ארמעע האט ער געפיהרט דורך דעם ברעג פון טהרא־ציען צו גריכענלאנד צו, און זיין פלאטע האט איהם בעגלייט. אבער א שטאר־קער שטורם האט צושמעטערט די פערסישע שיפען ביים פארגעבירג אטהאס. אויך די לאנד־ארמעע האט געהאט גרויסע פערלוסטען פון פערשיידענע אורזאכען, אזוי דאס מארדאניוס האט זיך איבערצייגט אין די אונמעגליכ־קייט דורכצופיהרען זיין פלאן צו בעזיגען די גריכען און האט זיך מיט דעם רעסט פון זיינע חיל אומגעקעהרט אין אזיען. מיט צוויי יאהר שפעטער

האָבען די פערסיער ארויסגעשיקט העראָלדען (שלוחים) צו פאָדערן פון די גריכישע שטאַאַטען ערד און וואסער אלס צייכען פון זייער אונטערטעניג-קייט. איינינע קליינע שטאַאַטען האָבען נאָכגעגעבען, אָבער אין ספּאַרטאַ האָט מען דעם העראָלד אריינגעוואָרפען אין אַ ברונען און מיט איראָניע (שפּאָט) געזאָגט: „דאָ קענסטו אליין נעהמען ערד און וואסער מעהר ווי דיין הארץ געלוסט". אין אַטהען האָבען זיי דעם העראָלד אריינגעוואָרפען אין באַראַטהראָן, אַן אָפּגרונד, וואָס איז געווען בעשטימט פיר פערברעכער. דעם דאָלמעטשער, וואָס האָט איבערזעצט די רייד פון די פערסישע העראָלדען אין דער גריכישער שפּראַך, האָט דער יונגער טהעמיסטאָקלעס גע-הייסען בעשטראָפען מיט׳ן טויט, ווייל ער האָט אַזוי טיף ערנידריגט די גריכישע שפּראַך אין איהר אַזעלכע בעפעהלען צו איבערזעצען.

אום ראַכע צו נעהמען פיר דיזען שפּאָט און אום די גריכען אין אונ-טערטעניגקייט צו ברייננען, האָט דער פערסישער קעניג אונטערגענומען אַ צווייטען צוג געגען גריכענלאַנד, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, דאָס דער ערסטער פעלד-צוג איז ניט געלונגען נאָר צוליב דער אונפעהיגקייט פון מאַרדאָניוס׳ן. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 10,000 רייטער און 100,000 פוס-געהער, און האָט בעשטימט איבער זיי צוויי נייע גענעראַלען, דאַטיס און אַרטאַפערנעס, וועלכע ער האָט גערעכענט פיר גרויסע קריגס-העלדען. דיזע האָבען געפיהרט די אַרמעע און די פלאָטע, וואָס איז בעשטאַנען פון 600 קריג-שיפען, אויסער אַ מאַסע לאַסט-שיפען, ניט ביי די ברעגען פון דעם שטירמישען פאָרגעבירג אַטהאָס, ווי מאַרדאָניוס האָט געטאָן, נאָר זיי האָבען געמאַכט די רייזע גלייך דורך דעם אַרכיפּעלאַג. אויף׳ן וועג האָבען זיי בעריהרט די אינזעל סאַמאָס, האָבען בעזיגט און פערוויסטעט די אינזעל נאַקסאָס, האָבען געצוואונגען אַלע ציקלאַדען-אינזלען, אויסער דעלאָס, זיך אונטערגעבען צו זיי, און האָבען געלאַנדעט אויף דער אינזעל עאובאָאַ. די שטאָדט ערעטריאַ האָט זיך לאַנג העלדיש בע-שיצט, אָבער ענדליך איז זי געפאַלען אין די הענט פון די פערסיער, ווייל איינינע פאַלשע גריכען האָבען זי פערראַטען און אַרויסגעגעבען געוויסע סודות, וואָס האָבען געגעבען דעם פיינד די מעגליכקייט זי צו בעזיגען. די שטאָדט איז אין גאַנצען צושטערט געוואָרען און די אַיינוואוינער זיינען פער-וואַנדעלט געוואָרען אין שקלאַפען.

די פערסיער האָבען נאָך דעם גערעכענט, דאָס זיי וועלען קענען בע-זיגען אַטהען. זיי האָבען זיך אָבער גיך איבערצייגט, דאָס דער גייסט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע איז פיעל שטאַרקער פון דעם סצעפּטער פון

א דעספאָטיע. די אַטהענער האָבען צושיקט שלוחים צו אַלע גריכישע שטאָא-טען און ביי זיי געבעטען הילף געגען פערסיען. דער בעריהמטער גיכער פוס-געהער פעידיפּפידעס איז אין 48 שטונדען דורכגעלאָפען דעם וועג ביז ספּאַרטאַ, וועלכער איז געוועזן 30 מייל לאַנג, און האָט געפאָדערט זייער הילף. די ספּאַרטאַנער האָבען פערשפּראָכען שיקען הילף, אָבער נאָך דעם, ווי די לבנה וועט זיין פול. אַזוי איז געוועזן זייער רעליגיעזעס געזעץ. מען רעכענט, דאָס די ספּאַרטאַנער האָבען עס בכיוון אַזוי געטאָן, אום אַטהען זאָל דערוייל מעהר צוגעדריקט ווערען, און דאַן וועט זי, ספּאַרטאַ, קומען און העלפען אַטהען און מיט דיזען זיג וועט זי קריגען די אויבערמאַכט אי-בער אַטהען. אויך די איבריגע שטעדט און שטאַאַטען האָבען עהנליכע אַנטוואָרטען געגעבען, א טייל פון זיי צוליב שנאה צו אַטהען, און א טייל צוליב פורכט פאַר פּערסיען. אַזוי איז אַטהען געבליבען אַליין גע-גען דער גרויסער מאַכט פון פּערסיען.


מילטיאַדעס.

צום גליק האָט זיך דאַמאָלס צווישען די 10 גענעראַלען, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען פיר דאָס יאָהר 490, געפונען איינער, וועלכער האָט גוט געוואוסט די אַרט, ווי די פּערסיער פיהרען זייערע מלחמות. דיזער מאַן איז געוועזן מ י ל ט י אַ ד ע ס. ווען ער האָט זיך דער-וואוסט, דאָס די פּערסיער האָבען געלאַנדעט זיי-ער מיליטער ביי מאַראַטהאָן, האָט ער געראַטען די אַטהענער זיי זאָלען ניט וואַרטען און גלייך די פּערסיער בעפאַלען. די אַנדערע גענעראַלען זיינען געוועזן געגען דיזען פּלאַן. די אַטהענער האָבען שוין געקענט מילט-יאַדעס'ן אַלס א זעהר פעהיגען קריגס-העלד, זיין פּלאַן איז דעריבער אָנ-גענומען געוואָרען, הגם די פּערסישע אַרמעע איז געוועזן אין צאָהל פיעל גרעסער פון דער אַטהענישער. מילטיאַדעס האָט געוואוסט, אַז דאָס שלאַכט-פעלד אין מאַראַטהאָן איז צו קליין, דאָס די גאַנצע פּערסישע מאַכט זאָל זיך קענען דאָרט אויסשטעלען, ער האָט געקענט ענטהאַלטען נאָר א קליינעם טייל פון זייער אַרמעע, און געגען דעם קליינעם טייל איז די מאַכט פון אַטהען, 10,000 האָפּליטען (שווער בעוואָפענטע קריגער), געוועזן גענוג צו זיגען.

נאָך דעם, ווי די אַטהענער האָבען אויף די פעלדער פון מאַראַטהאָן זיך אויסגערוהט פון זייער מאַרש, זיינען צו זיי צוגעקומען 1,000 מאַן קריגער פון פּלאַטאָאַ צו הילף. דאָס האָט זיי פיעל מוט צוגעגעבען, און מילטיאַדעס האָט באַלד געגעבען דעם בעפעהל אָנצופאַלען אויף די פּערסיער מיט זייערע שפּיזען איידער זיי וועלען זיך אַרומזעהן און נעהמען זיך צו שיסען מיט זייערע פייַלען. דער העלדענמוט פון די גריכען האָט זיי אונטערוואַרטעט דעם זיג פערשאַפט. די פּערסיער זיינען צולאָפען פון שלאַכט־פעלד, פיעלע זיינען אַריינגעפאַלען אין די זומפּען פון מאַראַטהאָן, און די איבריגע זיינען צוגעלאָפען צו די שיפען. דאָ האָט זיך איבער־אַ־נייעם אָנגעפאַנגען אַ בלוטיגע שלאַכט און 7 שיפען פון דער פּערסישער פלאָטע זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די אַטהענער. דאַן האָבען זיך די פּערסיער מיט די שיפען אַ לאָז געטאָן צו אַטהען, וועלכע איז דאַמאָלס געווען אונבעשיצט, ווייל די גאַנצע מיליטערישע מאַכט זייערע איז געווען אויף די פעלדער פון מאַראַטהאָן און נעבען דער פּערסישער פלאָטע. די אַטהענער האָבען באַלד פערשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און האָבען זיך אַלע געלאָזען לויפען צו בעשיצען די שטאָדט אַטהען.

אַ האָפּליט.

ווען די פּערסישע שיפען זיינען אָנגעקומען אַהין, האָבען זיי שוין זייערע געגנער דאָרט געפונען ערוואַרטענדיג זיי. די פּערסיער האָבען ניט געוואַגט בעגייען די שלאַכט מיט די זיגער און האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך אַזיען.

די עהרע, וואָס דיזע שלאַכט האָט פערשאַפט די אַטהענער, איז געווען זעהר גרויס (490 פ. קר.). פיעלע הונדערטער יאָהרען שפּעטער פלעגט דער פאַקט פון דיזען זיג ברייַנגען די אַטהענער אין גרויסע בעגייסטערונג. דאָס איז געווען דער זיג פון פרייהייט איבער אַזיאַטישער דעספּאָטיע. איין הייפעלע פון פרייע גריכען האָט געזיגט איבער אַן אונגעהייערע מאַסע פון פערקנעכטעטע פּערסיער. דער וואונדער פון דעם זיג איז נאָך גרעסער,

ווען מען פערגלייכט די צאהל פון די געפאלענע גריכען 194 געגען די צאהל פון די געפאלענע פערסיער אין יענער שלאכט 6,400. אויף דעם שלאכט־פעלד פון מאראטהאן האבען די גריכען אויפגעשטעלט צוויי זיילען (מאנו־מענטען) פון ווייסען מארמאר, איינעם פיר די זיגרייכע קריגער און איינעם פיר מילטיאדעס'ן. א לאנגע צייט נאך דעם פלעגען די אטהענער פייערן דעם אנדענקען פון זייער זיג איבער פערסיען מיט א גרויסען יום טוב און קרבן.

ווען די אטהענער זיינען שוין פערטיג געוועזן צו געהן צו הויז נאך דער שלאכט, זיינען אנגעקומען צו הילף 2,000 מאן פון ספארטא. די ספארטאנער האבען געוואלט מען זאל זיי וועניגסטענס צייגען דעם קאמף־פלאץ. מיט גרויס בעוואונדערונג האבען זיי בעטראכט די מאסע פערסישע הרוגים און האבען זיך אומגעקעהרט נאך ספארטא צוריק.

דער גרויסער כבוד, וואס מילטיאדעס האט געהאט, האט ניט לאנג געדויערט. ער האט זיך בענוצט מיט דעם צוטרויען, וואס די אטהענער האבען געהאט צו איהם, און האט געפאדערט פון זיי א פלאטע פון 60 שיפען. די אטהענער האבען בלינד געגלויבט אין זיין גליק און אין זיין פע־היגקייט און האבען זיין וואונש ערפילט ניט פרעגענדיג אפילו וועגען דעם צוועק פון דיזער פלאטע. זיין פלאן מיט דיזער פלאטע איז געוועזן צו בעזיגען די ציקלאדישע אינזלען און דערמיט אפצונעהמען ביי די פערסיער די מעגליכקייט אריינצוקומען אין דעם אגאאישען ים. צו דיזען צוועק האט ער צוערסט פערוויסטעט אייניגע פון די קלענערע ציקלאדישע אינזלען, וועלכע האבען זיך פרייוויליג אונטערווארפען צו די פערסיער, נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו דער אינזעל פאראס אום זי צו בעשטראפען דערפאר, וואס זיי האבען געשיקט צו די פערסיער א קריג־שיף צו העלפען זיי גע־גען אטהען. דא האט איהם דאס גליק פערלאזען. די פאריער האבען געצייגט גרויס העלדישקייט אין דעם שטרייט מיט מילטיאדעס'ן, וועלכער איז אין איינער פון די שלאכטען שטארק פערוואונדעט געווארען און האט זיך געמוזט צוריקקעהרען נאך אטהען. דארט האט איהם דאס פאלק געפא־דערט צום געריכט פיר זיין אונטערנעהמונג ניט פרעגענדיג די מיינונג און די צושטימונג פון פאלק. דאס פאלק האט נאך פריהער אפטמאל געצוויי־פעלט אין זיין איבערגעגעבענהייט צו דער דעמאקראטיע, ווייל ער איז דאך א מאל א פערסישער פירסט געוועזן. יעצט האט זיך דער חשד אויף זיינע דעספאטישע געפיהלען נאך מעהר פערשטארקט. מילטיאדעס איז פערקלאגט געווארען אלס פערפיהרער פון פאלק. מען האט איהם געבראכט

אַ קראַנקען אין געריכטס־הויז. דער אורטייל האָט געברויכט צו זיין טויט־שטראָף, נאָר צוליב זיינע פערדינסטען פון פריהער האָט מען די טויט־שטראָף פערביטען אויף אַ געלט־שטראָף. ער האָט בעדאַרפט בעצאָהלען 50 טאַלענטען, און וויל ער האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו בעצאָהלען דיזע סומע האָט מען איהם פערשפּאַרט אין קערקער, וואו ער איז פון זיין וואונד שפּעטער געשטאָרבען.

פיעלע פעראורטיילען די אַטהענער פיר זייער אונדאַנקבאַרקייט צו אַ מאַן, וואָס האָט זיי געראַטעט פון אַ גרויסער געפאַהר. אָבער גראַדע דערין

מילטיאַדעס ביי מאַראַטהאָן.

ציינט זיך דער עכטער דעמאָקראַטישער גייסט פון די גריכען. ביי זיי זיינען די אינטערעסען פון פאָטער־לאַנד געשטאַנען העכער פון אַלע פּערזענליכע פערדינסטען. מילטיאַדעס איז געווען אָהן צווייפעל אַ קלוגער און טיכטיגער קריגס־פיהרער, אָבער אָהן דעם מוט און העלדישקייט פון גריכישען פאָלק וואָלט ער מיט אַלע זיינע חכמות גאָר ניט געקענט אויפטאָן. דעריבער האָט מען קיין רעכט ניט געהאַט דאָס פאָלק צו איגנאָרירען, און זיין האַנדלען אין לעצטען פאַל האָט בעוויזען דעם פאָלק, דאָס ער רעכענט צו פיעל

אויף זיך אַליין און רעכענט דאָס פּאָלק פיר גאָר ניט. דאָס האָט אויפגעוועקט אין פּאָלק אַ חשד אויף זיינע דעספּאָטישע נייגונגען און האָט אַרויסגערופען דאָס פעראורטיילען פון מילטיאַדעס'ן און שפּעטער פון נאָך אייניגע וויכטיגע לייט, וואָס האָבען גריכענלאַנד פיעל גוטעס פערשאַפט מיט זייערע גרויסע פערדינסטען.

נאָך דעם טויט פון מילטיאַדעס'ן האָבען אויף דעם האָריזאָנט פון דער גריכישער געשיכטע זיך בעוויזען צוויי נייע גרויסע שטערנס, אַריסטידעס און טהעמיסטאָקלעס. נאָך מילטיאַדעס'ן איז אַריסטידעס געוואָרען דער ערסטער אַרכאָנט. ער איז געווען איינער פון די עדעלסטע כאַראַקטערען,



מילטיאַדעס'עס טויט.

וואָס דאָס גריכישע פּאָלק האָט ווען געהאַט. ער האָט געקריגען דעם ביי-נאָמען „דער גערעכטער" צוליב זיין הויכען זין פון גערעכטיגקייט. פיעלע אַטהענער פּלעגען בעסער געהן צו אַריסטידעס'ן, ער זאָל ענטשיידען זייערע שטרייטיגקייטען, איידער אין געריכט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען טהעמיסטאָקלעס'עס כאַראַקטער. זיין פאָטער איז געווען אַ זעהר איינפאַכער בירגער, זיין מוטער איז געווען אַן אויסלענדערין, אַזוי דאָס טהעמיסטאָקלעס האָט זיך מיט זיין געבורט ניט אויסגעצייכענט. נאָר דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גייסט און זיין כאַראַקטער. דער הויפּט-צוג פון זיין כאַראַקטער איז געווען עהרגייץ.

נאָך אַלץ אינגעל האָט אַ לעהרער אין איהם בעמערקט דיזע אייגענשאַפט און האָט איהם געזאָגט: „דו וועסט זיין עטוואָס ניט־געוועהנליכעס, אָדער עטוואָס זעהר גוטעס אָדער עטוואָס זעהר שלעכטעס". ער איז פון נאַטור ניט געווען גענייגט צו דער פיינערער בילדונג פון די העכערע קלאַסען אין אַטהען. ער האָט קיין געוויכט ניט געלעגט אויף זינגען, שפּילען, עס האָבען פיר איהם קיין ווערט ניט געהאַט די פּרייזען, וואָס מען פלעגט פערטיילען צו די זיגער אין די גימנאַסטישע שפּילען. און ווען מען פלעגט שפּאַסען פון איהם וועגען דעם, פלעגט ער געוועהנליך ענטפערן: „איך פערשטעה ווירקליך זעהר וועניג אין געזאַנג און אין שפּילען, אָבער דערפאַר גיט מיר אַ קליין שטעדטעל וועל איך עס אין אַ קורצער צייט מאַכען פיר אַ גרויסע וויכטיגע שטאָדט". מיט אַ זעלטענעם חשק האָט ער זיך ערוואָרבען אַלע קענטניסען, וועלכע זיינען נעטיג און ניצליך פיר אַ רעדנער, שטאַאַטסמאַן אָדער קריגס־פיהרער. און ווירקליך, אין אַ קורצער צייט איז ער בעוואוסט געוואָרען אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג אַלס דער קליגסטער און פעהיגסטער בירגער, און האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע און אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין אַטהען. דער איינציגער, וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג און האָט פערדונקעלט זיין רוהם, איז געווען מיליטיאַדעס. דיזעס פלעגט איהם אָפט זעהר טרויעריג מאַכען. איין מאָל האָט איהם אַ פריינד געפרעגט, וואָס איז די אורזאַך, וואָס ער איז אַזוי טרויעריג, און ער האָט איהם אָפענהערציג געענטפערט: „די זיגען פון מיליטיאַדעס'ן לאָזען מיך ניט שלאָפען".

טהעמיסטאָקלעס.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס טהעמיסטאָקלעס איז געוואָרען אַן אָפענער געגנער פון אַריסטידעס'ן, ווייל דיזער האָט אויך געהאַט זעהר פיעלע אָנהענגער. דיזע צוויי פּערזאָנען האָבען אַטהען אין צוויי פערשיידענע לאַגערן צוטיילט, ווייל זייערע עקאָנאָמישע שטרעבונגען זיינען געווען פערשיידען. טהעמיסטאָקלעס האָט נעמליך פערטרעטען די אינטערעסען פון דער האַנדעלס־קלאַס און פאַבריקאַנטען, און אַריסטידעס איז געווען אויף דער זייט פון די גוט־בעזיצער. טהעמיסטאָקלעס האָט דעריבער געאַרבייט מיט אַלע זיינע קרעפטען צו פערגרעסערן די האַנדעלס־פלאָטע פון אַטהען. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס די אינזעל אַגינאַ איז געווען אַ גע-

פעהרליכע קאָנקורענטקע פיר אַטהען אין האַנדעל. דיזע מאַכט פון די אַגינער האָט אַטהען געזוכט צו ברעכען. צו דיזען צוועק האָט אַטהען גע- מוזט האָבען אַ שטאַרקערע פלאָטע ווי ביזהער. דיזעס איז געוועזן דער הויפּט פּונקט פון טהעמיסטאָקלעס׳עס סאָציאַלען פּראָגראַם אין דער פאָלקס־פער- זאַמלונג. די קלאַסע פון גרונד־בעזיצער, וועלכע זיינען אימער פערביסענע געגנער פון דער האַנדעלס־קלאַס, זיינען געווען געגען דיזער פאָדערונג פון טהעמיסטאָקלעס׳ן, ווייל די פערגרעסערונג פון דער מאַכט פון די האַנדעלס־ לייט און זייער רייכטום האָבען געשאַדט צו די אינטערעסען פון די גוט־ בעזיצער און צו זייער מאַכט, אויף וועלכער זייט עס איז געוועזן אריסטידעס.

אום צו בעפרידיגען די פאָדערונגען פון זיין קלאַס, האָט טהעמיסטאָק- לעס געפונען פיר נעטיג זיך צו בעפרייען פון אַריסטידעס׳ן. צו דיזען צוועק האָט ער זיך בענוצט מיט דעם געזעץ פון אָסטראַציזם (שערבעל־געריכט), ד. ה. אַרויסשיקונג פון לאַנד. טהעמיסטאָקלעס האָט מיט אַלע קרעפטען גע- אַרבייט דורך זיינע אַנהענגער מען זאָל אַריסטידעס׳ן פון לאַנד אַרויסשי- קען, ווייל ער איז צופיעל בעליבט ביים פאָלק און קען לייכט די רעגירונג אין זיינע הענט אַריינכאַפּען. אַריסטידעס האָט פון זיין זייט גאָר ניט גע- טאָן וועגען דעם, ווייל ער האָט גערעכענט אויף זיין עהרליכקייט, און האָט רוהיג ערוואַרט די ענטשיידונג פון פאָלק. די געשיכטע האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס אַריסטידעס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון לאַנד אויף 10 יאָהר. דערביי ווערט ערצעהלט אַ געשיכטע, וועלכע ווייזט גוט אַרויס דעם כאַראַקטער פון אַריסטידעס׳ן. בעת עס איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג פון פאָלק איז אַ בויער צוגעגאַנגען צו אַריסטידעס׳ן און האָט איהם גע- בעטען, ער זאָל פיר איהם זיין נאָמען אויף׳ן שערבעל אויפשרייבען, ווייל ער, דער בויער, קען ניט שרייבען. „קענסטו אַריסטידעס׳ן״? האָט איהם אַריסטידעס געפרעגט. „ניין״, האָט דער בויער געענטפערט. „האָט ער דיר אַ מאָל עטוואָס שלעכטעס געטאָן״? האָט איהם אַריסטידעס ווייטער גע- פרעגט. „קיינמאָל״, האָט דער בויער געענטפערט, „אָבער מיר פערדריסט, וואָרום רופען איהם אַלע „דער גערעכטער״. אַריסטידעס האָט איהם אָנ- געשריבען זיין נאָמען אויף׳ן שערבעל און האָט איהם מיט אַ שמייכעל איבערגעגעבען. אַריסטידעס האָט רוהיג איבערגעטראָגען דעם אורטייל פון זיין אַרויסשיקונג. ווען ער האָט די שטאָדט אַטהען פערלאָזען, האָט ער תּפילה געטאָן צו די געטער, דאָס זיי זאָלען ניט ברייגגען די אַטהענער דערצו, זיי זאָלען חרטה האָבען, וואָס זיי האָבען איהם פון לאַנד פערטריבען.

נאָך דער פערטרייבונג פון אַריסטידעס'ן האָט טהעמיסטאָקלעס געהאַט א פרייע האַנט. ער האָט געמאַכט א פאָרשלאַג אין פאָלקס־פערזאַמלונג, מען זאָל בויען 200 שיפען געגען אֶגינאַ, און די קאָסטען זאָל מען דעקען פון דער איינקונפט פון די זילבער־מינעס אויף דעם לאַוריאָן־געבירג, וועלכע

אַריסטידעס.

פלעגט פריהער צוטיילט ווערען צווישען די בירגער. דיזע פאָרשלאָגען זיינען אָנגענומען געוואָרען, און דער בוי פון די 200 שיפען איז אונטער דער אויפזיכט פון טהעמיסטאָקלעס'ן אין א קורצער צייט פערטיג געוואָרען. אָבער די איינגאַהמע פון די זילבער־מינעס איז ניט גענוג געוועזן צו דעקען

אַלע הוצאות אויף דעם בוי פון די שיפען. און אום צו קענען דעקען די קאָסטען האָט מען געמוזט ענדערן דאָס געזעץ וועגען שטייער. אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָט מען געצאָהלט שטייער נאָר פון אונבעוועגליכע גיטער, האָט מען געמאַכט אַ נייעס געזעץ, דאָס מען זאָל צאָהלען שטייער פון יעדען פערמעגען, אַזוי דאָס פון דאַמאָלס אָן האָבען אויך קויפלייט און פאַבריקאַנטען געמוזט צאָהלען שטייער פון זייערע איינקונפטען. די אָרימע קלאַס, וועלכע האָט קיין אייגענטום ניט געהאַט, האָט מען צוגעצויגען צום דינסט אין דער פלאָטע אַלס רודערער און לאַנצען־שיסער.

דורך די בעמיהונגען פון טהעמיסטאָקלעס'ן איז אַטהען געוואָרען די ערסטע זעע־מאַכט אין גריכענלאַנד און דיזער אומשטאַנד האָט שפּעטער געלעגט דעם פונדאַמענט צו זיין גרויסקייט. מיט דער הילף פון איהר מעכטיגער פלאָטע האָט אַטהען ניט נאָר דעם האַנדעל אָפּגענומען פון די אַגינער, נאָר זי האָט אויך גאַנץ גריכענלאַנד בעפרייט פון דער פּערסישער מאַכט. אָנפאַנגס האָבען די אַטהענער אַליין ניט פערשטאַנען די וויכטיגקייט און די בעדייטונג פון דיזער מאַכט, וואָס טהעמיסטאָקלעס האָט בעשאַפען. אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און זיי האָבען אָנגעפאַנגען פערשטעהן, וואָס די פלאָטע איז פיר זיי.

3) דער דריטער קריג מיט די פּערסיער. (480—479 פ. קר.)

דאַריוס האָט ניט געקענט פערצייהען די גריכען די נידערלאַגע, וואָס ער האָט ביי זיי געהאַט, און האָט בעשלאָסען צו אונטערנעהמען אַ נייעם פעלד־צוג געגען זיי. ער האָט אָבער פריהער געמוזט איינשטילען דעם אויפשטאַנד אין עגיפּטען. ווען אין עגיפטען איז שטיל געוואָרען, האָט ער זיך גענומען צוגרייטען צו מלחמה מיט גריכענלאַנד, אָבער ער איז מיטען צוגרייטען זיך געשטאָרבען. זיין זוהן און נאָכפאָלגער קסערקסעס האָט נאָך מיט מעהר חשק פאָרטגעזעצט די פאָרבערייטונג צו דעם קריג. ער האָט צוזאַמענגעבראַכט קריגער פון אַלע מדינות פון זיין אונגעהייערער אימפעריע און האָט אויסגעשטעלט אַן אַרמעע פון 1,700,000 פוס־פאָלק און 80,000 רייטער. היסטאָריקער צווייפלען אין די ריכטיגקייט פון דיזע אונגעהייערע צאָהלען, אָבער ווען אפילו דיזע צאָהלען זיינען ריכטיג, זיינען אונטער זיי קוים געווען 200,000 געניטע קריגער, די איבריגע זיינען אָהן צווייפעל געווען ניט קיין דיסציפּלינירטע מאַסע, וואָס האָט נאָר שווער געמאַכט דעם פעלד־צוג. צו דיזער גרויסער לאַנד־אַרמעע האָט ער נאָך אויפגעשטעלט אַ פלאָטע פון 1,200 פעניצישע קריגס־שיפען און 3,000 לאַסט־שיפען מיט אַ מאַנ-

שאַפט פון 517,000 פּערזאָן. אום דיזע גרויסע מאַסע צו בעזאָרגען מיט שפּייז, האָט ער אויף די ברעגען פון אֶגֶאַאישען מעער ביז נאָך מאַצעדאָניען אויפגעשטעלט מאַגאַזינען מיט שפּייז. די פלאָטע האָט געדאַרפט בעגלייטען ביי די ברעגען די לאַנד־אַרמעע און בעזאָרגען זיי מיט נעטיגע שפּייז. דערפון זעהען מיר, דאָס די לאַנד־אַרמעע איז אין גאַנצען געווען אָפּהענגיג פון דער פלאָטע. אום דיזעס ווי ווייט מעגליך צו זיכערן, האָט קסערקסעס געלאָזען דורכגראָבען אַ קאַנאַל דורך דעם איסטהמוס (אַ פּאַס ערד) וועלכער פערבינדעט דאָס פּאָרגעבירג אַטהאָס מיט דעם פעסט־לאַנד. אויסער דעם האָט ער איבער העללעספּאָנט (אַ ים־שטראַס, וואָס טיילט אָפּ אַזיען פון אייראָפּאַ) געלאָזען מאַכען 2 בריקען. דיזע בריקען זיינען באַלד, ווי זיי זיינען פערטיג געוואָרען, פון שטורמדיגע כוואַליעס פון ים צושטערט געוואָרען. קסערקסעס האָט געהייסען טויטען די אַרכיטעקטען און דעם ים האָט ער געהייסען מיט קייטען שמייסען, אום דערמיט אָפּצושרעקען די שדים, וואָס האָבען צושמעטערט די בריקען.

דערוויסענדיג זיך פון דיזער פּערסישער מאַכט, זיינען די גריכען געקומען אין פערצווייפלונג. דערצו האָבען זיי זיך נאָך דערוואוסט, דאָס טהעססאַליען, טהעבען און אַרגאָס פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די פּערסיער וועגען אונטערגעבען זיך, און אין די אויסשפּרוכען פון דעם דעלפישען אָראַקעל האָט מען ווענִיג פערטרויען געהאַט. אָבער זיי האָבען ניט פערלאָרען אין גאַנצען דעם מוט. פריהער פון אַלץ האָבען זיי געשלאָסען פרידען מיט זייערע קאָנקורענטען, אַפילו מיט אֶגינאַ. פיעלע גריכישע שטאַאַטען האָבען זיך פעראייניגט אין איין באַנד אונטער דער פיהרערשאַפט פון ספּאַרטאַ דאָס פּאָטערלאַנד צו בעשיצען. דערווייל האָט טהעמיסטאָקלעס ערהאַלטען אַן ענטפער פון דעם דעלפישען אָראַקעל אויף זיין אָנפראַגע: „וואָס זאָל מען טאָן געגען די פּערסיער?" — „נאָר די הילצערנע מויערן קענען רעטען אַטהען", האָט דער אָראַקעל געענטפערט. דיזע ווערטער האָט טהעמיסטאָקלעס אויסגעטייטשט, דאָס נאָר אַ גוטע פלאָטע קען רעטען גריכענלאַנד, און ער האָט גע'פּועל'ט ביי זיינע מיטבירגער צו פערגרעסערן די פלאָטע.

אין פריהלינג פון יאָהר 480 פ. קר. האָט קסערקסעס אָנגעפאַנגען צו מאָביליזירען זיין אונגעהייערע אַרמעע. זי האָט אָנגעהויבען צו מאַרשירען פון דעם זאַמעל־פּונקט ביי ק ר י ט אַ ל ל אַ אין קאַפּפּאַדאָקיען נאָך ק ע ל אֶ נ אֶ אין פריגיען. דאָ האָט געוואוינט דער רייכסטער מאַן אין אַלטערטום. מיט'ן נאָמען פּיטהיאָס. דיזער רייכער מאַן האָט אויפגענומען די אונגעהייערע אַרמעע זעהר פריינדליך און האָט איהר געגעבען אַלע איהרע

בעדערפניסען און האט אויך פארגעשלאגען דעם פערסישען קעניג אפצו-געבען זיין גאנץ פערמעגען פיר דעם צוועק פון דעם קריג מיט גריכענלאנד. קסערקסעס האט איהם געפרעגט, ווי גרויס איז זיין פערמעגען: „הערר", האט איהם פיטהיאס געענטפערט: „איך האב אלעס גוט אויסגערעכענט און האב אויסגעפונען, דאס מיין קאפיטאל בעטרעפט 2,000 טאלענטען זיל-בער (2,350,000 דאללאר), און פיער מאל 10,000 וועניגער 7,000 (ד. ה. 33,000) גאלדסטאטערן, און דאס אלץ גיב איך דיר אוועק פיר דעם צוועק פון דעם קריג. פיר זיך האב איך נאך גענוג לאנד און שקלאפען." דערויף האט איהם דער קעניג געענטפערט: „דו האסט מיך אזוי פרייגעביג אויפ-גענומען און ביזט נאך גרייט אזא גרויסע סומע גאלד און זילבער צו אפפערן, דעריבער מאך איך דיך צו מיין גאסט-פריינד און גיב דיר די 7,000 גאלד-סטאטערן, וואס פעהלט דיר צו די פיער מאל 10,000".

פיטהיאס האט אבער באלד פערלארען דעם קעניג'ס פריינדשאפט. ווען ער האט דערזעהן, דאס דער קעניג איז אזוי גוט צו איהם, האט ער איהם געבעטען ער זאל איהם בעפרייען דעם עלטעסטען פון זיינע זיהן פון מי-ליטער-דינסט אום ער זאל קענען העלפען איהם צו פערוואלטען זיינע גיטער. דיזער פערלאנג האט קסערקסעס'ן זעהר פערדראסען, ווייל ער זעלבסט מיט אלע זיינע קרובים האבען אנטייל גענומען אין דעם פעלד-צוג. „גוט", האט קסערקסעס געזאגט צו פיטהיאס'ן, „איך וול דיר לאזען פריי פון מילי-טער-דינסט דריי זיהן, אבער דיין ליבסטער, דער עלטעסטער, זאל יעדען דינען פיר א ווארנונג, דאס מען זאל ניט וועלען זיך צוריקציהען פון דער עהרע צו געהן אין אזא וויכטיגען קריג. ער האט באלד געהייסען בריינגען פיטהיאס'עם עלטעסטען זוהן און האט געהייסען צושניידען איהם אויף צוויי העלפטען פאר'ן פאטער אין די אויגען, און האט געהייסען לעגען די צוויי העלפטען אין די ביידע זייטען פון וועג, וואו די סאלדאטען האבען געדארפט דורכגעהן.

פון קעלאנא האט קסערקסעס געמאכט זיין מארשרוט נאך סארדעס, אום דא צו איבערווינטערן, און פון דאנען נאך אבידוס. דא האט ער צום ערסטען מאל געמוסטירט די ארמעע. זיצענדיג אויף א וויסען מארמארנעם טראן האט ער געהייסען, דאס די פלאטע זאל צו זיין פערגניגען מאכען א מאנעוורע אויף'ן ים. אין דיזען שטרייט זיינען די פעניציער ארויס די זיגער. דער גאנצער העללעספאנט איז געווען פול מיט פערסישע שיפען, די ברעגען און פעלדער ארום זיינען געווען בעדעקט מיט סאלדאטען. בע-טראכטענדיג דיזעס האט קסערקסעס זיך גערעכענט פיר דעם גליקליכסטען און

מעכטיגסטען פון אלע שטערבליכע. אבער אין דער זעלבער צייט זיינען זיינע אויגען פול געוואָרען מיט טרערען און וויינענדיג האָט ער אויסגערופען: „אך ווי קורץ און בעדויערענסווערט איז דעם מענשען׳ס לעבען! פון דיזער אונגעהייערער מענגע וועט איבער הונדערט יאָהר פון היינט קיין איינציגע זעעלע ניט בלייבען ביים לעבען!"

אויף מאָרגען האָט די פערסישע אַרמעע אַנגעהויבען דעם בריק אַריבערגעהן. זיבען טעג און זיבען נעכט האָט געדויערט ביז די גרויסע מחנה איז אַריבערגעגאַנגען דעם בריק. ווען די אַרמעע איז שוין געווען אויף דער אייראָפּעאישער זייט, האָט קסערקסעס געהייסען מען זאָל צעהלען די טרופּען. נאָך דער צעהלונג האָט ער זיי געהייסען מאַרשירען דורך טהראַציען און מאַצעדאָניען, האַלטענדיג זיך אימער ביים ברעג בעגלייטעט פון דער פלאָטע. די אַלע פעלקערשאַפטען, וועלכע זיינע טרופּען זיינען דורכגעגאַנגען, האָבען זיך אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט און האָבען איהם געצאָהלט טריבוט. ענדליך איז ער אַנגעקומען אין דאָס לאַנד פון די מאַליער. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווייל ער האָט געהערט, דאָס אין דיזע געגענדען זעהט מען שוין אָפט גריכישע קריגער.

אין דער צייט, וואָס קסערקסעס מיט זיינע טרופּען זיינען אַריבער דעם העללעספּאָנט האָבען די גריכען געשיקט 10,000 מאַן צום טעמפּע־פּאַס (אַ שמאָלער דורכגאַנג צווישען בערג) אום צו הינדערן איהם דעם צוגאַנג צו גריכענלאַנד. זיי האָבען אָבער באַלד דעם פּלאַן אויפגעגעבען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס די פערסישע פלאָטע וועט לאַנדען הינטער זיי. אויסער דעם האָבען זיי זיך דערוואוסט, דאָס די טהעססאַליער האָבען מיט קסערקסעס׳ן געשלאָסען אַ בונד. זיי האָבען דעריבער אָנגענומען די עצה פון טהעמיסטאָקלעס׳ן צו פערשטעלען דעם פּאַס (דורכגאַנג) פון טהערמאָפּילאָ *), און די פלאָטע צו שיקען צום פאָרגעבירג אַרטעמיזיום, וועלכעס איז געלעגען צו מזרח פון טהערמאָפּילאָ. דער פּאַס פון טהערמאָפּילאָ איז געווען זעהר אַ גוטער אָרט פיר פערטיידיגונג, ווייל ער איז זעהר ענג און שמאָל, און אַ קליינע צאָהל גריכען זיינען אין שטאַנד געווען צו הינדערן די פערסישע טרופּען דעם דורכגאַנג. אין דורכשניט איז זיין ברייט געווען נאָר 60 פוס, און אין איינינע ערטער איז ער אַזוי שמאָל געווען, דאָס קוים איין וואָגען האָט געקענט דורכפאָהרען. אין מערב־זייט פון דעם דורכגאַנג זיינען

*) די טויערן פון די הייסע קוועלען, פון די וואַרימע מינעראַל־וואַסערן, וועלכע האָבען זיך געפונען אין יענע געגענדען.

געוועזען הויכע שטיינערנע בערג=וועגט, גאָר ניט משופּע, נאָר גלייך ווי א וואַנט, און אין מזרח=זייט זיינען געווען אונגעהייערע טיפע זומפּען, וועלכע האָבען פערשפּאַרט דעם וועג צום ים.

די גריכען האָבען אָבער אָהין געשיקט צו ווייניג מענשען, ווייל אין יענער צייט זיינען גראָדע אויסגעקומען די אָלימפּישע שפּילען און פייער=טעג, וועל-כע זיינען אַזוי הייליג און טהייער געווען ביי די גריכען, דאָס אפילו די גרעס-טע געפאַהר האָט זיי ניט געקענט אָפּהאַלטען פון בעזוכען און טיילנעהמען דערין. אין גאַנצען זיינען געשטאַנען ביי די טהערמאָפּילען 7,200 מאַן, צווישען זיי נאָר 300 ספּאַרטאַנער. דער אָנפיהרער פון דיזער קליינער טרופּע איז געווען דער ספּאַרטאַנישער באַזילעאוס ל ע אָ נ י ד אַ ס. פיער טעג האָט קסערקסעס געוואַרט איידער עס האָט אָנגעפאַנגען די מלחמה, ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס ווען די גריכען וועלען דערזעהן זיין אונגעהייערע אַרמעע וועט עס זיי אָפּשרעקען און זיי וועלען זיך אונטערגעבען. און ווירק-ליך האָבען שוין אייניגע פעלאָפּאָננעזיער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אָפּטרע-טען צוריק צום איסטהמוס פון קאָרינטה. אָבער די פאָציער און לאָקרער האָ-בען ניט דערלאָזען דערצו, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פיר זייער לאַנד, וואָס איז געלעגען ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיי זיינען יעצט געשטאַנען. ענדליך, דעם פינפטען טאָג, האָט קסערקסעס געשיקט שלוחים צו די גריכען, און האָט פון זיי געפאָדערט זיי זאָלען איהם אַרויסגעבען די הויפּט=מאַכערס פון דעם קריג, וועלכע ער רעכענט פיר זיינע גרעסטע פיינד. די גריכען האָ-בען איהם דערויף גאָר ניט געענטפערט, זיינען אַרויס אין שטרייט און האָ-בען צוריקגעשלאָגען די פערסיער, אַזוי דאָס אפילו די הויפּט=טרופּען פון קעניג האָבען געמוזט צוריקטרעטען. אין דיזען ענג=פּאַס האָט קסערקסעס'ן גאָר ניט געהאָלפען זיין גרויסע אַרמעע. די קליינע אַרמעע פון די גריכען איז גענוג געווען צו הינדערן די פערסיער דורכצוגעהן דעם שמאָלען דורכ-גאַנג.

נאָך דעם ערסטען שטרייט האָט קסערקסעס גערעכענט, דאָס די גרי-כען האָבען פיעלע קריגער פערלאָרען און זיי זיינען ניט מעהר אין שטאַנד דעם שטרייט פאָרטצוזעצען. ער האָט בעפוילען אַ צווייטען אַנגריף, אָבער אויך דעם מאָל האָבען די גריכען געוויזען גרויסע העלדישקייטען און האָבען די פערסיער צוריקגעטריבען. קסערקסעס האָט זיך באַלד ארומגעזעהן, דאָס זיין אַרמעע, וועלכע איז בעשטאַנען, ווי העראָדאָט דריקט זיך אויס, פון פיעלע מענשען אָבער ווייניג מענער, איז ניט אין שטאַנד אין דיזען פּלאַץ צו געווינען דעם שטרייט געגען די גריכען, און האָט בעשלאָסען צו געפינען

אַן אַנדער דורכגאַנג דורך די טהערמאָפּילען. עס האָט זיך געפונען אַ גע-מיינער גריך, אַ פערקויפטע נשמה מיט'ן נאָמען עפּיאַלטעס, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען, פיר אַ גרויסע סומע געלט, צו צייגען די פּערסיער אַ פערבאָרגענעם וועג, וואו זיי זאָלען קענען דורכפיהרען זייערע טרופּען אין די גריכען זאָלען עס גאָר ניט בעמערקען. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבען די פּערסיער בעשטיגען דאָס אָעטאַ-געבירג, האָבען געשלאָגען און פעריאָגט די פאָציער, וועלכע האָבען דעם אָרט בעוואַכט, און זיינען פריי אַרונטער אין די עבענע (פּלאַכעס פעלד).

לעאָנידאַס און זיינע מיט-קעמפּפער גרייט צום טויט.

ווען די גריכען האָבען דערהערט פון דעם ערפאָלג פון די פּערסיער און פון דער נידערלאַגע פון די פאָציער, האָבען זיי בעשלאָסען זיך צוריקציהען פון זייער אָרט, נאָר די ספּאַרטאַנער און די טהעבאַנער האָבען ניט געוואָלט פערלאָזען דעם אָרט און זיינען געווען גרייט בעסער צו פאַלען אַלס העלדען איידער ענטלויפען ווי פייגלינגען. לעאָנידאַס האָט געהייסען זיינע טרופּען זיך צוגרייטען צום לעצטען קאַמף.

נאָך זונען־אויפגאנג איז קסערקסעס ארויסגעגאנגען געגען די ספּארטא־נער דורך דעם געהיימען וועג, וואָס עפיאַלטעס האָט איהם ענטדעקט. די ספּארטאַנער האָבען געקעמפּט אַזוי מוטהיג, דאָס די פּערסיער האָבען געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע און האָבען ניט געוואָלט מעהר שלאָגען זיך מיט זיי. די מיליטער־בעאַמטע האָבען געמוזט זייערע סאָלדאַטען שמייסען מיט בייטשען און טרייבען זיי אין שלאַכט. ענדליך האָט די אונגעהייערע צאָהל פון די פּערסיער בעזיגט דעם העלדענמוט פון די ספּארטאַנער. ווען לעאָנידאַס איז געפאַלען איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכער קאַמף וועגען זיין קערפּער. פיער מאָל האָבען די פּערסיער צוריקגעטרעטען און די ספּארטא־נער האָבען שוין געהאַט זיין קערפּער אין זייערע הענט, אַלס פּלוצלונג איז צוגעקומען נאָך פרישעס מיליטער צו די פּערסישע טרופּען. דאַן זיינען די טהעבאַנער איבער צו די פּערסיער און האָבען זיך אונטערגעגעבען. נאָר די ספּארטאַנער האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען און האָבען ביז דעם לעצטען אָטעם־צוג געשטריטען מיט וואָס זיי האָבען געקענט; זיי האָבען זיך פערטיידיגט מיט וואָפען, מיט די הענט, מיט די ציינער, ביז עס איז פון זיי קיין איינער ניט געבליבען. צוויי פון די ספּארטאַנער זיינען נאָך פריהער אוועקגעשיקט געוואָרען צוריק נאָך ספּארטא פון לעאָנידאַס'ן צוליב זייערע קראַנקע אויגען, נעמליך: אריסטאָדעמוס און עאוריטוס. ווען זיי האָבען ענדליך דערהערט ווי עפיאַלטעס האָט שענדליך פערקויפט זיין פאַטערלאַנד, האָט זיך עאוריטוס צוריקגעקעהרט צו לעאָנידאַס'ן און איז געפאַלען דאָרט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע העלדען, נאָר אריסטאָדעמוס האָט זיך אַליין אומגעקעהרט נאָך ספּארטא. די ספּארטאַנער האָבען איהם ניט געקענט פער־ציהען זיין צוריקקעהרען, און זיין קראַנקהייט האָט איהם אויך ניט ענט־שולדיגט אין זייערע אויגען. ער איז איבעראַל געווען פעראַכטעט. קיינער האָט מיט איהם ניט געוואָלט זיך בעגעגנען. זיין נאָמען איז בעקאַנט געוואָ־רען אַלס אריסטאָדעמוס דער פייגלינג.

דער העלדענמוט פון לעאָנידאַס'ן און זיינע קריגער איז אויף אימער פערבליבען אין דעם געדעכטניס פון די גריכען, און מען האָט וועגען זייער העלדישקייט ערצעהלט פערשיידענע געשיכטען. אַזוי צ. ב. האָט מען ער־צעהלט, דאָס ווען קסערקסעס האָט איינמאָל געשיקט אַ רייטער אויסצו־געפינען די פּאָזיציאָן פון די ספּארטאַנער, האָט ער זיי געפונען, ווי זיי אי־בען זיך גאַנץ רוהיג אין פערשיידענע גימנאַסטישע שפּילען אָדער זיי קעמען זייערע לאַנגע האָאָר און זיי קימערן זיך גאָר ניט וועגען דער געפאַהר פון דער מלחמה. ערשטוינט איבער דיזע רוהיגקייט האָט קסערקסעס גע־

שריבען צו לעאָנידאַס׳ן: „ווען דו ווערסט זיך מיר אונטערגעבען, וועל איך דיך מאַכען פיר דעם הערשער איבער גאַנץ גריכענלאַנד“. דערויף האָט איהם לעאָנידאַס געענטפערט: „איך וויל ליבער שטאַרבען פיר מיין פאָ-טער־לאַנד איידער מען זאָל עס אונטעריאָכען“. קסערקסעס האָט איהם געשיקט אַ העראָלד און האָט געפאָדערט ער זאָל איהם איבערגעבען זיינע וואַפען. לעאָנידאַס האָט איהם געענטפערט: „קום און נעהם, אויב דו קענסט“. ווען די פערסיער זיינען אָנגעקומען, איז אַ גריך אַריינגעלאָפען צו לעאָנידאַס׳ן און האָט אויסגעשריען: „די פערסיער זיינען שוין נאָהענט צו אונז“. לעאָנידאַס האָט איהם געענטפערט קאַלט: „זאָג, דאַס מיר זיינען נאָהענט צו די פערסיער“. די ספּאַרטאַנישע סאָלדאַטען זיינען אויך געווען אונערשראָקען, ווי זייער העלדישער קעניג. אַ פעלאָפּאָננעזער האָט געזאָגט צו אַ ספּאַרטאַנישען סאָלדאַט דינעקעס: „די פערסיער זיינען אַזוי פיעל אין צאָהל, דאַס זיי וועלען מיט זייערע פיילען די זון פערפינסטערן“. דע-רויף האָט דינעקעס געענטפערט: „זעהר גוט, וועלען מיר ניט ליידען פון זונען־היץ“.

אין דיזער שלאַכט זיינען פון די פערסיער געפאַלען 20,000 קריגער, אונטער זיי זיינען געווען צוויי זיהן פון דאַריוס׳ן. דעם טויטען קערפּער פון לעאָנידאַס׳ן האָבען די פערסיער געקרייציגט אַלס צייכען פון שאַנדע. די גריכען האָבען אַלע קרעפטען אָנגעווענדט און האָבען זיינע ביינער בעקומען און זיי מיט גרויס עהרע צו קבורה געבראַכט. שפּעטער האָט מען אויף דעם אָרט, וואו די העלדען זיינען געפאַלען, געשטעלט אַ מאָנומענט אין דער געשטאַלט פון אַ שטיינערנעם לייב מיט דער אויפשריפט:

„וואַנדערער, געה און זאָג דעם פאָלק פון לאַצעדעמאָן,
דאַס מיר ליגען דאָ, זיינע געזעצען געטריי!“

אָבער אין גרונד גענומען פערדינען די ספּאַרטאַנער מען זאָל זיי טאַדלען. פיר דעם שוץ פון גאַנץ גריכענלאַנד האָבען זיי געשיקט נאָר 300 קריגער, און צו פערטיידיגען פעלאָפּאָננעז האָבען זיי געלאָזען 8,000 מאַן. אַ גרעסערע מאַכט וואָלט וואַהרשיינליך געקענט אָנהאַלטען דעם ענג־פּאַס און ניט דורכלאָזען קסערקסעס׳ן מיט זיין אַרמעע. נאָך דעם זיג פון די פערסיער איבער די גריכען האָבען זיי זיך צושפּרייט איבער די שטאַאטען, וועלכע זיינען געווען גענייגט צו די פערסיער, און וועלכע די פערסיער האָ-בען מילד בעהאַנדעלט און האָבען קיין שלעכטעס ניט געטאָן. נאָך דעם האָבען זיי שטאַרק בעשטראָפט די פאָציער פיר זייער טיילנעהמען אין דער שלאַכט געגען די פערסיער. אַלע טעמפּלען און הייליגטימער האָבען זיי בע-

רויבט, די שטעדט פערברענט, די פעלדער מיט די תבואות פערוויסט, דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער איז צולאפען אין אנדערע לענדער.

אין באאטיען האט קסערקסעס זיין ארמעע צוטיילט אין צוויי טייל. איין טייל האט ער געשיקט נאך דעלפי צו רויבען דארט די אוצרות פון דעם בעריהמטען טעמפעל. דעם צווייטען טייל האט ער געשיקט נאך אטהען, וועלכע ער האט געשווארען צו צושטערען ביז דעם גרונד. דעלפי איז ווי דורך א נס ניצול געווארען פון דעם פיינד. העראדאט ערצעהלט (געווים האט ער עס געהערט פון די פערסיער), דאס ווען די פערסיער זיינען אנגעקומען אין דעלפי האט אויסגעבראכען א שרעקליכער שטורם, פון טעמפעל האט זיך געהערט א גרויסער קריגס-געשריי, פון דעם בארג פארנאס, דער וואוינונג פון די געטער, זיינען געפלויגען גרויסע שטיין-מאסען אויף די קעפ פון די פיינד, אזוי דאס פיעלע זיינען דער'הרג'עט געווארען און די איבריגע זיינען פון שרעק צולאפען. וואהרשיינליך האבען די פריסטער געגעבען די פערסיער א גרויסען טייל פון די אוצרות פון טעמפעל, זיי זאלען איהם ניט שענדען מיט זייער פלינדערן.

די גריכישע פלאטע איז געשטאנען ביים פארגעבירג ארטעמיזיום. דער אנפיהרער פון דער זעע-מאכט איז געוועזען דער ספארטאנער עאוריביאדעס. אלס די פערסישע שיפען זיינען געקומען נאהענט צו דער גריכישער פלאטע האבען זיי באלד צוויי שיפען געפאנגען. דיזעס האט שטארק דערשראקען די גריכען און זיי האבען זיך גלייך צוריקגעצויגען פון דעם ארט, וואו זיי זיינען געשטאנען און האבען זיך אפגעשטעלט ביי כאלציס. דערווייל האבען זיי דערהערט, דאס א גרויסער שטורם האט צושמעטערט 400 פערסישע שיפען. דיזעס האט זיי געגעבען מוט זיך צוריקקעהרען צו דעם פריהערדיגען ארט, צו ארטעמיזיום. אבער ווען זיי האבען דערזעהן די אונגעהייערע פערסישע פלאטע האט זיך דער מוט פון זיי אפגעטאן און זיי האבען זיך צוריקגעצויגען נאך פעלאפעננעזוס. דאס וואלט אבער געהייסען איבערלאזען גאמבאא, די אינזעל, וואו זיי זיינען גשטאנען, אין די הענט פון די פערסיער, וועלכע וואלטען זי געווים אין גאנצען צושטערט. די איינוואוינער פון דיזער אינזעל האבען צוגעשיקט צו טהעמיסטאקלעס'ן 30 טאלענטען (35,000 דאללאר) אום ער זאל מיט דיזער סומע געלט איבררעדען די פירסטען זיי זאלען בלייבען אין כאלציס. דיזעס איז ווירקליך געלונגען טהעמיסטאקלעס'ן. דערווייל האבען די פערסיער גשיקט 200 שיפען צו דרום פון עאובאא צו הינדערן די גריכען דעם אפצוג פון דארט, אבער א צווייטער שטורם האט פערניכטעט די גאנצע פערסישע פלאטע, וואס איז געוועזען ארום עאובאא.

די גריכען האָבען דאַן געקריגען פרישען מוט, האָבען אָנגעגריפען די הויפּט־פלאָטע און האָבען געפאַנגען 30 שיפען און אַנדערע פאַהרצייג.

די פּערסישע פיהרער האָבען שטאַרק אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר'ן קעניג'ס צאָרן וועגען זייערע פערלוסטען. זיי האָבען דאַרום אָנגעשפּאַנט זייערע גאַנצע קרעפטען און האָבען געמאַכט אַ נייעם אָנפאַל אויף די גריכישע פלאָטע. די גריכען האָבען אויך דיזען מאָל בעזיגט די פּערסיער. אָבער זייער פערלוסט אין דיזער שלאַכט איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זיי האָבען ווידער אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען צוריקקעהרען זיך. זיי האָבען עס ווירקליך געטאָן און די פלאָטע האָט געאַנקערט ביי דער אינזעל סאַלאַמיס. אין גאַנצען איז דאַן די פלאָטע בעשטאַנען פון 309 שיפען. אַלס קסערקסעס האָט אָנגעהויבען מאַרשירען מיט זיין פלאָטע נאָך אַטהען, איז זיי קיין אַנדער מיטעל ניט געבליבען, ווי די שטאָדט צו פערלאָזען און רעטען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי האָבען געקענט. עס איז אין אָנפאַנג שווער געווען די מאַסע צו בעוועגען דערצו, איז אָבער לויט די זאָגע, געשעהן אַ וואונדער, וועלכער האָט די מאַסע איבערצייגט, דאָס זי מוז עס טאָן. נעמליך, די הייליגע שלאַנג פון מינערוואַ'ס טעמפּעל איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. דאָס איז געווען אַ צייכען, דאָס די גאָטהייט זעלבסט האָט איהר הייליגטום פערלאָזען. דאַן האָט מען אַלע פרויען, קינדער און זקנים אוועקגעשיקט פון אַטהען נאָך סאַלאַמיס, טראָצען און אֶגינאַ, די איבריגע בעפעלקערונג, וואָס איז אין שטאַנד געווען צו טראָגען געוועהר אָדער רודערן אַ שיף, איז געקומען צו דער פלאָטע.

אַלס עס איז געקומען אַ בעריכט, דאָס די פּערסישע פלאָטע איז שוין ביי אַטהען און האָט שוין פערוויסטעט אַטטיקאַ, האָבען פיעלע פירסטען בעשלאָסען צו בעפאַלען די פּערסישע פלאָטע און גאָר ניט רעכנען אויף דעם רעזולטאַט. טהעמיסטאָקלעס האָט אָבער פערשטאַנען די גרויסע געפאַהר, וואָס זיי שטעהט פאָר, ווען זיי וועלען פערלאָזען סאַלאַמיס, און ער האָט אָנגעפאַנגען אין אַ רעדע דאָס צו בעווייזען. דאַן איז צוגעלאָפען צו איהם עאוריביאַדעס, דער אָנפיהרער פון דער פלאָטע, מיט אַ שטעקען אין האַנט און האָט געוואָלט שלאָגען טהעמיסטאָקלעס'ן פיר שטערען דעם פּלאַן פון בעפאַלען די פּערסישע פלאָטע. טהעמיסטאָקלעס האָט צו איהם געזאָגט: „שלאָג, ווי פיעל דו ווילסט, אָבער בערוהיג זיך און הער אויס מיינע אַרגומענטען". עס איז באַלד רוהיג געוואָרען אין דער פערזאַמלונג און די דיסקוסיאָן האָט זיך איבער־אַ־ניים אָנגעפאַנגען. דאַן איז איהם איבערפאַלען דער קאָרינטהער אַדימאַנטוס מיט דעם פאָרוואורף, דאָס ער האָט גאָר ניט אין זינען דאָס פאָטערלאַנד. דערויף האָט טהעמיסטאָקלעס געענטפערט:

„אין דיזען מאָמענט איז מיין פאָטערלאַנד נאָר דאָ אויף די 200 שיפען, וועלכע שטעהען יעצט אין דינסט פון גריכענלאַנד. מיר האָבען פיר דעם וואויל־שטאַנד פון אונזער פאָטערלאַנד אונזערע טעמפּלען פערוויסטעט און אונזערע הייזער פערברענט. ווען מיר בלייבען דאָ, רעטען מיר אונזער פאָטערלאַנד, ווען ניט, וועט גריכענלאַנד פערניכטעט ווערען, ווייל דאָס שיקזאַל פון דעם קריג הענגט אָפּ פון דיזער פלאָטע. דיזע דראָהונג האָט געווירקט, מען איז געבליבען ביי סאַלאַמיס.

ווען עס האָבען אָנגעהויבען אָנקומען אַלע מאָל נייע ידיעות, דאָס די פּערסישע פלאָטע האָט געלאַנדעט אין האפען פון פאַלעראָן און דאָס די לאַנד־טרופּען געהען נאָך פעלאָפּאָננעזוס, האָבען פיעלע פון די פיהרער וויי־טער אָנגעהויבען צו שרעקען זיך און האָבען איבער־אַ־ניים געפאָדערט מען זאָל זיך צוריקציהען. דאַן האָט טהעמיסטאָקלעס בעשלאָסען צו געברויכען אַ פערצווייפעלטען מיטעל — דיזער מיטעל האָט געדאַרפט זיין פיר איהם אָדער אַ גרויס גליק אָדער דאָס גרעסטע אונגליק. ער האָט נעמליך דורך אַ פערטרויטען מאַן געשיקט זאָגען דעם פערסישען קעניג פאָלגענדע ווערטער: „טהעמיסטאָקלעס, דער קריגס־פיהרער פון די אַטהענער, איז אַן איבערגעבע־נער פריינד פון קסערקסעס'ן. ער שיקט דיר זאָגען, דאָס צווישען די גריכען איז ניטאָ קיין איינגקייט. דו קענסט זיי גרינג ארומרינגלען און בעזיגען". קסערקסעס האָט געגלויבט דיזע ווערטער און האָט באַלד געגעבען אַ בעפעהל מען זאָל אַרומרינגלען די גריכישע פלאָטע. אַריסטידעס, וועלכער איז שוין דאַמאָלס צוריקגעקומען פון זיין פערבאַנונג, האָט דער ערסטער בעמערקט די בעוועגונג פון דער פערסישער פלאָטע. ער האָט אוועקגעלעגט אַן אַ זייט זיין אַלטע שנאה צו טהעמיסטאָקלעס'ן און איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט: „דו ווייסט געוויס, וואָס עס קומט יעצט פאָר אין דער פערסישער אַרמעע. יעצט איז צייט צו פערגעסען די אַלטע שנאה און מיט פעראייניגטע קרעפטען קעמפען געגען דעם פיינד פון אונזער פאָטערלאַנד".

יעצט האָט טהעמיסטאָקלעס דערגרייכט זיין וואונש — צו מאַכען די פערסיער שטרייטען אין דעם שמאָלען אָרט צווישען דעם פעסטלאַנד און דער אינזעל סאַלאַמיס. דערמיט האָט ער אויסגעפיהרט, דאָס די פערסיער זאָלען ניט געברויכען די גאַנצע מאַכט פון זייער פלאָטע מיט אַ מאָל, נאָר אַ טייל, געגען וועלכען די גריכישע פלאָטע איז געווען שטאַרק גענוג צו רעכ־נען אויף אַ זיג. דעם 20טען סעפּטעמבער אין דער פריה אין יאָהר 480 פ. קר. זיינען די גריכען אַרויס מיט זייער פלאָטע געגען די פערסיער אונטער אונ־געוועהנליכע יובעל־געשרייען, וואָס האָבען אָנגעפילט אַלע ברעגען אַרום און



קסערקסעס ביי דער נידערלאַגע פון זיין פלאָטע.

ארויפגעיאָגט אַ שרעק אויף די פּערסיער. אין דיזער שטונדע האָט גראַדע אַ שטאַרקער ווינט געבלאָזען. קסערקסעס זעלבסט איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג און האָט צוגעקוקט, ווי זיינע קריגער קעמפּען, און דאָס האָט זיי געגעבען מוט צו קעמפען ווי לייבען. אָבער דער שטאַרקער ווינט האָט געמאַכט דעם ים שטורמיש, און דאָס האָט געמאַכט אַן אונאָרדנונג אין דער פּערסישער פלאָטע. די אונאָרדנונג האָט זיך נאָך פערגרעסערט צוליב דעם, וואָס די פלאָטע איז געווען צו גרויס, און דער טייל, וואָס איז אַריין אין דעם שמאָלען אָרט, איז געווען צו פיל און עס איז זיי געוואָרען צו ענג צו קעמפען. דערצו זיינען זייערע שיפען געווען צו שווער צו בעוועגען זיך אין דעם ניט זעהר טיפען וואַסער פון דעם שמאָלען פּאַס, אין דער צייט, וואָס די גריכישע שיפען זיינען געווען פיעל לייכטער און האָבען זיך שנעל בעוועגט. די אַגינער האָבען זיגרייך דורכגעבראָכען דעם לינקען פליגעל פון די פּערסיער, און די אַטהענער האָבען בעזיגט די פעניצישע און די עגיפּטישע שיפען. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע אונאָרדנונג אין דער פּערסישער פלאָטע. די אָנפיהרער פון די פּערסיער האָבען אַלע קרעפטען אָנגעווענדט צוריק אָרדנונג צו ברייגגען אין דעם קאַמף, אָבער עס האָט זיי קיין זאַך ניט געהאָלפען. בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם שטרייט, אַרטעמיזיאַ, די קעניגין פון די קאַריער. ווען איהר שיף איז געווען שטאַרק בעדרענגט פון די גריכען, האָט זי זיך אומגעקעהרט צו אַ פּערסישען שיף און האָט עס גענומען בויערן אין דעם גרונד. די גריכען האָבען געגלויבט, דאָס זי איז איבערגעגאַנגען צו זיי און האָבען זי דעריבער אויפגעהערט צו פערפאָלגען. דיזע טאַט האָט קסערקסעס בעמערקט און האָט מיט פרייד אויסגעשריען: „די פרויען זיינען היינט מענער געוואָרען און די מענער זיינען פרויען געוואָרען"!

אָבער אַלע אָנשטרענגונגען פון די פּערסיער האָבען זיי ניט געהאָלפען. שרעק און אונאָרדנונג זיינען אַזוי שטאַרק פערברייטערט געוואָרען צווישען זיי, דאָס די אָנפיהרער האָבען ניט געדענקט יעצט וועגען זיג, נאָר וואָס גיכער צוריקציהען זיך פון דעם ענגען געפעהרליכען פּלאַץ. די גאַנצע פּערסישע פלאָטע האָט זיך צוריקגעצויגען צום האַפען פון פאַלעראָן. דאָרט איז גע-שטאַנען די פּערסישע לאַנד-מאַכט. די פּערסיער, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אויף דער אינזעל פּסיטטאַליאַ צווישען סאַלאַמיס און דעם פעסטלאַנד, זיינען פערניכטעט און פעריאָגט געוואָרען פון אַריסטידעס'ן און זיינע גריכישע קעמפער. אין דיזען ים-שטרייט האָבען די פּערסיער פערלאָרען 200 שיפען און די גריכען נאָר 40. די פּערסישע פלאָטע איז אָבער נאָך אַלץ געווען

פיעל גרעסער און מעכטיגער פון דער גריכישער, און דאָס האָט צוגעגעבען קסערקסעס'ן האָפנונג און מוט פאַרטצוזעצען די מלחמה. ער האָט בעפוילען צו פעראייניגען סאַלאַמיס מיט דעם פעסטלאַנד, און דאַן אָנפאַנגען אַ נייע שלאַכט. אָבער נאָך אַ קורצער בעראַטונג מיט זיינע קריגס-פיהרער און נאָך זיין אייגענער איבערלעגונג האָט ער אָנגעהויבען פאַרטזועצען די מלחמה, און דאָס הארץ האָט איהם אָנגעפאַנגען צו ציטערן, דאָס ער זאָל סוף כל סוף אין גאַנצען ניט אָפּגעשניטען ווערען פון אזיען, ווען ער וועט זיך נ״ט צואיילען צוריקקומען צו די בריקען פון העללעספאָנט. ער האָט דעריבער אָנגענומען די עצה פון זיין גענעראַל מאַרדאָניוס זיך צוריקצוקעהרען גאָך אזיען מיט דעם גרעסטען טייל פון זיין אַרמעע, און די איבריגע טיילען פון זיין אַרמעע צו לאָזען אין גריכענלאַנד אונטער זיין, מאַרדאָניוס'עס, קאָמאַנדע.

קסערקסעס האָט שנעל געמאַרשירט צוריק מיט זיין לאַנד-אַרמעע דורך מאַצעדאָניען און טהראַציען, און האָט אויף'ן וועג פערלאָרען זעהר פיעלע פון זיינע קעמפער. פיעלע זיינען געפאַלען פון די הענט פון די גריכען, און נאָך מעהר זיינען פון הונגער און קראַנקהייטען אומגעקומען. די פלאָטע האָט אויך אין דער נאַכט פון דער מפּלה ביי סאַלאַמיס זיך צוריקגעקעהרט צו שווימען צום העללעספאָנט. די גריכען האָבען פון דעם צוריקקעהר פון דער פערסישער פלאָטע צו שפּעט ערפאַהרען. זיי האָבען אָנגעפאַנגען נאָכצויאָגען די פלאָטע ביז אַנדראָס, אָבער זיי האָבען זיך באַלד איבערצייגט, דאָס עס איז צו שפּעט. דאַן האָבען זיי בעשלאָסען בעסער העלפען די פערסיער צו ענטלויפען. טהעמיסטאָקלעס האָט דורך זיין טרייען מאַן געשיקט זאָגען קסערקסעס'ן, דאָס ער האָט אָפּגעהאַלטען די גריכען פון צושטערען די ברי-קען איבער דעם העללעספאָנט, און דאָס ער קען רוהיג זיין וועג פאַרטזעצען. אַ שטורם האָט דערווייל צושטערט די בריקען, אָבער דערפאַר איז די פלאָטע שוין געשטאַנען גרייט צו טראַנספּאָרטירען די אַרמעע איבער דעם העללעס-פּאָנט. באַלד נאָך דעם, ווי די אַרמעע איז טראַנספּאָרטירט געוואָרען, האָט ער באַלד געהייסען מאַרשירען נאָך סאַרדעס. ער האָט נאָר געלאָזען 60,000 מאַן אין מילעט צו פערהיטען אַן אויפשטאַנד פון די יאָניער.

די גריכישע פלאָטע האָט זיך געווענדט צו די ציקלאַדען-אינזלען אום צו בעשטראָפען זיי פיר זייער פערראַט אין דער מלחמה פון די גריכען געגען די פערסיער. אייניגע זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט גרויסע סומעס געלט, אַנדערע האָבען זיך גוט פערטיידיגט און זיינען אָפּגעקומען אָהן אַ שטראָף. נאָך דעם, ווי דער שרעק פון מלחמה איז אַריבער, האָבען די גרי-כישע קריגס-פיהרער זיך ניט געקענט אייניגען, וועמען עס געהערט דער

פרייז פון דעם זיג איבער די פערסיער. יעדערער האט בעהויפטעט, דאס ער האט פערדינט דעם ערסטען פרייז, אבער דאס האט יעדערער צוגעגעבען, דאס דעם צווייטען פרייז האט טהעמיסטאקלעס פערדינט. און באמת האט מען איהם איבעראל, איבערהויפט אין ספארטא, זעהר פיעל עהרע געציינט. דא האט מען איהם געגעבען אן אליווען-קראנץ, מען האט איהם געשענקט דעם שענסטען וואגען, וואס האט זיך אין שטאדט געפונען, און אויף זיין רייזע צוריק נאך אטהען האבען איהם ביז דער גרענעץ בעגלייט 300 יונגע לייט פון די פארנעהמסטע פאמיליעס אין ספארטא. אזא עהרע האט ספארטא קיין אנדערן מענשען ניט געציינט, זאגט העראדאט. דעם גרעסטען כבוד האט מען איהם געציינט מיט איינינע יאהר שפעטער אין דער צייט פון די אלימפען-שפילען, ווי טעהמיסטאקלעס זעלבסט האט ערצעהלט. נעמליך, אלס ער איז געקומען אין א פערזאמלונג פון די גריכען אויף אן אלימפישען וועט-שפיל, האבען איהם אלע געציינט אן אונגעהייערע אויפמערקזאמקייט. זיי האבען אלע אויפגעהערט קוקען אויף די שפילען און וועט-קאמפען און האבען זייערע בליקען נאר אויף איהם געריכטעט, איינער דעם אנדערן האט אנגעציינט אויף איהם, אזוי דאס פאר דער גאנצער פערזאמלונג איז ער געוועזן דער איינציגער אינטערעס. דאס איז געוועזן די גרעסטע עהרע, וואס א גריך האט געקענט ערווארטען פון זיין פאלק.

4) פלאטאא און מיקאלע. (479 פ. קר.)

מארדאניוס איז פערבליבען אין טהעססאליען מיט 300,000 אויסגע-וועהלטע סאלדאטען פון די פערסיער. אום גריכענלאנד צו אונטערויאכען האט ער געפונען פיר נעטיג מיט אטהען זיך צו פערבינדען. ער האט צו דיזען צוועק געשיקט צו די אטהענער דעם מאצעדאנישען קעניג. אלכסנדר, וועלכער איז געוועזן א גוטער פריינד פון די פערסיער, און האט אויך געקענט רעכנען אויף גאסט-פריינדליכקייט אין אטהען. אלכסנדר האט די אטהענער פערזיכערט אין נאמען פון קסערקסעס'ן, דאס ער וועט זייערע צושטערטע וואוינונגען און טעמפלען איבער-א-נייעם אויפבויען אויף זיין רעכנונג, דאס ער וועט פערברייטערן און פערגרעסערן זייער לאנד און וועט זיי געבען פולע פאלי-טישע פרייהייט, ווען זיי וועלען מיט איהם, קסערקסעס'ן, שלום שליסען און איין בונד מאכען געגען די גריכישע שטאאטען. דערויף האבען די אטהענער געענטפערט: „כל זמן די זון וועט ניט ענדערן איהר גאנג אין הימעל וועט אטהען מיט קסערקסעס'ן קיין בונד ניט מאכען, און וועט אין געגענטייל אלע מעגליכקייטען אנווענדען מיט איהם צו שטרייטען און מוטיג אימער ארויס-

טרעטען געגען איהם, ווען ער וועט וועלען וואָס עס איז אונטערנעהמען צו רויבען די פרייהייט פון גריכענלאַנד. אויף די הילף פון די געטער, וואָס ער האָט צושטערט זייערע טעמפלען, האָפען מיר איהם צו בעזיגען". דערביי האָבען זיי געראַטען אלכסנדר׳ן, ער זאָל מעהר ניט אָננעהמען אַזעלכע שליחות, אויב ער וויל בלייבען אַ פריינד צו אַטהען. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי געבעטען הילף פון ספּאַרטאַ געגען מאַרדאָניוס׳ן, וועלכער וועט געוויס באַלד אונטערנעהמען אַ שלאַכט געגען זיי.

ווען מאַרדאָניוס האָט דערהערט פון אלכסנדר׳ן דעם ענטפער פון די אַטהענער, האָט ער באַלד בעפוילען זיין מיליטער צו בעפאַלען אַטטיקאַ. די ספּאַרטאַנער האָבען ניט געוואָלט געבען הילף צו די אַטהענער געגען מאַר-דאָניוס׳ן. זיי האָבען נאָר געדענקט צו בעשיצען פעלאָפּאָננעזוס, די האַלב-אינזעל פון ספּאַרטאַ. די אַטהענער זיינען געווען געצוואונגען צום צווייטען מאָל זייער שטאָדט אויפאָפּפערן און זיך רעטען מיט זייער האָב און גוטס אויף דער אינזעל סאַלאַמיס. דאָס אָבער האָט נאָך אַלץ ניט געבראָכען זייער ליבע צו פרייהייט און צו זייער פאָטערלאַנד. אַלס מאַרדאָניוס האָט איינ-גענומען אַטהען און האָט ווידער געשיקט אַ געזאַנדטען צו די אַטהענער אויף דער אינזעל סאַלאַמיס מיט דער פאָדערונג, זיי זאָלען זיך אונטערוואַר-פען אונטער פּערסיען, האָבען זיי דעם געזאַנדטען אַפּילו ניט צוגעלאָזען צו דער פאָלקס-פערזאַמלונג, נאָר זיי האָבען איהם גלייך געשיקט צוריק. איין מיטגליד פון ראַט האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל דעם געזאַנדטען צולאָזען, האָט מען איהם אויף׳ן אָרט פערשטייניגט און, ווי הערןדאָט ערצעהלט, האָבען זיך פרויען אריינגעריסען אין זיין וואוינונג און האָבען געטויטעט זיין פרוי מיט זיינע קינדער.

צעהן טעג האָבען די געזאַנדטע פון אַטהען אין ספּאַרטאַ געוואַרט אויף אַן אַנטוואָרט אויף זייער ביטע צו העלפען זיי אין זייער נויט צו שיקען צו זיי טרופּען, ווייל זיי זיינען געווען בעשעפטיגט מיט דעם יום טוב פון די היאַנציינטהיעס. די אַטהענער זיינען שוין געווען גרייט די שטאָדט צו פער-לאָזען אָהן אַ שום ערפאָלג, אָבער איין מאַן פון טעגעאַ האָט געגעבען צו ער-קלערען די עפאָרען, דאָס ווען אַטהען וועט שליסען אַ בונד מיט מאַרדאָניוס׳ן וועלען זיך דערמיט געפינען פיר מאַרדאָניוס׳ן טויזענד וועגען צום פעלאָפּאָנ-נעזוס. די ספּאַרטאַנער האָבען די אויגען געעפענט און האָבען איינגעזעהן, דאָס זיי מוזען העלפען אַטהען, און האָבען באַלד געשיקט 5,000 האָפּליטען (שווער בעוואָפענטע סאָלדאַטען) און 35,000 העלאָטען (שקלאַפען). אַלס מאַרדאָניוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַלד זיך צוריקגעצויגען נאָך באָ-

אַטיען, ווייל דאָרט איז געווען מעהר פּלאַץ פיר זיין גרויסע אַרמעע און פיר זיינע רייטער. דאָס ספּאַרטאַנישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאוזאַניאַס'ן האָט זיך ענדליך פעראייניגט מיט דער אַטהענישער אַרמעע. ווי הערָאָדאָט בעריכטעט איז דאַמאָלס די גריכישע אַרמעע בעשטאַנען פון 38,700 האָפּליטען. די אויבער־קאָמאַנדע איבער די ספּאַרטאַנישע טרופּען האָט געהאַט פּאוזאַניאַס, און איבער דאָס אַטהענישע מיליטער אַריסטידעס, וועלכער איז דורך דעם בעשלוס פון פאָלק צוריקגערופען געוואָרען אין אַטהען.

ווען די גריכישע אַרמעע איז אָנגעקומען אין באָאָטיען, האָבען זיי אויפגעשטעלט זייער לאַגער געגען די פּערסיער, וועלכע האָבען געהאַט אַן אַרמעע פון 300,000 פּערסיער, 50,000 גריכען, וואָס זיינען געווען פּערסיש געזאָנען, און זעהר פיעלע רייטער. די גריכען האָבען גאָר קיין רייטער ניט געהאַט. נאָך איינינע קליינע שלאַכטען איז עס ענדליך געקומען אין ספּעטעמבער 479 פ. קר. צו אַן ענטשיידענדער שלאַכט ביי פּלאַטאָאָ. אין גריכישען לאַגער איז געוואָרען אַ שפּאַלטונג צוליב דעם שטרייט, ווער עס זאָל האָבען דעם עהרען־פּאָסט אין לינקען פליגעל — די אַטהענער אָדער די טעגעאַטען. ענדליך האָבען די לאַצעדאָמאָניער געאורטיילט, דאָס דיזער עהרען־פּאָסט געהערט צו די אַטהענער.

די גריכען זיינען געשטאַנען אין אַ געשיצטען אָרט. מאַרדאָניוס האָט אַלע מיטלען געברויכט זיי אַרויסצורופען צו אַ שלאַכט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. מאַרדאָניוס האָט פערשטעלט אַלע וועגען, פון וואַנען די גריכען האָבען בעקומען לעבענס־מיטלען, און האָט געהייסען פערשיטען אַלע קוועלען, פון וואַנען זיי האָבען בעקומען וואַסער. דאָס האָט געצוואונגען פּאוזאַניאַס'ן זיך צוריקציהען ביי נאַכט אין די אומגעבונג פון פּלאַטאָאָ. מאַרדאָניוס האָט עס דיזען ריקצוג גערעכענט פיר אַן ענטלויפען און האָט גענומען זיי נאָכיאָגען. ער איז באַלד געקומען נאָהענט צו די ספּאַרטאַנער. דיזע, אַלס זיי האָבען דערזעהן דעם פיינד נעבען זיך, האָבען באַלד געשיקט שלוחים צו די אַטהענער, וועלכע זיינען שוין געווען ווייט פון זיי, און האָבען געפאָדערט זייער הילף. די אַטהענער אָבער האָבען דאַמאָלס געהאַט צו שטרייטען מיט די מאַצעדאָניער, טהעססאַליער און אַנדערע גריכישע פעלקערשאַפטען, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט פּערסיען און האָבען זיך שוין פריהער אונטערגעגעבען צו זיי. די ספּאַרטאַנער מיט די טעגעאַטען זיינען געבליבען אַליין צו קעמפען מיט די פּערסיער. איינינע אויגענבליקען זיינען זיי געשטאַנען אונבעוועגליך, ווייל די קרבנות, וואָס זיי האָבען מקריב געווען צו די געטער פאַר זייער אַרויסגאַנג אין קריג, האָבען

ניט געצייגט קיין גוטע סמנים. ענדליך, אַלס פּאַוזאַניאַס האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום טעמפּעל פון דער הימעלס־געטין הערא, האָט ער דערזעהן גוטע סמנים. די ספּאַרטאַנער האָבען געקריגען מוט און האָט זיך געלאָזען אין שטרייט מיט'ן פיינד. די פּערסיער האָבען געקעמפּט ווי העלדען. מאַרדאָניוס איז איבעראַל, וואו ער האָט בעמערקט אַ שוואַכען פּונקט אין דער אַרמעע, ערשינען אויף זיין ווייסען פּערד און האָט אויפגעמונטערט זיי-

פּאַוזאַניאַס אָפּפערט צו די געטער פאַר דער שלאַכט ביי פּלאַטאָאָ.

נע סאָלדאַטען. אָבער דער מוט פון די גריכען האָט אַלץ איבערגעשטיגען. מאַרדאָניוס זעלבסט איז געפאַלען פון די הענט פון די גריכען, און דאַן איז די מאַכט פון די פּערסיער אין גאַנצען געוואָרען געבראָכען. שרעק האָט זיך פערשפּרייט אין דער גאַנצער פּערסישער אַרמעע. די פּערסיער האָבען זיך געלאָזען לויפען אין אונאָרדנונג צוריק אין זייער בעפעסטיגטען לאַגער. דאָרט האָבען זיי זיך בעשיצט און די גריכען האָבען גאָר ניט געקענט מאַכען מיט זיי, ווייל די בעפעסטיגונג איז געווען זעהר שטאַרק. ענדליך האָבען די

אטהענער געענדיגט זייער שטרייט מיט די גריכישע פעלקערשאפטען און זיינען געקומען צו הילף די ספארטאנער. מיט פאראייניגטע קרעפטען האָבען זיי געשטורמט דעם פערסישען לאגער און האָבען איהם גענומען. פיעלע טויזענדע פון די פערסיער זיינען געפאלען אין דער שלאכט און די איבריגע זיינען צולאָפען.

די גריכען האָבען נאָך דער שלאכט געפונען אַן אונגעהייערען רויב: געצעלטען געוועבט פו זילבער־פעדים, בעכערס, שאַלען, טרינק־געשיר פון די עדעלסטע מעטאלען, טייערע אָרם־בענדער, האלז־קייטען און וואפען. דאָס אלעס האָט מען אין איין הויפען צוזאמענגעלעגט. דערפון האָט מען פריהער אראָפּגענומען מעשר פיר די געטער: פיר דעם אפאללא־טעמפעל אין דעלפי, פיר צעאוס׳ן אין אָלימפּיא, און פיר דעם איסטהמישען נעפּטון, פיר יעדען אַ צענטעל. פאוזאניאס האָט אויך ערהאַלטען אַ צעהנטעל און דאָס איבריגע האָבען די קריגער צווישען זיך צוטיילט. פיר די קריגער, וואָס זיינען געפאלען אין שלאכט, האָט מען אויפגעשטעלט מאָנומענטען. די קאָמאנדירען האָבען זיך ניט געקענט איינינען, צו וועמען עס געהערט דער פּריז פיר די גרעסטע העלדישקייט. די אטהענער און די ספארטאנער האָבען יעדע גע׳טענה׳עט, אַז דער פרייז געהערט צו זיי. ענדליך האָבען אלע איינגעשטימט מען זאָל דעם ערסטען פרייז געבען צו די פּלאטאָער, ווייל אויף זייער פּלאץ איז די שלאכט געוואונען געוואָרען.

אין דעם זעלבען טאָג, ווען די גריכען האָבען געוואונען זייער זיג אין פּלאטאָאָ, האָט אויך די גריכישע פלאָטע אַ פּאָלשטענדיגען זיג געהאָט. נאָך דיזען זיג איז די גריכישע פלאָטע געבליבען שטעהן דעם גאנצען זומער ביי דער אינזעל דעלאָס. ערסט אין הערבסט האָבען זיי געזעגעלט זייערע שיפען נאָך דער אינזעל סאמאָס, וואו די פערסיער זיינען געשטאנען מיט זייערע שיפען. אלס זיי האָבען דערהערט, דאָס די גריכען קומען צו סאמאָס, האָבען זיי פערלאָזען די שיפען און האָבען זיך פעראייניגט מיט דער פּערסישער לאנד־מאכט פון 60,000 מאַן, וואָס איז געשטאנען ביים פּאָרגעבירג מיקאלע. די שיפען זייערע האָבען זיי, ווי עס איז דאמאלס געווען דער מנהג, ארויסגעצויגען פון וואסער, זיי אין אָרדנונג געבראכט אויף דער יבשה און זיי ארומגערינגעלט מיט אַ צאם. אלס די גריכען האָבען זיך דערוואוסט, דאָס די פערסיער האָבען די פעניציער געשיקט אהיים, האָבען זיי בעשלאָסען באלד צו שטרייטען מיט די פערסיער. ווי נאָר די שלאכט האָט זיך אָנגעפאנגען, האָבען זיך די גריכען (פון דער פלאָטע) דערוואוסט פון מארדאָניוס׳עס מפלה און זיין טויט. דאָס האָט צוגעגעבען די גריכען זעהר פיעל מוט און זיי האָבען

אין גאנצען פערניכטעט די פערסישע ארמעע, און האבען פערברענט זייער לאגער מיט זייערע שיפען. דער כבוד פון דיזען זיג האט געהערט צו די אטהע-נער אליין, ווייל די ספארטאנער האבען גראדע דאן פערבלאנדזעט ארום-רינגלענדיג דעם פיינד און זיינען ניט געקומען צו דער רעכטער צייט צום אנגריף.

דער לעצטער זיג האט בעדייט, דאס די גריכען האבען בעזיגט דעם אגאאישען ים, וועלכער איז געווען זעהר וויכטיג פיר זיי אין קאמערציעלער הינזיכט. אין וועניגער ווי איין יאהר האבען זיי די פערסיער געשלאגען פיער מאל, און אנשטאט וואס פריהער זיינען זיי געווען די אנגעגריפענע, זיינען זיי נאכדעם געווארען די זיגער. ווער האט עס מיט אייניגע מאנאטען צוריק געקענט פארויסזעהן, דאס די מעכטיגע פערסיען וועט אין אזא קורצער צייט געפינען איהר קבר אין דעם קליינעם גריכענלאנד? די מעכטיגסטע פעלקערשאפטען פון אריענט האבען ניט געקענטביישטעהען געגען דעם גייסט פון פרייהייט און ציוויליזאציאן, וועלכער האט דורכגעדרונגען יעדע זעלע פון די גריכען.

אין דער זעלבער צייט, ווען די אטהענער און די ספארטאנער האבען בעזיגט די פערסיער ביי סאלאמיס, האבען די גריכען פון סיציליען בעזיגט די קארטהאגער, האבען פערניכטעט פון זיי 300,000 מאן און זיינען געווא-רען די אליין-הערשער פון דער אינזעל. די גליקליכע שטונדע פון טריאומף האט פיר די גריכען איבעראל געשלאגען!

ז. אטהען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר מאכט.

1) די צייט פון דער שלאכט ביי פלאטאע ביז צימאן'ס טויט.

ווי מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, האט גריכענלאנד דורך דעם זיג איבער פערסיען זעהר פיעל געוואונען אין דער הינזיכט פון האנדעל. בע-זונדערס איז דורך דעם פערגרעסערט געווארען דער האנדעל פון אטהען. מיט דער הילף פון דער פלאטע, וועלכע די אטהענער האבען געשאפען זיך צו שיצען געגען די פערסיער, האבען זיי בעקומען אין זייערע הענט ניט נאר די אויבערמאכט איבער אלע גריכישע אינזלען, נאר אויך דעם גאנצען האנ-דעל פון אגאאישען מעער.

דיזער אומשטאנד האט געפאדערט פון זיי צו האבען א גרעסערען און בעקוועמערען האפען, ווייל דער ביזהעריגער האפען (פאלעראן) איז געווען צו קליין, ניט טיף און וועניג בעשיצט געגען ווינטען. טהעמיסטאקלעס

האָט אויפמערקזאם געמאַכט זיינע מיט־בירגער אויף די בוכט, וואָס איז געלעגען צוויי שטונדען רייזע ווייט פון דעם אַלטען האַפען צו מערב. דיזע בוכט האָט מען לויט דעם ראַט פון טהעמיסטאָקלעס׳ן אַרומגערינגעלט מיט אַ שטאַרקער מויער פון דער זייט, וואָס איז געווען צום לאַנד. דיזע מויער האָט מען פעראייניגט מיט דער שטאָדט, אום זיי זאָלען ניט אָפּגעשניטען ווע־רען פון מעער אין צייט פון קריג. דאָס איז געווען טהעמיסטאָקלעס׳עס פּלאַן, אָבער אין דער פּראַקטיק איז עס שפּעטער דורכגעפיהרט געוואָרען דורך צימאָן און פּעריקלעס׳ן. דיזער נייער האַפען איז געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָ־מען פּ י ר אָ א ו ס.

טהעמיסטאָקלעס האָט נאָך דעם זיג איבער די פּערסיער דורכגעפיהרט אַ בעשלוס דורך די פאָלקס־פערזאַמלונג, דאָס איידער די אַטהענער וועלען צוטרעטען צו איבערבויען זייערע צושטערטע הייזער, זאָלען זיי בעפעסטיגען די שטאָדט אַטהען מיט אַ שטאַרקער מויער. די ספּאַרטאַנער זיינען געווען געגען דעם, ווייל דאָס וועט קענען אַ מאָל דינען דעם פיינד זעלבסט, אין פאַל עס זאָל איהם געלינגען איינגעהמען די שטאָדט, פיר אַ פעסטען שוץ־אָרט. די אַטהענער האָבען אָבער געטאָן זייערס, און האָבען זיך גענומען מיט אַלע קרעפטען די מויער אַרום דער שטאָדט אַזוי געשווינד ווי מעגליך אויפצושטעלען. עס האָבען אין דעם געאַרבייט שקלאַפען און פרייע, מע־נער, פרויען און קינדער טאָג און נאַכט מיט גרויס חשק ביז עס איז זיי געלונ־גען די אַרבייט דורכצופיהרען.

אום די מאַכט, וואָס די אַטהענער האָבען בעקומען פון דעם זיג איבער די פּערסיער, לאַנג אָנצוהאַלטען, האָט טהעמיסטאָקלעס געפאָדערט, דאָס אַטהען זאָל יעדעס יאָהר פערגרעסערן די פלאָטע מיט אַ געוויסער צאָהל שי־פען. אום די צאָהל פון די איינוואוינער פון אַטהען צו פערמעהרען, האָט טהעמיסטאָקלעס דורכגעפיהרט אַ געזעץ, דאָס פרעמדע, וואָס ווילען זיך בעזעצען אין אַטהען, זאָלען זיין פריי פון אַלע שטייערן, איבערהויפּט פרעמ־דע בעלי מלאכות. דורך דיזען מיטעל איז די שטאָדט גיך געוואָרען גע־דיכט בעזעצט. עס האָט ניט לאַנג גענומען און אַטהען האָט אָנגעהויבען אַרויסשיקען פון זיך מענשען אין אַנדערע פּונקטען צו גרינדען נייע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען געהאָלפען צו פערשפּרייטען דעם האַנדעל פון אַטהען ווייט און ברייט.

די גריכישע פלאָטע אונטער דעם אויבער־בעפעהל פון פּאַוזאַניאַס׳ן האָט דערווייל געזעגעלט צום העללעספּאָנט, אום צו בעפרייען די גריכישע שטעדט און אינזלען, וועלכע זיינען נאָך געווען בעזעצט פון די פּערסיער.

די גריכען האָבען איינגענומען די גריכישע שטאָדט ביצאַנץ (ביצאַנטיאָן) און האָבען געפאַנגען אין פּלען פּיעלע רייכע פּערסיער. אונטער די געפאַנגענע האָט זיך געפונען אַ מאַן פון ערעטריאַ מיט׳ן נאָמען גאָנגילוס, וועלכער האָט בעקומען פיער אָאָלישע שטעדט פון פּערסישען קעניג אַלס בעלוינונג פיר אַ פעררעט געגען זיין פאָטערלאַנד (גריכענלאַנד). די בעקאַנטשאַפט פון דיזען פעררעטער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף פּאוזאניאַס׳עס צוקונפט. ער איז שוין פריהער געוועזען אַ ביסעל פער׳שכור׳ט פון דעם כבוד, וואָס ער האָט בעקומען אַלס זיגער איבער די פּערסיער. ער האָט אָנגעפאַנגען צו האַלטען זיך גרויס און איז געוואָרען אונצופרידען צו זיין בלויז אַ באַזילעאוס אין ספּאַרטאַ אונטער דער אויפזיכט פון די עפאָרען. איהם האָט זיך אָנגעהויבען צו ווערען לעבען אין גרויס לקסוס, ווי עס לעבען די אַזיאַטישע דעספּאָטען. דערצו האָט איהם פיעל געהאָלפען דער גרויסער רייכטום, וואָס ער האָט בעקומען אויף זיין טייל פון דעם רויב אין פּלאַטאָאָ. ער האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטען: וואָס וועט איהם קסערקסעס געבען, ווען ער וועט איהם פערשאַפען די הערשאַפט איבער ספּאַרטאַ? דאָס איז געווען דער געדאַנק, אויף וועלכען גאָנגילוס האָט איהם געבראַכט.

מיט דער הילף פון די געפאַנגענע פּערסיער האָט פּאוזאַניאַס געמאַכט אַ געהיימע פערבינדונג מיט קסערקסעס׳ן. ער האָט פון איהם פערלאַנגט זיין טאָכטער פיר אַ ווייב, און דערפאַר האָט ער איהם צוגעזאָגט די אונטערוואַרפונג פון לאַצעדעמאָן. ער האָט אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ פּערסישעס לעבען, אָנטאָן פּערסישע קליידער, און זיך נאָכגעבען אַלע לוקסוסען. די מיטלען דערצו האָט ער ערהאַלטען פון פּערסישען הויף. ער האָט זיך פערשאַפט אַ לייב־וואַך פון עגיפּטער און מעדיער, און האָט אָנגעפאַנגען צו בעהאַנדלען זיינע גריכישע בונד־חברים ווי אַ פּערסישער דעספּאָט. דאָס האָט שטאַרק ערביטערט די אָגינער און פּעלאָפּאָננעזיער און זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַ היים, און די אַנדערע גריכישע פעלקערשאַפטען האָבען זיך פרייוויליג געשטעלט אונטער די הערשאַפט פון אַריסטידעס׳ן און צימאָן׳ען. ספּאַרטאַ האָט צוריקגערופען פּאוזאַניאַס׳ן פון ביצאַנץ און האָט בעשטימט אַן אַנדער פיהרער אָנשטאָט איהם. אָבער ער איז אָנערקענט געוואָרען.

פּאוזאַניאַס איז אין ספּאַרטאַ געשטעלט געוואָרען צום געריכט, ער איז אָבער פרייגעשפּראָכען געוואָרען, ווייל ער האָט אונטערגעקויפט די ריכטער, און ווייל עס זיינען ניט געווען גענוג בעווייזען. ער איז ווידער אַוועק נאָך ביצאַנץ און האָט איבער־אַ־נייעס דאָרט אָנגעפאַנגען זיינע פריהערדיגע פּלענער צו שמידען און דורכפיהרען, ער איז אָבער דערביי געווען אַזוי ניט פאָר-

זיכטיג, דאָס מען האָט איהם אין ספּאַרטאַ ווידער צום געריכט גערופען. זיי האָבען זיך דערוואוסט נעמליך, דאָס ער בענוצט די העלאָטען פיר אַ פערברעכערישען צוועק, אָבער די בעווייזען זיינען געווען ניט גענוגענד, ווייל לויט די ליקורגישע געזעצען זיינען די צייגניסען פון אַ שקלאַף ניט גילטיג געגען אַ פרייען. ענדליך האָט ער זעלבסט געליפערט אַ שריפטליכען בעוויז געגען זיך. ער האָט געפיהרט אַ געהיימע קאָררעספּאָנדענץ מיט אַ פּערסישען גענעראַל אַרטאַבאַצוס און האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט גלייך צו טויטען יעדען איבערברייגנער פון זיינע בריף. איין העלאָט, וועלכער האָט געזאָלט איבערגעבען אַ בריף צו אַרטאַבאַצוס'ן, איז געוואָרען אויפמערקזאַם, וואָרום אַלע העלאָטען, וואָס פּאַוזאַניאַס שיקט דורך זיי בריף, קומען ניט צוריק. ער האָט געעפענט דעם בריף און האָט געפונען צום סוף אַ צושריפט, דאָס אַרטאַבאַצוס זאָל טויטען דעם איבערברייגנער. דער העלאָט האָט דעם בריף געליפערט צו די ספּאַרטאַנער. די עפאָרען האָבען דעם העלאָט אַוועקגעשיקט אין אַ טעמפּעל און געלאָזט וויסען וועגען דעם פּאַוזאַניאַס'ן. דיזער איז גלייך געקומען אין טעמפּעל און האָט איהם אָנגעפאַנגען אויספאָרשען וועגען דעם בריף. דיזען געשפּרעך האָבען די עפאָרען צוגעהערט פון אַ געהיימען אָרט אין טעמפּעל. מיט דיזען אופן האָבען זיי געהאַט געגען איהם ריכטיגע בעווייזען וועגען זיין פערראַט צום פאָטערלאַנד.

אום זיך אַרויסצומאַכען פון דער פערדינטער שטראָף, איז פּאַוזאַניאַס אויף דעם ראַט פון אַ פריינדליכען עפאָר אַנטלאָפען אין אַ טעמפּעל, ווייל לויט די געזעצען האָט מען איהם פון דאָרט ניט געקענט נעהמען מיט געוואַלד און די שטראָף אויף איהם אויספיהרען. דאַן איז געקומען זיין מוטער צום טעמפּעל און אַלס עכטע ספּאַרטאַנערין האָט זי דעם ערסטען שטיין געלעגט ביים אַריינגאַנג פון טעמפּעל, נאָך איהר האָבען שוין פיעלע אַנדערע ספּאַרטאַנער געלעגט שטיינער, און דערמיט האָט מען פערמויערט דעם אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פון טעמפּעל. פּאַוזאַניאַס איז שרעקליך שוואַך געוואָרען פון הונגער, דאַן האָבען איהם די ספּאַרטאַנער פון טעמפּעל אַרויסגעטראָגען אום ער זאָל ניט פעראונרייניגען דעם טעמפּעל מיט זיין טויטען קערפּער. מיט עטליכע מינוטען שפּעטער איז ער געשטאָרבען (640 פ. קר.).

אויך טהעמיסטאָקלעס איז געוואָרען אַ קרבן פון דער דעמאָקראַטיע, אָבער ניט אויף אַזאַ קלעגליכע אַרט. זיינע צו־גרויסע פערדינסטען און דער צו־גרויסער כבוד, וואָס ער האָט פון אַלע זייטען געהאַט, האָבען אָנגעפאַנגען צו בעאונרוהיגען די בירגער, ער זאָל ענדליך ניט ווערען אַ זעלבסטהערשער און טיראַן. דאַגעגען האָט אַריסטידעס אַלץ מעהר און מעהר איינ-

פלוס געוואונען, בעזונדערס ווען ער האט זיין אלטע פארטיי פון די רייכע גוטס־בעזיצער אויפגעגעבען און האט אנגעפאנגען צו בעשיצען די אינטע־רעסען פון דער מיטעל־קלאס, דעם האנדעל און די אינדוסטריען. ער האט געמאכט ענדערונגען אין דער פערפאסונג, וועלכע האבען איהם זעהר בע־ליבט געמאכט ביים פאלק. ער האט נעמליך איינגעפיהרט געזעצען, לויט וועלכע אויך די בירגער פון דער פערטער קלאס, וועלכע זיינען ביז יעצט פריי געווען פון אפצאהלונגען צוליב זייערע קליינע פערמעגענס, זאלען אויך צאהלען געוויסע שטייער, אבער דערפאר זאלען זיי אויך צו אלע עמטער צו־געלאזען ווערען. דורך דיזען שריט, דורך וועלכען אטהען האט בעקומען איהרע גרעסטע מענער, איז דער איינפלוס פון טהעמיסטאקלעס'ן אין גאנ־צען פערשוואונדען און ער איז באלד געווארען א קרבן פון זיינע געגנער. דורך א שערבעל־געריכט (אסטראציזם) איז ער פערטריבען געווארען (471 פ. קר.) פון אטהען און האט זיך בעזעצט אין ארגאס. שפעטער האט מען דערגאנגען, דאס ער האט אנטייל גענומען אין דעם פערראט פון פאוזא־ניאס'ן. מען האט איהם געוואלט ארעסטירען, ער איז אבער ענטלאפען נאך פערסיען. דארט האט דער קעניג בעשטימט דריי שטעדט פיר זיין אונטער־האלט. ביים קעניגליכען הויף האט מען איהם אזוי פיעל עהרע געצייגט, ווי קיין אנדער גריך האט עס אין פערסיען ניט געזעהן. דער קעניג האט געהאפט, דאס טהעמיסטאקלעס, וועלכער האט געוואוסט זעהר גוט די אלע גריכישע פערהעלטניסען, וועט איהם קענען זעהר פיעל נוצליך זיין אין זיין אונטערנעהמונג, אין זיין נייעם קריג מיט גריכענלאנד, וועלכען ער האט געדענקט אנצופאנגען. טהעמיסטאקלעס איז אבער באלד געשטארבען. ער איז דאמאלס אלט געווען 65 יאהר.

אריסטידעס האט זיך זעהר פיעל עהרע פערשאפט דורך דעם, וואס ער האט געגרינדעט דעם ד ע ל י ש ע ן בונד, וועלכער האט זעהר פיעל גע־האלפען צו אטהען'ס גרויסקייט. די אלע גריכישע אינזלען, וועלכע זיינען געווען אונטער אטהען'ס פיהרערשאפט, ווי אויך די גריכישע שטעדט פון קליין־אזיען האבען אנגענומען אריסטידעס'עס ראט, צו בעשטימען די אינ־זעל דעלאס פיר דעם מיטעלפונקט פון גריכישען בונד. דארט זאלען זיי אפ־האלטען זייערע פערזאמלונגען, און דארט זאל זיך געפינען די שאץ־קאמער פון דעם בונד. די בונד־מיטגלידער זיינען אלע פריי, ניט אפהענגיג איי־נער פון אנדערן, נאר יעדער איז פערפליכטעט צו צאהלען א געוויסען בייטראג יעהרליך צו דער אלגעמיינער קאסע און צושטעלען שיפען און מענשען אין פאל פון קריג. די איינקונפטען, וועלכע זיינען אנפאנגס גע־

ווען ניט מעהר פון 460 טאַלענטען, האָבען שפּעטער דערגרייכט ביז 600 טאַלענטען. די פערוואַלטונג איבער דיזע גרויסע סומע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַריסטידעס'ן, ווייל ער איז געווען בעקאַנט אַלס דער עהרליכסטער מאַן אין לאַנד. אין נאָך איהם פלעגט מען אָנפערטרויען דיזעם אַמט צו אַן אויסגעוועהלטען בירגער נאָר אויף איין יאָהר.

קורץ נאָך דעם איז אַריסטידעס געשטאָרבען. מיט זיין טויט האָט ער אַלעמען איבערצייגט אין זיין עהרליכקייט. ער איז געשטאָרבען אַזוי אָרים, דאָס עס איז ניט געבליבען אַפילו קיין מיטלען פיר זיין קבורה, און די שטאָדט האָט געמוזט בעזאָרגען זיין בעגרעבנים און זאָרגען פיר די קינדער, וואָס זיינען געבליבען נאָך איהם.

נאָך דעם טויט פון אַריסטידעס'ן איז דאָס אַמט פון הויפּט=שאַצמייסטער איבערגעגעבען געוואָרען צו צימאָן'ען, דעם זוהן פון מילטיאַדעס'ן. ער האָט אַפילו געהערט צו דער אַריסטאָקראַטישער קלאַס, אָבער ער האָט זיך אויסערליך אויפגעפיהרט אַזוי דעמאָקראַטיש, דאָס דאָס פאָלק האָט צו איהם געהאַט פולעס צוטרויען. פון דעם יאָהר 470 פ. קר. איז ער אַלע יאָהר ערוועהלט געוואָרען אַלס קריגס=פיהרער און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ לאַנגער רייהע פון גליקליכע אונטערנעהמונגען. ער האָט פערטריבען די פּערסיער פון זייער לעצטען שטיץ=פּונקט אין טהראַציען, און האָט אונטערוואָרפען אונטער די מאַכט פון גריכישען בונד די רייכע גאָלד= און זילבער=מינעס, וואָס האָבען זיך געפונען ביי דער מינדונג (דער אָרט, וואו אַ טייך גיסט זיך אריין אין ים) פון דעם טייך סטרימאָן. אויף דער אינזעל סקיראָס איז געווען אַ באַנדע זעע=רויבער, וועלכע פלעגט פיעל שאָדען פערשאַפען דעם האַנדעל פין בונד. צימאָן האָט די באַנדע אין גאַנצען פערניכטעט און האָט דאָס לאַנד, וואָס דיזע באַנדע האָט פערנומען, צוטיילט צווישען קאָלאָניסטען פון אַטהען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט, און ער האָט בעפרייט די גריכען פון קליין=אַזיען פון דעם פערסישען יאָך. נאָך דעם האָט ער אונטערגענומען אַ שטרייט מיט די בעוואוינער פון דער אינזעל נאַקסאָס, וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען פון גריכישען בונד, הגם דער בונד=פערטראַג האָט עס ניט ערלויבט. די איינוואוינער פון דיזער אינזעל האָבען דערפאַר פערלאָרען זייער אונאָפּהענגיגקייט. אָבער ענדליך האָט אַטהען מיט איהר שלויהייט די אויבערהערשאַפט בעקומען איבער דעם גאַנצען בונד. זי האָט נעמליך פאָרגעשלאָגען די איינצעלנע מיטגלידער פון בונד, דאָס יעדערער זאָל יעהרליך געבען אַ געוויסע סומע געלט אַנשטאָט צו געבען שיפען צו דער פלאָטע, און אַטהען אַליין וועט בעזאָרגען די פלאָטע פיר דעם בונד מיט דיזע געלט=מיטלען. מיט דיזען [illegible]

האָט אַטהען בעקומען די גאַנצע מאַכט פון דער פלאָטע אין איהרע הענט, האָט בעשטראָפט יעדען מיטגליד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון בונד, און האָט אין פיעלע ערטער בעזעצט אייגענע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען גוט נאָכגעקוקט און געפּאַרשט יעדע בעוועגונג פון די מיטגלידער פון בונד. דורך דיזעס האָבען פיעלע מיטגלידער פערלאָרען זייער זעלבשטענדיג-קייט, און די גאַנצע מאַכט האָט זיך ענדליך קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַטהען, אַפילו דער שאַץ פון בונד האָט זיך אריבערגעטראָגען פון דעלאָס אין אַטהען (459 פ. קר.).

אַרום די זעלביגע צייט האָט אַטהען ענדליך בעזיגט אֶגינאַ, נאָך וועלכער זי האָט שוין לאַנג געשטרעבט. די בעוואוינער פון דיזער אינזעל זיינען גע-צוואונגען געווען צאָהלען טריבוט (456 פ. קר.) און נאָך דעם זיינען זיי אין גאַנצען פערטריבען געוואָרען פון דער אינזעל. דערפאַר איז אָבער אַטהען אונגליקליך געווען אין דעם קריג מיט ספּאַרטאַ. די ספּאַרטאַנער האָבען גע-שיקט הילף צו דער לאַנדשאַפט דאָרים געגען זייערע בעדריקער די פאָציער, און צו גלייכער צייט האָבען זיי פערשאַפט דער שטאָדט טהעבען די אויבער-הערשאַפט איבער די אַנדערע שטעדט פון באָאָטיען. דיזעס האָבען די אַטהע-נער בעטראַכט אַלס אַן אָנגריף אויף זייער מאַכט. עס איז ענטשטאַנען אַ קריג, אין וועלכען דער אַטהענישער קריגס-פיהרער מיראָנידעס האָט געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע ביי ט אַ נ אַ ג ר אַ אין באָאָטיען (458 פ. קר.). אין 2 מאָנאַטען שפּעטער איז דער קריג בענייט געוואָרען און דאַן האָט מיראָ-נידעס די שלאַכט געוואונען ביי אָ נ אָ פ י ט אָ און האָט געצוואונגען כמעט גאַנץ מיטעל-גריכענלאַנד צו-צושטעהן צום דעלישען בונד.

באַלד נאָך דער נידערלאַגע ביי טאַנאַגראַ האָט פעריקלעס געווירקט מען זאָל צימאָן'ען צוריקרופען פון זיין פערבאַנונג. איהם איז עס געלונגען מאַכען אַ שלום צווישען אַטהען און ספּאַרטאַ, וועלכער האָט געדויערט 5 יאָהר (ביז 451 פ. קר.). די אַטהענער האָבען זיך מיט דעם פרידען בענוצט אום דעם קריג מיט פערסיען איבער-אַ-נייעס אָנצופאַנגען. מיט אַ פלאָטע פון 200 שיפען זיינען די אַטהענער אונטער דער פיהרערשאַפט פון צימאָן'ען אוועק צו דער אינזעל ציפּערן, וועלכע איז געווען דער הויפּט שטיץ-פונקט פון דער פּערסי-שער זעע-מאַכט, ווייל די אינזעל ציפּערן האָט פערשאַפט צו די פערסיער אַליץ, וואָס איז נעטיג געווען פיר אַ קריג-שיף. צימאָן האָט געשיקט 60 שיפען אין עגיפּטען. דערביי האָט ער געהאַט צוויי צילען. ערסטענס האָט ער געוואָלט שטיצען דעם אויפשטאַנד אין עגיפּטען געגען פערסיען, צוויי-טענס האָט ער געוואָלט אָפּציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די פערסיער

פון דער אינזעל ציפערן, וועלכע איז געווען פיר צימאָן׳ען זעהר וויכטיג אין דיזען שטרייט. ביי דער בעלאַגערונג פון ציטיום האָט צימאָן געקריגען א וואונד, פון וועלכער ער איז געשטאָרבען (449 פ. קר.), אָבער באַלד נאָך דעם האָבען די אַטהענער צוויי מאָל בעזיגט די פּערסיער ביי סאַלאַמיס (אויף ציפּערן). דערמיט האָט זיך געענדיגט פאַרלויפיג דער קריג מיט די פּערסיער. די אַטהענער זיינען דאַמאָלס געוואָרען די אַליין־הערשער איבער דעם אֶגֶאֶאישען מעער.

2) פּעריקלעס (449 ביז 431 פ. קר.).

נאָך דעם טויט פון צימאָן׳ען איז פעריקלעס געוואָרען די הויפּט־פּערזאָן אין אַטהען. ער איז געווען דער גרעסטער פון אַלע שטאַאַטסמענער, וואָס גריכענלאַנד האָט געהאַט. ער האָט געבראַכט אַטהען ניט נאָר צום העכסטען פּאָליטישען גליק, נאָר אויך אין קונסט און אין וויסענשאַפט האָט אַטהען דערלאַנגט אונטער איהם די העכסטע שטופע. זיין עפּאָכע איז זעהר וויכטיג פיר די וועלט־געשיכטע, און וויל ער איז דער שעפער פון דיזער עפּאָכע און זיין ווירקזאַמקייט אויף אַלע געביטען פון מענשליכען לעבען און שטרעבען איז געווען זעהר בעדייטענד, דעריבער איז דיזע עפּאָכע בעקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע אונטער דעם נאָמען די פ ע ר י ק ל י ש ע.

דער פאָטער פון פּעריקלעס׳ן איז געווען קסאַנטיפּפּוס, דער זעלבער, וועלכער האָט געזיגט ביי מיקאַלע. זיין מוטער, אַגאַריסטע, איז געווען א פּלעמעניצע פון דעם בעוואוסטען קלייסטהענעס. אין געשטאַלט איז ער געווען זעהר עהנליך צו פּיזיסטראַטוס׳ן. דיזע עהנליכקייט האָט איהם אין אָנפאַנג זעהר פיעל געשאַדט צו זיין קאַריערע, וויל די דעמאָקראַטען האָבען געקוקט אויף איהם מיט א בעזונדערען פאַראורטייל. ער איז ערצויגען געוואָרען אונ־טער דעם איינפלוס פון די בעסטע לעהרער. פון דער נאַטור האָט ער געהאַט א גרויסע רעדנער־קראַפט, א געזונדען פערשטאַנד פיר פּאָליטיק, און האָט געהאַט א גרויסע נייגונג צו פילאָזאָפיע. דיזע אַלע אייגענשאַפטען האָבען איהם געשטעלט פיעל העכער פון אַלע זיינע מיטבירגער. ער איז געווען פריינדליך צו יעדען מענשען, אָבער אינטים איז ער געווען נאָר מיט מענשען, וועלכע זיינען געווען גייסטיג ווירדיג צו האָבען אומגאַנג מיט זיי. א וואהרער פריינד איז ער געווען צו פידיאַס׳ן, דעם גרעסטען גריכישען סקולפּ־טאָר, צו אַנאַקסאַגאָראַס׳ן, דעם גרויסען גריכישען פילאָזאָף פון זיין צייט, צו דאַמאָן׳ען, איינעם פון די בעסטע לעהרער אין רעדע־קונסט, ווי אויך צו אַנדערע גרויסע בעגאַבטע מענער פון זיין צייט.

אין זיינע עלטערע יאָהרען איז צוגעקומען צו זיינע אינטימע פריינד
אויך אַ געוויסע פרוי. דאָס איז געווען די בעריהמטע א ס פּ א ס י אַ.
זי האָט געהערט צו די ה ע ט אָ ר ע ן (פריינדינס), וועלכע האָבען
פון פּעריקלעס'עס צייט אָן געשפּיעלט אַ זעהר בעדייטענדע ראָלע אין
אַטהען און קאָרינטה. זיי זיינען געשטאַנען העכער פון אַלע גריכישע פרוי-
ען, וועלכע האָבען קיין אַנטייל ניט געוואוסט צו נעהמען אין דעם געזעל-
שאַפטליכען לעבען פון די גריכישע מענער. די העטאָרען האָבען דורך זייער
בילדונג און פיינע מאַנירען פיעל געווירקט צום פערפיינערן דאָס געזעל-
שאַפטליכע לעבען פון די גריכען. זיי האָבען בעלעבט יעדע געזעלשאַפט
דורך די קונסט פון טאַנצען, דורך מוזיק און גייסטרייכע אונטערהאַל-
טונגען, זיי האָבען אָבער דערביי געאָפּפערט מיט זייער ווייבליכער טו-
גענד און זייער קיישהייט (צניעות). די אַטהענער העטאָרען זיינען אי-
מער מעהרסטענס געווען אויסלענדערינס, ווייל דאָס געזעץ האָט ניט ער-
לויבט די בירגערס' טעכטער אַזעלכע פערהעלטניסען צו מענער. אַספּאַסיאַ
האָט געשטאַמט פון מילעט, וועלכע איז געווען די הויך-שולע פיר העטאָרען-
קונסט. די געשיכטע, ווי אַספּאַסיאַ איז נאָך אַטהען געקומען, איז אונז
ניט בעקאַנט, דערפאַר אָבער ווייסען מיר פיעלע איינצעלהייטען וועגען
איהר, וואָס ציינען, וואָס פיר אַ גייסטרייכע פרוי זי איז געווען. פּע-
ריקלעס פלעגט מיט איהר זעהר פיעל פערברייננען אין זיין פרייע צייט.
שפּעטער האָט ער זיך געשיידט מיט זיין פרוי און האָט געהייראַט אַספּאַסיאַ'ן.
אויך דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס פלעגט פיעל מיט איהר
פערברייננען און בעשפּרעכען פילאָזאָפישע פראַגען, פון וועלכע, ווי ער
האָט אַליין אָנערקענט, ער האָט פיעל נוצען געצויגען פיר זיין בילדונג.
אַספּאַסיאַ האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט איהר רעדע-קונסט.
מען זאָגט, דאָס די בעריהמטע טרויער-רעדע (הספּד), וואָס פּעריקלעס האָט
געהאַלטען אין דעם ערסטען יאָהר פון דעם פּעלאָפּאָננעזישען קריג, איז גע-
ווען אַספּאַסיאַ'ס פערפאַסונג.

פּעריקלעס האָט גלייך אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע פערשטאַנען, דאָס
זיין אַריסטאָקראַטישע נייגונג וועט איהם פיעל שאַדען ביים פאָלק, און האָט
באַלד בעשלאָסען מיט לייב און זעעלע צו זיין איבערגעגעבען צו דער דע-
מאָקראַטיע. ער האָט דורכגעזעצט אַ גאַנצע רייהע פון דעמאָקראַטישע איינ-
ריכטונגען. שוין אין יאָהר 462 פ. קר. האָט ער מיט דער הילף פון עפיאַל-
טעס'ן אָפּגענומען פון דעם געריכטס-הויף פון דעם אַרעאָפּאַג יעדען איינ-
פלוס אויף פּאָליטיק און געזעץ-געבונג, און האָט איהם איבערגעלאָזען נאָר

דאָס רעכט צו ענטשיידען מאָרד־פּראָצעסען. דערפאַר האָט ער אָבער פער־גרעסערט די רעכטען פון די פאָלקס־געריכטס־הייזער. אין זייערע הענט האָט ער איבערגעגעבען אַלע רעכט־זאַכען, אפילו די שטרייטיגקייטען צווישען די מיטגלידער פון דעם אַטהענישען בונד האָבען זיי געהאַט דאָס רעכט צו ענטשיידען. יעדע קלאַגע האָט געמוזט אריינגעגעבען ווערען צו איינעם פון די אַרכאָנטען, און דיזער האָט עס איבערגעגעבען צו אַ געריכטס־הויז פון די צעהן געריכטס־הייזער פון דער העליאַא. פּעריקלעס האָט איינגעפיהרט, דאָס די העליאַסטען (די פּאָלקס־ריכטער) זאָלען קריגען געהאַלט פיר זייער ארבייט, ווייל דאָס פאָלק איז פערמעהרט געוואָרען און די פּליכט פון אַ ריכטער האָט פון איהם געפאָדערט מעהר צייט. ער האָט בעשטימט, דאָס יע־דער ריכטער זאָל בעקומען פיר יעדען טאָג, וואָס ער פערברייננגט אין גע־ריכטס־הויז, אַן אָבאָלוס (13 פעניג). אויך יעדער בירגער, וואָס האָט צנטייל גענומען אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג, האָט בעקומען איין אָבאָלוס פיר יעדען טאָג, וואָס ער האָט דאָרט פערבראַכט. אויך די בירגער, וואָס האָ־בען אַנטייל גענומען אין קריג, האָבען בעקומען געהאַלט. דער האָפּליט (דער שווער בעוואָפענטער קריגער) האָט בעקומען 4 אָבאָלוס'ען יעדען טאָג, דער אָפּיציר האָט בעקומען צוויי מאָל מעהר, און דער רייטער דריי מאָל מעהר (פון אַ האָפּליט).

אונז ווייזט אויס, דאָס דיזע סומעס זיינען צו קליין. מען מוז אָבער ווי־סען, דאָס צו יענער צייט האָט געלט געהאַט אַ סך אַ גרעסערען ווערט, ווי היינט. געלט איז דאַמאָלס געווען 8 מאָל אזוי טייער ווי היינט, אזוי דאָס די אויבענגענאַנטע בעלוינונגען זיינען געווען גענוג צו דעקען די אויס־גאַבען, וואָס אַן איינצעלנער מענש ברויכט פיר זיך יעדען טאָג. לויט פּע־ריקלעס'עס איינריכטונג האָט דער שטאַאט געמוזט האַלטען אַ שטענדיגע פלאָטע פון 60 שיפען. דאָס אַלץ, פערשטעהט זיך, האָט געפאָדערט גרויסע אויסגאַבען. דערפון קענען מיר פערשטעהן, דאָס די איינקונפטען פון אַטהע־נישען שטאַאט זיינען געווען זעהר בעדייטענד. הגם מיר ווייסען ניט גענוי, ווי גרויס די איינקונפטען פון אַטהען אין יענער צייט זיינען געווען, קענען מיר אָבער זיך מאַכען ווענגען דעם אַ שטיקעל בעגריף פון דעם, דאָס אין דער צייט פון פּעריקלעס'ן האָט אַטהען אָפּגעשפּאָרט 8,000 טאַלענטען, דאָס איז אויף אונזער (אַמעריקאַנער) געלט אונגעפעהר 10 מיליאָן דאָללאַר, און ווען מיר זאָלען נאָך נעהמען אין בעטראַכט דעם ווערט פון געלט אין יענער צייט אין פערגלייך מיט דעם ווערט פון פון געלט אין היינטיגער צייט, וועט עס אויסמאַכען אַ סומע פון 80 מיליאָן דאָללאַר.

אויסער די אויבענדערמאָהנטע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען האָט זיך
פּעריקלעס בעליבט געמאַכט ביים פּאָלק מיט דעם, וואָס ער פּלעגט אויסגע-
בען זעהר פיעל געלט פון זיין טאַש צו אונטערשטיצען די אָרימע בעדירפטיגע



פעריקלעס.

קלאַס פון פאָלק. דער רעזולטאַט דערפון איז געוועזן, דאָס ער פלעגט אויס-
געוועהלט ווערען יאָהר איין יאָהר אויס צום סטראַטעגען, און מען פלעגט
איהם אויך אָנפערטרויען די פערוואַלטונג פון דער שטאַאטס-קאַסע. וואָס

אָנגעטרעפט זיין אויסלענדישע פּאָליטיק, האָט פּעריקלעס געשטרעבט צו פערברייטערן דעם האַנדעל און פערגרעסערן די מאַכט פון אַטהען. די איינציגע שטערונג אין דיזער שטרעבונג האָט ער געהאַט פון ספּאַרטאַ. אַפילו דער 5־יעהריגער וואַפען־שטילשטאַנד, וואָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרען צווישען אַטהען און ספּאַרטאַ, איז ניט אויסגעהאַלטען געוואָרען. אין יאָהר 448 פ. קר. האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען דעלפי און פאָציען. איז דיזען קריג האָבען די אַטהענער גענומען די זייט פון די פאָציער און די ספּאַרטאַנער האָבען געהאָלפען די דעלפיער. דיזע קריג איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: „דער צווייטער הייליגער קריג‟ *). מיט דיזען קריג צווישען אַטהען און ספּאַרטאַ האָבען זיך בענוצט די באָאָטיער, זיי האָבען געשלאָגען די אַטהענער ביי קאָראָנעאַ און זיינען געוואָרען אין יאָהר 447 פ. קר. אונאָפּהענגיג פון אַטהען. דיזער זיג פון די באָאָטיער האָט ערמוטיגט איינציגע שטעדט אויף דער אינזעל עאובאַאַ אויך אָפּצופאַלען פון אַטהען. די ספּאַרטאַנער האָבען זיי געהאָלפען אין זייער אויפשטאַנד. זיי האָבען געשיקט מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם יונגען פּ ל י י ס ט אָ אַ נ אַ ק ס נאָך אַטטיקאַ. פּעריקלעס האָט מורא געהאַט צו שטרייטען דאָמאָלס, און האָט בעסער אונטערגעקויפט דעם ספּאַרטאַנישען קריגס־פיהרער מיט 10 טאַלענטען (11,000 דאָללאַר) און יענער האָט זיך צוריקגעקעהרט. נאָך דעם איז פּעריקלעס'ן לייכט געווען די עאובאָער צו בעזיגען און אונטערוואַרפען זיי איבער־אַ־נייס. באַלד נאָך דעם איז איהם געלונגען אָפּצושליסען מיט ספּאַרטאַ אַ וואַפען־שטילשטאַנד פיר 30 יאָהר. אַטהען איז געבליבען די פיהרערין פון דעם בונד איבער'ן מעער, דערפאַר האָט זי אָפּגעטרעטען צו ספּאַרטאַ די פיהרערשאַפט אויף'ן לאַנד. אַטהען האָט אויך אויסער דעם אָפּגעטראָטען צו ספּאַרטאַ צוויי האַפענס אין מעגאַראַ און איינציגע בעזעצטע פונקטען פון פּעלאָפּאָננעזוס.

באַלד נאָך דעם שלום־אָפּמאַך מיט ספּאַרטאַ איז דער איינפלוס און די מאַכט פון פּעריקלעס'ן נאָך איהם געשטיגען, ווייל טהוקידידעס, דער הויפּט פון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, איז פון לאַנד אַרויסגעטריבען געוואָרען און זיין פּאַרטיי איז אין גאַנצען פערנאַנדערגעפאַלען. די ערסטע 10 יאָהר

*) דער ערסטער הייליגער קריג איז געווען אין דער צייט פון סאָלאָן'ען (590—600 פ. קר.) געגען דער שטאָדט קירהאַ, ווייל זי האָט בעלעסטיגט די פרעמדע טעמפּעל־וואַנדערער. דאָס ענדע פון דעם קריג איז געווען, דאָס די שטאָדט קירהאַ איז אין גאַנצען צושטערט געוואָרען.

נאך דעם פרידען־אפמאך מיט ספארטא האט פעריקלעס בענוצט צו פערבריי-
טען דעם האנדעל פון אטהען. צו דיזען צוועק האט ער איבעראל געגרינ-
דעט קאלאניעס: אין סינאפע ביים שווארצען מעער, אויף דער אינזעל נאק-
סאס, אויף דעם כערסאנעס, און אין אנדערע ערטער. אויסער דעם האט ער גע-
שיקט קאלאניסטען נאך טהוריאי אין אונטער־איטאליען און נאך אמפיפאלים
אויף דעם טייך סטרימאן. אין דעלישען בונד זיינען אלע געוועזן אונטערטעניג

אספאסיא מיט פעריקלעס׳ן.

צו אטהען, אויסער כיאס און לעסבאס, וועלכען האבען ערהאלטען זייער זעלב-
שטענדיגקייט. סאמאס האט זיך געוואלט בעפרייען פון דער אויבערהערשאפט
פון אטהען, אבער דיזע האט זי בעלאגערט 2 מאנאטען און זי האט זיך ענד-
ליך אונטערגעגעבען צו די אטהענער (440 פ. קר.).

פעריקלעס׳עס פערדינסט ביי די אטהענער איז אויך געווען זעהר גרויס צוליב זיינע בעמיהונגען צו מאכען אטהען פיר די שענסטע שטאָדט אין דער אלטער וועלט. די פרעכטיגע געביידעס, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעבויט, האָבען אטהען געגעבען אַן אויסזעהן פון אַ הייניגען פּאַריז. די בעריהמ־טעסטע געביידעס זיינען געווען דער פּאַרטהענאָן, די פּראָפּילאֶען, דאָס אָדע־אום און מעהרערע האַלען, אויסער דער גרויסער מויער, וואָס ער האָט גע־מאַכט ארום דער שטאָדט און דערמיט זי בעשיצט געגען יעדען אָנפאַל פון אַ שונא. דער פּאַרטהענאָן, וועלכער איז געווען די צירונג פון אַקראָפּאָליס (פעסטונג), איז געווען געמאַכט פון מאַרמאָר־שטיין. דיזעס געביידע איז גע־ווען 71 מעטער לאַנג, 31 מעטער ברייט, און 20 מעטער הויך. די פאָרדער־זייט איז געווען געריכטעט צו מזרח. דאָס געביידע איז געשטאַנען אויף אַ הויכער פּלאַטפּאָרמע, ארומגערינגעלט מיט אַ גרויסאַרטיגער זיילען־האַלע. דאָס אינערע פון דעם טעמפּעל (פּאַרטהענאָן) האָבען בעפּוצט פערשיידענע הערליכע בילדער־ווערק. פון דיזע זיינען געווען די מערקווירדיגסטע די סטאַ־טועס, פון וועלכע איינע, צו מזרח, האָבען פאָרגעשטעלט דעם קאַמף צווישען אטהענע און פּאָסיידאָן וועגען אטטיקאַ, און די אַנדערע, צו מערב, די גע־בורט פון אטהענע. אין דעם טעמפּעל אין וועלכען מען האָט געקענט אריינ־קומען דורך די זיילען־האַללע, איז געשטאַנען אַ מייסטערווערק פון סקולפּ־טור, די גוואַלדיגע סטאַטוע פון אטהענע, וועלכע דער גרעסטער קינסטלער פון דער אלטער וועלט, פידיאַס, האָט געמאַכט. אַלע טיילען פון דער סטאַטוע, וועלכע שטעלען פאָר דעם לייב, ווי אויך דאָס אונטער־קלייד, זיינען געמאַכט פון העלפאַנד־ביין, און דאָס אויבער־קלייד איז געמאַכט געווען פון ריינעם גאָלד. אויך די אַנדערע סטאַטוע פון פּאַללאַס־אטהענע, וועלכע איז געשטאַ־נען אויף דעם העכסטען פּונקט פון אַקראָפּאָליס, איז געווען די ארבייט פון דעם בעריהמטען פידיאַס און איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אין אַ קלאָרען וועט־טער האָט מען געקענט זעהען דעם העלם (הוט) און דעם שפּיז 5 מייל ווייט פון אטהען.

דעם אויפגאַנג צו דער פעסטונג האָבען געבילדעט די פּראָפּילאֶען, ד. ה. דער פאָרהויף. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיגער טויער, אויף וועלכען דער קינסטלער מנעסיקלעס האָט געאַרבייט 5 יאָהר (פון 436 ביז 431 פ. קר.). דיזער פּראַכט־טויער איז געווען פון ווייסען מאַרמאָר און האָט געקאָסט 2,000 טאַלענטען. פון דער שטאָדט האָט געפיהרט צו די פּראָפּילאֶען אַ וועג, וועל־כער איז געווען בעדעקט מיט מאַרמאָר־פּלאַטען. ביין זייט האָט דער טויער געהאַט 4 נעבען־טויערן און פליגעל־געביידעס, רעכטס אַ טעמפּעל פיר אטהע־



די רואינען פון דער אקראפאליס.

נע ניקע, א זעהר שענעס פּרעכטיגעס מאַרמאָר־געביידע מיט זעקס יאָ-נישע זיילען פון גרויסאַרטיגער אַרבייט; און לינקס א געמעלדע־זאַאל, פּ אַ י ק י ל ע.ביים פוס פון אַקראָפּאָליס האָט פּעריקלעס אויפגעשטעלט דאָס אָ ד ע א ו ם, א קליינעס טהעאַטער אין דער פאָרמע פון א שירם.

פּעריקלעס האָט אויך איינגעפיהרט פיעלע נייע פעסט־טעג און האָט פערגרעסערט דעם גלאַנץ פון די פריהערדיגע ימים טובים. דערביי האָט ער איינגעפיהרט פּרעכטיגע מאַהלצייטען פיר דאָס פאָלק. ער האָט אויך געגרינ-דעט א קאַסע, פון וועלכער מען האָט ארויסגעגעבען יעדען אונפערמעגליכען בירגער 2 אָבאָלען, ער זאָל האָבען צו צאָהלען פיר זיין אריינגאַנג אין טהעאַטער, א זאַך, וואָס איז דאַן זעהר נעטיג געווען פיר די בילדונג פון פאָלק. מיט דער צייט איז דיזע אויסגאַבע אזוי פיעל פערגרעסערט געוואָרען, דאָס מען האָט געמוזט אַנדערע אויסגאַבען פערקלענערן אום דיזע צו דעקען, און עס איז אויך דורכגעפיהרט געוואָרען א געזעץ, לויט וועלכען מען האָט בעדאַרפט בעשטראָפען מיט'ן טויט דעם יעניגען, וואָס וועט וועלען דיזע אויסגאַבע פערקירצען און פערווענדען דאָס געלט פיר קריגס־צוועקען.

עס האָבען זיך געפונען פיעלע, וואָס האָבען פּראָטעסטירט געגען אזעל-כע אונגעהייערע אויסגאַבען, וואָס פּעריקלעס האָט אַנגעמאַכט. אָבער ער האָט מיט איין מאָל אלעמען איינגעשטילט מיט פאָלגענדען אופן. ער האָט איין מאָל אין א פערזאַמלונג געפרעגט דאָס פאָלק, אויב זיי געפינען ווירקליך, דאָס ער מאַכט צו גרויסע אויסגאַבען. „יע", האָבען אלע מיט איין שטימע געענטפערט. „אויב אזוי, וועל איך אליין בעצאָהלען פיר אלע זאַכען, אָבער דאַן וועל איך האָבען דאָס רעכט ארויפצושטעלען מיין נאָמען אויף די אלע פּרעכטיגע געביידעס." אלע אטהענער האָבען דאַן איינשטימיג אַנערקענט, דאָס פּעריקלעס האָט רעכט געהאַנדעלט פיר די עהרע פון די איינוואוינער און בירגער פון דער בעריהמטער וועלט־שטאָדט, און האָבען איהם געגעבען די פולע מאַכט פאָרטצוזעצען זיין אַרבייט.

דעם גלאַנץ, וואָס אטהען האָט דערגרייכט אונטער פּעריקלעס'ן, דאָס הויכע און גייסטיגע לעבען פון די בירגער פון אטהען צו יענער צייט, האָבען פיעלע בעטראַכט אלס וואונדער, פיר וועלכעס עס גיט ניט קיין ערקלערונג. און באמת, ווען מיר זאָלען די אויפבליהונג פון א פאָלק צושרייבען צו דער ווירקזאַמקייט און טעטיגקייט פון זיינע גרויסע מענער, צו זיינע נצחונות אין מלחמות, אָדער צו זיין גרויסער פּאַטערלאַנדס־ליבע, דאַן וועלען מיר אין דער געשיכטע פון אטהען קיין ווירקליכע ערקלערונג ניט געפינען צו אטהען'ס אונגעוועהנליכער גרויסקייט. גאַנץ אַנדערס וועט עס זיין, ווען מיר וועלען

נעהמען אין בעטראַכט איהר מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע לאַגע און איהר ענטוויקלונג אין דיזער הינזיכט, אַ געגענשטאַנד, וואָס די געשיכטע־שרייבער האָבען ביזהער פערנאַכלעסיגט. פאַר אַלץ מוזען מיר געדענקען, דאָס אַטהען איז אין דער צייט פון פּעריקלעס׳ן געוואָרען אַ צענטער פון וועלט־האַנדעל, וועלכער איז אין קיין פאַל ניט געווען נידריגער פון פעניצישען וועלט־האַנדעל, נאָך מעהר, אַטהען קען אין פיעלע הינזיכטען אונז דערמאָהנען דאָס קויפמאַנישע לעבען און די טעטיגקייט פון היינטיגער צייט.

„אויף דעם פּיראָאוס", זאָגט ע. קאַיללעמער, „וואָלט מען זיך געקענט פאָרשטעלען, דאָס מען געפינט זיך אין איינעם פון די גרויסע האַנדעלס־פּאָרטען פון אונזער צייט: די זעלביגע האַנדעלס־אָפּמאַכען, די זעלביגע ספּעקולאַציאָנען, די זעלביגע בעטריגערייען, וועלכע מיר בעגעגנען היינט. דאָ ווערען אויסגעשטעלט וועקסלען אויף פרעמדע קויפלייט מיט זשירעס. גרויסע סומעס געלט ווערען געליהען אויף די סחורות און די שיפען אויף צינזען. עס איז אויך דאָ פערזיכערונג געגען שאָדען אין פאַל פון אַן אונגליק אויף׳ן ים. אַן ארט בערזען־ספּעקולאַנטען פערשאַפען די נייעסטע נאַכריכטען וועגען פּרייזען אויף סחורות אין פערשיידענע האַנדעלס־פּונקטען, אום די פּרייזען אין מאַרק זאָלען שטייגען און פאַלען. קויפלייט הייבען און וואַרפען די פּרייזען פון פערשיידענע פּראָדוקטען אום דורך דעם פּראָפיט צו מאַכען, ווי עס טרעפט זעהר אָפט אין אונזער צייט. געזעלשאַפטען ווערען געגרינדעט אום אַ געוויסע אינדוסטריע אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט און אַרויסשטופּען די קלענערע סוחרים און מאַכען זיי באַנקראָט א. אז. וו.

די פאָרמעס פון האַנדעל זיינען שוין דאַמאָלס געווען זעהר ענטוויקעלט, נאָר עס איז דאַן געווען מאַנגעל אין קרעדיט. עס פלעגט זעהר אָפט טרעפען, דאָס דער קרעדיטאָר פלעגט זעלבסט פאָהרען אין דעם שיף מיט דער סחורה, אויף די זיכערהייט פון וועלכער ער האָט אויסגעבאָרגט דאָס געלט, און האָט דערפאַר גערעכענט אונגעהייערע צינזען, מאַנכמאַל ביז אַ דריטעל פון דער אַנלייהע. די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגליך איז אום דעם האַנדעל צו רעגולירען און ניט צולאָזען צו גרויסע שווינדלערייען. די רעגירונג האָט צ. ב. קאָנטראָלירט דעם אַרויספיהר פון פערשיידענע תבואות און האָט וועגען דעם געוויסע געזעצען געמאַכט. פיר דעם קליינהאַנדעל האָט די רעגירונג בעשטימט געוויסע פּרייזען און האָט בעשטראָפט די קליינע סוחרים, וועלכע האָבען געהעכערט די בעשטימטע פּרייזען. עס זיינען געווען אינספּעקטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט די פליכט אויפצופּאַסען, דאָס די געזעצען פון אימפּאָרט און עקספּאָרט זאָלען ריכטיג ערפילט ווערען. עס זיינען געווען

בעזונדערע האנדעלס־ריכטער, מארק־מייסטערס, אינספעקטארען איבער פרוכט־הענדלער און בעקער און איבער מאס און געוויכט.

די אטהענער האבען געהאנדעלט מיט אלץ, וואס איז פראדוצירט געווארען אין יענער צייט: געטריידע, וויין, אויל, האניג, גראנאט־עפעל, געווירצען, זידליכע פרוכטען, מעדיצינישע און פארבען־קרייטער, פלאקס, האנף, געהילץ. זיי האבען אויך געהאנדעלט מיט פערד, רינדער, שטרייט־העהנער, זאלץ־פישען, פעל, וואל, העלפאנד־ביין, גאלד, זילבער, קופער, צין, אייזען, זאלץ, פערשיידענע סארטען שטיין און לעהם א. אנד. אויסער דיזע אלע נאטור־פראדוקטען האבען זיי געהאנדעלט מיט פערשיידענע פאבריק־וואארען: פורפור־קליידער, וואל־צייג און זיידענס, גלאז־ווארג, אלערליי לוקסוס ארטיקלען פון אריענט, בעזונדערס פון פעניציען, לייוועכט, זאלבען, פאפיער און שטריק פון עגיפטען, לאגלען פון קרים, טעפיכען (קאווערען) פון סאמאס, ציפערן און קארינטה, לעדער פון אטטיקא, וואפען, הויז־געשיר, אייזערנע געפעס, לעהמענע כלים, קונסט־ווערק פון מעטאל, מארמאר און לעהם—קורץ, אלץ, פון וואס מען קען נאר דענקען. אויך שקלאפען זיינען פיעל געקויפט און פערקויפט געווארען. דיזע סחורה פלעגט מען מעהרסטענס בריינגען פון פריגיען, טהראציען, פון די סקיטהישע לענדער, פון ארמעניען און מעדיען, און איבערהויפט אויף דער אינזעל דעלאס פלעגען זיי אפט פיעלע טויזענדער אין איין טאג פערקויפט ווערען.

דער האנדעל האט אבער אויך געהאט שלעכטע פאלגען. ער האט געמאכט גרויסע ענדערונגען אין דעם סאציאלען לעבען פון די אטהענער. פון האנדעל זיינען נאר ווייניגע רייך געווארען — נאר די, וואס האבען פערשטאנען די קונסט פון מסחר מיט אלע זיינע קרומע וועגען. די מאסע איז אבער געווארען ארימער. אין דער צייט פון סאלאן'ען זיינען 7 טאלענטען (7,875 דאללאר) געווען א גרויסער קאפיטאל, אבער אין דער צייט פון פעריקלעס'ן האבען זיך געפונען ניט ווייניג בירגער, וועלכע האבען געהאט צו 100 טאלענטען, אויסער וואס פיעלע האבען געהאט מעהר ווי 1,000 שקלאפען, וועלכע האבען געארבייט פיר זיי אין די בערג־ווערק. א געוויסער קאלליאס האט בעצאהלט 50 טאלענטען שטראף, און ווי ער האט זעלבסט ערצעהלט, האט דיזעס איהם ניט שווער געטראפען. אלקיביאדעס האט גע'ירש'עט א פערמעגען פון מעהר אלס 100 טאלענטען. מיר מוזען דערביי נאך א מאל בעמערקען, דאס געלט אין יענע צייטען איז ווערט געווען 8 מאל אזוי פיעל, ווי עס האט דעם ווערט אין היינטיגע צייטען.

די פּאָלגען פון דער קאָנצענטרירונג פון רייכטום אין וועניגע הענט איז געווען די זעלביגע, וועלכע מיר בעמערקען איבעראל אין היינטיגע צייטען. דער רייכער שטעלט אויף גרויסע פאבריקען, אין וועלכע א גרויסע צאָהל שקלאַפען ארבייטען פיר איהם. מיט דיזען אופן איז ער אין שטאנד וואָרע פיעל ביליגער צו פערקויפען און ארויסשטופען פון מארק דעם קליינעם פאב- ריקאנט, וועלכער האָט ניט קיין שקלאַפען, און מוז אליין טאָן. דער פרייער ארבייטער האָט ניט וואָס צו טאָן, און אום איהם צו בעשעפטיגען דארף מען אויפשטעלען גרויסע ניצליכע געביידעס. די רעגעל איז ביי שטאאטסמענער אין אזא פּאָלקס־צושטאנד: „ווען עס בויט זיך געהט אלץ אין אָרדנונג.” אזוי האָט פעריקלעס און מיט איהם די גאנצע רייכע געזעלשאפט זיך גע- מוזט טראַכטען. ער האָט שוין מיט 2,000 יאָהר פאר אונזער צייט פערשטא- נען, דאָס די שטאאטס־געביידעס גיבען ארבייט און מיטלען צום לעבען דעם אָרימען פרייען בירגער, און אין דער זעלבער צייט האלטען זיי אָפּ דעם אונטערגאנג פון דער רעגירונג.

3) די קולטור אין דער צייט פון פעריקלעס׳ן.

אין דעם פאָריגען קאפּיטעל האָבען מיר געשילדערט דעם מאטעריעלען און עקאָנאָמישען צושטאנד פון גריכענלאנד אין דער צייט פון פעריקלעס׳ן, ווייל מיר דענקען, דאָס דיזעס איז געווען דער פונדאמענט פון דער גייסטיגער און קולטורעלער ענטוויקלונג פון יענער צייט. פיעלע היסטאָריקער פער- שטעהען די זאך אנדערס. נאָך זייער מיינונג איז דיזע וואונדער־שענע גריכישע וועלט דער פּראָדוקט פון לויטער ערהאבענע אידעאלען, וועלכע האָבען דא- מאָלס בעגייסטערט גריכענלאנד. אָבער אין אמת׳ן איז עס ניט אזוי. דיזע קולטור האָט זעהר א רעאלען און דערצו זעהר א העסליכען, פוילען גרונד, נעמליך: די ברוטאלע אינסטיטוציאָן פון שקלאַפעריי, וועלכע לאכט אויס אלע אידעאלען. דער גאנצער גלאנץ און די גאנצע הערליכקייט פון דער גריכישער קולטור איז בעשאפען געוואָרען פון שקלאַפען־ארבייט. די פרייע אטהענער האָבען אריינגעכאפּט אין זייערע הענט דעם האנדעל, די פאבריקא- ציאָן און שיפען־פערקעהר, און ווייל זיי זיינען געווען אין דיזער הינזיכט פיעל פעהיגער פון אלע אנדערע גריכישע שטאאטען, דעריבער האָבען זיי אָנגעזא- מעלט גרויסע רייכטימער, פיעל גרעסערע פון אלע איבריגע גריכען, און האָבען דעריבער געהאט די מעגליכקייט צו פערברייטערן קונסט און וויסען- שאפט מעהר פון אלע אנדערע צו יענער צייט.

די אַטהענער צו יענער צייט האָבען אין זיך פעראייניגט אַלע מיטלען, מאַטעריעלע ווי גייסטיגע, צו ענטוויקלען אַן אונגעוועהנליכע קולטור. עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס אין דעם האָבען די ראַסען-אייגענשאַפטען גע-שפּילט אַ גרויסע ראָלע. עס איז אמת, דאָס די אויסערע אומשטענדען האָבען דאָ פיעל געהאָט צו זאָגען, אָבער ווען ניט די ראַסען-אייגענשאַפטען, וואָלטען די אויסערע אומשטענדען ניט געקענט ברייגנען די גריכען צו דער הויכער שטופע פון קולטור, אויף וועלכער זיי זיינען געשטאַנען.

די אויסערע אורזאַכען, וועלכע האָבען געטריבען די גריכען צו ענט-וויקלען אַזאַ ערהאַבענע קולטור, זיינען אָהן צווייפעל געווען די פּערסישע קריגען. די אָנשטרענגונג, וועלכע דיזע קריגען האָבען אַרויסגערופען אין די אַטהענער, האָט אויפגעוועקט אין זיי די פערשלאָפענע פעהיגקייטען און האָט זיי געיאָגט צו גרויסע גייסטיגע אונטערנעהמונגען. דער גייסטיגער טריב, וועלכער איז אויף אַזאַ אַרט אויפגעוועקט געוואָרען, האָט זיי פעהיג געמאַכט צו פּראָדוצירען די גרויסאַרטיגע שעפּונגען פון דער פּעריקלי-שער צייט, וועלכע האָבען ניט קיין גלייכען אין דער וועלט-געשיכטע. פּעריקלעס האָט ניט בעשאַפען דיזע וואונדערבאַרע עפּאָכע, קיין איינצעל-נער מענש איז ניט אין שטאַנד צו זיין דער איינציגער טרעגער און בילדער פון אַ קולטור-עפּאָכע. ער האָט אָבער פיעל געהאָלפען די אַטהענער אויף דיזען וועג צו האַלטען און ווייטער צו פיהרען. ער האָט דיזע ערהאַבענע אויפגאַבע אויסגעצייכענט ערפילט און דאָס אַליין גיט איהם דאָס רעכט צום אייביגען רוהם. עס מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס קיין מענש האָט ניט געהאַט קיין גלענצענדערע גייסטיגע פעהיגקייטען פון איהם.

די נאַטור האָט אַזוי ווי בכיוון צוזאַמענגעפיהרט אין אַטהען אַלע גרעס-טע גייסטער, אַלע האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען דאָ אין דער שטאָדט פון אינ-טעליגענץ, וועלכע איז געוואָרען זייער וואַהרעס פאַטערלאַנד. וואָס פיר אַ גלענצענדע צייט האָט עס געמוזט זיין, ווען די גרעסטע מייסטער פון דער וועלט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין אַטהען מיט פּעריקלעס'ן אין מיטעל-פּונקט, אום צו שאַפען קונסט און וויסענשאַפט אין אַזאַ פולע מאָס, וועלכע די וועלט האָט נאָך ביז יענער צייט ניט געזעהן. פּעריקלעס איז געווען די זון, אַרום וועלכער עס האָבען זיך בעוועגט די גרעסטע און ליכטיגסטע שטערן פון קונסט און וויסענשאַפט. סאָפאָקלעס און עאוריפּידעס, העראָדאָט און טהוקידידעס, מעטאָן און היפּאָקראַטעס, אַריסטאָפאַנעס און פידיאַס, סאָק-ראַטעס און אַנאַקסאַגאָראַס, אַפּאָללאָדאָרוס און צעאוקסיס, פּאָליגנאָטוס און פּאַררהאַזיוס, דיזע אַלע וועלט-בעריהמטע גייסטער האָבען צוזאַמענגעשטעלט

די געזעלשאַפט פון פעריקלעס'ן. עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס אַזעלכע גרויסע וועלט־זשעניען האָבען צוזאַמען בעשאַפען אַזאַ שטאַרקע און מעכטיגע בעוועגונג אין פאָלק פיר קונסט און וויסענשאַפט, מיט אַזעלכע קאָלאָסאַלע רעזולטאַטען.

אין דיזער פּראַכט האָט אַנטייל גענומען ניט נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק, וואָס האָט בעזעסען רייכטום, נאָר דאָס גאַנצע אַטהענישע פאָלק, עס פערשטעהט זיך אויסער די שקלאַפען. יעדער פרייער בירגער איז געווען בע־גייסטערט מיט קונסט־זין און אַן אויסגעצייכענטען געשמאַק, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט ניט אין בלוטיגע שפּילען פון אַמפיטהעאַטער, ווי ביי די פעלקער אין רוים, נאָר אין עדעלע אַרבייטען, וועלכע האָבען ערוועקט די בעוואונדערונג פון אַלע צייטען. די פאָלגענדע קורצע געשיכטע, וועלכע איז פערבליבען פון דער אַלטער צייט, ווייזט צום בעסטען דעם כאַראַקטער פון אַטהענישען פאָלק. איין מאָל האָבען די אַטהענער צוזאַמען מיט דעם גרעס־טען סקולפּטאָר אין דער וועלט, פידיאַס, בעשפּראָכען אין אַ פאָלקס־פערזאַמ־לונג די צייכנונג און דעם שטאָף פיר די אַטהענע־סטאַטוע. דער קינסטלער האָט זי געוואָלט מאַכען פון מאַרמאָר, ווייל דער גלאַנץ פון מאַרמאָר האַלט לענגער אָן, און דערביי האָט ער נאָך צוגעגעבען, דאָס די סטאַטוע וועט אויך ווייניגער קאָסטען. ביי דיזע ווערטער האָט מען איהם געהייסען שווייגען, ער זאָל בעסער דאָס בעסטע גאָלד און העלפאַנד־ביין דערצו געברויכען, ווייל די שפּאָרזאַמקייט איז אַ בעליידיגונג און אַ לעסטערונג פיר די געטער און מען האָט איהם געגעבען אַ סומע פון 40 טאַלענטען.

די אַרכיטעקטור פון די גריכען האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ בעזונ־דערען סטיל און געשמאַק, און זי האָט אויך דערגרייכט די העכסטע שטופע פון קונסט אין דער צייט פון פעריקלעס'ן. איבערהויפּט האָבען זיי אַלע קרעפטען אָנגעווענדט צו פערשענען און פערפאָלקאָמענען די טעמפּלען און אַנדערע שטאַאַטס־געביידעס. די פּריוואַטע וואוינונגען זיינען דאַגעגען גע־ווען זעהר איינפאַך, אפילו דער רייכסטער און פאָרנעהמסטער בירגער האָט פיר זיך זעלבסט געהאַט אַ זעהר מיטעלמעסיגע וואוינונג. אורשפּרינגליך איז דער גריכישער טעמפּעל געווען זעהר איינפאַך. ער האָט געהאַט אַ פיער־עקיגען פונדאַמענט מיט עטליכע טרעפּ צום אריינגאַנג אין טעמפּעל. אויף דיזען פונדאַמענט זיינען געווען אויפגעשטעלט גלאַטע מאַרמאָרנע ווענט פון טעמפּעל, וועלכע זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט זיילען פון אַלע זייטען, אָדער וועניגסטענס פון מזרח־זייט, וועלכע איז אימער געווען די אריינגאַנג־זייט. די זיילען האָבען אויף זיך געטראָגען דעם דאַך פון טעמפּעל, וועל־

כער האָט אין דער מיט געהאַט אַן עפענונג ביין טאָג אַריינצולאָזען ליכט אין טעמפעל.

דאָס טעמפעל־הויז זעלבסט איז געווען איינגעטיילט אין אַ פאָר־האַלע און אַ הויפט־צימער אָדער צעללאַ. דיזע ביידע זיינען געווען פערבונדען דורך אַ גרויסע טהיר. ביי די דאָזיגע טעמפלען, וועלכע האָבען זיך אויסגע־צייכענט מיט זייערע געהיימניסען (סודות) איז הינטער דער צעללאַ געווען נאָך אַ בעזונדער הינטער־צימער.

הגם די בעשריבענע פאָרמע פון טעמפעל־בוי איז געווען אַלגעמיין אין אַלע גריכישע שטאַאַטען, דאָך האָבען זיך אין איינצעלהייטען אונטער־שידען די יאָנישע טעמפלען פון די דאָרישע, ווי עס זיינען געווען פערשיידען די כאַראַקטערען פון דיזע ביידע הויפט־שטאַאַטען פון גריכישען פאָלק.

אַ גאַנץ בעזונדערע פערצירונג פלעגען די גריכישע געביידעס האָבען אין דעם אויבערען טייל, צווישען דעם אויבערסטען טייל פון די זיילען און דעם דאָך. דיזען טייל פלעגען זיי זעהר רייך בעמאָלען אין צוויי קאָלירען, רויט און בלוי; די בעמאָלונג האָט אויך מאַנכמאָל זעהר שענע פיגורען פאָר־געשטעלט. אונזער מאָדערנע קונסט איז רוי און גראָב אין פערגלייך מיט דער קלאַסישער שענקייט פון דער גריכישער. אונז שיינט עס אונמעגליך צו דערגרייכען די זעלבשטענדיגע שאַפונג, וועלכע דער גריכישער גייסט האָט ענטוויקעלט אויף דעם פעלד פון קונסט און וועלכע איז אָנגענומען אַלס פרינציפּ פיר אַלע שפּעטערע צייטען. זאָל דער גריך דאָס האָבען געלערנט פון אַנדערע פריהערדיגע קולטור־פעלקער, ווי אַנדערע ווילען עס בעהויפּטען, אָבער די ערהאַבענהייט, שענקייט, נאַטירליכע איינפאַכקייט, צוזאַמען מיט דער עסטהעטישער ווירקונג, האָט דער גריך זעלבסט בעשאַפען און האָט דער מיט אַ נייעם גייסט פון קונסט אַריינגעגעבען.

וואָס אָנבעטרעפט קולטור האָט די גריכישע קונסט אין צווייטען פערטעל פון 5טען יאָהרהונדערט פ. קר. גענומען אַן אַנדער ווענדונג. די ווערק פון קאַלאַמיס'ן, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זיניגע אויפפאַסונג, און מיראָן, וועלכער האָט זיך אַ גרויסען נאָמען געמאַכט דורך זיין הערקולעס און זיינע זיגער־סטאַטועס, בילדען דעם איבערגאַנג און דעם אָנפאַנג צו אַ גאַנץ בדייט־ענטוויקעלטער קונסט. אָבער פידיאַס האָט זיי אַלעמען איבערטראָ־פען. ער האָט זיין אַרבייט אויסער שענקייט פון פאָרם אויך געגעבען אידעע, וואָס קיין קינסטלער האָט עס נאָך ניט דערגרייכט. זיין גרעסטעס קונסט־ווערק איז דאָס צעאוס־בילד אין טעמפעל פון אָלימפּיאַ. דאָס בילד איז אין גאַנצען געמאַכט געוואָרען פון העלפאַנד־ביין און גאָלד און איז געווען 17 מעטער

הויך. דער אַנבליק פון דיזען ריזיגען מאָנומענט, וועלכער שטעלט פאָר צע-אוס׳ן אין זיין געטליכער אַלמעכטיגקייט, האָט ערפילט דעם צושויער מיט עהרפורכט. די וויכטיגסטע פון פידיאַס׳עס שילער זיינען געוועזען: אַ ל - קאַמענעס, אַגאָראַקריטאָס, און קאַלאַמעס.

אויך אין פּעלאָפּאָננעזוס האָט מען ענטוויקעלט די סקולפּטור. אָבער דאָרט האָט מען ניט געשטרעבט צו מאַכען דאָס בילד עס זאָל זיין טריי צו דער נאַטור. דאָרט האָבען זיי זיך די מיה געגעבען פאָרצושטעלען שענע, יונגע קערפּערס. פון די קינסטלער פון דיזער ריכטונג איז צו דערמאָהנען פּיטאַגאָראַס פון רהעגיום. די גרעסטע בליהונג פון דיזער ריכטונג איז צו בעמערקען אין די ווערק פון פּאָליקלעטאָס פון סיציאָן, זיינע מערקווירדיגסטע בילדער זיינען: די סטאַטוע פון הערא אין טעמפּעל פון ארגאָס, דאָס הער-מעס-בילד אין ליסימאַכיא. איינער פון די בעסטע שילער פון פּאָליקלעטאָס׳ן איז געוועזען נאַוקידאָס פון ארגאָס.

מיר קענען יעצט ניט אורטיילען וועגען דעם ווערט פון גריכישער מאַ-לעריי, ווייל אונז פעהלט יעצט די אָריגינעלע ארבייט זייערע אין דיזער אַפּטיילונג פון קונסט; אָבער פון די קליינע רעסטען, וואָס מיר בעזיצען, קענען מיר זעהן, דאָס אויך אין דיזען צווייג פון קונסט זיינען זיי געוועזען זעהר הויך. עס איז וואָהר, דאָס זיי האָט נאָך געפעהלט די גענויע קענטניס פון פּערספּעקטיווע, אָבער די טיפקייט פון אויסדרוק און די פּראַכט פון פאָרמעס האָבען זיי גוט פערשטאַנען. זיי פלעגען דאַמאָלס מאָלען אויף האָלץ, פּערגאַמענט (פּאַרמעט), לייוועגט. זיי פלעגען זיך בעדינען מיט וואַסער-פאַרבען. שפּעטער בעגעגענט מען ביי זיי אויך ענקאַוסטישע (איינגעברענטע) מאַלעריי, דורך וועלכע זיי האָבען ארויסגעגעבען זעהר שענע דויערהאַפטע בילדער. אין היינטיגער צייט איז די קונסט פון דיזען סאָרט מאַלעריי אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען. מיר האָבען ניט קיין אידעע, ווי דאָס פלעגט גע-מאַכט ווערען.

די ריכטיגע מאַלער-קונסט האָט זיך ביי די גריכען ענטוויקעלט ערסט נאָך די פּערסישע קריגען. דאַמאָלס ערסט האָט די מאַלעריי אָנגעפאַנגען צו שטרעבען נאָך נאַטור-טרייהייט און לעבענס-וואָהרהייט און האָט געהאַט אין דעם אַ גרויסען ערפאָלג. די ערסטע ווירקליך בעדייטענדע געמעלדעס זיינען די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען דורך פּאָליגנאָט פון טהאַסאָס, וועלכען צימאָן האָט ארויסגערופען נאָך אַטהען. ער האָט געמאָלט סצענעס פון דעם פּערסישען און טראָיאַנישען קריג און פון העלדען-זאַגעס. פּאָליגנאָט האָט פיר זיין ארבייט קיין בעלוינונג ניט פערלאַנגט, ער האָט נאָר געוואונ-

שען, דאָס מבינים זאָלען זיין ווערק אָנערקענען אלס וואהרע קונסט. נאָך בעריהמטער זיינען זיינע וואנדער־בילדער, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער לעסכע, א געביידע, וואָס האָט געדינט צום צוועק פון אונטערהאַלטונג אין דעלפי. דיזע בילדער שטעלען פאָר דעם זיג איבער טראָיא און אָדיססע־

פידיאַס.

אוס׳עס בעזוך אין דער אונטער־וועלט. זיינע ווערק צייכנען זיך אויס מיט זייער איינפאַכקייט און אידעען־טיפקייט. צו דיזער עפּאָכע געהערט אויך דער מאַלער־קינסטלער אַפּאָללאָדאָר פון אטהען, וועלכער האָט אריינגעבראַכט אין דער מאַלער־קונסט די ווירקונגען פון ליכט אויף פאַרבען. אין דיזער

היגזיכט איז בעריהמט זיין ווערק, וואָס שטעלט פאָר ווי אַליאַס אילעאוס איז געטראָפען געוואָרען פון בליץ.

אין זייער לעבען זיינען די גריכישע קינסטלער ניט גליקליך געווען. די איינציגע, וואָס האָבען געהאַט גליק, זיינען געווען פּאָליגנאָט און צעאוקסעס. די איבריגע אָבער האָבען מעהרסטענס געליטען אין זייער לעבען. דעם בעריהמ־טען פידיאַס האָט מען בעשולדיגט, דאָס ער האָט גע׳גנב׳עט גאָלד פון דער



פידיאַס׳עס צעאוס.

סטאַטוע אַטהענע. צום גליק איז עס איהם געלונגען צו בעווייזען זיין אונשולד דורך די וואָג, וועלכע האָט געציינט, דאָס דאָרט געפינט זיך ריכטיג אַזוי פיעל גאָלד, ווי פיעל מען האָט איהם געגעבען צו בעפוצען די סטאַטוע. ער האָט זיך אָבער פון אונגליק ניט אַרויסגעדרעהט. ער האָט אויף דיזער בעריהמטער אַר־בייט אַרויפגעשטעלט זיין בילד, און די אַטהענער האָבען עס גערעכענט פיר א

בעליידיגונג פיר די גאָטהייט. מען האָט איהם דערפאַר אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס, וואו ער איז געשטאָרבען.

די פּאָעזיע. אין דער צייט פון פּעריקלעס'ן האָט דאָס ד ר א מ א גע-קריגען זיין העכסטע ענטוויקלונג. דאָס דראַמאַ הייבט זיך אָן אין דער צייט פון די פּערסישע קריגען. עס האָבען זיך ענטוויקעלט די לירישע כאָר-לידער אויף די פעסטען פון דיאָניסאָס'ן, וועלכע זיינען געווען פערבונדען מיט טענץ און מימיק. ביסלאַכוויז איז מען אַריבערגעגאַנגען צו פאָרשטעלען זייער אינהאַלט דורך רעדען און האַנדלונגען. דעם ערסטען שריט דערצו האָט גע-מאַכט איינער ט ה ע ס פ י ס פון איקאַריאַ אין דער צייט פון סאָלאָן. דעריבער ווערט ער אָנערקענט אַלס דער שעפער פון דראַמאַ. אָבער די-זעס איז נאָר געווען דער ערסטער שריט. דער ווירקליכער שעפער פון דראַ-מאַ, דער וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם דיאַלאָג, דעם געשפּרעך צווי-שען די פּערזאָנען אויף דער סצענע, איז געווען אָ ס כ י ל ו ס. דיזער צוזאַ-מען מיט סאָפאָקלעס'ן און עאוריפּידעס'ן געהערען צו די גרעסטע דראַמאַטישע דיכטער פון גריכענלאַנד.

אָסכילוס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 525 פ. קר. פון אַדעליגע על-טערן. אַלס דיכטער האָט ער צוערסט אַרויסגעטרעטען אין יאָהר 500 פ. קר. זיין ערסטער אויפטריט איז געווען מיט אַ סאַטירע-דראַמאַ. ער האָט שפּע-טער אויך געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אין דער טראַגעדיע. זיין ווערק „אָרעסטיע" האָט איהם פיעל עהרע פערשאַפט. אָבער דער איינגערער סאָ-פאָקלעס האָט איהם איבערשטיגען אין דיזער קונסט און ער איז נאָך ביי זיין לעבען פון דער סצענע אַרונטער. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 468 פ. קר. זיינע פּערדינסטען און פאָרשטעלונגען אויף דער סצענע ווילען מיר שפּע-טער בעהאַנדלען, ווען מיר ווילען רעדען וועגען דעם גריכישען טהעאַטער. וואָס אָנבעטרעפט זיינע ווערק, געפינען זיך אין היינטיגער צייט נאָר 7 פון זיי, נעמליך: דער צוגעשמידעטער פּראָמאָטהעאוס, די זיבען געגען טהע-בען, די פּערסיער, די טרילאָגיע*) אָרעסטיע, די כאָעפאָרען און עאומע-נידען; דאָס 7טע דראַמאַ איז די שוץ-בעטענדע. אין אַלע דיזע דראַמאַס איז דער פּלאַן זעהר איינפאַך. די פּערזאָנען שטעלען פאָר ריזען-גרויסע געשטאַל-טען, אָבער אין זייערע האַנדלונגען צייגען זיי ניט עטוואָס בעזונדערעס אין זייער כאַראַקטער.

---

*) אַזוי הייסט אַ דראַמאַטישעס ווערק, וועלכעס בעשטעהט פון דריי בעזונדערע, זעלבשטענדיגע שטיקער.

פיעל אנגענעהמער פון אֶסכילוס'ן איז ס אָ פ אָ ק ל ע ס. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 496 פ. קר. אין דעם בעצירק קאָלאָנאָס אין אַטטיקא. זיין פאָטער סאָפילאָס איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון וואפען. סאָפאָקלעס האָט געקריגען אַ זעהר גוטע ערציהונג. באלד נאָך זיין ערסטען זיג איבער אֶסכילוס'ן איז ער געבליבען דער איינציגער דראַמאַטורג אין אַטהען, ווייל אֶסכילוס האָט באלד אַטטיקאַ פערלאָזען. איבער אַ האלב יאָהרהונדערט איז ער געווען דער איינציגער דראַמאַטיקער אין גריכענלאַנד. ער פלעגט אימער קריגען דעם ערסטען אָדער צווייטען פרייז אויף די אָלימפּישע שפּילען. איינמאָל האָט ער אויסער דעם ערסטען פרייז אויך געקריגען אַ שטעלע אַלס גענעראַל, צו פיהרען די מלחמות מיט סאַמאָס. דאָס איז געווען נעמליך נאָך דעם, ווי מען האָט אויף דער סצענע פאָרגעשטעלט זיין „אַנטיגאָ-נע". וואָס מיט איהם האָט שפּעטער פּאַסירט, ווייסען מיר ניט. ער איז געשטאָרבען אין הויכען אַלטער אין יאָהר 405 פ. קר. פון פרייד איבער אַ זיג, וואָס ער האָט געהאַט ביי די מוזישע שפּילען אין אָלימפּיאַ.



סאָפאָקלעס.

פון די 130 דראַמאַס, וואָס סאָפאָקלעס האָט פער-פאַסט, זיינען נאָר זיבען אי-בערגעבליבען, נעמליך: אַנטיגאָנע, עלעקטראַ, אָדיפּוס, טיראַננוס, אָדי-פּוס אויף קאָלאָנוס, איאַקס, פילאָקטעטעס און די טראַכינערינען. זיינע דיכ-טונגען זיינען דורכגעוועהט מיט שענקייט, האַרמאָניע און צאַרטע גע-פיהלען פון עדעלע כאַראַקטערען. די ענערגישע דורכפיהרונג פון דעם פּלאַן

דורך געשטאַלטען, וואָס זיינען געפאָרמט נאָך מענשליכע פּראָפּאָרציאָנען, צו־זאַמען מיט דער אַנגענעהמער שפּראַך צייגען אַ זשעניאַלען גייסט. ער שטעהט זעהר פיעל העכער פון אַסכילוס'ן. ער האָט ניט געזוכט פאָרצושטעלען אין זיינע דראַמאַס גרויסע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, ווי אַסכילוס, נאָר ער האָט געזוכט פאָרצושטעלען ריכטיג, נאַטור־געמעס, דאָס איינפאַך מענשליכע. ער האָט געבראַכט די דראַמאַטישע קונסט צו אַן אידעאַלער שענקייט. דערצו האָ־בען איהם פיעל געהאָלפען זיין עדלעס געזיכט, זיין שענע געשטאַלט, זיין גוטע ערציהונג און הויכע בילדונג. ניט מיט שרעקליכע בילדער האָט ער געזוכט אויפצורייסען די נשמות און הערצער פון דעם אַטהענישען פּובליקום, נאָר דורך מילדע, פריינדליכע געשטאַלטען, דורך זיטליכע, ריין מענשליכע גרויסקייט האָט ער געזוכט דעם מענשען'ס האַרץ צו בעריהרען.

עאוריפּידעס האָט אויך געשטאַמט פון אַ פיינער פאַמיליע. ער האָט אָנגעשריבען 17 טראַגעדיעס. די בעסטע פון זיי זיינען: מעדעאַ, איפיגעניאַ אויף אולים און איפיגעניאַ אויף טאַורים. אין די יונגע יאָהרען האָט ער זיך אָפּגעגעבען צום שטודיום פון פילאָזאָפיע. זיינע לעהרער אין די־זער וויסענשאַפט זיינען געווען די גרעסטע פילאָזאָפען פון יענער צייט, ווי אַנאַקסאַגאָראַס, פּראָדיקאָס, סאָקראַטעס. אַלס ער איז אַלט געווען 26 יאָהר, האָט ער ערהאַלטען צום ערסטען מאָל דעם פּרייז פיר אַ טראַגעדיע, שפּעטער האָט ער נאָך פיער מאָל ערהאַלטען דעם ערסטען פּרייז. ער האָט ליב געהאַט צו לעבען אָפּגעזונדערט פון מענשען, איינזאַם, און דעריבער זיינען זיינע מאַנירען מיט מענשען געווען אונערטרעגליך. אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער פערלאָזען אַטהען, איז אַוועק נאָך מאַגנעזיאַ אין טהעס־סאַליען, וואו ער איז פון דעם שטאַאַט אויפגענומען געוואָרען זעהר גאַסט־פריינדליך. פון דאָרט איז ער אַוועק נאָך פּעללאַ אויף די איינלאַדונג פון דעם מאַצעדאָנישען קעניג. דאָ איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 407 פ. קר. וועגען דער אורזאַך פון זיין טויט זיינען די בעריכטען פערשיידען. נאָך איי־ניגע האָבען איהם הינט צוריסען, נאָך אַנדערע איז ער ערמאָרדעט געוואָרען פון פיינד. די אַטהענער האָבען געבעטען, מען זאָל זיי אַרויסגעבען זיינע ביינער, אָבער מען האָט זייער ביטע ניט ערפילט.

אין דראַמאַ און טראַגעדיע שטעהט עאוריפּידעס ווייט אונטער סאָ־פאָקלעס'ן. ער האָט אין זיינע טראַגעדיעס ניט געקענט דורכפיהרען די ריכטיגע מענשליכע כאַראַקטערען. ער האָט געמוזט נוצען אַריינמישען די געטער אין די מענשליכע האַנדלונגען, און דיזעס האָט פיעל פערדאָרבען די גאַנצע פאָרשטעלונג. די שענע שפּראַך זיינע, דער גלאַטער סטיל האָבען פיעל

געהאָלפען, דאָס זיינע ווערק זאָלען דאָך האָבען אַן ערפאָלג אין זיין צייט.

די קאָמעדיע האָט זיך ענטוויקעלט ביי די דאָריער איבערהויפט אין מעגאַרא. מאַזאָן און סוזאַריאָן פון מעגאַרים האָבען זי נאָך אַטטיקאַ געבראַכט. אין אַטהען האָט זי דערגרייכט די שטופע פון קונסט ערסט נאָך דעם, ווי די טראַגעדיע האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט. לויט דער מיינונג פון אַריסטאָטעלעס'ן איז דער שעפער פון דער טראַגעדיע געוועזן קראַטעס (460 פ. קר.). ער האָט דער ערסטער איינגעפיהרט דעם דיאַלאָג (געשפּרעך) אויף דער ביהנע און האָט געוואוסט דעם שטאָף קינסטלעריש צו בעארביי-טען. אַריסטאָפאַנעס האָט די קאָמעדיע ענטוויקעלט צו אַ סאַטיריש-פּאָליטישער פאָרשטעלונג. אין דער צייט פון 426 ביז 388 פ. קר. האָט ער 11 שטיקער פערפאַסט און אויף דער ביהנע פאָרגעשטעלט. ער איז געוועזן דער בעליבטעסטער לוסטשפּיל-דיכ-טער, וועלכער האָט מייסטעריש גע-קריטיקירט דאָס שטאַאַטס-לעבען און פאָלקס-לעבען אין אַטהען. פּאַטריאָ-טיש און מיט ליבע פיר גערעכטיגקייט און וואהרהייט שמייסט ער און פער-שפּאָטעט די פערדאָרבענהייט און די פעהלער, פון דעם שטאַאַטס-לעבען פון יענער צייט. די פּערזאָנען, וועלכע ער פערשפּאָטעט אין זיינע קאָמעדיעס, זיינען געוועזן פאָרגעשטעלט אַזוי עכט, דאָס יעדערער האָט באַלד דערקענט, ווער זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט.

עאוריפידעס.

ער האָט פיעלעס אַרויסגעטריבען פון פּראַקטישען לעבען דורך זיין לעכערליך-מאַכען די זאַכען, וואָס ער האָט געפונען פיר נאַריש. אַזוי האָט ער אין דער קאָמעדיע „די פרעש" (זשאַבעס) אויסגעלאַכט די מאָדע-דיכטונג, אין דער קאָ-מעדיע די „וואָלקען" — די נייע פּאָליטישע שטרעבונגען; אין די „ריטער" האָט ער געשטעלט צום שאַנד-קלאָץ די רעדעל-פיהרער פון זיין צייט און ער

האָט אַליין געשפּילט די ראָלע אין דיזער פּיעסע מיט אַ געפאַרבטען געזיכט, ווייל קיין מאַסקע־מאַכער האָט ניט געוואָלט מאַכען אַ מאַסקע צו דער ראָלע, אוים מורא פאַר דעם דעמאַגאָג קלעאָן. דער צוועק פון אַלע זיינע קאָמעדיעם איז ניט געווען בלויז צו מאַכען פרעהליך, נאָר אַרויסצושטעלען די שמוציגע זייט פון פערשיידענע כלל־טהוער, צו בעסערן די זיטען פון זיינע מיט־בירגער, אויסראָטען דאָס שלעכטעס פון סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען פון פאָלק. אַריסטאָפאַנעס'עס ווערק צייכנען זיך אוים אויך מיט זייער ריין אַטטישער שפּראַך, וועלכע איז זעהר ערהאַבען אין לירישער פּאָעזיע. פיר אונז האָבען אַריסטאָפאַנעס'עס ווערק אַ גרויסע בעדייטונג אַלס איינע פון די וויכטיגסטע קוועלען צו שעפּען קענטניס איבער דעם עפענטליכען לעבען פון די גריכען אין יענער צייט, זייערע זיטען און דעם כאַראַקטער פון דער גריכישער הויפּשטאָדט.

אין דער צייט פון פּעריקלעס'ן האָבען צוויי סאָרטען פּאָעזיע דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע פון פאָלקאָמענהייט. די עפּיק (העלדען־דיכטונג), אין וועלכער האָמער האָט פערנומען דעם ערסטען אָרט, און די ליריק, וועלכע דריקט אוים די שטימונג פון דעם דיכטער און ווירקט אויף די גע־מיטער פון אַנדערע דורך ערהאַבענע שפּראַך איבער ליבע, פריינדשאַפט, וויין, קריג א. אַז. וו. פריהער פון אַלעמען האָבען זיך די יאָניער בעשעפטיגט מיט ליריק, און איבערהויפּט מיט עלעגיעס (טרויער־לידער). אין דיזע עלעגיעס האָבען זיי בעדויערט דעם קריג, די וואָפען, די פערגענגליכקייט פון דער יוגענד און פריהלינג. אַנדערע האָבען מיט ביטערען שפּאָט געשילדערט די שוואַכקייטען און נאַרישקייטען פון די מענשען פון זייער צייט. נאָך אַנדערע האָבען די לירישע פּאָעזיע פערבונדען מיט מוזיק און טאַנץ. מען אונטערשיידט די ליריק פון די אָאָליער, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט דער בעגלייטונג אויף דער לירע און דער פלויט, פון דער ליריק פון די דאָריער, וועלכע האָבען פעראייניגט זייערע לידער מיט כאָר־געזאַנג און מיט טאַנץ. אָבער דער גרעסטער ליריקער אין יענער צייט, וועלכער האָט אַלעמען איבערשטיגען, איז געווען פּינדאַר.

פּינדאַר איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 522 פ. קר. פון אַ רייכער פאַמיליע, בעקאַנט אַלס די פאַמיליע פון די אָגידען. מיר ווייסען זעהר ווייניג וועגען זיין לעבען. אויף די איינלאַדונג פון היעראָס'ן איז ער אַוועק נאָך סיציליען און האָט דאָרט פערבראַכט אייניגע יאָהר. ער האָט קיין אַנטייל ניט גענומען אין די פּערסישע קריגען. מען האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט אַ געלט־שטראָף פיר אייניגע פרייע ווערטער, וועלכע ער האָט זיך

ערלויבט צו זאָגען וועגען אַטהען'ס אויפפיהרונג אין דער צייט פון דער שלאַכט ביי פּלאַטאַאַ. שפּעטער האָט ער דאָס שטראָף־געלט צוריק בעקומען און דערצו האָט ער נאָך אויך געקריגען אַ גאַסט־פריינדליכע איינלאַדונג נאָך אַטהען. ער איז געשטאָרבען אין 442 פ. קר. אין אַרגאָס. אַלכסנדר דער גרוי־סער (אַלכסנדר מוקדון) האָט גע־עהרט זיין אָנדענקען דערמיט, וואָס ער האָט זעלבסט בעשיצט דאָס הויז פון דעם פּאָעט אין טהעבען, ווען די מאַצעדאָניער האָבען צושטערט דיזע שטאָדט. פינדאַר'ס דיכטונגען זיינען מעהרסטענס געוועזען בעשטעלטע, און מען האָט איהם גוטעס געלט פיר זיי בעצאָהלט. זיי זיינען מעהרסטענס געוועזען הימנעס, עלעגיעס, איבערהויפּט אָבער האָבען איהם פיעל עהרע פער־שאַפט זיינע עפּיניקעס אָדער זיג־לידער, וואו ער לויבט די העלדען, פון וועלכע עס קומען אַרויס די אָלימפּישע זיגער.


טהעאַטער פון אַטהען

דאָס טהעאַטער, איין אָרט אין גריכענלאַנד האָט אין זיך פעראייניגט אַרכיטעקטור, סקולפּטור און די עדעלסטע פּאָעזיע אום דאָס פאָלק אויפצוהיי־בען פון זיין אַלטעגליכען לעבען, צו רייניגען עס פון פעהלערן דורך שפּאָט און ערנסט און צו ערוועקען אין איהם פרומע גע־פיהלען. דאָס איז געוועזען דאָס טהעאַטער, וועלכעס איז אָנפאַנגס געוועזען אַ גראַדעס פעלד מיט אַ קליי־נעם בערגעל דערביי. אויף דעם בערגעל זיינען געשטאַנען צושויער און גע־קוקט אויף דאָס פעלד, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ כאָר און האָט

מיט פערשיידענע בעוועגונגען געזונגען לידער צו עהרע פון דעם גאָט דיאָני־סאָס. שפּעטער האָט זיך דאָס טהעאטער מעהר ענטוויקעלט, אָבער אויך אין זיין העכסטער ענטוויקלונג איז עס דאָרט קיין מאָל ניט געווען א פער־שלאָסענעס הויז, נאָר א פרייער, ניט קיין גדעקטער רוים, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט א האַלבען צירקעל אָרום דעם בערגעל, מיט טרעפּ אין האַלבע קרייזען, אויף וועלכע עס זיינען געווען ערטער צו זיצען פיר דאָס פּובּליקום. די זיץ־פּלעצער זיינען געווען נומערירט, אָדער בעצייכענט מיט די נעמען פון די אייגענטימער. דאָס איז געווען דער ערסטער טייל פון טהעאטער.

דער צווייטער טייל איז געווען די אָרקעסטרא, אויך א האַלב־קרייז; אין מיטען פון דיזען האַלב־קרייז איז געשטאַנען איין אַלטאַר געהייליגט צום גאָט דיאָניסאָס. דיזער אָרט איז געווען בעשטימט פיר דעם כאָר. דער דריטער טייל פון טהעאטער איז געווען די ביהנע, פערפּוצט מיט סטאַטועס, וועלכע האָט געוועהנליך פאָרגעשטעלט א פּאַלאַץ. די הינטער־וואַנט פון דער ביהנע איז געווען פערצירט מיט זיילען און האָט געהאַט דריי אַריינגענג, איינעם א הויפּ־אַריינגאַנג און צוויי נעבען־אַריינגענג, דורך וועלכע די פאָר־שטעלער זיינען אַריין און אַרויסגעגאַנגען. ווייל דאָס טהעאטער האָט קיין וואַנט און קיין דאַך ניט געהאַט, האָט מען עס געקענט פערגרעסערן און פער־מעהרען די צאָהל פון די זיץ־פּלעצער, ווי עס האָט געפּאָדערט. דאָס טהע־אַטער פון דיאָניסאָס אין אַטהען האָט געהאַט 30,000 זיץ־פּלעצער.

אין די ערסטע צייטען, פלעגט אויף די ביהנע אַרויפקומען נאָר איין איינ־ציגער שוישפּיעלער. דאָס איז געווען דער כאָר־פיהרער. נאָך דעם, ווי אַס־כילוס האָט איינגעפיהרט דעם דיאַלאָג (צוויי־געשפּרעך) איז צוגעקומען אויף דער ביהנע נאָך איין שוישפּילער, און דאַן איז דער כאָר אַוועק אין הינטער־גרונד. די לייטונג פון דעם טהעאַטער איז געווען אין די הענט פון די אַר־כאָנטען, וועלכע האָבען געהאַט די גאַנצע דעה צו זאָגען, וועלכע פּיעסע מען זאָל פאָרשטעלען און ווי פיעל געלט מען זאָל אויסגעבען אויף איינצושטודי־רען דעם כאָר. די כאָריסטען האָבען געהערט צו די בעסטע פאַמיליעס, און האָבען געמוזט זיין מוזיקאַליש געבילדעט. די מיטווירקונג אין כאָר האָט זיך גערעכענט פיר אַן עהרע.

ווייל דאָס טהעאַטער האָט מיט דער צייט זיך פיעל פערגרעסערט אין רוים איז די געוועהנליכע מענשליכע פיגור אויסגעקומען צו קליין אין די פאָרשטעלונגען אויף דער ביהנע. דעריבער האָט מען אויסגעפונען מיטלען, ווי צו מאַכען די פיגורען פון די שוישפּילער גרעסער ווי געוועהנליך. מאַנכמאָל האָט די פאָרשטעלונג פון א מיסטישער פּיעסע אָדער הערויען־פּיעסע גע־

פאָדערט, דאָס די פיגור זאָל ערשיינען גרעסער ווי געוועהנליך. צו דיזען צוועק האָט מען אָפטער געברויכט אַ פוס־בעקליידונג מיט זעהר הויכע זאָהלען און אָפּסאַצען, פּאַרוקען, שלעפּע־קליידער און איבערהויפּט מאַסקעס. אָהן אַ



טראַגישע מאַסקעס.

מאַסקע אויף'ן פּנים איז קיין שוישפּילער אין יענע אַלטע צייטען ניט ארויף אויף די ביהנע. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזעס האָט זעהר פיעל געשאַדט

באַקכוס־מאַסקע.

קאָמישע מאַסקע.

צו דער מימיק, וואָס איז אַזוי וויכטיג אין טהעאַטער־קונסט. אָבער דאַמאַלס האָט מען דיזען חסרון אַזוי פיעל ניט געפיהלט, ווי מיר וואָלטען איהם היינט

טהעאַטער־דיכטער אָדער שוישפּילער.

פיהלען. די מאַסקעס, וועלכע זיינען אייגענטליך אַ גריכישע ערפינדונג, פלעגען זיי מאַכען פון די קאָרע פון בוימער, פון לעדער אָדער פון האָלץ.

זיי האָבען געהאַט גרויסע אָפענע מיילער, אינווענינ האָבען זיי געהאַט אַ מע-טאַלענע טרובקע אום די שטימע צו פערשטאַרקען. די ווייבליכע מאַסקעס האָבען געהאַט אַ קלענערען מויל. עס זיינען ביי זיי געווען דריי סאָרטען מאַס-



אויפפיהרונג פון אַ גריכישער קאָמעדיע.

קעס: טראַגישע, קאָמישע און אָרקעסטרישע. דיזע לעצטע זיינען געווען בע-שטימט פיר טענצער און האָבען געהאַט שענע, רעגעלמעסיגע צוגען. די טראַ-

סצענע פון אַ טראַגעדיע.

גישע מאַסקעס האָבען געהאַט אַן ערנסטעס, טרויעריגעס אויסזעהן און די קאָמישע האָבען געהאַט אַ פערקרימטען און שפּאַסיגען אויסדרוק.

די נעבען־שטעהענדע בילדער צייגען ווי די אַלטע האָבען געוואוסט דורך

די מאַסקע צו געבען איינער און דער זעלבער פּערזאָן איין מאָל אַ קאָמישען אויסדרוק און דעם אַנדערן מאָל אַ טראַגישען. דאָס שטעהענדע בילד מיט דער אונטערשריפט: „סצענע פון אַ גריכישער קאָמעדיע" שטעלט פאָר, ווי



סצענע פון אַ גריכישער קאָמעדיע.

הערקולעס גרייפט אָן די אַמהענישע פּריסטערין אוגע. די ביידע פּערזאָנען רעכטס און לינקס שפּילען אַלס אונשולדיגע אין דיזער געשיכטע. די פּריסטערין אוגע האָט אין טעמפּעל געבאָרען אַ זוהן, טעלעפאָס. עס איז



דיאָניסאָס פאַר דעם פענסטער פון אַלטהאַאַ.

געוואָרען אַ פראַגע, וואָס זאָל מען טאָן מיט'ן קינד? די פּריסטערין האַלט עס אין איהרע הענט און אין גרויסער אויפרעגונג פרעגט זי אָן עצה ביי דער אַם, וואָס צו טאָן. די אַם שטעהט מיט אַ וואַש־כלי גרייט צו באָדען עם. עס איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען דאָס קינד אין טעמפּעל צו פער־

באַרגען. שפּעטער האָט די מוטער געוואָלט הייראַטען איהר אייגען קינד, נאָר מען האָט עס ניט דערלאָזען.

דאָס בילד מיט דער אונטערשריפט „סצענע פון אַ קאָמעדיע" איז צווייפעלהאַפט. מען ווייס נאָר, אַז דאָס בילד שטעלט פאָר אַ ליידענדען מענשען מיט׳ן נאָמען כיראָן, וועלכער האָט נעטיג געמוזט האָבען אַ שטעקען, און אַ הייל־קינסטלער (אַ דאָקטאָר) שלעפּט איהם פאַר׳ן קאָפּ אויף די ביהנע און אַן אַנדערער שטופּט איהם אונטער. דער ריכטיגער זין פון דיזער סצענע איז ניט בעקאַנט. אייניגע ערקלערען, דאָס דער הייל־קינסטלער, וועלכער טראָגט די אויבערשריפט אין גריכישע בוכשטאַבען ט ה י א ס, שטעלט פאָר אַ קאָמישען אַפּאָללאָ; אַנדערע מיינען, דאָס דיזער שטעלט פאָר אַ שקלאַף, וועלכער בעזאָרגט כיראָן׳ס געפּעק. דאָס בילד מיט דער אונטערשריפט „דיאָניסאָס פאַר דעם פענסטער פון אַלטהאַאַ" שטעלט פאָר, ווי דער גאָט דיאָניסאָס מיט זיין דינער, אָנגעטאָן אין קראַנצען אויף די קעפּ, שטעהען פאַר דעם הויז פון זיין געליבטער אַלטהאַאַ, די פרוי פון דעם בעגליקטען פון ווייןן אָנעאוס, און ווי דער ליידענשאַפטליכער גאָט געהט דורך דאָס פענסטער צו זיין געליבטער. אין דער לינקער האַנט האַלט ער ליעבעס־באַנדען און די רעכטע האַנט שטרעקט ער אויס צו איהר און ליבע.

מיר האָבען נאָך אייניגע ווערטער צו זאָגען איבער דעם גריכישען כאָר. פריהער פון אַלץ מוזען מיר בעמערקען, דאָס דער כאָר האָט ניט געהערט צו די שוישפּילער, ער האָט אַזוי ווי בעגלייט די האַנדלונגען אויף דער ביהנע, און האָט קיין אַנטייל אין דער פאָרשטעלונג ניט גענומען. אין דער צייט פון די פּאַוזעס אין די האַנדלונגען אָדער אין די צווישען־אַקטען האָט דער כאָר געזונגען לירישע לידער, וועלכע האָבען אויסגעדריקט בעטראַכטונגען וועגען די פּערזאָנען פון דער דראַמאַ. מען האָט פיעל געפאָדערט פון דיזען כאָר און מען האָט גרויס געוויכט געלעגט אויף די גוטע אויספיהרונג פון זיינע לירישע געזענג. די צאָהל פון כאָריסטען איז געווען געוועהנליך 12 און זייער ערשיינען אין טהעאַטער איז צוגעגאַנגען מיט גרויס צערעמאָניע, אונטער דער מוזיק פון אַ פלויט. זיי האָבען גלייך פערנומען אַן אָרט אין אָרקעסטראַ. אין טהעאַטער פלעגען זיי אַריינקומען ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. אין אָרקעסטראַ האָבען זיי זיך צוזאַמענגעשטעלט אין דריי רייהעס איינע נעבען דער אַנדערער, אין יעדער רייהע צו 5 כאָריסטען איינער הינטער דעם אַנדערען. אין דער צייט פון אַ דיאַלאָג האָט דער כאָר געזונגען, און ווען ער האָט געמוזט אַ מאָל אַנטייל נעהמען אין אַ דיאַלאָג, האָט דער כאָר־פיהרער גערעדט אין דעם כאָר׳ס נאָמען.

די כאָר־געזענג, וועלכע ווערען גערעכענט צוזאַמען מיט פינדאַר'ס הימנעס פיר די בעסטע פּראָדוקטען פון דער גריכישער ליריק, זיינען פאַר־געטראָגען געוואָרען פון גאַנצען כאָר, אָדער זיינען געוועזען איינגעטיילט אין 2 האַלב־כאָרען, אַזוי דאָס איין האַלבער כאָר האָט געזונגען איין סטראָפע און דער אַנדערער האַלבער כאָר האָט געזונגען די אַנדערע סטראָפע.

די פּראָזאַאישע ליטעראַטור. די פּראָזאַ האָט זיך אויסגעבילדעט און ענטוויקעלט ביי די גריכען, ווי ביי אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער, פון דער פּאָעזיע, וואָרום די זעעלישע געפיהלען זיינען פריהער דאָ אין מענשען און ער בעזיצט פריהער די פעהיגקייט זיי אויסצודריקען איידער די איבערלעגונג פון פערשטאַנד, וועלכע איז נעגרינדעט אויף געפאָרשטע וואהרהייטען און אָפּטמאָל אויף טיפען נאָכדענקען. דער גרינדער פון געשיכטליכער פּראָזאַ ביי די גריכען איז געוועזען הערראָדאָט פון האַליקאַרנאַססוס. נאָך דעם, ווי זיין פאָטער־שטאָדט האָט פערלאָרען איהר פרייהייט, האָט ער אונטערגענו־מען צו מאַכען גרויסע רייזעס און האָט איבעראַל געזאַמעלט שטאָף פיר זיין געשיכטע. ער איז געגאַנגען נאָך קירענע, בערייזט קליין־אַזיען, עגיפּטען, פּערסיען, גריכענלאַנד און די פּאָנטישע לענדער אויף דעם דונאַי. זיין ליב־סטער אָרט איז געוועזען אַטהען. דער שטאָף, וואָס ער האָט געזאַמעלט אויף זיי־נע רייזעס, איז געוועזען געגרינדעט איבערהויפּט אויף מונדליכע ערצעהלונגען, און פון דעם האָט ער צוזאַמענגעשטעלט זיין בעריהמטעס היסטאָרישעס ווערק. זיין אַרבייט איז געוועזען אויף אַ קורצע צייט אונטערבראָכען, ווייל ער האָט אַנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן פון זיין פאָטער־שטאָדט געגען דער הערשענדער טיראַניי. אָבער ער איז באַלד ווידער אַוועק נאָך גריכענלאַנד. דאָרט האָט ער ביי די אָלימפּישע פעסטען פאָרגעלעזען ברוכשטיקער פון זיין ווערק, און ער האָט ערהאַלטען דעם גלענצענדסטען בייפאַל; דאָס האָט איהם ערמונטערט צו אַרבייטען מיט גרוים חשק אום צו ענדיגען זיין געשיכ־טע. צו דיזען צוועק האָט ער 12 יאָהר פערבראַכט אין די גריכישע שטאָ־טען. נאָך דעם, ווי אַטהען האָט איהם געשענקט 10 טאַלענטען און דערצו נאָך גרויסע עהרע, האָט ער זיך בעזעצט אין טהוריאי, אין אונטער־איטאַליען, וואו ער האָט אין טיפען אַלטער געענדיגט זיין ווערק.

זיין ווערק בעהאַנדעלט הויפּטזעכליך די מלחמות צווישען די פּער־סיער און די גריכען. וואָס ער האָט אַליין געזעהן איז ביי איהם מעהרסטענס ריכטיג געשילדערט. פיעלע פון זיינע נאָכריכטען איבער פרעמדע לענדער, אין וועלכע מען האָט אַ לאַנגע צייט געצווייפעלט, זיינען די לעצטע צייטען בעשטעטיגט געוואָרען פון רייזענדע, וואָס האָבען אויסגעפונען איבערראַ־

שענדע בעווייזען פיר זיינע ערצעהלונגען. אויך דאָס, וואָס ער האָט נאָר געהערט פון אַנדערע, איז בעשטעטיגט געוואָרען. עס געפינען זיך אויך אין זיין ווערק אונגלויבליכע זאכען, וואונדער־מעשיות, אָבער זיי זיינען זעהר וועניג אין פערגלייך מיט די ריכטיגע געשיכטליכע פאַקטען. און דיזע וועניגע פעהלערן קומען פון זיין אמונה אין וואונדער. הערָאדאָט האָט געגלויבט, דאָס די געטער, פון קנאה, שטערען יעדען בעגאַבטען מענשען דורכצופיהרען עטוואָס גרויסאַרטיגעס. דיזע רעליגיעזע אידעען האָבען געהאַט אַן איינפלוס אויף זיין געשיכטליכע אויפפאַסונג פון די פאַקטען. דאָך האָט זיין ווערק אַ גרויסען ווערט און עס ערוועקט אין דעם לעזער אַן אונגעוועהנליכען רייץ דורך זיין קלאָרע שילדערונג, זיין אַנגענעהמע שפּראַך און די וויכקייט פון דעם יאָנישען דיאַלעקט.

הערָאדאָט.

הערָאדאָט׳ס געשיכטליכע פאָרלעזונגען אין די אָלימפּישע פעסטען און דער כבוד, וואָס מען האָט איהם בעוויזען דאָרט, האָבען בעגייסטערט אַן עדעלען אַטהענער טהוקידידעס, וועלכער האָט זיך מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צום געגענשטאַנד פון געשיכטע, און איז גיך אַנערקענט געוואָרען אַלס גרעסטער גריכישער היסטאָריקער. טהוקידידעס איז געבאָרען געוואָרען אין דעם אַטטישען בעצירק האַלימוס אין יאָהר 471 פ. קר. פון אַ רייכער פירסטליכער פאַמיליע. זיין ערציהער איז געווען דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף אַנאַקסאַגאָראַס. אין יאָהר 424 איז ער געוואָרען אויבער־קאָמאַנדיר איבער אַן אָפּטיילונג פון דער פלאָטע אין די טהראַציישע וואַסערן. ער איז אָבער באַלד פון לאַנד אַרויסגעטריבען געוואָרען, ווייל מען האָט איהם בעשולדיגט, דאָס ער איז צו שפּעט געקומען צום שלאַכט־אָרט און דעריבער האָבען די ספּאַרטאַנער די שטאָדט איינגענומען. 21 יאָהר איז ער געווען אין פערבאַנונג, און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין אַטהען ערסט אין יאָהר 403 (פ. קר.), ווייל דאַמאָלס איז געוואָרען אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק דאָרט. די לאַנגע צייט פון זיין פערבאַנונג האָט ער בענוצט אויף צוזאַמענצושטעלען זיין געשיכטע פון דעם פּעלאָפּאָננעזישען קריג, וועלכע ער האָט אַרונטערגעבראַכט נאָר ביז דעם יאָהר 411 פ. קר., ווייל ער איז געשטאָרבען איידער ער האָט זיין

ווערק געענדיגט. מיר ווייסען ניט גענוי ווען ער איז געשטאָרבען, אויך ניט וואו און ווי.

טהוקידידעס איז דער ערסטער, וואָס האָט בעאַרבייט זיין שטאָף מיט דער שטרענגקייט פון היסטאָרישער קריטיק. זיין ליבע צו וואהרהייט, זיין געזונטער פערשטאַנד אין פּאָליטיק, זיין קרעפטיגע און אינהאַלטסרייכע שפּראַך — דאָס מאַכט איהם פיר דעם ערסטען, גרעסטען היסטאָריקער אין זיין צייט. זיין היסטאָריע לעזט זיך ווי דאָס בעסטע דראַמאַ, מען זעהט, ווי די פּערזאָנען, פון וועלכע ער רעדט, האַנדלען ווי לעבעדיגע פאַר אונזערע אויגען. הגם אין זיינע שילדערונגען פון פּערזאָנען, פּאַרטייען און שטאַאַטען האָט ער ניט פערגעסען אַרויסצוצייגען זיין אַריסטאָקראַטישע נייגונג, דאָך זיינען זיינע בילדער שטרענג טריי צו דער וואהרהייט און ווירקליכקייט, און צייגט אין זיינע קינסטלערישע שילדערונגען אַ טיפע מענשען־קענטניס. און דעריבער האָט זיין היסטאָרישעס ווערק אימער געדינט אַלס מוסטער פיר די גרעסטע היסטאָריקער.



טהוקידידעס.

טהוקידידעס האָט דערלאַנגט דעם העכסטען פּונקט פון געשיכטע־שרייבונג. זיין נאָכפאָלגער ק ס ע נ אָ פ אָ ן, וועלכער געהערט שוין צו דער נאָך־פּעריקלישער צייט, שטעהט פיעל אונטער איהם אין דיזען געגענשטאַנד. קסענאָפאָן איז געבאָרען געוואָרען 450 פ. קר. אין אַטהען. נאָך דעם פּעלאָפּאָננעזישען קריג איז ער אוועק נאָך קליין־אַזיען. דאָרט האָט ער גענומען אַנטייל אין דעם צוג פון כורש'ן געגען אַרטאַקסערקסעס'ן און נאָך דער שלאַכט ביי קענאַקסאַ איז ער געוועזען מיט די 10,000 גריכען, וואָס האָבען צוריק געמאַרשירט, ווי מיר וועלען באַלד אויספיהרליכער בעשרייבען. איינינע יאָהר שפּעטער האָט ער זיך בעטייליגט אין דעם צוג פון אַגעזילאַוס'ן און האָט זיך געשלאָגען ביי קאָראָנעאַ אויף דער זייט פון די לאַצעדאֶמאָניער. צוליב דיזער ליבע צו ספּאַרטאַ האָט איהם אַטהען אַרויסגעטריבען אין יאָהר 399 פ. קר. דערפאַר האָבען די לאַצעדאֶמאָניער איהם בעשענקט מיט אַ לאַנד־גוט ביי סקיללוס אין עליס. דאָ און שפּעטער אין קאָרינטה האָט ער זיך איבערגעגעבען צום שטודיום פון וויסענשאַפטען. אין יאָהר 355 פ. קר. איז ער געשטאָרבען.

קסענאָפאָן איז געווען פיעל-זייטיג אַלס שריפטשטעלער. ער איז גע-
ווען געשיקט אויף דעם געביט פון היסטאָריע, ביאָגראַפיע און פילאָזאָפיע.
אָבער ער האָט ניט בעזעסען קיין שעפערישע קראַפט. זיין ווערק איבער
סאָקראַטעס'ן איז די וויכטיגסטע קוועלע פיר די ביאָגראַפיע און די לעהרע
פון דיזען אונשטערבליכען פילאָזאָף. א גרויסע וויכטיגקייט אַלס געשיכט-
ליכע קוועלע האָט זיין ווערק „אַ נ אַ ב אַ ס י ס", וועלכעס בעשרייבט דעם
אויבען-דערמאָהנטען צוריק-צוג פון די 10,000 גריכען.

ג ע אָ ג ר אַ פ י ע בײ די גריכען פון יענער צייט איז געשטאַנען אויף
א זעהר נידריגער שטופע. העראָדאָט האָט מיט זיינע רייזעס פיעל פער-
ברייטערט דיזע וויסענשאַפט, אָבער אויך ער האָט געהאַט א פאַלשען בע-
גריף פון דער וואַהרער פאָרמע פון דער ערד. די ערד נאָך העראָדאָט'ן איז
א פלאַכעס שטיק, וואָס שווימט אויף'ן וואַסער.

די גריכישע פילאָזאָפיע. די בעדייטונג פון דער גריכישער פילאָ-
זאָפיע פיר די גריכען זעלבסט, ווי אויך פיר אַלע מאָדערנע קולטורען, איז
יעדען דענקענדען מענשען גוט בעוואוסט. דער געבורטס-אָרט פון דער פי-
לאָזאָפיע, ווי פון אַלע קולטור שאַפונגען פון די גריכען, איז געווען דאָס
גריכישע קליין-אזיען. איבערהויפט איז דאָרט געבאָרען געוואָרען דער סאָרט
פילאָזאָפיע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען: די י אָ נ י ש ע נ אַ-
ט ו ר-פ י ל אָ ז אָ פ י ע. דיזע שולע האָט געהאַט איהר אויפגאַבע צו
פאָרשען נאָך די אורזאַכען פון די זאַכען, וואָס מיר פיהלען דורך אונזערע
פינף חושים, ווי אַזוי די זאַכען ווערען און ווי אַזוי זיי געהען אונטער. און
אין אַלע דיזע פאָרשונגען האָבען זיי נאָר נאַטירליכע ערקלערונגען צוגעלאָזען.

דער עלטעסטער פון דיזער פילאָזאָפישער שולע איז געווען ט ה אַ ל ע ס
פון מילעט (640—543 פ. קר.). ער האָט געשטודירט אַסטראָנאָמיע אין עגיפ-
טען און האָט דאָרט געמאַכט אַזעלכע גרויסע פאָרשריטען אין דיזער וויסענ-
שאַפט, דאָס ער האָט פאָרויסגעזאָגט א לקוי חמה, און זיין פאָרויסזאָגען איז
ריכטיג געשעהן. לויט זיין פילאָזאָפיע ענטשטעהען אַלע זאַכען אין דער וועלט
פון וואַסער. פון דער פערדיכטונג פון וואַסער איז נאָך זיין מיינונג ענטשטאַנען
די ערד, און פון דער פערדינונג — די לופט און דער עטהער, דאָס וואַסער
אָבער האָט אין זיך א גייסט, אַזוי ווי דער מאַגנעט אָדער ברוסטין.

איינער פון זיינע בעסטע תלמידים איז געווען דער פילאָזאָף אַ נ אַ-
ק ס י מ ע נ ע ס, וועלכער האָט אָנגענומען די לופט אַלס דעם הויפט-יסוד פון
דער גאַנצער שעפונג. די לופט איז אונענדליך, אַלעס איז פון איהר, זאָגאַר און-

זער זעלע. די פערדיכטונג פון דער לופט בילדעט: ווינט, וואָלקען, ערד, שטיין א. אז. וו. און איהר פערדינונג בילדעט פייער.

הערַאקליט (געבאָרען 500 פ. קר.) האָט געשריבען אַ ווערק „איבער די נאַטור פון די זאַכען". אין דיזען ווערק ערקלערט ער די וועלט=בעשאַפונג אויף אַ נאַטירליכען אופן, נעמליך: די וועלט איז אָנפאַנגס געווען פייער און זי וועט זיך מיט דער צייט אין פייער צוריק פערוואַנדלען. ווען דאָס פייער איז עטוואָס געדיכטער געוואָרען איז עס געוואָרען פייכטיגקייט, פון דער פייכטיגקייט איז געוואָרען וואַסער, פון דער פערדיכטונג פון וואַסער איז געוואָרען ערד. די ערד ווערט צוריק פליסיגקייט, די פליסיגקייט ווערט פערוואַנדעלט אין דונסט און פון דער דונסט ווערט אַלץ אין דער וועלט. קיין זאַך שטעהט ניט אויף איין שטאַנד, די גאַנצע נאַטור האַלט זיך נאָר אין איין וועקסלען און בייטען, איין פאָרמע געהט איבער און ווערט פערוואַנדעלט אין אַן אַנדערע. די זעלען, פון וועלכע די וועלט איז פול, זיינען נאָר אויסגעוואַנדערטע טיילען פון פייער, און די טריקענסטע זעלע איז די בעסטע. די מענשליכע זעלע איז ניט פאָלקאָמען, ווייל זי איז פערבונדען מיט דעם קערפער. אויגען און אויערן זיינען שלעכטע עדות, זיי מאַכען זעהר אָפט פעהלערן, די ריכטיגע וואַהרהייט קען אורטיילען נאָר דער פערשטאַנד.

טהאַלעס.

אַנאַקסימאַנדער פון מילעט (601—546 פ. קר.) איז געוועזן אַ שאַרפער מאַטהעמאַטיקער און גוטער אַסטראָנאָם. אין זיין ווערק „איבער די נאַטור" ערקלערט ער די וועלט=שאַפונג אַזוי: דער יסוד פון דער גאַנצער בריאה איז דאָס אונענדליכע, דער אין סוף; דיזעס ענטהאַלט אין זיך אַלץ, רעגירט אַלץ, פון דעם אונענדליכען קומען אַרויס אַלע מאָל נייע וועלטען, און מיט דער צייט ווערען די וועלטען צוריק פערוואַנדעלט אין די אונענדליכקייט. אין דעם אונענדליכען איז אַלץ צוזאַמענגעמישט און ווען די זאַכען ווערען דורך פערשיידענע אורזאַכען אָפגעזונדערט, ווען עס פעראייניגען זיך די זאַכען גלייכע מיט גלייכע, ווערען די זאַכען דאָס, וואָס זיי זיינען. צום ביישפיל, וואָס אין דעם אונענדליכען איז געווען גאָלד פערמישט מיט אַנדערע שטאָפען, ווערט אין אונזער זיכטבאַרער וועלט ריינעס גאָלד א. אז. וו.

אנאקסאגאראס, געבארען 500 פ. קר. אין קלאצאמענא, איז געװען א פריינד פון פעריקלעס'ן. די אטהענער פריסטער האבען איהם פערקלאגט פיר גאט-לעסטערונג און מען האט איהם דערפאר פעראורטיילט צום טויט. ער איז ענטלאפען נאך לאמפסאקוס און איז דארט געשטארבען אין יאהר 428 פ. קר. זיין פילאזאפישע ערקלערונג פון דער װעלט-ענטשטע-הונג איז אזוי: די װעלט בעשטעהט פון צװיי הויפט-טיילען — פון גייסט און פון שטאף. ביידע זיינען אייביג. דער שטאף איז געװען לאנג רוהיג און האט ענטהאלטען אין זיך אלע זאכען אין א צוזאמענגעמישטער פארמע. דער גייסט האט געבראכט דעם שטאף אין בעװעגונג, און האט געװירקט, דאס די גלייכארטיגע זאכען זאלען זיך צוזאמענבינדען, אבער עס איז דאך נאך עטװאס פון אנדערע קערפערס אין יעדען קערפער פערבליבען. די מאטעריע אדער דער שטאף װערט ניט צושטערט, אפילו װען דער קערפער הערט אויף צו עקסיסטירען אין דער פארמע, אין װעלכער ער האט פריהער עקסיסטירט אין דער װעלט, דער קערפער װערט נאר פערװאנדעלט אין אן אנדער פארמע.

לעאוציפ (אונגעפעהר 500 פ. קר.) ערקלערט די װעלט-ענטשטעהונג דערמיט, װאס ער נעהמט אן, דאס עס איז דא אן אונענדליכער רוים, אין װעלכען עס זיינען דא טיילס לעערע ערטער און טיילס ערטער, װאס זיינען אנגעפילט מיט אטאמען, ד. ה. זעהר קליינע קערפערלאך, װאס מען קען זיי ניט צוטיילען. די אטאמען זיינען פערשיידען אין געשטאלט און זיי זיינען בעװעגליך. דורך זייערע פערשיידענע פערבינדונגען איינער מיט דעם אנדערן צװישען זיך ענטשטעהען אלע זאכען אין דער װעלט.

דעמאקריט (געב. אין אבדערא 490 פ. קר.) האט אנגענומען לע-אוציפ'ס טהעאריע, אבער ער האט זי זעלבשטענדיג ענטװיקעלט און פון איהר געמאכט א גאנצעס סיסטעם. ער איז געװען דער גרעסטער נאטור-פילאזאף פון די יאנישע פילאזאפען. ער איז געװען איינער פון די װיכטיגסטע דענקער פון דער מענשהייט אין אלגעמיין. ער איז געבארען פון רייכע עלטערן און האט זיין גאנצעס פערמעגען אויסגעבראכט אויף רייזען. ער האט גע-זעהן לענדער מעהר פון אלע אנדערע רייזענדע פאר איהם און אויף זיינע רייזעס האט ער זיך בעקענט מיט די גרעסטע מענער פון זיין צייט. ער איז געװען זעהר פיעלזייטיג געבילדעט און האט געשריבען איבער זעהר פיעלע פערשיידענע געגענשטענדען, אפילו איבער קריגס-קונסט. נאר אריסטאטע-לעס'ן קען מען שטעלען העכער פון איהם.

דעמאָקריט'ס לעהרע איז א פאָלשטענדיגער אטאָמיסטישער מאטעריא-ליזם, כמעט אין דער זעלביגער פאָרמע, ווי מיר געפינען עס ביי די מא-טעריאליסטישע נאטורפאָרשער פון היינטיגער צייט. ער האָט אין גאנצען פערוואָרפען די אידעע, אז עס עקסיסטירען אין דער וועלט צוויי בעזונדערע פרינציפּען: גייסט און מאטעריע. זיין טהעאָריע איז, דאָס די בעוועגונג אין די אטאָמען ברייננגט אלעס ארויס אין דער וועלט. דיזע אנזיכט איז געוואָרען די גרונדלאגע פון אונזער נייער נאטור-פאָרשונג. לויט דער טהאָריע פון דעמאָקריט'ן זיינען די אטאָמען פון פערשיידענע געשטאלטען און פאָרמעס. מאנכע האָבען די פאָרמע פון א קוגעל, אנדערע פון א צילינדער א. אז. וו. די פערשיידענהייט פון די קערפּערס קומט ארויס פון דער פערשיידענהייט פון די אטאָמען, פון וועלכע זיי זיינען צוזאמענגעשטעלט. דעמאָקריט בע-הויפּטעט, דאָס אלע אטאָמען האָבען אין זיך די אייגענשאפט צו שטרעבען צו פאלען נאָך אונטען. די שווערערע אטאָמען פא-לען געשווינטער פון די לייכטערע. די קלענערע ווערען מיט אזא אופן פערדרענגט פון די גרעסע-רע און ווערען געשליידערט אָן א זייט. פון דעם קומט ארויס א גרויסער ווירבעל, א שטארקע בע-וועגונג, וואָס דערפון איז ענטשטאנען די גאנצע וועלט-בילדונג. דיזע פאָרשטעלונג ענטהאלט אין זיך פיעל עהנליכעס מיט די נייעסטע טהעאָריעס. אָבער דער הויפּט-ווערט פון דיזער טהעאָריע איז, וואָס זי האָט פאָרגעשטעלט א גלענצענדע געגען-טהעאָריע געגען אלע רעליגיעזע און קירכליכע לעהרעס וועגען דער וועלט-בעשאפונג, און זי האָט אריינגעבראכט אין דעם פעלד פון מענשען'ס פאָרשונג די אידעע פון געזעץ-מעסיגקייט, ד. ה. דאָס אלץ אין דער נאטור איז אונטערוואָרפען אונטער געוויסע געזעצען, פון וועל-כע קיין זאך, קיין ערשיינונג מאכט ניט קיין אויסנאהמע.

דעמאָקריט.

אויך די זעעלע פון דעם מענשען מאכט נאָך דער לעהרע פון דעמאָקריט'ן קיין אויסנאהמע ניט אין דיזער הינזיכט. זי בעשטעהט, מיינט ער, פון די פאָלקאָמענסטע אטאָמען. ד. ה. פון די פיינסטע, גלאטעסטע, קוגעל-פאָרמיגע אטאָמען, אזעלכע ווי די, וואָס קומען פאָר אין פייער. כל זמן דער מענש לעבט ווערען טיילען פון דער זעעלע אויסגעאָטעמט אין דער לופט, און מיט דעם איינאָטעמען ווערען ערפילט די פעהלענדע אטאָמען. אלע נאטור-קערפּערס לאָזען ארויס פון זיך אויספלוסען, וועלכע בעריהרען אונזערע חושים און

מאכען אונז פיהלען, הערען, זעהן א. אז. וו. דיזעס איז די איינציגע קוועלע פון אונזער ערקענטניס, ד. ה. ווי אזוי מיר פערשטעהען די אויסען־וועלט. נאך דיזער טעאָריע, דאָס אלעס אין דער נאַטור געהט פאָר נאך געוויסע געזע־צען, וועלכע ברויכען ניט קיין פיהרער און זיינען ניט אונטערוואָרפען אונטער קיין שטערונג, דארף דער מענש זיין פאָלקאָמען רוהיג, זיך ניט איבערגעבען צו פאַלשע האָפנונגען און ניט מורא האָבען פאר זאכען, וואָס זיינע חושים פיהלען ניט. דורכגעדרונגען פון דיזער טהעאָריע האָט דעמאָקריט רוהיג דער־גרייכט אַן עלטער פון 100 יאָהר.

פּ י ט ה א ג אָ ר אָ ס (געבאָרען אויף דער אינזעל סאַמאָס 584 פ. קר.) האָט זיך איבערגעגעבען צו מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מוזיק. אין קראָטאָן האָט ער געגרינדעט אַ געהיימען בונד. די מיטגלידער פון דיזען בונד זיינען געווען געטיילט אין צוויי קלאַסען: אין שילער און אין חברים. איי־דער מען האָט אַ שילער אריינגענומען אין בונד אלס אמת'ן חבר, האָט ער פריהער געמוזט געפּרובט ווערען פון 2 ביז 5 יאָהר צו לעבען אין גרעסטער איינפאַכקייט און אין טיפען שווייגען, זיי האָבען נאָר בעדאַרפט צוהערען די לעהרע פון זייערע לעהרערס. דער שילער, וואָס האָט די פּראָבע ניט אויס־געהאַלטען, איז ניט אָנגענומען געוואָרען אין דער חברה צווישען די חברים, און מען האָט מיט איהם מעהר קיין געשעפטען ניט געהאַט. האָט ער אָבער די פּראָבע אויסגעהאַלטען, איז ער אלס חבר אָנגענומען געוואָרען. זיין פער־מעגען איז אָנגענומען געוואָרען אין אָרדען צום פערמעגען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

די רעגלען, וועלכע די מיטגלידער פון דיזער געזעלשאַפט האָבען גע־מוזט היטען, זיינען געווען זעהר שטרענג. פאָר זונען־אויפגאַנג האָט זיך דער בונד אויפגעהויבען פון זיין לאַגער אום צו בעגריסען די זון מיט לויב־געזאַנג. נאָך דעם האָט מען זיך פאַרבעריייטעט צו דער טעגליכער בעשעפ־טיגונג דורך מוזיק און פּאָעזיע. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייהע פון גימנאַסטישע איבונגען. עסען פלעגען זיי אלע צוזאַמען. פלייש איז געווען שטרענג פערבאָטען. וויסענשאַפטליכע און מאָראַלישע געשפּרע־כען, אַסטראָנאָמישע און מאַטהעמאַטישע, איבערהויפּט גאָמעטרישע אַר־בייטען, שפּאַציער־גענג, באָדען זיך, הייזליכע בעשעפטיגונג האָבען אויס־געפילט דעם טאָג; אין אָבענד האָט מען זיך בעדאַרפט רעכנונג אָפּגעבען, וואָס מען האָט געטאָן אין פערלויף פון טאָג.

ווענען זיין לעהרע האָט פּיטהאַגאָראַס זעלבסט גאָר ניט געשריבען, און דאָס, וואָס מיר ווייסען, איז נאָר וואָס מיר האָבען געפונען אין די ווערק

פון זיין אינטימיטען שילער פ י ל אָ ל א ו ס. פון דיזע ווערק וויסען מיר, דאָס פּיטהאגאָראס האָט בערעכענט, דאָס די צאָהלען זיינען די הויפּט אור־זאַכען פון אַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור. מיט די צאָהלען האָט ער אויך די מוזיק ערקלערט און אַנדערע וויסענשאַפטען. פּיטהאגאָראס האָט אויך געלעהרט, דאָס די זעעלע מאַכט נאָך דעם טויט פערשיידענע וואַנ־דערונגען (גלגולים), און האָט אויך פאָרגעשריבען א שטרענגע אַסקעטישע (פּרישות'דיגע) מאָראַל, וואָס האָט פיעל עהנליכקייט מיט דעם לעבען פון די מאָנאַכען.

אויסער די פילאָזאָפישע לעהרעס, וואָס מיר האָבען ביז יעצט דער־מאָהנט, האָט נאָך אין יענער צייט געשפּילט א גרויסע ראָלע די ע ל ע א־ט י ש ע שולע. די פילאָזאָפען פון דיזער שולע בעהויפּטען, דאָס מיר פער־שטעהען די אויסען־וועלט ניט דורך אונזערע חושים, נאָר מיר בעגרייפען זי דורך אונזער דענקען. אַלץ, וואָס מיר נעהמען אויף דורך די חושים, איז ניט ריכטיג, ניט וואָהר, עס דוכט זיך אונז נאָר, ווייל די חושים מאַכען זעהר אָפט טעות'ן און זיי שטעלען אונז פאָר די וועלט ניט ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט. וואָרום אין גרונד גענומען — אַזוי לעהרט דיזע שולע — איז די וועלט נאָר איינס, אַן איינפאַכעס, און די פערשיידענהייט פון די ער־שיינונגען קומט אַרוים פון אונזערע חושים. שטיצענדיג זיך אויף דיזער טהעאָריע האָט צ ע נ אָ פון עלעא (געבאָרען 500 פ. קר.) געזוכט פילאָזאָ־פישע בעווייזען, דאָס די בעגריפען, וואָס מיר האָבען פון פיעלהייט, בעוועּ־גונג און רוים זיינען פאַלש, א טעות פון די חושים.

ע מ פּ ע ד אָ ק ל ע ס פון אַגריגענט איז דער פיזיקער פון דער עלעא־טישער שולע. צו די דריי יסודות: פייער, לופט און וואַסער האָט ער צו־געגעבען די ערד. פון דיזע פיער יסודות זיינען אַלע זאַכען אין דער וועלט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. דיזע 4 יסודות געהען קיין מאָל ניט אונטער, נאָר פעראייניגען זיך אויף פערשיידענע אַרטען און שאַפען פערשיידענע זאַכען, און ווערען צושיידט ווען די זאַכען ווערען. געענדערט, אָבער די יסודות בלייבען אויף אייביג. די אייגענשאַפטען פון דיזע פיער עלעמענטען זיינען: היץ, פייכטקייט, טרוקענקייט און קעלט. די גייסטער זיינען פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין קערפּערס אַלס שטראָף פיר זינד, וועלכע זיי האָבען בעגאַנגען, זיי שפּייזען זיך פון דעם מענשליכען בלוט, און זיי ווערען מגולגל אין פלאַנצען, חיות און ווידער אין מענשען.

א נייע ווענדונג דער פילאָזאָפיע האָבען געגעבען די ס אָ פּ י ס ט ע ן. דער סוד הבריאה, די געהיימע שאַפענדע קראַפט פון דער נאַטור איז לויט

דיזער שולע פון פילאָזאָפען ניט צו זוכען אין דער וועלט, אין דעם שטאָף פון דער וועלט, ניט אין דער אבסטראַקטער צאָהל, ווי פּיטהאַגאָראַס האָט געמיינט, נאָר אין מענשען, אין אונזער אייגענעם אי ך. מען איז געוועהנט צו קוקען מיט פעראַכטונג אויף די סאָפיסטען מיט זייער פילאָזאָפיע, אָבער דיזע פילאָזאָפיע איז אנערקענט געוואָרען פון די גרעסטע פילאָזאָפען פון דער נייערער צייט, ווי קאַנט און זיינע נאָכפאָלגער.

דער בעגרינדער און דער בעסטער פערטרעטער פון די סאָפיסטען איז געוועזן פּראָטאַגאָראַס (480—410 פ. קר.). זיין פילאָזאָפיע האָט ער אויסגעדריקט אין פאָלגענדען זאַץ: „דער מענש איז די מאָס פון אַלע זאַכען". דאָס הייסט, די זאַכען אין דער וועלט זיינען אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט אַזוי, ווי זיי ווייזען זיך אונז אויס; דער מענש אין זיין פאַנטאַזיע און זיין פערשטאַנד בעשאַפט אַלע אייגענשאַפטען פון דער אויסערער וועלט. פּראָטאַגאָראַס האָט דערמיט ניט געלייקענט אין דעם ווירקליכען זיין, אין דער עקסיסטענץ פון דער אויסערער וועלט, אָבער נאָך זיין לעהרע ערקענען מיר די וועלט ניט ווי זי איז, נאָר ווי מיר פיהלען און פערשטעהען זי. דורך דעם, וואָס ער האָט בעמערקט, דאָס וועגען דער זעלביגער זאַך האָבען פערשיידענע מענשען פערשיידענע מיינונגען, פערשיידענע פיהלונגען, איז ער געקומען צו דעם שלוס, דאָס מיר פערשטעהען די זאַכען ניט, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, נאָר ווי מיר פיהלען זיי און פערשטעהען זיי, און ווייל די מענשען זיינען פערשיידען, קומען פאָר אויך די זאַכען פערשיידען, דעם אַזוי, און דעם אַנדערן אַנדערס.

סאָקראַטעס איז איינער פון די מערקווירדיגסטע כאַראַקטערען פון דער וועלט-געשיכטע. ער איז געבאָרען געוואָרען 471 פ. קר. ער איז געוועזן איינפערשטאַנדען מיט די סאָפיסטען, דאָס דער מענש איז דער צענטער פון דער וועלט-פאָרשונג, אָבער ער האָט גענומען אין אָנבעטראַכט ניט זיינע חושים און זיין מיינונג, נאָר זיין וויסען און די מאָראַל. ער האָט געשטרעבט צו בעסערען די זיטען דורך זיכערעס וויסען. די פאָרמעס פון פילאָזאָפישער פאָרשונג, וועלכע ער האָט בענוצט, זיינען געוועזן, ווי אַריסטאָטעלעס בעהויפּטעט, אינדוקציאָן, ד. ה. דער בעווייז פון וואהרהייטען דורך די שליסונג פון איינצעלנע אויף אַלגעמיינע, און די דעפיניציאָן, דאָס הייסט, די ריכטיגע בעשטימונג פון די אייגענשאַפטען פון אַ זאַך. איבערהויפּט האָט סאָקראַטעס זיך אויסגעצייכענט מיט זיין דיאַלעקטיק (דיספּוטיר-קונסט). אין אַ דיספּוט איז ביי איהם געוועזן די הויפּט-זאַך צו בעקעמפען דעם געגנער, ניט צו ערפאָרשען די וואהרהייט. ער האָט גע-

לויערט אויף דעם קלענסטען פעהלער, אויף יעדען טעות פון זיין געגנער אום דיזען אויף זיין איראָנישען שטייגער צו פערניכטען. פיעלע פון די נייע קריטיקער און פאָרשער וואונדערן זיך, מיט וואָס האָט סאָקראַטעס זיך געמאַכט אַזאַ גרויסען נאָמען אין דער וועלט־געשיכטע. דער גרונד איז איינפאַך. סאָקראַטעס האָט זיך מעהר בעשעפטיגט אין זיינע פאָרשונגען מיט עטהיק, מיט זיטען־לעהרע, ווי מיט נאַטור־פילאָזאָפיע, און דיזער ווירקליך גרויסער פערדינסט איז נאָך פערגרעסערט געוואָרען דורך דעם, וואָס זיין תלמיד פ ל אַ ט אָ (אפלטון) האָט פאָרטגעזעצט דיזען גאַנג און דערמיט געעפענט אַ וועג צו פערברייטערן די מאָראַל. צו אַלעם דעם קומט נאָך איינס, נעמליך דער טויט, וואָס סאָקראַטעס האָט געליטען צוליב זיינע לעהרעס. דיזער לעצטער פאַקט האָט איהם געמאַכט אין די אויגען פון די שפּעטערע דורות פיר אַ מאַרטירער, פיר אַ הייליגען.


סאָקראַטעס.

סאָקראַטעס איז געווען ניט בעליבט אין זיין צייט, ווייל ער האָט געהאַט אומגאַנג מיט מענשען, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַסט, און ווייל ער האָט זיך פיעלע מאָל אויסגעשפּראָכען געגען דער דעמאָקראַטיע. דערייבער איז עס געלונגען זיינע פּאָליטישע און פילאָזאָפישע געגנער צו מאַכען געגען איהם אַ קלאַגע, דאָס ער פערדאַרבט די יוגענד מיט זיינע לעהרעס און דאָס ער פערברייטערט אַ גלויבען אין אַנדערע געטער און לייקענט אין די געטער, וועלכע זיינען פון שטאַאַט אַנערקענט. זיינע אָנקלעגער זיינען געווען אַ מיטעלמעסיגער דיכטער מעליטאָס, אַ לעדער־הענדלער און דעמאַגאָג אַניטאָס און אַ רעדנער ליקאָן. סאָקראַטעס האָט זיך פערטיידיגט מיט גרויס מוט און מיט גרויס ווירדע, און האָט דערביי זיינע ריכטער אַביסעל אָנגעגריפען. ער איז פערוראורטיילט געוואָרען מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיך אָנערקענען שולדיג, אין געגענטייל ער האָט נאָך געפאָדערט אַ בעלוינונג פון שטאַאַט פיר זיינע גרויסע פערדינסטען. דורך דיזע אויפפיהרונג האָט ער אויפגעבראַכט געגען זיך די מאַיאָריטעט פון זיינע ריכטער און מען האָט איהם פערוראורטיילט צום טויט. די אויספיהרונג פון זיין אורטייל האָט ניט געקענט פאָרקומען פאַר 30 טעג, ווייל גראָדע דאַמאָלס איז אַוועק נאָך דעלאָס אַ הייליגעס שיף, און לויט דעם געזעץ האָט מען קיינעם

ניט געטאַרט היגריכטען ביז דאַס שיף האַט זיך צוריקגעקעהרט, וואַס עס האַט געדויערט 30 טעג. אין דיזער צייט האַט ער זיך אונטערגעהאַלטען אין געפענגניס מיט זיינע תלמידים און אָנהענגער איבער פילאָזאָפישע גע-גענשטענדען, איבערהויפט וועגען טויט און אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע. קריטאָן האַט איהם פערשאַפט די מעגליכקייט צו ענטלויפען פון געפענגניס, אָבער ער האַט עס ניט אָנגענומען, ווייל עס איז געגען דעם געזעץ. נאָך די 30 טעג (399 פ. קר.) האַט ער געטרונקען דעם בעכער גיפט, וואַס מען האַט איהם דערלאַנגט אַלס שטראַף, מיט פאָלקאָמענע פעסטיגקייט און רוהיג-



סאָקראַטעס'עס טויט.

קייט. זיינע פריינד און פערעהרער האָבען בייגעוואוינט די טרויעריגע סצענע. מען זאָגט, דאַס די אַטהענער האָבען באַלד נאָך זיין טויט חרטה געהאַט אויף די געשיכטע, איבערהויפט האַט זיך די מיינונג פון פאָלק געביטען צו גונסטען פון סאָקראַטעס'ן דורך די ווירקונג פון זיינע שילער.

די מוזיק. פריהער ווי אין אַנדערע ערטער אין גריכענלאַנד האַט זיך די מוזיק ענטוויקעלט אין אַרקאַדיען. די ריכטיגע אויסבילדונג האַט זי ערהאַלטען אין קליין-אַזיען, ביי די דאָרטיגע גריכען. פון 6טען יאָהרהונדערט פ. קר. האָבען שוין די גריכען די מוזיק וויסענשאַפטליך אונטערזוכט און

בעהאַנדעלט. זיי האָבען שוין דאַמאָלס פערשטאַנען צו מעסטען די הויכקייט פון די טענער. שוין אין יאָהר 560 פ. קר. האָט לאַזאָס פון הערמיאָנע געשריבען אַ ווערק איבער די טהעאָריע פון מוזיק. פּיטהאַגאָראַס מיט זיינע תלמידים האָבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט דער מאַטהעמאַטישער פערהעלטנים צווישען די טענער און האָט ערפונדען דערצו דעם מאָנאָכאָרד (אַן אינסטרומענט מיט איין סטרונע צו בעשטימען די צאָהל-פערהעלטנים פון די טענער).

שפילערינס אויף ציטהערן, פלויטען און טריגאָנען, אויך זינגערינס, וואָס לעזען פון בלאַט.

נאָך אין דער צייט פון פּעריקלעס'ן האָט מען די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען געברויכט נאָר צו בעגלייטען די מענשליכע שטימע. די וויכטיגסטע אינסטרומענטען צו יענער צייט זיינען געווען: די לירע, די ציטהער, די פלויט און די פּייף. דיזע לעצטע צוויי אינסטרומענטען זיינען געווען זעהר פערשיידען איינער פון אנדערען אין דער פאָרמע און אין דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען זיי זיינען געמאַכט געוואָרען, ווי אין דער הויכקייט און טיפקייט פון זייערע טענער. אויף די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען מיט סטרונעס, פלעגט מען שפּילען מיט אַ פּלעקטראָן, דאָס איז געווען אַ שטעקעלע פון האָלץ אָדער מעטאַל, אַ גלייכער אָדער אַ געבויגענער. אויף איינינגע בלאָז-אינסטרומענטען האָט מען געשפּילט אָן דער זייט, ווי צ. ב. אויף דער פלויט, און אויף אנדערע גלייך דורך אַ מונד-שטוק, ווי ביי אונז היינט אויף אַ קלאַרינעט. די לידישע פלויט האָט גע-

האט זעהר א וויכען און זאנפטען טאָן, דיזע פלויט פלעגט מען געברויכען ביי קינסטלערישע פאָרשטעלונגען. גאַנץ פערשיידען פון דער פלויט איז גע- ווען די פ י י ף (טרובע). דיזע האָט מען געברויכט אין שלאַכטען און אויף מארשען. די פייף האָט געהאט א שארפען דורכדרינגנדען טאָן.

יאָהרהונדערטער לאַנג האָבען פיעלע געלעהרטע זיך בעשעפטיגט מיט פאָרשונגען וועגען דער גריכישער מוזיק, אָבער נאָר אין דער לעצטער צייט איז מען געקומען צו זיכערע רעזולטאַטען. געלעהרטע האָבען אויסגעפו- נען, דאָס די אַלט-גריכישע מוזיקער האָבען געוואוסט פון טאַקט און פון פעריאָדען. דאָס גריכישע טאָן-סיסטעם האָט זיך אונטערשיידט פון אונ- זערען נאָר דערמיט, דאָס אויסער אויף דער אָקטאַווע איז עס אויך געווען געבויט אויף דער קווארטע, די נאָטען-שריפט איז געווען זעהר איינפאַך, און פיר די איינצעלנע טאָן-צייכענס האָט מען זיך בענוצט מיט די בוכ- שטאַבען פון דעם אַלט-גריכישען אלף-בית.

דער ט א נ ץ איז געווען א טייל פון די רעליגיעזע פייערליכקייטען און מיליטערישער ערציהונג. אין די דאָרישע שטעדט איז דער טאַנץ גע- ווען א נויטווענדיגער טייל פון דעם דינסט צום גאָט אַפּאָללאָ. די גרעסטע און פאָרנעהמסטע פערזאָנען פלעגען נעהמען אַנטייל אין די טענץ ביים הייליגען דינסט. די ספּאַרטאַנער פלעגען פייערן אַלע יאָהר זייער זיג איבער די טיקאָער און דעם אַנדענקען פון זייערע געפאַלענע אין יענער שלאַכט דורך בעזונדערע טענץ פאר די אַלטארען פון אַפּאָללאָ, פון דער געטין דיאַנא און פון לאַטאָנא. אַן אַנדער טאַנץ, וואָס איז זעהר בעליבט געווען ביי די ספּאַר- טאַנער, איז געווען דער טאַנץ, וואָס איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „האָרמאָס” אָדער די „האַלז-קייט”. אין דיזען טאַנץ האָבען אָנטייל גענומען אינגלאַך מיט מיידלאַך און ער איז געווען עהנליך צו א קייט.

ז. דער פּעלאָפּאָננעזישער קריג.

(431—404 פ. קר.)

מיר האָבען שוין אייניגע מאָל אין אונזער געשיכטע בעמערקט, ווי וויט די אַטהענער האָבען פערשפּרייט זייער זעע-האַנדעל אין מזרח פון גרי- כענלאַנד. אָבער אויך אין מערב האָבען זיי גרויס ערפאָלג געהאַט אויף דיזען געביט. דאָ אָבער אין מערב, האָבען זיך די דאָריער שטאַרק פערשפּרייט און האָבען איבעראַל געגרינדעט קאָלאָניעס און דערמיט געשאַדט דעם האַנ- דעל פון די יאָניער (די אַטהענער). דאָס זעלבע איז אויך געווען אין צפון, וואו די קאָרינטהער האָבען געהאַט פיעלע קאָלאָניעס און האָבען פערכאַפּט

דאָרט דעם האַנדעל. די אַטהענער האָבען געקוקט דערויף מיט גרויס קנאה. אַ קריג צווישען דיזע צוויי קאָנקורענטען איז געווען אונפערמיידליך. אָבער אַ קריג מיט קאָרינטה האָט געהייסען אַ קריג מיט ספּאַרטאַ, ווייל זי איז אימער גרייט געווען צו העלפען די געגנער פון אַטהען, וועלכער זי האָט ניט פערגונען איהר רייכטום, איהר גרויסע מאַכט און ענטוויקלונג.

דיזע לאַגע האָט געפיהרט צו אַ 30-יעהריגען קריג, וועלכער איז בעקאַנט אַלס דער פּ ע ל אָ פּ אָ נ נ ע ז י ש ע ר. די ביידע קאָנקורענטען האָבען נאָר געוואַרט אויף אַ צופאַל, וועלכער זאָל דינען אַלס אַן אורזאַך צו אַ קריג, און דיזער צופאַל האָט אויף זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. צווישען קאָרינטה און זיין קאָלאָניע קאָרצירא איז אויסגעבראָכען אַ מלחמה. די קאָרציראָער האָבען געבעטען הילף ביי די אַטהענער. צו דער זעלבער צייט האָט פּאָטיבאָאַ, אַן אנדער קאָלאָניע פון קאָרינטה, אויף זיך אַרויפגעצויגען אַ



טאַנצענדע דאָרישע פרויען.

חשד, דאָס זי האָט געשעפּטען און פערבינדונגען מיט איהר מוטער-שטאָדט קאָרינטה, הגם זי איז געווען אַ מיטגליד פון דעם דעלישען בונד. פּאָטיבאָאַ האָט ערהאַלטען אַ בעפעהל פון אַטהען יעדע פערבינדונג מיט קאָרינטה אויפצוגעבען. ער האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגען דעם בעפעהל פון אַטהען, און דיזע האָבען בעלאַגערט די שטאָדט.

די קאָרינטהער האָבען זיך געווענדט צו ספּאַרטאַ. לאַנג האָבען די ספּאַרטאַנער קיין זאַך ניט געטאָן וועגען דעם. ענדליך האָבען זיי געשטעלט די אַטהענער אַזעלכע גרויסע פאָדערונגען, וועלכע דיזע האָבען פיר קיין פאַל ניט געקענט נאָכגעבען. אונטער דיזע פאָדערונגען איז אויך געווען דיזע, דאָס אַטהען זאָל פריי לאָזען אַלע דעלישע בונד-חברים. דאַמאָלס האָט ספּאַרטאַ מיט איהרע בונד-חברים ערקלערט קריג געגען די אַטהענער.

1) דער אַרכידאַמישער קריג. (431—421 פ. קר.)

דעם קריג האָט ניט ספּאַרטאַ און ניט אַטהען אָנגעפאַנגען, נאָר 300 טהעבאַנער זיינען בעפאַלען די שטאָדט פּלאַטאָאַ. נאָך איידער קריג איז ערקלערט געוואָרען. די איינוואוינער פון פּלאַמאָאָ האָבען בעזיגט די טהעבאַנער און האָבען זיי אַלע אויסגע׳הרג׳עט. אַטהען האָט די שטאָדט געזיכערט געגען ווייטערע אָנגריפען. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קריג צווישען אַטהען און ספּאַרטאַ. אונטער דער אָנפיהרונג פון ספּאַרטאַנישען קעניג אַ ר כ י ד אַ מ ו ס האָט אַ גרויסע מיליטערישע מאַכט בעלאַגערט די גרענעץ־שטאָדט אָענאָע, אָבער די בעלאַגערער האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט. דאַן האָט זיך די ספּאַרטאַנישע אַרמעע געלאָזען צו עלעאוזיס, אין אַטטיקאַ. די ספּאַרטאַנער האָבען צושטערט דערפער, פערוויסט פעלדער, פיעלע לאַנד־בעוואוינער זיינען ענטלאָפען מיט זייער האָב און גוט נאָך דער הויפּט־שטאָדט, אַטהען, צו וועלכער די ספּאַרטאַנער האָבען זיך מעהר און מעהר צוגערוקט. אַרכידאַמוס האָט ערוואַרט, דאָס די אַטהענער וועלען אַרויס אויף אַ שטרייט מיט איהם, אָבער פּעריקלעס, וועלכער איז דאַמאָלס ערוועהלט געוואָרען צום אונבעשרענקטען אויבער־קאָמאַנדיר, האָט ניט דערלאָזען דאָס פאָלק צו אַן אָנגריף. ער האָט אָבער אַרויסגעשיקט אַ פלאָטע צו פערוויסטען די ברעגען פון פּעלאָפּאָננעזוס.

נאָך דעם זיינען די אַטהענער בעפאַלען און האָבען איינגענומען אַ גרויסע צאָהל קאָרינטהישע שטעדט צו מערב פון עלים און צו צפון אין אַרקאַניען. אין יולי האָבען זיך די ספּאַרטאַנער צוריקגעצויגען פון אַטהען. דאַן איז מעגאַראַ געוואָרען זעהר בעדרענגט. פּעריקלעס, דער אָנפיהרער פון דער גאַנצער אַטהענישער מאַכט, האָט די גאַנצע לאַנדשאַפט פון מעגאַראַ פערוויסטעט. די פלאָטע האָט זיך דאַן צוריקגעקעהרט אום צו בעערדיגען די קריגער, וואָס זיינען געפאַלען אין שטרייט. דערביי האָט פּעריקלעס געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע.

אַזוי זיינען די ערסטע שטרייטען פירביידע זייטען געוועזען אָהן אַן ערפאָלג. דאָך זיינען זיי פיר אַטהען ניט אונגליקליך געוועזען. די לאַגע אין די שפּעטערע יאָהרען איז אָבער געוועזען פיעל טרויעריגער. אין נעכסטען פריהלינג זיינען די פּעלאָפּאָננעזער ווידער אַטטיקאַ בעפאַלען און האָבען זעהר פיעלע ערטער פערוויסטעט. צום אונגליק האָט אין אַטהען אויסגעבראָכען די פּעסט. די קראַנקע האָבען באַלד בעקומען ענטצינדונג אין די אויגען, אין צונג און אין האַלז, און געקריגען געשווירען אויף׳ן לייב. אַזוי

זיינען די מעהרסטע קראנקע אָפּגעלעגען 7 אָדער 8 טעג אין פערשיידענע לײדען ביז זיי זיינען געשטאָרבען. די װעניגע, װאָס זיינען ניט געשטאָרבען פון דער קרענק, זיינען אַרויס געקריפּעלט, דער אָהן אויגען, דער אָהן הענט, דער אָהן פיס. עס זיינען אַזוי פיעלע טויטע געװען פון דער פּעסט, דאָס עס איז אונמעגליך געװען אַלעמען צו בעערדיגען. עס האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען װעלכע עס איז אָרדנונג. אויך די זיטען פון פאָלק זיינען שרעקליך פערדאָרבען געוואָרען. מען האָט זיך מעהר ניט בעקימערט ניט אום מענשליכע ניט אום געטליכע זאכען. דאָס, װאָס מען האָט פריהער מורא געהאַט צו טאָן אין געהיים, האָט מען עס יעצט מיט פרעכהייט געטאָן עפענטליך. יעדערער האָט געזעהן, װי שנעל עס קומט דאָס אונגליק, װי רייכע שטאַרבען פּלוצלונג און אַנדערע פערכאַפּען זייער אייגענטום און געניסען עס אונבעשטראָפט. דעריבער האָט זיך יעדער געכאַפּט לעבען מיט װאָס און װי ער האָט געקענט. קיינער האָט ניט געטראַכט װעגען אַ גוטען נאָמען, װייל יעדער האָט געפיהלט דעם טויט הינטער זיך. אויך די מורא פאַר דעם געריכט איז אין גאַנצען פערשװאונדען, װייל יעדערער האָט געגלויבט, דאָס דער טויט װעט איהם אויפכאַפּען איידער דאָס געריכט װעט איהם פעראורטיילען צו װעלכער עס איז שטראָף. דעריבער האָט זיך יעדערער געכאַפּט װאָס מעגליך איז צו געניסען און ניט קוקען װאָס עס װעט זיין.

דאָס פערצוױיפעלטע פאָלק האָט בעשולדיגט פּעריקלעס'ן אין דעם אונגליק, װייל ער האָט געראַטען צו פיהרען קריג מיט ספּאַרטא און צוליב דעם קריג זיינען זעהר פיעלע מענשען אַנגעלאָפען אין אַטהען זיך צו בעשיצען פון פיינד, און דאָס האָט געבראַכט די פּעסט אין שטאָדט. מען האָט איהם אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט און מען האָט איהם אויך בעשטראָפט צו בעצאָהלען 15 טאַלענטען (16,000 דאָללאַר). דאָס פאָלק האָט אפילו באַלד חרטה געקריגען אויף זיינע האַנדלונגען געגען פּעריקלעס'ן און האָט איהם צוריקגעגעבען זיין אַמט, אָבער די פּעסט האָט איהם באַלד פערכאַפּט און ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 429 פ. קר. זיין לעצטע טאַט איז געװען די איינגעהמונג פון פּאָטיבאַא, װעלכע האָט זיך געמוזט אונטערגעבען צוליב מאַנגעל אין לעבענס־מיטלען. דער זיג איז אַפּילו געװען גאַנץ װיכטיג פיר אַטהען, אָבער דאָס אונגליק פון דער פּעסט האָט אַלץ איבערגעװויגען.

שוין דריי יאָהר האָט זיך דער קריג געצויגען און קיינער האָט ניט בעזיגט.ביידע זייטען האָבען פערװיסטעט יעדערער דאָס לאַנד פון פיינד און קיין רעזולטאַט האָט קיינער ניט דערגרייכט. דאָ האָט זיך נאָך אַ נייעס אונגליק געמאַכט פיר אַטהען. איהר שטאַרקסטער בונד־חבר, די שטאָדט



די פעסט אין אטהען.

מ י ט י ל ע נ ע פון לעסבאָס איז אָפּגעפאַלען פון איהר. די אַטהענער אָבער האָבען געצוואונגען די איינוואוינער זיך אונטערצוגעבען איידער די ספּאַרטאַנער האָבען געקענט בעוויזען זיי הילף צו פערשאַפען. דאַמאָלס האָט אָנשטאָט פעריקלעס'ן פערטרעטען דאָס אַמט פון קאָמאַנדיר אַ געוויסער קלעאָן, אַ גערבעריי-בעזיצער מיט ווייניג בילדונג אָבער פּראַקטישען פערשטאַנד. דיזער מאַן האָט דורכגעזעצט ביים אויפגערעגטען פאָלק, דאָס מען זאָל אַלע מענער פון מיטילענע בעשטראָפען מיט'ן טויט. מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ שיף אויסצופיהרען דיזען בעשלוס. אָבער איבער נאַכט האָבען זיך די אַטהענער איבערלעגט, וואָס פיר אַ שרעקליכעס אונרעכט דאָס איז, און האָבען געפּאַסט אַ מילדערען בעשלוס, דאָס נאָר 1,000 מענשען זאָלען געטויט ווערען.

די לאַגע איז דאַמאָלס געוועזען אַזעלכע, דאָס די אַטהענער זיינען געבליבען די איינציגע הערשער איבער'ן ים און די ספּאַרטאַנער איבער דער יבשה. דאָס בעווייזט אויך די בעלאַגערונג פון פּלאַטאָאָ. מיר האָבען אויבען דערצעהלט, דאָס די אַטהענער האָבען אונטערשטיצט די פּלאַטאָאָר געגען די טהעבאַנער. אָבער אין יאָהר 429 פ. קר. האָבען די ספּאַרטאַנער, אויף דעם ראַט און פערלאַנג פון די טהעבאַנער, בעלאַגערט פּלאַטאָאָ. לאַנג האָבען די ספּאַרטאַנער ניט געקענט נעהמען די שטאָדט מיט שטורם. אַלע זייערע אָנגריפען האָבען די בעלאַגערטע צוריקגעשטויסען, דאַמאָלס האָבען די ספּאַרטאַנער בעשלאָסען ניט צולאָזען צו די בעלאַגערטע קיין שפּייז צופיהרען. דיזעס האָט געצוואונגען די בעלאַגערטע זיך אונטערצוגעבען, ווייל זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו שטאַרבען פון הונגער. דערצו נאָך האָבען די ספּאַרטאַנער זיי פערשפּראָכען קיינעם פון זיי ניט צו בעשטראָפען אויסער די שולדיגע. אַזוי האָבען זיך די פּלאַטאָאָר נאָך אַ צוויי-יעהריגער בעלאַגערונג אונטערגעגעבען. אָבער די ספּאַרטאַנער האָבען געהאַנדעלט פאַלש. זיי האָבען די איינוואוינער גרויזאַם בעהאַנדעלט. 200 מענער האָבען זיי געטויט און פרויען און קינדער פערקויפט אַלס שקלאַפען. די שטאָדט האָבען די טהעבאַנער צוגענומען. זיי האָבען אַלע געביידעס, אויסער די טעמפּלען, אין גאַנצען פערוויסטעט.

אין יאָהר 425 פ. קר. האָט דאָס גליק ווידער אַ שיין געטאָן פיר די אַטהענער. ד ע מ אָ ס ט ה ע נ ע ס, איינער פון די אַטהענישע קריגס-פיהרער, האָט מיט נאָך עטליכע שיפען בעזעצט דעם האַפען פון פּילוס אויף'ן מעססענישען ברעג. די ספּאַרטאַנער האָבען עס געוואָלט צוריקנעהמען, אָבער דעמאָסטהענעס האָט זיי געשלאָגען אויף'ן ים און אויף דער יבשה, און

האָט אַרומגערינגעלט אויף דער אינזעל ספאַקטעריאַ, ניט ווייט פון דעם בעזעצטען האַפען, 420 האָפליטען און אַ גרויסע מענגע העלאָטען. די ספאַרטאַנער, אום צו בעפרייען זייערע טרופען, האָבען אָנגעבאָטען די אַטהענער גוטע בעדינגונגען פיר פרידען. די אַטהענער האָבען אָבער געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, דאָס די אונטערהאַנדלונגען וועגען פרידען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען. דעמאָסטהענעס און קלעאָן האָבען די אינזעל גענומען מיט שטורם, האָבען די בעלאַגערטע ספאַרטאַנישע טרופען געבראַכט געפאַנגענע נאָך אַטהען, און האָבען אָנגעזאָגט די ספאַרטאַנער, דאָס זיי וועלען טויטען אַלע געפאַנגענע אין פאַל, ווען זיי וועלען מאַכען נייע אָנפאַלען אויף אַטטיקאָ.

אין יענער צייט (427—425 פ. קר.) האָט אויף דער אינזעל ק אָ ר צ י ר אַ אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער בירגער קריג. נאָך אַ שרעקליכער בלוט=פערגיסונג האָבען די דעמאָקראַטען, ד. ה. די פאָלקס=פאַרטיי, בעקומען די אויבערמאַכט, ווייל אַ שטאַרקע אַטהענישע פלאָטע האָט זיי געשטיצט, ווען די פעלאָפאָננעזישע שיפען, וועלכע האָבען געשיצט די אַריסטאָקראַטען, האָבען זיך פאַר דער צייט אַהיים צוריקגעקעהרט. אַלס די דעמאָקראַטען האָבען בעקומען די מאַכט, האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַ בלוט־באָד צווישען די אַריסטאָקראַטען, וואָס האָט געדויערט זיבען טעג. זעהר פיעלע זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען גלייך דעם ערסטען טאָג, די איבריגע זיינען ענטלאָפען אין דעם העראַ=טעמפעל זיך דאָרט צו בעשיצען. דאָ האָבען פיעלע זיך זעלבסט געטויט אום ניט אַריינצופאַלען אין די הענט פון זייערע בלוטיגע פיינד די דעמאָקראַטען, אַנדערע זיינען פון די דעמאָקראַטען מיט גוואַלד פון טעמפעל אַרויסגעשלעפט געוואָרען, און פיעלע זיינען אין טעמפעל פערמויערט געוואָרען און פון הונגער צושטאָרבען.

אויך נאָך דעם האָט דאָס גליק געשפיעלט צו די אַטהענער. די שטאָדט צ י ט ה ע ר אַ איז אַריינגעפאַלען אין זייערע הענט, און אַפילו אַ פעלאָפאָננעזישע שטאָדט, ט ה י ר ע אַ, האָבען זיי בעזיגט און די איינוואוינער האָבען זיי טיילס ערמאָרדעט און טיילס אין שקלאַפעריי פערקויפט. דיזעס האָט ביי די ספאַרטאַנער דעם מוט אָפגענומען און האָט זיי גענייגט צו זוכען פרידען. אָבער אויך דיזען מאָל איז דערפון גאָרניט געוואָרען, ווייל די אַטהענער האָבען צופיעל פערלאַנגט, וואָס די ספאַרטאַנער האָבען פיר קיין פאַל ניט געקענט נאָכגעבען. ספאַרטאַ האָט דאַן צוגעטראַכט אַ מיטעל, וועלכעס האָט געגעבען דעם קריג אַ גאַנץ אַנדערע אונערוואַרטעטע ווענדונג. נעמליך, די ספאַרטאַנער האָבען בעשלאָסען איבערצורעדען די

אַלע טהראַצישע שטעדט, וואָס זיינען געשטאַנען אין פערבינדונג מיט אַטהען אָפּצופאַלען פון איהר. דיזע אויפגאַבע דורכצופיהרען האָט מען אַנפערטרויט בראַזידאַס'ן, וועלכער איז געווען בעוואוסט מיט זיין עהרליכקייט און מוטיגקייט. דיזער פּלאַן איז געווען זעהר ריזיקאַליש, ווייל דערמיט האָט ספּאַרטאַ געצייגט, ווי וויית שוואַך איהר מיליטערישע מאַכט איז, ווען זי איז געצוואונגען אַזעלכע מיטלען אַנצונעהמען. איבערהויפּט האָבען עס די העלאָטען ניט געטאָרט וויסען, וואָרום זיי וואָלטען באַלד געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אום זיך צו פערזיכערען געגען די העלאָטען, האָבען די ספּאַר־טאַנער בעגאַנגען אַזאַ מערדערישעם פערברעכען, וואָס מען האָט ניט געהערט אין די נידריגסטע באַרבאַרישע לענדער. זיי האָבען ארויסגעלאָזען אַ מאַני־פעסט, דאָס יעדער העלאָט, וואָס וועט פרייוויליג אריינטרעטען אין די אַרמעע אַלס קעמפער געגען אַטהען, וועט בעקומען זיין פרייהייט. עס זיינען גלייך געקומען 2,000 העלאָטען, וועלכע מען האָט אַנגעטאָן קראַנצען אַזוי ווי לייט, וואָס געהען אין שטרייט, און מען האָט זיי געפיהרט אין טעמפּעל. פון דאָרטען זיינען זיי שוין ניט ארויס צוריק. וואו זיי זיינען אהינגעקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. מיט דיזען אופן האָבען זיך די ספּאַרטאַנער בע־פרייט פון די מוטיגסטע פון די העלאָטען, וועלכע זיינען זיי געווען זעהר געפעהרליך צו יענער צייט.

בראַזידאַס האָט דורכגעפיהרט דעם פּלאַן בעסער, ווי מען האָט פון איהם ערוואַרט, ווייל זיין פּערזענליכקייט האָט איבעראַל געוואונען פערטרויען. די וויכטיגסטע טהראַצישע שטעדט, ווי אַ ק אַ נ ט ה ו ס און ס אַ ג י ר ו ס, האָבען באַלד אריבערגעטרעטען צו ספּאַרטאַ. אַנדערע זיינען דערצו געצוואונ־גען געוואָרען מיט גוואַלד. אויך אַמפיפּאָליס האָט בראַזידאַס'ן געעפענט די טויערן. די אַטהענער האָבען זיך אויך גענומען פיר דעם זעלבען פּלאַן — אָפּ־צורייסען פון ספּאַרטאַ איהרע בונד־חברים, און זיינען בעפאַלען באָאָטיען. זיי האָבען אָבער דאָרט געכאַפּט אַ מפּלה (424 פ. קר.). נאָך דעם ערסט האָ־בען זיי געשיקט אַן אַרמעע נאָך טהראַציען אום בראַזידאַס'ן פון דאָרט צו פערטרייבען און די שטעדט, וואָס זיינען פון זיי אָפּגעפאַלען, צו בעשטראָפען. אַלס פיהרער פון דיזען צוג האָבען די אַטהענער געשטעלט קלעאָן'ען, וועלכער האָט זיך מיט זיין זיג ביי ספּאַקטעריאַ זעהר פּאָפּולער געמאַכט. אין אָנ־פאַנג האָט ער ווירקליך געהאַט אַן ערפאָלג. ער האָט איינגענומען ג אַ ל ע פּ־ס ו ס האָט דאַן בעזעצט ע י אָ ן. אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען, לויט דעם דרינגענדען וואונש פון זיינע סאָלדאַטען, צו אַמפיפּאָליס, און האָט דעם פיינד צו שנעל אָנגעגריפען, איז ער אין גאַנצען געשלאָגען געוואָרען. ער

זעלבסט איז געפאלען אין שלאכט, אָבער אויך בראזידאס איז שווער פער־וואונדעט געוואָרען און איז באלד געשטאָרבען.

נאָך קלעאָן'ס טויט האָט די אריסטאָקראטישע פּארטיי בעקומען די אויבער־האנט און זי האָט אָנגעפאנגען צו פערהאנדלען וועגען פרידען. אָן ז'ער שפּיץ פון דיזער פּארטיי איז געשטאנען דער רייכער פרייגעביגער, אָבער אויך אָבערגלויבישער נ י ק י א ס, וועלכער איז באלד צום קריגס־פיהרער ערוועהלט געוואָרען. דורך איהם האָט זיין פּארטיי דערגרייכט איהר וואונש און עס איז געשלאָסען געוואָרען א וואפען־שטילשטאנד אויף 50 יאָהר. לויט דיזען שלום האָבעןביידע זייטען געמוזט אומקעהרען איינע דער אנדערער די שטעדט און די דערפער, וואָס זיי האָבען איינע פון די אנדערע צוגענומען, ווי אויך די געפאנגענע. דיזער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 421 פ. קר. די באָאָטיער, מעגארער און קאָרינטהער האָבען אפילו ניט איינ־געשטימט צו דיזען שלום, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט די רוה אין גריכענ־לאנד, ווייל זיי זיינען ניט געווען אין שטאנד אליין צו פיהרען קריג.

2) פון ניקיאס'עס פרידען ביז דער סיצילישער עקספּעדיציאָן.

(421—415 פ. קר.)

איידער מיר געהען ווייטער מיט אונזער געשיכטע, געפינען מיר פיר נעטיג צו געבען א קורצע כאראקטעריסטיק פון איינעם פון די וויכטיגסטע מענער פון גריכענלאנד, וועלכער האָט געשפּילט א בעדייטענדע ראָלע אין דעם לעצטען טייל פון דעם פּעלאָפּאָננעזישען קריג. דיזער מאַן איז געווען א ל ק י ב י א ד ע ס.

אלקיביאדעס איז געבאָרען געוואָרען אין אַטהען 540 פ. קר. פון דער בע־ריהמטער יחסן'ישער משפחה אלקמאָאָנידען. זיין פאָטער קלעיניאס איז איהם פריה געשטאָרבען און ער איז ערצויגען געוואָרען פון זיין אָנקעל, דעם בעריהמטען פּעריקלעס'ן. די נאטור האָט איהם בעשאָנקען מיט הויכע גייס־טיגע פעהיגקייטען און קערפּערליכער שענהייט. צוליב דעם און צוליב זיין אונגעהייערען רייכטום איז ער געווען פון אלעמען זעהר געליבט און געלויבט און דאָס האָט איהם געמאַכט פיר א צולאָזענעם קינד. איינמאָל האָט ער זיך געשפּילט אין גאס מיט אַן אַנדערן איינגעל און א שווערער וואָגען מיט משא איז אָנגעקומען און האָט געפאָדערט די ביידע איינגלאך זאָלען איהם אָפּטרע־טען דעם וועג. אלקיביאדעס האָט אָבער געפאָדערט אין געגענטייל פון פוהר־מאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלען און ניט שטערען זייער שפּיל. דער פוהרמאַן האָט איהם ניט געהערט און איז ווייטער געפאָהרען. אלקיביאדעס האָט זיך א

וואַרף געטאָן פאַר די פערד, און דער פוהרמאַן האָט מיט גרויס שרעק קוים אָפּגעהאַלטען דעם וואָגען מיט די פערד זיי זאָלען איהם ניט איבערפאָהרען. אַלס שול־איינגעל האָט ער געשלאָגען אַ לעהרער, ווייל ער האָט ביי איהם אין הויז ניט געפונען האָמער׳ס ווערק. די גרעסטע עזות און אונפערשעמטהייט האָט ער איינמאָל בעוויזען אין אַ וועט. ער האָט זיך נעמליך געוואָטען מיט איינעם, דאָס ער וועט געבען דעם אָנגעזעהענסטען בירגער אַ פּאַטש אין באַק עפענטליך אין גאַס אָהן אַ שום פּארוואָס. גראַדע דאַמאָלס איז דורכגעגאַנגען היפּפּאָניקאָס, אַ זעהר און אָנגעזעהענער מאַן. אַלקיביאַדעס האָט איהם באַלד דערלאַנגט אַ מורא׳דיגען פּאַטש אין באַק. אָבער אַזוי ווי דיזער סקאַנדאַל האָט שרעקליך אויפגערייצט דעם עולם, איז ער אַוועק צו היפּפּאָניקאָס׳ן צו הויז, האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטעל און האָט ערקלערט, דאָס ער איז גרייט אָנצונעהמען פון איהם יעדע שטראָף. דערביי האָט ער ארויסגעוויזען אַזוי פיעל בעדויערן אויף זיין טאַט און האָט זיך בענומען אַזוי אָנגענעהם, דאָס היפּפּאָ-ניקאָס האָט איהם ליב בעקומען און האָט איהם שפּעטער נאָך געגעבען זיין טאָכטער פיר אַ פרוי.

אויך פון זיינע עלטערע יאָהרען ווייסען מיר געשיכטעס פון זיין עהר-גייץ און לייכטזין. ער האָט צום ביישפּיל איינמאָל געקויפט אַ זעהר שענ׳נעם טייערען הונט פון דער פיינסטער ראַסע, וואָס אַלע זיינען געווען ענטציקט פון איהם. פּלוצלונג האָט ער איהם אָפּגעשניטען דעם וויידעל, נאָר אום די וועלט זאָל האָבען וואָס צו רעדען וועגען איהם. צו דעם זעלבען צוועק פלעגט ער אויסגעבען אונגעהייערע סומעס געלט אום דעם פאָלק פערשיידענע פערגני-גענס צו פערשאַפען, נאָר מיט דעם צוועק, דאָס מען זאָל רעדען וועגען איהם. קיין געלט איז ניט געווען צו פיעל פיר איהם צו פערשווענדען פיר אַזעלכע צוועקען, ווייל ער האָט גע׳ירש׳עט פון זיין פאָטער אַן אונגעהייערעס פער-מעגען און האָט נאָך פערגרעסערט זיין רייכטום מיט דעם נדן פון זיין פרוי, וועלכע האָט איהם אַריינגעבראַכט 10,000 טאַלענטען (איבער 10,000,000 דאָללאַר). זיין רייכטום, זיינע אויסערגעוועהנליכע אייגענשאַפטען און זיין גע-זעלשאַפטליכע שטעלונג האָבען איהם פערשאַפט פיעלע פריינד. אָבער ער פון זיין זייט האָט צו קיינע פון זיינע אַלע פריינד ניט געהאַט די וואָהרע סימפּאַ-טיע און פריינדשאַפט אויסער צו איינעם — דעם פילאָזאָף סאָקראַטעס. דיזער האָט זיך בעמיהט דעם בעגאַבטען יונגען מאַן צו ערציהען לויט זיינע פּרינצי-פּען און דערפון האָט זיך ענטוויקעלט אַ וואָהרע פריינדשאַפט צווישען די ביי-דע פּערזאָנען. דיזע פריינדשאַפט האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט און דורך אַ צופאַל איז אויסגעקומען ביידען צו רעטען איינער דעם אַנדערען דאָס לעבען,

געמליך אין דער שלאכט ביי פּאָטיבאָא, וואוביידע האָבען זיך אויסגע-
צייכענט מיט זייער העלדישקייט. אַלקיביאַדעס איז פערוואונדעט געוואָרען,
און עס האָט געהאַלטען ער זאָל אַריינפאַלען אין די הענט פון פיינד. דאן איז
איהם סאָקראַטעס צו הילף געקומען און האָט איהם געדעטעט זיין לעבען.
אָבער באַלד האָט דער צופאַל פערשאַפט אַלקיביאַדעס'ן די געלעגענהייט אָפּ-
צוצאָהלען סאָקראַטעס'ן מיט דער זעלבער מטבע. אין דער שלאַכט ביי דעליום,
ווען זיי זיינען צוריקגעלאָפען פון שלאַכטפעלד, האָט אַלקיביאַדעס אויף זיין
פערד געדעטעט סאָקראַטעס'ן פון זיינע פערפאָלגער.

די פּאָליטישע קאַריערע פון אַלקיביאַדעס'ן האָט זיך אָנגעפאַנגען באַלד
נאָך דעם, ווי עס איז געשלאָסען געוואָרען דער שלום, וואָס ניקיאַס האָט דורכ-
געפיהרט. הגם ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט איז ער דאָך אַריבער צו
דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און ווי זיין גרויסער אָנקעל פּעריקלעס האָט
ער בעשיצט זייערע אינטערעסען. נאָך דעם טויט פון קלעאָן איז די דעמאָ-
קראַטישע פּאַרטיי געבליבען אָהן אַ פיהרער. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און
אַלקיביאַדעס איז געוואָרען דער הויפּט פון די דעמאָקראַטען. ער האָט
נאָכדעם אויך איבערגעשטיגען דעם פיהרער פון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַר-
טיי, ניקיאַס'ן, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו בויען פּלענער, ווי גרויס צו ווערען
דורך קריגערישע אונטערנעהמונגען.

דער פרידען פון ניקיאַס'ן האָט קיין אָרדנונג ניט געבראַכט אין די בע-
ציהונגען פון די גריכישע שטאַאַטען. אויסער דעם, וואָס איינינע פרידענס-
פּונקטען זיינען געווען שווער אין דער פּראַקטיק דורכצופיהרען, זיינען איינינע
שטאַאַטען אין גאַנצען געבליבען בעזונדער און האָבען קיין אָנטייל ניט גענומען
אין גאַנצען שלום מיט זיינע פּונקטען. אַזוי האָבען קאָרינטה און אַנדערע
שטאַאַטען גאָר ניט אָנערקענט דעם פערטראַג און האָבען געמאַכט אַ בעזונ-
דערען בונד מיט אַרגאָס, עליס און איינינע אַרקאַדישע שטעדט, אום אָפּצו-
נעהמען פון ספּאַרטאַ די העגעמאָניע, די אויבערהערשאַפט. דער 20-יעהרי-
גער אַלקיביאַדעס האָט זיי פיעל געשטיצט אין דיזער שטרעבונג, און פון האָס
צו ספּאַרטאַ האָט ער דורכגעפיהרט דעם פּלאַן, דאָס אַטהען זאָל שליסען אַ
בונד מיט אַרגאָס, עליס און מאַנטינעיאַ. אַזוי באַלד ווי די ספּאַרטאַנער האָבען
זיך דערוואוסט, האָבען זיי זיך גלייך גענומען די זאַך צו צושטערען. זיי
האָבען באַלד געשיקט געזאַנדטע נאָך אַטהען, אויסצוגלייכען די סכסוכים,
וואָס אַטהען האָט געהאַט מיט ספּאַרטאַ. זייער מיה איז אָבער געווען אומ-
זיסט. אַלקיביאַדעס האָט געוואוסט, ווי צו ווירקען אויף דאָס פּאָלק, עס
זאָל אַלע פּלענער און אַלע פאָרשלעגע פון אַ בונד מיט ספּאַרטאַ פערוואַרפען.

מיט דעם איז דער שלום צווישען אטהען און ספּאַרטאַ געבראָכען געוואָרען. די ספּאַרטאַנער האָבען באַלד אָנגעפאַנגען זיך צו פערבינדען מיט אַנדערע. די ערסטע זיינען צוגעשטאַנען צו ספּאַרטאַ די באָאָטיער. נאָכדעם איז אויך קאָרינטה צו אַ פעראייניגונג מיט ספּאַרטאַ געקומען. הגם זי איז געווען פער-בונדען מיט אטהען, האָט זיך אָבער אין די איינוואוינער פון קאָרינטה גיך אויפגעוועקט די אַלטע שנאה צו אטהען און זיי זיינען אריבער אויף דער זייט פון ספּאַרטאַ.

דער קריג אָבער האָט אויסגעבראָכען ערסט אין אַ יאָהר שפּעטער. ארויס-גערופען דעם קריג האָט אַלקיביאַדעס, וועלכער איז דאַמאָלס ערוועהלט גע-וואָרען צום קאָמאַנדיר. די אורזאַך פון דעם קריג איז געווען, וואָס אַלקיביאַ-דעס האָט געצוואונגען די זעע־שטאָדט פּ אַ ט ר אָ אָנצושליסען זיך צו אטהען, און האָט גערייצט די ארגיווער אָנצופאַלען אויף די געגענד עפּידאורוס. יעצט האָבען זיך אויך די ספּאַרטאַנער גענומען צו די וואַפען אום צו בע-האַלטען זייער אויבערהערשאַפט, וועלכע איז געווען אין געפאַהר. דער ספּאַר-טאַנישער באַזילעאוס אַגיס איז אוועק מיט זיין ארמעע אויף ארגאָס, אָבער אָנשטאָט ארויסצורופען די פיינד אויף אַ שטרייט, האָט ער געשלאָסען מיט זיי שלום אויף 4 מאָנאַטען. די ספּאַרטאַנער האָבען איהם בעשטראָפט מיט אַ גרויסער סומע געלט דערפאַר און ער האָט געמוזט נאָך אַמאָל געהן און אָנ-פאַנגען דעם שטרייט. ביי מאַנטינעיאַ האָבען זיך די פיינד בעגעגענט, עס איז ענטשטאַנען אַ שלאַכט און אַגיס האָט געהאַט אַ גלענצענדען זיג (418 פ. קר.).

ניט אכטענדיג אויף דעם זיג פון די ספּאַרטאַנער האָבען די ארגיווער קורץ נאָכדעם ווידער בעניייט זייער בונד מיט אטהען. די ספּאַרטאַנער, פערשטעהט זיך, האָבען באַלד געשיקט אַ צווייטען צוג געגען די ארגיווער, אָבער דאָס האָט זיי ניט אָפּגעשראָקען און עס האָט די זאַך ניט געענדערט. אין געגענטייל, די ארגיווער האָבען גענומען די בירגער, וואָס זיינען געווען פיר ספּאַרטאַ, און האָבען זיי איבערגעגעבען צו די אטהענער, און דיזע האָבען זיי צושיקט אויף פערשיידענע אינזלען. אין דעם זעלבען יאָהר (416 פ. קר.) איז אויך די אינזעל מ ע ל אָ ס געווען געצוואונגען זיך אונטערצוואַרפען אונטער אטהען. די מעליער זיינען געווען זעהר אונצופרידען, וואָס די אטהענער האָ-בען פערלאַנגט פון זיי, דאָס זיי זאָלען אריינטרעטען אין דעלישען בונד. די מעליער זיינען געווען פון דאָרישער אָפּשטאַמונג און האָבען ביז דאַן קיין אָנ-טייל ניט גענומען אין קיין שום קריג. זיי זיינען אָבער געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. די אַמהענער האָבען זיי שרעקליך און גרויזאַם בעשטראָפט.

די מענער האָבען זיי אויסגע'הרג'עט, די פרויען און די קינדער האָבען זיי פערקויפט פיר שקלאַפען, און דאָס לאַנד האָבען זיי פערקויפט צו 500 אַטהע- נישע קאָלאָניסטען.

3) די סיצילישע עקספעדיציאָן. (415—413 פ. קר.)

די ספּאַרטאַנער האָבען רוהיג צוגעזעהן, ווי די אַטהענער האָבען אַזוי גרויזאַם בעהאַנדעלט די מעליער, ווייל דער פרידען פון ניקיאַס'ן האָט נאָך גע- האַט די קראַפט, ניט אַכטענדיג אויף די אַלע קריגערייען און שלאַכטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען ספּאַרטאַ און אַטהען. אָבער מען האָט פערשטאַ- נען, דאָס דער בונד אָדער דער שלום האַלט ביי צוברעכען ווערען. און ווירקליך האָט זיך באַלד געפונען אַן אורזאַך, וועלכע האָט געמאַכט אַן ענד צו דעם פּאַ- פּירענעם שלום. דיזע אורזאַך איז געקומען פון סיציליען. שוין זייט אַ היבשער צייט איז סיציליען געוועזען בעזעצט מיט גריכען, און נאָר זעהר וועניגע פּלעצער און האַפענס זיינען געבליבען ביי די קאַרטהאַגער. דאָרט האָט זיך ווידער- האָלט די זעלבע געשיכטע וואָס אין פּאַטערלאַנד: די דאָריער האָבען זיך גערי- סען שטענדיג מיט די יאָניער. און דער סוף איז געווען, דאָס די דאָרישע ס י ר אַ ק וּ ז האָט די גאַנצע אינזעל אונטער איהר מאַכט אונטערגעוואָרפען. אַטהען איז געקומען די יאָניער צו הילף. פיעלע פון די עלטערע בירגער האָ- בען פּראָטעסטירט געגען דעם, ווייל מען האָט געוויס גערעכענט, דאָס די ספּאַרטאַנער וועלען שטיצען אַ דאָרישע קאָלאָניע. אָבער אַלקיביאַדעס האָט געוואוסט, ווי אַזוי אויסצונוצען דאָס גליק, וואָס שטעהט פאַר אַטהען, ווען זי וועט בעהערשען סיציליען, און מיט דער הילף פון זיינע אַנהענגער האָט ער דורכגעפיהרט, דאָס אין יאָהר 450 פ. קר. האָט אַטהען געשיקט אַ גרויסע פלאָטע פון 100 דריי=רודערדיגע שיפען מיט 3,000 שווער בעוואָפענטע סאָלדאַטען, אויסער אַ גרויסע מענגע פון לייכט בעוואָפענטע און שליידערער. דריי קאָמאַנדירען: אַ ל ק י ב י אַ ד ע ס זעלבסט, נ י ק י אַ ס און ל אַ- מ אַ כ וּ ס האָבען ערהאַלטען די קאָמאַנדע איבער די גאַנצע זעע=מאַכט פון אַטהען. צו דיזער זיינען אין קאָרציראַ צוגעקומען נאָך 36 שיפען און קריגער, וואָס די בונד=חברים האָבען געשיקט.

דער אָנפאַנג פון דעם קריג איז געווען גליקליך פיר די אַטהענער. זיי האָבען איינגענומען אַ רייהע פון שטעדט, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם מזרח=ברעג פון סיציליען. פּלוצלונג איז געקומען אַ בעפעהל פון אַטהען, דאָס אַלקיביאַדעס זאָל זיך אומקעהרען אין אַטהען אום זיך צו פערטיידיגען פאַר'ן געריכט. מען האָט איהם בעשולדיגט, דאָס ער האָט בעליידיגט מיט אַ

געוויסער טאַט די הערמען (ד. ה. די געטער־בילדער) און האָט בעגאַנגען נאָך איינינע רעליגיעזע פערברעכענס. אַלקיביאַדעס האָט געוואוסט, דאָס איהם ערוואַרטעט דערפאַר די טויט־שטראָף, האָט ער בעשלאָסען צו ענטלויפען און זיך איבערגעבען צום שוץ פון די גרעסטע פיינד פון אַטהען — צו ספּאַרטאַ. אין ספּאַרטאַ האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס מען האָט איהם אין אַטהען ווירקליך צום טויט פעראורטיילט, און דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון אַטהען און העלפען ספּאַרטאַ בעקעמפען אַטהען.

פריהער פון אַלץ האָט ער פאָרגעשלאָגען די ספּאַרטאַנער צו שיקען א טיכטיגען קאָמאַנדיר צו די סיראַקוזאַנער, וועלכע זיינען געווען בעלאַגערט פון די אַטהענער, און דיזער קאָמאַנדיר זאָל די פערטיידיגונג פיהרען מיט מעהר קריגס־קונסט, ווי זי איז ביז יעצט געפיהרט געוואָרען. די ספּאַרטאַנער האָבען געפאָלגט זיין עצה און האָבען געשיקט אַלס קאָמאַנדיר א געוויסען ג י ל י פּ פּ ו ס. דיזער האָט זיין אויפגאַבע גיך און געלונגען אויסגעפיהרט. די אַטהענער האָבען געמוזט זיך צוריקציהען פון בעלאַגערן סיראַקוז. עס האָט זיי אויך ניט געהאָלפען די הילף, וואָס ד ע מ אָ ס ט ה ע נ ע ס האָט זיי געבראַכט: 75 שיפען און 5,000 האָפּליטען. דאַמאָלס האָט זיך גראָדע געמאַכט א מאָנד־פינסטערניס (לקוי לבנה), און די וואָהרזאָגער האָבען געראַטען דעם פאַנאַטישען ניקיאַס ניט אָפּטרעטען באַלד מיט דער פלאָטע צוריק נאָך אַטהען, נאָר ער זאָל אָפּוואַרטען 3 מאָל צו ניין טעג, ד. ה. 27 טעג, און נאָך דעם זאָל ער ענטשיידען, אויב ער זאָל צוריקציהען מיט דער פלאָטע אָדער ניט. די לאַגע פון די אַטהענער איז געוואָרען ערגער מיט יעדען טאָג. די סיראַקוזאַנער האָבען זיך דערוואוסט פון דער אורזאַך, וואָרום די אַטהענער ציהען זיך ניט צוריק, און האָבען געטאָן אַלץ וואָס מעגליך איז אום דעם פיינד אין גאַנצען צו פערניכטען. אויף דעם דריטען טאָג נאָך דעם נאַרישען און אונגליקליכען בעשלוס פון דעם אַבערגלויבישען ניקיאַס זיינען די סיראַקוזאַנער אַרויסגעטרעטען אין א שלאַכט געגען די אַטהענער אויף'ן ים און אויף דעם לאַנד. אין דיזער שלאַכט זיינען פערניכטעט געוואָרען 18 אַטהענישע שיפען און דער קאָמאַנדיר עאורימעדאָן איז טויט געפאַלען. דאָס ערגסטע פיר די אַטהענער איז געווען, וואָס די סיראַקוזאַנער האָבען פערשפּאַרט פיר זיי דעם אַרויסגאַנג פון האַפען און דאָס פרייע מעער.

ניקיאַס איז יעצט געווען אין א קריטישער לאַגע און האָט בעשלאָסען צו אונטערנעהמען א בעדייטענדע ים־שלאַכט. ער האָט אויפגעגעבען די בעפעסטיגטע ערטער, אויסער איין איינציגען פונקט, וועלכער איז געווען בעשטימט פיר די אויפנאַהמע פון קראַנקע און פיר געפעק. דאָס גאַנצע מיליטער

האָט ער אריינגענומען אין די שיפען. אָבער שיפען האָט ער דאַמאָלס שוין געהאַט ניט מעהר ווי 110. די ערסטע זאַך האָבען די אַטהענער גענומען צו שטרייטען מיט די, וואָס האָבען זיי פערשפּאַרט דעם וועג ארויסצוגעהן אויף'ן פרייען ים. אָבער דיזע מיה איז געווען אומזיסט. זיי זיינען באַלד ארומגערינגעלט געוואָרען פון אַלע זייטען, אַזוי דאָס פיר זיי איז קיין רעטונג ניט געבליבען. אין אַ קורצער צייט האָבען זיי פערלאָרען די העלפט פון זייערע שיפען. עס איז פיר זיי אונמעגליך געוואָרען זיך דורכברעכען אַ וועג אין ים, און דאַרום האָבען זיי בעשלאָסען זיך רעטען דורך די לאַנד־זייט, זיך ווענדען צו די שטעדט אויף'ן אינזעל, וואָס זיינען געווען פריינדליך צו אַטהען.

אָבער אויך דיזער פּלאַן איז דורכגעפאַלען. הערמאָקראַטעס האָט געשיקט אייניגע לייט צו ניקיאַס'ן אַלס פריינד איהם צו ראַטען זיך אָפּהאַלטען אייניגע טעג מיט זיין פּלאַן, ביז זיי וועלען האָבען פרייע דורכגאַנג־ערטער. ניקיאַס האָט אָנגענומען דעם ראַט, און דאָס איז געווען זיין אונגליק. דערווייל האָט דער פיינד געהאַט די מעגליכקייט צו פערשטעלען אַלע וועגען פיר די אַטהע-נער זיך צו רעטען. דערצו האָט דאָ זיי שוין אָנגעהויבען פעהלען לעבענס־מיטלען. דער פיינד האָט פריהער פון אַלץ אָפּגעשניטען דעמאָסטהענעס'ן מיט זיינע 6,000 מאַן פון דער הויפּט־אַרמעע פון די אַטהענער, האָט איהם ארום-גערינגעלט פון אַלע זייטען און ער מיט זיינע לייט זיינען אריינגעפאַלען צום פיינד אין די הענט. אַ טאָג שפּעטער האָבען די סיראַקוזאַנער אויך די הויפּט־אַרמעע דערגרייכט. פערפאָלגט פון פיינד האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען אין טייך אַזינאַרוס. די סיראַקוזאַנער האָבען אויף זיי דאָן געשאָסען מיט זייערע פיילען און האָבען פיעלע צו'הרג'עט, פיעלע זיינען אויך דערטרונקען געוואָרען. מעהר ווי העלפט מיליטער פון די אַטהענער איז דאָ פערניכטעט געוואָרען. נאָר אַלס ניקיאַס האָט זיך אונטערגעגעבען האָט גיליפּפּוס אָפּגע-האַלטען די פערניכטונג פון די אַטהענער.

די סיראַקוזאַנער האָבען פעראורטיילט ניקיאַס'ן צוזאַמען מיט דעמאָס-טהענעס'ן צום טויט. גיליפּפּוס האָט געוואָלט זיי רעטען, אום צו בעשענען דורך זייער געפאַנגענשאַפט זיין טריאומף־צוג אין ספּאַרטאַ. אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען. די איבריגע געפאַנגענע, אונגעפעהר 7,000 מאַן, האָ-בען די סיראַקוזאַנער פערשפּאַרט אין די ערטער, וואו מען פלעגט האַקען שטיי-נער ביי סיראַקוז. דאָרטען זיינען פיעלע צושטאָרבען פון היץ און פון דורסט. נאָר אַ קליינער טייל האָט זיך גערעטעט. פיעלע זיינען פערקויפט געוואָרען פיר שקלאַפען. דאָס איז געווען דאָס ענדע פון דער ריזיגער אונטערנעהמונג פון אַטהען (413 פּ. קר.).

אונטערגאַנג פון דער אַטהענישער אַרמעע אין סיציליען.

4) דער דעצעלעאישער קריג. (413—404 פ. קר.)

דאס אונגליק פון די אטהענער אין מערב האט זיך באלד געלאזט פיהלען אין מזרח־זייט. כמעט אלע בונד־חברים פון די אטהענער, ווי: כיאס, לעסבאס, מילעט, רהאדוס און ביצאנץ, זיינען אפגעפאלען פון זיי און האבען זיך אנגע־שלאסען אן ספארטא, וועלכע האט דאן אנגעפאנגען אטטיקא זעלבסט צו בע־אונרוהיגען. די ספארטאנער האבען נעמליך פערנומען די קליינע פעסטונג ד ע צ ע ל ע א, און האבען דורך דעם אפגעשניטען יעדען צופאהר. זיי האבען נאך מעהר געטאן. מיט דער הילף פון דעם פערסישען שטאטהאלטער אין קליין־אזיען, ט י ס ס א פ ע ר נ ע ס, האבען זיי ארויסגעשיקט א פלאטע און האבען אפגענומען פון אטהען די אינזעל ע א ו ב א א. מיט דיזען זיג האבען זיי אנגעהייבען אפשוואכען די זעע־מאכט פון אטהען. דאס אונגליק האט אנ־געפאנגען צו פערפאלגען דיזע בעריהמטע דעמאקראטישע רעפובליק, צו יענער צייט האט זיך געגרינדעט אין אטהען אן אליגארכישע פארטיי, ד. ה. א פאר־טיי, וואס האט געשטרעבט דערצו, די רעגירונג זאל איבערגעהן אין די הענט פון ווניגע פערזאנען. דער אנפיהרער פון דיזער בעוועגונג איז געווען פ י־ז א נ ד ע ר. ספארטא האט געהאלפען פיזאנדער'ן דערגרייכען זיין צוועק. ער האט די דעמאקראטיע אין גאנצען בעזייטיגט. די גאנצע ממשלה איז איבערגע־געבען געווארען צו א ר א ט פ ו ן פ י ע ר ה ו נ ד ע ר ט. וועלכער האט זיינע מיטגלידער אליין ערוועהלט. די צאהל פון שטימען, וואס האבען רעכט געהאט אנטייל נעהמען אין דער פאלקס־פערזאמלונג איז בעשרענקט גע־ווארען אויף 5,000. דאס מיליטער, וואס איז דאמאלס געשטאנען אויף דער אינזעל סאמאס, איז אפילו געווען געגען דיזער פערפאסונג, דאך האט דיזע פערפאסונג געדויערט לערך 4 מאנאטען.

אלקיביאדעס האט ווידער געהאלפען אטהען צו פערבעסערן איהר צו־שטאנד. די ספארטאנער האבען די לעצטע צייט אנגעווארען דאס צוטרויען צו אלקיביאדעס'ן, בעזונדערס נאך דעם, ווי ער האט פערפיהרט די פרוי פון דעם באזילעאוס (קעניג) אגים. דיזעס האט געפיהרט דערצו, דאס אלקיביא־דעס האט אנגעקניפט אונטערהאנדלונגען מיט טיססאפערנעס'ן, דעם פער־סישען שטאטהאלטער אין קליין־אזיען. ער איז באלד אוועק אהין און אנגעהויבען צו פיהרען א לעבען פון גרויס לוקסוס און האט זיך נאכגעגעבען אלע זיינע תאוות נאך דעם אזיאטישען שטייגער. טיססאפערנעס איז גיך געווארען זיין פריינד און באלד אויך זיין ווערקצייג. אלקיביאדעס האט דורך איהם דורכגעפיהרט זיינע פאליטישע פלענער. די ערסטע זאך האט

ער געזעהן דורכצופיהרען, דאָס די פריינדשאפט צווישען פּערסיען און ספּאַרטאַ זאָל אָפּגעשאַפּט ווערען. ער האָט טיססאַפערנעס'ן איינגערעדט, דאָס די אינטערעסען פון פּערסיען פאָרדערן, דאָס אַטהען און ספּאַרטאַ זאָלען זיך רייסען צווישען זיך, אום קיינע פון זיי זאָלען ניט שטאַרק ווערען. מיט פערשיידענע וועגען האָט ער דורכגעפיהרט, דאָס ער איז צוריקגערופען גע־וואָרען פון דער אַטהענישער פלאָטע, וואָס איז געשטאַנען פאַר סאַמאָס, אום אַן אמט איבערצונעהמען. דורך אַ בעגייסטערטע רעדע האָט ער באַלד אין דער פלאָטע געוואונען פולען צוטרויען, און איז גלייך ערוועהלט געוואָרען צום אויבער־קאָמאַנדיר.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכען אַ בונד צווישען טיססאַפערנעס'ן און אַטהען, אָבער צוליב פערשיידענע אורזאַכען איז דאָס איהם ניט געלונ־גען. ער האָט בעשלאָסען צו אַרבייטען געגען ספּאַרטאַ און געגען איהרע בונד־חברים. ער האָט ערסטענס אויפגעזוכט די ספּאַרטאַנישע פלאָטע און אין איינציגע שטרייטען ביי קינאָססעמאַ (ניט ווייט פון רהאָדוס) איז עס איהם געלונגען אין גאַנצען זי צו פערניכטען (411 פ. קר.). אַ יאָהר שפּעטער האָט ער ווידער בעזיגט די ספּאַרטאַנער ביי צ י צ י ק ו ם אויף'ן וואַסער און אויף דעם לאַנד. פיעלע שטעדט, ווי ביצאַנץ, כאַלצעדאָן און אַנדערע האַפען־שטעדט, האָבען זיך אונטערגעגעבען אונטער איהם (409 פ. קר.). נאָך דיזע אַלע העלדענטאַטען האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך אַטהען, וואו די דע־מאָקראַטיע איז ווידער איינגעפיהרט געוואָרען, הגם מיט איינינע בעשרענ־קונגען. דאָס פאָלק האָט איהם אויפגענומען מיט אַן אונבעשרייבליכער פרייד אַלס דעם רעטער פון דער פאָטער־שטאָדט. מען האָט איהם געמאַכט פיר אויבער־קאָמאַנדיר פון דער פלאָטע און פון דער לאַנד־אַרמעע. מען האָט באַלד אַריינגעוואָרפען אין ים די זייל, אויף וועלכער עס זיינען געווען אויס־געשריבען זיינע זינד. ער האָט אויך בעקומען צוריק זיין פערמעגען, וועלכעס איז געווען קאָנפיסקירט פון דער רעגירונג. אָבער אין איינינע מאָנאַטען שפּעטער האָט ער ווידער זיין אמט פערלאָרען דערפאַר, וואָס איינער פון זיינע אונטער־בעאַמטע האָט געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע ביי עפעסוס. און הגם אַלע האָבען געוואוסט, דאָס אַלקיביאַדעס האָט קיין שולד ניט געהאַט אין דיזער נידערלאַגע, דאָך האָט ער אָנגעוואָרען זיין חן ביים פאָלק. דאָס האָט איהם זעהר געקרענקט און ערביטערט. ער האָט זיך זעלבסט אָפּגע־זאָגט פון אַלץ, האָט פרייוויליג פערלאָזען זיין פאָטערלאַנד און האָט זיך בעזע״ט אין טהראַציען אַלס אַן אונאָפּהענגיגער פּריוואַט־מאַן.

דער שטערן פון גליק האט נאך א מאל א לייכט געטאן פיר אטהען. די ספארטאנער האבען אונטער דער אנפיהרונג פון ק א ל ל י ק ר א ט י ד א ס פערניכטעט 30 אטהענישע שיפען, און די איבריגע שיפען פון דער פלאטע האבען זיי פערשפארט אין האפען פון מיטילענע. די אטהענער האבען די לעצטע קרעפטען אנגעווענדעט זיך צו בעפרייען. אין פערלויף פון 30 טעג האט עס זיי געלונגען צוזאמענצושטעלען 110 שיפען מיט מיליטער, און צו זיי זיינען נאך צוגעשטאנען פיעלע פון זייערע בונד־חברים. ביי די א ר־ג י נ ו ז ע ן, אן אינזעל־גרופע ניט ווייט פון דער אינזעל לעסבאס, איז פארגעקומען א בלוטיגע שלאכט, אין וועלכערביידע זייטען האבען געהאט שטארקע פערלוסטען. אבער דאס ענדע איז געווען, דאס קאלליקראטידאס איז געפאלען טויט, און די אטהענער האבען געזיגט. אבער די קאמאנדירען, וואס האבען געזיגט, האבען גאר ניט גענאסען פון זייער זיג, ווייל זיי האבען גרעסטענטיילס געהערט צו די אריסטאקראטען פון אטהען און דאס פאלק האט בעטראכט זייער איינפלוס אלס געפעהרליך פיר די דעמאקראטיע. מען האט זיי בעשולדיגט, דאס זיי האבען ניט געהאלפען די מאטראזען, וואס האבען גע־ליטען שיף־ברוך, זיך צו רעטען, און האבען זיך קיינע מיה ניט געגעבען די דערטרונקענע צו קבורה צו ברייננגען. די קאמאנדירען האבען זיך פערטיי־דיגט דערמיט, וואס א שטארקער שטורם האט זיי געשטערט דאס אלץ צו טאן, אבער עס האט זיי ניט געהאלפען. מען האט זיי פעראורטיילט צום טויט, און זיי האבען געמוזט טרינקען דעם גיפט־בעכער. נאר צוויי פון זיי איז עס געלונגען צו ענטלויפען און זיך רעטען פון טויט.

נאך דער שלאכט ביי די ארגינוזען האבען די ספארטאנער ווידער ער־וועהלט צום אויבער־קאמאנדיר זייער פאריגען קריגס־פיהרער ליזאנדער, וועל־כער האט דורך זיין קלוגע פאליטיק און ענערגישע קריגס־פיהרונג געשיינט צו זיין בערופען צו פערשאפען ספארטא די אויבערהערשאפט איבער גאנץ גרי־כענלאנד, בעזונדערס איבער אטהען. הגם ער האט געשטאמט פון ארימע עלטערן, האט ער דאך געוואוסט די קונסט ווי צו האנדלען מיט אלערליי מענשען און דערצו האט ער געהאט א געזונדען פערשטאנד אויסצורעכנען אלע אומשטענדען ביי יעדער פון זיינע אונטערנעהמונגען. ער איז אפילו ניט געווען אזא גרויסער זשעניע ווי אלקיביאדעס, אבער ער האט דערפאר גוט געקענט אויסרעכנען און בעשליסען, וועלכע הויפט־מיטלען צו געברויכען אין קריטישע מאמענטען. דערצו האט ער בעזעסען אן אונגעוועהנליכען מוט צו געברויכען די מיטלען, וועלכע ער האט געפונען פיר גוט און ניצליך, ניט אכטענדיג און ניט פירכטענדיג, ווען אפילו דיזע מיטלען זיינען גע־

ווען געגען די אַלע ספּאַרטאַנישע מנהגים, וועלכע זיינען געוועזן אַזוי שטאַרק פערהייליגט ביי זיי. זיין שטענדיגעס ווערטעל איז געוועזן: „ווען די לייבען־פעל העלפט ניט מוז מען דערצו דעם פוקסען־פעלץ אָנטאָן (ד. ה. וואו די קראַפט העלפט ניט, מוז מען געברויכען שלויהייט) און וואו די וואהרהייט גילט ניט, איז רעכט צו געברויכען און אָפּנאַרען דעם געגנער מיט אַ פאַלשער שבועה".

ער האָט באַלד געוויזען, ווי דיזע רעגלען זיינע בריינגען גוטע רעזולטאַטען. פריהער פון אַלץ האָט ער דורכגעפיהרט דעם פּלאַן צו שליסען אַ בונד מיט דעם נייעם פּערסישען שטאַטהאַלטער אין קליין־אַזיען, צ י ר ו ס דעם א י נ ג ע ר ע ן, וועלכער האָט פערביטען דעם פריהערדיגען שטאַאַט־האַלטער טיססאַפערנעס. דורך דיזען בונד איז איהם געלונגען צו בעקומען פון פערסיען אַ גרויסע סומע געלט־שטיצע. מיט דיזע מיטלען האָט ער פערגרעסערט דעם געהאַלט פון זיינע סאַלדאַטען, אַ זאַך, וואָס איז דאַמאַלס זעהר נעטיג געוועזן, און האָט דערמיט אויך פיעלע אַטהענער אויף זיין זייט געוואונען. נאָכדעם האָט ער איינגענומען די שטאָדט לאַמפּסאַקוס און האָט זיך געשטעלט געגען דער אַטהענישער פלאָטע, וועלכע איז דאַמאַלס געשטאַנען ניט ווייט פון סעסטוס. די לאַגע פון דער אַטהענישער פלאָטע איז דאַמאַלס געוועזן אין יענעם אָרט זעהר ניט גינסטיג. דערצו איז נאָך די צאָהל פון דער מאַנשאַפט אין דער ספּאַרטאַנישער פלאָטע געוועזן פיעל גרעסער, ווי ביי די אַטהענער, וועלכע זיינען נאָך צו אַלעם דעם ניט געוועזן פעראייניגט צווישען זיך, ווי עס געהערט צו זיין, ווייל דער פּאַרטייען־האַס האָט געהערשט צווישען זיי אין דער פלאָטע, ווי אין דער היים. דערצו זיינען זיי געוועזן זעהר נאַכלעסיג, האָבען גאָר ניט געטראַכט וועגען זייער לאַגע און האָבען זיך צושפּרייט אין דער אומגעגענד צו זוכען לעבענס מיטלען.

ליזאַנדער האָט געוואוסט זיך צו בענוצען מיט דיזער נאַכלעסיגקייט. ער איז זיי אונערוואַרטעט בעפאַלען און האָט פערניכטעט אין גאַנצען זייער לעצטע מאַכט. ער האָט גאַנצע מחנות פון די אַטהענער צו'הרג'עט, גאַנצע מחנות פיר שקלאַפען פערקויפט. די שיפען האָט ער צושטערט כמעט אָהן אַ שום ווידערשטאַנד פון די אַטהענער. נאָר אַכט דריי־רודערדיגע שיפען און איין שנעלעס זעגעל־שיף, וועלכעס האָט די טרויעריגע נאַכריכט אין אַטהען געבראַכט, זיינען איבערגעבליבען, אַלע אַנדערע 170 שיפען זיינען אריינגעפאַלען אין די הענט פון די ספּאַרטאַנער. די געפאַנגענע האָבען די ספּאַרטאַנער אין לאַמפּסאַקוס געטויט.

דיזע שלאכט האט די מאכט פון אטהען אויף אימער געבראכען. אויך די שטאדט איז אונמעגליך געווען צו רעטען. ליזאנדער האט אונטערוואָרפען אונטער ספארטא אלע שטעדט און אינזלען, וועלכע זיינען פריהער געווען פערבונדען מיט אטהען. נאכדעם האט ער צוזאמען מיט אגיס'ן, דעם בא־זילעאוס פון ספארטא, בעלאגערט אטהען. אין שטאדט האבען זיך געפונען זעהר פיעלע מענשען, וועלכע האבען זיך גערעטעט פון אנדערע ערטער און געקומען אין אטהען צו געפינען שוץ. דער פיינד האט אבער אפגעשניטען יעדען צופיהר און דאס פאלק אין אטהען האט באלד אנגעהייבען ליידען הונגער. דיזע לאגע האט זיי געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צום פיינד אהן א שום בעדינגונג (ענדע מאנאט אפריל, פון יאהר 404 פ. קר.). די ספארטאנער האבען צוגענומען אלע זייערע שיפען, האבען צושטערט אלע מויערן און פעסטונגען פון דער שטאדט, האבען אפגעשאפט די דעמאקראטיע און האבען איינגעפיהרט אן אליגארכיע פון 30 מענער פון אדעל, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען „די דרייסיג" אדער „די דרייסיג טיראנען". דיזע 30 הערשער זיינען געווען איבערגעגעבען צו די ספארטאנער, פון וועלכע זיי האבען ערהאלטען אונבעשרענקטע מאכט איינצואָרדנען א רעגירונג און אריסטאקראטישען זין. מיר וועלען זעהן, ווי זיי האבען דיזע אויפגאבע ערפילט.

דערמיט האט זיך געענדיגט דער פעלאפאננעזישער קריג, וועלכער האט געדויערט 27 מיט א האלבען יאהר. דיזער קריג איז א זעהר אינטערעסאנ־טעס און בעלעהרענדעס קאפיטעל פון דער וועלט־געשיכטע. דיזער קריג לערנט אונז, דאס דער חורבן, די רואין פון א לאנד קומט מעהר פון דער אינערליכער אונארדנונג און צופוילטקייט איידער פון דער גרעסערער שטארק־קייט פון פיינד. מיר האבען שוין פריהער געזעהן, דאס אטהען האט געהאט א גרויסע מענגע ניט־בעשעפטיגטע ארבייטער, און דאס איז געווען דאס הויפט אונגליק פון אטהען. וויל גראדע דיזע ארימע לעדיג־געהער, די לומ־פען־פראלעטאריער, האבען אריינגעכאפט אין זייערע הענט די גאנצע ממשלה; די איבריגע בירגער, וועלכע האבען צוזאמען מיט דיזע פראלעטאריער גע־פיהרט דאס רעדעל פון דער רעגירונג, זיינען געווען די רייכע קלאס, וועלכע האט געהאט גענוג פרייע צייט צו אפגעבען זיך צו כלל־זאכען. די לומפען־פראלעטאריער זיינען אימער בערייט צו פערקויפען זייערע שטימען צו דעם, ווער עס בעצאהלט גוט. די רייכע האבען זיי ווירקליך געגעבען ברויט און צייט־פערטרייב זיך צו אמוזירען, און האבען דורך דעם געוואונען זייערע שטי־מען און דורך זיי אויסגעפיהרט וואס זיי האבען געוואלט. די רייכע האבען עס

געהאַט די מעגליכקייט צו טאָן, ווייל זיי האָבען געהאַט אומזיסטע ארבייטער אין די שקלאַפען, וועלכע האָבען גיליפערט אַלע מיטלען דערצו. אום די פראָלעטאַריער זאָלען ארויס פון אונטער דעם איינפלוס פון די רייכע האָט דער שטאַאַט אָנגעפאַנגען זיי צו בעצאָהלען פיר זייער אָנטייל און די פאָלקס-פערזאַמלונגען, אין די געריכטס-פערזאַמלונגען א. אז. וו. פון וואַנען אָבער האָט די רעגירונג בעקומען דיזע מיטלען? מען האָט ארויפגעלעגט שטייער אויף די בעמיטעלטע, וועלכע האָבען געהאַט גענוג שקלאַפען, זיי זאָלען דאָס אַלעס אויסארבייטען. דאָס צווייטע מיטעל פיר דיזע אונגעהייערע אויסגאַבען איז געווען דער טריבוט, וואָס די בונד-חברים האָבען געצאָהלט.

דיזע איינפיהרונג האָט געפיהרט דערצו, דאָס ארבייטער האָבען זיך אויפגעהערט צו קימערן וועגען ארבייט, האָבען געזוכט צו מישען זיך אין פאָליטיק און קריגען דערפאַר געהאַלט, ווייל אזא בעשעפטיגונג איז פיעל גרינגער, ווי ארבייטען. דורך דעם האָט די דעמאָקראַטיע פערלאָרען די שטיצע פון איהר עקסיסטענץ. די שטיצע פון דער דעמאָקראַטיע זיינען געווען די ארבייטער-קלאַס און די פויערים. קוים האָבען דיזע אויפגעהערט צו ארבייטען און האָבען אָנגעפאַנגען צו מישען זיך אין פאָליטיק פיר געצאָהלט, זיינען זיי געוואָרען איינס מיט די לומפען-פראָלעטאַריער און האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו פערקויפען זייערע שטימען פיר געלט. דיזער צושטאַנד האָט געמוזט פיהרען צו דעם אונטערגאַנג פון דער פאָלקס-פרייהייט.

אין גרונד גענומען איז עס נאָר די שקלאַפעריי, וועלכע האָט געבראַכט די מפלה פיר אַטהען. דורך די ביליגע שקלאַפען-ארבייט זיינען פיעלע ארבייטער געגאַנגען לעדיג און קליינע פאַבריקאַנטען זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון געשעפט און געוואָרען לומפען-פראָלעטאַריער. דערפון זעהען מיר, דאָס ניט די דעמאָקראַטיע האָט רואינירט אַטהען, ווי אַנדערע בעהויפּטען, נאָר די שקלאַפעריי, וועלכע האָט גערויבט די ארבייט ביי די פרייע בירגער.

ח. די איבערהערשאַפט פון די ספּאַרטאַנער. (404—387 פ. קר.).

1) די דרייסיג טיראַנען אין אַטהען (404—403).

נאָך דעם, ווי אַטהען איז געפאַלען, זיינען די ספּאַרטאַנער געוואָרען די איינציגע הערשער און זיינען געוואָרען שרעקליך דעספּאָטיש. איבעראַל האָבען זיי איבערגעמאַכט די געזעצען פון דער רעגירונג און האָבען איינגעפיהרט אַריסטאָקראַטישע רעגירונגען. דאָס זעלבע האָבען זיי אויך אין אַטהען געטאָן. זיי האָבען דאָרטען איינגעפיהרט אַן אָליגאַרכיע פון 30 אַריסטאָקראַ-

טען. עס קען זיין, דאָס די דעספּאָטישע רעגירונג אין אַטהען וואָלט עקסיס-טירט אַ לענגערע צייט, ווען די 30 טיראַנען וואָלטען ניט איבערגעבאָפּט די מאָס. די טיראַנען האָבען איינגעפיהרט אַ שרעקענס־רעגירונג, אַ טעררער, און דערמיט האָבען זיי אַליין אויף זיך געבראַכט אַ גיכע מפּלה. פריהער פון אַלץ האָבען זיי בעשלאָסען אַפּראַמען פון וועג אַלקיביאַדעס'ן, אויף וועלכען די דעמאָקראַטען האָבען נאָך געהאָפט, ער זאָל זייער הערשאַפט צוריק אויפ-שטעלען. אַלקיביאַדעס האָט נאָך דעם פאַל פון אַטהען זיך בעגעבען צום פּערסישען שטאַטהאַלטער פאַרנאַבאַצוס, אום דורך זיין הילף זיך צושלאָגען צום קעניג אַרטאַקסערקסעס, פון וועלכען ער האָט געהאָפט צו בעקומען הילף צו בעפרייען זיין פאָטער־שטאָדט אַטהען פון ספּאַרטאַנישען יאָך. די ספּאַר-טאַנער האָבען זיך אָבער אין צייט דערוואוסט פון דעם, און האָבען אונטער-געקויפט פאַרנאַבאַצוס'ן צו ערמאָרדען אַלקיביאַדעס'ן. אַ מחנה פּערסישע סאָלדאַטען האָבען אַרומגערינגעלט דאָס הויז, אין וועלכען אַלקיביאַדעס האָט זיך געפונען, האָבען עס אונטערגעצונדען, און ווען ער איז אַרויסגעלאָפען פון הויז אום זיך צו רעטען פון פייער, האָט מען אין איהם אַריינגעשאָסען אַ פייל און ער איז געפאַלען טויט (404 פ. קר.). אַלקיביאַדעס איז דאַמאָלס אַלט געוועזען 46 יאָהר. אַ מיידעל האָט איהם איינגעוויקעלט אין איהרען אַ קלייד און האָט איהם צו קבורה געבראַכט.

די 30 טיראַנען האָבען זיך דאַן גענומען פערפאָלגען יעדען, וועלכער האָט אויף זיך געהאַט דעם קלענסטען חשד, דאָס ער איז גענייגט צו דע-מאָקראַטיע, ווי אויך אַלע רייכע, וועלכע האָבען אין זיי ערוועקט קנאה דורך זייערע גרויסע פערמעגענס. געשטיצט אויף די ספּאַרטאַנישע חיל, וואָס איז געשטאַנען אין אַקראָפּאָליס (פעסטונג פון אַטהען), האָבען זיי געטויט 1,500 בירגער, אויף וועלכע זיי האָבען אַרויפגעוואָרפען אַ חשד, דאָס זיי וועלען שטערען די רוהע פון דער רעגירונג. איבער 5,000 בירגער האָבען זיי פער-שיקט. איינער פון די אָליגאַרכען זעלבסט האָט פּראָטעסטירט געגען די גרוילטאַטען, ער האָט זיי געוואָרנט, דאָס דיזע האַנדלונג וועט זיי סוף כל סוף זעלבסט שטירצען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט איהם צום טויט פעראורטיילט אַלס געגנער פון דער נייער רעגירונגס־אָרדנונג. ער האָט געמוזט טרינקען דעם גיפט־בעכער און איז געשטאָרבען.

גאַנץ גריכענלאַנד איז געוואָרען אויפגעבראַכט אויף די שרעקליכע מער-דערייען פון די ספּאַרטאַנער. איבערהויפּט זיינען געוואָרען אויפגערייצט די טהעבאַנער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו פירכטען, דאָס זיי וועלען זייער זעלבשטענדיגקייט פערלירען. זיי האָבען אויפגענומען ביי זיך די ענטלאָפענע

אַטהענער און האָבען זיי בעשיצט פון דער פערפאָלגונג פון די 30 טיראַנען. אַפילו ווען די ספּאַרטאַנער האָבען זיי געדראָהט מיט שווערע שטראָפען, אויב זיי וועלען ניט אַרויסגעבען די ענטלאָפענע, האָבען זיי עס דאָך ניט געטאָן.

אַלקיביאַדעס'עס טויט.

די טהעבאַנער האָבען געהאָלפען דעם בראַווען דעמאָקראַט טהראַזיבולוס איינ-צונעהמען די אַטטישע גרענעץ־פעסטונג. טהראַזיבולוס האָט געהאַט עטליכע גליקליכע זיגען איבער די טרופען פון די 30 טיראַנען און האָט אַריינגעכאַפּט

אין זיינע הענט דעם האפען פון אטהען, פיראֶוס. באלד נאך דעם איז עס געקומען צו אן ענטשיידענדער שלאכט, אין וועלכער די 30 טיראנען זיינען בעזיגט געווארען. דער הויפט אנפיהרער פון זיי, קריטיאס, מיט נאך 70 אנהענגער זיינען געפאלען אין דיזער שלאכט.

דיזער זיג פון די דעמאקראטען האט געצוואונגען ספארטא ארויסצושי־קען טרופען געגען טהראזיבולוס׳ן. דער פיהרער פון דיזע טרופען איז געווען ליזאנדער. די ספארטאנער אבער האבען מורא געהאט פאר טהראזיבו־לוס׳ן און האבען ארויסגעשיקט מעהר סאלדאטען אונטער דער לייטונג פון פאוזאניאס׳ן. דיזעס איז געווען א גליק פיר טהראזיבולוס׳ן, ווייל פאוזאנ־יאס, אנשטאט צו פיהרען א שטרייט מיט די דעמאקראטען, האט בעסער גע־מאכט שלום צווישען די אריסטאקראטען און די דעמאקראטען. אויף דעם גרונד פון דיזען שלום איז טהראזיבולוס אריין אין אטהען און האט איבער־א־נייס איינגעפיהרט די סאלאנישע פערפאסונג. צוזאמען מיט דעם שלום איז אויסגעשפראכען געווארען אן אלגעמיינע אמנעסטיע, ד. ה. א פערגעבונג פון אלע פאליטישע פערברעכענס. די 30 טיראנען זיינען געווען אויסגעשלא־סען פון דער אמנעסטיע. זיי האט מען בעשטימט עלעאוזיס אלס ארט צום וואוינען, אין אטהען אבער האבען זיי זיך ניט געטארט געפינען. ז׳ערביי איז געווען בעשטימט, דאס ווען זיי וועלען פרובען איבער־א־נייס זייער הערשאפט אין אטהען אויפשטעלען, זאלען זיי מיט׳ן טויט בעשטראפט ווערען און זייער לאנד זאל קאנפיסקירט ווערען.

2) דער פעלד־צוג פון דעם אינגערען צירוס. (401 פ. קר.)

אין דער זעלבער צייט האט זיך געטראפען דער בעריהמטער צוריק־צוג פון די צעהן טויזענד, וועגען וועלכען קסענאפאן האט אונז איבערגעלאזען אן אויספיהרליכען בעריכט. היסטאריקער האבען פון דיזען צוג געמאכט א גרויס וועזען, מיר אבער האלטען איהם ניט פיר זעהר וויכטיג און וועלען איבער איהם רעדען קורץ.

צירוס דער אינגערער האט זיך געלאזט פערפיהרען פון זיין מוטער פאריזאטיס צו מאכען אן אויפשטאנד געגען זיין ברודער דעם פערסי־שען קעניג ארטאקסערקסעס דעם 2טען. די ספארטאנישע רעגירונג האט איהם אין דיזער אונטערנעהמונג אין געהיים אונטערשטיצט. צירוס׳ן איז געלונגען צוזאמענצובריינגען אן ארמעע פון 100,000 אזיאטען און 13,000 גריכען. אין יאהר 401 פ. קר. האט צירוס ארויסגעטרעטען מיט זיין ארמעע פון סארדעס, וואס איז געווען זיין זאמעל־פונקט, און האט אונטערגענומען א

צוג געגען זיין ברודער ארטאַקסערקסעס. ביי דעם דאָרף קונאַקסאַ, אונגע-פעהר 10 מייל צו צפון פון בבל, האָבען זיך דיביידע פיינדליכע אַרמעען בעגעגענט און האָבען אָנגעפאַנגען אַן ענטשיידענדע שלאַכט. דער פליגעל, אין וועלכען די גריכען האָבען געקעמפט, האָט געזיגט און געצוואונגען דעם פיינד צו ענטלויפען, אָבער צירוס זעלבסט איז געפאַלען טויט אין דיזען שטרייט. ווען די אַזיאַטישע חיל האָבען זיך דערוואוסט פון צירוס׳עס טויט, זיינען זיי צולאָפען פון שלאַכט און דערמיט האָט זיך געענדיגט די גאַנצע אונטערנעהמונג.

די לאַגע פון די גריכישע טרופען איז דאַמאָלס געוועזן זעהר קריטיש. און די לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרען דורך דעם, וואָס טיססאַפערנעס האָט די גריכען בערויבט פון זייער פיהרער. טיססאַפערנעס האָט אָבער גע-האַט אַ טעות אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, דאָס ווי באַלד די גרי-כען וועלען בלייבען אָהן אַ פיהרער וועט ער זיי לייכט קענען בעזיגען. קסענאָ-פאָן, וועלכער האָט אין דיזען צוג אָנטייל גענומען אַלס פרייוויליגער, האָט זיך אונטערגענומען צו זיין דער פיהרער, ער האָט די גריכען ערמונטערט און זיי האָבען אָנגעפאַנגען זייער צוריקקעהר נאָך זייער היימאַט אונטער פיעלע שווע-ריגקייטען און געפאַהרען. ניט ווינסענדיג די לענדער, דורך וועלכע זיי האָ-בען געמוזט מאַרשירען צוריק, און זייענדיג פערפאָלגט פון די פערסישע טרופען, איז זיי אויסגעקומען צו וואַנדערן דורך גרויסע בערג און טיפע טייכען און דורך געגענדען, וועלכע זיינען געוועזן בעדעקט מיט טיפע שנעען. ענדליך האָבען זיי פון אַ הויכען אָרט דערזעהן דעם ים, וועלכען זיי האָבען שוין לאַנג מיט אַזאַ הייסען וואונש געוואָלט זעהן. אין טראַפעזונט האָבען זיך די גריכען צוטיילט. איין טייל איז אַוועק אַהיים דורך דאָס מעער און אַן אַנדער טייל דורך די יבשה. דיזע לעצטע זיינען געקומען אין ביצאַנץ און פון דאָרט נאָך טהראַציען, וואו זיי האָבען אריינגעטרעטען אין די קע-ניגליכע אַרמעע. נאָך דעם האָבען זיי אריינגעטרעטען אין די ספּאַרטאַנישע אַרמעע אונטער דעם קאָמאַנדיר ט ה י מ ב ר אָ ן, וועלכער האָט בעקומען דעם בעפעהל פון דער ספּאַרטאַנישער רעגירונג צו בעשיצען די גריכישע שטעדט אין קליין-אַזיען געגען דעם אָנגריף פון טיססאַפערנעס׳ן.

3) דער פערסיש-ספּאַרטאַנישער קריג. (400—394 פ. קר.)

דער פערסישער קעניג אַרטאַקסערקסעס ד ע ר 2 ט ע ר האָט בע-שטימט טיססאַפערנעס׳ן פיר שטאַטהאַלטער פון קליין-אַזיען אָנשטאָט צירוס דעם אינגערען, אַלס דאַנק פיר די גרויסע דינסטען, וואָס ער, טיססאַפערנעס,

האָט איהם געצייגט אין דעם אויפשטאַנד פון צירוס'ן. די ערסטע ארבייט זיי־נע איז געווען באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין קליין־אזיען אַלס שטאַטהאַל־טער, צו אונטערוואַרפען אונטער פּערסישע מאַכט די יאָנישע שטעדט, וועלכע זיינען געווען זעלבשטענדיג. די ספּאַרטאַנער האָבען די אָנגעגריפענע שטעדט פיעל געהאָלפען געגען טיססאַפערנעס'ן. ספּאַרטאַ האָט נעמליך געשיקט 1,000 העלאָטען, וועלכע האָבען בעקומען בירגער־רעכט פיר זייער פריהער־דיגען קריגס־דינסט, ווי אויך 4,000 מאַן פון אַנדערע שטאַאטען פון פּעלאָ־פּאָננעזוס אונטער דעם אויבער־בעפעהל פון דעם דערמאָהנטען טהימבראָן נאָך קליין־אזיען אין הערבסט פון יאָהר 400 פ. קר. צו בעשיצין די גריכען געגען דעם אָנגריף פון די פּערסיער. טהימבראָן האָט אַפילו געקעמפט מיט ערפאָלג, ער האָט אָבער ניט גוט פערשטאַנען די קונסט פון בעלאַגערונג. אויסער דעם האָט ער זעהר שלעכט בעהאַנדעלט פיעלע שטעדט אין קליין־אזיען, וועלכע זיינען געווען געניינט צו ספּאַרטאַ, און דיזע האָבען איהם פערקלאָגט פאַר די ספּאַרטאַנער. טהימבראָן איז צוריקגערופען געוואָרען און אויף זיין אָרט האָט ספּאַרטאַ געשיקט דערקיללידאַס'ן, וועלכער איז געווען פיעל מעהר געשיקט און מעהר שלוי פון זיין פאָרגעגנער. ער האָט גע־פיהרט דעם קריג מיט מעהר גליק, און האָט געשלאָסען מיט טיססאַפערנעס'ן א גינסטיגען וואַפען־שטילשטאַנד.

אין יענער צייט איז אין ספּאַרטאַ פאָרגעקומען א גאַנצע רייהע פון ענדע־רונגען, וועלכע האָבען געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף די בעציהונגען פון ספּאַרטאַ צו פּערסיען. נאָך דעם טויט פון דעם ספּאַרטאַנישען באַזילעאוס אַגיס האָט ליזאַנדער דורכגעפיהרט, דאָס מען זאָל ערוועהלען אַלס נאָכ־פאָלגער פון אַגיס'ן, ניט זיין זוהן, וועלכען זיין פאָטער האָט געהאַלטען פיר א ממזר פון אַלקיביאַדעס'ן, נאָר זיין, אַגיס'עס, הינקעדיגען ברודער, א ג ע־ז י ל א ו ס. ליזאַנדער האָט געהאָפט, דאָס אַגעזילאַוס וועט זיין אין גאַנצען איבערגעגעבען און אונטערטעניג צו איהם, ערסטענס, ווייל ער איז א קריי־פּעל, און צווייטענס, אויס דאַנקבאַרקייט צו איהם, וואָס ער האָט איהם צום באַזילעאוס געמאַכט, און דריטענס, ווייל ער האָט איהם געהאַלטען פיר א מענשען מיט א רוהיגען, שטילען און נאָכגעביגען כאַראַקטער. ליזאַנדער האָט אָבער באַלד דערזעהן זיין טעות. אַגעזילאַוס איז געווען צו פיעל עהר־גייציג און ענערגיש, ער זאָל וועלען זיין א ווערקצייג אין פרעמדע הענט, און אויסער דעם האָט ער באַלד אַרויסגעצייגט גרויסע פעהיגקייטען אין קריגס־קונסט, און האָט זיך שנעל געמאַכט א נאָמען אַלס דער גרעסטער קריגס־מאַן אין ספּאַרטאַ, און אַלס איינער פון די גרעסטע מענער אין דער

נעשיכטע. דיזען נאָמען האָט ער געקריגען ביי דער הערשזיכטיגער קלאַס, און פון זייער שטאַנד־פּונקט האָט ער ווירקליך פערדינט אזא נאָמען. א גאַנץ אַנדערן ווערט האָט ער, ווען מען זאָל איהם בעטראַכטען פון דעם שטאַנד־פּונקט פון די אונטערדריקטע. פון דיזען שטאַנדפּונקט געהערט אַגעזילאוס צו די ברוטאַלסטע אונטערדריקער און גוואַלד־מענשען; ער איז געווען איינער פון די ערגסטע און שענדליכסטע טיראַנען, וואָס די געקנעכטעטע מענשהייט האָט ווען עס איז געזעהן, און זיין נאָמען האָט פערדינט בעדעקט צו ווערען מיט אייביגער שאַנדע.

אין ספּאַרטאַ האָבען זיך אַלע פערהעלטניסען געענדערט זינט ליקורג האָט זיינע געזעצען אַרויסגעגעבען. דאָס פערבאָט צו שעצען גאָלד און זילבער האָט אין דער פּראַקטיק שוין לאַנג אָנגעוואָרען זיין ווערט. די פריהער־דיגע גלייכגילטיגקייט צו געלט האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, און איז אין גאַנצען פערשוואונדען. די געשיכטע ווייס פון פיעלע ביישפּילען פון בעשטעכונג (שוחד) אין ספּאַרטאַ. עאוריביאַדעס, דער ספּאַרטאַנער, איז געווען אונטערגעקויפט פון טהעמיסטאָקלעס'ן, פּלעיסטאָאַנאַקס — פון פּעריק־לעס'ן, לעאָטיכידעס — פון די אַלעוואַדען. גיליפּפּוס האָט גע'גנב'עט 30 טאַלענטען פון דעם רויב, וואָס ער האָט געקליבען אין אַטהען. עס איז ווערט היר צו דערמאָהנען די ווערטער, וואָס איינער האָט מיט רעכט געזאָגט צו אַלקיביאַדעס'ן: „אין לאַצעדאָמאָן (ספּאַרטאַ) איז דאָ מעהר גאָלד און זיל־בער ווי אין גאַנץ גריכענלאַנד. אַהער פליעסט עס פון אַלע זייטען און היר בלייבט עס. ספּאַרטאַ קען מען צוגלייכען צו א לייבען־בויך, מען זעהט ווי אַלעס קומט אַריין, אָבער קיין זאַך קומט ניט אַרויס צוריק". די אַלע, וואָס האָבען געדינט אין אַזיען אַלס קאָמאַנדירען, די שטאַטהאַלטער, די גענעראַ־לען א. אַנד. האָבען געבראַכט פון דאָרט גרויסע סומעס גאָלד און זילבער און האָבען דערמיט פערברייטערט דעם אַזיאַטישען לוקסוס און צוזאַמען מיט דעם די פערדאָרבענהייט פון די זיטען.

פיעל גרעסער און וויכטיגער זיינען געווען די ענדערונגען אין ספּאַרטאַ־נישען לעבען, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דעם נייעם געזעץ, וואָס דער עפאָר עפּיטאַדעאוס האָט דורכגעפיהרט, דאָס יעדער בירגער האָט דאָס רעכט צו טאָן מיט דעם שטיק ערד, וואָס ער בעאַרבייט, ווי מיט זיין אייגענטום. דיזעס געזעץ האָט אין אַ זעהר קורצער צייט געווירקט, דאָס די גאַנצע ערד אין ספּאַרטאַ איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון 100 רייכע אַריסטאָקראַ־טען און די איבריגע בירגער זיינען אַזוי פעראָרימט געוואָרען, דאָס זיי זיינען אָנגעקומען צו בעטעל־ברויט. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אַגיס דעם

4טען אין מיטען פון 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. ווי עס ווייזט אויס, איז ספּאַרטא שוין פאַר עפּיטאַדעאוס'ן געווען פאַרבערייט צו דיזען געזעץ, ווייל די לענדער פון איינצעלנע קליינע גוטס־בעזיצער האָבען זיך שוין לאַנג גע-פונען אין די הענט פון די רייכע אַריסטאָקראַטען אין דער פאָרמע פון הי-פּאָטהעקען (משכנות).

אויך די רעגירונגס־מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט נאָר פון עטליכע ספּאַרטאַנער. די גאַנצע מאַכט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון די עפאָרען און די מיטגלידער פון ראַט. די פאָלקס־פערזאַמלונג האָט מען זעהר זעלטען געפרעגט. דיזע רייכע רעגירער פלעגען ווערען שטאַרק אויפגערייצט, ווען מען האָט געוואָלט זייער מאַכט א ביסעל שמעלערן. געבען די מעגליכקייט אָנטייל צו נעהמען אין רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען צו די דאָזיגע פאַמיליעס, וועלכע זיינען צוליב זייער אָרימקייט בעזייטיגט געוואָרען פון זייערע קרייזען, וואָלט געהייסען נאָך זייער מיינונג גע-בען די מעגליכקייט צו מאַכען רעפאָרמען אין די געזעצען פון לאַנד־איי-גענטום. ווען מען זאָל צולאָזען אָרימע לייט צו דער רעגירונגס־מאַכט, וואָלטען זיי געפאָדערט נייע געזעצען וועגען לאַנד־אייגענטום און א נייע פערטיילונג פון די ערד־גיטער צווישען די אָרימע פּראָלעטאַריער, און דאָס איז געווען געגען די אינטערעסען פון פּריוואַט־אייגענטום.

דאָס האָט געפיהרט צו א טיפען האַס צווישען די פול־בערעכטיגטע אָדער פול־בירגער און די „קלענערע", און דיזער האַס האָט שפּעטער געפיהרט צו א פערשווערונג, אָן דער שפּיץ פון וועלכער איז געשטאַנען א געוויסער צ י נ א ד אָ ן. דיזע פערשווערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע קלאַסען אונטער-דריקטע: שקלאַפען און פרייע האָבען זיך אַלע גלייך בעטייליגט אין איהר. אָבער צום בעדויערן האָט עס צו קיין רעזולטאַט ניט געפיהרט. אַגעזילאַוס האָט עס גלייך אין אָנפאַנג דערשטיקט און מיט'ן וואָרצעל אויסגעריסען.

נאָך דעם, ווי אַגעזילאַוס האָט געגעבען די ערסטע פּראָבע פון זיין אייזערנער האַנט, האָט מען איהם אין 396 פ. קר. געשיקט נאָך קליין־אַזיען, וואו ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פעראייניגען אַלע גריכען צו א קאַמף געגען פּערסיען. דיזער פּלאַן איז דורכגעפאַלען, אָבער אַגעזילאַוס האָט אַליין בעזיגט דעם פּערסישען שטאַטהאַלטער טיססאַפערנעס נאָהענט פון ס א ר-ד ע ס און האָט אָנגעהויבען מאַרשירען טיף אין אַזיען, פּערוויסטענדיג אויף זיין וועג די פּראָווינצען ביטהיניען און פריגיען. די ספּאַרטאַנער האָבען זיך שוין גליקליך געשעצט אַלס הערשער פון נייע לענדער. דאָ איז עס אָבער די פּערסיער געלונגען אויפצורייצען אין גריכענלאַנד אַלע שטאַאַטען געגען

ספּארטא און איהרע גרוילטאטען, און אגעזילאוס איז געווען געצוואונגען צו פערלאזען אזיען.

4) דער קארינטהישער קריג. (391—387 פ. קר.)

דער נייער פּערסישער שטאטהאלטער, וועלכער האט פערנומען די שטעלע פון טיססאפערנעס'ן נאך דעם, ווי דיזער איז פון פּערסישען קעניג צום טויט פעראורטיילט געווארען, איז געווען ט י ט ה ר א ו ס ט ע ס. דיזער שטאטהאלטער האט דורך זיינע שלוחים דורכגעפיהרט, דאס פיעלע גריכישע שטאאטען האבען געשלאסען א בונד געגען ספּארטא. אבער נאך איידער דיזער בונד איז געשלאסען געווארען האט אויסגעבראכען א קריג צווישען די טהעבאנער און די ספּארטאנער. דורך די מיטווירקונג פון זיינע פריינד איז ליזאנדער געשיקט געווארען אלס קאמאנדיר אין דיזען קריג און אום אויסצוצייכנען זיך געגען אגעזילאוס'ן איז ער גלייך געגאנגען צו בעלאגערן די שטאדט ה א ל י א ר ט ו ס אין באאטיען, ניט ווארטענדיג אויף די הילף פון פּאוזאניאס'ן מיט זיינע טרופּען, וועלכע זיינען געשיקט געווארען איהם צו העלפען (394 פ. קר.). ער איז אבער דא געשלאגען געווארען און האט אליין זיין לעבען פערלארען. דיזער גליקליכער ערפאלג האט צוגעגעבען מוט אייניגע גריכישע שטאאטען, ווי טהעבען, קארינטה, ארגאליס, אטהען, צו שליסען א בונד געגען ספּארטא אין יאהר 394 פ. קר. דיזער בונד האט בעקומען גרויסע געלט-שטיצע פון פּערסיען, אום אפצוציהען ספּארטא פון אזיען. די פּערסיער האבען זייער וואונש דערגרייכט. אגעזילאוס איז ווירקליך באלד צוריק נאך ספּארטא אפגערופען געווארען אום די היימישע אינטערעסען צו פערטיידיגען. ער האט גלייך אויפגעגעבען פריגיען און לאזענדיג נאר 4,000 מאן צו בעשיצען די גריכען אין קליין-אזיען איז ער צוריק מיט זיין ארמעע אריבער דעם העללעספּאנט און איז געקומען אין גריכענלאנד. אבער נאך איידער ער איז צוריקגעקומען צו זיין פאטערלאנד האט זיך דארט געטראפען אן אנדער אונגליק. זיין שוואגער פ י ז א נ ד ע ר האט געליטען א שרעקליכע נידערלאגע אין א זעע-שלאכט ביי ק נ י ד ו ס. די ספּארטאנער האבען דאמאלס פערלארען די הערשאפט איבער דעם אגעאישען מעער, און די אטהענער האבען אנגעפאנגען צו טראכטען וועגען בענייען זייער פלאטע. פיזאנדער זעלבסט איז געפאלען אין דער שלאכט און 50 שיפען מיט 500 מאן זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון פיינד.

אגעזילאוס האט דיזע שרעקליכע נידערלאגע געהאלטען בסוד פון זיינע טרופּען, זיי זאלען דעם מוט ניט פערלירען. ער האט נאך בעסער געטאן.

ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעריכט, דאָס די ספּאַרטאַנער האָבען דאָרט בע-זיגט און האָט דעריבער בעפוילען מען זאָל די געטער ברייגגען דאַנק-קרבנות. נאָך דעם איז ער מיט זיינע טרופּען בעפאַלען די שטאָאטען, וואָס האָבען זיך פערבונדען געגען ספּאַרטאַ, און האָט געהאַט ביי ק אָ ר אָ נ ע אַ אַ גלענצענ-דען זיג. דיזער זיג האָט אָבער ניט צוריקגעגעבען ספּאַרטאַ איהר מאַכט. עס האָט נאָר אַגעזילאַוס'ן געמאַכט אַ וועג אַהיים צו קומען.

דערמיט אָבער האָט זיך דער קריג נאָך ניט געענדיגט. אין געגענ-טייל, אַטהען האָט פון דיזען קריג נייע קרעפטען געשעפּט. זי האָט ווידער אין אָרדנונג געבראַכט די שטאָדט-בעפעסטיגונג און האָט אויך דעם האַפען אי-בער-אַ-ניים בעפעסטיגט, און האָט ווידער געקריגען אַ גרויסען טייל פון דער פריהערדיגער מאַכט. אַטהען האָט אויך דורך טהראַזיבולוס'ן אייניגע גלענצענדע זיגען געהאַט, און האָט זיך גליקליך פערטיידיגט געגען דעם אַנ-גריף פון די בעוואוינער פון פאַמפיליען. דיזער קאַמף האָט געדויערט אייניגע יאָהר, אין פערלויף פון וועלכע דאָס גליק האָט זיך אָפטער געביטען אויף ביידע זייטען פון די שטרייטענדע. ווייל דער שטרייט האָט זיך אַלץ געדרעהט אַרום דער שטאָדט קאָרינטה, דעריבער טראָגט דיזער שטרייט דעם נאָמען: ד ע ר ק אָ ר י נ ט ה י ש ע ר ק ר י ג.

אין דער קאָרינטהישער אַרמעע האָט זיך אויסגעצייכענט א י פ י ק ר אַ-ט ע ס, אַן אַטהענער. ער איז געוועזען פון נידריגען שטאַנד. צו צוואַנציג יאָהר האָט ער בעקומען דעם אויבער-בעפעהל איבער די אויפגעקליבענע סאָל-דאַטען און ער האָט זיי אין גיכען פערוואַנדעלט אין אַ פּירכטערליכע מאַכט. ער האָט געבילדעט אַ נייעם סאָרט טרופּען אונטער דעם נאָמען פּ ע ל ט אַ ס-ט ע ן, מיט קליינע שילדען און לאַנגע שפּיזען. מיט דיזע סאָלדאַטען האָט ער האָט געהאַט אַ גלענצענדען זיג איבער אַגעזילאַוס'ן ביי ס י צ י אָ ן (390 פ. קר.), וואו ער האָט אַ ספּאַרטאַנישע מאָרא, ד. ה. אַן אָפּטיילונג פון 600 האָפּליטען, כמעט אין גאַנצען פערניכטעט. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער געהאַט אַ גלענצענדען זיג מיט זיינע 1,200 פּעלטאַסטען איבער דעם ספּאַר-טאַנער אַ נ אַ ק ס י ב י אָ ס און האָט זיינע טרופּען אין גאַנצען צושלאָגען ביי אַ ב י ד ו ס (389 פ. קר.). אויך אין דער ים-שלאַכט זיינען די ספּאַר-טאַנער געוועזען אונגליקליך. באַלד אין אָנפאַנג פון דעם קריג זיינען זיי בע-רויבט געוואָרען פון זייערע בעזיצונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויף יענער זייט פון אָגאָאישען מעער דורך פאַרנאַבאַזוס און קאָנאָן. שפּעטער האָ-בען זיי ניט געקענט הינדערן די פערוויסטונג פון די לאַקאָנישע ברעגען און ענדליך האָבען זיי אויך פערלאָרען די אינזעל ציטהעראַ, וועלכע איז אַזוי

שטאַרק וויכטיג געווען פיר זיי. דערצו האָבען נאָך די פּערסיער געהאָלפען אַטהען איבער־אַ־נייס אויפצושטעלען איהרע פעסטונגען און דערמיט געגעבען אַ טויט־קלאַפּ דער ספּאַרטאַנישער העגעמאָניע (אויבערהערשאַפט). קורץ, ספּאַרטאַ איז באַלד געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס נאָר דורך אַ בונד מיט פּערסיען וועט זי זיין אין שטאַנד דעם קריג גליקליך צו ענדיגען און איהרע פריהערדיגע הערשאַפט צוריק אויפשטעלען. דעריבער האָבען זיי געשיקט אַנטאַלצידאַס'ן, דעם פיהרער פון דער פּערסישער פריינדליכער פּאַר־טיי, נאָך סוזא (שושן). אַנטאַלצי־דאַס איז געווען זעהר ערפאַהרען און געניט אין דער קונסט, ווי צו האַנד־לען און ווי צו נושא חן זיין אין די קעניגליכע הויפען און פּאַלאַצען פון די אַזיאַטישע דעספּאָטען, און עס איז איהם געלונגען צו געווינען די פּערסישע אונטערשטיצונג. ער האָט צוזאַמענגעבראַכט אַ פלאָטע פון 80 שיפען, און מיט דער הילף פון די־זער מאַכט האָט ער דיקטירט אַ פרי־דענס־אָפּמאַך אין דעם נאָמען פון פּערסישען קעניג, און האָט גע־צוואונגען די גריכישע שטאַאַטען איהם אָנצונעהמען. דער אָפּמאַך האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דיזע ווערטער: „אַרטאַקסערקסעס, דער קעניג פון די פּערסיער, געפינט עס פיר רעכט, דאָס די גריכיש־אַזיאַטי־שע שטעדט מיט די אינזלען קלאַ־צאָמענאָ און ציפּערן זאָלען בלייבען אונטערוואָרפען אונטער זיין הערשאַפט, אַלע איבריגע גריכישע שטאַאַטען זאָלען צוריק בעקומען זייער פריהערדיגע אונאָפּהענגיגקייט, אויסער די שטאַאַטען: לעמנאָס, אימבראָס און סצירראָס, וועלכע מוזען זיין אונטערוואָרפען אונטער אַטהען, ווי אין די אַלטע צייטען. ווער עס וועט ניט וועלען אָננעהמען דיזע פרידענס־בעדינגונגען, דעם וועט דער פּערסישער קעניג צווינגען מיט דער מאַכט פון וואַפען". מיט דיזען שענדליכען



1. אַטישער רייטער. 2. פּעלטאַסט. 3. בויגען־שיסער.

פרידען האָבען די ספּאַרטאַנער פּערקויפט די פּרייהייט פון די אַזיאַטישע גרי-כען און זיי געמאַכט אונטערטעניג צו פּערסיען, און האָבען אויך אַנערקענט די אויבער־מאַכט פון פּערסיען און גריכענלאַנד זעלבסט. פון דאַמאָלס אָן האָט דער פּערסישער קעניג געהאַט די גרעסטע דעה אין אַלע גריכישע אַנגעלע-גענהייטען, און אין אַלע זייערע סכסוכים האָט ער זיך געמישט און ענטשיידען אַלס הערשער. אין גריכענלאַנד זעלבסט האָבען די ספּאַרטאַנער וויעדער גע-שפּילט די ראָלע פון הערשער און האָבען אַכטונג געגעבען, דאָס דער אַנטאַלצידישער פּרידען זאָל ניט צושטערט ווערען. אַטהען האָט יעצט שוין מעהר ניט געקענט דענקען איהר פריהערדיגען זעע־בונד צוריק אויפצושטע-לען, און אויך טהעבען האָט זיך געמוזט ענטזאַגען פון איהר פיהרערשאַפט אי-בער די באָאָטישע שטעדט.

ט. די רציחות פון ספּאַרטאַ און איהר געבראָכענע מאַכט דורך טהעבען.

(387—362 פ. קר.)

עס איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס די ספּאַרטאַנער האָבען אויף דעם גרונד פון דעם אַנטאַלצידישען פרידען געגעבען צו פיהלען אַלע גריכישע שטאַאַטען זייער מאַכט און האָבען דערצו זעהר אָפט געברויכט טיראַנישע גוואַלדטאַטען. ספּאַרטאַ האָט געצוואונגען די איינוואוינער פון מאַנטינעאַ, אין אַרקאַדיען, זייערע מויערן אַרונטערצורייסען, און זיך צו בעזעצען אין פיער דערפער, ווייל זיי האָבען געצייגט פיינדליכע געפיהלען געגען ספּאַרטאַ. דער וואהרער גרונד צו דעם איז אָבער געווען קנאה און מורא פאַר זייער צו גרוי-סער מאַכט. די ספּאַרטאַנער האָבען איבעראַל איינגעפיהרט אַריסטאָקראַטי-שע רעגירונגען. פיעלע שטעדט האָבען געמוזט צולאָזען ספּאַרטאַנער זאָלען זיך בעזעצען אין זיי. ערגער ווי איבעראַל האָבען די ספּאַרטאַנער געהאַנ-דעלט אין טהעבען.

די אָ ל י נ ט ה י ע ר, וועלכע האָבען זיך פערשאַפט גרויסע רייכטי-מער דורך זייער האַנדעל, האָבען אָנגעפאַנגען נאָכצוטאָן דעם ביישפּיעל פון אַטהען און גרינדען אַ בונד פון איינינע שטעדט אויף דער האַלב־אינזעל כ א ל צ י ד י צ ע. אין דיזען בונד זיינען די אָלינטהיער געווען די פאָרזיצענ-דע און די גאַנצע רעגירונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צו ערוועהלטע פון יע-דער שטאָדט. דער בונד איז געמאַכט געוואָרען צווישען די גרויסע שטעדט, די קלענערע האָט מען גאָר ניט געפרעגט, נאָר מען האָט זיי געצוואונגען אין בונד אַריינצוטרעטען. געגען דעם האָבען פּראָטעסטירט די איינוואוינער פון אַקאַנטהוס און אַפּאָללאָניאַ, און האָבען געבעטען הילף ביי ספּאַרטאַ, וועל-

כע האָט גלייך געשיקט אַן אַרמעע אונטער פּ אֶ ב י ד א ס ׳ ן. דיזער האָט בעקומען אַ בעפעהל דעם אָלינטהישען בונד אויפצולעזען. דערביי האָט ער זיך בעמעכטיגט איבער דער טהעבאַנישער פעסטונג (382 פ. קר.), וואַהרשיינליך מיט דער צושטימונג פון ספּאַרטאַ, האָט פעריאָגט פון דאָרט די אָנהענגער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, און האָט איינגעזעצט אַ שטרענגע אַריסטאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע איז געווען איבערגעגעבען צו ספּאַרטאַ.

נאָך דעם האָט זיך ספּאַרטאַ גענומען צום אָלינטהישען בונד. אָנפאַנגס האָבען די ספּאַרטאַנער געליטען אַ נידערלאַגע. אָבער אַלס זיי האָבען גע־קריגען מעהר מיליטער, האָבען זיי בעלאַגערט די שטאָדט און נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג האָבען זיי דורך הונגער געצוואונגען די איינוואוינער זיך אונ־טערצוגעבען. זיי האָבען געמוזט דעם בונד אויפגעבען און די לענדער, וועלכע זיי האָבען אָפּגענומען פון דעם מאַצעדאָנישען קעניג, איהם אָפּגעבען צוריק, און זיינען געווען געצוואונגען צו ווערען ספּאַרטאַ׳ס בונד־חברים. ספּאַרטאַ איז ווידער מעכטיג געוואָרען, אָבער נאָר אויף אַ קורצע צייט, וויל טהע־בען האָט זיך באַלד מיט איהר אָפּגערעכענט.

אַטהען האָט יעצט אָפּגעטאָן טהעבען די טובה, וואָס דיזע האָט געטאָן אַמאָל צו איהרע ענטלאָפענע, און האָט פריינדליך אויפגענומען אַלע ענט־לאָפענע פון דער פערפאָלגונג פון ספּאַרטאַ, און האָט זיי געגעבען יעדען שוץ. דורך דעם האָט עס געלונגען צו מאַכען אַ געהיימען בונד צווישען די פערטריבענע און דער היימישער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי אין טהעבען. אונטער דעם איינפלוס פון דעם קריגס־פיהרער ע פּ אַ מ י נ אָ נ ד אַ ס האָט די פּאַטריאָטישע פּאַרטיי בעקומען אַ גרויסע מאַכט. דאַן האָבען זיי געפאָדערט, דאָס די ענטלאָפענע, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אַטהען, זאָלען צוריקקומען און זאָלען ערמאָרדען די אָליגאַרכען. אונטער דער פיהרונג פון פּ ע ל אָ פּ י ד אַ ס, מ ע ל ל אָ ן א. אַנד. האָבען די ענטלאָפענע זיך גלייך צוריקגעקעהרט אין טהעבען. זיי זיינען געקומען צוריק אין זייער פאָטער־שטאָדט פערשטעלט אַלס פישער אָדער יעגער. דאָ האָבען זיי זיך פערזאַמעלט אין אַ הויז פון איינעם פון זייערע געזינונגס־חברים, האָבען זיך אָנגעטאָן אין פרויען־קליידער און גוט פערשלייערט שפּעט ביי נאַכט האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין דאָס הויז, וואו די אָליגאַרכען זיינען געווען איינ־געלאַדען צו אַ מאָהלצייט. זיי האָבען די טיראַנען אַלע ערמאָרדעט, האָ־בען ערקלערט פרייהייט צו אַלע בירגער, און האָבען ווידער איינגע־פיהרט אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג. זיי האָבען די ספּאַרטאַנער, וואָס האָבען זיך רעזעצט אין טהעבען, אַרויסגעטריבען פון דאָרט, און דיזעס האָט גע־

פיהרט צו א נייעם קריג צווישען טהעבען און ספארטא, אין וועלכען עפאמי-נאנדאס און פעלאפידאס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע דינסטען פיר זייער פאטער־שטאדט.

עפאמינאנדאס (געבארען 481 פ. קר.) האט געשטאמט פון אן ארימער, אבער אנגעזעהענער פאמיליע. ער האט געקראגען אן אויסגעצייכענטע ער-ציהונג אין גייסטיגער און קערפערליכער הינזיכט. איבערהויפט האט ער פיעל געלערנט פון זיין לעהרער ל י ז י ס, א פילאזאף פון פיטהאגאראס'עס שו-לע. אין קריג איז ער ערשינען צום ערסטען מאל אין דער שלאכט ביי מאנטינעא, אין וועלכער ער האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס ער האט געראטעט דעם פערוואונדעטען פעלאפידאס'ן פון לעבענס־געפאהר. די גאנ-צע צייט, וואס די פעסטונג אין טהעבען איז געווען בעזעצט פון די ספאר-טאנער, האט ער זיך צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען און קיינער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. ער האט אויך קיין אנטייל ניט גענומען אין טהעבען'ס בעפרייאונג פון די אליגארכען, ווייל ער האט געהאלטען פיר אונ-רעכט וועלכען עס איז בירגער צו ערמארדען אהן א משפט פון געזעצליכע ריכטער. זיין פריינד פעלאפידאס איז אויך געבארען פון א פארנעהמער פאמיליע און האט בעקומען א גרויסעס פערמעגען אלס ער איז נאך געווען זעהר יונג. ער איז געווען א הייסער פאטריאט און האט שטארק געהאסט ספארטא. מען קען ניט זאגען, דאס ער איז געווען אונגעבילדעט, אבער זיין גאנצעס לעבען איז דאך נאר געווען דער קריג, וואפען־איבונג און די קאמף־שולע.

די ספארטאנער האבען געזוכט ראכע צו נעהמען פון די טהעבאנער דערפאר, וואס מען האט זיי פון דארט ארויסגעטריבען, און זיי האבען דערי-בער געמאכט איניגע אנפאלען אין באאטיען. די אטהענער זיינען די באא-אטיער געקומען צו הילף, ווייל די ספארטאנער האבען אויך איניגע שטעדט אין אטטיקא פערוויסטעט. אטהען האט באלד געשיקט מיליטער אונטער דער פיהרונג פון כ א ב ר י א ס'ן צו שטיצען די טהעבאנער און האט נאך אויסער דעם געשיקט צוויי פלאטעס די ספארטאנער צו פערניכטען. די ספארטאנער זיינען געשלאגען געווארען פוןביידען — פון די טהעבאנער אויף דעם לאנד און פון די אטהענער אויף דעם וואסער. די הויפט־פיהרער פון דער אטהענישער פלאטע זיינען דאמאלס געווען: כאבריאס, ט י מ א-ט ה ע א ו ס און איפיקראטעס. דאמאלס האט זיך פערסיען אריינגעמישט צווישען די שטרייטענדע פארטייען און האט געמאכט שלום צווישען זיי. אויף א פערזאמלונג אין ספארטא האט מען בעשטעטיגט דעם פריהערדיגען

שלום פון אנטאלצידאס'ן, און דערמיט האט מען אפגעשאפט יעדע אויבער-הערשאפט פון איין שטאאט איבער'ן צווייטען. אטהען איז זעהר צופרידען געוועזן מיט דיזען אפמאך, ווייל זי האט געקוקט מיט קנאה אויף די וואקסענדע מאכט פון טהעבען. אויך די איבריגע שטאאטען זיינען געוועזן צופרידען מיט דיזען אפמאך, אויסער טהעבען. זי האט אנדערש ניט געוואלט זיך אפזאגען פון איהר הערשאפט איבער די שטעדט אין באאטיען, סיידען ספארטא וועט זיך אויך אפזאגען פון איהר הערשאפט איבער די שטעדט אין לאקאניען און מעססעניען. עס פערשטעהט זיך, דאס ספארטא האט ניט געוואלט נאכגעבען דיזען פונקט און די טהעבאנער האבען דעם פרידענס-אפמאך ניט אנגענומען און האבען פארטגעזעצט דעם קריג מיט ספארטא.

עפאמינאנדאס.

אין פאלגענדען יאהר (371 פ. קר.) האט דער ספארטאנישער באזילעאוס קלעאמבראטוס ארויסגעטרעטען געגען טהעבען און האט בעגעגענט דעם פיינד ביי לעאוקטרא. אבער די טהעבאנישע רייטעריי און די נייע שלאכט-ארדנונג, וואס עפאמינאנדאס האט איינגעפיהרט אין דער טהעבאנישער ארמעע, האט זיי פערשאפט דעם זיג איבער ספארטא, וועלכע האט דאמאלס געליטען אזא נידערלאגע, ווי זי האט נאך קיינמאל ניט געהאט. קלעאמבראטוס זעלבסט איז געפאלען אין דער שלאכט מיט דעם גרעסטען טייל פון זיינע טרופען און די איבריגע זיינען צולאפען אין אונארדנונג.

אין דיזער שלאכט האט ספארטא פערלארען איהר אויבערהערשאפט איבער גריכענלאנד. די טהעבאנער האבען געהאט די גלענצענדסטע האפנונגען איבערצונעהמען ספארטא'ס ראלע. מיט א יאהר שפעטער האבען זייערע קריגער אונטער דער פיהרונג פון עפאמינאנדאס'ן כמעט גאנץ לאקאניען בעזיגט און זיינען שוין געוועזן גרייט צו געהן אויף ספארטא. צום ערסטען מאל אין דער געשיכטע האבען די פרויען פון לאצעדאמאניען דערזעהן דעם רויך פון פיינדליכען לאגער ארום ספארטא. אבער אגעזילאוס האט מיט גרויסער קראפט פערטיידיגט די שטאדט און האט די טהעבאנער צוריקגעטריבען. דאן האבען זיך די טהעבאנער בעגעבען נאך מעססעניען, האבען זיך ערקלערט פריי פון ספארטאנישען יאך, און האבען צוריקגערופען אלע

פערשיידענע מעססעניער פון אלע אנדערע לענדער, און האבען געגרינדעט א נייע שטאדט מ ע ס ס ע נ ע, מיט שטארקע בעפעסטיגונגען ביי איטהאמע. מיט דער אויפבויאונג פון דיזער נייער בעפעסטיגטער שטאדט האט עפאמי-נאנדאס געשאפען א וועכטער, וואס זאל אכטונג געבען, דאס ספארטא זאל זיך נאך אמאל מעהר ניט אויפהייבען צו הערשען איבער גריכענלאנד. צו דיזען צוועק האט ער געשאפען א בונד פון פערשיידענע שטעדט אין ארקאדיען, וועלכער זאל צוזאמען מיט מעססענע שטעהן אויף דער וואך געגען ספאר-טא. דער צענטער פון דיזען בונד איז געווען מ ע ג א ל א פ א ל י ס.

צו דער זעלבער צייט האט פעלאפידאס אונטערגענומען א פעלד-צוג נאך טהעססאליען, וועלכע האט איהם גערופען צו העלפען איהר זיך בעפרייען פון דער אונמענשליכער גרויזאמקייט פון דעם רעגירענדען טיראן א ל כ ס נ ד ר פון פ ע ר א. פעלאפידאס האט אין מאצעדאניען אויסגעגליכען א שטרייט וועגען טראן. אבער אויף זיין וועג צוריק איז ער געפאנגען געווארען און מיט גרויס מיה איז עס עפאמינאנדאס'ן געלונגען איהם צו בעפרייען. אין א צווייטען צוג געגען דעם זעלבען הערשער האט פעלאפידאס זיין טויט געפו-נען אין דער שלאכט ביי ק י נ א ס צ ע פ א ל א (364 פ. קר.).

די לאגע אין גריכענלאנד האט זיך ווידער געענדערט, די אטהענער האבען זיך ווידער געשטעלט אויף דער זייט פון די ספארטאנער געגען טהע-בען, ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר דער וואקסענדער מאכט פון די טהע-באנער. אויך אין פעלאפאנגעזוס האבען זיך די אומשטענדען געענדערט. דער בונד-שטאאט אין ארקאדיען האט אנגעפאנגען צו שטרעבען אפצוריי-סען זיך פון טהעבען און ווערען אליין דער פאר-הערשער. דיזער שטאאט האט אונטעריאכט אונטער רויב און פערוויסטונג די קליינע לאנדשאפט ע ל י ס, און האט אריינגעכאפט אין זיינע הענט דעם אלמיפישען טעמפעל פון צעאוס'ן מיט זיינע גרויסע רייכטימער. עס האבען זיך דארט באלד בע-וויזען פארטייען, פון וועלכע איניגע זיינען געווען פיר ספארטא און אנדערע פיר טהעבען.

דאן האט עפאמינאנדאס צום צווייטען מאל געבראכט אין פעלאפאנ-נעזוס א בעוואפענטע מאכט, אבער די ספארטאנער האבען איהם בעגעגענט מיט גרויסען מוט, ווייל די אטהענער האבען זיי דאמאלס געהאלפען געגען די טהעבאנער. די טהעבאנער האבען אפילו געזיגט, אבער דער זיג האט זיי טייער געקאסט — עפאמינאנדאס איז טויט געפאלען אין דיזער שלאכט. איניגע יאהר שפעטער איז אויך אגעזילאוס געשטארבען, וועלכער האט זיין

פּאַטערלאַנד געזעהן פריהער אויף דער העכסטער שטופּע פון גליק און נאָכ-דעם איז זיין זינקענדען צושטאַנד.

פאַר זיין טויט האָט עפּאַמינאָנדאַס געראַטען די טהעבאַנער שליסען פרידען מיט ספּאַרטאַ, ווייל ער האָט געזעהן, דאָס די קרעפטען פון די טהע-באַנער ווערען אַלץ מעהר אויסגעשעפּט. אַטהען האָט דאַמאָלס געפּרובט צוריק אויפשטעלען איהר אויבערמאַכט איבער די גריכישע שטאַאטען. אָבער דער קעניג מ א ו ז אָ ל ו ס פון קאַריען פון איין זייט און דער פּערסישער קעניג פון דער אַנדערער זייט האָבען געצוואונגען די אַטהענער אויפצוגעבען זייערע פּלענער. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ פרידען צווישען די גריכישע שטאַאטען, אויסער ספּאַרטאַ, ווייל מעססעניען און אַרקאַדיען זיינען געבלי-בען, לויט דיזען פרידען, זעלבשטענדיגע שטאַאטען, און דאָס האָט ספּאַרטאַ ניט געוואָלט צולאָזען. אַזוי איז אין גריכענלאַנד מעהר קיין מאַכט ניט גע-ווען, וואָס זאָל קענען איבערנעהמען די ראָלע פון אויבערהערשאַפט. אויך די פּערסיער האָבען ניט געקענט זיין די אויבערהערשער אין גריכענלאַנד, ווייל זייערע הענט זיינען געווען פול צוזאַמענצוהאַלטען זייער אייגענעם לאַנד. אָבער וואָס די פּערסיער האָבען ניט געקענט טאָן, דאָס האָט דורכגע-פיהרט אַ נייע מאַכט, וואָס האָט זיך ערהויבען צווישען גריכענלאַנד און פּערסיען — די מאַצעדאָניער.

י. די פערניכטונג פון דער גריכישער פרייהייט דורך פיליפּ פון מאַצעדאָניען.

(350—336 פּ. קר.)

צו צפון פון גריכענלאַנד איז געלעגען מאַצעדאָניען, וועלכע האָט אָנ-פאַנגס פערנומען נאָר אַ קליינעם שטח צווישען די טייכען א ק ס י ו ס און ה א ל י א ק מ אָ ן, זי איז אָבער גיך פערגרעסערט געוואָרען דורך בעזיגטע געגענדען ביז דעם טייך ס ט ר י מ אָ ן אין מזרח און ביז די ק א מ ב ו-נ י ש ע ב ע ר ג און דעם אָלימפּוס אין דרום. די פעלקערשאַפט פון מאַ-צעדאָניען האָט זיך גערעכענט פון דאָרישער אָפּשטאַמונג. פריהער האָבען זיי זיך רעגירט נאָך דער שטאַאַט=פערפאַסונג, אָבער מיט דער צייט האָבען זיי ערוועהלט אַ קעניג פון דער משפּחה א ר ג ע א ד ע ן, וועלכע האָבען לויט דער זאַגע געשטאַמט פון הערקולעס'ן. דיזעס לאַנד איז געווען אין אַ געוויסער הינזיכט פערבונדען מיט גריכענלאַנד, אַזוי צ. ב. פלעגען מאַצע-דאָניער נעהמען אָנטייל אין די אָלימפּישע שפּילען. די רעזידענץ פון דעם קעניג איז געווען אָנפאַנגס אָ ג אָ, זינט פיליפּ דעם 2טען — פּ ע ל ל א.

פערשיידענע טיילען פון מאצעדאָניען זיינען געווען בעוואוינט פון אן אָרימער בעפעלקערונג פון פאסטוכער, וועלכע האָבען געשטאמט פון אילליריען און טהראציען.

מאצעדאָניען איז געווען אונטעריאָכט אונטער די פערסיער פון דער צייט פון דעם פערסישען קעניג דאריוס (דריוש) דעם 1טען, אָבער אין דער צייט פון די מלחמות צווישען פערסיען און גריכענלאנד האָבען זיך די מאצעדאָניער בע-נוצט מיט דער פערדרעהטער לאגע פון פערסיען און האָבען זיך בעפרייט פון דעם פערסישען יאָך. זינט יענער צייט זיינען די מאצעדאָניער געווען אונטער גריכישען איינפלוס. זייער מיליטער איז געווען איינגעאָרדענט אויף גריכישען שטייגער, זיי האָבען ביי זיך איינגעפיהרט פיעלע גריכישע איינריכטונגען און האָבען צוגעצויגען צום קעניגליכען הויף גריכישע דיכטער און קינסטלער. מיר וויסען, צום ביישפיל, דאָס דער מאצעדאָנישער קעניג ארכע-לאוס איז געווען א גרויסער פערעהרער פון די גריכען, דאָס עאורי-פידעס און דער מאלער צעאוקסים זיינען זעהר גאסטפריינדליך אויפ-גענומען געוואָרען אין זיין רעזידענץ פעללא, דאָס סאָקראטעס איז גערופען געוואָרען אהין און מען האָט איהם דאָרט פיעל עהרע געצייגט. ווען עס פלעגען אין מאצעדאָניען פאָרקומען שטרייטיגקייטען וועגען דעם טראָן, האָט דאָס וואָרט פון די גריכען דאָרט געהאט א גרויסען ווערט, און מען פלעגט אָפט אָננעהמען דאָרט זייערע ענטשיידונגען. נאָך דעם טויט פון ארכעלאוס'ן איז אָנגעקומען פיר מאצעדאָניען א זעהר טרויעריגע צייט (399 פ. קר.), א צייט פול פון אינערליכע אונרוהען און אונאָרדנונג, און דאָס לאנד האָט גע-האלטען ביים זינקען אין אָפגרונד. ביז ענדליך פיליפ דער 2טער, וועלכער איז געווען דער דריטער זוהן פון אמינטאס דעם 2טען, איז געוואָרען הערשער אין יאָהר 359 פ. קר. און האָט געמאכט זיין פאָטער-לאנד גרויס און האָט עס געבראכט צו אזא שטופע, דאָס עס איז בעריהמט געוואָרען אין דער וועלט-געשיכטע.

פיליפ איז געבאָרען געוואָרען אין 382 פ. קר. אלס זיין ברודער אלכסנדר האָט בעשטיגען דעם מאצעדאָנישען טראָן מיט דער הילף פון פעלאָפידאס'ן, האָט מען איהם, פיליפ'ן, צוגענומען אין טהעבען אלס משכון, צו פערזיכערן, דאָס עס זאָלען אין מאצעדאָניען קיין אונרוהען ניט פאָרקומען, און אין טהע-בען איז ער ערצויגען געוואָרען אין הויז פון פאממענעס'ן, און האָט דאָרט בעקומען גריכישע בילדונג. אין יאָהר 366 האָט ער זיך צוריקגע-קעהרט אין מאצעדאָניען, וואו ער האָט געוואונען די אדעלליים אויף זיין זייט

און איז ערוועהלט געוואָרען קעניג פון מאַצעדאָניען אָנשטאָט אַמינטאַס דעם 3טען. זיין כאַראַקטער איז געווען פול מיט ווידערשפּרוכען. ער איז געוועזען גרויסמוטיג און פרייגעביג צו פריינד, בעגייסטערט פיר גריכישע בילדונג און שענהייט, מוטיג אין שלאַכט, ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט אויך געקענט זיין, צו ווען ער האָט געוואָלט און בעדאַרפט, הינטערליסטיג, ראַבע=זיכטיג און גרויזאַם, ווען ער איז געווען אין צאָרן, און פלעגט זיך קענען איבערגעבען מיט לייב און זעעלע צו שכרות און הולטאַיסטוואָ, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו זיין ביי אַ הוליאַנקע. זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען אויך געווען אונגעוועהנליכע, דערצו האָט פיעל בייגעטראָגען די גריכישע ערציהונג, וואָס ער האָט גענאָסען אין טהעבען. ער האָט בעשאַפען אַ נייע אָרדנונג אין מיליטער. זיין אַרמעע איז בעשטאַנען פון דריי פערשיידענע סאָרטען קריגער: לאַנצען=טרעגער, וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פון דער בויערן=קלאַס, די שווערע רייטעריי — פון דעם אַדעל, און דאָס לייכטע פוס=פאָלק — פון די בערג=בעוואוינער.

די הויפּט=שטרעבונג פון פיליפּ׳ן איז געווען צו אונטערוואַרפען אונטער זיין מאַכט גריכענלאַנד. צו דיזען צוועק האָט ער צוערסט גענומען ארויסשפּאַרען די גריכען פון די שטעדט, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דעם ברעג פון ים. ער האָט זיך בענוצט מיט דעם צופאַל, וואָס איינינגע יאָהר נאָך זיין אַרויפשטייגען אויף׳ן טראָן זיינען פון אַטהען אָפּגעפאַלען איינינגע בונד=חברים, ווי כיאָס, ביצאַנץ, קאָס און רהאָדוס, און די אַטהענער זיינען דאַמאָלס שוואַכער געוואָרען (355 פ. קר.). פיעלע געגנער האָט ער געוואונען אויף זיין זייט דורך פערשיידענע פאַלשע הבטחות. ער האָט בעזעצט אַמפּיפּאָליס, פּאָטיבאָאַ און פידנאַ, און האָט צוגענומען די גאָלד=בערג פון פאַנגאָאוס און האָט דאָרט אויסגעבויט אַ נייע שטאָדט פ י ל י פּ פּ י אום פון דאָרט צו קענען בעסער אויפפּאַסען אויף די בערג=אַרבייט. באַלד האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ געלעגענהייט אַריינשטעלען אַ פוס אין גריכענלאַנד זעלבסט און אָנהייבען דורכצופיהרען זיינע פּלענער.

אין יאָהר 357 פ. קר. האָבען די פאָציער צוגענומען לענדערייען, וועלכע האָבען געהערט צום טעמפּעל אין דעלפי. פיר דיזעם פערברעכען האָט דער אַמפיקטיאָנען=בונד אַרויפגעלעגט אויף זיי אַ שווערע געלט=שטראָף. די פאָציער זיינען ניט אין שטאַנד געווען אַזאַ גרויסע סומע געלט צו בעצאָהלען, האָבען זיי אין פּעלאָפּאָננעזוס געזאַמעלט אַ גרויסע אַרמעע; מיט דיזער הילף האָבען זיי פערכאַפּט דעם דעלפישען טעמפּעל מיט אַלע זיינע אונגע-

הייערע אוצרות *), וועלכע זיינען געוועזען פיעל מעהר פון די אוצרות פון אַלע גריכישע טעמפּלען צוזאַמענגענומען. דיזע רייכטימער האָבען זיי געגעבען די מעגליכקייט צוזאַמענשטעלען אַ גרויסע מעכטיגע אַרמעע און מיט איהר הילף האָבען זיי 10 יאָהר געפיהרט דעם קריג מיט גרויסען ערפאָלג, האָבען איינגענומען פיעלע שטעדט אין באָאָטיען און האָבען געמאַכט גרויסע פערוויסטונגען אין די לענדער, וועלכע זיינען געוועזען פיינדליך צו זיי. די אָנפיהרער פון דיזער אַרמעע זיינען געוועזען פילאָמעלוס און אָנאָמאַרכוס. פילאָמעלוס איז געפאַלען אין דער שלאַכט ביי טיטהאָרעאַ און אָנאָמאַרכוס האָט דאַן אַליין אונטערגענומען אַ וויטען פעלד־צוג אין טהעססאַליען און האָט דאָרט אָנגעמאַכט שרעקליכע פערוויסטונגען.

---

*) עס ווערט ערצעהלט, דאָס די אוצרות פון דעם דעלפישען טעמפּעל אַליין זיינען געוועזען גרעסער, ווי אַלע אַנדערע אוצרות פון גריכענלאַנד צוזאַמענגענומען. אַזוי גוט האָבען די פּריסטער פערשטאַנען דורך זייערע אָראַקעל־בעטריגערייען אויסצונאַרען ביים גריכישען פאָלק די פרוכט פון זייער אַרבייט אָדער פון דער אַרבייט פון זייערע שקלאַפען. און וועה דעם, וואָס האָט געוואַגט זיך שטעלען געגען דיזען גרויסען בעטרוג! מען האָט איהם פערנאַרט אין העהלען און ערמאָרדעט. די גריכישע פּריסטער האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שטראָף געגען רעליגיאָנס־פערברעכער און אויפקלערער. דער, וואָס האָט צ. ב. בערויבט אַ טעמפּעל, איז בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן טויט און האָט ניט בעדאַרפט בעערדיגט ווערען מיט צערעמאָניע. ווי עס ווערט בעריכטעט, איז פאָרגעקומען, דאָס בירגער זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט, ווייל זיי האָבען אין דעם הייליגען וועלדעל אויסגעריסען בוימלאַך אָדער געטויט אַ פויגעל, וואָס איז געוועזען געהייליגט צו עסקולאַפּ'ן (דעם גאָט פון רפואה). אַפילו אַ קינד האָט געמוזט בעצאָהלען מיט'ן לעבען דערפאַר, ווייל עס האָט צוגענומען אַ בלאַט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלען פון דעם קראַנץ פון אַרטעמיס (געטין פון יאַגד). אַפילו שפּעטער, ווען די געזעצען זיינען געוועזען פיעל מילדער, האָט מען פערשיקט יעדען, וועלכער האָט אָפּגעהאַקט אַ בוים, וואָס איז געוועזען געהייליגט צו דער געטין אַטהענע. ניט בעסער זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען די פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געקעמפט געגען די טראַדיציאָנעלע מנהגים פון רעליגיאָן. אַנאַקסאַגאָראַס האָט געמוזט ענטלויפען צוליב זיינע רעליגיעזע אייבערצייגונגען; דאָס זעלביגע איז אויך געוועזען מיט דיאַגאָראַס'ן; פּראָטאַגאָראַס איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד; פּראָדיקוס, וועלכער האָט די געטער אויסגעטייטשט אַלס נאַטור־קרעפטען, האָט געליטען טויט־שטראָף. דאָס איז געוועזען די פיעל געריהמטע הומאַניטעט, די מענשען־ליבע פון די גריכען!

די טהעססאַליער האָבען זיך צו פיליפ'ן געווענדט נאָך הילף, און דאַן איז אָנאָמארכוס געווען געצוואונגען צו שטרייטען מיט פיליפ'ן. אין די ערשטע צוויי שלאַכטען האָט פיליפ געהאַט אַ נידערלאַגע (אין יאָהר 353 פ. קר.), אָבער אין פאָלגענדען יאָהר האָט פיליפ גענצליך בעזיגט אָנאָמארכוס'ן, וועלכער איז געפאַלען טויט אין דיזער שלאַכט און זיין קערפּער האָבען די פיינד געקרייציגט אום צו שענדען איהם, און צוזאַמען מיט דעם האָבען די מאַצעדאָניער דערטרונקען 3,000 מאַן פון אָנאָמארכוס'עס ארמעע אלס טעמפּעלשענדער. פאָציס איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אַמפיקטיאָנען־בונד און זיין זיץ האָט ערהאַלטען פיליפ, ווייל ער האָט בעשיצט דאָס דעלפישע הייליגטום. די שטעדט פון די בעזיגטע האָט מען פערוויסט, חרוב געמאַכט, פון די איינוואוינער האָט מען פיעלע אלס שקלאַפען פערקויפט און פיעלע האָט מען בעלעסטיגט מיט שווערע שטייערן.

פיליפ האָט זיך אָבער ניט געלאָזט בענוגענען מיט פאָציס אליין. ער האָט געוואָלט מעהר גריכישע שטאַאטען אונטער זיין הערשאַפט ברייגען. דיזען פלאַן דורכצופיהרען האָט איהם געשטערט די אַטהענישע פלאָטע. נאָך דעם ראַט פון דעמאָסטהענעס'ן האָבען די אַטהענער פערשפּארט דעם שמאָלען דורכגאַנג פון די טהערמאָפילען און פיליפ איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוקעהרען, זיינע פלענער וועגען אונטערוואַרפען אונטער זיין הערשאַפט מיטעל־גריכענלאַנד אויפצוגעבען, און זיך צופרידענשטעלען מיט זיין הערשאַפט איבער טהעססאַליען. ער האָט אָבער ניט געקענט רוהען. ער האָט זיך גענומען צו דער שטאָדט אָלינטה, וועלכע איז דאַמאַלס געווען פערבונדען מיט אַטהען. זיין פּרעטענזיע איז געווען, דאָס דיזע שטאָדט האָט געגעבען שוץ צו זיינע אינערע פיינד. די אַטהענער האָבען אפילו געשטיצט די בעלאַגערטע אין אָלינטה, אָבער דורך פערראַט איז עס פיליפ'ן געלונגען נאָך אַ דריי־יעהריגער בעלאַגערונג צו צווינגען די איינוואוינער זיך אונטערגעבען צו איהם, און ער האָט געמאַכט פון דער שטאָדט אַ תל. דאָס האָט ערמונטערט די אַטהענער עטוואָס אונטערצונעהמען געגען פיליפ'ן. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען ערנסט צוהערען צו דעם ראַט פון דעמאָסטהענעס'ן.

ד ע מ אָ ס ט ה ע נ ע ס איז געבאָרען געוואָרען אין אַטהען אין יאָהר 384 פ. קר. ער האָט זיך נאָך אין דער יוגענד געווידמעט צו דער רעדע־קונסט און האָט דערין דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע. הגם ער איז ניט געווען קיין געבאָרענער טאַלענט צו דיזער קונסט, ווייל ער האָט געהאַט אַ שוואַכע שטימע, ניט קיין ריינע אויסשפּראַך און דערצו נאָך אַ קורצען אָטעם,

אזוי דאָס מען האָט איהם אויסגעלאַכט אין דער ערסטער צייט ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען פאַר'ן פאָלק, האָט ער אָבער ענדליך מיט זיין גרויסען חשק און התמדה געבראַכט דערצו, דאָס ער איז געוואָרען דער גרעסטער רעדנער אין זיין צייט. זיינע לעהרער זיינען געווען אויסער א י ז אָ א ו ס 'ן דער פילאָזאָף פלאַטאָ (אפלטון) אין א י ס אָ ק ר א ט ע ס. די ערסטע רעדע, וואָס האָט איהם געמאַכט א גרויסען נאָמען, איז געווען די, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר די ריכטער געגען זיינע אַפּטרופּסים (אַפּעקונעס), וועלכע ער האָט בעשולדיגט אין צונעהמען פיר זיך זיין אייגענטום, וואָס מען האָט זיי אָנ-געטרויט. ער האָט געווירקט, דאָס מען האָט זיי פעראורטיילט. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען קריגען בעשטעלונגען צו שרייבען רעדעס פיר אַנדערע. דאַן האָט ער זיך גענומען צו פּאָליטיק. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט רעדעס געגען פי-ליפּ'ן פון מאַצעדאָניע און האָט אויפגעוויזען, ווי געפעהרליך זיינע פּלענער זיינען פיר אַטהען. אין זיינע אַזוי-גענאַנטע אָלינטהישע רעדעס, וועלכע זיינען נאָך פערבליבען ביז היינט, האָט ער געווירקט אויף די אַטהענער, זיי זאָלען שיקען הילף צו די אָלינטהיער. דיזע הילף איז אפילו געווען אָהן ערפאָלג. ער האָט אָבער זיינס דורכגעפיהרט. פיליפּ האָט געפאַנגען אין אָלינטה פיעלע אַטהענישע בירגער, און דערמיט האָט ער געצוואונגען די אַטהענער צו שלי-סען מיט איהם פרידען, צו וועלכען דעמאָסטהענעס זעלבסט האָט אויך מסכים געווען. אַטהען האָט געשיקט צו פיליפּ'ן דעמאָסטהענעס'ן און נאָך ניין פער-זאָנען, אונטער וועלכע עס זיינען געווען דער גוטער אָבער כאַראַקטערלאָזער רעדנער אָ ס כ י נ ע ס, און דער געוויסענלאָזער פילאָקראַטעס, אום די פרידענס-בעדינגונגען אויסצואַרבייטען. פיליפּ האָט פערלאַנגט, דאָס ביידע זייטען זאָלען בעהאַלטען, וואָס זיי האָבען. די אַטהענער זיינען צופרידען געווען מיט דיזען פאָרשלאַג, און האָבען געשיקט א צווייטע געזאַנדטשאַפט צום אָפּשליסען די פרידענס-בעדינגונגען. די פערהאַנדלונגען פון דעם פרידען, וועלכער טראָגט דעם נאָמען ד ע ר פ י ל אָ ק ר א ט י ש ע ר, ווייל פילאָ-קראַטעס האָט איהם אָפּגעשלאָסען, זיינען פערצויגען געוואָרען פון די צוויי פעררעטערישע געזאַנדטע פילאָקראַטעס און אָסכינעס זעהר לאַנג, אום פיליפּ זאָל זיך דערווייל בענוצען מיט דער צייט דורכצופיהרען זיינע פּלע-נער. פיליפּ האָט ווירקליך דערווייל, איידער דער פרידען איז אָפּגעשלאָסען גע-וואָרען, אריינגעכאַפּט נאָך עטליכע שטעדט, און האָט אפילו אויך פערכאַפּט דעם דורכגאַנג (פּאַס) פון די טהערמאָפּילען, און אַזוי ווי די בעדינגונגען פון פרידען זיינען געווען, דאָס יעדער פון די ביידע שטרייטענדע צדדים זאָל ער-האַלטען וואָס ער האָט שוין בעזעסען, איז פיליפּ געבליבען אויך ביי די

ערטער, וואָס ער האָט איינגענומען אין דער צייט, וואָס דאָס אָפּשליסען פון פרידען האָט געדויערט. די אַטהענער זיינען אפילו געווען שטאַרק אויפגערייצט אויף פיליפ'ן פיר זיין פאַלשע, בעטריגערישע האַנדלונג, אָבער זיי האָבען שוין ניט געוואָלט ברעכען דעם פרידען, וועלכער איז שוין געשלאָסען געוואָרען (356 פ. קר.), צו וועלכען אויך דעמאָסטהענעס האָט מסכים געווען.

פיליפ האָט אין דער פרידענס־צייט ניט גערוהט, נאָר ער האָט געזוכט דורכצופיהרען זיינע פלענער צו פערגרעסערן זיינע פראָווינצען. ער האָט

דעמאָסטהענעס.

איינגענומען אַמבראַציאַ (342 פ. קר.), ער האָט אונטערוואָרפען די גריכישע שטעדט אויף'ן ברעג ים און האָט די איינוואוינער טראַנספּאָרטירט אין אינערן טייל פון לאַנד. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו טהראַציען, האָט איינינע פירסטען פון דאָרט געצוואונגען צו אונטערטעניגקייט; צווישען דיזע איז אויך געווען דער פירסט קערסאָבלעפּטעס, וועלכער איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט אַטהען. ער האָט אויך אָנגעגריפען די לענדער ביים העלעספּאָנט און ביים פּראָפּאָנטיס.

אטהען האט ניט געקענט גלייכגילטיג זיין צו דיזע אלע רויבערייען. די פרידענס־פארטיי אין אטהען האט אפילו לאנג אפגעהאלטען עטוואס צו אונטערנעהמען געגען פיליפ'ן. צו דיזער פארטיי האבען געהערט אזעלכע איינפלוסרייכע מענער, ווי אֶסכינעס, פילאקראטעס און פ א צ י א ן, וועלכער איז מעהרערע מאל פון פאלק ערוועהלט געווארען אלס קריגס־פיהרער. אבער דעמאסטהענעס האט ווידער אנגעפאנגען זיין אלטען קאמף געגען פיליפ'ן און ער האט ענדליך דורכגעפיהרט, דאס די אטהענער האבען געשלאסען א נייעם שטאאטען־בונד, האבען פערגרעסערט זייער ים־מאכט און האבען געצוואונגען די מאצעדאניער אויפצוגעבען די בעלאגערונג פון ביצאנץ און פערינטה.

די לאגע אין גריכענלאנד איז אבער געווען שטארק פערפלאנטערט, און פיליפ האט געוואוסט, ווי זיך צו בענוצען מיט דיזען צושטאנד. אסכינעס האט אנגעקלאגט די לאקרער, דאס זיי האבען פערכאפט א שטיק לאנד, וואס האט געהערט צום דעלפישען טעמפעל. דער אמפיקטיאנען־בונד האט זיי דערפאר בעשטראפט צו בעצאהלען א גרויסע סומע געלט, ווי אמאל די פאציער. די לאקרער האבען אבער די געלט־שטראף ניט בעצאהלט, און פיליפ האט ערהאלטען דעם בעפעהל צו צווינגען זיי צו בעצאהלען דאס געלט. פיליפ איז זעהר צופרידען געווען נעהמען אויף זיך דיזע פליכט. ער האט אריינגעדרונגען אין זייער געביט און האט צושמעטערט די שטאדט א מ פ י ס ס א, נאך דעם איז ער געשווינד דורכגעגאנגען דעם פאס פון טהערמאפילא און האט איינגענומען די שטאדט ע ל א ט ע א, וועלכע איז געווען דער שליסעל צו דעם וועג נאך אטהען. אין אטהען איז מען שטארק אויפגעבראכט געווארען דערפאר, ווייל יעצט האט פיליפ געהאט אן אפענעם וועג צו אטהען. דיזעס האט אלעמען אין אטהען געעפענט די אויגען און געוויזען, וואס פיליפ שטרעבט צו טאן אין גריכענלאנד. דעמאסטהענעס האט אין א פייערדיגער רעדע געפאדערט פון אטהען, זי זאל זיך בעזארגען מיט א בונד פון די גריכישע שטאאטען. זיין פארשלאג איז אנגענומען געווארען און עס איז גלייך געשלאסען געווארען א בונד צווישען אטהען און טהעבען. דיזער בונד האט דערמאהנט אן די שענסטע צייטען פון גריכענלאנד.

צו דיזע צוויי שטאאטען זיינען צוגעשטאנען נאך אייניגע און עס האט באלד אויסגעבראכען א קריג צווישען דעם בונד און פיליפ'ן. אנפאנגס איז דאס גליק געווען אויף דער זייט פון דעם בונד. אבער ווייל די גריכישע שטאאטען האבען ניט געהאט קיין גוטען קאמאנדיר האט פיליפ'ס סטראטעגישער גייסט געהאט דעם פארצוג איבער די גריכען.

די טהעבאַנער און די אַטהענער האָבען געליטען אַ שרעקליכע נידער-לאַגע פון די מאַצעדאָניער אין דער ענטשיידענדער שלאַכט אויף דעם פעלד כ אֶ ר אָ נ ע אַ אין באָאָטיען. איבער 1,000 אַטהענער זיינען אין דיזער שלאַכט געפאַלען, מעהר ווי 2,000 זיינען געפאַנגען גענומען געוואָרען, און די איבריגע, אונטער וועלכע עס איז אויך געווען דעמאָסטהענעס, זיינען קוים געראַטעט געוואָרען דורך ענטלויפען.

פיליפ האָט זיך מיט זיין זיג ניט בענוצט צו פערוויסטען גריכענלאַנד, און האָט די בעזיגטע זעהר מילד בעהאַנדעלט. ער האָט נאָר געוואָלט צו-געוועהנען די גריכען צו זיין הערשאַפט, אָבער ניט צושטערען גריכענלאַנד. נאָר געגען טהעבען האָט ער אַ ביסעל שטרענגער געהאַנדעלט און האָט דאָרט בעזעצט פיעלע מאַצעדאָניער. איינינע צייט שפּעטער האָט ער אויף אַ נאַ-ציאָנאַל-פערזאַמלונג אין קאָרינטה דורכגעפיהרט זיין וואונש צו ערוועהלט ווערען אַלס אויבער-קאָממאַנדיר פון דער גאַנצער גריכישער שטרייט-מאַכט מיט דעם צוועק צו אונטערנעהמען אַ פעלד-צוג געגען פּערסיען. דערמיט איז ער אָנערקענט געוואָרען אַלס אויבערהערשער איבער גאַנץ גריכענלאַנד. קומענדיג צוריק אין מאַצעדאָניען האָט ער זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו דעם שטרייט מיט פּערסיען, אָבער ער איז פּלוצלונג ערמאָרדעט געוואָרען פון איינעם פון זיין לייב-וואַך מיט'ן נאָמען פּ אַ ו ז אַ נ י אַ ס ביי דער האָכ-צייט פון זיין טאָכטער קלעאָפּאַטראַ אין אֶגאָ (336 פ. קר.). עס איז אונ-בעקאַנט די אורזאַך, וועלכע האָט פּאַוזאַניאַס'ן געטריבען צו דיזער מאָרד-טאַט. איינינע גלויבען, אַז דאָס איז געווען אַ פּריוואַט-ראַכע, און אַנדערע בע-שולדיגען דערין פיליפּ'ס ערסטע פרוי אָ ל י מ פּ י אַ ס, וועלכע איז פער-שטויסען געוואָרען פון איהם. פּאַוזאַניאַס איז גלייך געטויט געוואָרען פון די ערביטערטע סאָלדאַטען, און אָלימפּיאַס האָט געקיהלט איהר ראַכע אין דעם בלוט פון זיין צווייטער פרוי און איהר קינד.

יא. די מאַצעדאָניש-פּערסישע אימפּעריע.

1) אַלכסנדר דער גרויסער. (336—323 פ. קר.)

אַלכסנדר דער גרויסער, דער גרעסטער בעצווינגער און זיגער פון אַלע צייטען, איז געווען דער זוהן פון פיליפּ דעם 1טען. זיין מוטער איז געווען פיליפּ'ס פערשטויסענע ערסטע פרוי אָלימפּיאַס און ער איז געבאָרען געוואָ-רען אין יאָהר 356 פ. קר. זיין ערסטע ערציהונג האָט ער ערהאַלטען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון אַ פערוואַנדטען פון זיין מוטער. נאָך דעם

איז געווען פולע 8 יאָהר זיין הויפּט־לעהרער און ערציהער דער בעריהמטער גריכישער פילאָזאָף אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס. דיזען פילאָזאָף האָט ער צו פערדאַנקען די הויכקייט און עדעלקייט פון זיין גייסט, ווי זיין קלוגע אויפפיהרונג אין אַלע צופּאַלען פון זיין לעבען. אַלכסנדר אַליין האָט געזאָגט וועגען אַריסטאָטעלעס׳ן: „מיין פאָטער האָב איך צו פערדאַנקען מיין לעבען, מיין לעהרער פערדאַנק איך וואָס איך פיהר אַ ווירדיגעס לעבען“. און אין ד׳ער יוגענד האָט זיך אַלכסנדר געמאַכט פיר זיין אידעאַל פון לעבען דעם



אַריסטאָטעלעס און זיין שילער אַלכסנדר.

בעריהמטען גריכישען העלד אַכיללעס. ער האָט אויך געשטרעבט מעהר ווי אַלץ נאָך כבוד. ווען ער פלעגט הערען פון די זיגען פון זיין פאָטער פיליפּ, פלעגט ער קלאָגען, דאָס זיין פאָטער וועט פיר איהם גאָר ניט איבערלאָזען וואָס צו טאָן. אויך זיין אויסערעס האָט געצייגט אויף זיין אונגעוועהנליכען כאַראַקטער. זיין גאַנג איז געווען העפטיג, זיינע אויגען האָבען געפינקעלט פון דעם אינערליכען פייער, וואָס האָט אין איהם געברענט, זיין שטימע האָט אויסגעדריקט גוואַלדיגע שטאַרקקייט. אין די קערפּערליכע איבונגען

האָט ער איבערגעשטיגען אַלע זיינע חברים. זיין פאָטער פיליפּ האָט געהאַט א ווילדען שלאַכט־פערד מיט'ן נאָמען ב ו צ ע פ א ל ו ס, וועלכער האָט קיינעם ניט געלאָזט רייטען אויף זיך, האָט אַלכסנדר איהם איינגעבראָכען און האָט אויף איהם געריטען. אַלס זיין פאָטער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אויסגעשריען: „מיין זוהן, זוך פיר דיך אַן אנדער מלוכה, מאַצעדאָניען איז פיר דיך צו קליין"! דעם ערסטען זיג האָט ער געהאַט איבער די מעדיער ביי דער בעלאַגערונג פון ביצאַנץ. שפּעטער האָט ער זיך אויך

אַלכּסנדר דער גרויסער. נאָך אַן אַלט־קלאַסישער פאָרשטעלונג.

אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט ביי כאֶראָנעא, וואָרום דעם זיג דאָרטען האָבען די מאַצעדאָניער נאָר געהאַט איהם צו פערדאַנקען. זיין פאָטער, פיליפּ, בערשטעהט זיך, איז געווען העכסט צופרידען פון אַלכסנדר'ס פעהיגקייטען, און האָט זיך אימער בעריהמט מיט איהם. אָבער ווען פיליפּ האָט פער־טריבען זיין מוטער, איז צווישען זוהן און פאָטער געוואָרען אַזאַ שפּאַלטונג,

דאָס מען האָט געמורמעלט, אַז אַלכסנדר האָט געהאַט אַ גרויסען טייל אין זיין פאָטער'ס ערמאָרדונג.

ווען אַלכסנדר האָט בעשטיגען דעם פאָטער'ס טראָן איז ער אַלט געווען 20 יאָהר. די אומשטענדען אין לאַנד זיינען דאַמאָלס געווען זעהר ניט גינסטיג. אין מאַצעדאָניען האָבען זיך דאַן געבילדעט צוויי פּאַרטייען: איינע איז געווען פיר אַלכסנדר'ן און די אַנדערע האָט געהאַלטען פיר דאָס קינד פון דער צווייטער פרוי. די אַלע מדינות, וואָס די מאַצעדאָניער האָבען פריהער איינגענומען אין גריכענלאַנד, האָבען געהאַלטען ביים אָפּפאַלען צוריק און אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די מאַצעדאָניער. אָבער אַלכסנדר מיט זיין גרויסער חכמה און העלדישען מוט איז אַלץ בייגעקומען און האָט געגעבען דער זאַך אַן אַנדער ווענדונג. די געגען־פּאַרטיי האָט ער מיט דער גרויזאַמסטער שטרענגקייט אונטערדריקט. נאָך דעם איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען אין גריכענלאַנד. דאָרט האָט ער אַלע שטרעבונגען צו פרייהייט דערשטיקט און האָט געבראַכט דערצו, דאָס אויף אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין קאָרינטה איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס אויבער־קאָמאַנדיר איבער אַלע גריכישע טרופּען מיט דעם צוועק אונטערצונעהמען אַ פעלד־צוג געגען פּערסיען. אַלע גריכישע שטאַאַטען האָבען אַנטייל גענומען אין דיזער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אויסער ספּאַרטאַ, וועלכע האָט קיינעם ניט געשיקט זי צו פערטרעטען אויף דיזער פערזאַמלונג.

אין קאָרינטה האָט אַלכסנדר איין טאָג אויפגעזוכט דעם בעריהמטען גריכישען פילאָזאָף ד י אָ ג ע נ ע ס. ווען אַלכסנדר איז צו איהם צוגעגאַנגען איז ער גראַדע געזעסען נעבען זיין פאַס, וועלכע האָט איהם געדינט אַלס הויז אין צייט פון רעגען, און האָט זיך געוואַרמט אויף דער זון. אַלכסנדר האָט מיט איהם אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך וועגען דער אויפגאַבע פון מענשען'ס לעבען, און אין דיזען געשפּרעך האָט דיאָגענעס אויסגעשפּראָכען זיין מיינונג, דאָס דער מענש דאַרף ווי ווייט מעגליך זיך אָפּזאָגען פון זיינע בעדערפניסען. אַלכסנדר איז זעהר צופרידען געווען פון זיינע קלוגע און גייסטרייכע אַנטוואָרטען און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם זאָגען, וואָס איהם פעהלט, וועט ער איהם זיין וואונש ערפילען. דיאָגענעס האָט איהם געזאָגט, דאָס איהם פעהלט קיין זאַך ניט, און פון איהם פערלאַנגט ער יעצט נאָר איין זאַך — דאָס ער זאָל איהם ניט פערשטעלען די זון, ווייל דאָס וועטער איז קאַלט און ער ברויכט יעצט אַ ביסעל וואַרימקייט. אַלכסנדר האָט זיך פערוואונדערט אויף דעם כאַראַקטער און דעם רוהיגען געמיט פון

דעם פילאָזאָף און האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט ניט געווען אַלכסנדר וואָלט איך געוואָלט זיין דיאָגענעס".

איידער אַלכסנדר האָט אונטערגענומען זיין געפּלאַנטען פעלד-צוג געגען פּערסיען, האָט ער געפונען פיר נעטיג זיך צו בעוואָרנען, דאָס די באַרבאַ-רישע שכנישע פעלקער זאָלען בלייבען רוהיג, ווען ער וועט זיין ווייט אין אזיען. בעזונדערס האָט ער געזעהן דעריין א נויטוועגדיגקייט יעצט, ווען זיי האָבען זיך געגרייט צו אַן אויפשטאַנד. אין פריהלינג פון יאָהר 335 פ. קר. איז אַלכסנדר אריבער די באַלקאַנישע בערג, האָט אריבערגעשוואומען דעם גרויסען טייך דונאי, האָט דאָרט בעזיגט מעהרערע באַרבאַרישע פעל-



אַלכסנדר דער גרויסער און דיאָגענעס.

קער, ווי די טריקאַללער און די געטער, נאָך דעם האָט ער זיך געאיילט נאָך דרום-מערב און האָט דאָרט אונטעריאָכט די איללירייער, טאַולאַנטינער און מאַנכע אַנדערע. דאַמאָלס איז אַרויס אַ קלאַנג אין גרי-כענלאַנד, דאָס אַלכסנדר איז געפאַלען אין קאַמף מיט די איללירייער. דיזעס האָט פעראורזאַכט אַן אויפשטאַנד אין אַטהען און טהעבען. אָבער איידער די גריכען האָבען געהאַט די מעגליכקייט זיך צו פעראייניגען מיט די פיינד פון מאַצעדאָניען איז שוין אַלכסנדר געשטאַנען פאַר די טויערן פון טהעבען מיט אַן אַרמעע פון 20,000 מאַן פוס-פאָלק און 3,000 רייטער, און טהעבען

האט זיך באלד געמוזט אונטערגעבען. די שטאדט האט ער פערוויסט, די ערד צוטיילט צווישען די מענשען, וואס האבען געוואוינט אין דער אומגעגענד, נאר די טעמפלען האט ער ניט גערירט, ווייל די פריסטער האבען זיך אויסגעצייכענט אלס פריינד פון די מאצעדאניער און אלכסנדר'ן. די בעוואוינער פון שטאדט זיינען אלע פערקויפט געווארען פיר שקלאפען. דאס שיקזאל פון טהעבען האט ערפילט גאנץ גריכענלאנד מיט שרעק. אלע שטאאטען האבען זיך אהן ווידערשטאנד אונטערגעווארפען אונטער אלכסנדר'ן. די אלע, וואס האבען זיך ערקלערט אונטערטעניג, האבען געקריגען אמנעסטיע (בעגנאדיגונג), און אטהען, וועלכע איז בעהאנדעלט געווארען מילד, האט איבערגענומען די בעשטראפונג פון די שולדיגע.

אין הערבסט האט זיך אלכסנדר צוריקגעקעהרט נאך מאצעדאניען און ער האט זיך ערענסט גענומען צוגרייטען צום פעלד-צוג געגען פערסיען. אין דיזען פעלד-צוג האבען די פירסטען פון די בארבארישע לענדער, וואס אלכסנדר האט אונטערווארפען, פערזענליך אנטייל גענומען. ער האט געלאזען אויף זיין ארט אין מאצעדאניען זיין פעלד-מארשאל אנטיפאטער מיט 12,000 מאן מיליטער אום דא ארדנונג צו האלטען, און אליין איז ער אוועק אין פריהלינג פון יאהר 334 פ. קר. מיט אן ארמעע פון 30,000 פוס-פאלק און 5,000 רייטער נאך אטהען. קומענדיג אין קליין-אזיען האט ער פריהער פון אלץ געבראכט קרבנות אין טראיא צו די געטער. נאך דעם, ווי ער האט בעזיגט די שטעדט לאמפסאקוס און פריאפוס, האט ער געצויגען צום לינקען ברעג פון דעם טייך גראניקוס. דא האט איהם בעגעגענט א פערסישע ארמעע פון 20,000 רייטער און עבען אזוי פיעל פוס-פאלק, און עס האט זיך אנגעהויבען א קאמף. אין דיזען קאמף איז אלכסנדר געקומען צו א גרויסער סכנה, פון וועלכער זיין פריינד קליטוס האט איהם געראטעט. די שלאכט האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגער נידערלאגע פון די פערסיער. די גריכישע טרופען, וואס האבען געדינט אין דער פערסישער ארמעע, האט אלכסנדר געלאזט טויטען, א טייל האט ער אוועקגעשיקט אין מאצעדאניען, וואו זיי האבען געמוזט טאן שווערע ארבייט, ווייל זיי האבען געבראכען דעם אפמאך, וואס איז געשלאסען געווארען אין קארינטה, און האבען געקעמפט געגען מאצעדאניען. נאר די טהעבאנער, וואס האבען געדינט אין דער פערסישער ארמעע, האט ער בעפרייט, ווייל ער האט אנערקענט, דאס אין זייער האס געגען איהם זיינען זיי געווען גערעכט.

נאך דיזען זיג האט אלכסנדר אהן שוועריגקייט איינגענומען די אלע שטעדט, וואס זיינען געלעגען אויף די מערב-ברעגען פון קליין-אזיען, אונ-

טער וועלכע עס איז אויך געווען די שטאָדט האליקארנאססוס, וועל-כע דער פערסישער שטאטהאלטער מעמנאָן האָט אליין אונטערגעצונ-דען און פערברענט. יעצט איז איהם דער וועג דורך די גאַנצע האלב-אינזעל געווען אָפען. אונגעשטערט איז דער זיגער געגאַנגען צו דעם דרום-ברעג, און פון דאָ איז ער געגאַנגען נאָך פריגיען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער הויפּט-שטאָדט גאָרדיום צו איבערווינטער: אין דיזער שטאָדט איז געווען אין אַן אַלטען שלאָס פון דעם קעניג מידאָס דער גאָרדי-שער קניפּעל, וועלכען קיינער האָט ניט געקענט אָפּקניפּען. מען האָט געגלויבט, דאָס דער, וואָס וועט אָפּקניפּען דיזען קניפּעל, וועט בע-הערשען גאַנץ אַזיען. אַלכסנדר האָט זיך לאַנג ניט געוואָלט מאַטערן דערויף און האָט עס מיט זיין שווערד איבערגעהאַקט.*) אין פריהלינג פון 333 פ. קר. זיינען צוגעקומען צו זיין אַרמעע נאָך 4,000 מאַן, און ער האָט אָנגענומען זיי מארשרוט נאָך פּאַפלאַגאָניען דורך קאַפּ-פּאַדאָציען נאָך סיציליען. אין פּאפלאַגאָניען איז געשטאַנען אַ פערסישע אַרמעע, אָבער זי האָט גלייך אָפּגעטרעטען, ווי זי האָט דערזעהן אַלכסנדר'ס טרופּען. פון דאַן אָן איז ער אונגעשטערט געגאַנגען נאָך טאַרסוס. אין טאַרסוס האָט ער זיך געבאָדען אין דעם טייך ציד-נוס, האָט זיך פערקיהלט און איז שטאַרק קראַנק געוואָרען. זיין טריי-ער אַרצט פיליפּ האָט איהם קורירט און האָט איהם געראַטעוועט זיין לעבען פון דער געפעהרליכער קראַנקהייט. ווען ער איז געזונד געוואָרען, האָט ער אונטערגענומען אַ זעהר שווערע רייזע נאָך פעניציען אום צו פערניכ-טען אַ פערסישע פלאָטע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, ווייל זי האָט גע-קענט פיעל שאָדען טאָן. דערווייל האָט ער געהערט, דאָס דער פערסישער קעניג דאַריוס געהט איהם אָנגרייפען מיט אַ האלבער מיליאָן סאָלדאַטען, אונטער וועלכע עס האָבען זיך געפונען 100,000 גוט בעוואָפענטע אַזיאַטען און 50,000 גריכען. אַלכסנדר האָט זיך באַלד אומגעקעהרט צו בעגעגנען די-זע אַרמעע. אין דעם ענגען טאָל פון דעם טייך פּינאַרוס, אייניגע מייל צו דרום-מערב פון איססוס, האָט ער געטראָפען די פערסישע אַרמעע. די לאַגע פון דאַריוס'ן איז געווען אונגינסטיג. דער פּלאַץ איז געווען צו ענג פיר זיינע אונגעהייערע טרופּען און ער האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו אַרבייטען מיט זיי ווי געהעריג איז. איבערהויפּט האָט ער

*) „איבערהאַקען דעם גאָרדישען קניפּעל" איז געוואָרען אַן אויסדרוק, וואָס מיינט שנעל לעזען אַ שווערע פראַגע.

גאַר ניט געקענט געברויכען דאָס שווערע רייטער־פאָלק. אַלכסנדר האָט עס
מיט'ן ערסטען בליק פערשטאַנען און האָט באַלד געמאַכט אַן אָנגריף אויף
די פּערסיער. ער האָט מורא געהאַט, דאַריוס זאָל זיך ניט באַלד צוריקציהען
צו דער עבענע פון ס אָ כ י, ניט ווייט פון איססוס, וואו דאַריוס האָט גע־
קענט האָבען אַ פיעל בעסערעס שלאַכט־פעלד פיר זיך. הגם די פּערסישע אַר־
מעע איז געוועזען 12 מאָל גרעסער פון אַלכסנדר'ס, האָט ער זיי גלענצענד בע־
זיגט. דאַריוס זעלבסט האָט זיך קוים גערעטעט מיט ענטלויפען, לאָזענדיג
אויף'ן וועג זיין וואָגען, שילד און בויגען. דער גאַנצער פּערסישער לאַגער מיט
זיינע אונגעהייערע אוצרות, אַפילו דאַריוס'עס מוטער, זיין ווייב און זיינע קינ־
דער זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די מאַצעדאָניער. אַלכסנדר האָט
אָבער דיזע אַדעליגע געפאַנגענע זעהר גוט בעהאַנדעלט. פּ אַ ר מ ע נ י אָ ן,
איינער פון אַלכסנדר'ס פעלד־מאַרשאַלען, האָט באַלד נאָך דעם אויך די
קריגס־קאַסע פערכאַפּט אין דאַמאַסקוס (דמשק).

אַלכסנדר האָט ניט נאָכגעיאָגט דאַריוס'ן, ער האָט איהם געלאָזען לוי־
פען אויף יענער זייט טייך אייפראַט (פּרת), און ער האָט בעסער געצויגען צו
דרום נאָך סיריען און פעניציען, וואו אַלע שטעדט האָבען זיך איהם אָהן
ווידערשטאַנד אונטערגעגעבען. נאָר די הויפּט־שטאָדט פון פעניציען ט י ־
ר ו ס (צור) האָט זיך לאַנג ניט אונטערגעגעבען ביז אַלכסנדר האָט איבער־
גענומען די פעניצישע און ציפּרישע פלאָטע. דאַן האָט אַלכסנדר פערוואַנ־
דעלט די שטאָדט אין אַ וואַפען־פּלאַץ און האָט זי בעזעצט מיט אַ נייער בע־
פעלקערונג און די אַלטע האָט ער געשיקט אין אַנדערע פּלעצער. פון טירוס
האָט ער זיך געווענדט נאָך פּאַלעסטינאַ. די שטאָדט ג אַ ז אַ (עזה) האָט זיך
ניט געוואָלט אונטערגעבען, ער האָט זי בעלאַגערט צוויי מאָנאַטען און האָט
זי ענדליך גענומען. פון דאָרט האָט ער 7 טעג געמאַרשירט דורך די וויסטע
ביז ער איז געקומען צו פּ ע ל ו ז י ו ם. די עגיפּטער האָבען זיך איהם אונ־
טערוואָרפען פרייוויליג, ווייל זיי האָבען געוואָלט פריי ווערען פון פּערסישען
יאָך. אַלכסנדר האָט זיי ערלויבט צו לעבען און זיך פיהרען נאָך זייערע אַל־
טע געזעצען און מנהגים. אַלכסנדר איז אין אַלגעמיין געווען זעהר טאָלעראַנט
צו אַנדערע רעליגיאָנען, און האָט איבעראַל אַלע זיינע אונטערטעניגע נאַציאָ־
נען ערלויבט צו לעבען פריי נאָך זייער רעליגיאָן און האָט אין דיזער הינ־
זיכט קיין צוואַנג ניט אַרויפגעלעגט אויף וועלכער עס איז נאַציאָן. אין
עגיפּטען האָט ער געאָפּפערט צום אַפּיס. זיינענדיג אין עגיפּטען האָט ער גע־
גרינדעט די שטאָדט אַ ל כ ס נ ד ר י אַ, וועלכע איז אין אַ קורצער צייט
בעריהמט געוואָרען אַלס די גרעסטע האַנדעל־שטאָדט און אַלס דער וויכ־

מיליטערישער צוג פון אַלכסנדר דעם גרויסען. נאָך טהאָרוואַלדסען.

טיגסטער צענטער פון דער גריכישער קולטור. נאָך דעם האָט ער געמאַכט א רייזע צום אָראַקעל פון אַמון־ראַ. דער אויבער־פּריסטער האָט איהם דאָרט בעגריסט אַלס זוהן פון די געטער און האָט איהם נביאות געזאָגט, דאָס ער וועט בעהערשען די גאַנצע וועלט.

דאַריוס האָט דערווייל צוזאַמענגעקליבען א נייע גרויסע אַרמעע און אין פריהלינג פון יאָהר 331 פ. קר. האָט ער זי געבראַכט צו דער גרויסער און ברייטער עבענע פון בבל. דיזע אַרמעע איז בעשטאַנען פון 200,000 פוס־פאָלק, 40,000 רייטער, 15 העלפאַנדען און 200 שטרייט־וואַגענס. אַלס אַלכסנדר האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער פערלאָזען עגיפּטען און האָט געצויגען צו בעגעגנען דאַריוס'ן. ער האָט זיין אַרמעע איבערגעפיהרט איבער דעם אייפראַט; ביי גאַוגאַמעלאַ, א דאָרף נעבען אַרבעלאַ (אַרבאַל), האָט ער געטראָפען דעם פיינד, און עס איז באַלד ענטשטאַנען א שרעקליכע שלאַכט, אין וועלכער אָנפאַנגס האָבען די פּערסיער געהאַט א שטיקעל זיג, אָבער ענדליך האָט אַלכסנדר די פּערסיער פאָלשטענדיג פערניכטעט. נאָר וועניגע פון דעם פּערסישען מיליטער האָבען זיך גערעטעט. דאַריוס האָט זיך גערעטעט מיט 8,000 מאַן נאָך עקבאַטאַנאַ, דער קאָמאַנדיר אַריאָבאַרצאַנעס האָט זיך גערעטעט מיט א קליינעם טייל פון דער אַרמעע נאָך פּערסיען, און די איבריגע קריגס־פיהרער האָבען זיך צושפּרייט וואוהין זיי האָבען געקענט זיך צו רעטען און פיעלע זיינען אריבער צום זיגער.

פּערסיען איז שוין פריהער געווען צופוילט אינוועניג. אַלכסנדר האָט איהר געגעבען א טויט־קלאַפּ, פון וועלכען זי האָט שוין ניט געקענט קומען צו זיך. זייט אַרטאַקסערקסעס דעם 2טען (מנעמאָן) האָבען די סאַטראַפּען ניט אויפגעהערט צו רעוואָלטירען. דאַריוס קאָדאָמאַנוס האָט ניט געקענט רעטען פּערסיען פון אונטערגאַנג. איהם האָט געפעהלט דער שאַרפער בליק פון א שטאַאַטסמאַן און זיין מיליטער האָט געפעהלט די ריכטיגע דיסציפּלין. אַלכסנדר'ן איז ניט שווער אָנגעקומען צו בעזיגען די וויכטיגסטע פּערסישע שטעדט. באַבילאָן (בבל) און סוזא (שושן) האָבען זיך באַלד אונטערגעגעבען. אין ווינטער־צייט האָט ער אונטערגענומען א שווערען און געפעהרליכען צוג נאָך דער אַלטער פּערסישער רעזידענץ פּערספּאָליס. אָנקומענדיג אַהין האָט ער בעקומען זעהר פיעלע רייכע אוצרות. אין מאָנאַט אַפּריל פון יאָהר 330 פ. קר. איז ער אַוועק נאָך מעדיען אום דעם קעניג צו פערפאָלגען דער־פאַר, וואָס ער האָט נאָך א מאָל צוזאַמענגעטריבען א פּערסישע אַרמעע צו שטרייטען מיט אַלכסנדר'ן. אַלס דאַריוס האָט דערהערט, דאָס די מאַצע־

דאַניער געהען אויף איהם, האָט ער אָנגעפאַנגען זיך ערוויטערן און געהן נאָך באַקטריען, אָבער אויף׳ן וועג איז ער ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינע סאַטראַפּען.

נאָך דעם טויט פון דאריוס׳ן איז אַלכסנדר געוואָרען דער הערשער פון דעם פּערסישען רייך און זיין הערשאַפט איז אַנערקענט געוואָרען פון די גרויסע פון לאַנד. אום צו פערפעסטיגען זיין פּאָזיציאָן ביים פּערסישען פאָלק האָט ער בעשטראָפט די מערדער פון דאריוס׳ן און זיינע געפאַלענע געגנער געבראַכט צו קבורה אין פּערספּאָלים מיט גרוים פּאראַד. אין גריכענלאַנד האָט זיין שטאַאטס־פערטרעטער אַנטיפּאַטער אונטערדריקט אין יענער צייט דעם אויפשטאַנד פון די ספּאַרטאַנער, אַזוי דאָס אַלכסנדר האָט ניט געברויכט צוריקקומען אין גריכענלאַנד, און ער האָט דעריבער פּאָרטגעזעצט זיינע קריגס־צוגען אין אזיען. ער האָט אונטערוואָרפען פּאַרטהיען, דראַנגינאַ און אַרכאָזיאַ. אין פערלויף פון דעם קומענדען ווינטער האָט ער איבערגעשטיגען דאָס געבירג הינדוקוש און האָט בעזיגט די פּראָווינץ באַקטריען. נאָך דעם האָט ער פערוויסט כמעט גאַנץ סאָגדיאַנאַ, האָט ארעטירט דאריוס׳עס מערדער בעססעס, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען אַרטאַקסערקסעס דער קעניג פון פּערסיען, און האָט איהם הינגעריכטעט אין עקבאַטאַנאַ, און איז געקומען ביז דעם וויטסטען גרענעץ פון פּערסיען, ביז דעם טייך יאַקסאַרטעס (סיר דאַריאַ).

ניט קוקענדיג אויף אַלע גרויסע ערפאָלגען פון אַלכסנדר׳ן האָבען זיינע גענעראַלען און די סאָלדאַטען אָנגעהויבען צו זיין שטאַרק אונצופרידען. די אורזאַך פון דער אונצופרידענהייט איז געווען, וואָס אַלכסנדר האָט קיין אונטערשייד ניט געמאַכט צווישען פּערסיער און מאַצעדאָניער. ער האָט אָנפערטרויט די גרעסטע עמטער אין דער רעגירונג און אין הויף צו די אַדעליגע פּערסיער, און האָט אויך איינגעפיהרט דעם גאַנצען גלאַנץ און לוקסוס, ווי דאָס איז געווען ביי די פּערסישע הערשער. די מאַצעדאָניער האָבען זיך געפיהלט ערנידריגט און זיינען דעריבער געווען שטאַרק אונצופרידען. זיי זיינען געווען אויך אונצופרידען, וואָס אַלכסנדר האָט געהייראַט אַ פּערסישע פּרינצעסין, ראָקסאַנע. עס איז געוואָרען אַ פערשווערונג געגען איהם אַפילו צווישען זיינע טרייעסטע אָנהענגער. די פערשווערונג איז אָבער באַלד ענטדעקט געוואָרען. פּילאָטאַס, דער זוהן פון דעם בעריהמטען העלד פּאַרמעניאָן, איז בעשטראָפט געוואָרען מיט׳ן טויט אויף אַ חשד, דאָס ער האָט געוואוסט פון דער פערשווערונג, און זיין פאָטער פּאַרמעניאָן איז אין עקבאַטאַנאַ פון אָנגעשטעלטע מערדער ערמאָרדעט געוואָרען. אויף

אַ פריידען־מאָהלצייט אין מ אַ ר אַ ק אַ נ ד אַ האָט אַלכסנדר זעלבסט ערמאָרדעט זיין בעסטען פריינד ק ל י ט ו ס. די געשיכטע איז אַזוי געוועזן. ביי דער מאָהלצייט האָבען איינינגע גריכען צופיעל געשמייכעלט און געהויבען אַלכסנדר׳ן. זיין פריינד קליטוס, וועלכער איז אָבער געוועזן אַ קריגס־מאַן מיט אַ העפטיגען טעמפּעראַמענט, האָט ניט געקענט איבערטראָגען די שמייכלעריי און האָט זיך אויסגעדריקט מיט בעליידיגענדע ווערטער געגען דעם קעניג. אַלכסנדר איז אַרויס פון געדולד, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד ביי אַ סאָלדאַט און האָט קליטוס׳ן ערמאָרדעט. ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט אויף זיין איבעראַיילטע, אונבעזאָנענע טאַט און איז געוואָרען ערפילט מיט אַ טיפען שמערץ. מיט גרויס פערצווייפלונג האָט ער זיך געוואָרפען אויף׳ן טויטען קערפּער און האָט ביטער געוויינט. דריי טעג און דריי נעכט איז ער ניט אַרויס פון זיין געצעלט, ער האָט ניט געגעסען און ניט געטרונקען און ניט געשלאָפען. אויך דער פילאָזאָף ק אַ ל ל י ס ט ה ע נ ע ס, וועלכער איז געוועזן זעהר געאַכטעט פון אַלכסנדר׳ן צוליב זיינע טרייע דינסטען, וואָס ער האָט איהם געצייגט, איז בעהאַנדעלט געוואָרען פון איהם גרויזאַם פיר זיין רעפּובליקאַניזם. מען האָט איהם געשמידט אין קייטען און פערשיקט אין אינדיען, וואו ער איז געשטאָרבען פון אַ שווערער קראַנקהייט.

אַלכסנדר האָט בעשלאָסען צו אָנפאַנגען נייע קריגס־אונטערנעהמונגען, ווייל נאָר דורך נייע זיגען האָט ער געקענט צוריק צובינדען צו זיך זיין אַרמעע. ער האָט דעריבער אונטערגענומען אַ קריגס־צוג נאָך אינדיען, דאָס לאַנד, וואָס איז אין דער גאַנצער וועלט בעקאַנט מיט זיין צויבער און זיינע געהיימניסען. דער וואונש צו דיזען קריגס־צוג איז ביי איהם נאָך שטאַרקער געוואָרען נאָך דעם, ווי אַן אינדישער פירסט ט אַ ק ס י ל ע ס האָט איהם איינגעלאַדען און ערמונטערט דערצו דורך שלוחים. געגען ענדע פון יאָהר 327 פ. קר. האָט אַלכסנדר בעוועגט זיינע טרופּען, וועלכע זיינען בעשטאַנען דאַמאָלס פון 120,000 מאַן, פון באַקטריען נאָך דעם פּענדזשאַב, „דעם לאַנד פון די פינף טייכען". אַ טייל פון זיינע טרופּען האָט ער אונטער די קאָמאַנדירען ה ע פ אֶ ס ט י אָ ן און פּ ע ר ד י ק ק אַ ס געשיקט איבער׳ן אינדוס, און אַליין האָט ער גענומען דעם מאַרשרוט צו צפון־מזרח געגען די אַ ס פּ אַ ז י ע ר, ג ו ר אֶ ע ר און אַ ס ס אַ צ ע נ ע ר. נאָך פיעלע העפטיגע שטרייטען מיט די קריגערישע פעלקער ביי דעם טייך קאַבול, וואו ער האָט אויך איינגענומען די בעריהמטע פעסטונג אַ אָ ר נ י ס, וועלכע האָט זיך גערעכענט אַלס אונבעזיגבאַר, איז ער ענדליך אין פריהלינג פון אַנדערן יאָהר אָנגעקומען צום אינדוס. וואו ער האָט באַלד געלאָזט מאַכען אַ שווי-

מענדען בריק און האָט אריבערטראנספּאָרטירט איבער איהם זיינע טרופּען. דאָ זיינען אָנגעקומען געזאַנדטע פון דעם פירסט טאַקסילעס, וועלכע האָבען איהם איבערגעגעבען די שליסלען פון זיין הויפּט־שטאָדט און פיעלע רייכע מתנות. אַלכסנדר צוזאמען מיט טאַקסילעס'ן האָבען געהאַט אַ גלענצענדען זיג איבער דעם מעכטיגסטען הערשער פון פּענדזשאַב, דעם קעניג פּ אָ ר ו ס. דיזער מעכטיגער קעניג האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַרמעע קריגער אויף יענער זייט ברעג פון דעם טייך ה י ד אַ ס פּ ע ס. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ רייהע העלעפאַנדען, און הגם ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, האָט ער זעלבסט מוטיג געקעמפּט אין די רייהען פון זיינע קריגער. אַלכסנדר האָט בע-וואונדערט דעם מוט פון דעם אַלטען גרייז־גרויען העלד, און הגם ער האָט איהם בעזיגט האָט ער איהם דאָך בעהאַנדעלט אַלס אַ קעניג, ער האָט איהם ניט בערויבט פון זיין טראָן און האָט איהם נאָך געהאָלפען פערברייטערן זיין קעניגרייך; ער האָט נאָר פערלאַנגט פון איהם ער זאָל אָנערקענען זיין אױ-בערהערשאַפט. 30 טעג האָט אַלכסנדר פערבראַכט ביי זיין צווייטען בונד־חבר, האָט צוזאַמען מיט איהם געבראַכט קרבנות און געשפּילט, און נאָך דעם, ווי ער האָט ביי דעם טייך הידאַספּעס געגרינדעט צוויי שטעדט, נעמליך: ב ו צ ע פ אַ ל אַ און נ י צ אָ אַ, האָט ער געצויגען ווייטער צו מזרח ביי דעם טייך ה י פּ אַ ז י ס.

דאָ האָט ער זיך דערוואוסט פון די ווירקליך רייכע מדינות פון אינדיען און פון איהר מערקווירדיגער קולטור. אַלכסנדר האָט שטאַרק חשק בעקומען אריינצודרינגען אין יענע לענדער און אונטערוואַרפען זיי אונטער זיין מאַכט. די טרופּען זיינע האָבען זיך געפיהלט מיד און האָבען ניט געוואָלט געהן ווייטער. אַלכסנדר האָט זיי געסטראַשעט מיט וואָס ער האָט געקענט, ער האָט זיך דריי טעג ניט בעוויזען צו דער אַרמעע — עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען, ער האָט געמוזט נאָכגעבען דעם וואונש פון זיין אַרמעע. ער האָט אין יענעם אָרט אויפגעשטעלט 12 גרויסע אַלטאַרען, הויכע ווי טורמס, וועלכע זאָלען בעצייכנען דעם גרענעץ פון זיינע בעזיגטע לענדער. די אַלע ערטער, וואָס ער האָט איינגענומען צווישען די טייכען היפּאַזיס און הידאַספּעס, האָט ער איבערגעגעבען צום קעניג פּאָרוס, זיין פריינד. די ריק־רייזע האָט אַלכסנדר ניט געמאַכט מיט דעם אַלטען וועג, נאָר ער איז גע-גאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם לויף פון די טייכען ביז צום אינדישען מעער, אום צו עפענען אַ וועג צווישען אינדיען און אייראָפּאַ דורך'ן ים. צו דיזען צוועק האָט ער געלאָזט בויען אַ פלאָטע פון 2,000 שיפען, אין וועלכע ער זעלבסט מיט 8,000 מאַן פון זיין מיליטער האָבען זיך געשיפט איבער'ן טייך

הידאספעס צום אינדישען ים, און די איבריגע טרופען האט ער איבערגעגע-בען צו ק ר א ט ע ר א ס ’ן, ער זאל זיי אריבערפיהרען אויף דער לינ-קען ברעג פון דעם טייך. די אלע פעלקער פוןביידע זייטען פון דעם טייך אינדוס, וועלכע האבען ביז יעצט פון קיין זאך ניט געוואוסט, האבען זיך פרייוויליג אונטערוואָרפען אונטער זיין הערשאפט. נאר די מ א ל ל י ע ר האבען זיך ניט געוואלט אונטערגעבען און אלכסנדר האט געהאט מיט זיי א שווערען שטרייט, אין וועלכען ער איז שטארק פערוואונדעט געוואָרען. נאך פיעלע קאמפען, וועלכע ער האט געהאט צו פערדאנקען די פאנאטישע בראהאמאנען, איז איהם ענדליך געלונגען צו קומען נאך פ א ט ט א ל א ביים אינדישען אָקעאן. דא האט ער געגרינדעט א גרויסארטיגען וועלט-מארק, וועלכער זאל האבען פערבינדונג מיט די לענדער, וואס געפינען זיך ביי די טייכען אייפראט (פרת) און נילוס.

נאך דעם, ווי ער האט דא געבראכט קרבנות דעם גאט פאסיידאן, וועל-כען די גריכען האבען אנערקענט אלס הערשער פון ים, האט ער געגעבען זיין פעלד־מארשאל נ ע א ר כ ו ס דעם בעפעהל צו זעגלען מיט דער פלאָטע ביי די ברעגען פון ים. ער אליין מיט דער הויפט־ארמעע האט זיך געלאָזען געהן דורך געדראָזיען, א מדבר־לאנד, אין וועלכען די ארמעע האט זעהר פיעל געליטען. ער האט געמוזט דורכגעהן גרויסע סטעפעס, אין וועלכע ער האט קיין וואסער ניט געקענט בעקומען פיר די ארמעע, און אין וועלכע די היץ פון דער זון איז געווען אונערטרעגליך. טויזענדער פון דער ארמעע זיינען צושטאָרבען פון דורסט. דערצו זיינען נאך צוגעקומען פערשיידענע קראנקהייטען און הונגער. די ארמעע איז געקומען אין פערצווייפלונג, די דיסציפלין איז אין גאנצען אפגעווישט געוואָרען. ענדליך איז אלכסנדר אָנ-געקומען אין ק א ר מ א נ י א מיט א פערלוסט פון מעהר ווי העלפט פון דער ארמעע. אין קארמאניא האט זיך די ארמעע פעראייניגט מיט די טרופען פון נעארכוס’ן. פון דאנען האט נעארכוס גענומען שווימען מיט דער פלאָטע צו דער מינדונג פון די טייכען אייפראט און טיגרים (פרת און חדקל), און אלכסנדר מיט זיינע בעסטע סאלדאטען האט דורכגעצויגען דורך בערג איבער פאסארגאדא און פערסעפאלים נאך סוזא (שושן), ווייל זיינע שטאטהאלטערס האבען זיך דאָרט אנגעהויבען צו פיעל צו ערלויבען. דער רעסט פון דער ארמעע אונטער העפאסטיאן האט מארשירט נאך פערסים. דערמיט האט זיך געענדיגט דער בעריהמטעסטער אלכסנדר־צוג, וועלכער האט געדינט אלס געגענשטאנד פון זאגעס אין פערשיידענע לענדער און פערשיידענע צייטען, דער צוג, וועלכער האט ווירקליך ענטדעקט נייע לענדער און נייע קולטורען.

אלס אלכסנדר איז אָנגעקומען אין סוזא האָט ער באלד גענומען צום משפּט די שטאַטהאַלטערס, וועלכע האָבען אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אוועק, געדריקט דאָס פאָלק און אויסגעפּרעסט פון זיי געלט. נאָך דעם האָט ער בעשלאָסען אָנצואווענדען אַלע קרעפטען אום נעהענטער צו ברייננגען איי־ראָפּא מיט אזיען, ביידע וועלט־טיילען צוזאַמענשמעלצען אין איין קולטור. צו דיזען צוועק האָט ער געהייראַט דאַריוס'עס טאָכטער ס ט א ט י ר א, הגם זיין ערסטע פרוי ראָקסאַנא האָט נאָך געלעבט און ער האָט זיך מיט איהר ניט געשיידען. אונטער זיין איינפלוס האָבען 80 אדעללייט פון זיין ארמעע און 10,000 סאָלדאַטען געהייראַט פּערסישע פרויען. די אַלטע מאַ־צעדאָנישע טרופּען זיינען געווען שטאַרק אונצופרידען. זייער אונצופרידענ־הייט איז נאָך מעהר געוואַקסען, ווען אלכסנדר האָט אריינגענומען אין זיין ארמעע 30,000 בארבארען (ד. ה. ניט קיין גריכען). די ארמעע האָט עס ניט געקענט פערצייהען אלכסנדר'ן. עס האָט איהם ניט געהאָלפען צו גע־ווינען די ליבע פון דער ארמעע אפילו ווען ער האָט צוטיילט צווישען זיינע סאָלדאַטען איבער 20,000 טאַלענטען. ביי א רעוויזיאָן איבער דער ארמעע נעבען דער שטאָדט אָ פּ י ס זיינען די סאָלדאַטען אַפען ארויס געגען דעם קעניג. אלכסנדר האָט נעמליך געוואָלט די אַלטע, שוואַכע סאָלדאַטען אהיים שיקען. דיזער וואונש זיינער האָט שרעקליך אויפגערעגט די סאָלדאַטען און זיי האָבען איהם שטייף ארויסגעזאָגט: ער קען געהן אין קריג מיט די פּערסישע טענצערקעס. אלכסנדר'ן האָט דיזע חוצפּה שטאַרק אויפגערעגט, ער האָט אַליין אָנגעגריפען 13 פון די אָנפיהרער און האָט זיי געהייסען דער־טרינקען. נאָך דעם האָט ער זיך פערשלאָסען אין דער קעניגליכער בורג. אין פערלויף פון עטליכע טעג האָט ער ניט צוגעלאָזען צו זיך ניט איין מאַצע־דאָניער צו רעדען מיט איהם, נאָר פּערסיער האָט ער צוגעלאָזען צו זיך. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף די מאַצעדאָניער און זיי האָבען געבעטען ביי איהם פערצייהונג. אלכסנדר האָט זיי באלד מוחל געווען. ער האָט בע־פוילען א גרויסאַרטיגע מאָהלצייט, דאָס איז געווען א יום־טוב פון פערגע־בונג. ביי דער מאָהלצייט האָט ער די מאַצעדאָניער געזעצט נעבען זיך, די קרבנות האָבען די פּערסישע און מאַצעדאָנישע פּריסטער געאָפּפערט. נאָך דעם האָט ער 10,000 אויסגעדינטע סאָלדאַטען מיט גרויס עהרע אהיים געשיקט. יעדער סאָלדאַט האָט בעקומען פאָרויס זיין געהאַלט ביז דעם טאָג, וואָס ער וועט אָנקומען אהיים; אויסער דעם האָט יעדער סאָל־דאַט בעקומען א מתנה איין טאַלענט, אן עהרען־קרוין און אנדערע מתנות. פיר די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געפאַלען אין קריג, האָט ער זייערע קינדער

צוגעשיקט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געגעבען צו די לעבעדיגע סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט געשיקט אַ היים.

נאָך דעם האָט ער זיך גענומען ערנסט צו אַרבייטען אין זיין גרויסער אויפגאַבע. נעמליך, איינצופיהרען איינהייט אין זיין אונגעהייער גרויסען רייך. ער האָט רעגולירט די פערוואַלטונג אין רעגירונג, ער האָט געמאַכט נייע האַנדעלס־וועגען, ער האָט געבויט נייע קאַנאַלען, האָט איבעראַל אויפ־געהויבען דעם האַנדעל און די אינדוסטריע, האָט פערברייטערט קונסט און וויסענשאַפט, ער האָט געגרינדעט שטעדט און ניין האַפען־פּלעצער. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגליך איז צו פערבינדען דורך זעע־האַנדעל די לענדער פון אייפראַט (פרת) מיט עגיפּטען. עס איז שוין געווען בעשטימט אַ טאָג, אין וועלכען נעאַרכוס זאָל מיט אַ פלאָטע אָפּשווימען אום דיזען וויכטיגען פּלאַן דורכצופיהרען. אַלכסנדר האָט געלאָזט מאַכען אַ גרויסאַרטיגע סעודה צו עהרע פון נעאַרכוס'ן. ביי דיזער מאָהלצייט האָט ער געקריגען אַ שרעק־ליכען פיבער, פון וועלכען ער איז אין עטליכע טעג געשטאָרבען אין אַלטער פון 33 יאָהר. 12 יאָהר מיט 8 חדשים האָט דיזער גרויסער העלד געהערשט איבער פיעלע לענדער מיט גרוים טאַקט און העלדענמוט. מיט אַ קורצער צייט פריהער איז איהם אָפּגעשטאָרבען זיין טרייעסטער פריינד און ראַט־געבער העפאַסטיאָן, אָהן וועלכען ער האָט שוין מעהר ניט געקענט פרעהליך געניסען דאָס לעבען.

ווען מיר זאָלען געבען אַ בליק צוריק אויף אַלע העלדענטאַטען פון אַלכסנדר'ן, מוזען מיר זיי בעוואונדערן, ווי מען האָט זיי אימער בעוואונ־דערט. אָבער די אַלע גרויסע טאַטען זיינע בעקומען אַן אַנדער קאָליר, ווען מיר בעטראַכטען די מאָטיוועו, וועלכע האָבען איהם געטריבען צו דיזע טאַטען. איהם האָט געטריבען צו אונטערנעהמען אַ פעלד־צוג נאָך פערסיען און אזיען ניט נאָר דער עהרגייץ, נאָר אויך און איבערהויפּט דער אָרימער צושטאַנד פון די פינאַנסען פון דער מאַצעדאָנישער רעגירונג, וועלכע איז געווען געצוואונגען אָנצוהאַלטען אַ גרויסע אַרמעע אום די אינגערליכע און אויסערליכע פיינד אין געהאָרזאַם צו האַלטען און האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט. איהם איז פאָרגעשטאַנען איינס פון די צוויי: הערשאַפט אי־בער אזיען אָדער אונטערגאַנג.

און ווען מיר זאָלען אַלכסנדר'ס גרויסע טאַטען אָפּשאַצען נאָך די נוצען, וואָס זיי האָבען געבראַכט צו די אונטעריאָכטע פעלקער און צו דער קולטור־וועלט, שטעלט זיך אונז פאָר אַ נייעס בילד, אַ גאַנץ אַנדערעס פון דעם, וואָס די היסטאָריקער שטעלען אונז פאָר. פיר די פעלקער, וועלכע ער



אַלכסנדר'ס שלאַכט ביי איססוס.

האָט אונטעריאָכט האָבען אַלע זיינע העלדענטאַטען געבראַכט אונגליק און פערדערבען. אויף דער לאַנגער שטרעקע פון גריכענלאַנד ביז אינדיען זיינען געפלאָסען גאַנצע שטראָמען מענשען־בלוט, גאַנצע מדינות זיינען דורך פייער פערוויסטעט געוואָרען און אין אש פערוואַנדעלט געוואָרען. צעהנדליגע טויזענדער מענשען זיינען פון הונגער אומגעקומען צוליב זיין לוסט צו מלחמות. די היסטאָריקער ריהמען איהם געוועהנליך פיר די גרויסע סומעס געלט, וואָס ער פלעגט צוטיילען צווישען זיינע ליבלינגען און סאָלדאַטען. דיזעס בריינגען זיי אַלס בעווייז פון זיין פריינגעביגקייט און עדלען כאַראַקטער. מערקווירדיג איז אָבער, דאָס ניט איינער פון די שרייבער, וואָס ריהמען אַזוי זיין גוטהערציגקייט, האָט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: פון וועלכע קוועלען האָט אַלכסנדר געשעפּט דיזע אונגעהייערע סומעס? קיינער האָט ניט אַ טראַכט געטאָן, ווי די אונגליקליכע לענדער און פעלקער, וועלכע דער גרויסער זיגער האָט אונטעריאָכט, ווי דיזע לענדער און פעלקער זיינען אויסגעזויגט און בערויבט געוואָרען אום ער, דער זיגער, זאָל אין שטאַנד זיין אַזעלכע אונגעהייערע סומעס אויף זיינע ליבלינגען צו פערשווענדען? די, וואָס קענען ניט אַפּלייקענען, ווי וויט פערדערבליך זיינע העלדענטאַטען זיינען געוועזען פיר די פעלקער פון זיין צייט, ווילען אונז טרייסטען דערמיט, דאָס ער האָט זעהר פיעל גוטעס געטאָן צו דער מענשהייט אין אַלגעמיין מיט דעם, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט די אייראָפּעאישע קולטור אין אַזיען, אָבער אויך דיזע בעהויפּטונג איז ניט מעהר ווי אַ פראַזע. אין גרונד גענומען האָט אַלכסנדר ניט קולטור פערברייטערט אין אַזיען, נאָר ער האָט זיין הערשאַפט דאָרט פערברייטערט.

די אַלע פעלקער און לענדער, וואָס זיינען אונטעריאָכט געוואָרען אונטער אַלכסנדר'ס הערשאַפט, האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אָננעהמען און אַנערקענען די זיטען, געוואוינהייטען און איינריכטונגען, וואָס אַלכסנדר האָט זיי געצוואונגען אָנצונעהמען. און באמת זעהען מיר, דאָס אין ווענינער ווי הונדערט יאָהר נאָך אַלכסנדר'ס זיגרייכע פעלד־צוגען איז פון דער אייראָפּעאישער קולטור אין אַזיען קיין זכר ניט געבליבען. די קולטור, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד צוגעטשעפּעט צו די אַזיאַטישע פעלקער, איז פון זיך אַליין פערניכטעט געוואָרען. די איינציגע פון אַלכסנדר'ס אונטעריאָכטע מדינות, וואָס מען קען צייגען, דאָס זיי האָבען אָנגענומען די אייראָפּעאישע קולטור, זיינען עגיפּטען און סיריען, אָבער דיזע זיינען פאַר אַלכסנדר'ן געוועזען בעקאַנט מיט דער אייראָפּעאישער קולטור. געוויס איז נאָר איין זאַך,

דאָס פיעלע לענדער, איבערהויפּט גריכענלאַנד, האָבען פיעל פערלאָרען אין קולטור פון דעם, וואָס אַלכסנדר האָט זיי בערויבט זייער פרייהייט.

נאָך דער קורצער רעכנונג, וואָס מיר האָבען געמאַכט, שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז געבליבען פון אַלכסנדר׳ס גרויסע טאַטען? וואָס האָט די מענשהייט געהאַט און האָט יעצט פון דעם גרויסען עלענד און לײדען, וואָס זיינע פעלד־צוגען האָבען פעראורזאַכט צו מיליאָנען מענשען? מען זאָגט ער האָט געגרינדעט אַ וועלט־רייך צו פעראייניגען, צו פערברידערן פערשיידענע פעלקער, וועלכע זיינען אימער געווען פיינדליך איינס צום אַנדערען. אָבער וואָס פיר אַ וועלט־רייך איז עס געווען, וועלכעס האָט קוים עקסיסטירט אייניגע יאָהר, כל־זמן זיין אייזערנע האַנט האָט עס צוזאַמענגעהאַלטען מיט גרויסען צוואַנג, און באַלד ווי די אייזערנע האַנט איז אַפּגעטאָן געוואָרען איז עס צופאַלען ווי אַ קאָרטען־שטיבעלע? פון אַלע זיינע גרויסע פעלד־צוגען איז איינס געבליבען, און דאָס איז — די פערוויסטונגען פון שטעדט און לענדער, וועלכע שטעהען נאָך עד היום פערוויסט און רויִנירט אין אינערען פון אַזיען, הגם עס איז שוין מעהר ווי 2,000 יאָהר זייט דיזע פערוויסטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען.

2) די מלחמות צווישען אַלכסנדר׳ס קאָמאַנדירען נאָך זיין טויט.

אַלכסנדר האָט נאָך זיין טויט ניט איבערגעלאָזען קיין יורש, וואָס זאָל זיין פעהיג צו רעגירען אַנשטאָט איהם דאָס וועלט־רייך. זיין פרוי ראָקסאַנע איז דאַמאָלס געווען שוואַנגער און זי האָט נאָך געהאַט אייניגע מאָנאַטען צו וואַרטען ביז איהר ענטבינדונג. פון זיינע קרובים האָט נאָר געלעבט דאַן דער שוואַך־זיניגער פיליפּ אררהידאָאוס, וועלכער איז געווען זיינער אַ האַלב־ברודער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, דאָס אַלכסנדר׳ס קאָמאַנדירען האָבען אַריינגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט. זיי איז דאָס ניט שווער אָנגעקומען, ווייל זיי זיינען געווען די הויפּט־פיהרער פון די טרופּען, וועלכע זיינען געווען געוואוינט צו פאָלגען זיי אַלץ, וואָס זיי האָבען זיי געהייסען טאָן. ווען עס וואָלט צווישען דיזע קאָמאַנדירען געווען איינער, וואָס זאָל זיך האָבען אויסגעצייכענט געגען די איבריגע, וואָלט ער געוויס געבליבען דער אליין־הערשער אַנשטאָט אַלכסנדר׳ן. ווייל עס האָט זיך אָבער אַזעלכער ניט געפונען צווישען זיי, האָט יעדערער געטראַכט זיך צו בעמעכטיגען אין אַ טייל פון אַלכסנדר׳ס אונגעהייערער אימפּעריע. שוין באַלד נאָך אַלכסנדר׳ס טויט האָבען זיך אָנגעהויבען צאַנקערייען צווישען די קאָמאַנדירען און דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָרום די קבורה־צערעמאָניע פון אַלכסנדר׳ס קער-

פער איז אפגעלעגט געוואָרען ביז דעם נעכסטען יאָהר. ערסט מיט א יאָהר שפּעטער האָט מען זיין קערפּער איבערגעפיהרט מיט גרויס פּאראד פון בבל נאָך אֶגאֶ צו בעערדיגען איהם אויף דעם קעניגליכען בית־עולם פון גריכענלאנד.

אָנפאנגס האָבען די קריגס־קאָמאנדירען איינגעשטימט, דאָס פּערדיקקאָס, וועלכער האָט געשטאמט פון א פירסטליכער פאמיליע אין מאצעדאָניען און וועלכען אלכסנדר, ווי מען האָט בעהויפּטעט, האָט אויף זיין טויטען־בעט איבערגעגעבען זיין זיגעל־רינג (טבעת המלך) — זאָל זיין רעגענט ביז ראָקסאנע וועט געבערען א זוהן. א קליינע צייט האָט דיזע אָרדנונג אָנגעהאלטען. די גענעראלען האָט מען בעפרידיגט מיט פערשיידענע עמטער. א נ ט י פּ א ט ע ר און ק ר א ט ע ר ו ס זיינען געוואָרען שטאטהאלטערס פון מאצעדאָניען און גריכענלאנד, פּ ט א ל ע מ אֶ א ו ס — פון עגיפּטען און לידיען, א נ ט י ג אָ נ ו ס — פון פאמפיליען, ציליציען און גרויס־פריגיען, ל י ס י מ א כ ו ס — פון טהראציען, און ע א ו מ ע נ ע ס — פון קאפּפּאדאָציען און פּאפלאגאָניען. זיי האָבען אָבער באלד זיך ארומגעזעהן, דאָס פּערדיקקאָס אין צו מעכטיג פיר זיי און האָבען זיך ערקלערט אלס אונאָפּהענגיגע הערשער יעדערער אין זיין פּראָווינץ.

עס איז ענטשטאנען א קריג צווישען פּערדיקקאָס'ן פון איין זייט און פּטאלאָמאֶאוס'ן פון דער אנדערער זייט. דער שטרייט האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס פּערדיקקאָס איז ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינע אייגענע סאָלדאטען. די פּערוואלטונג פון דעם רייך איז דאן אריבער צו אנטיפּאטער'ן, דיזער איז אָבער באלד געשטאָרבען און פאר זיין טויט האָט ער איבערגעגעבען די ממשלה צום אלטען גענעראל פּ אָ ל י ס פּ ע ר כ אָ ן. דיזעס האָט פּעראורזאכט דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאנג פון דער גרויסער אימפּעריע. ק א ס ס א נ ד ע ר, דער עהרגייציגער זוהן פון אנטיפּאטער'ן, האָט געשלאָסען א בונד מיט פּטאלעמאֶאוס'ן און איז ארויס אין שטרייט מיט פּאָליספּערכאָן. דיזער שטרייט איז געווען דער אונגליקליכסטער פיר מאצעדאָניען און גריכענלאנד. בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז, די לענדער זיינען פּערוויסט געוואָרען און די גאנצע קעניגליכע פאמיליע איז אויסגעראָט געוואָרען. אלכסנדר'ס מוטער, אָלימפּיאס, איז געווען אויף דער זייט פון פּאָליספּערכאָן. דערפאר האָט זי קאססאנדער געפאנגען און האָט זי פּערשטייניגט, און דאן האָט ער אין זיינע הענט ארייגעכאפּט די רעגירונג איבער מאצעדאָניען און גריכענלאנד. אין דער זעלבער צייט האָט עאומענעס אונטערגענומען א קריג מיט אנטיגאָנוס'ן, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס

זיינע סאָלדאַטען האָבען איהם איבערגעגעבען צו אַנטיגאָנוס'ן. דיזער האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין קערקער און דאָרט איהם געלאָזט ערמאָרדען.

נאָך דעם איז אַנטיגאָנוס געבליבען הערשער אין אַזיען. ער האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט די רעגירונגס-קאַסע אין סוזא און האָט אָנגע-דונגען אַזוי פיעל סאָלדאַטען, דאָס ער איז אין שטאַנד געווען צו צווינגען אַלע אַנדערע קאָמאַנדירען איהם צו אָנערקענען אַלס פיהרער פון אַלכסנדר'ס אימפּעריע. די קאָמאַנדירען אָבער האָבען זיך באַלד ארומגעזעהן, דאָס ער שטרעבט צו ווערען קעניג איבער אַלכסנדר'ס לענדער, און דעריבער האָבען זיך די פיער מעכטיגסטע פון זיי פעראייניגט אום ארונטערצואוואַרפען איהם, די פיער קאָמאַנדירען זיינען געווען: פּטאָלעמאָאוס, סעלעאוקוס, ליזימאַכוס און קאַססאַנדער. עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ לאַנגער קריג, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס סעלעאוקוס האָט בעקומען די הערשאַפט איבער בבל. דערפאַר אין ים-שלאַכט איז דאָס גליק געווען אויף דער זייט פון אַנטיגאָנוס'ן. זיין זוהן דעמעטריוס האָט ערפונדען נייע בעלאַגערונגס-מאַשינען. דערמיט האָט ער די קריגס-קונסט אַזוי הויך געבראַכט, דאָס ער האָט איבערשטיגען אַלע אַנדערע פעלקער, און ער האָט פערניכטעט די מעכטיגע פלאָטע פון פּטאָלעמאָאוס'ן, וועלכע האָט זיך דאַן גערעכענט פיר אונבעזיגבאַר. דער שליח, וואָס האָט געבראַכט צו אַנטיגאָנוס'ן די פרעה-ליכע בשורה פון זיין זוהן'ס זיג איבער דער פלאָטע, האָט אָנגעפאַנגען זיין מעלדונג מיט פאָלגענדע ווערטער: „איך ווינש אייך גליק, קעניג אַנטיגאָ-נוס". דאָס איז אַנטיגאָנוס'ן שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך פון דאַמאָלס אָן געלאָזט רופען קעניג. דאָס זעלבע האָבען אויך געטאָן די אַנדערע קאָמאַנדירען. אָבער אַנטיגאָנוס'עס גרויסקייט האָט ניט לאַנג גע-דויערט. ער האָט אונטערגענומען אַ צוג געגען עגיפּטען און איז דורכגעפאַ-לען. זיין זוהן האָט מיט זיין נייער בעלאַגערונגס-מאַשין, וואָס איז געווען אַ מין טורם פון ניין עטאַזשען, געוואָלט איינגעהמען די אינזעל רהאָדוס, די-זע אָבער האָט זיך העלדיש פערטיידיגט. מיט איין וואָרט, אַלע קריגס-אונ-טערנעהמונגען פון אַנטיגאָנוס'ן זיינען געווען ניט געלונגען. זיינע געגנער האָבען זיך פעראייניגט געגען איהם און עס איז ענטשטאַנען אַ גרויסע שלאַכט מיט איהם ביי א י פּ ס ו ס (אין פריגיען) אין יאָהר 301 פ. קר. דער גרייז-גרויער העלד אַנטיגאָנוס איז זעלבסט געפאַלען אין דיזער שלאַכט, און זיין זוהן האָט געמוזט ענטלויפען פון שלאַכט-פעלד.

דער רעזולטאַט פון דער שלאַכט ביי איפּסוס איז געווען, דאָס די גרויסע אימפּעריע פון אַלכסנדר'ן איז צופאַלען אויף פערשיידענע גרויסע, קליינע

און מיטעלע שטאאטען און קעניגרייכען, וועלכע זיינען געווען גאלשטענדיג אונאפהענגיג, נעמליך: 1) די קעניגרייכען פערגאמום, ביטהיניען און אייניגע קלענערע שטאאטען אין קליין־אזיען; 2) מאצעדאניען און גריכענלאנד; 3) סיריען אונטער די סעלעאוצידען און 4) עגיפטען אונטער דער הערשאפט פון די פטאלעמאער.

יב. די שטאאטען, וואס זיינען ענטשטאנען פון דער מאצעדאניש־פערסישער אימפעריע.

1) מאצעדאניען און גריכענלאנד.

די לעצטע יאהרען פון גריכענלאנד. (323—168 פ. קר.)

קיין לאנד האט ניט געביטען אין דיזער פעריאדע אזוי פיעלע הערשער, ווי מאצעדאניען. באלד נאך אלכסנדר'ן האט דארט רעגירט, ווי מיר האבען פריהער געזעהן, אנטיפאטער, נאך אנטיפאטער'ן האט געהערשט פאליספערכאן, נאך דיזע האט בעשטיגען דעם טראן קאססאנדער, נאך קאססאנדער'ן האט פערכאפט די רעגירונג דעמעטריוס פאליאקרעטעס, וועלכער איז פערטריבען געווארען פון פירהוס'ן. דיזער איז אויך פערטריבען געווארען פון זיין הערשאפט. נאך דעם האבען דארט רעגירט א גאנצע רייהע פון הערשער ביז ענדליך אנטיגאנוס גאנאטאס איז ארויף אויף'ן טראן (276 פ. קר.) און האט געמאכט אן ענד צו דעם וועקסעל פון די דינאסטיעס. נאך זיין טויט האבען געהערשט זיינע קינדער און קינדס־קינדער, די אנטיגאנידען, ביז מאצעדאניען איז ענדליך בעזיגט געווארען פון די רוימער (168 פ. קר.).

אין אלכסנדר'ס פעלד־צוגען האבען זעהר וועניג גריכען אנטייל גענומען. דאגעגען אין דער פערסישער ארמעע האבען זעהר פיעלע גריכען געקעמפט געגען אלכסנדר'ן און האבען גריכענלאנד פערשאפט גרויס עהרע מיט זייערע העלדענטאטען. אויך אין גריכענלאנד זעלבסט האט דאס פערסישע געלט פיעלע אונרוהען געמאכט. די טהעבאנער האבען געשטריטען מיט די ארקאדיער, די עלעער מיט די אכאער. דאס אלץ האט גריכענלאנד געהאט פערסיען צו פערדאנקען. דער בונד איז געווארען בעזיגט פון אנטיפאטער'ן אין יאהר 300 פ. קר. דאמאלס האט זיך ספארטא ענדליך אויך אונטערווארפען אונטער מאצעדאניען. אויך אטהען האט מעהר ניט געוואגט אויפצוהייבען די פאהן פון פרייהייט.

באַלד נאָך אַלכסנדר'ס טויט האָבען די אַטהענער געמאַכט אַ נייעם אויפשטאַנד. זיי האָבען צוריקגערופען דעמאָסטהענעס'ן פון זיין פערשי-קונג *). דיזער האָט מיט זיין ערהאַבענער רעדנער-קראַפט געווירקט, דאָס די קלענערע שטאַאַטען פון גריכענלאַנד זיינען צוגעשטאַנען צו אַ בונד מיט אַטהען. מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע אונטער דער אויפפיהרונג פון דעם בעריהמטען קריגער ל ע אָ ס ט ה ע נ ע ס, וועלכער האָט אַנטיפּאַטער'ן פערטריבען אין אַן ענגען אָרט, אַזוי דאָס ער האָט זיך געמוזט בעשיצען אין דער פעסטונג פון לאַמיאַ אין טהעססאַליען, וואו ער איז בעלאַגערט געוואָ-רען פון לעאָסטהענעס'ן. אַנטיפּאַטער איז שוין געווען גרייט צו איבערלאָזען די פעסטונג צו די בעלאַגערער, אַלס לעאָסטהענעס איז פּלוצלונג געשטאָרבען. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען דער קאָמאַנדיר ל ע אָ נ נ אַ ט ו ס און האָט ערקלערט קריג צו די גריכען. די מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט אַ שרעקליכער נידערלאַגע פיר לעאָננאַטוס'ן, וועלכער איז זעלבסט געפאַלען אין שלאַכט. אָבער אַנטיפּאַטער האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער פעסטונג און האָט זיך פעראייניגט מיט דעם מוטיגען קראַטערוס. ער האָט אונערוואַרט בעפאַלען דעם פיינד און האָט איהם בעזיגט ביי ק ר אַ נ נ אָ ן 322 פ. קר. גריכענלאַנד האָט זיך גע-מוזט אונטערגעבען אונטער דעם דריקענדען יאָך פון מאַצעדאָניען, וועלכע האָט פערניכטעט יעדע שטרעבונג צו פרייהייט. אַטהען האָט פערלאָרען איהר שענסטעס פערמעגען — די דעמאָקראַטיע. אַנטייל נעהמען אין דער רע-גירונג האָבען נאָר געקענט מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ קאַפּיטאַל ניט ווע-ניגער פון 2,000 דראַכמעס, די איבריגע בירגער, וועלכע זיינען געווען אין צאָהל מעהר פון 12,000, האָבען פערלאָרען זייערע בירגער-רעכטען און מען האָט זיי פערשיקט אין אַ טהראַציישע שטראָף-קאָלאָניע. די רעגירונגס-מאַכט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אייניגע אַריסטאָקראַטען, אָן דער שפּיץ פון וועלכע איז געשטאַנען פ אָ צ י אָ ן, אַ מאַן מיט אַן אָרענטליכען כאַראַק-טער, וואָס האָט זיך אָבער ווייניג געקימערט וועגען דעם אונגליק פון זיין פאַ-טערלאַנד. מיט אייניגע יאָהר שפּעטער האָבען איהם די מאַצעדאָניער פעראור-

*) דעמאָסטהענעס איז געווען פערטריבען פון זיין פאָטערלאַנד, ווייל מען האָט איהם חושד געווען, דאָס ער האָט גענומען כאַבאַר פון האַרפּאַלוס'ן, איינעם פון די גענעראַלען, וואָס אַלכסנדר האָט געוואָלט בעשטראָפען פיר זייער דריקען דאָס פאָלק. האַרפּאַלוס איז ענטלאָפען נאָך גריכענלאַנד און האָט געגעבען כאַבאַר מען זאָל איהם ניט אויסליפערן צו אַלכסנדר'ן אין פערסיען.

טיילט צום טויט. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האט אויסגעבראָכען דער קריג צווישען קאססאנדער'ן און פאָליספערכאָן, און די אטהענער דעמאָקראַטען האָבען אויף אַ קורצע צייט אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די רעגירונג. שוין מיט איניגע יאָהר צוריק האָבען די מאַצעדאָניער אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען די וויכטיגע מענער פון אטהען. היפערידעס'ן מיט איניגע פון זיינע געזינונגס־חברים האט אַנטיפּאטער געלאָזען אומברייננגען מיט אַ שרעקליכען טויט. אַזא טויט האט אויך ערוואַרט דעמאָסטהענעס'ן, נאָר ער האט פערכאַפּט און האט איינגענומען גיפט ביים אַלטאר פון דעם טעמפעל פון פּאָסיידאָן.

דיזער קנעכטישער צושטאַנד האט געדויערט אונטער קאססאַנדער'ן עטליכע יאָהר. אין יאָהר 315 פ. קר. האָבען אַנטיגאָנוס און פּטאָלעמאָאוס איבער־אַ־נייס געגעבען גריכענלאַנד פּרייהייט, אום זיי זאָלען שטיצען דעם אָנגריף אויף קאססאַנדער'ן. דעמעטריוס פּאָליאָרצעטעס האט אויך פערטריבען די מאַצעדאָנישע סאָלדאַטען פון אטהען, און האט דאן פערשאַפט פרייהייט צו מעגארא, סאַלאַמיס און צו אַ גאַנצער רייהע פון שטעדט אין די צפון־געגענדען. אָבער דיזע פרייהייט האט זעהר פיעל פערדאָרבען די זיטליכקייט פון לאַנד. דעמעטריוס האט איינגעפיהרט אין אטהען אַ שווענדערישעס, אויסגעלאַסענעס לעבען און האט דערשטיקט יעדען פונק פון אידעאַלע שטרעבונגען. די פערבלענדונג פון די אטהענער איז געגאַנגען אַזוי וויית, דאס זיי האָבען דיזען הולטיי פערגעטערט און אויפגעשטעלט צו איהם אַלטאַרען פיר די פאַלשע פרייהייט, וואס ער האט איינגעפיהרט נאָר אום צו קענען זיכערער הערשען.

מיט אַ צייט שפּעטער האט אטהען ווידער געפרובט זיך אָפּרייסען פון מאַצעדאָניען. איהר האט געלונגען נאָך אַ מאָל איינצופיהרען די דעמאָקראַטיע, זי האט פערבעסערט איהרע פינאַנסען מיט דער הילף פון דעמאָכארוס, אַ קוזין פון דעמאָסטהענעס'ן. די גוטע לאַגע פון זייערע פינאַנסען האט זיי צוגעגעבען מוטה אָנצוהייבען אַ קריג מיט מאַצעדאָניען, וועלכע האט דאַמאָלס, אין דער צייט פון אַנטיגאָנוס'ן, אונטעריאָכט גאַנץ גריכענלאַנד. דריי יאָהר האָבען זיי מוטיג געקעמפט אונטער דער לייטונג פון ג ל א ו ק אָ ן און כ ר ע מ אָ נ י ד ע ס, אָבער ענדליך האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען. דיזער קריג איז געווען די לעצטע אָנשטרענגונג פון די אטהענער צו בעשיצען זייער פרייהייט. מיט דיזען קריג איז אין גאַנצען אויסגעשפּילט געוואָרען די פּאָליטישע ראָלע פון אטהען. זי איז נאָר

געבליבען דער צענטער פיר בילדונג און געלעהרזאמקייט ביז צו דער צייט פון די רוימישע קיסרים.

דאָס זעלבע שיקזאַל האָט אויך געהאַט דאָס איבריגע גריכענלאַנד. די לאַנדשאַפט אַכאַיאַ איז געווען פון אַלטע צייטען אַ בונד פון 12 שטעדט. דיזער בונד האָט געמוזט אויפגעלעזט ווערען אין דער צייט פון אַלכסנדר דעם גרויסען. דיזע לאַנדשאַפט האָט געפאַסט אַ פּלאַן צו בענייען דעם אַלטען בונד אום צו פערשטאַרקען דאָס נאַציאָנאַל־געפיהל און די אחדות צווישען דעם גריכישען פאָלק. עס איז ווירקליך געגרינדעט געוואָרען דער אַכאַיאַי־שער בונד, צו וועלכען עס זיינען באַלד צוגעשטאַנען די שטעדט: ס י צ י אָ ן, פון וועלכער דער פרייהייטס־קעמפער אַ ר אַ ט ו ס האָט פערטריבען דעם הערשענדען טיראַן; ע פּ י ד אַ ו ר ו ס, ט ר אָ צ ע נ ע, מ ע ג אַ ר אַ און נאָך איינינע שטעדט. דיזער בונד איז געוואָרען אַזוי מעכטיג, דאָס עס האָט ניט לאַנג גענומען און אויך די בעריהמטע קאָרינטה איז צו איהם צוגע־שטאַנען. יעדער מיטגליד פון דיזען בונד איז געווען פריי אין אַלע אינער־ליכע אַנגעלעגענהייטען און האָט גאָר ניט געהאַט קיין אויפזיכט פון ווע־מען עס איז, נאָר אין פאַל פון קריג זיינען אַלע געווען פערפליכטעט צו שיצען און שטיצען איינער דעם אַנדערען געגען פיינד. דער פערזאַמלונגס־אָרט פון בונד איז געווען אין אַגיום. די פיהרונג פון די אַלגעמיינע אינטע־רעסען פון בונד איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ בונד־ראַט, אַן אויבער־קאָמאַנדיר און אַ שטאַאַטס־סעקרעטער.

אָבער דיזער בונד האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. מיט איינינע יאָהר צוריק האָט זיך געבילדעט אַן אַנדער בונד פון די אֶטאָליער, לאָקרער, פאָ־ציער און די זידליכע טהעססאַליער. דיזער בונד איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 284 פ. קר. און האָט אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט די מי־טעל־גריכישע שטאַאַטען. דיזעביידע בונדען האָבען געשטריטען איינער מיט דעם אַנדערען און האָבען אָפּגעשוואַכט איינער דעם אַנדערען. דערצו איז נאָך צוגעקומען ספּאַרטאַ, וועלכע האָט געפיהרט אַן ערביטערטען שטרייט מיט דעם אַכאַיאישען בונד. אַזוי איז דער פּלאַן צו פעראייניגען גריכענלאַנד אין איין גרויסען מעכטיגען קערפּער צושטערט געוואָרען פון די גריכען זעלבסט.

אין ספּאַרטאַ האָט דער באַזילעאוס קלעאָמענעס איינגעפיהרט אַ נייע אָרדנונג, וועלכע האָט פעראורזאַכט גרויסע ענדערונגען אין אינערען לעבען פון פאָלק. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס די אַלטע ליקורגישע געזעצען וועגען גיטער־גלייכהייט זיינען מעהר און מעהר אָפּגעשוואַכט געוואָ־

רען און האָבען געמאַכט פּלאַץ פיר די געלט־זוכט. דער רעזולטאַט דערפון איז געוועזן, דאָס פיעלע זיינען שרעקליך פעראָרימט געוואָרען און אייניגע זיינען זעהר רייך געוואָרען און געוואָרען די איינציגע גוטס־בעזיצער אין גאַנצען לאַנד. דיזע אונגאָרמאַלע אָרדנונג האָט אָנגעפאַנגען צו זיין געפעהרליך פיר דאָס לאַנד, וועלכעס איז דורך דעם געוואָרען פויל ביז דעם וואָרצעל. אַנשטאַט דער אַלטער איינפאַכקייט האָט געהערשט אונטער דער רייכער קלאַסע אַ שרעקליכער לוקסוס מיט פערדאָרבענהייט פון זיטען. די איינפאַכע קאַרגע ספּאַרטאַנישע מאָהלצייטען זיינען ארויס פון דער מאָדע און זייער שטעלע האָבען פערנומען רייכע מאָהלצייטען מיט אַלערליי לוקסוסען און שווענדע־רייען. צווישען די פרייע בירגער פון ספּאַרטאַ האָט זיך געפונען אַ גרויסע מאַסע, וועלכע האָט געפיהרט אַ לעבען אַ פיעל אָרימערען אפילו פון די העלאָטען. דיזע לאַגע פערבעסערן האָט שוין לאַנג געוואָלט דער באַזילעאוס אַגיס. ער האָט פאָרגעשלאָגען איינפיהרען אין לאַנד אַ נייע צוטיילונג פון די ערד־גיטער און אָפּצואווישען אַלע חובות, וואָס די אָרימע זיינען שולדיג די רייכע. די רייכע אָבער האָבען געזוכט צו שטערען דיזען פּלאַן און האָבען אַלע קרעפטען אָנגעווענדט, ער זאָל ניט פערווירקליכט ווערען. אַגיס איז געשטירצט געוואָרען פון זיינע געגנער, וועלכע האָבען געזוכט איהם צו ערמאָרדען. ער האָט זיך בעהאַלטען אין אַ טעמפּעל. זיינע געגנער האָבען איהם פערזיכערט דאָס לעבען, ווען ער וועט פון טעמפּעל אַרויס. ער האָט זיי געגלויבט און איז אַרויס. דאַן האָבען זיי איהם געכאַפּט און מיט אַ גרויזאַמען טויט בעשטראָפט פיר זיינע רעפאָרמעס.

אויך קלעאָמענעס האָט געפּרובט איינפיהרען רעפאָרמעס, און זיינען רעפאָרמעס האָבען געהאַט מעהר ערפאָלג, ווי אַגיס'עס. נאָך אייניגע זיגען איבער דעם אַכאַיאישען בונד האָט ער געמאַכט אַ מאָהלצייט. ווען די פערזאַמעלטע ביי דער מאָהלצייט זיינען געוואָרען זעהר פרעהליך, איז קלעאָמענעס בעפאַלען די געסט מיט געוועהר, האָט געטויט די עפאָרען צוזאַמען מיט 80 פון דעם אַדעל פון ספּאַרטאַ, וועלכע זיינען געוועזן די מעכטיגסטע אין לאַנד. נאָכדעם האָט ער דורכגעפיהרט די רעפאָרמעס, וועלכע אַגיס האָט אונטערגענומען און וועלכע זיינען ווירקליך געוועזן אין שטאַנד צוריק צו געבען צו ספּאַרטאַ איהר אַלטע מאַכט (235 פ. קר.). דורך דיזע רעפאָרמעס האָט ספּאַרטאַ באמת דערגרייכט צו דער זעלביגער מאַכט, וועלכע זי האָט געהאַט אין איהרע גליקליכע צייטען. זי האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטען צוריק צו בעקומען די העגעמאָניע (אויבערהערשאַפט) איבער גאַנץ פּעלאָפּאָננעזוס, ווי עס איז אַמאָל געוועזן, אין איהרע שענסטע צייטען. זי האָט שוין אונטער־

געוואָרפען אונטער איהר מאַכט אַרגאָס און מאַנטינעאַ, אָבער אַ נייער קריג מיט דעם אַכאַיאישען בונד האָט געשטערט איהרע שטרעבונגען.

אום די פּלענער פון די ספּאַרטאַנער צו צושטערען, האָט אַראַטוס זיך געווענדעט פיר הילף צום קעניג אַנטיגאָנוס דאָזאָן, וועלכער האָט ווירקליך בעזיגט די ספּאַרטאַנער ביי סעללאַזיאַ (222 פּ. קר.), אָבער אויך דער אַכאַיאישער בונד האָט דאַן פערלאָרען זיין זעלבשטענדיגקייט. ער האָט געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון די מאַצעדאָניער, און צוזאַ-מען מיט דעם בונד האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען אונטער דער מאַצעדאָ-נישער מאַכט אויך די באָאָטיער, פאָציער, טהעססאַליער, עפּיראָטען און אַקאַרנאַניער. אַראַטוס זעלבסט איז פערגיפטעט געוואָרען פון פיליפּ דעם 3טען, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען פאַר איהם מורא צו האָבען. די רעפאָרמעס, וואָס קלעאָמענעס האָט איינגעפיהרט אין ספּאַרטאַ, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָ-רען. עס זיינען אריין איבער-אַ-נייס אין קראַפט דער ראַט פון די אַלטע, די עפאָרען און די אָליגאַרכיע. קלעאָמענעס מיט אַ קליינער צאָהל אָנהענגער האָט געמוזט פערלאָזען ספּאַרטאַ און האָט געוואָלט ענטלויפען נאָך אַלכסנדריאַ אין עגיפּטען. דאָ האָט ער געזוכט הילף פון עגיפּטישען קעניג געגען דער מאַכט פון מאַצעדאָניען, און אַלס דאָס איז איהם ניט געלונגען, האָט ער אָנגעפאַנגען צו העצען די עגיפּטער געגען זייער קעניג צו אַן אויפשטאַנד. דאָס פאָלק אָבער האָט זיין העצען קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט, און ער און זיינע אָנ-הענגער האָבען זיך זעלבסט גענומען דאָס לעבען פון פערצווייפלונג. זיין מוטער און זיינע קינדער זיינען געטויט געוואָרען. זיין טויטען קערפּער האָט מען גע-האַנגען (220 פּ. קר.). דאָס איז געווען דער לוין, וואָס ספּאַרטאַ האָט בעצאָהלט קלעאָמענעס'ן פיר די נויטווענדיגע רעפאָרמעס, וואָס ער האָט געמאַכט אום ספּאַרטאַ צו רעטען פון אונטערגאַנג. מיט זיין טויט איז אויסגעלאָשען געוואָ-רען די לעצטע האָפנונג פיר ספּאַרטאַ ווידער ווען עס איז אויפצולעבען.

פון דער צייט אָן, וואָס דער אַכאַיאישער בונד איז אַרונטערגעפאַלען אונטער די מאַכט פון מאַצעדאָניען, איז זיין אינערליכע קראַפט אין גאַנצען געבראָכען געוואָרען. דער בונד איז אפילו ניט אין שטאַנד געווען זיך צו שיצען געגען די רויבערישע אָנגריפען פון די אָטאָליער, וועלכע זיינען בע-פאַלען און האָבען פערוויסטעט זעהר פיעלע אָרטשאַפטען אין מעססעניען. זיי האָבען צושטערט און פערוויסטעט אפילו טעמפּלען און הייליגטימער. די-זער קריג, בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „קריג פון די בונד-חברים", אין וועלכען ספּאַרטאַ איז געווען אויף דער זייט פון דעם אָטאָלישען בונד, האָט געדויערט 6 יאָהר (פון 221 ביז 215 פּ. קר.) און האָט פערניכטעט

די לעצטע קרעפטען פון די איינצעלנע שטאאטען, בעזונדערס פון די ספארטאנער. מיט איניגע יאהר שפעטער, אלס פ י ל א פ א מ ע ן, דער לעצטער גרויסער קריגס־פיהרער און שטאאטסמאן פון די גריכען, איז געשטאנען אן דער שפיץ פון בונד, האט ער ספארטא אין גאנצען צושלאגען (206 פ. קר.). אין יאהר 188 פ. קר. האט פילאפאמען געצוואונגען ספארטא זיך אנצושליסען אן דעם אכאיאישען בונד און האט דארט אפגעשאפט דעם לעצטען רעסט פון דער ליקורגישער געזעצגעבונג.

אין דיזען קריג צווישען דעם אכאיאישען בונד און די ספארטאנער האבען זיך די רוימער אנגעפאנגען אריינצומישען אין די גריכישע אינטערעסען. דיזע דורסטיגע לענדער־בעזיגער האבען מיט זייערע אינטריגעס געשטערט פילאפאמען'ען צו שטארקען די איינהייט פון דעם אכאיאישען בונד, און האבען געטאן אלץ, וואס איז מעגליך, דאס די גריכען זאלען זיך אימער רייסען צווישען זיך איבער קלייניגקייטען, אום זיי זאלען דורך דעם אפגעשוואכט ווערען אזוי, דאס מיט דער צייט זאל עס זיין לייכט פיר רוים גריכענלאנד אונטער איהר יאך ארונטערצואווארפען. די רוימער מיט זייערע אינטריגעס האבען געמאכט, דאס מעססעניען זאל זיך פון בונד אפרייסען. דער זיבציג־יעהריגער פילאפאמען, וועלכער איז דאמאלס צום אכטען מאל ערוועהלט געווארען צום קאמאנדיר, האט אונטערגענומען א פעלד־צוג נאך מעססעניען, ער איז אבער געפאנגען געווארען און איז געצוואונגען געווען צו טרינקען דעם גיפט־בעכער.

מיט פילאפאמען'ס טויט איז געבראכען געווארען די לעצטע שטיצע פון אכאיאישען בונד. זיין טרייער געהילף און נאכפאלגער ל י ק א ר ט א ס האט אפילו ראכע גענומען פיר זיין טויט און האט געצוואונגען די מעססעניער זיך אנצושליסען אן דעם אכאיאישען בונד, אבער דאס איז געווען א זעהר שוואכע בעלוינונג פיר די צרות, וואס דאס גריכישע פאלק האט געהאט אויסצושטעהן פון די מעססעניער אין דער צוקונפט, איבערהויפט זינט דעם קריג צווישען די רוימער און פ ע ר ס ע א ו ס ' ן. די נגישות, וועלכע די רוימישע קאמאנדירען האבען אנגעטאן גריכענלאנד, האבען אויפגערייצט פיעלע גריכישע שטאאטען און פערגרעסערט די צאהל פון אונצופרידענע, וועלכע זיינען שוין געווען זעהר פיעל. אבער אין דער זעלבער צייט האט זיך די פארטיי פון די רוימישע אנהענגער אויך פערגרעסערט. מיט דער צושטימונג פון רוים איז ספארטא אפגעשטאנען פון אכאיאישען בונד. עס פערשטעהט זיך, דאס דיזעס האט שטארק אויפגעבראכט די אכאיער געגען די רוימער. דער צארן האט נאך אין זיי מעהר אויפגעפלא

קערט, ווען דער רוימישער סענאט האָט צוגע'משפט, דאָס ספּארטאַ, קאָרינטה, אַרגאָס, העראַקלעא און דאָס ארקאַדישע אַרכאָמענאָס געהערען ניט מעהר צום אכאַיאישען בונד. די פיהרער פון בונד דיאַאוס און קריטאָלאַוס האָבען ניט געהאַט דעם מוט און די קראַפט צו בעשטעהן דעם לעצטען קאַמף. זיי האָבען איהם געגען זייער ווילען אויפגענומען און האָבען געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע, נעמליך די אכאַיער ביי ס ק אַ ר פ ע אַ און די ארקאַדיער ביי כ אָ ר אָ נ ע אַ (149 פ. קר.). פון דיזער צייט אָן איז גריכענלאַנד אַראָפּ פון דער סצענע פון היסטאָריע אַלס פרייעס, זעלבשטענדיגעס לאַנד און איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רוימישע פּראָווינץ אונטער דער רעגירונג פון אַ פּראָקאָנסול. גענויערעס וועגען דיזער צייט און דער אונטעריאָכונג פון דער גריכישער נאַציאָן אונטער די רוימער וועלען מיר געבען שפּעטער אין דער געשיכטע פון רוים.

2) סיריען.

פון אַלכסנדר'ס נאָכפאָלגער האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג געהאַט סעלעאוקוס און פּטאָלעמאָאוס. נאָך דעם, ווי סעלעאוקוס האָט געקריגען באַבילאָניען און סוזיאַנאַ (בבל און שושן) אַלס סאַטראַפּיע, האָט ער בעזיגט דעם גאַנצען איראַן, סיריען, אַרמעניען, מעסאָפּאָטאַמיען און אַ גרויסען טייל פון קאַפּפּאַדאָציען און ציליציען. אין דיזען גרויסען רייך האָט ער געגרינדעט צוויי הויפּטשטעדט: סעלעאוציאַ ביי טיגרים (חדקל) און אַנטיאָכיאַ ביים אָראָנטעס. די לעצטע שטאָדט האָט ער אַליין אויסגעבויט מיט נאָך פיעלע אַנדערע שטעדט, און האָט פערברייטערט אין אָריענט די גריכישע זיטען און די גריכישע קולטור. סעלעאוקוס דער 1טער מיט'ן ביינאָמען נ י - ק אַ ט אָ ר איז 280 פ. קר. ערמאָרדעט געוואָרען אין זיין 78טען יאָהר פון איינעם פון זיינע הויפּט-בעאַמטע. זיינע נאָכפאָלגער זיינען אַלע געוועזען פון זיין פאַמיליע ביז דאָס רייך איז אונטערגעגאַנגען. אָבער דאָס גרויסע רייך איז אונטער דער רעגירונג פון זיינע נאָכפאָלגער באַלד אין אָנהייב אָפּגעשוואַכט געוואָרען און האָט אָנגעפאַנגען צופאַלען. די מדינה איז געוועזען צו גרויס און איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט פון צו פיעלע פערשיידענע טיילען, דעריבער האָט זי ניט געקענט לאַנג עקסיסטירען אַלס אָן איינציגע גאַנצע מדינה און האָט געמוזט צופאַלען אויף קלענערע טיילען. פּאָנטוס, אַרמעניען און קאַפּפּאַדאָציען זיינען באַלד אין אָנפאַנג אָפּגעפאַלען פון סעלעאוקוס'ן און זיינען געוואָרען זעלבשטענדיגע פירסטענטימער. ג אַ ל ל י ש ע מחנות, וועלכע האָבען זינט דעם יאָהר 280 פ. קר. בעאונרוהיגט און געפלינ-

דערט מאצעדאָניען און גריכענלאַנד, האָבען זיך ענדליך פעסט בעזעצט אין קליין־אַזיען און האָבען דאָרט געגרינדעט א נייעם שטאַאט, ג א ל א ט י ע ן. ענדליך האָבען זיך אויך בעפרייט פון דער הערשאַפט פון די סעלעאוצידען: באַקטריען, מעדיען און פּאַרטהיען, און פון דער צייט אָן, וואָס די רוימער האָבען אריינגעשטעקט א פוס אין אַזיען, איז די מאַכט פון די סעלעאוצידישע הערשער אזוי שוואַך געוואָרען, דאָס אין יאָהר 64 פ. קר. האָט פּאָמפּעיוס דאָס רייך פון די סעלעאוצידען פערוואַנדעלט אין א רוימישע פּראָווינץ, ווי מיר וועלען וועגען דעם אויספיהרליכער ערצעהלען אין דער געשיכטע פון די רוימער.

3) עגיפּטען אונטער די פּטאָלעמאָער.

זייט די פּערסיער האָבען בעזיגט עגיפּטען האָבען די פּריסטער זעהר אָפט פּעראַורזאַכט אויפשטאַנדען געגען די בעדריקער אום צוריק צו קריגער זייער פרייהייט. אזוי צום ביישפּיעל, ווען קסערקסעס האָט געהאַט די מפּלה אין גריכענלאַנד, האָבען די עגיפּטער געמאַכט אַן אויפשטאַנד, האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם פּערסישען יאָך, האָבען ארויסגעטריבען די פּערסישע בעאַמטע פון לאַנד און האָבען ערוועהלט צום קעניג א ליביער מיט'ן נאָמען א י נ א ר ו ס. די עגיפּטער האָבען אָבער ניט געקענט לאַנג אָנהאַלטען זייער אונאָפּהענגיגקייט און זיינען איבער־א־ניים ארונטערגעפאַלען אונטער די פּערסיער אין דער צייט פון ארטאַקסערקסעס'ן, הגם די אַטהענער האָבען געהאָלפען די עגיפּטער.

ערסט אין יאָהר 405 פ. קר. האָט עגיפּטען געקריגען צוריק איהרע פריהערדיגע זעלבשטענדיגקייט און האָט ערוועהלט אייגענע הערשער. דער לעצטער פון זיי איז געווען נ ע ק ט א נ ע ב ו ס ד ע ר 2 ט ע ר. אין זיין צייט איז עגיפּטען ווידער געוואָרען בעזיגט פון פּערסיען. פון יענער צייט אָן איז עגיפּטען געשטאַנען אונטער דער פּערסישער הערשאַפט ביז זי איז ארונטערגעפאַלען אונטער אלכסנדר דעם גרויסען אין יאָהר 332 פ. קר. זייט דאַן איז דיזעס לאַנד געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די גריכען. נאָך דעם טויט פון אלכסנדר'ן איז פּטאָלעמאַאוס דער 1טער, דער זוהן פון ל א ג ו ס ' ן, געוואָרען הערשער אין עגיפּטען. אָנפאַנגס איז ער נאָר געווען שטאַטהאַלטער. ער איז אָבער געווען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון זיין לאַנד, און האָט ניט געזוכט צו ווערען אויבער־הערשער איבער אַלע מדינות, וואָס אלכסנדר האָט איינגענומען, און דעריבער האָט ער געהאַט ערפאָלג אין זיין שטרעבען צו ווערען קעניג איבער עגיפּטען.

פריהער פון אַלץ האָט ער בעזייטיגט דעם פריהערדיגען אונטער־שטאטהאַלטער קלעאָמענעס, וועלכען דאָס פאָלק האָט שטארק געהאַסט צוליב זיינע בעדריקונגען. די 8,000 טאַלענטען, וואָס קלעאָמענעס האָט אָנגערויבט ביים פאָלק, האָט פטאָלעמאָאוס צוגענומען און האָט זיי פערברויכט פיר קולטור־צוועקען און פערבעסערונגען פון דער אָרמעע פון דער נייער הויפּט־שטאָדט אַלכסנדריא, וועלכע איז געוואָרען אין זיין צייט דער צענטער פון האַנדעל און פערקעהר. ער האָט געלאָזען בויען דעם לייכט־טורם, וועלכער איז געווען בעריהמט אין גאַנצען אַלטערטום. דיזער לייכט־טורם איז געשטאַנען אויף דער אינזעל פאַראָס און האָט געהאַט דעם צוועק צו זיכערן דעם שיפען־פערקעהר. אויסגעבויט האָט איהם דער בעריהמטער אַרכיטעקט פון יענער צייט ס אָ ס ט ר אַ ט אָ ס. דער טורם איז געווען 130 מעטער הויך און איז בעשטאַנען פון 8 עטאַזשען. די גאַלעריעס זיינען געווען געשטעלט אויף מאַרמאָרנע זיילען. דעם טורם האָט מען געקענט זעהן 300 סטאַדיען (55 קילאָמעטער) ווייט. קעניג פטאָלעמאָאוס האָט געלעגט דעם גרונד פיר דעם בעריהמטען מוזעאום אין אַלכסנדריא. דיזער מוזעאום איז געווען פערבונדען מיט דעם קעניגליכען פּאַלאַסט און האָט ענטהאַלטען אין זיך אַ ביבליאָטהעק, וועלכע האָט

פטאָלעמאָאוס דער 1טער
און עאורידיקע.

ניט געהאַט אין דער גאַנצער וועלט ביז היינטיגער צייט איהר גלייכען. די ביבליאָטהעק האָט אין זיך אויך געהאַט צימערן פיר געלעהרטע און פּאָעטען. פטאָלעמאָאוס האָט אויך געשאַפען אַ זעהר גרויסע מיליטער־ און זעע־מאַכט. ער האָט אויך איינגעפיהרט מילדע אָרדנונג אין געריכט־זאַכען און אין דער פאָרמע פון רעגירונג, אָבער איבעראַל האָט מען ארויסגעזעהן די אונבעשרענקטע הערשאַפט פון פטאָלעמאָאוס'ן. ער האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אין פערברייטען זיין הערשאַפט איבער אַנדערע

לענדער. ער האָט אויך אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט: צירענע, באַרקאַ, פעניציען און צאָלע־סיריען.

הגם אין הינזיכט פון פאָליטיק זיינע פטאָלעמאָאוס און זיינעביידע ערסטע נאָכפאָלגער געווען זעהר קלוג, איז אָבער דער זיטליכער צושטאַנד אין קעניגליכען הויף געווען זעהר פערדאָרבען. אונטער פטאָלעמאָאוס דעם 2טען האָט געהערשט אין הויף אַ זעהר גרויסע שווענדעריי, וועלכע איז גע־פאַלען צו לאַסט אויף דאָס פאָלק, אַזוי דאָס מען האָט געמוזט העכערן די שטייערן פון פאָלק אויף 14,800 טאַלענטען אַ יאָהר, און אין דעם שאַץ פון דער רעגירונג האָט זיך געפונען דאַמאָלס 74,000 טאַלענטען (747 מיליאָן דאָללאַר). אויך פטאָלעמאָאוס דער 2טער האָט פערברייטערט זיין הערשאַפט איבער אַלע לענדער. ער האָט איינגענומען ערטער אין עטהיאָפּיען, אַבעס־סיניען, דרום־אַרקאַדיען און קליין־אַזיען.

אונטער פטאָלעמאָאוס דעם 3טען, וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען ע ו ו ע ר ג ע ט ע ס, ווייל ער האָט פון אַזיען צוריק געבראַכט עגיפּטישע געצענבילדער, האָט די פאָליטישע מאַכט פון עגיפּטען דערלאַנגט אַ זעהר הויכע שטופע. אויסער דעם, וואָס ער האָט פערברייטערט זיין הערשאַפט אין די אויבענדערמאָהנטע לענדער: אין אַבעססיניען, עטהיאָפּיען, דרום־אַר־קאַדיען, האָט ער נאָך צוגענומען די אינזעל ציפּערן (קפריסין), וועלכע איז זעהר וויכטיג געווען פיר די ענטוויקלונג פון האַנדעל, און האָט אָפּגענומען פון די סעלעאוצידען די דרום־לענדער פון קליין־אַזיען, נעמליך: קאַריען, צי־ליציען און ליציען, און האָט געבראַכט פון דאָרט זעהר פיעל רויב, וואָס האָט בעטראָפען איבער 40,000 טאַלענטען (45 מיליאָן דאָללאַר). אין דער צייט אָבער, וואָס עס האָט רעגירט זיין זוהן פטאָלעמאָאוס דער 4טער, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט'ן צונאָמען ט ר י פ אָ ן, האָט די מאַכט פון עגיפּטען אָנגעהויבען צו זינקען. דער לאַנגער שטרייט, וואָס ער האָט געפיהרט מיט אַנטיאָכוס דעם 3טען פון סיריען, האָט זעהר פיעל געשאַדט דעם לאַנד, הגם די עגיפּטער האָבען געזיגט ביי ראַפיאַ (216 פ. קר.). דער קריג האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס עגיפּטען האָט פערלאָרען די לאַנד־שאַפטען ביים לבנון און די בעזיצונגען אין קליין־אַזיען. נאָך מעהר אונגליק איז אַרויסגעקומען פון דעם קריג, וואָס ער האָט געבראַכט דערצו, דאָס די רוימער האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינמישען אין די אינערע אינטערעסען פון עגיפּטען, און עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס די רוימער זיינען גע־וואָרען די אַפּוטרופּסים פון פטאָלעמאָאוס דעם 5טען עפּיפאַנעס (205—181

פ. קר.), וועלכער איז געוועזן צו יונג, ווען ער איז אַרויף אויף'ן טראָן נאָך זיין פאָטער'ס טויט. עגיפּטען איז ביסלאַכווייז געקומען אונטער דעם איינ-



דער לייכט־טורם אויף פאַראָס.

פלוס פון רוים, וועלכער האָט זיך מעהר און מעהר בעפעסטיגט און פערברייטערט און האָט געפיהרט צו דער פאָלקאָמענער בעהערשונג פון עגיפּטען.

דער האנדעל האט זיך פערברייטערט אין עגיפטען אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די ערסטע דריי פטאלעמאער איבער פיעלע ימים: אי-בער׳ן מיטעללענדישען, פערסישען, ארקאדישען און אינדישען. לויט ווי פליניוס ערצעהלט איז דער האנדעל צווישען עגיפטען און אינדיען פארגע-קומען אויף אזא ארט: פון אלכסנדריא איז געגאנגען א האנדעל=שיף אי-בערן נילוס ביז קאפטאס. דא האט מען די וואארע טראנספארטירט אויף דער יבשה ביז מ י א ס ה א ר מ א ס אדער ב ע ר ע נ י צ ע, דארט האט מען עס איינגעשיפט. די ים=רייזע האט מען אנגעפאנגען אין מיטען זומער. ווען מען האט געברויכט אנלאדען א שיף מיט פערשיידענע געווירצען, פלעגט מען זיך אפשטעלען ביים זידליכען ברעג פון אראביען, געוועהנליך אין מ ו צ א, און דארט פלעגט מען בעזארגען דאס שיף מיט פראוויאנט און וואסער. פון דארט פלעגט מען שוין גלייך פאהרען נאך אינדיען. דער ריק=וועג פון אינדיען פלעגט זיך אנפאנגען אין דעצעמבער. אום דעם אינדיש=ארבישען האנדעל אין גאנצען דורך עגיפטען צו פיהרען, האט פטאלעמאאוס דער 1טער געבויט די שטאדט בערעניצע מיט איהר אויסגעצייכענטען האפען מיאס הארמאס און האט פערבונדען קאפטאס דורך א קאנאל מיט׳ן נילוס. די פטאלעמאאוס=דינאסטיע האט אויך געשאפען נייע וועגען און שטראסען צום אינערען פון אפריקא, וויל די גרענצען פון זייער מלוכה האבען זיך פער-ברייטערט אין זייער צייט ביז צו די קוועלען פון נילוס. מיט דיזען אופן הא-בען צוזאמענגעשטראמט אלע אוצרות פון אראביען, עטהיאפיען און אינדיען אין אלכסאנדריא, וועלכע איז געווארען דער גרעסטער האנדעלס=פלאץ פון דער וועלט.

יג. די גריכישע קולטור זינט דער פעריקלישער צייט.

הגם פאליטיש האט גריכענלאנד זינט דעם פעלאפאננעזישען קריג אנ-געפאנגען צו פאלען, האט זי זיך זינט דאן גייסטיג אויפגעהויבען. עס שיינט צו זיין א וואהרהייט, וואס א מאדערנער שריפטשטעלער האט געזאגט, דאס די פעריאדע פון דעם אראפפאלען פון א פאלק איז די פעריאדע, ווען עס ווערט צייטיג. דער גריכישער גייסט האט ווירקליך אין דער צייט נאך פעריקלעס׳ן דערלאנגט די העכסטע שטופע פון זיין ענטוויקלונג. דיזע צייט צייכענט זיך אויס מיט וויסענשאפטליכע שטרעבונגען — פילאזאפיע, גע-שיכטע=שרייבונג און רעדע=קונסט, פון וועלכע אונזער היינטיגע הויך=ענט-וויקעלטע קולטור שעפט נאך פיעלעס.

די פילאזאפיע. סאקראטעס׳עס לעהרע האט אנגענומען ביי זיינע תלמידים, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט דעם נאמען ס א ק ר א ט י ק ע ר,

פערשיידענע געשטאַלטען. צום ביישפּיעל, זיין תלמיד אַ ר י ס ט י פּ פּ ו ס פון צירענע האַט געגרינדעט אַ שולע, אין וועלכער ער האַט געלערנט, דאַס די גליקזעליגקייט פון מענשען בעשטעהט נאַר אין גענוס, איבערהויפּט אין מאַטעריעלען און קערפּערליכען גענוס, און די חכמה פון מענשען דאַרף איהם נאַר דינען דערצו, די ליידען און אונאַנגענעהמע געפיהלען צו פערוואַנדלען אין אַנגענעהמע. די צ י נ י ש ע שולע בעהויפּטעט פערקעהרט, דאַס צופרידענהייט מיט וועניג איז דאָס גליק פיר דעם מענשען. די אויפגאַבע פון דעם מענשען איז צו מאַכען זיינע בעדערפניסען וואָס וועניגער, זיין גאַנצעס שטרעבען דאַרף זיין זיך צוריקקעהרען צו דעם נאַטירליכען צושטאַנד. אַ פערטרעטער פון דיזער שולע איז געווען דיאָגענעס. דער גרינדער פון דיזער שולע איז געווען אַ נ ט י ס ט ה ע נ ע ס. ער האַט פאָרגעטראַגען זיין לעהרע אין דעם גימנאַזיום צ י נ אָ ז אַ ר ג ע ס, דעריבער רופט זיך זיין שולע די צ י נ י ש ע.

דער בעריהמטעסטער און בעדייטענדסטער פון אַלע תלמידים פון סאָקראַטעס'ן איז געווען פּ ל אַ ט אָ (אפלטון). ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַטהען פון אַן אַנגעזעהענער פאַמיליע אין יאָהר 249 פ. קר. אין דער יוגענד האַט ער זיך בעשעפטיגט מיט פּאָעזיע, שפּעטער אָבער האַט ער זיין גאַנצעס לעבען געווידמעט צום שטודיום פון פילאָזאָפיע. דעם ערסטען אונטעררכט אין פילאָזאָפיע האַט ער געקריגען פון קראַטילוס'ן, וועלכער איז געווען אַן אַנהענגער פון העראַקליט'ן. זיין בעקאַנטשאַפט מיט סאָקראַטעס'ן האַט בעשטימט זיין גאַנצע צוקונפטיגע טעטיגקייט. ער האַט מיט סאָקראַטעס'ן געהאַט אומגאַנג פון 408 פ. קר. ביז סאָקראַטעס'עס טויט. ער האַט געמאַכט פיעלע רייזעס אין די ערסטע יאָהרען פון זיין לעבען און איז צוריקגעקומען אין אַטהען אין זיין 40טען יאָהר און האַט דאָרט געגרינדעט אַ פילאָזאָפישע שולע אונטער דעם נאָמען אַ ק אַ ד ע מ י ע, ווייל ער האַט זיין לעהרע אימער פאָרגעטראָגען אין דעם גאָרטען פון אַ ק אַ ד ע מ אָ ס. אין דיזען אָרט האַט ער פאָרגעטראָגען זיינע לעהרעס ביז צו ענדע פון זיין לעבען. נאָר אויף אַ קורצע צייט האַט זיין טעטיגקייט דאָרט אויפגעהערט צוליב זיינע צוויי רייזעס נאָך סיראַקוז. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 347 פ. קר.

אַלץ, וואָס פּלאַטאָ האַט געשריבען, איז ערהאַלטען געוואָרען ביז אונזערע צייטען. צוזאַמען האַט ער אָנגעשריבען 44 ווערק (אונטער זיי זיינען אָבער פאַראַן אייניגע, וואָס זיינען ניט עכט זיינע). אייניגע פון די וויכטיגסטע זיינען: די ג ע ז ע צ ע ן, די אַ פּ אָ ל אָ ג י ע פון ס אָ ק ר אַ ט ע ס'ן, פּ ר אָ ט אַ ג אָ ר אַ ס, די ר ע פּ ו ב ל י ק, פּ אַ ד ר אָ ס, די

מאהלצייט, עאוטהידעמאָס א. אַנד. די פאָרמע פון אַלע זיינע ווערק איז אַ דיאַלאָגישע, ד. ה. אַ פאָרמע פון אַ געשפּרעך צווישען צוויי מענשען. דער גרינדער פון דיזער פאָרמע איז געוועזן סאָקראַטעס. דער יסוד פון פּלאַטאָ׳ס פילאָזאָפיע איז די אידעען־לעהרע. נאָך דיזער לעהרע זיינען די אידעען פון מענשען זאַכען, וועלכע עקסיסטירען אויסער דעם מענשען. דיזע אידעען זיינען אונפערענדערליך און זיי זיינען די גרונדלאַגע פון פערשיידענע אינדיווידועלע דענקונגס־אַרטען פון די מענשען. די אַלע געגענשטענדען, וואָס עקסיסטירען אין דער וועלט, זיינען נאָר אָפּשפּיגלונגען פון דיזע אידעען, וועלכע דער בעריהמטער דייטשער פּאָעט שיללער זעצט איבער מיט׳ן וואָרט „געשטאַלט", ד. ה. די אידעען זיינען די געשטאַלט, וואָס גיבען די קערפּערס זייער צורה, זייער אויסזעהן. פּלאַטאָ׳ס פילאָזאָפיע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דאָס דענקען און פאָרשען פון מיטעל־אַלטער. די העכסטע פון אַלע אידעען איז די אידעע פון גוטעס, וועלכע האָט די זעלבע בעדייטונג, וואָס די אידעע פון גאָטהייט, און די העכסטע גליקזעליגקייט פון מענשען בעשטעהט אין דעם, דאָס ער זאָל ווי ווייט מעגליך זיין עהנליך צו גאָט, צו זיין גוט.

זעהר בעקאַנט איז דער שטאַאַטס־אידעאַל, וואָס פּלאַטאָ האָט אויפגעשטעלט. דיזער איז געוואָרען זעהר בעריהמט, אָבער אין גרונד גענומען האָט ער דיזע בעריהמטהייט ניט פערדינט. ווען מיר זאָלען זיין טהעאָריע איבער דעם שטאַאַט בעטראַכטען מיט אַ קריטישען בליק, וועלען מיר לייכט קומען צום שלוס, דאָס זי איז כמעט די זעלביגע ווי פון אַלע שטאַאַטען אין זיין צייט. אינטערעסאַנט איז אָבער אין דיזען ווערק דער בעווייז פון נויטווענדיגקייט פון שקלאַפעריי. נאָך זיין טהעאָריע איז שקלאַפעריי דער גרונד־בעדינג פון אַ פרייער געזעלשאַפט. אונטער די פרייע מענשען פערדינען נאָך זיין טהעאָריע פעראַכטעט צו זיין די יעניגע, וועלכע פיהרען אַ שווערעס מיהזאַמעס לעבען דורך זייער האַנדוועדק. „די נאַטור", זאָגט ער, „האָט קיין שוסטערס און קיין שמידען ניט בעשאַפען. אַזעלכע בעשעפטיגונגען ערנידריגען דעם מענשען, און צוליב דעם זיינען זיי צו נידריג צו געניסען די רעכטען פון פּאָליטיק און מוזען דעריבער אויסגעשלאָסען ווערען דערפון".

פּלאַטאָ טיילט איין די בירגער פון אַ לאַנד אין דריי קלאַסען: 1) די לוין־אַרבייטער, צו וועלכע עס געהערען: אַרבייטער, האַנדווערקער און קויפלייט; 2) די קריגער, די בעשיצער פון פאַטערלאַנד, און 3) די הויכע רעגירונגס־בעאַמטע און געלעהרטע. דער פונדאַמענט פון שטאַאַט זיינען די העכערע צוויי קלאַסען; די אַרבייטער, האַנדווערקער און קויפלייט זיינען בע-

שטימט, נאָך זיין טהעאָריע, צו דינען און צו געהאָרכען די העכערע צוויי קלאסען. דער שטאאט, הייסט עס, בעשטעהט נאָר פון אַן אַריסטאָקראַטיע פון קריגער און געלעהרטע, וועלכע דארפען בעדינט ווערען פון אַ מעננגע שקלאַפען, און אויך הערשען איבער פרייע בירגער, וואָס ערנעהרען זיך דורך זייערע האנדווערקען. די אויפגאבע פון דער רעגירונג דארף זיין צו ענטוויקלען גייסטיג און פיזיש די צוויי הערשענדע קלאסען. דיזע קלאסען ברויכען ניט האָבען אויף זיך די באנדען פון אַ פאמיליע, די פרויען פיר דיזע קלאסען טאָרען ניט געהערען צו געוויסען פערזאָנען, נאָר זיי דארפען געהערען צו

פלאַטאָ.

אַלעמען צוזאמען, די ערציהונג פון קינדער דארף געהערען צו דער רעגירונג, אויך קיין אייגענטום ברויכען דיזע צוויי הערשענדע קלאסען ניט האָבען. וועגען דער עקאָנאָמישער און ווירטשאַפטליכער זייט פון שטאאט האָט אונזער פילאָזאָף קיין זילבע ניט געזאָגט, אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט'ן שטאאט, אַזוי ווי אַ שטאאט קען עקסיסטירען אָהן דעם. פלאַ-טאָ זאָגט, דאָס די הערשטענדע קלאַס ברויכט קיין אייגענטום ניט צו האָ-

בען, זייערע בעדערפניסען זאָלען זיין זעהר בעשרענקט, און דיזע זאָל די רעגירונג פיר זיי בעזאָרגען. פון זיין טהעאָריע איז ניט קלאָר, צו וועמען זאָלען די גיטער געהערען. עס ווייזט אויס, דאָס ער רעכענט די גיטער זאָלען געהערען צו די פרייע ארבייטער און סוחרים, ווייל ער לעגט אַרויף די פליכט פון אויסצוהאַלטען די קריגער און געלעהרטע אויף די פרייע ארבייטער און סוחרים. פּלאַטאָ רעכענט זיך אַלס דער ערסטער, וואָס האָט בעשאַפען די אידעע פון קאָמוניזם, ווייל ער ערקלערט, דאָס אייגענטום שטערט צו אידע-אַלער פאָלקאָמענהייט, צו וועלכער ער וויל אויפהייבען זיינע קריגער און גע-לעהרטע. דאָס אייגענטום איז די הויפּט-קוועלע פון אַלע אונגליקען פיר א רעגירונג און אַ שטאַאַט, זאָגט ער, עס ענטוויקעלט האָבזוכט, עהרגייץ, עגאָאיזם און לוסט צו כאַבאַר.

אויך זיין ווערק איבער געזעצע האָלט ניט אויס די קריטיק פון דער נייער צייט. אין דיזען ווערק בעשעפטיגט זיך דער פילאָזאָף מיט דער אַלטער פראַגע פון די גריכישע געזעצגעבער, ווי אַזוי אויפצוהאַלטען די גלייכהייט פון פערמעגען, און צו דיזען צוועק שלאָגט ער פאָר אַ מין לעהן-סיסטעם פון לאַנד-בעזיץ *), די בעשרענקונג פון בעוועגליכען פערמעגען (מטלטלין), דאָס פערבאָט פון גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, די רעגולירונג פון האַנדעל און אינדוסטריע, די רעגולירונג פון קינדער האָבען און פון געמיינזאַמע מאָהלציי-טען א. אנד.

דער בעריהמטעסטער שילער פּלאַטאָ'ס איז געווען אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס, וועלכער האָט וויט איבערשטיגען זיין לעהרער. אריסטאָטעלעס איז געבאָרען געוואָרען 384 פ. קר. אין סטאַגירא אין כאַלצידיצע. זיין פאָטער איז געווען לייב-אַרצט ביים מאַצעדאָנישען קעניג אַמינטאַס דעם 1טען און האָט געשריבען אַ גאַנצע רייהע ווערק איבער מעדיצין. צו 18 יאָהר איז אריסטאָטעלעס אַוועק שטודירען אין אַטהען און האָט דאָ געהערט פּלאַטאָ'ס פאָרלעזונגען. צווישען דעם לעהרער און דעם שילער איז פערבונדען געוואָ-רען אַ שטאַרקע פריינדשאַפט. שפּעטער אָבער האָט אריסטאָטעלעס אָנ-געפאַנגען זעהר אָפט אָנצוגרייפען זיין לעהרער פּלאַטאָ. שפּעטער אין יאָהר 343 פ. קר. האָט פיליפּ דער קעניג פון מאַצעדאָניען איינגעלאַדען אריסטאָ-טעלעס'ן צו ערציהען זיין 13-יעהריגען זוהן אַלכסנדר (וועלכער איז נאָך דעם בעקאַנט געוואָרען אַלס אַלכסנדר דער גרויסער). דריי יאָהר איז ער געווען אויף דיזער שטעלע, און נאָך דעם האָט ער זי פערלאָזען און האָט זיך אויף

*) סיסטעם, לויט וועלכען לאַנד ווערט געהאַלטען פיר געוויסע דינסטען.

אַ געוויסע צייט בעזעצט אין זיין געבורט־שטאָדט סטאַגירא, וואו ער האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו פילאָזאָפישע פאָרשונגען. ער האָט אָבער ווידער פערלאָזען זיין געבורט־שטאָדט און איז ווידער אַוועק אין אַטהען. דאָ האָט ער געגרינדעט אַ שולע, וועלכע איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען די פ ע ר י פ אַ ט ע ט י ש ע, ווייל אַריסטאָטעלעס פלעגט האַלטען זיינע פאָר־טרעגען שפּאַצירענדיג צווישען אַלעען פון בוימער („פעריפאַטאָי" אין גרי־כיש: שפּאַציר־גענג). נאָך אַלכסנדר'ס טויט האָט ער געמוזט פערלאָזען אַטהען, ווייל די אַטהענער האָבען פערפאָלגט אַלע ליבלינגען פון אַלכסנדר'ן

אַריסטאָטעלעס.

און ווי עס איז בעוואוסט איז אַריסטאָטעלעס געוועזען זעהר בעליבט פון זיין שילער אַלכסנדר, דעריבער האָבען איהם די אַטהענער פערפאָלגט. ער האָט נאָך דעם געמוזט ענטלויפען אויך פון זיין געבורטס־שטאָדט. מען האָט איהם בעשולדיגט אין אַפּיקורסות, דאָס ער האָט ניט געגלויבט אין די גריכישע געטער. ער איז אַוועק נאָך כאַלציס, וואו ער האָט פאָרטגעזעצט זיין טעטיגקייט אַלס לעהרער ביז צום ענדע פון זיין לעבען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 322 פ. קר. אין אַלטער פון 62 יאָהר פון אַ מאָגען־קראַנקהייט. אין דעם

פּאַלאַצצאָ ספּאַדאַ אין רוים געפינט זיך די שענסטע פערבליבענע סטאַטוע פון דיזען גרויסען פילאָזאָף. א בילד פון דעם גאַנצען מאָנומענט גיט אונז די צייכנונג אויף זייט 297, דאָס בילד אויף זייט 299 ווייזט נאָר דעם קאָפּ.

אריסטאָטעלעס איז אָנערקענט אַלס איינער פון די גרעסטע דענקער פון דער מענשהייט. ער איז אָהן צווייפעל דער איינפלוסרייכסטער פילאָזאָף פון אַלע צייטען. זיינע שריפטען זיינען זעהר צאָהלרייך (אַן ערך 400). די מעהרסטע פון זיי זיינען געשריבען געוואָרען אין דער צייט פון זיין צווייטען אויפהאַלטען זיך אין אַטהען. דיזע שריפטען בעהאַנדלען אַלע צווייגען פון מענשליכען וויסען: רהעטאָריק, עסטהעטיק, לאָגיק, פיזיק, זאָאָלאָגיע, מאַטהעמאַטיק, פילאָזאָפיע, מאָראַל און פּאָליטיק. אין זיינע ווערק איז צוזאַמענגעפאַסט דאָס גאַנצע וויסען פון יענער צייט, און הגם עס איז בעוויזען געוואָרען, דאָס אַריסטאָטעלעס האָט זיך שטאַרק בענוצט אין זיינע פאָרשונגען מיט די ווערק פון פריהערדיגע פילאָזאָפען, איבערהויפּט מיט דעמאָקריט׳ס, דאָך זיינען אַלע מודה, דאָס ער האָט פיעלע נייעס אויפגעטאָן אויך אין די פאָרשונגען פון די אַלטע, איבערהויפּט מיט זיין בעטראַכטען די אַלע וויסענשאַפטען פון אַן אינערליכען שטאַנדפּונקט, וואָס דורך דעם ווערט ביי איהם דאָס גאַנצע מענשליכע וויסען געבראַכט אין איין געשלאָסענעם סיסטעם. די בעריהמטעסטע פון זיינע שריפטען זיינען: די ק א ט ע ג א ר י ע ס (אַטטריבוטען, תוארים), די פּ אָ ע ט י ק (ערקלערונג פון קונסט), די נ א ט ו ר-ג ע ש י כ ט ע, די מ ע ט א פ י ז י ק, די ע ט ה י ק (מידות) און די פּ אָ ל י ט י ק.

אריסטאָטעלעס׳עס פילאָזאָפיע האָט א גרויסע שייכות מיט דער פּלאַטאָנישער, אָבער זי איז דורכאויס אייגענאַרטיג. אַריסטאָטעלעס האָט פיעל טיפער פון זיין לעהרער פּלאַטאָ פערשטאַנען דאָס גאַנצע מענשליכע וויסען. אריינגעהענדיג מעהר אין איינצעלהייטען האָט ער דורכגעדרונגען מיט זיין טהעאָריע דאָס גאַנצע געביט פון מענשליכען וויסען. פּלאַטאָ האָט געהאַלטען, דאָס די עקסיסטירענדע וועלט איז ניט דאָס איינצעלנע, נאָר די אידעען, דאָס אַלגעמיינע. אריסטאָטעלעס האָט אין געגענטייל אָנגענומען; דאָס איינצעלנע פיר די ריכטיגע עקסיסטענץ. יעדעס הויז האָט צ. ב. אין זיך די הויפּט-אייגענשאַפטען, וואָס צייכענט אויס א הויז פון אַלע אנדערע געגענשטענדען, אָבער ו ו י ר ק ל י ך איז ניט דער אַלגעמיינער בעגריף הויז, נאָר דאָס א י י נ צ ע ל נ ע הויז. דער בעגריף ווערט נאָר דאַן א ווירקליכקייט, ווען דער שטאָף בעקומט א געוויסע פאָרמע. עס איז ווירקליך אין יעדען קערפּער צו אונטערשיידען צוויי הויפּט-זאַכען: מאַטעריע און

קאָפּ פון אריסטאָטעלעס.

געשטאלט (חומר און צורה), אָבער עס איז אונמעגליך די עקסיסטענץ פון יעדערער פון זיי בעזונדער. די מאטעריע איז די לעצטע קוועלע פון אונ-פאָלקאָמענהייט פון די זאכען, וואָס עקסיסטירען, אָבער זי איז צוגלייך דאָס, וואָס מאכט אַ זאך צום איינצעלנעם, צום אינדיווידואום. די פאָרמע אין געגענטייל בעגרינדעט דאָס אַלגעמיינע, די גלייכאַרטיגע פיעלהייט. דער שטאָף בעזיצט די מעגליכקייט עטוואָס צו ווערען, די פאָרמע איז די פאָל-ענדונג, די ערפילונג, די ווירקליכקייט. די בעוועגונג אָדער די פערענדערונג איז דער איבערגאַנג פון מעגליכקייט צו ווירקליכקייט. יעדע בעוועגונג מוז האָבען אַן אורזאך, די אורזאכען קענען אָבער ניט זיין אָהן אַן ענד, ווייל דאַמאָלס וואָלט עס געהייסען, דאָס עס איז גאָר קיין אורזאך ניטאָ. דעריבער מוזען מיר קומען צו אַן ערסטער אורזאך, וועלכע מוז זיין אַ קראַפט, וואָס בעוועגט אַנדערע און בלייבט אַליין אונבעוועגט, און דאָס איז די שטאָפלאָזע, אייביגע פאָרמע אָדער די גאָטהייט, וועלכע אַלס פאָלקאָמענע איז פון אַלעם געליבט, און אַלעם שטרעבט זיך צו מאכען עהנליך צו איהר.

מיר וועלען צו ווייט אַרויס פון אונזער גרענעץ, ווען מיר וועלען בע-האַנדלען אויספיהרליך אַלץ, וואָס דיזער גרויסער וועלט-פילאָזאָף האָט גע-שריבען. עס איז גענוג צו זאָגען, דאָס ער האָט געהאַט דעם גרעסטען איינ-פלוס אויף דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט. אין דיזער הינזיכט האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע. אויב אָבער דיזער איינפלוס האָט געפיהרט צו פאָרטשריט, איז אַ פראַגע. די פרייהייט פון וויסענשאַפט און איהר פאָרטשריט דאַטירען אין דער נייערער צייט ערסט פון יענער פעריאָדע, אין וועלכער פרישע און ליכטיגע קעפּ האָבען געשטירצט די הערשאַפט פון די אַריסטאָטעלישע לעהרעס, וואָס זיינען יאָהרהונדערטער לאַנג געווען פערעהרט דורך טראַדיציאָן און דורך דעם רעספּעקט פון דער קירכע. פיעלע דורות נאָכאַנאַנד איז דער נאָמען אַרים-טאָטעלעס געווען גלייכבעדייטענד מיט'ן בעגריף וואַהרהייט. דאָס, וואָס מען האָט געקענט בעווייזען פון זיינע שריפטען, האָט מען גערעכענט און גע-האַלטען פיר ריכטיג, און דאָס געגענטייל איז געווען בעטראַכט אַלס פאַלש. דיזער גלויבען אין אַריסטאָטעלעס'עס אויטאָריטעט האָט פיעל געשאַדעט צו דער פרייער ענטוויקלונג פון די וויסענשאַפטען, און דאָס איז די אור-זאך, וואָרום פון דער אַלכסנדרינישער פעריאָדע ביז דער נייער צייט האָט די וויסענשאַפט ניט געמאַכט קיין בעדייטענדען שריט פאָרווערטס. מיר האָבען אָבער קיין רעכט ניט צו מאכען אַריסטאָטעלעס'ן זעלבסט פער-אַנטוואָרטליך פיר דעם. און דיזעס קען בשום אופן ניט שאַדען צו דעם

רוהם פון דעם גוואַלדיגען דענקער. אין דעם גרויסען גלויבען אין זיין אויטאָריטעט איז מעהר פון אַלעס געווען שולדיג דער צייט־גייסט, איבערהויפּט דער איינפלוס פון דער קירכע, וועלכע האָט פיעלע יאָהרהונדערטער פערהייליגט דאָס אַלטע, און האָט קיין נייעס און פרייעס אין דעם געביט פון פאָרשען ניט צוגעלאָזען און פערדאַמט.

מיט אַריסטאָטעלעס׳ן ענדיגט זיך די ערסטע פעריאָדע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, אין וועלכער די הויפּט־זאַך איז געווען די טהעאָריע. נאָכדעם הייבט זיך אָן אַן אַנדער ווענדונג אין דער פילאָזאָפיע, אין וועלכער די פּראַקטישע ווייזהייט האָט דעם פאָרצוג איבער דער טהעאָרעטישער. די פערטרעטער פון דיזער ריכטונג זיינען איבערהויפּט: די סטאָאיקער, די עפּיקורעער, און די סקעפּטיקער.

דער גרינדער פון דער סטאָאישער*) שולע איז צענאָן. ער האָט געלעבט פון 340 ביז 260 פ. קר. (80 יאָהר). זיין לעהרע קען מען אין קורצען אַזוי ערקלערען: עס זיינען דאָ צוויי פּרינציפּען אין דער נאַטור: גאָט און די מאַטעריע. מען קען זיך אָבער ניט פאָרשטעלען איינעם אָהן דעם אַנדערען. יעדעס וויסען קומט אַרויס פון די בעגריפען, וואָס אונזערע חושים ערהאַלטען פון דער נאַטור. די זעעלע איז ווי אַן אונבעשריבענעס בלאַט, אויף וועלכען אַלץ ווערט פערשריבען דורך די עמפּינדונגען פון אונזערע חושים. אַלץ, וואָס מען רופט אָן אורזאַך, איז נאָר קערפּערליכעס, אַזוי דאָס די אורזאַכען פיר דעם מענשען׳ס טאָן, זיינען נאָר קערפּערס, וועלכע ווירקען אויף אונזערע חושים. די עטהיק אָדער זיטען־לעהרע פון די סטאָאיקער איז דאַרום די האַרמאָניע פון מענשען מיט דער נאַטור.

אַ גרויסע בעדייטונג פיר היינטיגע צייט האָט די לעהרע פון די עפּיקורעער. דער גרינדער פון דיזער שולע עפּיקורוס**) האָט געלעבט פון 341 ביז 270 פ. קר. (71 יאָהר). ער איז געווען אַ זעהר סימפּאַטישע ערשיינונג אין אַלטערטום. פון זיין 32טען יאָהר אָן האָט עפּיקורוס פאָרגעטראָגען פילאָזאָפיע אין אַטהען. ער האָט צוזאַמען מיט זיינע פריינד געפיהרט אַ זעהר פרעהליכעס לעבען. אָבער ער איז אין גרונד געווען זעהר ווייט פון זיין צולאָזען און אויסגעלאַסען, ווי זיינע פיינד האָבען וועגען איהם אויסגעטראַכט. נאָך זיין טויט פלעגען זיך זיינע תלמידים צוזאַמענקומען אין

*) ווערט אַזוי אָנגערופען פון דער זיילען־האַלע (גריכיש: סטאָאַ), אין וועלכער צענאָן האָט פאָרגעטראָגען זיין פילאָזאָפיע.

**) דערפון אין תלמוד אַפּיקורוס, אַ פריידענקער.

גאַרטען, וואו ער האָט פאַר זיי זיין פילאָזאָפיע פאָרגעטראָגען, און פלעגען יעדען מאָנאַט מאַכען דאָרט אַ יום טוב מיט אַ מאָהלצייט פון די מיטלען, וואָס זייער לעהרער עפּיקורוס האָט זיי איבערגעלאָזען. דער מיטעלפּונקט פון זיין לעהרע איז די עטהיק, די זיטען־לעהרע, אין וועלכער, נאָך זיין מיינונג, עס בעשטעהט דאָס הויפּט־גליק פון מענשען. די גליקזעליגקייט איז ניט צו זוכען אין דעם אויגענבליקליכען גענוס פון די חושים, נאָר אין דעם דויערנדען געפיהל פון פרייד, וועלכעס מען קען נאָר דערגרייכען דורך מעשים טובים. דער צוועק פון פיזיק איז צו בעפרייען דעם מענשען פון אבערגלוי־בישער פורכט, און דיזעס קען מען דערגרייכען נאָר דורך דאָס גרינדליכע פערשטעהן פון אַלע נאַטור־ערשיינונגען.

פיעל וועניגער בעדייטונג האָבען די ס ק ע פּ ט י ק ע ר. דער הויפּט־פערטרעטער פון דיזער שולע איז געוועז פּ י ר ר ה אָ ן, וועלכער האָט גע־לעבט פון 360 ביז 270 פ. קר. (90 יאָהר). דיזער האָט געלערנט, דאָס די זאכען אין דער וועלט זיינען אונבעגרייפליך פיר אונז, דאָס עס איז אונז ניט מעגליך צו ערקענען ווירקליך וואָס און ווי זיי זיינען און דעריבער דאַרפען מיר זעהר פאָרזיכטיג זיין מיט אונזער אורטייל. אַלעס, וואָס עקסיסטירט אויסער איהם, דאַרף דעם מענשען זיין גלייכגילטיג. דער אמת'ער קלוגער מענש דאַרף פון קיין זאַך, וואָס טרעפט זיך מיט איהם, ניט נתפעל ווערען, ער דאַרף זיין גלייכגילטיג צו אַלעס, וואָס איהם קומט פאָר אין זיין לעבען, און ניט לאָזען שטערען זיין רוהיגען מוט פיר קיין פאַל אין דער וועלט.

די בילדענדע קונסטען. אין אַ ר כ י ט ע ק ט ו ר איז אין די־זער פעריאָדע אָנשטאָט דעם אַלטען דאָרישען סטיל אריין אין מאָדע דער קאָרינטהישער סטיל, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט פראַכט און ציר־ליכקייט. אין דיזען סטיל זיינען דאַמאָלס געבויט געוואָרען פיעלע טעמפּלען, צווישען וועלכע עס זיינען בעזונדערס געוועזן בעקאַנט די טעמפּלען אין ט ע־ג ע אַ (ארקאַדיען), ע ל ע אַ ו ז י ס, פּ אַ ס ט ו ם און מ י ל ע ט, ווי אויך פּאַלאַצען פון רייכע לייט. דאַמאָלס איז אריין אין מאָדע אויסצובויען ספּעציעלע געביידעס אין קאָרינטהישען סטיל, אויף אריינצושטעלען די עהרען־צייכענס, וואָס די וועט־קעמפער פלעגען ערהאַלטען אויף די אָלימפּישע שפּילען. דאָס שענסטע פון דיזער אַרט געביידעס איז דער קליינער רונדער טעמפּעל פון ל י ז י ק ר אַ ט ע ס אין אַטהען. אויך די מאָנומענטען אויף קברים, וועלכע זיינען אָנפאַנגס געוועזן זעהר איינפאַך, האָבען אין יענער צייט בעקומען אַ ריזיגע געשטאַלט מיט זעהר פּרעכטיגע פערצירונגען. פיעל בעוואונ־דערט איז דאָס מ אַ ו ז אָ ל ע אַ ו ם אין האַליקאַרנאַססוס. דאָס איז אַ

קברים־געביידע, וואָס די קעניגין אַרטעמיזיאַ פון קאַריען האָט אויסגעבויט אויף׳ן קבר פון איהר מאַן מאַוזאָלוס. דיזעס געביידע צייגט אין זיינע פאָר־מעס אָריענטאַלישען איינפלוס. דעם זעלביגען איינפלוס צייגט אויך דאָס האָראָלאָגיום אָדער טורם פון צייטען־דייטונג, וואָס איז אויפ־



קאָפּ פון דער ווענוס. געפונען אין טראַללעס.

געשטעלט געוואָרען אין 1טען יאָהרהונדערט פ. קר. אין אַטהען און איז ביז היינטיגער צייט גוט ערהאַלטען געוואָרען.

אין דער צווייטער בליהונגס־פּעריאָדע פון דער גריכישער סקולפּ־טור האָט די שולע פון אַטהען געשפּיעלט אַ זעהר בעדייטענדע ראָלע.

דיזע שולע איז געבליבען טריי צו איהר פריהערדיגער ריכטונג, אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט זיך דיזע שולע בעשעפטיגט אויך מיט דער פאָרשטעלונג פון דער אידעאַלער וועלט, פון געטער אין הערשאַיען־מיטהען (העלדען־זאַגעס). דער סטיל, וועלכער איז פריהער געוועזען ערהאַבען, איז יעצט געוואָרען שענער און ליידענשאַפטליכער. דעריבער האָבען די גרויסע סקולפּטאָרען אין אַטהען צו יענער צייט מעהרסטענס געשאַפען בילדער פון די

צעאוס פון אָטריקאָלי.

געטער, וואָס זייער פערעהרונג קומט פון אַ טיפער בעוועגונג פון געפיהל, ווי דיאָניסאָס און אַפראָדיטע. אין טעכנישער בעציהונג שטרעבען די קינסטלער פון יענער צייט צו אַ וויכערער, פליסיגערער בעהאַנדלונג. די גלענצענדע פראַכט פון די סטאַטועס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פריהער פון גאָלד און העלפאַנד־ביין, האָט געמאַכט פּלאַץ פיר דעם האַרמאָנישען מאַרמאָר.

דער וויכטיגסטער מייסטער פון דיזער שולע איז געווען סקאָפּאַס פון פּאַראָס (390—350 פ. קר.), וועלכער איז אויך געווען אַ מערקווירדיגער אַרכיטעקט. מען זאָגט, דאָס די בעריהמטע ווענוס פון מילאָ (אָדער אַפראָדיטע פון מעלאָס) איז געווען זיין אַרבייט.

עטוואָס אינגער ווי סקאָפּאַס איז געווען פּראַקסיטעלעס פון אַטהען, וועלכער האָט געלעבט פון 830 ביז 340 פ. קר. און האָט ענטוויקעלט די נייע ריכטונג פון דער אַטהענישער שולע ביז צו דער העכסטער פאָלקאָמענהייט. אַנשטאָט דער פייערדיגער בעגעסטערונג, וועלכע צייגט זיך אין די ווערק פון סקאָפּאַס'ן זעהט מען אין די ווערק פון פּראַקסיטעלעס'ן ווייכען ענטוזיאַזם און צאַרטע זינליכקייט. בעזונדערס פאָלקאָמען איז זיין פאָרשטעלונג פון אַפראָדיטע, וועלכע דריקט אויס אויף אַ וואונדערבאַרע אַרט ליבע און טיפע דענק־קראַפט. דאָס זעלבע געפיהל דריקט אויס זיין מענליכעס בילד פון עראָס, וועלכער געפינט זיך אין איבערגאַנגס־אַלטער פון אַ אינגעל צו אַ יונגען מאַן. אויסער דעם זיינען אויך זעהר מערקווירדיג פון זיינע אַרבייטען אַפּאָללאָ דער שלאַנגען־טויטער און איבערהויפּט הערמעס פון אָלימפּיאַ, וועלכער איז דער פאָלקאָמענסטער אויסדרוק פון מענשליכער שענהייט.

אָן דיזע צוויי קינסטלער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַ גאַנצע רייהע פון פאָרטרעפליכע קינסטלער פון דיזער ריכטונג, וועלכע האָבען אין דער גאַנצער צייט פון פערטען יאָהרהונדערט פ. קר. הויך געהאַלטען דעם כבוד פון אַטהען. די בעסטע פון זיי רעכנען זיך: לעאָכאַרעס, טימאָטהעאוס, בריאַקסיס און סילאַניאָן. צו דיזער צייט געהערען יענע וואונדערבאַרע קאָפּיעס פון דענקמעלער פון דער ערסטער בליהונגס־פּעריאָדע, פון וועלכע עס זיינען נאָך ביז היינט ערהאַלטען צוויי אויסגעצייכענטע פּראָבעס, נעמליך: צעאוס פון אָטריקאָלי און אַ הערא־קאָפּ.

אויך אין פּעלאָפּאָננעזוס האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייע שולע, די סיציאָנישע־אַרגיווישע, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ געוויסען געגענזאַץ צו דער אַטהענישער שולע. הגם דיזע שולע האָט אויך געשטרעבט צו אויסדריקען אין איהרע ווערק קערפּערליכע שענהייט אין העראָאישע קראַפט, האָבען זיך אָבער די קינסטלער ניט בענוגענט מיט דעם אורשפּרינגליכען איינפאַכען זין, נאָר זיי האָבען צוגעגעבען גרעסערע ווירדע, מעהר פערשיידענקייט און שלאַנקערע פערהעלטניסען. דער הויפּט־פערטרעטער פון דיזער ריכטונג איז געווען ליסיפּפּוס פון סיציאָן, אַ מייסטער אין גיסען מעטאַלענע בילדער. ער איז געווען זעהר פרוכטבאַר אין זיין אַרבייט. מעהר פון

1,500 בילדער, זאָגט מען, האָט ער געשאַפען. זיינע בעדייטענדע ווערק זיינען: צעאוס אין טארענט, פאָסיידאָן אין קאָרינטה און די הערקולעס־פיגורען, וועלכע דריקען אויס איבערמענשליכע שטאַרקקייט מיט זעהר לייכטער בעוועגונגס־פעהיגקייט. אויך ליסיפּפּוס האָט געהאַט אייפריגע פערטרעטער, פון וועלכע עס זיינען נאָך ביז היינט פערבליבען ווענינע זעהר שענע מייסטער־ווערק.

מיט דעם צייט־אַלטער פון אַלכסנדר דעם גרויסען איז אַזוי פיעל דער אידעען־קרייז פון קונסט אויסגעשעפּט געוואָרען, דאָס עס איז ווענינ־וואָס איבערגעבליבען פיר נייע שעפערישע טעטיגקייט. אויך די טעכנישע מייסטערשאַפט האָט זיך אַזוי הויך אויסגעבילדעט, דאָס עס איז קיין פּלאַץ ניט געבליבען פיר פערבעסערונג. פיר די קונסט איז איבערגעבליבען דאַמאָלס נאָר איין אויפגאַבע: צו געהן נאָך ווייטער אין דעם שטרעבען צו אויסדריקען גרעסערע בעוועגונג און טיפערע ליידענשאַפט, און אָנשטאָט פריהערדיגער נאַטירליכקייט אויסצודריקען טעאַטראַלישע עפעקטען. דאָך ערשיינט די קונסט נאָך אימער אין העכסטען גראַד בעוואונדערנסווערט און צייכענט זיך אויס אין אַ גאַנצער רייהע פון גרויסאַרטיגע ווערק. מיט אַזעלכע נייע שולעס האָבען זיך אויסגעצייכענט אייניגע ערטער אין קליין־אַזיען. רהאָדוס האָט אַרויסגעגעבען די בראָנזענע קאָלאָסאַלע סטאַטוע פון העליאָס, וועלכע איז געווען 105 רוימישע פוס הויך, זי איז אָבער באַלד פון אַן ערד־ציטערנים צושטערט געוואָרען; ווייטער די בעריהמטע לאַאָקאָאָן־גרופּע, וועלכע אַגעסאַנדער, פּאָלידאָרוס און אַטהענאָדאָרוס האָבען געשאַפען אין 2טען יאָהרהונדערט פ. קר., און ענדליך דער פאַרנעסישער אָקס, וועלכען מען האָט געפונען אין יאָהר 1546 נ. קר., ווען דער פּאַפּסט פּאול דער 3טער פון דער פאַמיליע פ אַ ר נ ע ס האָט אין רוים געהערשט (צוליב דעם האָט מען עס דעם אָקס אַ נאָמען געגעבען דער פ אַ ר נ ע ס י ש ע ר).

אַזוי איז אויך בעקאַנט דורך די נייע אויסגראָבונגען די שולע פון פ ע ר ג אַ מ ו ם, וועלכע האָט זיך בעזונדערס אָפּגעגעבען מיט פאָרשטעלונגען פון די שלאַכטען פון די קעניגען אַ ט ט אַ ל ו ס און ע אַ ו מ ע נ ע ס געגען די גאַלליער. אין דער נייער צייט, נעמליך אין יאָהר 1878, האָט מען אין פּערגאַמום ענטדעקט אַ וויכטיגע אַרבייט פון דיזער שולע — אַן אַלטאַר, אויף וועלכען עס איז פאָרגעשטעלט דער זיג פון די געטער איבער די גיגאַנטען (ריזען). צו דיזער צייט האָט געהערט נאָך אַ בעריהמטעס ווערק, דער בעריהמטער אַפּאָללאָ פון בעלוועדערע, וועלכער שטעלט פאָר דאָס שענסטע

בילד פון אַ מענשליכען קערפּער. דער קאָפּ אין דעם נעבען־שטעהענדען בילד איז אַ קאָפּיע פון יענעם וואונדער־שענעם בילד.



אַפּאָללאָ.

אויך אין אַנדערע לענדער האָט די גריכישע קונסט געבראַכט שענע פרוכט. צ. ב. אין רוים אין מיטען פון 2טען יאָהרהונדערט פּ. קר., אין עפּירוס

און אין אנדערע ערטער. אויך סיראקוז האט זיך דאמאלס אויסגעצייכענט אין סקולפטור.

די מאלעריי האט דורכגעלעבט די זעלבע וואנדלונגען ווי די סקולפטור. אויך די מאלעריי האט מעהר און מעהר געשטרעבט נאך נאטור־וואהרהייט. אין דיזער ריכטונג האבען געווירקט צעאוקסיס און פארהאזיוס. די ווערק פון דעם ערסטען צייכנען זיך אויס מיט זייער בלענדענדער שענהייט, פון דעם צווייטען — דורך די צארטהייט און חן פון געזיכט. אייגענטליך איז פון דיזע קינסטלער אין אונזער צייט קיין ווערק ניט פארהאנדען, און דעריבער קענען מיר אליין ניט אורטיילען איבער דעם ווערט פון זייער ארבייט. אלץ, וואס מיר ווייסען פון זיי, איז נאר וואס די אלטע האבען אונז אין זייערע ווערק געשריבען וועגען זיי. א פאר־שטעלונג פון דער פארצייטיגער מאלער־קונסט גיט אונז דאס בילד פון טימאנטהעס, וועלכעס שטעלט פאר דעם אפפער פון איפיגעניע'ן. די־זעס בילד האט מען געפונען אויף א וואנט־געמעלדע פון דער שטאדט פאמ־פעאי, וועלכע איז אין דעם יאהר 79 נ. קר. פערגראבען געווארען פון דער לאווא פון דעם פייערשפייענדען בארג וועזוביוס און איז אין יאהר 1748 ענטדעקט און אויסגעגראבען געווארען. די העכסטע שטופע פון מאלער־קונסט האט דערגרייכט אפעללעס פון קאלאפאן. זיין אפראדיטע אנאדיאמענע (ארויסשטייגענדע פון מעער) און זיין ארטעמיס זיינען די בעסטע פון זיין ארבייט. זיין בילד פון אלכסנדר דעם גרויסען איז געווען אזוי ריכטיג, דאס ווען אלכסנדר האט עס דערזעהן, האט ער אויסגערופען: „עס זיינען דא צוויי אלכסנדר'ס — דער אונבעזיגבארער זוהן פיליפ'ס און דער אוננאכהאמליכער אלכסנדר פון אפעללעס'ן!"

פאעזיע. נאך עוריפידעס'ן האבען די גריכען אין דער טראגעדיע קיין וויכטיגעס ניט ארויסגעבראכט. דאגעגען האט די קאמעדיע ערסט אין דער צייט פון דעם פעלאפאננעזישען קריג אויפגעבליהט. מיר האבען שוין פריהער געשפראכען פון דעם בעריהמטען קאמעדיע־שרייבער אריסטאפאנעס. עס איז אונז יעצט נאר געבליבען עטוואס צו זאגען וועגען דער מיטעלער און נייער קאמעדיע. די מיטעלערע קאמעדיע, פון וועלכער די הויפט־פערטרעטער זיינען אנטיפאנעס און אלעקסיס, האט ניט דעם שארפען הומאר אין פאליטישען כאראקטער פון דער פריהערדיגער צייט. איהר אויפגאבע איז איבערהויפט געווען א קריטיק איבער עסטהעטישע און מאראלישע זאכען, און האט זיך געלאזט בענוגענען מיט דער פערשפאטונג פון מענשליכע נארישקייטען און פעהלערן. אויך אין דער פארמע האט די מי-

טעלערע קאָמעדיע פערלאָרען געגען די פריהערדיגע אין דעם, וואָס זי האָט
ארויסגעוואָרפען די אָרקעסטרישע געזענגען. די נ י י ע ר ע אַטטישע

גרופּע פון לאַאָקאָאָן.

קאָמעדיע פאַנגט זיך אָן פון דער שלאַכט ביי כ אָ ר אָ נ ע אַ (338 פ. קר.).
די נייע קאָמעדיע האָט געבראַכט אויף די ביהנע הויפּטזעכליך דאָס פאַמיליען=

לעבען. אַנשטאַט דעם פריהערדיגען כאָר האָט די נייע קאָמעדיע איינגע-פיהרט לידער און געזענג צווישען די אַקטען. אָבער די לידער און געזענג האָבען קיין צוזאַמענהאַנג ניט געהאַט מיט דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע. די בעדייטענדסטע דיכטער פון דיזען מין זיינען געווען: מ ע נ א נ ד ע ר פון אַטהען (געשטאָרבען 290 פ. קר.) און פ י ל ע מ אָ ן פון סיראַקוז. אין דיזער צייט איז אויך ענטשטאַנען די טראַגי-קאָמעדיע אין אונטער-איטאַליען. דאָ האָבען זיך אריינגעמישט לוסטיגע פּערזאָנען צווישען די געטער, וועלכע זיינען דורך דעם געוואָרען זעהר לעכערליך און צו שפּאָט. שפּעטער איז די קאָמעדיע אַראָפּגעזונקען צו אַ שטופע פון פּשוט'ע לצנות און האָט אין גאַנצען פערלאָרען דעם כאַראַקטער פון קונסט. ווייניגער פון אַלץ איז דאַמאָלס די ליריק געווען ענטוויקעלט. נאָר די אידילע *) האָט נאָך געבליהט. דער בעסטער פערטרעטער פון דיזען סאָרט פּאָעזיע איז געווען ט ה ע אָ ק ר י ט פון סיראַקוז.

ד י ר ע ד ע-ק ו נ ס ט. די דעמאָקראַטישע פערפאַסונג פון אַטהען האָט ענטוויקעלט די פאָדערונג פון רעדע-קונסט, וועלכע איז אַזוי נויטווענדיג געווען אין פּאָליטישע און געריכטליכע אַנגעלעגענהייטען. אַ גרויסען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון רעדע-קונסט האָבען געהאַט די ס אָ פ י ס ט ע ן, וועלכע האָבען פיעל מיה געלעגט אויף די שענע שפּראַך. פון דיזער צייט אָן זיינען אויפגעטראָטען פיעלע פּאָליטישע, געריכטליכע און שול-רעדנער, פון וועלכע מעהרערע זיינען אונז בעקאַנט דורך זייערע איבערגעבליבענע שריפטען. א נ ט י פ א ן, ל י ז י א ס, א י ז ע אָ א ו ס און א י ז אָ ק ר א-ט ע ס, וועלכע האָבען געשריבען רעדעס פיר אַנדערע און פלעגען געבען אונטערריכט צו יונגע לייט, וואָס האָבען געוואָלט אויפטרעטען אַלס רעדנער. די גלענצענדסטע פּאָליטישע רעדעס זיינען די, וועלכע ד ע מ אָ ס ט ה ע נ ע ס האָט פאָרגעטראָגען. פּאָליטישער שאַרפזין, פּאַטעראַלאַנדס-ליבע, גליהענדע בעגייסטערונג פיר פרייהייט, קרעפטיגע שפּראַך, האָבען איהם געמאַכט פיר דעם גרעסטען רעדנער פון אַלטערטום. אויסער דעמאָסטהענעס'ן איז אויך זעהר גע-ריהמט געווען אין יענער צייט זיין געגנער אָ ס כ י נ ע ס. ער איז אין פיעלע הינזיכטען געווען אַזוי גרויס ווי דעמאָסטהענעס. אויך די רעדנער ל י ק ו ר-ג ע ס און ה י פּ ע ר י ד ע ס האָבען פיעל עהרע פערשאַפט אַטהען מיט זייער בעריהמטער רעדע-קונסט.

---

*) אונטער אידילע פערשטעהט מען די פאָרשטעלונג פון דאָרפישען אָדער פּאַסטושען לעבען.

די וויסענשאַפט. זינט דעם מיטען פון 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. איז די וויסענשאַפט געשטאַנען אין פאָרדער־גרונד. אין דער מאַטהע-מאַטיק האָבען די פילאָזאָפען אריסטאָטעלעס, טהעאָפראַסט, עאודעמוס און אנדערע זעהר פיעלע אונטערזוכונגען געמאַכט. דיזע וויסענשאַפט האָט דער-לאַנגט אין די שולען פון אלכסנדריא, רהאָדוס און פערגאַמוס צו אַ זעהר הוי-כער שטופע. עאוקלידעס פון געלאַ (300 פ. קר.), וועלכער איז אויך בעריהמט אַלס לעהרער און פּערפאַסער פון וויכטיגע שריפטען, האָט געגעבען דער מאַטהעמאַטיק אַ מוסטערהאַפטע פאָרמע. זיין בוך סטאָיכעיאַ, ד. ה. די עלעמענטען פון ריינער מאַטהעמאַטיק, האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פיר געאָמעטריע און איז אייגענטליך די גרונדלאַגע פון אלע לעהרביכער פון געאָמעטריע פון היינטיגער צייט. זיין בעדייטענדסטער שילער אַרכימעדעס פון סיראַקוז (געשטאָרבען 212 פ. קר.) האָט פיעל בעריי-כערט די מאַטהעמאַטיק, מעכאַניק, סטאַטיק און הידראַוליק (בעוועגונג פון וואַסער) מיט פיעלע וויכטיגע נייע ענטדעקונגען. אַפּאָללאָניוס פון פערגאַ אין פאַמפיליען האָט זיך געשאַפען גרויס עהרע דורך זיינע פאָרשונגען און דורך זיין בעריהמטעס ווערק איבער קעגעל־שניט. דער פאָרטשריט אין מאַטהעמאַטיק האָט פיעל געווירקט אויף די ענטוויקלונג פון דער אַס-טראָנאָמיע. די בעדייטענדסטע פערטרעטער פון דיזער וויסענשאַפט זיינען געוועזען אַריסטאַרך פון סאַמאָס (260 פ. קר.), היפּפּאַרך פון ניצאָאַ אין ביטהיניען (געשטאָרבען 125 פ. קר.) און ערַאטאָס-טהענעס פון צירענע (געב. 275 פ. קר.). דיזער האָט געגעבען דער געאָגראַפיע אַ וויסענשאַפטליכען כאַראַקטער און האָט זיך דערמיט אַ גרוי-סען נאָמען געמאַכט.

די פיזיק האָט געהאַט גרויסע און וויכטיגע פאָרשער ווי קטעזיביוס און זיין נאָך מעהר בעקאַנט שילער הערָאָן פון אלכסנדריא.

איבער מעדיצין האָט געשריבען העראָפילוס פון כאַלצעדאָן, עראַזיסטראַטוס פון קעאָס און סעראַפּיאָן פון אלכסנדריא.

אין מיטען פון 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. האָט זיך געבילדעט אַ נייע וויסענשאַפט, די פילאָלאָגיע (שפּראַך־וויסענשאַפט), וועלכע האָט זיך געמאַכט אַלס אויפגאַבע צו בעאַרבייטען די גראַמאַטיק, צו פעסטשטעלען דעם טעקסט פון די קלאַסישע ווערק, דאָס מען זאָל איהם ניט פערדאַרבען; און איהם געבען די ריכטיגע ערקלערונג. דער ערסטער געלעהרטער, וועלכער האָט זיך בעטיטעלט מיט דעם נאָמען „פילאָלאָג", איז דער אויבענדערמאָהנ-טער עראַטאָסטהענעס פון צירענע. אויסער דעם איז נאָך צו

דערמאָהנען: אַריסטאַרכוס (אונגעפעהר 200 פ. קר.), וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט דורך זיין שאַרפזיניגע קריטיק איבער האָמער'ס ווערק, און וועלכער האָט פעסטגעשטעלט דעם ריכטיגען טעקסט פון דיזע מערקוויר־דיגע ווערק. דיזער טעקסט, ווי אַריסטאַרכוס האָט איהם פעסטגעשטעלט, איז עד היום געבליבען און אָנגענומען געוואָרען אַלס דער ריכטיגער אָריגינעלער טעקסט. פון די איבריגע פילאָלאָגען פון יענער צייט זיינען ווערט צו דער־מאָהנען צוליב זייער וויכטיגקייט פיר די וויסענשאַפט, אַריסטאָפאַ־נעס פון ביצאַנץ און קראַטעס פון מאַללאָס.

די געשיכטע־שרייבונג איז געווען זעהר שוואַך ענטוויקעלט, הגם די פעלד־צוגען פון אַלכסנדר'ן האָבען געקענט פיעל שטאָף געבען צו דעם. בעדיי־טענד אויף דיזען פעלד איז נאָר פּאָליביוס פון מעגאַלאָפּאָליס (205—103 פ. קר.), וועלכער איז געווען הויך־געבילדעט אין פּאָליטישער און מילי־



גריכישע מענער־קליידער.

טערישער בעציהונג. פיר די כראָנאָלאָגיע האָט פיעל געטאָן דער אויבער־פּריס־טער מאַנעטהאָ פון סעבעננִיטאָס און טימאַאוס פון סיציליען.

פיעלעס וועגען גריכישע קונסט און וויסענשאַפט וועלען מיר בע־האַנדלען אין דער געשיכטע פון רוים, ווייל זייט דעם צווייטען יאָהרהונדערט פ. קר. איז דיזע שטאָדט געוואָרען דער הויפּט־זיץ פון דער גריכישער קולטור.

הגם די גריכען זיינען געשטאַנען זעהר הויך אין קונסט, פילאָזאָפיע און אין פּאָליטיק, זיינען זיי דאָך זעהר שוואַך געווען אין מאַכען נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען. מען קען זאָגען, דאָס זינט דער העראָאישער צייט האָבען

זיי קיין וויכטיגע פאָרשריטען ניט געמאַכט. מען קען נאָר דערמאָהנען: די מינץ־פּרעגונג (שטעמפּלען מטבעות), זעע־האַנדעל, קריגס־פּלאַטעס און אי־בונג אין דעם זעע־קריג, בילדונג פון גרויסע שטעדט, און קלענערע ערפינדונ־גען, ווי צ. ב. געברענטע ציגעל, דעם קראַהן (מאַשין צום הייבען), פערד־מיהלען צו מאָהלען געטריידע, פעסער פון האָלץ, פערשיידענע וויין־כלים, שפּיגלען, געשניצטע געפעס, ראַזיר־מעסערס, כירורגישע אינסטרומענטען, פאַרבען־ און בילדער־דרוק אויף פערשיידענע געוועבטע מאַטעריעס, פעסט־קאַלענדערס, זון־זייגערס, ציגעל־דעכער, שטוקאַטורען פון די ווענט, און נאָך פיעלע אַנ־דערע זאַכען.

די ק ל י י ד ו נ ג פון די גריכען איז געווען איינפאַך, פריי, ניט ענג צום קערפּער. דאָס אונטערע קלייד, וואָס זיי האָבען געטראָגען אויף'ן קער־

גריכישע ווייבער־קליידער.

פּער זעלבסט, האָט זיך ביי זיי גערופען כ י ט אָ ן (עהנליך אין העברעאיש: כ ת נ ת). דער כיטאָן איז געווען קורץ, ביי בעשעפטיגונג פלעגען זיי זיך אַרומבינדען מיט אַ גאַרטעל איבער איהם. ביז דער צייט פון פעריקלעס'ן האָבען זיי אין אַטהען געטראָגען לאַנגע כיטאָנען, נאָך דעם האָבען זיי אָנגע־פאַנגען צו טראָגען קורצע. די דאָריער פלעגען מאַכען דיזעס קלייד פון אַ וואָלענעם שטאָף, די יאָניער פלעגען איהם מאַכען פון לינען־צייג. דער ווינ־טער־כיטאָן פלעגט געמאַכט ווערען דיק, דער זומערדיגער דין. איבער דעם כי־טאָן פלעגען זיי טראָגען אַן אויבערקלייד, אַ הימאַטיאָן. דיזעס איז בעשטאַנען פון אַ גרויסען לענגליך פיער־עקיגען שטיק וואָלענצייג, וועלכעס זיי פלעגען

אַריבערוואַרפען איבערן לינקען אָרם צום רוקען, נאָכדעם דורך דעם רעכטען אָרם ווייטער נאָך דעם לינקען און פון דאַנען איז דאָס ענד אַראָפּגעהאַנגען מעהר אָדער וועניגער ביז די קני. די ספּאַרטאַנער האָבען געטראָגען א ט ר י ב אָ ן. דאָס איז געווען א קורצער מאַנטעל פון גראָבען שטאָף. די רייטער פלעגען טראָגען דעם כ ל א מ י ס, א מין אויבער-מאַנטעל ארום האַלז צוגע-שפּילעט מיט זילבערנע שפּאַנגען.

יאָניִשע קליידונג.

די פרויען-קליידער זיינען געווען מיט פיעל מעהר געשמאַק פון די מענער-קליידער. אָבער אין גרונד גע-נומען זיינען זיי אויך בעשטאַנען פון די זעלבע צוויי סאָרטען, ווי די מענערשע. גלייך אויף'ן קערפּער האָ-בען זיי געטראָגען א כיטאָן. די דאָריער האָבען געטראָ-גען א קורצען כיטאָן, וועלכער איז בעשטאַנען פון צוויי שטיקער שטאָף צונויפגענעהט ביז צו דער ברוסט, די יאָניער האָבען עס געטראָגען לענגער. דעם כיטאָן האָ-בען זיי פערבונדען מיט א גאַרטעל. דער אויבער-מאַנ-טעל פון די פרויען, דער ה י מ א ט י אָ ן, האָט זיך וועניג אונטערשיידט פון דעם מענערשען. דערצו האָ-בען די פרויען געטראָגען שלייער-טיכער, וועלכע זיי-נען געמאַכט געוועזן פון א דורכזיכטיגען טול און האָבען מעהר אַרויסגעוויזען די רייצען און שענהייטען פון דעם פרויען-קערפּער ווי זיי האָבען איהם פערדעקט.

דער קאָפּ-פוץ פון די פרויען אין די אַלטע צייטען איז געווען פיעל פערשיידענאַרטיגער אַלס אין אונזערע צייטען. די פרויען פלעגען זייערע



גריכישע האָאַר-מאָדעס.

האָאַר טראָגען פריי אָדער געפלאָכטען, געשייטעלט אָדער פערקעמט אהינ-טער, אין א נעץ, א האָאַר-זאַק, מיט בענדער דורכגעפלאָכטען, מיט טיכער בעדעקט אָדער אַרומגעבונדען. א זעהר בעליבטער און שעהנער קאָפּ-שמוק איז געווען די ס ט ע פ א נ ע. דאָס איז געווען א מעטאַלענע פּלאַטע, וואָס איז געטראָגען געוואָרען אין מיטען פון שטערן און האָט אויסגעזעהן

ווי אַ האַלבע קרוין. די רייכערע האָבען געטראָגען סטעפאַנעס, וועלכע האָ-
בען אַרומגענומען דעם גאַנצען קאָפּ און זיינען געוועזן ווי אַ מין גאַנצע
קרוין. די מענער פלעגען בעדעקען זייערע קעפּ מיט אַ רייזע־הוט, וועלכער
האָט זיך ביי זיי גערופען פּ ע ט אַ ז אָ ס, אָדער די ק אַ ו ז י אַ, מיט
ברייטע אויפגעבויגענע ראַנדען און אַ נידריגען קאָפּ. זיי פלעגען אויך בעדע-
קען דעם קאָפּ מיט אַ פּ י ל אָ ס, אַ מיץ אין דער פאָרמע פון אַ האַלבען איי.

טואַלעט.



פרוי פּאַר אַ וואַסער־באַסיין.

ביי בעשעפטיגונג פלעגט מען דעם קאָפּ גאָר ניט בעדעקען. אויך די פוס־בעקליידונג איז געווען זעהר פערשיידען. אויסער די סאַנדאַלען פלעגען די אָרימע קלאַס און פּויערים טראָגען אַ מין פּאַנטאָפעל, וואָס האָט זיך ביי זיי גערופען ס אָ ק ק ו ס, געמאַכט פון ווייכען לעדער, פון וועלכען די פינגער האָבען זיך אַרויסגעזעהן. די רייכערע האָבען געטראָגען דעם ק אָ ט ה ו ר ן, אַ רויטען שטיוועל מיט פערשיידענע פערצירונגען.

צו דער טואַלעט האָבען די גריכישע פרויען געברויכט זעהר פיעלע פערשיידענע זאַכען, און די אַלטע גריכישע מאַלער האָבען אונז איבערגעלאָזען פיעלע בילדער, וואָס גיבען אונז אַ ריכטיגען בעגריף וועגען דעם. די בילדער אויף נעכסטער זייט שטעלען פאָר: 1) ווי איינע בעגיסט פון אַ קרוג דעם רוקען פון אַ שענער נאַקעטער פרוי, וועלכע זיצט אויף אַ כלי מיט לעבער, דורך וועלכע דאָס וואַסער פליסט אַרויס, 2) ווי פרויען שטעהען אונטער אַ דוש און דאָס וואַסער שטראָמט אויף פערשיידענע טיילען פון זייער קערפּער.

די ה אָ כ צ י י ט שפּילט נאַטירליך אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון די פרויען. וועגען דיזען מאָמענט פון לעבען זיינען געבליבען פון אַלטערטום איינינע בילדער. דאָס בילד אויף זייט 318 שטעלט פאָר

אַ כלה־צוג. פאַר דער האָכצייט נעהמט די כלה אַ פוס־באָד, **דערביי** וויינט זי געוועהנליך ביטערליך, ווייל זי פערענדערט איהר מיידעל־שטאַנד. נאָך דעם באָד לאָזט זי זיך זאַלבען, און אין נעבען־צימער ווערט געבראַכט אַ קרבן פיר זי און עס ווערט בעת דער צערעמאָניע פון קרבן געזונגען אַ האָכצייטס־ליד.

די **שפייזען** פון די גריכען זיינען געווען זעהר מעסיגע, נאָר צופרידען צושטעלען די נעטיגע בעדערפניסען. קיין רייכע קיך האָבען זיי ניט געברויכט, זיי האָבען ניט געזוכט צו מאַכען שפייז, וואָס זאָל קיצלען דעם גומען, ווי די רוימער. די געוועהנליכע שפייזען זייערע זיינען געווען: ברויט פון ווייצען־מעהל אָדער פון גערשטען, פערשיידענע הילזען־פרוכט, ווי באָב, ארבעס א. ד. גל., צוויבעל, קנאָבעל, רינד־פלייש, שאָף־פלייש און פיש. שפעטער האָט זיך זייער קיך פערפיינערט, איבערהויפט אין אונטער־איטאַליען. אָבער די קיך פון די גריכען האָט קיינמאָל ניט דערלאַנגט די שטופע, צו וועלכער די רוימער האָבען זי געבראַכט. די גריכען האָבען געזוכט פערגניגען מעהר אין טרינקען, טאַנצען, אין מוזיק און פערשיידענע פאַרשטעלונגען. ווין פלעגען זיי אימער טרינקען געמישט מיט וואַסער. די פראָפאָרציאָן איז געוועהנליך געווען איין טייל ווין און צוויי טייל וואַסער. שכורים זיינען צווישען זיי פאַרגעקומען זעלטען.

אַ באָד.



אַ דוש־באָד.

געוועהנליך פלעגען זיי עסען 3 מאָל אַ טאָג: פריהשטיק, מיטטאָג־עסען און אָבענד־מאָהלצייט. אין דער פריה פלעגען זיי עסען געוועהנליך ברויט, ווין, האָניג און בוימעל. דאָס זעלבע פלעגען זיי אָפט עסען צום מיטטאָג. די הויפט־מאָהלצייט איז געווען אָבענדס. צו דיזער מאָהלצייט פלעגען

זיי אָפּט איינלאַדען געסט, איבערהויפּט אין אַ פּייער־טאָג. ביים טיש פּלעגען זיי געוועהנליך זיצען, ווי די רוימער, אָנשפּאַרענדיג דעם לינקען אָרם אָן אַ קיסען. קיין מעסער און גאָפּלען האָבען זיי ניט געברויכט. מען פּלעגט עסען מיט די פינגער. דעריבער פּלעגען זיי וואַשען די הענט פאַר און נאָך דעם עסען. נאָך דעם עסען פּלעגט מען ברייננגען דריי קרבנות צו די געטער, מען האָט אָפּגערייניגט דעם טיש, אויסגעקעהרט די דילען און דערלאַנגט וויין געמישט מיט וואַסער און פערשיידענע בשמים. די געסט פּלעגען זיך בע-

אַ גריך אין בעטרונקענעם צושטאַנד.

פּוצען מיט קראַנצען פון הדסים, רויזען און פּיילכען, ווי די עגיפּטער, אום צו געניסען די גאַבען פון דיאָניסאָס'ן.

די ע ר צ י ה ו נ ג פון קינדער ביי די גריכען איז געווען אין אייניגע הינזיכטען זעהר פערשיידען פון אונזער מאָדערנער. זיי האָבען מעהר גע-וויכט געלעגט אויף קערפּערליכע אויסבילדונג ווי אויף גייסטיגע. די אינגלאַך ווי די מיידלאַך האָבען פערבראַכט זייער צייט איבערהויפּט אין די גימנאַ-זיומס און אין די קאַמף־שוהלען. ווער עס איז ניט גענוג פעהיג געווען צו לוי-פען, צו קעמפען און גוט שווימען, איז געווען גערעכענט פיר אונגעבילדעט.

אבער מען האט אויך ניט פערנאכלעסיגט די גייסטיגע ערציהונג. מען האט די קינדער געלערנט גראמאטיק, ד. ה. לעזען און שרייבען, אויך א ביסעל רעכנען און מוזיק. אז די קינדער זיינען עלטער געווארען, האט מען זיי אויך אונטער-ריכט און פאעזיע, בעזונדערס אין האמער'ס פאעזיע, פון וועלכער זיי האבען געמוזט איינינע קאפיטלען לערנען אויף אויסווענינ. אויך האט מען פיעל געוויכט געלעגט אויף מאטהעמאטיק און נאטור-געשיכטע, וועלכע האבען זיך גערעכענט פון די וויכטיגסטע געגענשטענדען פון ערציהונג. אין מוזיק האט מען זיי געלערנט צו זינגען אליין און צוזאמען מיט א כאר, נאכדעם האט מען זיי אויך געלערנט צו שפילען אויף אן אינסטרומענט, בעזונדערס אויף דער לירע אדער פלויט. דיזעס פלעגט מען געוועהנליך אנפאנגען גרינדליך צו לערנען אויף דעם 13טען יאהר. א וויכטיגער טייל פון דער גרי-כישער ערציהונג זיינען געווען די יוגענד-שפילען, אונטער אנדערע אויך די באל-שפילען. אין דיזע שפילען פלעגען זיך זעהר אפט אויך ערנסטע מענער בעטייליגען. בעליבט איז אויך געווען דאס שפיל אין טרעפען גראד צי אום, אבער מעהר פון אלץ איז געווען בעליבט דאס באל-שפיל, וועלכעס פלעגט געשפילט ווערען פון איינצעלנע פערזאנען, פון פארלאך און פון גאנצע געזעלשאפטען. דאס באל-שפיל פלעגט זעהר אפט זיין פערבונדען מיט מוזיק, טאנץ און געזאנג. ווי הויך דיזעס שפיל איז געשטאנען ביי די אלטע גרי-כען צייגט דער פאקט, דאס א געוויסער אריסטאניקאס האט בע-קומען אין אטהען בירגער-רעכט און מען האט איהם צו עהרע געמאכט סטא-טועס נאר דערפאר, וואס ער האט זיך אויסגעצייכענט אין באל-שפיל.

די וואוינונגען פון די גריכען צו יענער צייט זיינען געווען זעהר איינפאך און ניט גרויס. צוויי-שטאקיגע הייזער פלעגט מען בעגעגנען זעהר זעלטען. גרויסע, רייכע פאלאצען זיינען נאר שפעטער אריין אין געברויך. דאס גאנצע הויז איז געווען איינגעטיילט אין א גאנצע רייהע פון קליינע צי-מערן פיר פערשיידענעם געברויך. צופיעל פלאץ פערנעהמען פיר א וואוינונג האט דאס געזעץ פערבאטען, ווייל אין א שטאדט, וואס איז איינגעצוימט אין א מויער און קען ניט פערברייטערט און פערגרעסערט ווערען, קען מען ניט ערלויבען צו פיעל פלאץ געברויכען פיר א פריוואט-וואוינונג. אויך די אויסשטאטונג פון די וואוינונגען, די מעבעל און הויז-געשיר, איז געווען זעהר איינפאך. די ווענט זיינען געווען פשוט בעווארפען מיט קאלך אדער לעהם. די דילען זיינען געווען בעדעקט מיט גיפס. דער לוקסוס פון הא-בען געמעלדעס אויף די ווענט איז ערסט שפעטער צוגעקומען. אויך די מעבעל ביי די עלטערע גריכען איז געווען זעהר איינפאך. טייערע טישען, שטולען,

שפיגלען, מעטאַלענע געשיר פון בראָנז, זילבער און גאָלד זיינען ערסט שפּע-טער אריין אין מאָדע.

עס איז נעטיג נאָך אַ פּאָאָר ווערטער צו זאָגען וועגען דער בעערדי-גונג פון די פערשטאָרבענע ביי די אַלטע גריכען. ביי די גריכען איז געשטאַנען אויף איין מדרגה דאָס בעערדיגען און דאָס פערברענען פון די מתים זייערע, ווי ווער עס האָט געוואָלט. בעגרעבניס־ערטער זיינען ביי זיי געווען צווייערליי: איבער־ערדישע קברים און אונטער־ערדישע, אָבער זיי פלעגען געבען אַ פאָרצוג צו די אונטער־ערדישע קברים, ווייל אין זיי איז דער קערפּער פון פערשטאָרבענעם געווען זיכערער פון געשענדעט צו ווערען דורך חיות און פערדאָרבענע מענשען, אַ זאַך, וואָס איז געווען זעהר וויכטיג אין יענע צייטען. איידער מען האָט דעם פערשטאָרבענעם אוועקגע-פיהרט צו זיין לעצטער רוה אָדער צום פערברענען האָט מען איהם ריין געוואַ-שען, געזאַלבט און אָנגעטאָן אַ קראַנץ. דערביי האָבען זיך געפונען נאָהענטע

אויסשטעלונג פון אַ טויטען.

קרובים און פריינד פון פערשטאָרבענעם, וואָס האָבען צוזאַמען מיט דער דינער-שאַפט פון הויז געזונגען די טויטען־געזענג און געוויינט. מען פלעגט ברייגנען פערשיידענע זאַכען, וואָס דער פערשטאָרבענער האָט ביים לעבען זיך גערן בענוצט מיט זיי, ווי צום ביי שפּיעל פערשיידענע כלים, בילדער א. אַז. וו., זיי זאָלען איהם דינען אַלס פריינדליכע ערינערונגען פון זיין פערגאַנ-גענעם לעבען. די גריכען האָבען געגלויבט, דאָס די ריינע זונען־שטראַהלען פעראונרייניגען דעם פערשטאָרבענעם, און דעריבער איז ביי זיי געווען אַ מנהג, דאָס ווען מען האָט פאָרבערייטעט דעם טויטען קערפּער צו בעערדי-גונג, איז איינער געשטאַנען מיט אַ זונען־שירם איבער איהם אום ניט צו-לאָזען צו איהם די ריינע דירעקטע זונען־שטראַהלען, זיי זאָלען איהם ניט פעראונרייניגען. אויס דער זעלבער אורזאַך פלעגען זיי זיך איילען ארויס-

פיהרען דעם טויטען צו זיין בעגרעבנים-ארט פארטאג איידער די זון איז אויפגעגאנגען.

די בית-עלמין'ס פון די גריכען פלעגען זיך אנפאנגען פון שטאדט-טויער און האבען זיך געצויגען פון ביידע זייטען פון לאנד-גאס. ביידע זייטען זיינען געווען בעזעצט מיט מאנומענטען פון פערשיידענע גרויס, פארמע און ווערט. די רייכע פלעגען לאזען אויסבויען גאנצע קאמערן איבער די קברים פון זייערע טויטע, די ארימע אבער האבען זיך בענוגענט מיט א בערגעל ערד אויף'ן קבר.

איידער מיר ענדיגען די געשיכטע פון די גריכען געפינען מיר פיר נעטיג נאך א פאאר ווערטער צו זאגען וועגען ש ק ל א פ ע ר ר י. די שקלא-פעריי איז געווארען א נויטווענדיגקייט אין גריכישען לעבען. דאס ערסטע און בעסטע מיטעל צו בעקומען שקלאפען איז געווען צו קויפען זיי. די גריכען אבער האבען אנגעפאנגען צו פעראכטען צו קויפען פיר שקלאפען מענשען פון גריכישען פאלק. עס האט ניט לאנג גענומען און עס איז גע-ווארען ביי די גריכען א פרינציפ א געפאנגענעם גריך ניט צו מאכען פיר א שקלאף, נאר נעהמען פיר איהם אויסלעז-געלט. דיזעס האט אבער ענט-וויקעלט א נייע וואונד אויף'ן קערפער פון גריכישען פאלק, נעמליך—די זעע-רויבער. זיי פלעגען בעפאלען הייזער, צונעהמען פיעלע פון זייערע איינ-וואוינער און נאך דעם פאדערן פיר זיי אויסלעז-געלט. דער בעריהמטער פילאזאף פלאטא איז אויך אמאל ארייגעפאלען צו ים-רויבער און א געווי-סער א נ נ י ק ע ר י ס פון צירענע האט פיר איהם געגעבען צו די רויבער 30 מינעס (560 דאללאר), און האט איהם בעפרייט. עס זיינען געגרינדעט געווארען מארק-פלעצער אין פערשיידענע פונקטען, וואו מען האט געקויפט און פערקויפט דיזען סארט מענשען-וואארע. די שקלאפען, וואס מען האט געבראכט אויף'ן מארק צום פערקויף, פלעגען זיין נאקעט, אום דער קונה זאל זיך ניט אפנארען, ער זאל זעהען וואס ער קויפט, אויב דער שקלאף האט קיין פעהלער ניט אין זיין קערפער. עס זיינען געמאכט געווען געזעצען, נאך וועלכע דער פערקויפער איז געווען פעראנטווארטליך און איז בעשטראפט גע-ווארען, ווען ער האט פערקויפט א שקלאף מיט א פערבארגענעם פעהלער. דער פרייז פון א שקלאף איז געווען אפהענגיג פון זיינע יאהרען און פון זיי-נע פעהיגקייטען. געוועהנליך האט דער פרייז פון א שקלאף ניט איבער-שטיגען די סומע פון 10 מינעס. די קינדער פון א שקלאפין פון א בירגער זיינען געווען פריי.

מיר האבען שוין איינינע מאל פריהער בעמערקט, דאס די צאהל פון שקלאפען אין גריכענלאנד איז געווען זעהר גרויס. מען פלעגט זיי מעהרסטענס געברויכען אין פאבריקען און בערג־ארבייט. ניקיאס צ. ב. האט בעשעפטיגט 1,000 שקלאפען אין די טהראַציישע מינעס. צו הויז־בעדינונג האבען די גריכען בענוצט וועניגער שקלאפען, ווי די רוימער. ווען דער הערר האט קיין ארבייט ניט געהאט פיר זיינע שקלאפען פלעגט ער זיי פערדינגען צו אנדערע און נעהמען פיר זיי שכירות. אנדערע שקלאפען פלעגען ארבייטען אויף זייער אייגענע רעכנונג און פלעגען געבען זייער הערר א געוויסע סומע פער טאג אדער וואך. מען פלעגט אויך איבערגעבען גאנצע פעלדער צו אקערן, זעען און שניידען און אויך צו פערוואלטען אין די הענט פון איינינע שקלאפען, וועלכע האבען פערדינט צוטרויען ביי זייערע בעלי־בתים. זיי פלעגען נאר ברויכען צו געבען א געוויסע סומע, און דאס איבריגע האלטען פיר זיך אלס לוין. מאנכע שקלאפען האט מען אנגעטרויט די גאנצע הויז־האלטונג.

חתונה־צוג.

די שקלאפען האבען זיך געמוזט אונטערשיידען פון די פרייע מיט זייערע נעמען, קליידונג און מיט דעם שניט פון זייערע האר. זיי זיינען געווען אויסגעשלאסען פון דער פערעהרונג פון פיעלע גאטהייטען, ווייל זיי האבען געשטאמט פון פרעמדע, ניט פון די גריכען. שקלאפען זיינען געווען פסול צו עדות, און, ווען מען האט זיי געדארפט פערעהרען אין א משפט, האט דאס געריכט געהאט א רעכט פון זיי ארויסצופרעסען ווערטער דורך פייניגונג. אבער ווען מען האט א שקלאף גענומען אויף'ן פאלטער, האט מען אפגעשאצט זיין ווערט, אום צו וויסען דעם שאדען אין פאל ווען ער וועט פון דער פייניגונג ווערען א קריפעל. נאך אלעם דעם איז די לאגע פון די שקלאפען ביי די גריכען ניט געווען אזוי געדריקט, ווי זי איז געווען ביי די רוימער. ביי די גריכען בע-

געגנען מיר זעהר אָפט, דאָס צווישען דעם הערר און זיין שקלאַף זיינען געווען זעהר פריינדליכע פערהעלטניסען. די גרעסטע פרייהייט האָבען גענאָסען די שקלאַפען אין אַטהען, און דעריבער האָבען זיי דאָ געקענט גיכער און לייכטער מאַכען אַן אויפשטאַנד, ווי אין אַלע אַנדערע ערטער. די געזעצען פון אַטהען האָבען ניט ערלויבט וועלכען עס איז בירגער צו שלאָגען אַ שקלאַף פון אַ פרעמ-דען הערר, אָבער זיין אייגענעם שקלאַף האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו בע-שטראָפען. ווען אַ שקלאַף האָט בעוויזען אין געריכט, דאָס זיין הערר טהוט איהם אונרעכט, האָט דאָס געריכט געצוואונגען דעם הערר צו פערקויפען דעם שקלאַף צו אַן אַנדער הערר. די שקלאַפען, וועלכע זיינען שלעכט בע-האַנדעלט געוואָרען פון זייערע העררען, האָבען געפונען שוץ אין דעם טהע-זעום=טעמפּעל.

דיזע גינסטיגע געזעצען פיר די שקלאַפען זיינען ניט געווען דער רעזול-טאַט פון דער אידעע פון מענשען=רעכט. עס איז אַ פאַקט, דאָס די גריכען האָבען מעהר פון אַלע אַנדערע פעלקער אין אַלטערטום געוואוסט און גע-שעצט דעם ווערט פון פערזענליכער פרייהייט. זיי האָבען ניט נאָר גערעדט פון הומאַניטעט, נאָר זיי האָבען אויך בעוויזען אין דער ווירקליכקייט, דאָס זיי שעצען און אַנערקענען דיזע מידה. מיר בעוואונדערן זייער הומאַני-טעט נאָך היינט, הגם אונזערע בעגריפען וועגען דעם זיינען היינט פיעל מעהר ענטוויקעלט. די העכסטע שטראָף אין אַטהען איז געווען דער איינפאַכער טויט, אָבער דיזע שטראָף איז דורכגעפיהרט געוואָרען אויף אַ מעהר הומאַנעם אופן — מען האָט געגעבען דעם פערברעכער טרינקען אַ בעכער גיפט. דאָס געזעץ האָט פערבאָטען צו געברויכען טאָרטור, פייניגונג אויף אַ פרייען ביר-גער, סיידען די פאָלקס=פערזאַמלונג האָט עס געפאָדערט ספּעציעל פיר אַ געוויסען פאַל. די טאָרטור אויף שקלאַפען האָט אויך געהאַט פיעלע געגנער, אונטער זיי דעמאָסטהענעס. קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט אַריינצו-דרינגען מיט גוואַלד אין די וואוינונג פון אַ פרייען בירגער אויסער די בע-אַמטע פון דער רעגירונג, ווען זיי האָבען געהאַט דערצו אַן ערלויבניס פון געריכט. ווען איינער איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניס אַפילו ווע-גען הויך=פעררראַט, האָבען פרייע בירגער געקענט איהם בעפרייען אויף זייער ערבות. אַפילו פיר געוויסע מאָרד=טאַטען זיינען געווען פעלען, ווען דאָס געריכט האָט געגעבען דעם פערברעכער די מעגליכקייט זיך צו רעטען דורך ענטלויפען.

אָבער דיזעם רעכט צו פערלאַנגען שוץ פיר דאָס לעבען האָבען די גרי-כען אַנערקענט נאָר פיר זיך, וואָס אַנבעטרעפט אָבער אַנדערע פעלקער האָ-

בען זיי מיליאָנען מענשען בערויבט פון זייער פרייהייט און רעכט אָהן אַ שום פּאַרוואָס. דיזער שרעקליכער ווידערשפּרוך אין די געזינונגען און האַנדלונגען פון די אַלטע גריכען צייגט זיך אַרויס אין זייער קולטור. אַלץ, וואָס זיי האָבען ערפונדען, געבויט, אויסגעטראַכט און געדיכטעט איז נאָר געווען פיר די נוצען פון אַ קליינער מינאָריטעט. צום בעסטען צייגט זיך דאָס אַרויס פון דעם אויסערען ערשיינען פון די פערשיידענע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. אונגעהייער גרויס איז געווען דער אונטערשייד צווישען דעם אָרימען אַרבייטער און דעם פרייען גריך פון דער העכערער קלאַס. די גריכישע קולטור האָט בעשאַפען אַזוי פיעל וויכטיגעס און ערהאַבענעס, דאָס עס איז נאָך ביז יעצט קיין אַנדער פאָלק פון דער מענשהייט ניט געלונגען אַזעלכעס צו שאַפען, אָבער דיזע קולטור איז נאָר געשאַפען געוואָרען פיר אַ געוויסע קלאַס גליקליכע מיוחסים. די גאַנצע גרויסע מאַסע איז געווען אויסגעשלאָסען פון דיזער קולטור. זיי זיינען געבליבען אַ ביישפּיל פיר אַלע פעלקער פון די שפּעטערדיגע דורות, ביי וועלכע די מאַסע, וואָס האָט בעשאַפען די קולטור, האָט פון איהר גאָר ניט גענאָסען. פון דיזע פרוכט האָט נאָר הנאה געהאַט די מעכטיגע הערשענדע קלאַס, וועלכע האָט גאָר ניט געטאָן, גאָר ניט געשאַפען, וועלכע האָט נאָר געוואוסט און פערשטאַנען די קונסט פון אונטערדריקען און אַריינכאַפען. אין גרונד גענומען זיינען די גריכען, וועלכע זיינען דאַכט זיך געווען עכטע דעמאָקראַטען, געווען ווייט פון אמת'ער קולטור, אַזוי ווייט ווי די דעספּאָטישע שטאַאַטען פון די שפּעטערע דורות. די וואַהרע ריכטיגע קולטור פאָדערט, דאָס יעדערער זאָל האָבען אַ גלייכען טייל אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפען, יעדערער זאָל געניסען די פרוכט פון זיין אַרבייט. די וואַהרע קולטור בלייבט ניט דאָס אייגענטום פון אייניגע גליקליכע, נאָר זי צושפּרייט זיך אין דער לענג און דער ברייט פון אַלע שיכטען פון פאָלק. דיזעם לידער קענען מיר וועגען דער גריכישער קולטור פיר קיין פאַל ניט בעהויפּטען.

אידען אונטער גריכישער הערשאַפט.

(332—140 פ. קר.)

אַלגעמיינער איבערבליק.

די ערסטע 1,000 יאָהר פון זיין געשיכטע האָט דאָס אידישע פאָלק געהאַט צו טאָן און זיך אימער בעגעגענט נאָר מיט די אָריענטאַלישע (מזרח־) פעלקער: מיט עגיפּטער, אסיריער, באַבילאָניער און פּערסיער, פון וועלכע עס האָט אימער ניט ווענינ געליטען, אָבער ניט אַכטענדיג אויף אַלע שטורמס איז עס דאָך ניט אונטערגיגאַנגען. נאָר ווען דאָס פאָלק איז אַריין אין אַנדערען יאָהר־טויזענד פון זיין געשיכטע האָט זיך די דעקאָראַציע געענדערט: דאָס אידישע פאָלק איז געוועזען אַרומגערינגעלט מיט די פעלקער פון וועסט (איירּאָפּאַ) אָדער מיט אַזיאַטישע, וועלכע האָבען איבערגענומען די איירּאָפּעאישע קולטור, און שפּעטער — אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער. דיזע ענדערונג הויבט זיך אָן פון דער צייט, ווען אַלכסנדר מוקדון האָט בעזיגט די פּערסיער און האָט צושטערט זייער הערשאַפט (334—330 פ. קר.). דיזער צושטאַנד האָט געדויערט ביז דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע (ענדע 5טען יאָהרהונדערט נ. קר.).

אין פערלויף פון אייניגע יאָהרהונדערטער האָבען זיך ענטוויקעלט די אידען און די גריכען, יעדעס פאָלק אין זיין לאַנד, און האָבען איינע די אַנדערע ניט געקענט. נאָך דעם, ווי די פּערסיער האָבען געמאַכט אַן ענדע צו דער הערשאַפט פון אשור און בבל און זיי זיינען געוואָרען די הערשער איבער וועסט־אַזיען און עגיפּטען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בלוטיגער קריג צווישען פּערסיען און גריכענלאַנד (493—449 פ. קר.). די גריכען האָבען געזיגט און האָבען בעפרייט איירּאָפּאַ פון דער אַזיאַטישער הערשאַפט. דאַמאָלס האָט אָנגעהויבען צו בליהען די גריכישע קולטור אין אַטהען. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און קרעפטיגען דער אידישער גייסט אין יהודה. די צייט פון דער טעטיגקייט פון עזרא און נחמיה אין ירושלים איז די זעלבע, ווען אין אַטהען האָבען געווירקט די צוויי

גרויסע גריכען סאָקראַטעס און פעריקלעס. אָבער וואָס פיר אַ גרויסער אונ-טערשייד עס איז צווישען דיזע צוויי שטרעמונגען פון מענשליכען גייסט, און ווי פערשיידען עס איז דער איינפלוס, וואָס יעדע פון דיזע שטרעמונגען האָט געהאַט אויף די מענשהייט. אין אַטהען איז געווען אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק, אין ירושלים אַ טהעאָקראַטישע. אין גריכענלאַנד זיינען די זיטען פון מענשען געווען אַ זאַך פון צווייטען גראַד, איבערהויפּט האָט מען געזוכט וואָס שען איז, מען האָט געשטודירט וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע אום צו ענטוויקלען דעם פערשטאַנד, מען האָט געוואָלט לעבען אום צו האָבען פער-גניגען פון לעבען. אַנדערש איז עס געווען אין יהודה. דאָ האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלע די זיטען פון מענשען, זיין האַרץ; מען האָט געפּאָרשט צו וויסען דעם ציל פון לעבען. אין גריכענלאַנד איז איינער פון די הויפּט־גע-טער געווען באַקכוס, דער גאָט פון וויין, פון תאוות; אין ירושלים — דער איין איינציגער גאָט, וועלכער איז הייליג און פאָדערט פון זיין פאָלק צו זיין הייליג, וועלכער איז אַ רחום וחנון און פערלאַנגט פון זיין פאָלק צו זיין אַ רחום וחנון. מיט איין וואָרט: אין גריכענלאַנד איז געווען די הויפּט־ראָלע אויסערליכע שענהייט, עסטהעטיק, און אין ירושלים — די זעעלע פון מענ-שען, זיין האַרץ, זיינע זיטען.

לאַנג זיינען דיזע צוויי שטרעמונגען געגאַנגען יעדע אין איהר וועג און האָבען איינע פון דער אַנדערער כמעט ניט געוואוסט. ענדליך האָט זיך גע-מאַכט אין דער געשיכטע אַ בעוועגונג, וועלכע האָט זיי בעקאַנט געמאַכט איי-נע מיט די אַנדערע. דיזע בעוועגונג האָט געשאַפען דער גרויסער וועלט־בעזיגער אַלכסנדר דער גרויסער, אַלכסנדר מוקדון. דיזער העלד האָט צו-שטערט די פעסטע וואַנט, וועלכע האָט לאַנג אָפּגעזונדערט אַזיען פון איי-ראָפּאַ. מיט זיינע ערָאבערונגען אין אַזיען און אַפריקאַ האָט ער אין דיזע צוויי וועלט־טיילען פערברייטעט די גריכישע קולטור. יענע פעלקער, וועלכע האָבען אייגענטליך געהאַט אַ זעהר נידריגע קולטור, האָבען זיך באַלד אָנגע-כאַפּט אָן די גריכישע קולטור און האָבען זיך ביסלאַכוויז אַסימיליזירט מיט די גריכען. אויך די אידען זיינען ארונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכישער קולטור. אָבער דיזער איינפלוס איז ניט געווען גלייך אי-בעראַל. ער איז געווען פיעל שטאַרקער אויף די אידען, וואָס האָבען דאַמאָלס געלעבט אין אַנדערע לענדער, ווי אויף די אידען אין יהודה. בעזונדערס שטאַרק איז געווען דער גריכישער איינפלוס אויף די אידען אין עגיפּטען אין דער צייט, ווען עס האָט דאָרט געהערשט די דינאַסטיע פון די פּטאָלע-מעער. אין 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. האָט אויפגעבליהט אַ זעהר גרויסע

אידישע קאלאניע אין אלעקסאנדריען, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט און איז געשטאנען זעהר הויך אין בילדונג און אין האנדעל. אין אלעקסאנדריען האבען זיךביידע קולטורען, די אידישע און די גריכישע, בעגעגענט. אנ-פאנגס זיינען זיי געגאנגען פרידליך האנט אין האנט. די אידען זיינען בע-קאנט געווארען מיט די גריכישע שפראך און ליטעראטור און האבען דערין געפונען גרויס אינטערעס. אין דער זעלבער צייט האט מען איבערזעצט די אידישע תורה אין דער גריכישער שפראך און מען האט בעקאנט געמאכט די גריכען מיט'ן אידישען גייסט. אבער די אידישע מאסע האט איבערגעכאפט די מאס. זי האט איבערגענומען דעם גריכישען גלאנץ און האט דעם אידישען גייסט בילאכוויז כמעט אין גאנצען פעריאגט. זיי איז געפעלען געווארען דאס פרייע פרעהליכע לעבען פון די גריכען. דיזעס איז זיי בעסער געפעלען געווארען ווי דאס שטרענגע געזיטעטע רעליגיעזע לעבען פון די אידען. מיט אייןווארט, זיי איז געפעלען געווארען דאס, וואס איז געווען געגען דעם נא-ציאנאלען גייסט פון די אידען. די בעגעגניס פון דיזע צוויי פערשיידענע קולטורען איז פיר דאס יודענטום געווען זעהר געפעהרליך.

דיזע געפאהר האט מען ענדליך דערפיהלט אויך אין יהודה, ווען פאלעס-טינא איז ארויס פון אונטער דער הערשאפט פון די פטאלעמעער און איז ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון דער סעלייקוס-דינאסטיע (אונ-געפעהר 200 פ. קר.). א געוויסער טייל פון דער אידישער געזעלשאפט איז אנגעצויגען געווארען פון דעם אויסערליכען גלאנץ פון דעם גריכישען לעבען און האט אנגעהויבען פעראכטען דאס שטרענגע, געזיטעטע, ריינע לעבען פון יודענטום. דאס האט שטארק אויפגערייצט די אנהענגער פון דעם ריינעם אידישען לעבען, וועלכע זיינען דאמאלס געווען בעקאנט אונטער'ן נאמען „חסידים". אבער די פארטיי, וואס איז געווען איבערגעגעבען צו דער גרי-כישער קולטור, די העלעניסטען, איז געווארען גרעסער און מעכטיגער, און עס איז געקומען אזוי ווייט, דאס זי האט ערוועהלט צום אמט פון כהן גדול אזעלכע לייט, ווי יאזאן און מענעלאוס, וועלכע האבען דורך דעם סירישען דעספאט אנטיאכוס עפיפאנעס, וועלכער איז בעקאנט צווישען אידען אלס אנטיוכוס הרשע, געצוואונגען אידען צו ענטזאגען זיך פון יודענטום און אננעהמען דאס גריכענטום אדער העלעניזם. אבער דער גרעסטער און בעסטער טייל פון אידישען פאלק איז געווען געגען דיזער בעוועגונג. דאס האט געפיהרט דערצו, דאס דער דעספאט אנטיאכוס עפיפאנעס האט אנגעהויבען פערפאלגען שרעקליך די געגנער פון העלעניזם. דא האט זיך ארויסגעצייגט די גרויסע קראפט פון דעם אידישען גייסט. עס איז געווא-

רען אַן אויפשטאַנד אונטער דער פיהרונג פון אַ משפחה פון כהנים בעוואוסט מיט'ן נאָמען חשמונאים (168 פ. קר.). אָנפאַנגס איז עס געווען אַן אויפשטאַנד אום צו פערשאַפען זיך רעליגיאָנס-פרייהייט, אָבער נאָך דעם, ווי זיי האָבען אין דיזען שטרעבען געהאַט אַן ערפאָלג, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שטרייטען אויך פיר פאָליטישע פרייהייט און זיינען געוואָרען אונאָפּ-הענגיג (140 פ. קר.).

דאָס איז דער סך הכל פון דעם, וואָס עס איז געשעהען מיט'ן אידישען פאָלק אין דער צייט פון די 200 יאָהר, וואָס זיי האָבען זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די גריכען. אין אַלע דריי וועלט-טיילען האָט געהערשט דער גריכישער גייסט און די גריכישע קולטור, אַלע פעלקער האָבען זיך גע-פונען אונטער דעם איינפלוס פון העלעניזם. דאָס איינציגע פאָלק, וואָס האָט זיך געשטעלט געגען דעם העלעניזם, וואָס האָט זיך אונטער איהם ניט געוואָלט אונטערוואַרפען, זיינען געווען די אידען. דאָס יודענטום האָט גע-זאָגט צום העלעניזם: „דו האָסט איינגענומען די וועלט, אָבער מיך וועסטו ניט בעזיגען. עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע פעלקער, וואָס דו האָסט אונטערגעוואָרפען אונטער דיין איינפלוס, וועלען קומען צו מיר און וועלען מיך פרעגען: זאָג דו אונז, וואו איז די וואַהרהייט?"

א. אַלכסנדר מוקדון און די הערשאַפט פון די פּטאָלעמעער.

(332—198 פ. קר.)

אין צוויי שלאַכטען האָט אַלכסנדר דער גרויסער צושמעטערט די פער-סישע אַרמעע און געמאַכט אַן ענדע צו דער פערסישער הערשאַפט איבער וועסט-אַזיען. ער האָט לייכט אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט אַלע לענ-דער, איבער וועלכע די פערסיער האָבען געהערשט צוויי הונדערט יאָהר. אויך פּאַלעסטינאַ איז אַרונטערגעפאַלען אונטער זיין הערשאַפט. עס ווערט דערצעהלט אַ לעגענדע, דאָס ווען אַלכסנדר האָט בעלאַגערט די שטאָדט צור, האָט ער געשיקט צום כהן גדול ידוע אין ירושלים, אַז ער זאָל זיך אונ-טערגעבען אונטער זיין הערשאַפט און זאָל איהם שיקען פּראָוויזיאָן און אַנ-דערע זאַכען, וואָס ער ברויכט אין לאַגער. ידוע האָט איהם געענטפערט, דאָס ער קען ניט ברעכען די שבועה, וואָס ער האָט געגעבען צום פערסישען קעניג, אַז ער זאָל איהם זיין אַ טרייער אונטערטאַן צוזאַמען מיט'ן אידישען פאָלק. דיזער ענטפער האָט אַלכסנדר'ן שטאַרק אויפגערייצט און ער האָט גענומען מאַרשירען נאָך ירושלים אום צו נעהמען ראַכע פון די אידען און

פון זייער כהן גדול. ווען ידוע האָט דערזעהען, וואָס פיר אַ געפאַהר עס דראָהעט דעם אידישען פאָלק, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין די פרעכטיגע קליידער, וואָס אַ כהן גדול טראָגט ביים געטליכען דינסט, האָט מיט זיך גענומען אויך פיעלע כהנים, אַלע אָנגעטאָן אין די בגדי כהונה; אויך זיינען מיט איהם געגאַנגען פיעלע פון די פאָרנעהמע פערזאָנען אין ירושלים, און זיי אַלע זיינען געגאַנגען מקבל פנים זיין אַלכסנדר׳ן. דער גריכישער הערשער איז געווען בעצויבערט פון דיזען פייערליכען קבלת פנים און האָט זיך פריהער פערנייגט צום כהן גדול. די אידישע דעפוטאַציאָן האָט איהם מיט גרויס ענטהוזיאַזם בעגריסט. די גענעראַלען אין אַלכסנדר׳ס סוויטע זיינען געווען שטאַרק פערוואונדערט, זעהענדיג, ווי אַלכסנדר האָט זיך פערנייגט פאַר דעם כהן גדול, און האָבען איהם געפרעגט, וואַרום ער האָט עס געטאָן. אַלכסנדר האָט זיי געענטפערט, דאָס איידער ער איז אַרויס פון זיין לאַנד צו עראָבערן אַזיען, האָט ער געזעהען אין חלום אַ מאַן ריכטיג ווי דיזער כהן גדול, אָנגעטאָן אין די זעלבע קליידער, און ער האָט איהם פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט האָבען אַ גרויסען ערפאָלג אין זיינע מלחמות און ער וועט איינעהמען גאַנץ אַזיען. אַלכסנדר האָט אָנגענומען דעם כהן גדול ידוע פאַר זיין האַנט, איז מיט איהם אַוועק אין בית המקדש און האָט דאָרט מקריב געווען קרבנות צו גאָט. אויף׳ן צווייטען טאָג האָט ער געלאָזט וויסען די אידען, דאָס ער גיט זיי פאָלשטענדיגע רעליגיאָנס־פרייהייט און אויטאָנאָמיע, זיי זאָלען לעבען און אויפפיהרען זיך לויט זייערע געזעצען און מנהגים. ער האָט פון זיי ניט פערלאַנגט מעהר שטייער צו דער מאַצעדאָנישער רעגירונג, ווי זיי האָבען פריהער געצאָהלט צו די פערסיער. ער האָט זיי אויך בעפרייט פון יעדער אָפּצאָהלונג אין שמטה־יאָהר, ווען דאָס פאָלק אין פאַלעסטינאַ זעעט ניט און אַקערט ניט. אַלכסנדר האָט פערלאַנגט, דאָס די אידען זאָלען איהם שיקען יונגע מענשען אין זיין אַרמעע און פיעלע יונגע לייט האָבען זיך פרייוויליג פערשריבען אין זיין מיליטער־דינסט.

אויב די געשיכטע איז ווירקליך פאָרגעקומען ווי די לעגענדע דערצעהלט, אָדער דאָס איז בלויז אַ פאַנטאַזיע — יעדענפאַלס איז צו גלויבען, דאָס אין דעם געדעכטניס פון אידישען פאָלק איז פערבליבען דער גוטער איינדרוק פון אַלכסנדר׳ס טאָלעראַנטע בעהאַנדלונג פון דעם אידישען פאָלק ביי זיין ערסטער בעגעגניס מיט זיי.

זעהר וויכטיג איז געווען נאָך אַ טאַט פון אַלכסנדר מוקדון: די אויסבויאונג פון דער שטאָדט אַלעקסאַנדריען אין עגיפטען ביים ברעג פון דעם מיטלענדישען מעער. דיזע שטאָדט איז גיך געוואָרען די הויפטשטאָדט פון

עגיפטען, דער צענטער פון גריכישער קולטור. צוזאמען מיט גריכען האבען זיך דארט באלד בעזעצט זעהר פיעלע אידען, צו וועלכע אלכסנדר האט גע-געבען אלע בירגער־רעכטען צוגלייך מיט די גריכען. די אידישע געמיינדע אין אלעקסאנדריען איז מיט א קורצער צייט שפעטער געווארען די וויכטיג-סטע, רייכסטע און געבילדעטסטע פון אלע אידישע געמיינדעס אין די גלות־-לענדער אין יענער צייט.

נאך אלכסנדר'ס טויט (323 פ. קר.) האבען זיינע הויפט־קאמאנדירען צוטיילט צווישען זיך די לענדער, וואס ער האט עראבערט. פטאלעמעאוס לאגי איז געווארען דער הערשער פון עגיפטען, און סעלייקוס אין בבל. ווייל פאלעסטינא איז געלעגען נעהענטער צו עגיפטען, האט פטאלעמעאוס זי ער-ווארבען פיר זיך. די גריכישע געשיכטע־שרייבער דערצעהלען, דאס פטא-לעמעאוס האט איינגענומען ירושלים זעהר לייכט, ווייל ער איז זי בעפאלען אום שבת, אין דעם אידישען הייליגען טאג פון רוה, ווען דאס געזעץ ערלויבט ניט צו טאן קיין זאך. דאס יאהר, אין וועלכען סעלייקוס האט זיך פעסט איינגעווארצעלט אין אזיען, 312 פ. קר., איז אנגענומען געווארען אלס ערא, אלס אנפאנג פון צייט־רעכנונג. דיזע ערא איז אנגענומען געווארען פון די גריכען אין אזיען און פון די אידען אין פיעלע לענדער, און איז בעקאנט אונטער'ן נאמען „מנין שטרות", ד. ה. צייט־רעכנונג, וואס ווערט געברויכט אין דאקומענטען.

סעלייקוס האט אויסגעבויט א נייע שטאדט פיר זיין רעזידענץ ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער, אויף דעם ארט, וואו דער טייך אראנטעס פאלט אריין אין ים. ער האט די שטאדט א נאמען געגעבען א נ ט י א כ י א. אין דיזער שטאדט האבען זיך אויך בעזעצט א סך אידען און האבען געביל-דעט א גרויסע, זעהר וויכטיגע געמיינדע.

אונטער דער הערשאפט פון פטאלעמעאוס האבען זיך די אידען גע-פיהלט רוהיג, ווייל פטאלעמעאוס האט זיי ניט געשטערט אין זייער רע-ליגיעזען און סאציאלען לעבען. ער האט אין זייער אויטאנאמיע ניט גע-מאכט קיין בעזונדערע ענדערונג. ווי עס האט זיך ביי זיי פריהער געפיהרט, אזוי איז געגאנגען ווייטער אין דער צייט פון זיין רעגירונג. לויט ווי יא-זעפוס שרייבט, זיינען אין די ערסטע 100 יאהר פון דער גריכיעשר הער-שאפט געווען אנגעשטעלט אלס כהנים גדולים פאלגענדע פערזאנען: י ד ו ע, וועלכער האט בעגעגענט אלכסנדר מוקדון; נאך איהם זיין זוהן א נ י א ס (אין העברעאיש חוניו) ד ע ר 1 ט ע ר; זיינע זיהן ש מ ע ו ן ד ע ר

1טער און אליעזר, און שמעון'ס זוהן חוניו דער 2טער.

אין ארץ ישראל זעלבסט זיינען אַלזאָ קיין וויכטיגע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען. אָבער דערפאַר אין אַנדערע לענדער, וואו אידען זיינען געזעסען, זיינען פאָרגעקומען זעהר וויכטיגע ענדערונגען. די וויכטיגסטע שטאָדט, וואו דאָס אידישע לעבען האָט זיך גאָר אַנדערש אויסגעבילדעט, איז געווען אַלעקסאַנדריען אין עגיפּטען, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז געווען זעהר גרויס. איבערהויפּט איז די אידישע בעפעלקערונג אין דיזער שטאָדט געוואָרען גרויס נאָך אַלכסנדר'ס טויט, אין דער צייט, ווען זיינע פעלדהעררען האָבען זיך געריסען צווישען זיך. זעהר פיעלע קריגס-געפאַנגענע אידען האָט פּטאָלעמעאוס געבראַכט פון פּאַלעסטינאַ נאָך אַלעקסאַנדריען. פיעלע זיינען אַהין ענטלאָפען אום צו רעטען זיך פון די ליידען, וואָס די מלחמות האָבען דאָרט פעראורזאַכט. זיי זיינען געגאַנגען נאָך אַלעקסאַנדריען, ווייל דאָרט האָבען זיי געהאַט אויסזיכט צו מאַכען גוטע געשעפטען. פּטאָלעמעאוס האָט געהאַט צו די אידישע עמיגראַנטען גרויס צוטרויען און האָט זיי זאָגאַר אַנפערטרויט צו היטען די פעסטונגען פון עגיפּטען. די אידישע עמיגראַנטען אין אַלעקסאַנדריען האָבען זיך אָנפאַנגס בעזעצט אין אַ געוויסען טייל פון שטאָדט אָפּגעזונדערט פון די געבאָרענע עגיפּטער (קאָפּטען) און האָבען גערעדט אויף דער שפּראַך, וועלכע זיי האָבען גערעדט אין זייער היים, ד. ה. אַראַמעאיש; אָבער אין אַ קורצער צייט האָבען זיי זיך אָנגעאייגענט די גריכישע קולטור מיט דער גריכישער שפּראַך, און זיי זיינען אַזוי וויט געוואָרען דורכגעדרונגען מיט דעם גריכישען גייסט, דאָס זיי האָבען דערפיהלט אַ נויטווענדיגקייט איבערצוזעצען די כתבי הקודש אין דער גריכישער שפּראַך. לויט ווי אַן אַלטע לעגענדע דערצעהלט, איז די איבערזעצונג פון דער ביבעל אין גריכיש פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון פּטאָלעמאוס דעם 2טען פילאַדעלפוס (283—247 פ. קר.), אָבער היסטאָריש איז דאָס ניט ריכטיג. זיכער איז, דאָס פּטאָלעמעאוס פילאַדעלפוס איז געווען זעהר גענייגט צו אידען. די לעגענדע דערצעהלט, דאָס דיזער קעניג האָט בעפרייט אַלע אידישע געפאַנגענע, וואָס זיין פאָטער פּטאָלעמעאוס לאַגוס דער 1טער האָט געפאַנגען אין יהודה.

אויף דער דריטער עגיפּטישער קעניג פּטאָלעמאוס עווערגעטעס (247—221 פ. קר.) איז געווען גוט צו די אידען. אָבער דער כהן גדול פון יענער צייט, חוניו דער 2טער, האָט זיך ענטזאָגט צו צאָהלען

צום עגיפטישען קעניג פטאָלעמעאוס עווערגעטעס די יעהרליכע שטייער, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך איהם פערפליכטעט צו צאָהלען. די אור-זאַך, וואָרום חוניו האָט עס געטאָן, איז ניט בעקאַנט. עס קען זיין דערפאַר, ווייל ער איז פערזענליך געוואָרען בעליידיגט פון די פטאָלעמעער; עס קען אָבער אויך זיין, דאָס ער האָט געהערט צו דער פּאַרטיי אין ירושלים, וועלכע האָט בעסער געוואָלט זיין אונטער דער הערשאַפט פון די סע-לייקידען, וואָס האָבען געהערשט אין סיריען, איידער אונטער די עגיפּ-טישע פטאָלעמעער. וואָס די אורזאַך איז דאָרט געווען, דאָס ענטזאָגען זיך פון דעם כהן גדול צו בעצאָהלען די שטייער האָט שרעקליך אויפגעבראַכט דעם קעניג פטאָלעמעאוס עווערגעטעס, און ער האָט געשיקט אַ שליח מיוחד, אַ גרויסען בעאַמטען מיט'ן נאָמען אַטעניאָן, מיט דער פאָדערונג צו בעצאָה-לען תיכף ומיד די געזעצליכע שטייער, און ווען ניט, וועט ער אַרויסטרייבען די אידען פון פּאַלעסטינאַ און דאָס לאַנד וועט ער צוטיילען צווישען זיינע גריכישע סאָלדאַטען. דער כהן גדול איז אָבער געווען איינגעַעקשן'ט און האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר דער התראה פון קעניג. דיזע עקשנות האָט געקענט בריינגען אַ גרויסען אונגליק אויף די אידען אין ארץ ישראל. דאָס פאָלק איז געוואָרען זעהר אויפגעבראַכט אויף איהם און זיין פּאַרטיי. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז עס זאָל אויסברעכען אַ בירגער=קריג. אָבער צום גליק האָט זיך דאַמאָלס געפונען אַ מאַן, וואָס האָט דאָס לאַנד אַרויס-געפיהרט פון געפאַהר.

חוניו האָט געהאַט אַ קוזין מיט'ן נאָמען **יוסף בן טוביה**, אַ זעהר קלוגער מאַן מיט אַן אונטערנעהמונגס=גייסט. אין דיזער זאַך איז ער געווען אויף דער זייט פון קעניג. ער איז געקומען צו זיין אַלטען אָנקעל חוניו מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט פון פאָלק און האָט איהם געראַטען פאָה-רען צום קעניג און בעטען איהם אום פערצייהונג. חוניו האָט איהם געענט-פערט, דאָס ער איז ענטשלאָסען צו ענטזאָגען זיך פון דעם אמט פון כהן גדול און ניט פאָהרען צום קעניג. יוסף האָט געבעטען זיין אָנקעל, אַז ער זאָל איהם ערלויבען פאָהרען אין אַלעקסאַנדריען צו פערהאַנדלען מיט'ן קע-ניג. חוניו האָט איינגעשטימט. דאַן האָט יוסף געמאַכט אַ פאָלקס=פער-זאַמלונג אין בית המקדש, און האָט דעם פאָלק פערזיכערט, דאָס ער איז אין שטאַנד צו איבערצייגען דעם קעניג, אַז דאָס אידישע פאָלק איז איהם באמת טריי. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געגעבען די מיה צו געווינען די פריינדשאַפט פון דעם שליח מיוחד אַטעניאָן דורך רייכע מתנות און קעניג-

ליכע אויפנאהמע, און דיזער האט איהם פערשפראכען זיין צו הילף ביים קעניג.

יוסף האט געקראגען א הלוואה א גרויסע סומע געלט פון זיינע גוטע פריינד, וואס ער האט געהאט אין שומרון (סאמאריען), און איז אוועק נאך עגיפטען. אויף'ן וועג האט ער זיך בעגעגענט מיט אייניגע גרויסע בעאמטע, וואס זיינען געפאהרען אין עגיפטען צום קעניג אפהאנדלען פון איהם די איינקונפטען פון די שטייער פון פיעלע שטעדט, וואס האבען געהערט צום קעניג אין סיריען און פאלעסטינא. די שטייער־ערענדע איז דארט געווען אן איינגעפיהרטע זאך פון לאנגע יאהרען. יוסף האט אנגעהויבען צו טראכ-טען: ווי קען ער זיך צושלאגען צו אזא סארט געשעפט, וואס וואלט איהם פערשאפט רייכטום און מאכט. ווען יוסף איז אנגעקומען אין אלעקסאנדריען האט ער געפונען, דאס אטעניאן האט איהם שוין זעהר גוט רעקאמענדירט פאר'ן קעניג און דיזער איז געווען זעהר גענייגט צו איהם. דער קעניג האט איהם בעטראכט אלס אן איבערגעגעבענעם פריינד צו דער עגיפטישער רע-גירונג און האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען. ער האט געהאט זעהר שענע מאניערען און מיט א שענער גריכישער שפראך איז איהם געלונגען צו פערזיכערן דעם קעניג, אז דאס אידישע פאלק איז איהם איבערגעגעבען און טריי, נאר דער אלטער כהן גדול אליין איז דער שולדיגער אין דעם פלאנטער. יוסף האט בעשלאסען אויסצונוצען די פריינדשאפט פון קעניג צו איהם און האט זיך גענומען דורכפיהרען זיין פלאן וועגען נעהמען אין ערענ-דע די שטייער פון פאלעסטינא. יוסף האט פארגעשלאגען צו געבען פיר דיזע ערענדע צוויי מאל מעהר, ווי אלע אנדערע ערענדאטארס האבען פאר-געשלאגען, און דאס געשעפט איז געבליבען פיר איהם. ווען דער קעניג האט איהם געפרעגט, וואס פיר א גאראנטיע ער קען געבען, דאס ער וועט ווירק-ליך ערפילען זיינע פליכטען, האט ער געענטפערט: „דער קעניג און די קעניגין קענען גאראנטירען פיר מיך". דער ענטפער איז דעם קעניג זעהר געפעלען געווארען, און דאס געשעפט איז פיר איהם געבליבען אהן א שום גאראנטיע.

אום ער זאל האבען די מעגליכקייט איינצומאהנען די שטייערן אין אלע שטעדט פון פאלעסטינא, האט איהם דער קעניג געגעבען א מיליטערישע מאכט פון 2,000 סאלדאטען, און מיט דיזער מאכט איז ער אוועק צוריק אהיים אין ירושלים. ווען ער איז געקומען צו דער היידנישער בעפעלקערונג אין אשקלון מיט דער פאדערונג צו געבען איהם די געוועהנליכע שטייער, האבען זיי זיך פון איהם אויסגעלאכט אלס פון א אידען, און האבען זיך ענט-

זאָגט צו צאָהלען די שטייער. יוסף האָט בעשטראָפט 20 פון די פאָרנעהמסטע בירגער פון שטאָדט, וועלכע זיינען געווען די הויפּט-בונטאָוושטשיקעס, האָט קאָנפיסקירט זייערע רייכטימער און האָט זיי אָװעקגעשיקט צום קעניגליכען שאַץ. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אין סקיטהאָפּאָליס (בית שאן). דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף אַלע אַנדערע שטעדט, און וואוהין ער איז געקומען מיט זיין מיליטערישער מאַכט האָט מען איהם באַלד בעצאָהלט די געוועהנליכע שטייער. יוסף האָט ווירקליך פערגרעסערט די איינקונפטען פון דער קעניגליכער קאַסע, און אויסער דעם פלעגט ער אָפט צושיקען רייכע מתנות דעם קעניג און דער קעניגין, און דערמיט האָט ער געמאַכט נאָך פעסטער און דויערהאַפטער זיין אַמט אַלס קאָלעקטאָר פון די קעניגליכע שטייער. ער איז אָבער אויך געוואָרען רייך פון דעם געשעפט, און זיין מאַכט אין פּאַלעסטינא איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי די מאַכט פון אַ שטאַטהאַלטער. ער האָט זיך ערוואָרבען אַ זעהר גרויסען נאָמען און אַלס פערמיטלער צווישען דעם אידישען פאָלק און דעם עגיפּטישען קעניג איז ער געשטאַנען העכער פון כהן גדול.

22 יאָהר איז יוסף בן טוביה געווען קאָלעקטאָר פון די פאָלקס-שטייערן אין קעלע-סיריען און יהודה. אין דער גאַנצער צייט פון זיין דינסט אַלס קאָלעקטאָר האָט ער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין דער עגיפּטישער רעגירונג אין יענע צוויי פּראָווינצען. די שטייער-אָרענדע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דאָס מאַטעריעלע און גייסטיגע לעבען פון די אידען. יוסף האָט געפאָדערט צו דיזען געשעפט פיעלע מיטהעלפער. דער גרעסטער טייל פון דיזע מיטהעלפער זיינען געוואָרען רייך און האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען אַ רייכעס לעבען מיט לוקסוס, ווי די גריכען פון יענער צייט. צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי איבערגענומען די גריכישע זיטען, מאַניערען און גריכישע קולטור אין אַלגעמיין. דאָס האָט געלעגט צווישען די אידען דעם יסוד פון דער העלעניסטישער ריכטונג, וועלכע האָט מיט אַ דור שפּעטער פערשאַפט דעם אידישען פאָלק אַזוי פיעל ליידען.

דער קריג צווישען עגיפּטען און סיריען צוליב קעלע-סיריען איז געקומען צו זיין העכסטער שטופע אין דער צייט פון פּטאָלעמעאוס דעם 4טען פילאָפּאַטאָר (221—204 פ. קר.). אין דיזער צייט האָט געהערשט אין סיריען אַנטיאָכוס דער 3טער, וועלכער האָט מיט רעכט פערדינט דעם נאָמען אַנטיאָכוס דער גרויסער (223—187 פ. קר.). די לאַגע פון די אידען אונטער פּטאָלעמעאוס דעם 4טען איז געוואָרען פיעל ערגער. ער האָט זיי אָנגעהויבען צו פערפאָלגען און בעשרענ-

קען זייערע רעכטען. אַ לעגענדע ערקלערט די אורזאַך פון דיזע פערפאָלגונ-גען. אין דער צייט פון דעם שטרייט צווישען פטאָלעמעאוס דעם 4טען און אַנטיאָכוס דעם גרויסען איז פטאָלעמעאוס אריין מיט גוואַלד אין קודש-הקדשים פון בית המקדש, וואוהין קיין מענש, אויסער דעם כהן גדול אום יום כפור, האָט ניט געטאָרט אריינקומען. ער האָט אָבער דאָרט גע'חלש'ט און מען האָט איהם פון דאָרט אויף די הענט ארויסגעטראָגען. ער האָט דע-רין בעשולדיגט די כהנים און האָט דערפאַר אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די אידען, איבערהויפט די יעניגע, וואָס זיינען געזעסען אין עגיפטישע שטעדט.

די אידען זיינען וואהרשיינליך צוליב דעם געוואָרען גענייגט מעהר צו די סירישע קעניגען (די סעלייקידען). אין ירושלים האָבען זיך דאַמאָלס געבילדעט צוויי פּאַרטייען: איינע, וואָס איז בעשטאַנען פון אָנהענגער פון די פטאָלעמעער, און די אַנדערע פון אָנהענגער פון די סעלייקידען. זאָגאַר אין דער פאַמיליע פון יוסף בן טוביה איז געוואָרען אַ שפּאַלטונג. יוסף האָט געהאַט 7 זיהן פון זיין ערסטער פרוי און איינעם, הורקנוס, פון זיין צווייטער, וועלכע איז געווען זיינע אַ קוזינע. די געשיכטע פון דיזער הייראַט צייגט, דאָס די רייכע אידען פון יענער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצואייגנען די גריכישע אויסגעלאַסענהייט פון יענער צייט. יוסף, ווען ער איז געווען אין אַלעקסאַנדריען, האָט זיך פערליבט אין אַ גריכישע טענצערקע און ער האָט עס פערטרויט זיין ברודער. דיזער האָט איהם געוואָלט אָפּ-היטען פון דיזען פערברעכען און האָט איהם געבראַכט ביי נאַכט, ווען ער איז געווען אָנגעטרונקען, זיין טאָכטער, די יונגע סאָלימיאַ, אָנשטאָט דער טענצערין. דיזע סאָלימיאַ האָט איהם געבאָרען הורקנוס'ן, וועלכען ער האָט זעהר שטאַרק געליבט און האָט איהם געגעבען אַ גריכישע בילדונג. ווען ער איז געוואָרען עלטער, האָט ער פערטראָטען דעם פאָטער'ס געשעפטען אין קעניגליכען הויף אין אַלעקסאַנדריען, וואו ער איז געווען זעהר געליבט פון אַלע הויפליים. זיינע ברידער האָבען איהם דערפאַר געהאַסט, און האָבען איהם זאָגאַר געוואָלט אָפּראַמען פון וועג. ער האָט זיך אָבער דערפון דער-וואוסט בעצייטענס און האָט ערמאָרדעט צוויי פון זיינע פיינדליכע ברידער. נאָך יוסף'ס טויט, ווי עס שיינט, איז ער געבליבען ביים שטייער-געשעפט. עס פערשטעהט זיך, דאָס ער איז געווען אָן דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי פיר די פטאָלעמעער, וועהרענד די איבריגע ברידער האָבען זיך פעראייניגט מיט'ן כהן גדול שמעון דעם 2טען, דעם זוהן פון חוניו דעם 2טען, דער געגנער פון פטאָלעמעאוס'ן, און זיי זיינען געווען מיט די אָנהענגער פון די סירישע קעניגען, די סעלייקידען.

אין יאָהר 204 פ. קר. איז **פטאָלעמעאוס פילאָפּאַטאָר געשטאָרבען.** נאָך איהם איז געבליבען אַ קליינער זוהן פטאָלעמעאוס עפּיפאַנעס. אַנטיאָ־כוס דער גרויסער פון סיריען האָט זיך דערמיט בענוצט און האָט ווידער אַנגעפאַנגען אַ שטרייט מיט די פטאָלעמעער פיר קעלע־סיריען. די אידען אין פּאַלעסטינאַ זיינען געווען אויף דער זייט פון אַנטיאָכוס'ן און האָבען איהם געהאָלפען אַרויסטרייבען די עגיפּטישע סאָלדאַטען פון ירושלים און האָבען פרידליך געעפענט די טויערן פון שטאָדט און אריינגעלאָזען די סאָל־דאַטען פון אַנטיאָכוס'ן.

אַנטיאָכוס דער גרויסער האָט געוואוסט צו שעצען די טרייהייט פון די אידען צו איהם, און ער האָט זיי דערפאַר געגעבען פערשיידענע פּריווילעגיעס. יאָזעפוס ברייגגט אין זיין געשיכטע דריי בעפעהלען וועגען אידען, וועלכע בעוויייזען זיין דאַנקבאַרקייט צו די אידען. אין ערסטען בעפעהל הייסט ער אַרויסגעבען פון דער רעגירונגס־קאַסע די נעטיגע סומע געלט צו רעפּאַרירען די פעסטונג פון ירושלים און דעם בית המקדש, וואָס זיינען צושטערט גע־וואָרען אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די פטאָלעמעער, אויך געוויסע סומעס צו אונטערהאַלטען דעם געטליכען דינסט אין בית המקדש. די אי־דען האָבען בעקומען דאָס רעכט צו רעגירען זיך זעלבסט לויט זייערע אייגענע געזעצען; אַלע אידישע בעאַמטע און געלערנטע האָט ער בע־פרייט פון יעדער שטייער. אין דעם צווייטען בעפעהל פערוועהרט ער יעדען ניט־אידען צו בעטרעטען דעם בית המקדש אין אַזעלכע אָפּטיי־לונגען, אין וועלכע דאָס אידישע געזעץ ערלויבט ניט אַ פרעמדען אריינ־געהן. אין דריטען בעפעהל האָט ער געהייסען איבערזעצען 2,000 אידישע פאַמיליעס פון מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים) און בבל נאָך לידיען און פרי־גיען אין קליין־אַזיען, וועלכע האָבען זיך זעהר אָפט געבונטעוועט און רע־וואָלטירט געגען דער רעגירונג. ער האָט זיך פערלאָזען אויף די אידישע טרייהייט צו דער סירישער רעגירונג און האָט גערעכענט, דאָס די אידען וועלען ווירקען אָפּצוהאַלטען דאָס פאָלק אין יענע ערטער פון רעוואָלטירען. דיזע נייע קאָלאָניסטען האָט ער געגעבען פולע אויטאָנאָמיע און פיעלע וויכ־טיגע פּריווילעגיעס.

ווען פּאַלעסטינאַ איז איבערגעגאַנגען אונטער די הערשאַפט פון סיריען האָט הורקנוס בן יוסף זיך געמוזט אריבערקלייבען אין אַן אַנדער לאַנד. ער האָט זיך בעזעצט אויף יענער זייט ירדן נעבען דער אַלטער שטאָדט חשבון, האָט דאָרט אויסגעבויט אַ שטאַרקען שלאָס, און האָט געמאַכט בעפאַלען מיט געדונגענע סאָלדאַטען אויף די האַלב־ווילדע בעדואינען און זיי בערויבט.

7 יאָהר האָט ער זיך געהאַלטען אין דיזער פעסטונג, וועלכע ער האָט א נאָ-מען געגעבען „טיר”. אָבער ענדליך האָט איהם די סירישע רעגירונג אָנגע-הויבען שטאַרק פערפאָלגען, און ער איז געווען געצוואונגען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד. די סירישע רעגירונג האָט זיין רייכטום קאָנפיסקירט.

דאָס לעבען, גייסטיגעס און מאַטעריעלעס, פון די אידען אין דער צייט פון דער פערסישער און דער גריכישער הערשאַפט אין יהודה, איז געגאַנגען אָהן וויכטיגע שטערונגען און ענדערונגען. דאָס פאָלק האָט זיך זעלבסט רעגירט לויט זיינע אייגענע געזעצען; עס האָט נאָר געצאָהלט א געוויסע יעהרליכע שטייער צו דער הערשענדער רעגירונג. די העכסטע מאַכט פון דער אידישער פאָלקס־רעגירונג איז בעשטאַנען פון א פערזאַמלונג פון גע-לעהרטע, אָן דער שפּיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער כהן גדול פון דער משפּחה פון צדוק. דער כהן גדול איז געווען די פעראַנטוואָרטליכע פּערזאָן פאַר דער פערסישער און גריכישער רעגירונג און איז דעריבער געווען דער שאַץ־מייסטער פון די שטייער־געלטען פון פאָלק. מיר וויסען גאָרניט וועגען דעם כאַראַקטער און דער פערזענליכקייט פון די כהנים גדולים פון יענער צייט, ווייל מיר האָבען ניט וועגען זיי קיין בעריכטען. נאָר וועגען איינעם פון די כהנים גדולים פון יענער עפּאָכע, נעמליך פון שמעון דעם 2טען בן חוניו, זיינען געבליבען אין דער געשיכטע איניגע מיטטיילונגען, וואָס בעלייכטען דיזע פערזענליכקייט. די-זער שמעון איז בעקאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור אונטער'ן נאָמען שמעון הצדיק. ער איז געווען פון די לעצטע פון די אנשי כנסת הגדולה, ד. ה. פון דעם קאָללעגיום פון זקנים און סופרים, וואָס זיינען גע-ווען די העכסטע אויטאָריטעט פון דער אידישער טהעאָקראַטיע אין דער צייט פון דער פערסישער און גריכישער הערשאַפט איבער יהודה. פון איהם איז געבליבען אין פּרקי אבות דער שפּרוך: אויף דריי זאַכען בעשטעהט די וועלט: אויף תורה, עבודה און גמילות הסדים (ד. ה. אויף לערנען, רעליגיאָן און מענשען־ליבע). לויט ווי בן סירא בעשרייבט האָט ער פיעל געטאָן פיר די פערשענערונג פון ירושלים און דעם בית המקדש, האָט פערזאָרגט די שטאָדט מיט וואַסער, און געטאָן נאָך פיעלע גוטע זאַכען (בן סירא, קאַפּ. 50). געוויס איז עס געווען פון די סומעס, וואָס אַנטיאָכוס האָט בעווילינגט צו דיזען צוועק פון דער קעניגליכער קאַסע. שמעון דער 2טער איז געווען דער לעצטער פון דער אַלטער אָרדנונג פון דער אידישער טהעאָקראַטיע. נאָך איהם איז פאָרגעקומען א שרעקליכער קריזיס אין אידישען פאָלקס־לעבען. צווישען די כהנים גדולים פון דעם הויז פון צדוק האָבען זיך אָנגעהויבען

רייסערייען, דאָס גריכענטום האָט אָנגעהויבען ארויסטרייבען דאָס יודענטום. עס איז פאָרגעקומען אין פאָלק אַ שרעקליכע שפּאַלטונג, ביז די חשמונאים האָבען געמאַכט אַן ענדע צו די כהנים גדולים פון די בני צדוק און האָבען געגרינדעט אין יהודה אַ וועלטליכע מאַכט אָנשטאָט דער פריהערדיגער טהעאָקראַטיע.

פיעל האָט געהאָלפען צו ברייננען דעם קריזיס דער אומשטאַנד, וואָס די בעפעלקערונג פון פּאַלעסטינא איז געוואָרען מעהר און מעהר גריכיש. דער האַנדעל איז דאַמאָלס אריבער פון די הענט פון די פעניציער (צורים) צו די גריכען; פון זיי האָבען זיך אויך די אידען אויסגעלערענט דעם האַנדעל. צוזאַמען מיט'ן האַנדעל האָבען זיי אויך איבערגענומען די גריכישע קולטור און די גריכישע שפּראַך. פיעלע שטעדט אין פּאַלעסטינא זיינען געווען בעזעצט כמעט אויסשליסליך מיט גריכען. די צוויי קולטורען: די אידישע און די גריכישע, האָבען אָנפאַנגס געהאַט אַן אָנציהונגס־קראַפט איינע צו דער אַנדערער, אָבער ווען זיי זיינען געקומען אין נאָהענטער בע־ריהרונג, זיינען זיי געוואָרען צווישען זיך זעהר פיינדליך און אָפּשטויסענד, און דאָס האָט געפיהרט צו גרויסע שטרייטיגקייטען און בלוט־פערגיסונגען.

ב. די גריכיש־סירישע הערשאַפט אין יהודה. (198—168 פ. קר.)

ווען אַנטיאָכוס דער גרויסער האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער פּאַלעסטינא און האָט געוויזען צו די אידען אַזוי פיעל פריינדשאַפט, האָט מען געקענט רעכנען, אַז פיר דאָס אידישע פאָלק זיינען אָנגעקומען גליקליכע צייטען. אָבער דיזע האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרען, ווייל אין דער סי־רישער מאָנאַרכיע זיינען פאָרגעקומען זעהר אונגינסטיגע גרויסע ענדערונגען. אַנטיאָכוס איז ניט געווען פאָרזיכטיג און האָט אָנגעפאַנגען אַ קריג מיט די רוימער, וועלכע האָבען שוין דאַמאָלס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער וועלט־פּאָליטיק; ער האָט דעם שטרייט פערשפּילט און איז געווען געצוואונ־גען צו צאָהלען די רוימער אַ גרויסע קאָנטריבוציע. אום צו בעקומען די מעגליכקייט צו בעצאָהלען די קאָנטריבוציע איז ער אַוועק אין מעסאָפּאָ־טאַמיען צו בערויבען אַ רייכען טעמפּעל. אָבער דאָס פאָלק האָט איהם ער־מאָרדעט צוזאַמען מיט זיין סוויטע (187 פ. קר.). זיין זוהן סעליוקוס דער 4טער איז געוואָרען קעניג. אַנטיאָכוס האָט געהאַט נאָך אַ זוהן אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, וועלכער איז אַוועקגעשיקט געוואָרען נאָך רוים אַלס משכון, דאָס די סירישע רעגירונג וועט מקוים זיין דעם אָפּמאַך פון פרידען,

מלאכים טרייבען אַרויס העליאָדאָרוס'ן פון בית המקדש.

נאָך דאָרע.

וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען אַנטיאָכוס דעם גרויסען און די רוימער.

סעליוקוס דער 4טער האָט געמוזט אַרויפלעגען אויף די בעפעלקערונג פערשיידענע אָפּגאַבען אום ער זאָל האָבען די מעגליכקייט בּיסלאַכווייז צו בעצאָהלען רוים די שווערע קאָנטריבוציע. ער האָט אויך מאַנכמאָל בע-רויבט טעמפּלען פון זייערע רייכטימער אום צו שאַפען געלט. דאָס האָט אויך געזאָלט זיין דער פאַל מיט'ן בית המקדש אין ירושלים, ווען חוניו דער 3טער איז געווען כהן גדול. דאַמאָלס איז געווען אין בית המקדש א בעאַמ-טער שמעון פון די בני טוביה. דיזער האָט זיך צוקריגט מיט'ן כהן גדול און איז דערפאַר געוואָרען ענטזאָגט פון זיין שטעלע. פון כעס איז ער אַוועק צו סעליוקוס'ן און האָט איהם דערצעהלט, דאָס אין בית המקדש גע-פינען זיך גרויסע אוצרות, וועלכע ער קען בענוצען פיר זיך. ער האָט באַלד געשיקט זיין מיניסטער העליאָדאָרוס צו נעהמען די רייכטימער פון טעמפּעל. אָבער העליאָדאָרוס האָט צוליב אַן אונבעקאַנטער אורזאַך ניט געקענט נעהמען די אוצרות פון בית המקדש און איז אַוועק צוריק מיט גאָר-נישט. די לעגענדע דערצעהלט, דאָס ווי העליאָדאָרוס איז אַריין אין טעמפּעל צו נעהמען די אוצרות, האָט זיך איהם געשטעלט ענטקעגען א שטרענגער רייטער אויף א פערד און צוויי יונגע לייט האָבען איהם א וואָרף געטאָן צו דער ערד און איהם שרעקליך געשלאָגען; מען האָט איהם אַרויסגעטראָגען פון טעמפּעל קוים א לעבעדיגען און ער איז אַוועק צוריק מיט לעדיגע הענט. אָבער דער מסור שמעון האָט ניט גערוהט און איז נאָך א מאָל אַוועק צום קעניג און האָט איהם ערקלערט, דאָס אין דער גאַנצער געשיכטע איז שולדיג דער כהן גדול. דיזער איז פערזענליך געפאָהרען צום קעניג און האָט די זאַך פערענטפערט.

אָבער באַלד איז די לאַגע פון די אידען אין יהודה געוואָרען פיעל ער-גער. סעליוקוס איז ערמאָרדעט געוואָרען און דעם טראָן האָט פערנומען זיין ברודער אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, וועלכער איז בעוואוסט ביי די אידען מיט'ן נאָמען אַנטיוכוס הרשע. דיזער איז געווען 15 יאָהר אין רוים אַלס משכון. ער איז דאַמאָלס גראָד געקומען צוריק און איז געוואָרען קעניג (175—164 פ. קר.). מען האָט איהם צוגעלעגט דעם טיטעל „עפּיפאַנעס", וואָס בעדייט „דער גלענצענדער", אָבער פיעלע האָבען איהם גערופען „עפּימאַנעס", ד. ה. „דער משוגענער". ער האָט זיך געמאַכט אַלס אויפגאַבע צו פערברייטען די גריכישע קולטור צווישען אַלע נאַציאָנען, וועלכע זיינען געווען אונטער זיין הערשאַפט. עס איז דאַמאָלס ענטשטאַנען

א קאמף צווישען די אידען זעלבסט וועגען דער קולטור־פראגע: עס זיינען געוועזען פיעלע אנהעננער פון דער גריכישער קולטור און פיעלע געגנער. דיזער קאמף האט געגעבען דעם סירישען הערשער א געלעגענהייט אריינצומישען זיך אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די אידען, און דיזער אומשטאנד האט געבראכט א שרעקליכען קריזיס אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

ווי מיר האבען פריהער דערצעהלט, האט זיך די גריכישע קולטור אנגעהויבען איינפיהרען צווישען די אידען אין פאלעסטינא שוין אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די פטאלעמעער, אבער איהרע אנהעננער זיינען דאן געוועזען ווענינ. אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די סירישע קעניגען (די סעלייקידען) זיינען די אידען נעהענטער צוזאמענגעקומען מיט די גריכען, און די גריכישע קולטור האט טיפער און ברייטער אריינגעדרונגען אין אידישען פאלק.

די העכערע קלאס פון אידישען פאלק, ווען זי האט זיך בעקענט מיט דעם לעבען פון די גריכען, האט אנגעהויבען קוקען מיט פעראכטונג אויף די צערעמאניעס פון דער אידישער רעליגיאן. די יונגע לייט האבען מקנא געווען דאס פרייע לעבען פון דער גריכישער יוגענד, זייער גימנאסטיק, זייער שפרינגען, זייער לויפען, זייערע טהעאטערען א. ד. גל. פיעלע האבען פערלאנגט, דאס ירושלים זאל ווערען גלייך צו אלעקסאנדריען אדער אנטיאכיא. אנפאנגס האט מען אין דיזען פערלאנג קיין פערברעכען ניט געזעהען. אבער באלד האבען די העלעניסטען (די ליבהאבער פון גריכישער קולטור) אנגעהויבען מבזה זיין אלעס, וואס איז אידיש, פערשפאטען אלע גוטע ריינע אידישע זיטען. די אידישע יונגע לייט האבען געמאכט זייערע גימנאסטישע איבונגען נאקעטערהייט, ווי די גריכען, און האבען אראפגעווארפען פון זיך דעם געפיהל פון שעמען זיך, וואס איז איינגעפלאנצט אין דער אידישער נשמה. דערביי האבען זיי געברויכט מיטלען, אז מען זאל ניט דערקענען, דאס זיי זיינען גע'מל'ט, ווייל זיי האבען זיך דערמיט געשעמט פאר די גריכען. מיט איין ווארט, זיי האבען זייער גאנצעס לעבען איינגעארדענט אין הארמאניע מיט דעם גריכישען לעבען, זיי האבען פערהאסט אלעס, וואס איז אידיש און זיי האבען זיך אסימילירט מיט די גריכען.

געגען דיזען שטרעבען זיך צו אסימילירען איז ארויס מיט א שטארקען פראטעסט די קאנסערוואטיווע פארטיי פון יענער צייט, וועלכע איז דאמאלס געווען בעוואוסט מיט'ן נאמען „חסידים", און האט אנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטען אפצוהאלטען דאס פאלק פון דעם שעדליכען איינפלוס פון דער

גריכישער קולטור. אום אפצוהאלטען דאס פאלק פון אסימילאציאן זיינען די חסידים ארויס מיט אן אנדער עקסטרעם — זיי האבען פערשטארקט און פערמעהרט די אידישע געזעצען, וועלכע זונדערן אפ דעם אידען פון אנדערע פעלקער. עס איז פערוועהרט געווארען דעם אידען צו עסען צוזאמען מיט די גריכען, טרינקען מיט זיי א. ד. גל. מען האט פערמעהרט די געזעצען פון שבת און יום טוב, און יעדע קליינע אפווייכונג פון דיזע געזעצען האט זיך גערעכענט פיר א סארט שמד, און דער, וואס האט עובר געווען אויף די מינדסטע זאך, איז געווארען פעראכטעט און פערשטויסען פון דער אידישער געמיינדע. דיזע שפאלטונג וואלט נאך ניט געהאט אזעלכע טרויעריגע רע-זולטאטען, ווען די העלעניסטען וואלטען ניט געזוכט די הילף פון דעם גרי-כישען קעניג אנטיאכוס עפיפאנעס, וועלכער האט געהאט א בעזונדערען וואונש צו העלעניזירען די אידען.

די שפאלטונג האט זיך באלד אויך בעוויזען אין דער פאמיליע פון דעם כהן גדול. י ש ו ע, דער ברודער פון דעם כהן גדול חוניו דעם 3טען, איז געווען א פערקאכטער העלעניסט. ער האט איבערגעמאכט זיין נאמען אויף א גריכישען — „יאזאן". אום צו בעקומען די הילף פון דער גריכישער רע-גירונג און דורך דיזע הילף צו העלעניזירען דאס אידישע פאלק, האט ער בעשלאסען אנצווענדען אלע מיטלען אפצונעהמען פון זיין ברודער חוניו דעם 3טען דאס אמט פון כהן גדול. אום דיזען ציל צו דערגרייכען האט יאזאן פערשפראכען אנטיאכוס'ן צו געבען איהם אן אונגעהייערע סומע געלט, אום ער זאל אפנעהמען פון זיין ברודער חוניו דאס אמט פון כהן גדול און עס איבערגעבען איהם. צוזאמען מיט דעם האט ער געמאכט דעם קעניג א פארשלאג, צו גרינדען אין ירושלים אן אנשטאלט צו לערנען אידישע יונגע לייט גימנאסטישע איבונגען, ווי אויך א פרייען פלאץ פיר עפענטליכע וועט-לויפעריי. אום די ירושלים'ער אידען זאלען זיך וועלען בעטייליגען אין דיזע איבונגען, האט ער פערלאנגט פון קעניג, אז ער זאל די יעניגע, וואס וועלען דערין נעהמען אנטייל, געבען דעם טיטעל „אנטיאכישער בירגער", וואס האט זיך גערעכענט פיר א גרויסע עהרע. אנטיאכוס האט איהם זיין פערלאנג נאכגעגעבען: חוניו איז געווארען ארונטערגעזעצט פון זיין אמט, און יאזאן איז געווארען כהן גדול (174 פ. קר.).

יאזאן האט געהאלטען ווארט. ווי ער האט בעקומען די מאכט, האט ער באלד אנגעהויבען איינפיהרען אין ירושלים נייע רעפארמעס. דער געטליכער דינסט אין טעמפעל איז אפילו פארטגעזעצט געווארען נאך דער אלטער פארמע, אבער ניט ווייט פון בית המקדש האט מען אויפגעשטעלט

אן אנדער סארט טעמפעל, א גימנאזיום צום לערנען די אידישע קינדער צו ענטוויקלען זייער קערפערליכע שענהייט. זיי האבען זיך געלערנט פעכטען, לויפען נאקעטערהייט אין דער אנוועזענהייט פון א גרויסען פובליקום. אויך יונגע כהנים פלעגען אפט אוועק פון זייער דינסט אין בית המקדש און געהן אין גימנאזיום אדער אויף דעם אפענעם פלאץ, וואו די וועט-לויפעריייען זיינען פארגעקומען, און האבען אויך גענומען אנטייל אין די גריכישע איבונגען און שפילערייען. די פרומע קלאס איז געוועזען שרעקליך ערביטערט געגען דיזע ניט-אידישע אויפפיהרונגען פון די יונגע לייט. יאזאן איז אזוי וויט געגאנגען אין זיין העלעניזירען די אידען, דאס ווען די גריכען האבען געפייערט אין טירוס (צור) די אלימפישע שפילערייען, האט ער געשיקט א גרויסע סומע געלט צו קויפען קרבנות צום גריכישען גאט הערקולעס. אבער די דעלעגאטען האבען ניט געוואלט נעהמען אנטייל אין אפענער עבודה זרה און האבען דאס געלט איבערגעגעבען צו דער רעגירונג צושטייער אויף בויען א פלאטע. אין יענער צייט איז אנטיאכוס געוועזען מיט א בעזוך אין ירושלים, און יאזאן האט איהם פערשאפט א רייכען קבלת פנים און ער איז געוועזען דערמיט העכסט צופרידען. אבער באלד האט זיך יאזאן איבערצייגט, ווי ניט זיכער עס איז אן אמט, וואס איז אפהענגיג פון דעם קאפריז פון א קעניג און קומט ניט פון פאלק.

די ארט און וויזע ווי יאזאן האט בעקומען דאס אמט פון א כהן גדול און דאס אריינמישען זיך פון דער גריכישער רעגירונג אין די רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען פון אידישען פאלק, האבען אפגעשוואכט און געמאכט נידריג די ווירדע פון דיזען הויכען אמט, און עס האבען אנגעהויבען פרעטענדירען אויף דיזעם אמט פערזאנען, וואס לויט זייער אפשטאמונג האבען זיי דערויף גארניט געהאט קיין רעכט. אזא פערזאן איז געוועזען איינער מיט'ן גריכישען נאמען מ ע נ ע ל א ו ס , וועלכער האט געשטאמט פון יוסף בן טוביה.

דיזער מענעלאוס איז געוועזען פון די ראדיקאלע אסימילאטארען. אום צו בעקומען אין זיינע הענט די מאכט פון א כהן גדול האט ער אנגעבאטען דעם קעניג אנטיאכוס צו געבען פיר די שטעלע מיט 300 טאלאנטען זילבער מעהר אלס יאזאן האט געגעבען. אנטיאכוס האט דעם אנבאט אנגענומען און האט בעשטעטיגט מענעלאוס'ן אלס כהן גדול. אום צו רעטען זיין לעבען איז יאזאן ענטלאפען צו די בני עמון (171 פ. קר.). מענעלאוס איז געוועזען א שרעקליכער טיראן מיט א כאראקטער פון א רויב-טיער.

מענעלאַוס האָט געגעבען אַנטיאָכוס'ן אַזעלכע הבטחות, וועלכע ער האָט פיר קיין פאַל ניט געקענט ערפילען. מען האָט פון איהם געפאָדערט צו קומען אין דער הויפטשטאָדט פון סיריען, אין אַנטיאָכיאַ, צו פערענטפערן זיך. מענעלאַוס האָט פערכאַפּט די גאָלדענע כלים פון בית המקדש און איז מיט זיי אַוועק נאָך אַנטיאָכיאַ. אויף דער שטעלע פון כהן גדול אין ירושלים האָט ער איבערגעלאָזען זיין ברודער ליסימאַכוס. אין אַנטיאָכיאַ האָט ער דעם קעניג ניט געטראָפען, ווייל ער איז אַוועק צו דערשטיקען אַן אויפשטאַנד געגען איהם, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין קיליקיאַ. מענעלאַוס'ן איז געלונגען אונטערצוקויפען דעם שטעלפערטרעטער אַנדראָניקוס, און ער איז געבליבען אויף זיין שטעלע. חוניו דער 3טער, דער געוועזענער כהן גדול, האָט זיך דערוואוסט וועגען די אַלע מעשים תעתועים פון מענעלאַוס'ן, און ער האָט זיי פערעפענטליכט פאַר דעם פאָלק, אום עס זאָל וויסען, ווי דער כהן גדול האָט בע'גנב'עט דעם בית המקדש און האָט געגעבען שוחד אַנדראָניקוס'ן. אום ניט צו ווערען ערמאָרדעט פון מענעלאַוס'ן, האָט זיך חוניו בעהאַלטען אין דעם שטעדטעל דאַפנאַ, וואו עס איז געוועזען אַ טעמפעל פיר די גריכישע געטער אַפּאָללאָ און אַרטעמידע. דאָרט האָבען געפונען שוץ אַלע פערפאָלגטע. אָבער אַנדראָניקוס האָט מיט אַ שפּיצעל אַרויסגענאַרט חוניו'ן פון יענעם אָרט, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען, און האָט איהם ערמאָרדעט. דיזע מאָרדטאַט האָט אויפגעבראַכט די אידען און זאָגאַר די גריכען אין אַנטיאָכיאַ. ווען אַנטיאָכוס איז געקומען צוריק פון קיליקיאַ און האָט זיך דערוואוסט פון אַנדראָניקוס'עס רציחה, האָט ער איהם געהייסען טויטען אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ער האָט ערמאָרדעט דעם אַלטען כהן גדול חוניו דעם 3טען. אָבער מענעלאַוס איז געבליבען אונבעשטראָפט. ווי עס שיינט, האָט ער איהם איבערגעבעטען מיט גרויסע רייכע מתנות און מיט שמייכעלהאַפטע רייד.

ליסימאַכוס, מענעלאַוס'עס ברודער, האָט פאָרטגעזעצט צו בערויבען דעם טעמפעל און אַוועקשיקען די אוצרות צו אַנטיאָכוס'ן. דאָס האָט ענדליך אַרויסגערופען דעם צאָרן פון פאָלק, וועלכעס האָט דעם רויבער ערמאָרדעט. דאַן איז אַוועק אַ דעפּוטאַציע פון די זקנים (פאָלקס-ראַט) צו אַנטיאָכוס'ן אום צו ערקלערען איהם, ווארום דאָס פאָלק איז אַזוי אויפגערייצט געגען מענעלאַוס'ן. אַנטיאָכוס אָבער, וועלכער איז געוועזען אַ ביטערער פיינד פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי אין ירושלים, האָט זיי אַלע גערעכענט פיר רעוואָלוציאָנערען און ער האָט דעריבער געהייסען טויטען 3 פון דער דעפּוטאַציע. דיזע שענדליכע האַנדלונג פון אַנטיאָכוס'ן האָט שרעקליך אויפ-

געבראכט די אידען געגען איהם און האט זיי איבערצייגט, דאס ער איז דער ביטערסטער פיינד פון דעם אידישען פאלק.

באלד נאכדעם איז אנטיאכוס אוועק אין עגיפטען צו שטרייטען מיט די פטאלעמעער (170 פ. קר.). עס איז פלוצלינג ארוים א קלאנג, דאס אנטיאכוס איז גע'הרג'עט געווארען אין דיזער מלחמה. דאס פאלק האט בע-געגענט דיזע בשורה מיט גרוים שמחה. זיי האבען גערעכענט, דאס יעצט וועט זיי ניט אנקומען שווער פטור צו ווערען פון מענעלאוס'ן. ווען יאזאן האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געקומען אין ירושלים מיט א מחנה פון 1,000 פערזאן. מענעלאוס האט זיך פערשלאסען אין דער ירושלים'ער פעסטונג בעשיצט פון די סירישע סאלדאטען. דאס פאלק האט געהאלטען מיט יאזאן'ען, ווייל ער איז ניט געווען אזא ראדיקאלער העלעניסט ווי דער רויבער און מערדער מענעלאוס, און דעריבער האבען זיי יאזאן'ען ווידער אויפגענומען אלס כהן גדול. אבער עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, דאס אנטיאכוס לעבט און ער געהט זיך אפרעכנען מיט די רעוואלוציאנערען אין ירושלים. יאזאן איז בעצייטענס ענטלאפען פון ירושלים, האט זיך לאנג ארומגעשלעפט נע ונד אין פערשיידענע לענדער און איז ענדליך געשטארבען אין גרוים ארימקייט. אנטיאכוס איז אנגעקומען אין ירושלים און האט גרויזאם בעשטראפט פיעלע פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי. מענעלאוס האט איהם געהאלפען בערויבען דעם טעמפעל. אנטיאכוס האט צוגענומען פון טעמפעל די טייערסטע דריי זאכען: דעם גאלדענעם אלטאר (מזבח הקטורת), דעם גאלדענעם טיש (שלחן הפנים) און די גאלדענע מנורה. דאס פאלק איז געווארען פול מיט האס און ראכע צו דער סירישער דינאסטיע. מענעלאוס איז געבליבען כהן גדול מיט דער הילף פון די סירישע סאלדאטען.

דאס אידישע פאלק האט יעצט מיט גרוים טרויער דערמאהנט די פריי-הייט, וואס עס האט געהאט אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די פטא-לעמעער. אין עגיפטען האט דאמאלס געהערשט פטאלעמעאוס דער 6טער פילאמעטער (181—145 פ. קר.). ער האט זעהר גוט בעהאנדעלט די אידען אין זיינע לענדער. די מלחמה צווישען עגיפטען און סיריען האט זיך וויע-דער צופלאקערט. אנטיאכוס איז שוין געווען ביי אלעקסאנדריען. פלוצלינג איז אנגעקומען צו איהם אין לאגער דער רוימישער קאמאנדיר פאמפיליוס לענא און האט אין נאמען פון רוימישען סענאט פון איהם געפאדערט, אז ער זאל תכף ומיד אויפגעבען דעם שטרייט. אנטיאכוס האט געבעטען, אז מען זאל איהם געבען א ביסעל צייט עס צו בעטראכטען, אבער דער שטאל-צער רוימער האט געמאכט מיט זיין שטעקען א צירקעל אויף'ן זאמד ארום

אַנטיאָכוס'ן און האָט געזאָגט: „דו זאָלסט ניט אַרויס פון דיזען צירקעל ביז דו וועסט מיר געבען אַנטוואָרט". אַנטיאָכוס האָט גוט פערשטאַנען וואָס דאָס בעדייט, ער האָט גלייך פערלאָזען עגיפּטען און איז אַוועק צוריק אין סיריען. די אידען אין ירושלים האָבען מיט גרויס פרייד געהערט די בשורה פון אַנטיאָכוס'עס מפּלה.

אַנטיאָכוס האָט בעשלאָסען אויסגיסען זיין גאַנצען צאָרן אויף די אידען. ער האָט בעשלאָסען אָפּצונעהמען פון די אידען די אויטאָנאָמיע, וועלכע זיי האָבען געהאַט ביז יעצט, און איינפיהרען אין יהודה די גריכישע קולטור, ווי ער האָט עס געטאָן אין זיינע אַנדערע פּראָווינצען. אום דיזען פּלאַן דורכצופיהרען האָט ער געשיקט אין יהודה אַ בעאַמטען מיט'ן נאָמען אַפּאָללאָניוס מיט אַ גרויסער מיליטערישער מאַכט. אַריינקומענדיג אין ירושלים האָבען די סאָלדאַטען פריהער פון אַלעס געמאַכט אַ פּאָגראָם. אין אַ שבת'דיגען טאָג האָבען זיי ערמאָרדעט מענער, אַרעסטירט פרויען און קינדער און האָבען בערויבט הייזער. די אידישע בעפעלקערונג האָט פון שרעק פערלאָזען די שטאָדט, און אין זייערע וואוינונגען האָבען זיך בעזעצט גריכען און סירייער. דעם טייל פון שטאָדט, וואָס איז געווען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „עיר דוד", האָבען די גריכישע סאָלדאַטען געמאַכט פיר אַ פעסטונג, וועלכע זיי האָבען געגעבען אַ גריכישען נאָמען „אַקרא", און דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסע, שטאַרקע מיליטערישע מאַכט. פון דיזער פעסטונג האָט דאָס אידישע פאָלק געליטען אַ לאַנגע צייט.

דער פּאָגראָם אין ירושלים איז געווען אַן אָנפאַנג פון גרויסע און שרעקליכע ליידען פיר דאָס אידישע פאָלק. אַנטיאָכוס האָט גוט פערשטאַנען, דאָס כל זמן די אידען וועלען זיין פעסט אין זייער רעליגיאָן, וועט איהם זיין אונמעגליך זיי צו העלעניזירען. מען דאַרף פריהער אָפּנעהמען פון זיי זייער אויטאָנאָמיע, זייער רעליגיעזען קולט און אַלעס, וואָס זונדערט זיי אָפּ פון אַנדערע פעלקער. אָבער אַזוי ווי די גאַנצע מאַכט פון יודענטום ליגט אין זייער תורה, דאַרף מען פריהער פון אַלעס פערניכטען זייער תורה. און אַזוי האָט ער בעשלאָסען צו ערקלערען קריג דעם יודענטום. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אונטער זיין הערשאַפט, זאָלען זיך ענטזאָגען פון זייערע רעליגיאָנען און פון זייערע מנהגים און געוואוינהייטען און ווערען מיט די גריכען איין נאַציאָן: איין גלויבען, איין אַרט לעבען, איין שפּראַך פיר אַלע פעלקער. פיר די אידען איז אין דיזען בעפעהל געווען פאַרגעשריבען אַ נייע אָרדנונג: די קאָנסטיטוציאָן פון דער תורה איז בטל; די אידישע רעליגיאָן אין דער פאָרמע פון געטליכען

דינסט אין טעמפעל איז אפגעשאפט. איבערהויפט איז געווען פערוועהרט מילה, היטען שבת, און אפהיטען די שפייז־געזעצען; פיר היטען דיזע דריי זאכען איז יעדער בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט. די אידען זיינען גע-ווען געצוואונגען אפצוהיטען די גריכישע רעליגיאן מיט דער גאנצער פארמע פון גריכישען געטליכען דינסט. אין אלע אידישע שטעדט האט מען אויס-געבויט טעמפלען מיט אלטארען (מזבחות), אויף וועלכע די אידישע בעפעל-קערונג איז געווען געצוואונגען צו ברייננגען קרבנות צו די גריכישע געטער. אנטיאכוס האט בעשטימט א ספעציעלען בעאמטען, וואס זאל אכטונג גע-בען, אז זיינע בעפעהלען וועגען רעליגיאן־זאכען זאלען פינקטליך אויסגע-פיהרט ווערען. ער האט געהייסען פערברענען אלע ספרי תורות.

דעם 15טען כסלו (168 פ. קר.) האט אנטיאכוס געהייסען, אז מען זאל איבער דעם מזבח אין בית המקדש אויסבויען אן אלטאר צום העכסטען גריכישען גאט צעאוס, און דעם 25טען האט מען דארט מקריב געווען א קרבן צו דיזען אפגאט. אין סאמע מימען פון זייער היילינגטום האבען די אויפגעציטערטע אידען דערזעהען די „שרעקליכע אפשייליכקייט" (שקוץ משומם). דאס האט בעדייטעט, דאס דער געטליכער הייליגער אלטאר דינט פיר א יסוד צום אלטאר פון דעם גריכישען אפגאט, דאס צעאוס זיצט ריי-טענדיג אויף דעם וואהרען גאט, דעם שעפער פון דער וועלט. דאס האט שרעקליך אויפגעבראכט דעם קאנסערוואטיווען טייל פון אידישען פאלק. זאגאר די אידישע העלעניסטען האבען דאס ניט ערווארטעט און זיינען גע-ווארען אויפגערייצט. אבער די גריכישע רעגירונג האט אויף זייערע פרא-טעסטען ניט געלעגט קיין געוויכט און מען האט זיי געצוואונגען עסען חזיר, נעהמען אנטייל אין זייערע פרעהליכע ימים טובים צו באקכוס'ן, דעם גאט פון שכרות, און אנטאן אויף זייערע קעפ קרוינדלאך פון וויינשטאקען. איי-ניגע האבען זיך אונטערגעגעבען, אבער מעהר זיינען געווארען מארטירער, ווייל זיי האבען ניט געוואלט פאלגען די גריכישע בעאמטע, וואס האבען זיי געצוואונגען צו בעקעהרען זיך צו דער גריכישער רעליגיאן און זייער אפ-שייליכען רעליגיאנס־דינסט.

אין דער אידישער ליטעראטור ווערען דערצעהלט פיעלע וואונדערבארע געשיכטעס פון דער טיראניי פון די גריכען און דעם העלדען־מוט פון די אי-דישע מארטירער פון יענער צייט. מיר וועלען דא ברייננגען אייניגע פון זיי. די גריכען האבען זיך דערוואוסט, דאס פיעלע פרומע אידען האבען זיך פער-זאמעלט אין א העהל (מערה) און האבען דארט גערוהט אום שבת. די גרי-כען האבען אריינגעווארפען אין דער העהל ברענענדע שטיקער האלץ, און

האבען פערשטאפט דעם ארויסגאנג און אלע זיינען דארט פערברענט געווא־רען לעבעדיגערהייט. פון א אידישען אלטען געלעהרטען מאן, מיט'ן נאמען אלעזר, האט מען פערלאנגט, אז ער זאל עסען עפענטליך כאטש א שטיקעל כשר פלייש נעבען דעם אלטאר, וואו מען האט מקריב געווען א חזיר צו צעאוס'ן, אום דאס פאלק זאל מיינען, דאס ער האט געגעסען פון דעם גע־אפפערטען חזיר. אבער דיזער האט זיך דערפון ענטזאגט און איז מער־דערליך אומגעבראכט געווארען. מען דערצעהלט אויך פון א געוויסער אי־דישער מוטער חנה, וועלכע האט ערמונטערט איהרע זיבען זיהן צו זיין מארטירער און ניט אפטרעטען פון אידישען גלויבען. דיזע מארטירער האט מען אנגעטאן שרעקליכע יסורים, מען האט פון זיי לעבעדיגערהייט געשונ־דען די הויט, מען האט פון זיי געשניטען אברים־ווייז, מען האט זיי גע־בראטען אויף ברענענדע פאנען — זיי האבען דאס אלץ איבערגעטראגען מיט גרויס געדולד און האבען זיך ניט ענטזאגט פון זייער פאלק און פון זייער רעליגיאן. ענדליך האט מען אויך די מוטער חנה, וואס האט ערמונ־טערט איהרע זיבען זיהן צו זיין מארטירער, ערמארדעט.

דאס איז געווען דאס ערסטע מאל אין דער אידישער געשיכטע, ווען דער העלדען־מוט פון מארטירערטום האט זיך בעוויזען אין פאלק. שפעטער איז עס געווארען ביים אידישען פאלק א געוועהנליכע זאך. די אידען הא־בען געצייגט דער וועלט, דאס אונטער זיי זיינען גאנצע מאסען בערייט און פעהיג צו אפפערן זייערע לעבענס פיר אן אידעאל, פיר די וואהרהייט, פיר דאס, וואס זיי האלטען הייליג. טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער פון אידישען פאלק זיינען מיט גרויס מוט געגאנגען אין פייער, אין וואסער, אויף די תליות און צו שחיטות, און האבען זיך ניט געוואלט ענטזאגען פון זייער פאלק, פון זייער גלויבען.

א היבשע צייט האט דאס פאלק געדולדיג איבערגעטראגען די אלע שרעקליכע פערפאלגונגען, מיט דער האפנונג, דאס די אומשטענדען וועלען זיך ענדערן. אבער ענדליך האט די געדולד געפלאצט, און דאס פאלק האט זיך גענומען גרייטען צו אן אקטיווען קאמף אום צו בעפרייען זיך פון די שרעק־ליכע רדיפות און נעהמען ראכע פיר די פיעלע ערמארדעטע און פיר די שענ־דונג פון דעם הייליגטום. איבערהויפט זיינען געווען ענטשלאסען אויף אן אקטיווען קאמף די פאטריאטען פון דער פארטיי „חסידים”. דיזע זיינען אוועק פון די גרויסע שטעדט, וואו דער שונא איז געווען שטארק, און האבען זיך בעהאלטען אין וועלדער און העהלען פון די בערג און די מדבריות. ציי־טענווייז זיינען זיי ארויס פון זייערע בעהעלטניסען און האבען אגיטירט אין

אלעזר׳ם פייניגונגען.

נאָך דאָרע.

פאָלק צו מאַכען אַן אויפשטאַנד, צו אונטערנעהמען אַ הייליגע מלחמה געגען די מערדערישע געצען־דינער. זייער אַגיטאַציאָן האָט געווירקט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע בעוועגונג אין פאָלק. זינט דעם אויפשטאַנד געגען נבוכדנאצר'ן — דאָס איז אַ צייט פון 400 יאָהר — האָט זיך דאָס פאָלק צופרידען געשטעלט מיט זיין שיקזאַל, און האָט ניט געטראַכט צו נעהמען זיך צו די וואָפען אום צו פערבעסערן זיין לאַגע. אָבער די טיראַניי פון די גריכען האָט געמאַכט אַן ענדע צו זייער געדולד און זיי האָבען בע־שלאָסען אַרויסצוטרעטען געגען זייערע פערפאָלגער.

ג. דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים און די מלחמות פון יהודה המכבי.

(167—160 פ. קר.)

אין יאָהר 168 פ. קר. האָט דאָס לאַנד יהודה פאָרגעשטעלט אַ בילד פון פאָלשטענדיגער צושטערונג. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער בע־פעלקערונג האָט פערלאָזען ירושלים; אין שטאָדט זיינען געבליבען נאָר די גריכען און די אידישע העלעניסטען פון מענעלאוס'עס פאַרטיי. אין דער פעסטונג אַקראַ איז געשטאַנען אַ שטאַרקער גריכישער גאַרניזאָן, אין טעמ־פעל איז דער אידישער געטליכער דינסט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען און זיין אָרט האָט פערנומען דער גריכישער קולט צום גאָט צעאוס. אי־בער'ן גאַנצען לאַנד זיינען צושיקט געוואָרען בעאַמטע צו צווינגען די אי־דען ענטזאַגען זיך פון זייער פאָלק און פון זייער רעליגיאָן און פעראייניגען זיך אין איין פאָלק מיט די גריכען. אָבער אין דער וויסטע און אין די בערג־העהלען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ מאַסע פאַטריאָטען פון די אי־דען, וועלכע האָבען בעשלאָסען צו קעמפען געגען דער טיראַניי פון אַנטיאָ־כוס'ן.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין אַ קליין שטעדטיל מאָדים (מודיעין), ניט ווייט פון ירושלים, אַן אַלטער כהן מיט'ן נאָמען מ ת ת י ה ו ב ן י ו ח נ ן פון דער פאַמיליע ח ש מ ו נ א י ם. דיזער מתתיהו האָט גע־האַט פינף זיהן: י ו ח נ ן, ש מ ע ו ן, י ה ו ד ה, א ל ע ז ר און י ו נ ת ן. דער אַלטער פאָטער מיט זיינע פינף זיהן זיינען אַלע געוועזען דורכגעדרונגען מיט אַ גליהענדען פאַטריאָטיזם. די גאַנצע פאַמיליע איז געוועזען זעהר געעהרט און געשעצט אין דעם שטעדטעל מאָדים און אין דער גאַנצער געגענד, און דער זקן מתתיהו איז געוועזען געעהרט אַלס פאַטריאַרך. איין מאָל איז אין מאָדים אָנגעקומען אַ סירישער בעאַמטער, האָט אויפגע־שטעלט אַ היידנישען אַלטאַר און האָט אָנגעהויבען צווינגען די אידען פון

מתתיהו טויטעט דעם מאן, וואָס איז מקריב צו דער עבודה זרה.

נאָך דארע.

שטעדטעל צו נעהמען אָנטייל אין דעם גריכישען געטליכען דינסט, אָבער דער גרעסטער טייל האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען זיין פערלאַנג. דאַמאָלס האָט זיך דער בעאַמטער געווענדט צו מתתיהו'ן, אַלס דעם עלטעסטען און געעהרטעסטען אידען אין דער געמיינדע, און האָט פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל צייגען געהאָרזאַמקייט צום בעפעהל פון קעניג, אום אַנדערע זאָלען טאָן דאָס זעלבע. דערביי האָט דער בעאַמטער ערקלערט, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינעס געזעץ פיר אַלע פעלקער פון דער סירישער אימפּעריע און אַלע פאָלגען דיזען בעפעהל. דערויף האָט איהם מתתיהו געענטפערט, דאָס ניט ער און ניט זיינע קינדער וועלען אָפּטרעטען אויף אַ האָאָר פון זייערע געטליכע רעליגיעזע געזעצען, און וועלען פיר קיין פאַל ניט טאָן די פאָדערונגען פון קעניג אין דיזער הינזיכט. אין דער זעלבער צייט איז צוגעגאַנגען אַ איד אַ העלעניסט צום אַלטאַר און האָט אָנגעהויבען אָפּפערן צום גריכישען אָפּגאָט צעאוס. דיזע חוצפה האָט שו׳עקליך אויפגערעגט דעם אַלטען כהן מתתיהו און ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט געטויטעט דעם משומד. גלייך נאָכדעם איז מתתיהו מיט זיינע זיהן און אַ הייפעל פון די טריי געבליבענע צום גלויבען פון זייערע עלטערן בעפאַלען דעם גריכישען בעאַמטען אַפּעללעס און האָט איהם געטויטעט און צושטערט דעם היידנישען מזבח (167 פ. קר.).

מתתיהו מיט זיינע זיהן האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס נאָך דיזען אַקט מוז מען אָנהויבען ערנסט צו טאָן געגען דעם שונא. זיי מיט נאָך אייניגע פון די הייסע פּאַטריאָטען זיינען אַוועק אין די בערג, האָבען זיך בעזעצט אין העהלען און האָבען צוגעצויגען צו זיך פיעלע פון די פרומע, וואָס זיינען געווען ענטשלאָסען צו אָפּפערן זייערע לעבענס, אום צו בעשיצען דאָס געדריקטע פאָלק און די הייליגע רעליגיאָן און אויך נעהמען ראַכע פיר דאָס אונשולדיגע אידישע בלוט, וואָס דער טיראַן האָט פערגאָסען. דיזע פּאַטריאָטען זיינען יעצט, ווען זיי האָבען בעקומען אַ פיהרער (מתתיהו החשמונאי), געוואָרען אַ היבשע מאַכט, און האָבען אָנגעהויבען ארויסשיקען פון זיך איבער'ן לאַנד קליינע גרופּען צו צושטערען די גריכישע מזבחות אין די אידישע שטעדט און אויסצו'הרג'ענען די העלעניסטען — משומדים. אין אַ קורצער צייט האָט זיך די רעוואָלוציאָן פערשפּרייט איבער גאַנץ יהודה.

דער אַלטער מתתיהו איז געשטאָרבען באַלד ווי די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען (166 פ. קר.). פאַר זיין טויט האָט ער געלאָזען אַ צוואה צו זיינע זיהן, אַז זיי זאָלען פאָרטזעצען די הייליגע מלחמה צו בעפרייען דאָס אידישע פאָלק פון טיראַניי און די אידישע רעליגיאָן פון אונטערגאַנג. אַלס

הויפט־פיהרער פון דער מלחמה האט ער בעשטימט זיין זוהן יהודה, וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאמען יהודה מכבי אדער מאקאבי *).

דאס אידישע פאלק האט ניט געהאט אזא העלד זינט פיעלע, פיעלע הונדערטער יאהרען. אין איהם איז געווארען פעראייניגט די גבורה פון די אלטע גבורים פון דוד המלך מיט דעם גייסטיגען ענטהוזיאזם פון א העלד, וואס שטרייט פיר פרייהייט. זיין גרויסע בעגייסטערונג פיר די פרייהייט פון זיין נאציאן האט איהם צוגעגעבען מוט אנצופאלען אויף א גרויסע ארמעע גריכישע סאלדאטען נאר מיט א קליין הייפעל מוטיגע בעגייסטערטע נאציאנאליסטען.

באלד פון אנפאנג האט ער געזעהען, ווי דאס גליק האט איהם געשמייכעלט. ווי נאר דער סירישער שטאטהאלטער אפאללאניוס האט זיך דערוואוסט וועגען דער רעוואלוציאן פון די חשמונאים, איז ער אריין אין יהודה מיט א גרויסער ארמעע געגען די רעוואלוציאנערען. יהודה איז געגען איהם ארויס מיט זיינע סאלדאטען און האט איהם שטארק צוקלאפט. אין דיזער שלאכט איז אפאללאניוס זעלבסט געפאלען. יהודה מכבי האט אראפגענומען פון איהם זיין שווערד און האט איהם אויפגעהאנגען אויף זיין גארטעל. מיט דיזען שווערד האט ער געפיהרט אלע זיינע ווייטערדיגע מלחמות.

נאך דיזער מפלה האט אנטיאכוס געשיקט א גרעסערע ארמעע אונטער דער קאמאנדע פון דעם אויבער־פעלדהערר סעראנוס. ביי בית־חורון איז פארגעקומען די שלאכט צווישען די אידען און די גריכען. דערזעהענדיג די גרויסע ארמעע פון דעם פיינד, האט זיך יהודה'ס קליינע ארמעע שטארק דערשראקען, נאר יהודה האט זיי צוגעגעבען מוט מיט א פייערדיגער רעדע, אין וועלכער ער האט זיי געזאגט, דאס גאט וועט זיי געווים העלפען, ווייל זיי שטרייטען פיר א גערעכטע זאך. נאך דיזער רעדע איז יהודה מיט זיין קליינער מחנה בעפאלען די ארמעע פון סעראנוס'ן. זיי האבען געשטריטען

---

*) די בעדייטונג פון דיזען צונאמען איז נאך ביז יעצט ניט ערקלערט געווארען. א טראדיציאנעלע ערקלערונג איז, אז מכבי איז צוזאמענגעשטעלט פון די ראשי תבות פון „מי כמכה באלים יהוה" (ווער איז גלייך צו דיר צווישען די געטער, יהוה!), וועלכעס מען גלויבט איז געוועזען דער שפרוך אויף זיין פאהן. עס שיינט צו זיין ריכטיגער, דאס דיזער נאמען איז פון דעם העברעאישען ווארט „מקב", האמער (ווי מארטעל (האמער), דער צונאמען פון פראנצויזישען קעניג קארל, פיפין'ס זוהן, וועלכער האט צוקלאפט די סאראצענער ווי מיט א האמער).

ווי ליבען און האָבען די גרויסע אַרמעע צושלאָגען, און זי איז ענטלאָפען פון שלאַכט־פעלד אין פערשיידענע ריכטונגען (166 פ. קר.).

דיזע צוויי נצחונות האָבען צוגעגעבען די אידישע קעמפער פיעל מוט און האָבען אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף די סירישע רעגירונג. אַנטיאָכוס איז געוואָרען אויסער זיך פון כעס. ער האָט געוואָלט אַליין אַרויס מיט אַ גרויסער אַרמעע געגען די אידישע רעוואָלוציאָנערען, אָבער ער האָט דאַמאָלס גע־מוזט אונטערנעהמען אַ פעלד־צוג געגען פערסיען. ער האָט איבערגעלאָזען אַ שטעלפערטרעטער ל י ז י אַ ס און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל בע־שטראָפען די אידישע רעוואָלוציאָנערען. ער האָט איהם געזאָגט, דאָס ער זאָל די אידען, אויסער די העלעניסטען, אָדער אין גאַנצען פערניכטען, אָדער אַרויסטרייבען זיי פון לאַנד און די ערד צוטיילען צווישען די אַנדערע פעל־קער, וואָס וואוינען אין לאַנד. דיזען פּלאַן דורכצופיהרען האָט ליזיאַס אי־בערגעגעבען צו פּטאָלעמעאוס׳ן, דעם שטאַטהאַלטער פון קעלע־סיריען. די־זער האָט אַרויסגעשיקט אַ גרויסע אַרמעע אונטער דער פיהרונג פון צוויי גרויסע קאָמאַנדירען פון יענער צייט, נ י ק אַ נ אָ ר און ג אָ ר ג י אַ ס. דיזע פעלדהערן זיינען געווען אַזוי זיכער מיט אַ גרויסען ערפאָלג, דאָס זיי האָבען איינגעלאַדען שקלאַפען־הענדלער מיט גרויסע סומעס געלט צו קויפען די קריגס־געפאַנגענע פון די אידען אַלס שקלאַפען.

דאָס אידישע פאָלק איז געקומען אין פערצווייפלונג, ווען עס האָט דער־הערט פון דער גרויסער אַרמעע און די צוויי בעריהמטע קאָמאַנדירען, וואָס האָבען זיך גענומען מאַרשירען אויף יהודה. די אידישע קעמפער האָבען זיך פערזאַמעלט אין מ צ פּ ה, אַן אַלטע הייליגע שטאָדט, וועלכע האָט יעצט פערנומען דעם אָרט פון ירושלים, ווייל ירושלים איז יעצט געווען בעפעל־קערט מיט היידען. דאָרט האָבען זיי געפאַסט און תפלה געטאָן צו גאָט, אַז ער זאָל זיי העלפען אין זייער נויט. יהודה מכבי האָט ווידער געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע און האָט ערמונטערט די אידישע קריגער צו שטרייטען מיט מוט פיר דאָס פאָלק און פיר זיין גלויבען. ער האָט, לויט די תורה הייסט, אַרויסגעשיקט פון דער אַרמעע אַלע שוואַכמוטיגע, שרעקעדיגע, און איז גע־בליבען מיט אַ מחנה פון ניט מעהר ווי 6,000 מאַן. דיזע קליינע אַרמעע האָט ער איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען, יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט איהר קאָמאַנדיר, און יהודה איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער קליינער אַרמעע. גאָרגיאַס איז געשטאַנען מיט זיין אַרמעע ביי ע מ מ אַ ו ס, ניט ווייט פון ירושלים. ער האָט בעשלאָסען צו בעפאַלען פּלוצלינג די אי־דישע קליינע אַרמעע אין מצפּה. ער האָט מיט זיך גענומען נאָר אַ טייל

פון זיין אַרמעע און איז אַוועק נאָך מצפה. יהודה אָבער האָט זיך דער־וואוסט וועגען דיזען פּלאַן בעצייטענס, און איז אַוועק צו עממאָוס אום אָנ־צופאַלען פּלוצלינג אויף׳ן גריכישען לאַגער, וואָס גאָרגיאַס האָט דאָרט גע־לאָזען. די סיריער האָבען זיך דערויף ניט גערוכטט און דערשראָקענע זיינען זיי צולאָפען אין פערשיידענע ריכטונגען, און פיעלע פון זיי זיינען געפאַלען. ווען גאָרגיאַס האָט דערזעהען, דאָס אין מצפה איז קיינער פון די אידען ניט געוועזען, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין לאַגער. דאָרט האָט ער דער־זעהען, דאָס זיין אַרמעע איז ענטלאָפען. ער האָט מורא געהאַט אריינצולאָ־זען זיך אין אַ שטרייט מיט יהודה׳ן און איז אַוועק אין דאָס לאַנד פון די פלשתים, איבערלאָזענדיג אין זיין לאַגער זעהר פיעל רייכטום, צווישען וועל־כען עס האָט זיך אויך געפונען די גרויסע סומע געלט, וואָס די שקלאַפען־הענדלער האָבען געבראַכט צו גאָרגיאַס׳ן פיר די שקלאַפען, וואָס זיי האָבען געהאָפט ביי איהם צו קויפען פון די אידישע געפאַנגענע (ענדע 166 פ. קר.).

אין הערבסט פון 165 פ. קר. איז דער שטאַטהאַלטער ליזיאַס זעלבסט געקומען אין ארץ ישראל מיט נאָך אַ גרעסערער מיליטערישער מאַכט, אום צו נעהמען ראַכע פון די רעוואָלוציאָנערען. דיזען מאָל איז ער אריין אין לאַנד ניט פון דער נאָרדליכער גרענעץ, נאָר פון דרום־זייט, דורך דאָס לאַנד אדום. ביי בית־צור איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט און די אידען האָבען ווידער געזיגט, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס די צאָהל פון דער גריכישער אַרמעע האָט פיעל איבערטראָפען די אידישע. ליזיאַס איז ענטלאָפען פון שלאַכטפעלד נאָך אַנטיאָכיא, אום צו זאַמלען נייע מיליטערישע קרעפטען און צו אונטערדריקען די רעוואָלוציאָנערען.

יעצט האָט יהודה מכבי געהאַט די מעגליכקייט צו קומען אין ירושלים. ער האָט אָהן גרויסער מיה פערנומען די שטאָדט מיט׳ן טעמפּעל, נאָר די פעסטונג אַקרא איז נאָך געבליבען אין די הענט פון די גריכען און העלענים־טען, ווייל דאָרט זיינען געשטאַנען די גריכישע סאָלדאַטען. יהודה האָט בע־לאַגערט די פעסטונג, אום זיי זאָלען איהם ניט שטערען זיך נעהמען צו דער אַרבייט צוריקצושטעלען דעם אידישען געטליכען דינסט אין בית המקדש, און ער האָט זיך דערצו גענומען מיט גרויס ענערגיע. דער בית המקדש איז געוועזען אין גאַנצען בערויבט, די טויערן פערברענט, אויף׳ן מזבח איז גע־שטאַנען אַ גריכישער אָפּגאָט. דאָס פאָלק האָט זיך שטאַרק צוואויינט, דער־זעהענדיג דעם חורבן, אָבער מען האָט זיך באַלד גענומען צו רייניגען דעם טעמפּעל. מען האָט צושטערט דעם גריכישען מזבח און די שטיינער אַרויס־געוואָרפען אויף אַן אומריינעם אָרט. דעם פריהערדיגען אידישען מזבח האָט

מען אויף צונומען און די שטיינער אפּגעלעגט אַן אַ זייט, ביז מען וועט בע־שטימען וואָס צו טאָן מיט זיי, און מען האָט אויפגעבויט אַ נייעם מזבח. אַנשטאָט די כלי המקדש, וואָס דער פיינד האָט צורויבט, האָט מען געמאַכט נייע פון די גאָלד און זילבער, וואָס זיי האָבען צוגענומען אין לאַגער פון פיינד.

דעם 25טען כסלו פון יאָהר 165 (פ. קר.), אין דעם זעלבען טאָג, וואָס מיט 3 יאָהר צוריק איז איינגעפיהרט געוואָרען אין טעמפעל דער גריכישער קולט, האָבען די אידען געמאַכט אַ חנוכת הבית מיט קרבנות צו גאָט, מיט מזמורים, שירים און תפלות און מיט גרויס שמחה. דיזע שמחה האָט גע־דויערט אַכט טאָג. יעדען אָבענד פון די אַכט טעג האָט מען געמאַכט אין טעמפּעל גרויסע אילומינאַציעס און מען האָט דאַמאָלס בעשלאָסען, דאָס דיזע טעג זאָלען זיין פיר אימער הייליגע פייערטעג פיר דאָס אידישע פאָלק. די־זער יום טוב האָט געטראָגען דעם נאָמען „חנוכה", ד. ה. „איינווייהונג" (פון בית המקדש) און ער ווערט נאָך געהיט ביז היינטיגען טאָג.

אין תלמוד געפינט זיך אַ לעגענדע, וועלכע דערצעהלט, דאָס ווען די אידען זיינען אַריין אין בית המקדש און האָבען געזוכט אַ ביסעל הייליגע אויל פיר די מנורה, האָבען זיי געפונען נאָר אַ קליין קריגעלע פער'חתמ'עט מיט'ן זיגעל פון כהן גדול. דיזער קריגעלע וואָלט זיין גענוג נאָר פיר איין טאָג, אָבער עס האָט זיך געטראָפען אַ נס, און די אויל איז געוועזן גענוג אויף אַכט טעג. דיזע לעגענדע וויל ערקלערען, וואָרום מען פייערט חנוכה אַכט טעג.

יהודה מכבי האָט בעפעסטיגט דעם הר הבית (דעם בארג, אויף וועלכען דער טעמפּעל איז געשטאַנען) און פון דאָרט האָט ער געהאַלטען אַן אויג אויף יעדע בעוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פעסטונג פון אַקרא, וואו דער גריכישער גאַרניזאָן איז געוועזן איינגעשלאָסען. דערנאָך האָט ער אויס־געבויט אַ פעסטונג אין בית־צור, אום צו בעשיצען דאָס אידישע לאַנד געגען אַן אָנפאַל פון דרום־זייט. די סיריער זיינען דאַמאָלס געוועזן בעשעפטיגט אין אַ מלחמה מיט די פּאַרטהיער, און דעריבער איז דאָס אידישע לאַנד גע־ווען רוהיג גאַנצע צוויי יאָהר פון אַ שטרייט מיט אַנטיאָכוס'ן. אָבער דאָ האָבען זיך בעוויזען אַנדערע צרות פיר די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין גליל, אין צפון־זייט פון יהודה. דאָרט איז די בעפעלקערונג בעשטאַנען פון גריכען, און דיזע האָבען פערפאָלגט די אידען, וואָס האָבען געוואוינט צווי־שען זיי. יהודה מכבי האָט געשיקט אַהין זיין ברודער שמעון מיט 3,000 מאַן צו בעשטראָפען די אידישע שונאים און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט

די אידישע איינוואוינער און האט זיי איבערטראנספארטירט אין לאנד יהודה, וואו זיי זיינען געווען בעשיצט פון זייערע פיינד, די גריכען.

באלד ווי יהודה מכבי האט בערוהיגט די אידען אין גליל און האט גע־זיכערט זייער צושטאנד, האבען אנגעהויבען אנקומען טרויעריגע ידיעות וועגען דער לאגע פון די אידען אין גלעד, אויף יענער זייט ירדן. דארטען האבען זיי אנגעהויבען ווערען שטארק אונטערדריקט פון די בני עמון און אנדערע פיינדליכע פעלקער. יהודה איז אוועק אהין מיט א גרויסער מיליטערישער מאכט, האט די פיינד בעזיגט און האט זיי פערטריבען ביז דער שטאדט קרנים. דארט זיינען זיי אריין אין א טעמפעל צו בעשיצען זיך פון די אידישע קריגער, אבער יהודה האט דעם טעמפעל אונטערגעצונדען און אלע זיינען דארט פערברענט געווארען. נאכדעם האט ער גענומען מיט זיך פיעלע אידישע פאמיליעס און האט זיי איבערטראנספארטירט נאך ירושלים און אומגעגענד, וואו זיי האבען זיך געפונען אונטער'ן שוץ פון דער אידישער ארמעע.

נאך דיזען נצחון האט יהודה אונטערגענומען א פעלד־צוג געגען די אידומעער (בני אדום), וועלכע האבען דאמאלס פערכאפט די שטאדט חברון, און אויך געגען אייניגע שטעדט פון די פלשתים, איבערהויפט געגען אשדוד. ער האט דיזע שטעדט צושטערט און האט די איינוואוינער געמאכט אונשעדליך.

אין אנטיאכיא זיינען דערווייל געווארען גרויסע ענדערונגען. אנטיאכוס עפיפאנעס איז געשטארבען נאך דעם, ווי ער האט געהאט א גרויסע מפלה אין פערסיען. נאך איהם איז געבליבען א ניט פול־יעהריגער זוהן אנטיאכוס דער 5טער. לויט דער צוואה פון אנטיאכוס עפיפאנעס איז דער סירישער פעלדמארשאל בעשטימט געווארען צו זיין דער אפעקון און רעגענט פון זיין מינדעריעהריגען זוהן, ביז ער וועט ווערען פול־יעהריג. אבער דער סירישער שטאטהאלטער האט פערכאפט די אפעקונסטווע און די רעגענטשאפט אין זיינע הענט. דיזע רייסערייען האבען געשטערט ליזיאס'ן אונטערצונעהמען א פעלדצוג געגען די אידען. אבער די נצחונות פון יהודה מכבי האבען איהם ניט געגעבען קיין רוה. די העלעניסטען האבען זיך בעקלאגט, דאס יהודה מיט זיין פארטיי פערפאלגען זיי שרעקליך, מארדען זיי און קאנפיסקירען זייער פערמעגען דערפאר, וואס זיי זיינען טריי צו דער סירישער רעגירונג, און האבען געפאדערט, דאס די רעגירונג זאל עטוואס טאן פיר זייער זיכערהייט.

ליזיאס האט זיך גענומען פארבערייטען צו א פעלד־צוג געגען יהודה מכבי מיט זיין פארטיי. ער האט צוזאמענגעשטעלט א גרויסע ארמעע, פוס־געהער, רייטער און העלפאנדען און איז אוועק בעלאגערן די פעסטונג בית צור. דער אידישער גארניזאן האט זיך העלדיש פערטיידיגט, אבער ענדליך האבען די אידען זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל די צאהל פון דער פיינדליכער ארמעע איז געווען אונגעהייער גרויס. זיי האבען אבער אויסגערעדט, דאס מען זאל זיי ארויסלאזען פון דער פעסטונג פריי. ווען יהודה האט זיך דער־וואוסט פון דעם, וואס עס איז געשעהען ביי בית־צור, האט ער אויפגעגעבען די בעלאגערונג פון דער פעסטונג אקרא און איז ארויס געגען דעם שונא. ביי בית זכריה איז פארגעקומען א שלאכט צווישען די ביידע פיינדליכע ארמעען. די אידען האבען געוויזען גרויסע גבורות. אלעזר, דער ברודער פון יהודה מכבי, האט זיך דורכגעשלאגען אין די רייהען פון שונא און האט מיט זיין שווערד דער'הרג'עט א העלפאנד, אויף וועלכען עס איז געזעסען רייטענדיג א יונגער גריך, וועלכען ער האט אנגענומען פיר דעם סירישען קעניג, וואס איז דאמאלס געווען אויף'ן שלאכטפעלד. דער העלפאנד איז געפאלען טויט און האט מיט זיין שווערען קערפער דערשטיקט דעם העלד אלעזר'ן. אבער די סירישע קראפט איז געווען אזוי גרויס, דאס די אידען האבען געמוזט צוריקטרעטען און פערטיידיגען זיך אין דער פעסטונג אויף'ן הר הבית (דער בארג, אויף וועלכען דער טעמפעל איז געשטאנען). ליזיאס האט בעלאגערט די פעסטונג; די אידען האבען אנגעהויבען צו ליידען פון מאנגעל אין שפייז, ווייל עס איז דאמאלס געווען א שמטה־יאהר. עס איז פארגעשטאנען א גרויסע געפאהר פיר די אידישע פרייהייט, וועלכע די חשמונאים האבען אויסגעקעמפט מיט זייערע נצחונות. צום גליק האט לי־זיאס דערהערט, דאס זיין געגנער פיליפ געהט יעצט מיט א גרויסער מאכט אויף אנטיאכיא און וויל פון איהם אפנעהמען די רעגענטשאפט און די אפע־קונסטווע. ער איז געווען געצוואונגען צו שליסען פרידען מיט יהודה מכבי, אום ער זאל ניט זיין געבונדען און זאל קענען געהן גלייך צוריק נאך אנטיאכיא אפצוטרייבען פיליפ'ן. ליזיאס האט מבטל געווען אלע עדיקטען, וואס אנטיאכוס עפיפאנעס האט ארויסגעגעבען צו בעשרענקען די אידישע רעכטען און זייער רעליגיאנס־פרייהייט, און האט אראפגעווארפען מענע־לאוס'ן פון דעם אמט פון כהן גדול.

אין דער זעלבער צייט זיינען אין אנטיאכיא פארגעקומען וויכטיגע ענ־דערונגען. דעמעטריוס, דער זוהן פון סעלייקוס דעם 4טען, איז ענט־לאפען פון רוים, וואו ער איז געווען אלס משכון פון דער סירישער רעגירונג,

אלעזר'ם טויט.

נאך דארע.

און האָט געלאַנדעט אין פעניציען. דאָרט האָט ער פערזאַמעלט אַרום זיך אַ היבש ביסעל סאָלדאַטען, און האָט אָנגעהויבען פאָדערן זיינע רעכטען אויף דעם סירישען טראָן, אויף וועלכען עס איז געזעסען זיין פאָטער סעלייקוס דער 4טער. זיין פרעטענזיע איז געווען, דאָס נאָך זיין פאָטער'ס טויט איז ער געווען דער געזעצליכער טראָן-פאָלגער און ניט אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, דער ברודער פון זיין פאָטער. דאָס פאָלק האָט געהאַלטען מיט איהם און האָט איהם ערקלערט אַלס זייער געזעצליכען קעניג, מיט'ן נאָמען דעמעטריוס דער 1טער סאָטער (162 פ. קר.). דיזער נייער קעניג האָט פריהער פון אַלעם אָפּגעראַמט פון וועג דעם יונגען אַנטיאָכוס דעם 5טען מיט זיין אָפּעקון ליזיאַס, וועלכע ער האָט ערמאָרדעט. דער רוימישער סענאַט איז אָנפאַנגס געווען אויפגערייצט אויף דעמעטריוס'ן דערפאַר, וואָס ער איז ענטלאָפען פון רוים, אָבער ער האָט עס איהם באַלד פערציהעט, ווען ער האָט פערזיכערט, דאָס ער וועט זיין אונטער דעם שוץ פון רוים.

דער אינערליכער צושטאַנד פון לאַנד יהודה האָט זיך דאַמאָלס פיעל געענדערט. נאָך דעם, ווי די אידען האָבען ווידער בעקומען רעליגיאָנס-פרייהייט, איז דער שטרייט צווישען די חסידים און די העלעניסטען בענייט געוואָרען. דער האַס פון די חסידים צו די העלעניסטען איז געוואָרען שטאַרקער נאָך דעם, ווי זיי האָבען געזעהען, דאָס אין דער צייט, ווען דער שונא האָט געוואָלט דאָס אידישע פאָלק אין גאַנצען פערניכטען, זיינען זיי, די העלעניסטען, געשטאַנען אין די רייהען פון שונא און האָבען איהם געהאָלפען דורכצופיהרען זיין טייפלישען וואונש. די העלעניסטען פון זייער זייט האָבען גערעכענט, דאָס יעצט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט בעקומען רעליגיאָנס-פרייהייט, האָבען זיי דאָך אויך דאָס רעכט אויפצופיהרען זיך אין זאַכען, וואָס בעטרעפען רעליגיאָן, ווי זיי געפעלט. דיזע פאַרטיי איז דאַמאָלס נאָך געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זי האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצושטעלען אַ קאַנדידאַט פיר דאָס אַמט פון כהן גדול אַ געוויסען אַלקים, אָדער ווי ער האָט געהייסען צווישען די אידען יויקים, אַ מאַן מיט העלעניסטישע נייגונגען. דיזער אַלקים איז אַוועק נאָך אַנטיאָכיאַ צום קעניג דעמעטריוס דעם 1טען, פאַר וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט, דאָס זיין פאַרטיי ליידט פערפאָלגונגען פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, און ער האָט פערלאַנגט פון קעניג, אַז ער זאָל איינפיהרען אין לאַנד יהודה נייע אָרדנונגען, דאָס יעדער זאָל זיין פריי אין רעליגיאָנס-זאַכען און זאָל ניט זיין געצוואונגען צו טאָן און צו דענקען ווי אַ שטאַרקערע פאַרטיי וויל, און אום איינצופיהרען אַזאַ גלויבענס-פרייהייט אין אידישען פאָלק איז נעטיג,

דאס אן דער שפיץ פון פאלק זאל שטעהן א כהן גדול פון דער פארטיי פון די מעסיגע העלעניסטען, ניט פון די ראדיקאלען, וואס ווילען אויסראטען דאס יודענטום. און ווייל אלקים האט געהערט צו דיזער פארטיי, האט ער געבעטען דעם קעניג, אז ער זאל איהם בעשטעטיגען צום אמט פון כהן גדול. דעם קעניג איז דער פלאן געפעלען געווארען. ער האט איהם, אלקים'ען, בעשטעטיגט אלס כהן גדול, און האט געשיקט אין ירושלים זיין פעלדהערר באקכידעס מיט א מיליטערישער מאכט אום צו העלפען אלקים'ען דורכצופיהרען זיין פלאן אין פאל, ווען די פארטיי וועט זיך שטעלען דאגעגען און וועט ניט וועלען אנערקענען אלקים'ען אלס כהן גדול.

אזוי איז אלקים אנגעקומען אין ירושלים אלס כהן גדול. אנפאנגס האט ער זיך בעוויזען אלס א הייסער איבערגעגעבענער נאציאנאליסט. פיעלע אין פאלק זאגאר צווישען די חסידים האבען געגלויבט, דאס ער וויל באמת דינען די אינטערעסען פון פאלק. מען האט עס געגלויבט, ווייל ער האט געשטאמט פון אן אמת'ן כהן גדול. צו איהם איז גלייך פון אנפאנג צוגעשטאנען א גרויסער טייל פון די חסידים און פון די סופרים, אויסער יהודה מכבי און זיינע פארטיי-פאטריאטען, וועלכע האבען ניט געגלויבט אין די אויפריכטיגקייט פון א כהן גדול, וואס די גריכישע רעגירונג גיט זיי, און האבען געגלויבט, דאס מען מוז זיך ערווערבען וואהרע פרייהייט און זעלבשטענדיגקייט אזוי ווייט, אז דאס פאלק זעלבסט זאל זיך ערוועהלען א כהן גדול. באלד האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די מאקאבעער זיינען געווען גערעכט. אלקים האט באלד בעוויזען זיינע שארפע נעגעל. די ערסטע זאך, וואס ער האט געטאן, איז געווען צו הינריכטען 60 פון די הייסע חסידים-נאציאנאליסטען, וועלכע האבען געשטרעבט צו פאלקאמענער אונאפהענגיגקייט; דערמיט האט ער געוואלט בעוויזען דער גריכישער רעגירונג זיין וואהרע טרייהייט און איבערגעבענהייט צו איהר. מיט דיזען אקט האט ער גלייך אפגעשטויסען פון זיך זיינע אלע פריהערדיגע אנהענגער פון דער נאציאנאלער פארטיי, און זיין איינציגע שטיצע איז געבליבען די גריכישע רעגירונג און דאס ביסעל העלעניסטען.

באקכידעס איז דערווייל אוועק פון ירושלים, ווייל ער האט געזעהען, אז דאס אידישע פאלק האט אויפגענומען אלקים'ען פריינדליך. ער האט נאר געלאזען אין ירושלים א קליינעם טייל פון דעם מיליטער, וואס איז געקומען פריהער מיט איהם צוזאמען נאך ירושלים. יהודה מכבי האט זיך דאמאלס געפונען מיט זיינע אנהענגער אויבערהאלב ירושלים. ער איז פון דארט ארויס באלד ווי אלקים איז אנגעקומען אהין אלס כהן גדול מיט דער מאכט

פון דער סירישער רעגירונג. ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון די מערדערייען פון דעם נייעם כהן גדול, האָט ער באַלד אויפגעפלאַקערט דאָס פאָלק אין דער פראָווינץ צו אַ נייער רעוואָלוציאָן. אונטער דער פיהרונג פון יהודה מכבי האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען צו פערניכטען אַלע העלעניסטען, אַלס די גרעסטע פיינד פון אידען און יודענטום. אַלקים האָט זיך געווענדעט וועגען הילף צום סירישען קעניג. דיזער האָט באַלד געשיקט גענוג מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון ניקאַנאָר צו בעשטראָפען די רעוואָלוציאָנערען (161 פ. קר.).

ניקאַנאָר האָט אָנפאַנגס געפּרובט אַריינצונאַרען יהודה מכבי אין אַ נעץ. ער האָט געוואָלט מיט איהם אונטערהאַנדלען וועגען פרידען. אָבער יהודה איז געווען פאָרזיכטיג. דאַמאָלס האָט ניקאַנאָר אָנגעפאַנגען דעם קריג. ביים דאָרף סאַלאַמאַ איז פאָרגעקומען אַ שטרייט צווישען די פיינד, און די גריכען האָבען דאָרט געכאַפּט אַ קליינע מפלה. אין ירושלים, וואו די העלעניסטישע פאַרטיי האָט געהאַט די אויבערמאַכט, האָט מען בעגעגענט ניקאַנאָר'ן מיט אָפענע אָרמס. ניקאַנאָר איז אָבער געווען שרעקליך בייז אויף דאָס אידישע פאָלק צוליב דער קליינער מפלה, וואָס ער האָט געהאַט אין דער ערסטער בעגעגעניס מיט יהודה מכבי, און ער האָט דעריבער זעהר גראָב אויפגענומען די אידישע דעפּוטאַטען, וואָס זיינען געקומען איהם מקבל פנים זיין. ער האָט מיט גרויס צאָרן געפאָדערט פון פאָלק, אַז מען זאָל איהם אַרויסגעבען יהודה'ן מיט זיין פאַרטיי, און ווען דאָס וועט ניט געשעהען, וועט ער פערברענען דעם טעמפּעל.

דערווייל איז צו ניקאַנאָר'ן אָנגעקומען פון סיריען פרישץ מיליטער, און מיט דיזע פרישע קרעפטען איז ער אַוועק אין בית־חורון געגען יהודה'ן. דאָ ביים דאָרף הדסה איז פאָרגעקומען דעם 13טען אדר (161 פ. קר.) אַ בלוטיגע שלאַכט, אין וועלכער די אידען זיינען אַרויס די פאָלשטענדיגע זיגער. ניקאַנאָר זעלבסט איז געפאַלען באַלד אין אָנפאַנג פון דעם שטרייט. די אַרמעע איז באַלד, ווי זי האָט פערלאָרען איהר פיהרער, געוואָרען צוטומעלט און האָט אָנגעהויבען ענטלויפען פון שלאַכטפעלד. די אידען האָבען זיי פערפאָלגט און האָבען פיעלע פון זיי פערניכטעט. צום אָנדענקען פון דיזען זיג האָבען די אידען געמאַכט דעם 13טען אדר יעדען יאָהר פיר אַ יום טוב. אַ לאַנגע צייט האָבען די אידען געפייערט דעם „יום נקנור".

אַלקים איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זיין אַמט, און אָן דער שפּיץ פון אידישען פאָלק איז ווידער געשטעלט געוואָרען יהודה מכבי מיט זיינע אָנהענגער. יעצט איז דעם פאָלק געוואָרען קלאָר, דאָס רעליגיאָנס־פרייהייט



יהודה פאר ניקאנאר'ס ארמעע.

נאך דארע.

אָהן פּאָליטישער פרייהייט איז זעהר ניט זיכער. מען מוז זיך געבען אַלע מיה צו ווערען פּאָלשטענדיג אונאָפּהענגיג. צו דיזען ציל האָט געשטרעבט יהודה. אום דיזען ציל צו דערגרייכען, האָט יהודה בעשלאָסען צו ווענדען זיך צו רוים, וועלכע האָט דאַמאָלס געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט־פּאָליטיק. רוים האָט גוט געוואוסט, דאָס די סירישע קעניגען אין אָריענט שטרעבען צו גרינדען אַ גרויסע אימפּעריע אין אזיען, און דאָס איז דעם סענאַט ניט געווען געפעלען. דעריבער האָט רוים אימער געשטיצט די פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון סיריען, ווען דיזע האָבען געוואָלט ווערען אונאָפּהענגיג. דער אויפשטאַנד פון די מאַקאַבעער געגען סיריען איז געווען אין האַרמאָניע מיט דעם רוימישען גייסט, וואָס האָט דאַמאָלס געהערשט. יהודה האָט געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום רוימישען סענאַט מיט'ן פּאָרשלאַג צו שליסען אַ פערבאַנד מיט דער אידישער רעגי־רונג, וועלכע וויל שטעהן אונטער'ן שוץ פון רוים. דעם סענאַט איז דיזער פּאָרשלאַג געפעלען געוואָרען און ער האָט באַלד געשלאָסען מיט יהודה'ן אַן אָפּמאַך (161—160 פ. קר.).ביידע צדדים האָבען זיך פערפליכטעט צו העלפען איינער דעם אַנדערען אין פאַל, ווען עס וועט אויסברעכען אַ קריג אין אָריענט. דער אידישער פיהרער האָט דאַמאָלס ניט געקענט פאָרויס־זעהן, דאָס דער שוץ פון רוים וועט אין 100 יאָהר שפּעטער זיין אַ גרויסער אונגליק פיר די אידישע נאַציאָן.

דערווייל האָט דער פערבאַנד מיט רוים געבראַכט די אידען דעם גע־וואינשטען רעזולטאַט. רוים האָט געפאָדערט פון דעמעטריוס דעם 1טען, אַז ער זאָל אויפהערען זיין פיינדליך צו אידען און זיי מעהר ניט פערפאָלגען. אָבער דיזע פאָדערונג פון רוים איז געקומען צו שפּעט. ווי דעמעטריוס האָט זיך דערוואוסט פון דער מפּלה פון ניקאַנאָר'ן, האָט ער באַלד געשיקט 20,000 סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון באַקכידעס'ן צו בעשטראָפען די רע־וואָלוציאָנערען. יהודה האָט זיך ניט געריכט, דאָס דעמעטריוס וועט אַזוי גיך שיקען געגען איהם אַן אַרמעע און ער האָט ניט געהאַט גענוג צייט זיך פּאָרצובערייטען. ער האָט געהאַט ניט מעהר ווי 3,000 מאַן. דיזע סאָל־דאַטען האָבען מורא געהאַט אַרויסצוגעהן אויף אַן אָפענעם קריג מיט אַזאַ גרויסער אַרמעע פון די סירער און האָבען געפאָדערט פון יהודה'ן, אַז מען זאָל זיך דערווייל צוריקציהען פון אַ שלאַכט ביז זיי וועלען בעקומען מעהר קרעפטען. יהודה האָט אָבער ניט געוואָלט הערען וועגען צוריקטרעטען. פון די 3,000 מאַן האָבען נאָר 800 בעשלאָסען צו געהן שטרייטען מיט אַן אַרמעע פון 20,000. מיט דיזען הייפעלע העלדען איז ער אַרויס געגען דעם

שונא ביי הדסה, און האָט בעוויזען אין אַ קורצער צייט צו צווינגען דעם רעכטען פליגעל פון דער סירישער אַרמעע, אין וועלכען עס איז געווען באַק־כידעס זעלבסט, צו ענטלויפען פון שלאַכטפעלד. אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָט איהם אַרומגערינגעלט דער לינקער פליגעל פון דער סירישער אַרמעע. יהודה מיט זיינע העלדען האָבען פערצווייפעלט געשטריטען, אָבער עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפען, און יהודה זעלבסט איז אין דיזער שלאַכט געפאַלען טויט (160 פ. קר.). זיינע ברידער האָבען אויפגעזוכט זיין טויטען קערפער און האָבען איהם מקבר געווען אין מאָדים נעבען זיין פאָטער אין דעם פאַמיליען־גראַב. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט ביטערליך געוויינט אויף דעם טויט פון זייער בעליבטען גרויסען העלד, וועלכער האָט גערעטעט די פרייהייט פון פאָלק, פיר וועלכעס ער האָט געאָפּפערט זיין לעבען.

ד. די מלחמות פיר אונאָפּהענגיגקייט: יונתן און שמעון.

(160—140 פ. קר.)

יהודה מכבי איז געשטאָרבען אין דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס רעליגיאָנס־פרייהייט אָהן פּאָליטי־שער אונאָפּהענגיגקייט איז ניט קיין זיכערע זאַך און האָט דערפאַר ניט קיין גרויסען ווערט. אָבער דער שטרייט פיר פּאָליטישע פרייהייט איז אַ פיעל שווערערער פון דעם קאַמף פיר רעליגיאָנס־פרייהייט. דיזער לעצטער קאַמף האָט געבראַכט זעהר פיעלע פריייוויליגע קעמפּער אויף'ן שלאַכטפעלד. עס זיינען געקומען מיט בעגייסטערונג פיעלע, וואָס האָבען קיינמאָל ניט גע־דענקט צו נעהמען אַ שווערד אין האַנט; זיי האָבען דעם שווערד ערגריפען מיט גרויס ענטוזיאַזם, ווען מען האָט זיי אָנגעהויבען צווינגען צו ענטזאַגען זיך פון זייער נאַציאָן און פון זייער גלויבען. אָבער דיזע בעגייסטערונג פיר קריג איז באַלד אָפּגעקיהלט געוואָרען נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק האָט בעקומען רעליגיאָנס־פרייהייט. די זעלבע ענטוזיאַסטישע קעמפּער זיינען געוואָרען צופרידען מיט דער סירישער רעגירונג אַזוי באַלד, ווי זי האָט זיי געלאָזען דינען גאָט ווי זיי זיינען געווען געוועהנט. פּאָליטישע פרייהייט האָט זיי ווייניג אינטערעסירט, זיי זיינען צו איהר געווען גלייכגילטיג. אַנ־דערס אָבער האָט פערשטאַנען די לאַגע פון פאָלק די פּאַרטיי, וואָס איז גע־גאַנגען האַנט אין האַנט מיט די בעריהמטע העלדען, די חשמונאים. זי האָט פערשטאַנען, דאָס מען קען זיך ניט צופרידען שטעלען מיט דעם שוואַכען רעזולטאַט פון די ביזהעריגע זיגען, מיט רעליגיאָנס־פרייהייט אַליין. דאָס הייסט געבליבען אין מיטען וועג; מען מוז געהן ווייטער, מען מוז דערפיה־

רען די אונאָפּהענגיגקייט ביז'ן סוף — מען מוז זיך אויספּעכטען פּאָליטישע פרייהייט. יהודה האָט עס גוט פערשטאַנען און ער האָט דעריבער אָנגע-הויבען זיין פּלאַן אין דיזער ריכטונג. אָבער דאָס פּאָלק איז געווען מיד פון לאַנגע ליידען און האָט געוואָלט רוה. ער איז געבליבען נאָר מיט זיינע פעסטע אָנהענגער; זיי זיינען אָבער געווען אַ הייפעל, מיט זיי אַליין האָט ער ניט געקענט בעזיגען די שטאַרקע מאַכט פון די גריכען און ער איז גע-פאַלען אַן אָפּפער פון דער גלייכגילטיגקייט פון פּאָלק.

נאָך דעם טויט פון יהודה מכבי האָט בעקומען די אויבערהאַנט די פּאַרטיי, וואָס האָט געזוכט רוה און פרידען. זי האָט געזוכט פרידען מיט דער גריכישער רעגירונג. אַלקים איז ווידער געקומען אין ירושלים און איז באַלד געוואָרען צוריק כהן גדול און דער הויפּט פון דעם סענאַט (ראַט פון די זקנים). דיזער ראַט, וועלכער איז בעשטאַנען פון לויטער אריסטאָ-קראַטען, האָט געזוכט נאָר צו ברייננען רוה אין לאַנד. ער האָט געראַטען דעם פּאָלק צו פערהאַלטען זיך פריינדליך צו דער גריכישער רעגירונג, וועלכע האָט זיי צוריקגעגעבען זייער רעליגיאָנס-פרייהייט. דיזער ראַט האָט גע-קוקט אויף די חשמונאים ווי אויף אַ פעראיין פון רעוואָלוציאָנערען, וועלכע מוזען ברייננען גרויסע צרות דעם אידישען פּאָלק פון דער זייט פון דער גרי-כישער רעגירונג. באַקכידעס האָט אויך אַזוי בעטראַכט די חשמונאים מיט זייערע אָנהענגער און האָט זיי דעריבער גרויזאַם פערפאָלגט.

די פערפאָלגונגען פון באַקכידעס'ן האָבען געפיהרט דערצו, דאָס די חשמונאים מיט זייערע אָנהענגער האָבען זיך ענגער פערבונדען און האָבען פערגרעסערט און פערשטאַרקט זייער פּאַרטיי. די אָנהענגער פון די חשמונאים האָבען ערוועהלט אַלס זייער פיהרער דעם אינגערען ברודער פון יהודה מכבי, י ו נ ת ן, וועלכער איז אַפילו ניט געווען אַזאַ מוטיגער העלד ווי זיין ברו-דער יהודה, אָבער ער האָט געהאַט אַנדערע אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען געווען זעהר וויכטיג פיר דעם דאַמאַלסדיגען פּאָליטישען צושטאַנד. ער איז געווען אַ זעהר פאָרזיכטיגער פיהרער, ער האָט יעדען שריט זיינעם גענוי אויסגערעכענט. יהודה האָט זיך מוטיג געוואָרפען אין יעדע געפאַהר, אָבער יונתן האָט מיט געדולד געוואַרט אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, ווען ער איז געווען זיכער אויף אַן ערפאָלג. ער איז געווען אַ גוטער פּאָליטיקער, אַ טיכ-טיגער דיפּלאָמאַט, און האָט געוואוסט ווי צו בענוצען זיך מיט יעדען פעהלער פון שונא. דיזע וויכטיגע אייגענשאַפטען פון דעם נייעם פיהרער יונתן האָ-בען געפיהרט דערצו, דאָס ענדליך האָט די פּאַרטיי נאַציאָנאַליסטען ער-וואָרבען פיר דאָס פּאָלק פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט.

יונתן האט געזעהען, דאס ער איז נאך צו שוואך צו שטרייטען מיט באקכידעס'ן. ער איז אוועק פון אידישען צענטער, פון ירושלים, און האט זיך בעזעצט אין תקוע, נעבען ירדן. אהין האט ער געבראכט זיין פא-מיליע, ווי אויך די פאמיליעס פון זיינע אנהענגער, די נאציאנאליסטען. די בעוועגליכע פערמעגענס זייערע האבען זיי אויך גענומען מיט זיך אום באק-כידעס זאל זיי ניט קאנפיסקירען אלס די פערמעגענס פון רעוואלוציאנערען, און האבען דאס אוועקגעשיקט אויף יענער זייט ירדן צו די נאבאטיער (בני נביות), אן אראבישער שבט, וואס איז געווען זעהר פריינדליך צו אידען. דיזע פערמעגענס האט יונתן געשיקט מיט זיין ברודער יוחנן מיט אן אפטיי-לונג אידישע קריגער. אבער אויף'ן וועג האבען זיי בעפאלען אראבער פון די בני אמרי, האבען ערמארדעט יוחנן און צוגענומען אלעס, וואס ער האט געפיהרט. ווי יונתן האט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז ער באלד געלאפען מיט זיינע אנהענגער צו דעם ארט פון די רויבער און האט זיך אן זיי פירכטערליך נוקם געווען. אויף'ן צוריק-וועג האט איהם בעגעגענט באקכידעס מיט זיינע סאלדאטען, אבער יונתן מיט זיינע אנהענגער האבען זיך געלאזען שווימען איבער'ן ירדן. באקכידעס מיט זיינע סאלדאטען הא-בען ניט געקענט טאן חאס זעלבע, ווייל די גריכען זיינען אימער געווען בע-וואפענט מיט זעהר שווערע געוועהר.

א קורצע צייט נאכדעם איז אלקים געשטארבען (159 פ. קר.). ער האט געהייסען צוּוואַרפען די וואנט אין הויף פון בית המקדש, וועלכע איז געמאכט געווארען אין די אלטע צייטען, אום די בעזוכער פון היידנישע פעל-קער זאלען ניט קענען אריינדרינגען אין הייליגטום. אלקים האט די וואנט פערניכטעט מיט דעם צוועק, דאס היידען זאלען אויך קענען אריינקומען אין די אינערע טיילען פון בית המקדש. באלד נאכדעם איז ער געשטארבען. דאס פאלק האט דערין געזעהען די שטראף פון גאט פיר דיזע טאט. באלד נאך דעם טויט פון אלקים האט באקכידעס פערלאזען ירושלים, ווייל דער הויפט-ציל פון זיין אנוועזענהייט אין ירושלים איז געווען צו שטיצען דיזען ליבלינג פון דער סירישער רעגירונג. יונתן האט זיך בענוצט מיט באקכי-דעס'עס אפוועזענהייט און האט אנגעהויבען צו פערגרעסערן די צאהל קרי-גער אום מיט דער צייט צו מאכען דאס אידישע לאנד אונאפהענגיג. דאס ערסטע, וואס יונתן האט געטאן, איז געווען ארויסצוגעהן אויף אן אפענעם שטרייט געגען די העלעניסטען, און ער האט זיי אנגעהויבען שטארק צו דריקען. זיי האבען זיך געווענדעט צו דער סירישער רעגירונג וועגען הילף. דיזע האט ווידער געשיקט אהין באקכידעס'ן. יונתן אבער האט ניט גע-

וואַלט אַרוים געגען איהם אויף אַן אָפענעם שטרייט, נאָר ער פלעגט פלוצלינג אָנפאַלען אויף דעם גריכישען לאַגער אין פערשיידענע פונקטען, און פלעגט דעם שונא שטענדיג בעאונרוהיגען. דיזע טאַקטיק האָט זעהר שטאַרק פער-מאַטערט באַקכידעס'ן און עס איז איהם נמאס געוואָרען צו מישען זיך אין דעם קריג פון די אידישע פּאַרטייען, און ער האָט ענדליך געשלאָסען פרידען מיט יונתן'ען. לויט דיזען פרידען האָבען די חשמונאים אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון די גריכען איבער'ן אידישען פאָלק, אָבער דערפאַר האָבען די גריכען געגעבען די אידען פולע אויטאָנאָמיע און רעליגיאָנס-פרייהייט און האָבען פערשפּראָכען ניט צו מישען זיך מעהר אין זייערע פּאַרטיי-אַנגעלעגענהייטען, און ניט זאָגען זיי קיין דעה אין די וואהלען פון אַ כהן גדול (157 פ. קר.).

אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט זיך איינינגע יאָהר ניט בענוצט מיט דיזען רעכט — אַליין צו ערוועהלען אַ כהן גדול, ווייל עס איז דאַמאָלס אין פאָלק ניט געווען אַ פּאַסענדע פערזאָן, וועלכע זאָל זיין בעליבט פון אַלע פּאַרטייען. דאָס פאָלק האָט זיך דאַמאָלס צוטיילט אויף צוויי לאַגערן. אין ירושלים האָט געהערשט דער ראַט פון די אַריסטאָקראַטען, וועלכע זיינען געווען געשטיצט פון דעם סירישען גאַרניזאָן, און אין מכמש, אין נאָרד פון ירושלים, האָט זיך בעזעצט יונתן מיט זיין פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָרט געהאָט איהר צענטער פון אויטאָנאָמיע. באַקכידעס איז אויף אימער אַוועק פון לאַנד יהודה. די סירישע רעגירונג האָט זיך מעהר ניט געמישט אין דעם קאַמף פון די אידישע פּאַרטייען, די העלעניסטען און נאַציאָנאַליסטען, און האָט איבערגעלאָזען צום פאָלק זעלבסט צו ענטשיידען, וועלכע פּאַרטיי זאָל בלייבען די הערשענדע.

נאָך דעם פרידען, וואָס יונתן האָט געשלאָסען מיט באַקכידעס'ן, האָט זיך דאָס לאַנד יהודה אָפּגערוהט אונגעפעהר פיער יאָהר. די העלעניסטען האָבען פערלאָרען אין פאָלק יעדע בעדייטונג נאָך דעם, ווי זיי האָבען אַנגעוואָרען די שטיצע פון דער סירישער רעגירונג. די נאַציאָנאַל-פּאַרטיי פון די חשמונאים איז געוואָרען אין פאָלק מעהר און מעהר פּאָפּולער. יונתן האָט ניט אויפגעהערט צו דענקען וועגען פולע אונאָפּהענגיגקייט פיר די אידען. ער איז אָבער געווען זעהר פאָרזיכטיג אין זיינע שטרעבונגען, און האָט זיך בענוצט מיט יעדען צופאַל צו פערברייטערן און פערשטאַרקערן די אידישע אויטאָנאָמיע. צום גליק האָט די סירישע רעגירונג אין יענער צייט אָנגעהויבען פאַלען און ווערען שוואַכער, און יונתן האָט געוואוסט צו בענוצען

זיך מיט דיזע גינסטיגע אומשטענדען און צו פערשאפען דעם אידישען פאלק פולע זעלבשטענדיגקייט.

אין יענער צייט האבען זיך אנגעהויבען אין סיריען רייסערייען וועגען דעם טראן. עס האט זיך בעוויזען א נייער פרעטענדענט אויף'ן טראן אין דער פערזאן פון איינעם א געוויסען באלאס, א געבארענער אין קליין-אזיען, וועלכער האט פרעטענדירט צו זיין דער גזעצליכער זוהן פון אנטיאכוס עפיפאנעס, מיט דעם נאמען אלכסנדר. ער האט ווירקליך געהאט אן עהנליכקייט צום פרינץ אלכסנדר, דעם זוהן פון אנטיאכוס'ן. אויך האבען איהם געהאלפען די אייביגע שונאים פון די סעלייקידען, די עגיפטישע קעניגען פון דער פטאלעמעאישער דינאסטיע. מיט זייער הילף האט אלכסנדר באלאס צוזאמענגעשטעלט א היבשע מיליטערישע מאכט און איז ארויס אין א קאמף מיט דעמעטריוס דעם 1טען. דיזער איז געווען גע-צוואונגען אפצורופען דאס מיליטער, וואס ער האט געהאלטען אין די פעס-טונגען פון לאנד יהודה, אום צו שטרייטען מיט זיין געגנער אלכסנדר באלאס. אבער אום דיזער זאל ניט צוציהען דעם אידישען העלד יונתן אויף זיין זייט, האט דעמעטריוס געוויזען צו יונתן'ען גרויס פריינדשאפט און צוטרויען, האט איהם בעפאלמעכטיגט צוזאמענצושטעלען א אידישע ארמעע אום צו העלפען איהם אין דעם קאמף מיט באלאס'ן, און האט בעפרייט די אידישע בעריהמטע פערזאנען, וועלכע ער האט געהאלטען אין די פעסטונגען אלס משכון, דאס די אידען זאלען געגען איהם ניט מורד זיין. אלס בעפאלמעכטיג-טער פון קעניג איז יונתן צוריקגעקומען אין ירושלים, וואוהין ער האט א לאנגע צייט ניט געהאט קיין רעכט צו קומען. דאס ערסטע, וואס ער האט געטאן, איז געווען צו בעפעסטיגען דעם הר הבית.

דאס, פאר וואס דעמעטריוס האט מורא געהאט, איז געשעהען. אלכסנדר באלאס האט אויסגעפונען, אז פיר איהם איז זעהר וויכטיג, דאס דער אידי-שער פארשטעהער יונתן זאל זיין געניינגט צו איהם און זאל איהם העלפען אין זיינע אונטערנעהמונגען געגען דעמעטריוס'ן, און דערפאר האט ער איהם פערשפראכען פיעל פרייהייט פיר דאס אידישע פאלק. ער האט איהם ערסטענס בעשטימט אלס כהן גדול, ער האט איהם געשיקט א פורפור-נעם מאנטעל מיט א גאלדענער קרוין אלס כהן גדול, און האט פון איהם דערפאר פערלאנגט, אז ער זאל מיט איהם שליסען א בונד און העלפען איהם געגען דעמעטריוס'ן. יונתן האט מיט פערגניגען אנגענומען דאס אמט פון כהן גדול. אין דעם יום טוב סוכות (153 פ. קר.) איז יונתן ערשינען אין בית המקדש אין די רייכע קליידער פון א כהן גדול. דיזער אפיציעלער אי-

בערגאַנג פון דעם אַמט פון כהן גדול צו דער פּאַרטיי פון די חשמונאים נאָך דעם, ווי דאָס אַמט איז געווען אין דער מאַכט פון די העלעניסטען, האָט צוגעגעבען פיעל מוט דער פּאַרטיי פון די נאַציאָנאַליסטען. עס איז געווען קלאָר צו זעהן, אַז פיר דאָס אידישע פאָלק איז פיעל בעסער צו פעראייניגען זיך מיט אַלכסנדר באַלאַס איידער מיט דעמעטריוס'ן. דיזער האָט צוגע־שיקט צו יונתן שלוחים מיט גאָלדענע פערשפּרעכונגען צו פערברייטערן די אידישע אויטאָנאָמיע און האָט זיי זאָגאַר פערשפּראָכען צו בעפרייען פון פער־שיידענע אָפּצאָהלונגען, ווען זיי וועלען איהם צייגען טרייהייט און העלפען איהם אין זיין קאַמף מיט באַלאַס'ן. יונתן אָבער האָט זיך ענטזאָגט פון די גליקען, וואָס דעמעטריוס האָט איהם פערשפּראָכען. ווי עס שיינט האָט ער פערשטאַנען, דאָס דעמעטריוס איז צו שוואַך געגען באַלאַס'ן; עס קען זיין, דאָס יונתן האָט ניט געטרויט דעמעטריוס'ן, אַז ער וועט ווירקליך מקיים זיין די הבטחות, וואָס ער גיט אין דער צייט פון זיין נויט. דע־מעטריוס איז געווען האָפּנונגסלאָז, און צוויי יאָהר שפּעטער איז ער געפאַלען טויט אין אַ שטרייט (150 פ. קר.). אַלכסנדר באַלאַס איז דאַן געוואָרען קעניג פון סיריען.

דער גליקליכער צופאַל און דער פּאָליטישער פערשטאַנד פון יונתן האָט איהם לייכט פערשאַפט דעם צושטאַנד, צו וועלכען יהודה מכבי האָט גע־שטרעבט און האָט ניט געקענט דערגרייכען, ניט אַכטענדיג אויף זיינע גלענ־צענדע נצחונות. אַ מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַמיליע חשמונאים איז געוואָרען כהן גדול און אַ האַלב־זעלבשטענדיגער וואַסאַל פון דעם סירי־שען קעניג. אַלכסנדר באַלאַס האָט גערעכענט יונתן'ען פיר אַ זעהר איינ־פלוסרייכע פּערזאָן און האָט איהם איינגעלאַדען צו זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון דעם עגיפּטישען קעניג פּטאָלעמעאוס פילאָמעטער. ביים האָכ־צייטס־מאָהלצייט איז יונתן געזעסען נעבען דעם קעניג און מען האָט איהם געצייגט גרויס עהרע אַלס דעם פיהרער פון אַ פריינדליכער נאַציאָן. ווען אַ דעפּוטאַציע פון די העלעניסטען איז געקומען צום קעניג און האָט געפּרובט בעליידיגען יונתן'ען, האָט זי דער קעניג זאָגאַר ניט געוואָלט אויסהערען. דער קעניג האָט געגעבען יונתן'ען דאָס אַמט פון מיליטערישען און ציווילען הויפּטמאַן איבער יהודה.

אין פערלויף פון זיבעטע עטליכע יאָהר האָט יונתן פערנומען די שטעלע פון כהן גדול און אויבער־בעאַמטען איבער די מיליטערישע און ציווילע אַנגעלעגענהייטען אין לאַנד יהודה. דאָס לאַנד, וואָס איז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען אונטעריאָכט, איז געוואָרען האַלב־זעלבשטענדיג. אָבער דאָס

לאנד האט טריט ביי טריט פארטגעזעצט צו שטרעבען צו פאלשטענדיגער אונאפהענגיגקייט, וועלכע עס האט אין קורצען ווירקליך דערגרייכט, א דאנק די רייסעררייען, וואס זיינען פארגעקומען אין סירישען הויף צוליב דעם טראן.

אלכסנדר באלאס איז געווען א זעהר אונפעהיגער רעגירער, וויל ער איז געווען איבערגעגעבען צו זינדיגע פערגניגענס (תאוות), ווי אלע ארים-טאקראטען אין סיריען צו יענער צייט. אין יאהר 147 פ. קר. איז ארויס געגען איהם דעמעטריוס דער 2טער ניקאטאר, דער זוהן פון דעמעטריוס דעם 1טען סאטער. ניקאטאר, וועלכער האט זיך גע-רעכענט פיר דעם געזעצליכען טראן-פאלגער, האט צוגעצויגען אויף זיין זייט אפאללאניוס'ן, דעם שטאטהאלטער פון קעלע-סיריען, און האט אויך פערלאנגט, דאס יונתן זאל איהם זיין טריי. אבער דיזער האט געהאלטען מיט באלאס'ן, און דעריבער איז ארויס א שטרייט צווישען אפאללאניוס'ן און יונתן'ען. דער שטרייט איז פארגעקומען נעבען דער שטאדט **אשדוד**. יונתן האט געזיגט און האט מיט גרויס טריאומף זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים. אלכסנדר האט געשענקט יונתן'ען די אלטע שטאדט **עקרון** פון די פלשתים.

אבער אויך נאך דעם זיג פון יונתן'ען איבער אפאללאניוס'ן איז די לאגע פון אלכסנדר באלאס געווען זעהר ניט זיכער, וויל עס זיינען געגען איהם אויפגעשטאנען פיעלע פון די בירגער פון אנטיאכיא, ווי אויך א גרוי-סער טייל פון דער ארמעע. זאגאר זיין שווער, דער עגיפטישער קעניג פטא-לעמעאוס דער 6טער, איז געווארען זיין געגנער, און האט אפגענומען זיין טאכטער, וואס ער האט איהם געגעבען פיר א פרוי, און האט זי געגעבען צו דעמעטריוס'ן, וועלכער איז געווארען קעניג פון סיריען. אלכסנדר באלאס איז ענטלאפען נאך אראביען און איז דארט ערמארדעט געווארען (145 פ. קר.).

יונתן אבער האט ניט געוואלט אנערקענען דעמעטריוס'ן אלס דעם קע-ניג פון סיריען. ווי עס שיינט, האט ער פערשטאנען, דאס יעצט איז דער מאמענט גינסטיג צו בעקומען פאלשטענדיגע פאליטישע זעלבשטענדיגקייט פיר די אידישע נאציאן. ער האט בעלאגערט די פעסטונג אקרא, וואו עס זיינען געווען פערפעסטיגט די סירישע סאלדאטען און די העלעניסטען. דיזע טאט האט דעמעטריוס גערעכענט פיר א פערשווערונג געגען איהם און ער האט ארויסגעפאדערט יונתן'ען צו זיך אין פטאלעמאאידע פיר אן ערקלערונג אויף זיינע מעשים. יונתן איז געקומען צום קעניג געבען אן ערקלערונג, ער האט אבער די בעלאגערונג ניט אויפגעגעבען. ער האט גוט פערשטאנען,

דאָס דעמעטריוס געפינט זיך יעצט אין אזא צושטאנד, אז עס לוינט זיך איהם ניט קריגען מיט די אידען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס יונתן איז גע-ווען גערעכט אין זיין רעכנונג. דעמעטריוס האָט איהם אויפגענומען מיט עהרע, ווי עס פּאַסט פיר אַ מעכטיגען וואסאל. יונתן האָט געבעטען פון קעניג, אז ער זאָל בעפרייען דאָס לאנד יהודה פון אַלע אָפּצאָהלונגען און זאָל איהם אָפּגעבען דריי סאַמאַריטאַנישע פּראָווינצען. דער קעניג האָט איהם זיין וואונש נאָכגעגעבען; יונתן האָט איהם דערפאַר פערשפּראָכען זיין צו הילף, ווען ער וועט עס פון איהם פערלאַנגען, און האָט איהם אויך געגעבען 300 טאַלאַנטען זילבער פיר די 3 פּראָווינצען.

דעמעטריוס האָט זיך ווירקליך באַלד גענעטיגט אין די הילף פון יונתן'ען. טריפאָן, דער געוועזענער פעלדהערר פון אַלכסנדר באַלאַס, איז געוואָרען דער אָפּעקון פון אַלכסנדר באַלאַס'עס זוהן אַנטיאָכוס דעם 6טען, און איז אַרויס געגען דעמעטריוס'ן אָפּנעהמען פון איהם דעם טראָן און אַרויפזעצען אויף איהם אַנטיאָכוס'ן. אין אַנטיאָכיאַ איז געוואָרען אַ רעוואָלוציאָן געגען דעמעטריוס'ן. ער איז אַליין ניט געווען אין שטאַנד צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן און האָט געבעטען הילף ביי יונתן'ען. דיזער האָט איהם געשיקט 3,000 אידישע טיכטיגע סאָלדאַטען און מיט זייער הילף איז איהם געלונגען די רעוואָלוציאָן צו דערשטיקען. וואָס פיר אַ גרויסע איבערקעהרענים עס איז געשעהען אין אזא קורצער צייט! מיט 20 יאָהר צוריק האָט אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס געטרעטען מיט די פיס דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס ער האָט בעשלאָסען אין גאַנצען צו פערניכטען, און יעצט זיינען אידישע טרופּען געקומען אין אַנטיאָכיאַ, די הויפּטשטאָדט פון סיריען, צו מאַכען אָרדנונג און צו רעטען דעם גריכישען קעניג פון רעוואָלוציאָנערען.

דעמעטריוס האָט פערשפּראָכען יונתן'ען, פיר די הילף, וואָס ער האָט פון איהם פערלאַנגט, צו פערגרעסערן די אויטאָנאָמיע פון אידישען פאָלק און איבערצוגעבען איהם די פעסטונג אַקראַ און נאָך אייניגע אַנדערע פעס-טונגען אין יהודה, אין וועלכע עס זיינען געשטאַנען סירישע סאָלדאַטען. אָבער אַזוי באַלד, ווי די געפאַהר איז אַריבער, האָט ער זיין הבטחה ניט געוואָלט מקיים זיין און איז געוואָרען זאָגאַר פיינדליך צו יונתן'ען. דיזען האָט עס שטאַרק געקרענקט, און ער האָט בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון דעמעטריוס'ן, ווי נאָר עס וועט זיך מאַכען אַ געלעגענהייט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די געלעגענהייט איז געקומען. דעם אָפּעקון פון אַלכסנדר באַלאַס'עס זוהן אַנטיאָכוס דעם 6טען איז געלונגען צו בריינ-גען אויף זיין זייט אַ גרויסען טייל פון דער קעניגליכער אַרמעע. עס

האט אויסגעבראכען א שווערער קאמף צווישען די צוויי פרעטענדענטען אויף'ן סירישען טראן: צווישען אנטיאכוס דעם 6טען און דעמעטריוס דעם 2טען. טריפאן האט געשלאסען מיט יונתן'ען א נייעם בונד אויף בעדינגונגען, וואס זיינען געווען גוט פירביידע צדדים (144 פ. קר.). יונתן האט בעקומען פיר דאס אידישע פאלק אלע פריוויליגיעס, וועלכע ער האט פערלאנגט פון דעמעטריוס'ן. יונתן'ס ברודער, שמעון, איז ערנאנט געווארען אלס אויבער-קאמאנדיר איבער די בעזאפענטע אין פאלעסטינא, און האט בעקומען די פולמאכט ארויסצוטרייבען פון לאנד יהודה אלע סאלדאטען פון דעמעטריוס'ן. דאס האט געגעבען די חשמונאים א גרויסע מאכט, וועלכע זיי האבען בענוצט פיר אנטיאכוס דעם 6טען, אבער מעהר פיר זיך זעלבסט.

יונתן האט געהאט אייניגע נצחונות איבער דער ארמעע פון דעמעטריוס דעם 2טען, האט איינגענומען אייניגע שטעדט, וועלכע ער האט איבערגעגעבען צו אנטיאכוס דעם 6טען, און איז ענדליך צוריקגעקומען אין ירושלים. דארט האט ער פערזאמעלט די אידישע זקנים פון ראט, און מיט זייער איינשטימונג האט ער בעשלאסען צו בעפעסטיגען ירושלים און נאך אנדערע וויכטיגע שטעדט אין יהודה. אין ירושלים זעלבסט האט ער געלאזט מאכען א וואנט, וואס זאל בעשיצען דעם הייליגען טייל פון שטאדט, וואו דער טעמפעל איז געשטאנען, געגען דעם סירישען גארניזאן, וואס איז געשטאנען אין דער פעסטונג אקרא. אין דער זעלבער צייט האט שמעון בעפעסטיגט די שטעדט, וואס זיינען געשטאנען אויף'ן גרענעץ פון לאנד יהודה, האט איינגענומען בית-צור, האט פון דארט ארויסגעטריבען די סירישע סאלדאטען פון דעמעטריוס דעם 2טען און האט דארט אריינגעשטעלט אידישע סאלדאטען, דאן האט ער איינגענומען די שטאדט יפו און דארט געמאכט א פעסטונג צו בעשיצען דאס לאנד יהודה. אזוי האבען די חשמונאים בילאכווייז פארברייטערט די אומשטענדען צו געווינען פיר די אידען פולע זעלבשטענדיגקייט.

יונתן האט געשיקט א געזאנדטשאפט צום סענאט אין רוים צו בענייען דעם בונד, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען יהודה מכבי און דעם סענאט. די געזאנדטשאפט האט געהאט א פאלשטענדיגען ערפאלג. דיזעס איז געווען אין יענער צייט זעהר וויכטיג, ווייל די צוויי ברידער פון די חשמונאים, יונתן און שמעון, אייננעהמענדיג אייניגע שטעדט פיר אנטיאכוס דעם 6טען אלס בעפאלמעכטיגטע קאמאנדירען פון איהם, האבען צוגענומען אייניגע שטעדט פיר זיך און האבען זיי פעראייניגט מיט'ן לאנד יהודה. דערצו האבען זיי געמוזט האבען די צושטימונג פון רוים. דאס האט בע-

מערקט טריפאָן, דער אָפּעקון פון אנטיאָכוס דעם 6טען, און האָט בעשלאָסען צו טאָן עטוואָס געגען דעם. ער האָט גוט געוואוסט, דאָס עס איז געפעהרליך ארויסצוגעהן אין אָן אָפענעם שטרייט מיט יונתן׳ען, אין ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו בעגעהן בעטרוג. ער האָט אָנגעהויבען מאַרשירען מיט זיין ארמעע נאָך יהודה. יונתן האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַן ארמעע און איז ארויס געגען טריפאָן׳ען. דיזער לעצטער האָט בעגעגענט יונתן׳ען זעהר פריינדליך און האָט זיך געוואונדערט, וואָס יונתן דענקט וועגען איהם שלעכ-טעס אין דער צייט, וואָס עס איז גאָר ניטאָ קיין אורזאַך, אַז עס זאָל זיין צווישען זיי אַ שאָטען פון שנאה. ער האָט איינגערעדט יונתן׳ען, אַז ער זאָל פערנאַנדערלאָזען זיין ארמעע און געהן מיט איהם נאָך פּטאָלעמאַאידאַ, וואו ער וועט מיט איהם פערהאַנדלען וועגען איבערגעבען אייניגע שטעדט צום לאַנד יהודה. יונתן האָט איהם געגלויבט און איז מיט איהם געגאַנגען נאָך פּטאָלעמאַאידאַ. דאָרט האָט ער יונתן׳ס סוויטע ערמאָרדעט און איהם האָט ער אריינגעוואָרפען אין געפענגניס (143 פ. קר.).

ווען שמעון האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט יונתן׳ען, איז ער באַלד געקומען אין ירושלים. דאָרט האָט איהם דאָס פאָלק ערוועהלט אַלס זיין פיהרער אַנשטאָט יונתן׳ען. שמעון האָט בעשלאָסען טאָן אַלץ וואָס איז מעגליך אום צו בעפרייען זיין ברודער. ער איז אַרויס געגען טריפאָן׳ען מיט אַ היבשער מאַכט פערטיג צו מלחמה. טריפאָן האָט בעגאַנגען אַ נייע געמיינע טאַט. ער האָט געשיקט זאָגען שמעון׳ען, דאָס ער איז גרייט אַרויס-צוגעבען יונתן׳ען, ווען ער, שמעון, וועט איהם געבען 100 טאַלאַנטען זילבער און יונתן׳ס צוויי זיהן אַלס משכון, דאָס ער וועט געגען איהם מעהר ניט שטרייטען. שמעון האָט אַפילו גערעכענט, דאָס דער נידערטרעכטיגער גריף מיינט עס ניט באמת, ער האָט אָבער בעשלאָסען נאָכצוגעבען זיינע פאָדערונ-גען, אום מען זאָל ניט זאָגען, דאָס ער האָט ניט געטאָן אַלץ וואָס איז מעג-ליך צו רעטען דעם ברודער׳ס לעבען. און ווירקליך איז עס געשעהען, ווי שמעון האָט פאָרויסגעזעהען. דער מערדער טריפאָן האָט צוגענומען דאָס זילבער און די קינדער פון יונתן און האָט נאָכדעם ערמאָרדעט יונתן׳ען אין באַסקאַם, אויף יענער זייט ירדן (143 פ. קר.). שמעון׳ען איז געלונגען אַרויס-צוקריגען יונתן׳ס טויטען קערפּער און ער האָט איהם מקבר געווען אין מאָ-דים אין דעם פאַמיליען-גראַב. אזוי איז געפאַלען דער גרויסער העלד און גרויסער פּאָליטיקער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געבראַכט דאָס אי-דישע לאַנד און פאָלק צום שוועל פון פּאָליטישער פרייהייט.

עס איז געבליבען נאָר איין שריט ביז דער פאָלשטענדיגער פּאָליטישער פרייהייט פון לאַנד יהודה. און דיזען שריט האָט געמאַכט שמעון החשמונאי.



מטבעות פון דער צייט פון די מאקאבעער.

אויפשריפטען: 1) A ירושלים קדשה; B שקל ישראל. 2) A חצי השקל, שב (שנה ב׳); B ירושלים הקדושה. 3) A לחרות ירושלם; B רעכטס: שמ, לינקס: עונ (שמעון). 4) A שמעון נשיא ישראל; B (שנה אח)ת לגאלת ישראל. 5) A שמעון נשיא ישראל; B שנה אחת לגאלת ישראל. 6) A חצי... שנת ארבע; B לגאלת ציון.

ער האט בעפעסטיגט ירושלים, האט צוגענומען די שטאדט יפו, וועלכע איז פיר ירושלים זעהר וויכטיג, ווייל זי איז געווען א האפען־שטאדט ביים מיט־לענדישען מעער. פיעל האבען איהם געהאלפען די רייסערייען אין סיריען פיר דעם טראן. טריפאן האט ערמארדעט אנטיאכוס דעם 6טען, דעם יונגען קעניג, וועמעס אפעקון ער איז געווען, און איז זעלבסט געווארען קעניג פון סיריען. דאמאלס איז שמעון אפען ארויס געגען איהם און האט געשלאסען א בונד מיט דעמעטריוס דעם 2טען, אבער ניט אלס יואסאל, נאר אלס זעלבשטענדיגער הערשער. דעמעטריוס האט אנערקענט די פאלשטענדיגע פרייהייט פון אידישען פאלק און האט זיך ענטזאגט פון יעדען רעכט צו פא־דערן פון די אידען וועלכע עס איז שטייערן (142 פ. קר.).

באלד נאכדעם האט שמעון גענומען ארויסטרייבען די גריכישע חיל פון אקרא. ער האט בעלאגערט די פעסטונג, האט ניט צוגעלאזען קיין שפייז צו די בעלאגערטע, ביז זיי האבען זיך געמוזט אונטערגעבען. דעם 23טען אייר איז די פעסטונג איינגענומען געווארען און דאס פאלק איז אהין אריין מיט גרויס פרייד, מיט לולבים אין די הענט און מיט גרויס געזאנג, מיט שירים און מזמורים פון תהלים. דיזער טאג איז יאהרען־לאנג געפייערט געווארען פון אידישען פאלק אלס א גרויסער נאציאנאלער יום טוב.

יעצט איז געווען די אויפגאבע פון שמעון'ען צו זיכערן די ערווארבענע פרייהייט און איינצואורדנען א ריכטיגע רעגירונג. דאס אמט פון כהן גדול, וועלכעס איז פריהער געווען בירושה אין דער משפחה פון די כהנים פון די בני צדוק, איז אריבער צו יונתן החשמונאי נאך דעם, ווי יאזאן פון די בני צדוק איז געווארען אונטריי דעם אידישען גלויבען און דער אידישער נאציאן. יעצט איז אויך די פאליטישע מאכט דורך דעם גאנג פון דער געשיכטע אריין אין די הענט פון די חשמונאים. אזוי האבען זיך קאנצענטרירט די פאליטישע און די רעליגיעזע מאכט אין איין האנט. דעם 18טען אלול פון דעם יאהר 141 (פ. קר.) האט דאס פאלק אנערקענט שמעון החשמונאי אלס נשיא און כהן גדול, און האבען בעשטימט, דאס דיזער טיטעל זאל זיין ערבליך צו זיינע קינדער, מיט אלע רעכטען פון א קעניג. עס איז פערפאסט געווארען א קאנסטיטוציאן, פון וועלכער די הויפט־פונקטען זיינען אויסגעקריצט געווארען אויף קופערנע טאפלען, וועלכע זיינען אוועקגעלעגט געווארען אין בית המקדש.

די נייע אידישע רעגירונג האט דאמאלס ארויסגעלאזען אייניגע מטבעות: שקלים און האלבע שקלים, אויף וועלכע עס זיינען געווען די ווערטער

„ירושלים הקדושה", דאס יאהר (דער 1טער פון דער רעגירונג פון שמעון) און דער ווערט פון דער מטבע (שקל, חצי שקל).

אום צו פערזיכערן זיך געגען אנפאלען פון שונאים, האט שמעון גע־שיקט א געזאנדטשאפט צום סענאט אין רוים צו בענייען דעם בונד, וואס די פריהערדיגע חשמונאים האבען געשלאסען מיט'ן סענאט. דיזער האט אויפגענומען די געזאנדטע זעהר העפליך און האט זיי גאראנטירט, דאס רוים וועט ניט ערלויבען קיינעם אנגרייפען דאס אידישע לאנד. דער סענאט האט וועגען דעם געגעבען צו וויסען אין עגיפטען, סיריען און אין די זעלב־שטענדיגע שטעדט אין קליין־אזיען (139 פ. קר.).

ה. די אידישע ליטעראטור אין דער צייט פון דער גריכישער הערשאפט.

אין דעם 3טען יאהרהונדערט פ. קר. זיינען די אידען אין ארץ ישראל צום ערסטען מאל בעקאנט געווארען מיט דער גריכישער קולטור. אנפאנגס האט דער גריכישער גייסט ניט געשאדט דעם אידישען רעליגיעזען גייסט, וועלכער האט געשלאגען טיפע ווארצלען אין פאלק פון דער צייט פון עזרא'ן. אין געגענטייל, די גריכישע קולטור האט זיי אנפאנגס געעפענט די אויגען צו זעהן און בעטראכטען אזעלכע זאכען, פון וועלכע זיי האבען פריהער גאר־נישט געוואוסט.

די נייעסטע פארשער פון דער אידישער געשיכטע און ליטעראטור פון יענער אלטער צייט זיינען געקומען צום בעשלוס, דאס אין דער צייט, ווען די פטאלעמעער האבען געהערשט אין לאנד יהודה, זיינען פערפאסט געווארען צוויי ווערק, וועלכע זיינען אריינגענומען געווארען אין תנ"ך אויף דעם נאמען פון שלמה המלך. דיזע ווערק זיינען: ש י ר ה ש י ר י ם און ק ה ל ת. אבער ביידע זיינען פערפאסט געווארען פון אידישע חכמים אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכישער קולטור. אין שיר השירים בעזינגט דער פער־פאסער די ליבע פון א שענער הירטין (פאסטושקע), שולמית, צו איהר גע־ליבטען פאסטוך, און עס רייצען איהר ניט די רייכטימער פון קעניג שלמה, וועלכער האט זי גענומען צו זיך אין זיינע פאלאצען. אין דיזער פאעמע הערען זיך די אפקלאנגען פון די גרויסע גריכישע ליריקער, מיט זייער ליבע צום לעבען, אבער זי איז דא אזוי פעראידישט, דאס די נאכאהמונג איז ניט צו דערקענען. אין דיזער פאעמע ווערט בעזונגען די נאטור מיט דער ערדעל־סטער ראמאנטישער ליבע. אבער די ליבע איז דא אזוי אונשולדיג, אזוי נאאיוו, דאס זי ערשיינט צו זיין געטליך. ניט אומזיסט האבען די אידישע

חכמים פון שפּעטערע דורות געזעהען אין דיזער ליבע די היילינגע געפיהלען פון דעם אידישען פאָלק צו זיין גאָט, און האָבען דעריבער דיזע פּאָעמע אריינגענומען אין תנ"ך. די ליבענדע שולמית ענטלויפט פון די שענסטע קעניגליכע פּאַלאַצען, איהר איז דאָרט ענג, שטיקענד די לופט, איהר ציהט אין פעלד, אין די וויינגערטנער פון עין גדי, אויף די בערגלאַך, וואָס זיינען בעדעקט מיט שמעקענדע בלומען. זי בערגעטערט די נאַטור און ווערט פון איהר בעגייסטערט. „די ליבע", זאָגט שולמית, „איז שטאַרק ווי דער טויט. קיין ימים קענען זי ניט פערלעשען, קיין גרויסע טייכען קענען זי ניט פערפלייצען. איהרע פיילען זיינען פייער, געטליכעס פייער".

דאָס אַנדערע ווערק פון יענער צייט, קהלת, איז דער היפּך פון שיר השירים. קהלת איז דורכגעדרונגען מיט אַ פילאָזאָפישען סקעפּטיציזם (צווייפלען אין אַלעם). די תלמודיסטען, וועלכע האַלטען, דאָס דיזעביידע ווערק, שיר השירים און קהלת, זיינען פון איין און דער זעלבער פּערזאָן, פון שלמה המלך, דאָס ביידע זיינען דער פּראָדוקט פון דעם פערשיידענעם עלטער פון דעם מענשען, זאָגען וועגען דעם: „ווען אַ מענש איז יונג זינגט ער פרעהליכע לידער, ווערט ער אָבער אַלט, זאָגט ער „הכל הבל", „אַלעס איז גאָרניט". שיר השירים, זאָגען זיי, האָט שלמה געשריבען אין זיין יוגענד, דעריבער איז דאָרט אויסגעדריקט אַ לעבען פול מיט פרייד, דער פריהלינג פון דער נאַטור שיינט, די יונגע ליבע בליהט; אין קהלת, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען פון שלמה'ן אויף דער עלטער, דריקט ער אויס דעם אומעטיגען גייסט פון דער עלטער פון אַ מענשען, וועלכער האָט אַלעס געהאַט אין זיין לעבען, אָבער ער האָט ניט געפונען אין קיין זאַך קיין צוועק. ער האָט גענאָסען אַלע פערגניגענס, ער האָט גוט געגעסען, גוט געטרונקען, זיך פיעל געפרייט; ער האָט זיך אויך בערייכערט מיט וויסען, מיט קענטניסען, אָבער לסוף איז ער געקומען צום שלוס, אַז „הכל הבל", דאָס אַלעס האָט ניט קיין ווערט, מען קען ניט וויסען, וואו איז דער אמת און וואו איז דער שקר, וואָס איז ווירקליך גוט און וואָס איז ווירקליך שלעכט; אין דער וועלט איז אַלעס צונויפגעמישט, אויף יעדען שריט און טריט בעגעגענט מען פראַגען, וואָס מען האָט ניט אויף זיי קיין ענטפער. און דער סוף פון אַלעס איז דער טויט, וועלכער גלייכט אויס אַלעס. דער גוטער, דער שלעכטער, דער קלוגער, דער נאַרישער, דער גליקליכער, דער אונגליקליכער — אַלע ווערען נאָך דעם טויט גלייך. דער מענש האָט ניט קיין פאָרצוג געגען אַ טיער. דאָס גאַנצע לעבען האָט ניט קיין ריכטיגען ווערט, וויל ער איז אַ שפּילצייג אין די הענט פון צופאַל. זאָגאַר דער פערשטאַנד פון מענשען טוט איהם ניט

קיין גוטעס, אין געגענטייל, ער פערשאַפט איהם נאָר ליידען, ווייל מיט זיין פערשטאַנד ווייס דער מענש, דאָס ער מוז שטאַרבען, וועהרענד אַנדערע לעבעדיגע זאַכען האָבען ניט קיין אַהנונג פון טויט איידער ער קומט. „צו וואָס איז די גאַנצע מיה פון דעם מענשען? וואָס איז דער צוועק פון מענשען'ס לעבען?"

דער פּערפאַסער פון קהלת קעהרט זיך אום אָפט צו דעם גדאַנק, דאָס עס איז בעסער, אַז דער מענש זאָל גאָר ניט טראַכטען וועגען קיין זאַך, ניט פאָרשען צו פיעל, נאָר לעבען מיט דער מינוט, כל זמן עס לעבט זיך. אָבער אויך דאָס איז ניט קיין צוועק, זאָגט ער. דעריבער גיט ער אַן עצה: לעזט גאָר ניט קיין ביכער, וועניגסטענס פילאָזאָפישע ביכער, ווייל עס איז אָהן אַן ענדע, מען קען פון זיי אויך גאָרניט אַרויסקריגען קיין בעשטימטעס. דאָס בעסטע איז: „האָב מורא פאַר גאָט, טו זיינע געבאָט, ווייל דאָס איז דער צוועק פון לעבען". צוליב דיזע ווערטער איז דער ספר קהלת אַריינגענומען געוואָרען אין תנ"ך. דאָך שטעהט דיזעס בוך אין גראַד פון הייליגקייט אונטער אַלע אַנדערע ספרים פון די כתבי הקודש (תנ"ך).

צווישען 200 און 170 פ. קר., ווען די הערשער אין פּאַלעסטינאַ זיינען געוואָרען די סעלייקידען אָנשטאָט די פּטאָלעמעער, איז פערפאַסט געוואָרען אין יהודה אַ ווערק פון לעהר־שפּרוכען פון יהושע בן סירא. דיזער יהושע האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם כהן גדול שמעון דעם 2טען (הצדיק) און איז געוועזן איינער פון די סופרים פון יענער צייט. ער האָט ערוואָרבען פיעל וועלטליכע בילדונג און מעהר פון אַלעם — פיעל ערפאַהרונג. „ווער עס האָט ניט געהאַט קיין ערפאַהרונג", זאָגט ער, „דער ווייס ווייניג; ווער עס האָט פיעל געאירט, דער איז אמת קלוג. איך האָב פיעל געזעהען, רייזענדיג פון איין אָרט אין אַנדערען; איך האָב מעהר געוואוסט און ווייניג גערעדט. איך בין פיעלע מאָל געוועזן אונטערוואָרפען אונטער טויט־געפאַהר, אָבער איך האָב זיך גערעטעט, אַ דאַנק מיין ערפאַהרענהייט". די שפּריכווערטער פון בן סירא האָבען אַ גרויסע עהנליכקייט צו די שפּריכווערטער פון שלמה (משלי שלמה), וועלכע זיינען אַ ספר פון די כתבי הקודש (תנ"ך). בן סירא איז ניט זעהר ענטציקט פון לעבען און איז ניט בייז אויף דאָס לעבען. ער בעטראַכט דאָס לעבען מיט אַ קלאָרען פערשטאַנד און גיט עצות ווי דורכצופיהרען דאָס לעבען מיט נוצען. צו פיעל אַריינלאָזען זיך אין פילאָזאָפירען, דענקען און פאָרשען, הייסט ער ניט. „זוך ניט קיין זאַכען, וואָס זיינען טיף פערבאָרגען פון דיר. גענוג, אַז דו ווייסט וויסען דאָס, וואָס איז צוגענגליך צום מענשליכען פערשטאַנד".

זיין מאראל איז געגרינדעט אויף'ן פרינציפ, דאס דער מענש מוז ער-
פילען זיין פליכט, און דאס ער האט א פרייען ווילען צו טאן וואס ער וויל,
און ער איז דעריבער פעראנטוואָרטליך פיר זיינע מעשים. ער איז זעהר
שטרענג אין דער מאראל פון פאמיליען-לעבען. ער ווארנט מענער, אז זיי
זאלען זיך ניט נאכגעבען די תאוות צו פרעמדע פרויען, און ער ראט שטארק
אכטונג צו געבען אויף די אויפפיהרונג פון יונגפרויען. ער לערנט, אז צו
קינדער דארף מען זיין זעהר שטרענג, און זיי אפט בעשטראפען פיר א פער-
ברעכען. דאס לעבען בעטראכט ער אלס א זעהר שווערע אויפגאבע, צו
וועלכער דער מענש מוז ווערען גוט פארבערייט. ער רעקאמענדירט אויף
יעדען טריט מעסיגקייט. א געזונטער קערפער איז דער בעסטער רייכטום;
א גוטער מוט איז די בעסטע פרייד. יעדער מענש מוז זיך אליין שעצען,
לויט זיין פערדינסטען און זיין ווערט, וואָרים ווער וועט איהם שעצען, ווען
ער ערנידריגט זיך זעלבסט? אין די פראגען פון לעבען ראט ער צו האלטען
זיך אן דעם גאלדענעם מיטעל-וועג. דער מענש מוז זיך אימער רעכנען ניט
מיט דעם, ווי עס וואלט בעדארפט זיין, נאר מיט דעם, ווי עס איז. דער
ספר פון בן סירא איז אָריגינעל געשריבען געוואָרען אין העברעאיש. נאכ-
דעם האט איהם דעם מחבר'ס אן ענינקעל איבערזעצט אין דער גריכישער
שפראך. מיט דער צייט איז דער העברעאישער אריגינאל פערפאלען געוואָרען.
ניט לאנג האבען די געלעהרטע געפונען א גרויסען טייל פון א העברעאישען
טעקסט פון בן סירא, אבער דיזער איז ניט דער ריכטיגער אריגינאל, נאר ער
איז געשריבען געוואָרען אין 11טען און 12טען יאהרהונדערט נ. קר.

אויך פון דער צייט פון די רעליגיאנס-פערפאלגונגען און מארטירערטום
פון אידישען פאלק, פון דער צייט פון אנטיאכוס עפיפאנעס, זיינען געבליבען
שפורען אין דער אלטער אידישער ליטעראטור. דער קאפיטעל ע"ד אין
תהלים איז נאך דער מיינונג פון די גרעסטע קריטיקער פערפאסט געוואָרען
אין יענער טרויעריגער צייט, ווי עס צייגען קלאר פאלגענדע ווערטער:

למה אלהים זנחת לנצח...
שאגו צורריך בקרב מועדיך...
שלחו באש מקדשך, לארץ חללו משכן שמך...
עד מתי אלהים יחרף צר?...

אָה, גאָט! וואָרום האסטו אונז אזוי לאנג פערלאָזען?
די פיינד שטורמען אין דיינע הייליגטימער...

דיין הייליגען טעמפעל האָבען זיי פערברענט...

אָה, גאָט! ביז ווי לאַנג וועט דער דריקער שימפען?...

אויך דער קאַפּיטעל ע"ט דריקט אויס דעם טיפען טרויער פון יענער פינסטערער צייט:

אלהים! באו גוים בנחלתך,

טמאו את היכל קדשך,

שמו את ירושלים לעיים,

נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים,

בשר חסידיך לחיתו ארץ.

שפכו דמם כמים סביבות ירושלים...

אָה, גאָט! עס זיינען אריין באַרבאַרען אין דיין אָרט,

האָבען פעראונרייניגט דיין הייליגען טעמפעל,

האָבען פערוואַנדעלט ירושלים אין חורבות,

האָבען אָפּגעגעבען די טרופּען פון דיינע קנעכט צו די פויגלאַך פון הימעל,

די קערפּערס פון דיינע חסידים — צו די חיות פון דער ערד.

זיי האָבען פערגאָסען זייער בלוט ווי וואַסער אַרום ירושלים...

אויך דער ספר דניאל, וואָס איז אַ טייל פון דער הייליגער שריפט (תנ"ך), איז פערפאַסט געוואָרען אין יענער ביטערער צייט פון דער אידישער געשיכטע. אין די ערסטע קאַפּיטלאַך פון דעם ספר ווערט דערצעהלט, דאָס ווען נבוכדנאצר האָט איינגענומען ירושלים, האָט ער גענומען פון דער אידישער אריסטאָקראַטיע איינינע יונגע לייט, האָט זיי געבראַכט נאָך בבל, וואו מען האָט זיי געגעבען באַבילאָנישע בילדונג, אום זיי זאָלען קענען זיין בעאַמטע אין קעניגליכען הויף. צווישען דיזע יונגע לייט האָבען זיך געפונען: דניאל, חנניה, מישאל און עזריה. דיזע האָבען ניט געוואָלט עסען די שפייז, וואָס מען האָט זיי געגעבען פון קעניגליכען טיש, און האָבען נאָר געלעבט מיט גאָרטען־פרוכט און וואַסער, און דאָך האָבען זיי אויסגעזעהען שען און געזונט. ווייטער ווערט דערצעהלט אין דיזען ספר, דאָס נבוכדנאצר האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסען גאָלדענעם בילד אין דעם טאָל דורא און האָט געפאָדערט, דאָס אַלע זיינע אונטערטאַנען זאָלען זיך בוקען צו איהם ווי צו אַ גאָט. נאָר חנניה, מישאל און עזריה האָבען צו דיזען אָפּגאָט ניט געוואָלט בוקען זיך, און דערפאַר האָט מען זיי

אריינגעוואָרפען אין אַ ברענענדען קאַלך־אויווען; אָבער דאָ איז געשעהען אַ נס, דאָס די יונגע לייט זיינען ניט פערברענט געוואָרען, זאָגאר זייערע האָאר זיינען ניט פערסמאַליעט געוואָרען. ענדליך ווערט דערצעהלט אין ערסטען טייל, ווי נבוכדנאצר איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווילדעס טיער, און האָט זיבען יאָהר געלעבט אין וואַלד צווישען חיות און האָט זיך געשפּייזט גלייך מיט זיי פון גראָז און בוים־בלעטער. דיזע אַלע ערצעה־לונגען זיינען דאַמאַלס, אין דער צייט פון אנטיוכוס הרשע, געווען אַ דבר בעתו. מען האָט דערמיט בעצוועקט איינצופּלאַנצען אין פאָלק דעם גלויבען, דאָס אויך אין די פריהערדיגע צייטען זיינען אידען געווען אָפּגעהיט פון צו עסען פון גוי׳אישע מאכלים און האָבען ניט געוואָלט דינען צו זייערע געטער, און דערפאַר האָט גאָט מיט זיי געטאָן נסים, און די שלעכטע קעניגען, די רשעים, זיינען געשטראָפט געוואָרען פון גאָט פיר די מעשים רעים, וואָס זיי האָבען געטאָן דעם אידישען פאָלק, און דעריבער זאָל מען ניט פערלירען די האָפנונג, דאָס אויך מיט די אידען פון דער צייט פון אַנטיאָכוס׳ן וועט גאָט טאָן נסים, ווען זיי וועלען זיך האַלטען פעסט ביי זייער גלויבען, און דער רשע, וואָס דריקט זיי, וועט אויך בעשטראָפט ווערען ווי נבוכדנאצר.

אין צווייטען טייל פון ספר דניאל שטעלט דער פערפאַסער פאָר אַלע־גאָריש (פערשטעלט) די געשיכטע פון דער גריכישער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע סעלייקום אין פּאַלעסטינא, די מלחמות, וואָס קומען פאָר צווישען די מלכי הנגב (עגיפּטען) און מלכי הצפון (סיריען). די ליידען פון עם קודש (אידען) פון דער טיראַניי פון דעם סירישען הערשער (אַנטיאָכוס עפּי־פאַנעס), וועלכער וועט צושטערען דעם געטליכען דינסט אין טעמפּעל (קרבן התמיד) און וועט אויפשטעלען אַן אַלטאַר צום גריכישען אָפּגאָט (שקוץ משומם), וועט שטיצען די מרשיעי ברית (מענעלאַוס מיט די העלעניסטען), וועט דריקען די פּאַרטיי חסידים, אָבער ענדליך וועט ער האָבען אַ שרעקליכע מפּלה, און עס וועט געגרינדעט ווערען אַ נייע מלוכה, אַ מלוכה פון לויטער הייליגע, וועלכע וועט עקסיסטירען פיר אימער.

די ערסטע צייט, וואָס די צוויי פעלקער, די גריכען און די אידען, האָ־בען זיך בעגעגענט און זיינען נאָהענט צוזאַמענגעקומען, זיינען זייערע פער־שיידענע קולטורען געווען זעהר פרעמד איינע צו דער אַנדערער. דעריבער געפינען מיר ביי די גריכישע שרייבער פון יענער צייט זעהר פערשיידענע מיינונגען וועגען דעם אידישען פאָלק און זייער קולטור. די תלמידים פון דעם גרעסטען פילאָזאָף צווישען די גריכען, אריסטאָטעל, דעם לעהרער פון אלכסנדר מוקדון, בעשרייבען אידען אַלס אַ פאָלק פון פילאָזאָפען, אַלס

די נאכפאלגער פון די פילאזאפען פון אינדיען. דער גריכישער היסטארי־קער פון דער צייט פון פטאלעמעאוס דעם 1טען, העקאטעאוס פון אבדערא, האט אויספיהרליך בעהאנדעלט אין זיין געשיכטע פון עגיפּטען די אידישע געשיכטע, זייער ארויסגעהן פון מצרים, די געזעצגעבונג פון משה'ן, זייערע מלחמות מיט די קעניגען פון כנען, דעם טעמפעל. די אידען, שרייבט ער, האבען לויט די געזעצען פון משה'ן זיך בעדארפט רעגירען אלס א רעפובליק, ניט אלס א מאנארכיע, נאר דער כהן גדול איז געווען די העכסטע פערזאן אין דער רעגירונג; זיי לעגען זעהר פיעל געוויכט אויף די ערציהונג פון זייערע קינדער, אבער אין די לעצטע צייטען, אונטער דער הערשאפט פון די נאכפאלגער פון אלכסנדר מוקדון, האבען זיי זיך פיעל געענדערט און האבען געביטען זייערע אלטע געוואוינהייטען.

עס האבען זיך שוין אבער דאמאלס געפונען צווישען די גריכען שרייבער, וואס האבען די אידען שרעקליך געהאסט און האבען אויף זיי אויסגע־טראכט אלערליי שקרים און בלבולים. איינער פון די וויכטיגסטע פון די־זען סארט איז געווען מאנעטהאן, אן עגיפטישער פריסטער פון דער צייט פון פטאלעמעאוס דעם 2טען. ער האט געשריבען אין דער גריכישער שפראך אן אויספיהרליכע געשיכטע פון עגיפטען. „די אידען", שרייבט ער אין זיין געשיכטע, „זיינען אלע געווען אויסזעציגע (מצורעים), וועלכע דער עגיפטישער קעניג אמענאפיס האט געצוואונגען צו ארבייטען אויף די בערג, וואו זיי האבען געמוזט האקען שטיינער. משה איז פריהער גע־ווען א פריסטער אין עגיפטען. מיט דער הילף פון די פאסטוכער, וואס זיינען בעקאנט אין דער געשיכטע מיט'ן נאמען „היקסאס", האט ער ארונטערגעזעצט דעם עגיפטישען פרעה און איז געווארען הערשער אין לאנד און האט גענומען די אידישע מצורעים אונטער זיין שוץ. אבער ענדליך זיינען די מצורעים ארויסגעטריבען געווארען פון לאנד. משה, וועלכער האט פריהער אלס עגיפטישער פריסטער געטראגען דעם נאמען אסארסיפא, האט זיי, די מצורעים, נאך דעם, ווי זיי זיינען ארויסגע־טריבען געווארען פון מצרים, געגעבען נייע געזעצען, אין וועלכע ער זאגט זיי אן ניט צו גלויבען אין די געטער פון מצרים און צו פערניכטען די היי־ליגע טיערען, וואס די מצריים פערגעטערן".

אין יענער צייט האט אויך א כאלדעאישער פריסטער פון טעמפעל בל אין בבל, מיט'ן נאמען בעראסוס, בעהאנדעלט די אידישע געשיכטע אין זיין ווערק איבער דער געשיכטע פון בבל. ער איז אבער צו אידען ניט געווען אזוי פיינדליך, ווי דער עגיפטישער מאנעטהאן. בעראסוס בעשרייבט

די געשיכטע פון מבול לויט דעם, ווי זי ווערט דערצעהלט פון די בבליים, און וועלכע איז זעהר עהנליך צו דעם, ווי עס ווערט וועגען דעם דערצעהלט אין דער ביבעל. ער דערצעהלט דארט אויך וועגען דעם חורבן ירושלים און בית המקדש, און ווי די אידען זיינען פערטריבען געווארען אין בבל אלס געפאנגענע פון נבוכדנאצר, דעם קעניג פון בבל.

די אידען האבען שוין אין 3טען יאהרהונדערט פ. קר. גוט געוואוסט די גריכישע ליטעראטור און האבען אנגענומען זייער קולטור. פיר די גריכעי אבער איז די אידישע שריפט געווען א סארט רעטענים. אין יענער צייט האבען די אידען אין אלעקסאנדריען בעשלאסען איבערצוזעצען זייערע היילינע שריפטען אין דער גריכישער שפראך. זיי האבען געוואלט ווייזען די העלעניסטען, וואס פיר אן ערהאבענע ליטעראטור זיי בעזיצען, אום זיי זאלען האבען מעהר רעספעקט פאר'ן יודענטום, און פילייכט אויך צו ווירקען אויף די וועלט-אנשויאונג פון די גריכען זעלבסט. אויסער דעם איז די איבערזעצונג געווארען פיר די אידען אין אלעקסאנדריען א נויטווענדיגקייט. די העברעאישע שפראך האבען פערשטאנען נאר די געלעהרטע, דאס פאלק אבער האט גערעדט און געלעזען נאר גריכיש. עס איז געווארען נעטיג איבערצוזעצען די ביבעל אין גריכיש אום דאס פאלק זאל פערשטעהן די היילינע שריפטען.

דאס ערסטע האט מען איבערזעצט די תורה (חמשה חומשי תורה). אין א דאקומענט, וואס איז געשריבען געווארען אין 2טען יאהרהונדערט פ. קר., בעוואוסט אונטער'ן נאמען „דער בריף פון אריסטעאס", ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון דיזער איבערזעצונג. דער קעניג פטאלעמעאוס דער 2טער פילאדעלפוס האט געוואלט הנבען אין זיין גרויסער ביבליאטעק אויך די אידישע היילינע שריפטען. צו דיזען צוועק האט ער געשיקט א געזאנדטשאפט נאך ירושלים צום כהן גדול אליעזר און האט פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל איהם צושיקען געלעהרטע אידען, וואס ווייסען גוט די היילינע שריפטען און קענען אויך גרינדליך די גריכישע שפראך, אום זיי זאלען איבערזעצען די אידישע תורה אין גריכיש. דער כהן גדול האט צוגעשיקט צום קעניג אין אלעקסאנדריען 72 אידישע געלעהרטע זקנים מיט ספר-תורה'ם איבערצוזעצען זיי פון העברעאיש אין גריכיש. דער קעניג האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך, האט מיט זיי לאנג פערבראכט און געשפראכען איבער רעליגיאן, פילאזאפיע, עטהיק (זיטען-לעהרע) און פאליטיק, און ער האט זיך פערוואונדערט איבער זייער חכמה. נאכדעם האט מען זיי אפגעגעבען א געביידע אויף דער אינזעל פאראס, ניט ווייט פון אלעקסאנדריען,

וואו יעדער איינער בעזונדער האט איבערזעצט דעם גאנצען העבראישען טעקסט, און די איבערגעזעצטע טיילען פון יעדען איינעם זיינען יעדען טאג פערגליכען געוואָרען פון אלע איבערזעצער, און אזוי איז נאך פיעל מיה פון אלעמענס ארבייט צוזאמענגעשטעלט געוואָרען א פינקטליכע איבערזעצונג פון דעם טעקסט. 72 טעג האט געדויערט די גאנצע ארבייט, וועלכע האט בעקומען די הסכמה פון די פארשטעהער פון דער אידישער געמיינדע אין אלעקסאנדריען. די איבערזעצונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צום קעניג, וועלכער האט שטארק בעוואונדערט משה'ס געזעצגעבונג און האט די איבער-זעצונג איבערגעגעבען אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק. דער קעניג האט געגעבען צו די איבערזעצער גרויסע מתנות און האט זיי מיט כבוד אפגע-שיקט צוריק אין זייער לאנד, אין ארץ ישראל.

אין דיזער ערצעהלונג איז צוזאמענגעמישט לעגענדע מיט געשיכטע. וואס די פארשער פון געשיכטע האבען אנערקענט אלס ווירקליך איז, דאס די תורה איז געוואָרען איבערגעזעצט אין גריכיש אין 3טען יאהרהונדערט פ. קר. (צווישען 280—220), און אין 2טען יאהרהונדערט פ. קר. זיינען איבערגעזעצט געוואָרען די נביאים און א טייל פון כתובים. די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה איז געווען א זעהר וויכטיגער פאקט אין דער געשיכטע פון די אידען, ווי אויך פיר די ציוויליזאציאָן פון די גריכען און די רוימער. אין דער אידישער וועלט פון די שפעטיגערע דורות זיינען געווען פערשיידענע מיינונגען וועגען דער בעדייטונג פון דיזער איבערזעצונג. די אידען אין ארץ ישראל זיינען געווען געגען דיזער איבערזעצונג. זיי האבען זיך אויסגעדריקט, דאס דער טאג, אין וועלכען דיזע איבערזעצונג איז ער-שינען, איז פיר די אידען געווען אזא שווערער און טרויעריגער טאג, ווי דער טאג, אין וועלכען די אידען האבען אמאל אין דעם מדבר געמאכט דעם עגל (דעם גאלדענעם קאלב אלס אפגאט), ווייל עס איז אונמעגליך צו אי-בערזעצען ריכטיג די תורה אין א פרעמדער שפראך, און דערפון קען אויך ארויסקומען א גרויסער מכשול פיר די אידישע רעליגיאָן. עס קען זיין, דאס אין דיזע ווערטער ליגט א פראָטעסט פון די עכטע נאציאנאליסטען געגען די אסימילאטאָרען, וועלכע האבען געפאָדערט א גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה. די געשיכטע אבער צייגט, דאס די איבערזעצונג פון דער ביבעל אין גריכיש האט געבראכט זעהר פיעל נוצען דעם אידישען פאלק, און האט געהאט א ציוויליזאטאָרישע ווירקונג אויף די אנדערע פעלקער. דיזע איבערזעצונג, וועלכע איז בעקאנט אלס „איבערזעצונג פון די זיבעציג"

(לאַטייניש: „סעפּטואַגינטא״), האָט פיעל געהאָלפען צום איבערגעהן פון די גריכען און רוימער פון היידענטום צום יודענטום.

ז. די אונאָפּהענגיגקייט פון יהודה אונטער די חשמונאים.

(140—63 פ. קר.)

די מלחמות צווישען די אידען און די גריכען האָבען זיך געענדיגט. דער רעזולטאַט איז פיר די אידען געווען בעסער, ווי זיי האָבען געוואונשען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שטרייטען פיר רעליגיעזע פרייהייט און האָבען געוואונען אויך פּאָליטישע פרייהייט. דאָס, וואָס זיי האָבען פערלאָרען מיט 450 יאָהר צוריק, האָבען זיי יעצט בעקומען צוריק. פיער הערשאַפטען האָבען זיך אין דער צייט געביטען: בבל, פּרס, די גריכיש־עגיפּטישע און גריכיש־סירישע, און ענדליך האָבען זיך די אידען ערוואָרבען פאָלשטענדיגע אונאָפּהענגיגקייט.

שמעון החשמונאי, ווי עס איז דערצעהלט געוואָרען פריהער, איז ערוועהלט געוואָרען פון פאָלק אַלס פירסט און כהן גדול. אמת, ער איז ניט געווען פון דער דינאַסטיע פון דוד'ן און ער האָט ניט געשטאַמט פון צדוק'ן, אָבער דער פערדינסט פון די חשמונאים ביים אידישען פאָלק אין דער לעצטער צייט איז געוואָרען אַזוי גרויס, דאָס עס איז זיי לייכט אָנגעקומען צו גרינדען אַ נייע דינאַסטיע. די לעצטע סקאַנדאַלען פון די כהנים גדולים יאזאָן און אַלקים מיט זייער יחוס פון צדוק'ן האָבען אַזוי פער'מיאוס'ט דיזען יחוס, דאָס ער האָט אָנגעוואָרען ביים פאָלק דעם גאַנצען גלאַנץ, און דער יחוס חשמונאי איז געשטאַנען אין די אויגען פון פאָלק פיעל העכער ווי דער אַלטער יחוס פון צדוק'ן. צוזאַמען מיט זייער אונאָפּהענגיגקייט האָבען די אידען אויך פערגרעסערט זייער טעריטאָריע, בעזונדערס אונטער דעם צווייטען פירסט פון דער אונאָפּהענגיגער יהודה, יוחנן הורקנוס (הירקאַנוס), וועלכער האָט צוגענומען דעם נאָרדליכען טייל פון גליל, דעם עבר הירדן און זאַגאַר דאָס לאַנד אדום. דער זוהן פון יוחנן הורקנוס דעם 1טען, אַלכסנדר ינאי, האָט נאָך מעהר געזוכט צו פערגרעסערן דאָס לאַנד דורך איינגעהמען אַזעלכע פּראָווינצען, וועלכע האָבען דעם פאָלק קיין פּאָליטישע נוצען ניט געבראַכט; זיי האָבען נאָר פערגרעסערט דעם רוהם פון דעם פירסט פיר זיין העלדישקייט און ער האָט דערפאַר בעקומען דעם טיטעל „קעניג״. דאָס לאַנד יהודה האָט אָנגעהויבען ווערען אַ מאַכט אין מערב פון אַזיען און איינשלינגען די שוואַכערע פון זיך.

אבער אין דער זעלבער צייט האט דער נאציאנאלער גייסט װיעדער בעקומען מאכט און האט אנגעהויבען מאכען שטערונגען דער קעניגליכער פאליטישער מאכט. 400 יאהר איז דאס אידישע פאלק געװען אונטער דעם איינפלוס פון א טהעאקראטישער רעגירונג און איז שוין געװעהנט געװארען צו לעגען מעהר געװיכט אויף זיין גייסטיגען לעבען איידער אויף'ן װעלט־ליכען. עזרא, נחמיה און די סופרים (די אנשי כנסת הגדולה) האבען פעסט־געשטעלט אין יהודה א רוהיגע, גייסטיגע רעפובליק, אין װעלכער עס האט געהערשט די רעליגיאן און דער נאציאנאל־גייסט, װעלכער האט געהאלטען דאס אידישע פאלק אפגעזונדערט פון אנדערע פעלקער. אין דער צייט, װען איבער פאלעסטינא האבען געהערשט די סיריש־גריכישע קעניגען פון דער דינאסטיע סעלייקוס, האבען זיך אנגעהויבען צו צייגען שפאלטען אין דעם רוהיגען גייסטיגען לעבען פון דער אידישער נאציאן. דורך דיזע שפאלטען האט זיך אנגעהויבען אריינשפארען אין אידישען לעבען דער גריכישער גייסט, די גריכישע קולטור פון די שטעדט אנטיאכיא, אלעקסאנדריען און אנדערע צענטערן אין סיריען און עגיפטען. אונטער דיזען איינפלוס זיינען ארונטערגעפאלען אויך די אידישע כהנים גדולים, װעלכע האבען אנגעהויבען צו שפילען א ראלע פון װעלטליכע בעאמטע. אבער װייל זיי האבען דערצו געמוזט האבען די הילף פון דער סירישער רעגירונג, האבען זיי געבראכט דאס פאלק צו דעם מצב, אין װעלכען עס האט זיך געפונען אין דער צייט פון אנטיאכוס עפיפאנעס, װען די רעגירונג האט אנגעהויבען געברויכען געװאלדטאטען אום איינצופיהרען צװישען אידען דאס גריכענטום און פער־ניכטען דאס יודענטום. דאס פאלק האט געמאכט אן אויפשטאנד און האט בעקומען צוריק זיין אינערליכע אויטאנאמיע און רעליגיאנס־פרייהייט. דאס פאלק איז מיט דיזע רעזולטאטען געװען צופרידען און האט זיך געװאלט בערוהיגען און ניט פאדערן מעהר. אבער די פיהרער פון פאלק פון יענער צייט, די חשמונאים, זיינען מיט די רעזולטאטען גיט געװען צופרידען; זיי האבען געװאלט געהן װייטער — צו בעקומען אויך פאליטישע זעלבשטענ־דיגקייט. די פאליטישע אומשטענדען אין אזיען זיינען אין יענער צייט גע־װען גינסטיג צו העלפען די חשמונאים דערגרייכען זייער ציל. יהודה איז געװארען א קעניגרייך מיט אן איינענעם הערשער, מיט אן ארמעע, מיט זעלבשטענדיגע דיפלאמאטישע בעציהונגען צו אנדערע קעניגרייכען. יעצט איז אויפגעשװאומען א שװערע פראגע: װאס פיר אן ארדנונג עס זאל גע־שאפען װערען אין לאנד, װאס זאל שטימען מיט דעם גייסטיגען, טהעאקרא־

טישען לעבען, צו וועלכען דאָס פאָלק איז שוין געוואָרען צוגעוועהנט זינט פיעלע יאָהרהונדערטער?

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אינערליכער קאַמף, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די וויכטיגסטע מאָמענטען אין דער אידישער געשיכטע. עס איז געוואָרען א פראגע: וועלכער עלעמענט זאָל האָבען די אויבערמאַכט אין דער רעגירונג — דער רעליגיעזער, אָדער דער פּאָליטישער? עס האָבען זיך דאַמאָלס געבילדעט צוויי פּארטייען: **צדוקים און פרושים.** די ערסטע האָבען געוואָלט, אז די הערשענדע מאַכט זאָל זיין די וועלטליכע, און די אַנדערע האָבען געוואָלט, אַז די גייסטיגע מאַכט זאָל הערשען. די צדוקים האָבען געשטרעבט צו אסימילאַציע, די פרושים — צו א זעלבשטענ־דיגען אייגענאַרטיגען נאַציאָנאַלען לעבען. די הערשער פון די חשמונאים, וועלכע זיינען געווען גרינדער פון דער פּאָליטישער מאַכט, זיינען געווען אויף דער זייט פון די צדוקים, אין זייער פּריוואַט־לעבען האָט געהערשט די גרי־כישע קולטור, זייערע נעמען זיינען געווען גריכישע: אַריסטאָבולוס, אַלכסנדר, אַנטיגאָנוס, און דיזע זיינען דאָך אויך געווען כהנים גדולים. אויף דיזער זייט איז אויך געווען די רייכע קלאַס און פערשיידענע בעאַמטע. אָבער די מאַסע פון פאָלק, וואָס איז געווען געוועהנט פון אַלטע יאָהרען צו פיהרען א שטרענגעס רעליגיעזעס לעבען, האָט געהאַלטען מיט דער פּאַרטיי פון די פרושים, מיט זייער אַלטער רעליגיעזער קאָנסטיטוציאָן. עס איז געוואָרען אַ שטאַרקע שפּאַלטונג, וועלכע האָט צוטרייסעלט דעם גאַנצען פונדאַמענט פון דער יונגער חשמונאישער דינאַסטיע. דער פעסטער צעמענט פון דער טהעאָקראַטיע איז געווען שטאַרקער פון דעם נייעם דינעם הייטעל פון דער וועלטליכער רעגירונג; די רעליגיאָן האָט בעזיגט די פּאָליטיק און די חשמונאישע דינאַסטיע מיט איהר רעגירונג לויפט שנעל צום אונטערגאַנג.

צום אונטערגאַנג פון דער דינאַסטיע פון די חשמונאים האָט אויך פיעל געהאָלפען די אונצופרידענהייט פון א גרויסען און וויכטיגען טייל פון פאָלק דערמיט, וואָס איינע און די זעלבע פערזאָן האָט אין זיך פעראייניגט צוויי פערשיידענע עמטער: קעניג און כהן גדול, וועלכע העגען שווערליך האַרמאָ־נירען צווישען זיך. עס איז ווירקליך שווער פיר איין פערזאָן געוויסענהאַפט דורכצופיהרען די פליכטען פון דיזעביידע עמטער: צו פיהרען קריג און פערגיסען בלוט, און אין דער זעלבער צייט צו זיין א גייסטיגער פיהרער און פּרעדיגען מאָראַל פון מענשען־ליבע און פון לא תרצח. צו אַלעם דעם האָט דיזע צוויי־קעפּיגע מאַכט אָנגעמאַכט שרעקליכע קריגעריייען און רייסעניס צווישען די מיטגלידער פון דער חשמונאישער דינאַסטיע.

דיזע רייסערייען האבען געפיהרט דערצו, דאס די **אידישע מלוכה איז** געוואָרען איינגעשלונגען פון דעם גרויסען וועלט־רויבער, **פון רוים. די צוויי** שטרייטענדע ברידער חשמונאים, ה ו ר ק נ ו ס ד ע ר 2טער און א ר י ס ט א ב ו ל ו ס ד ע ר 2טער, האבען זיך געווענדט צום רוימישען פעלדהערר פאמפעיוס, וועלכער האט דאמאלס געוויזען זיינע העלדענטאטען אין וועסט־אזיען, אום ער זאל ענטשיידען, ווער פון זיי איז גערעכט. פאמ־פעיוס האט די פראגע שנעל געלעזט: ער האט גענומען יהודה אונטער דעם שוץ פון רוים (63 פ. קר.). באלד האט רוים אין גאנצען בעהערשט יהודה. די פרייע אידישע מלוכה אונטער די חשמונאים האט געדויערט נאר 80 יאהר (140—63 פ. קר.). די האלב־פרייע מלוכה האט עקסיסטירט נאך ווייניגער.

די גאנצע אימפעריע פון אלכסנדר מוקדון געהט איבער צו דער מאכט פון רוים, אבער די קולטור בלייבט אין אלע לענדער און פראווינצען די זעלבע — די גריכישע. אן אויסנאהמע אין דיזער הינזיכט זיינען די אידען אין יהודה, ווי אויך אין אלע אנדערע לענדער, וואו זיי זיינען געווען צוזעעט און צושפרייט — זייער קולטור איז געווען א מין מיש־מאש פון יודענטום און גריכענטום.

ז. די פירסטען שמעון און יוחנן הורקנוס. (140—104 פ. קר.)

באלד מיט דעם אנפאנג פון דער רעגירונג פון ערסטען אידישען פירסט פון דער דינאסטיע חשמונאים, ש מ ע ו ן, איז דאס לאנד יהודה געוואָרען רוהיג און אונאפהענגיג. דאס פאלק האט אויפגעהערט אנשטרענגען זיך צו שטרייטען, און האט געקענט אונגעשטערט איבערגעהן צו רוהיגע בע־שעפטיגונגען. דער לאנדמאן האט געקענט רוהיג בעארבייטען זיין פעלד און זיין ווייגארטען, דער סוחר — זיך אפגעבען מיט זיין האנדעל. איינער פון די וויכטיגסטע פערדינסטען פון שמעון'ען איז געווען, וואס ער האט ערוואָרבען פיר דאס לאנד די שטאָדט י פ ו, וועלכע איז אימער געווען א זעהר וויכטיגער פונקט פיר דעם אויסלענדישען האנדעל דורך דאס מיט־לענדישע מעער.

אין דעם ערסטען בוך פון די חשמונאים (חשמונאים א, קאפיטעל 14) איז פארגעשטעלט א זעהר אינטערעסאנטעס בילד פון דעם רוהיגען און גליק־ליכען לעבען פון אידישען פאלק אין דער צייט פון שמעון החשמונאי און זיינע נאכפאלגער. דיזעס בילד איז טיילווייז ריכטיג אין דער צייט פון זיינע נאכפאלגער, אבער אין שמעון'ס צייטען זיינען די אומשטענדען נאך

ניט געווען אזוי גלענצענד, ווי עס איז קלאָר צו זעהן פון דער געשיכטע פון זיין רעגירונג.

דאס לאנד יהודה האט ווירקליך געהאט רוה אין דער צייט, וואס דעמעטריוס דער 2טער האט געפיהרט קריג מיט טריפאָן׳ען. צוליב דיזען קריג האט דעמעטריוס געמוזט פערשווייגען די אונאפהענגיגקייט פון די אידען און די פערגרעסערונג פון דער אידישער טעריטאריע דורך ערווערבען יפו און גזר. אָבער די אומשטענדען האבען זיך געענדערט נאך דעם, ווי דעמעטריוס איז אריינגעפאלען אין פלען ווערהענד זיין קריג מיט׳ן פארטהישען קעניג מיטהרידאטעס דעם 1טען, און אויף׳ן סירישען טראָן איז ארויף זיין ברודער אנטיאכוס דער 7טער סידעטעס, וועלכער האט געפאנגען זיין געגנער טריפאן און האט איהם הינגעריכטעט (138 פ. קר.).

אין דיזען קריג איז שמעון געשטאנען אויף דער זייט פון סידעטעס׳ן, וועלכער האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם זיין צו הילף. דערצו האט איהם אויך געטריבען דער געפיהל פון ראכע פיר דעם טויט פון זיין ברודער יונתן, וועלכען דער מערדער טריפאן האט פערנארט מיט פאלשע רייד און האט איהם אומגעבראכט. שמעון האט געהאלפען סידעטעס׳ן מיט סאלדאטען, געלט און פראוויזיאן. אָבער אזוי באלד ווי סידעטעס האט געזיגט, האט ער אנגעהויבען פערלאנגען צו הערשען איבער איינינע פראווינצען, וועלכע האבען געהערט צום לאנד יהודה. ער האט געפאדערט פון שמעון׳ען, אז ער זאל איהם אָפּגעבען יפו, גזר און די פעסטונג אקרא אין ירושלים. און אויב שמעון וויל, דאס דיזע שטעדט און פעסטונגען זאלען בלייבען פיר איהם, מוז ער בעצאהלען צו דער סירישער רעגירונג 1,000 טאלאנטען זילבער. אום צו פערמיידען א שטרייט האט שמעון איינגעשטימט צו בעצאהלען 100 טאלאנטען, ווייל מעהר ווי אזוי פיעל איז ער ניט געווען אין שטאנד צו געבען. סידעטעס האט געשיקט אן ארמעע צו צווינגען שמעון׳ען נאכצוגעבען זיינע פאדערונגען. שמעון איז שוין דאמאלס געווען זעהר אלט, און האט ניט געקענט פערזענליך בעהמען אנטייל אין דעם שטרייט און ער האט געשיקט געגען דעם פיינד זיינע צוויי זיהן, יוחנן און יהודה. די ברידער האבען געהאט א גלענצענדען זיג און זיינען מיט גרוים טריאומף געקומען צוריק אין ירושלים (137 פ. קר.).

נאך דיזען זיג האט אנטיאכוס סידעטעס מעהר ניט בעאונרוהיגט דאס לאנד יהודה. אָבער שמעון׳ען איז ניט געווען בעשערט צו ענדיגען זיינע יאהרען רוהיג. זיין איידים פטאלעמעאוס בן חביב, וועלכער איז געווען א סארט גובערנאטאר איבער דער געגענד פון יריחו, האט ער-

מאָרדעט זיין שווער שמעון מיט זיינע צוויי זיהן, מתתיהו און יהודה, וועלכע זיינען געקומען צו איהם צו גאַסט אין דער פעסטונג דאָק; נאָכדעם האָט ער געשיקט זיינע סאָלדאַטען צו ערמאָרדען שמעון׳ס לעצטען זוהן, יוחנן, וועלכער איז דאַמאָלס געווען קאָמענדאַנט אין דער פערסטונג גזר, אום עס זאָל מעהר ניט בלייבען קיין שריד ופליט פון די חשמונאים און ער זאָל קע־נען ווערען הערשער איבער׳ן לאַנד יהודה מיט דער הילף פון אַנטיאָכוס סי־דעטעס. יוחנן האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט צו דער רעכטער צייט און ער האָט דער׳הרג׳עט די מערדער, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון זיין שוואָגער. נאָך דיזער טאַט איז יוחנן ענטלאָפען נאָך ירושלים. דאָרט האָט דאָס פאָלק געוויזען צו איהם גרויס סימפּאַטיע, און ווען פּטאָלעמעאוס איז געקומען צו ירושלים האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס עס איז איהם אונמעג־ליך צו נעהמען די שטאָדט מיט זיין ביסעל סאָלדאַטען, און ער איז אַוועק צוריק צו זיין פעסטונג דאָק פון יריחו.

יוחנן איז באַלד אַוועק אַהין מיט אַ קליינער אַרמעע און האָט בעלאַ־גערט די פעסטונג דאָק. אָבער דער מערדער פּטאָלעמעאוס, וועלכער האָט פערהאַלטען ביי זיך זיין שוויגער, די מוטער פון יוחנן, האָט אַרויפגעבראַכט די אַלטע פרוי אויף׳ן מויער פון דער פעסטונג יעדען מאָל, ווען יוחנן האָט זי געוואָלט שטורמען, און ער האָט איהם מתרה געווען, דאָס ער וועט זי אַראָפּוואַרפען פון מויער, אויב ער וועט שטורמען די פעסטונג. דערווייל איז אָנגעקומען דאָס שמטה־יאָהר, ווען עס איז ניט געווען גענוג פּראָוויזיאָן פיר די בעלאַגערער, און יוחנן איז געווען געצוואונגען צוריקצוקעהרען זיך אין ירושלים. דער סוף איז געווען, דאָס דער רוצח פּטאָלעמעאוס האָט ער־מאָרדעט יוחנן׳ס אַלטע מוטער און איז ענטלאָפען נאָך רבת בני עמון (פי־לאַדעלפיא).

שמעון׳ס קערפּער האָט מען מקבר געווען אין דעם פאַמיליען־גראַב אין מאָדים, און יוחנן איז געוואָרען כהן גדול און נשיא (פירסט) אַנשטאָט זיין פאָטער. די צייט, וואָס יוחנן אָדער יוחנן הורקנוס (135—104 פ. קר.) איז געוואָרען הערשער, איז געווען זעהר אַ קריטישע — אַנטיאָכוס סידעטעס האָט ווידער ערקלערט קריג דעם הערשער פון יהודה מיט דעם צוועק אָפּצונעהמען פון איהם צוריק די שטאָדט יפו מיט דער אומגעגענד. ער איז אַריין אין יהודה מיט אַ גרויסער מיליטערישער מאַכט, האָט פער־וויסטעט פעילע אידישע שטעדט און האָט בעלאַגערט ירושלים (134 פ. קר.).

די בעלאַגערטע אידען האָבען זיך געפונען אין גרויסער נויט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דאָס פאָלק אין ירושלים האָט אָנגעהויבען צו ליידען

הונגער. יוחנן הורקנוס איז געווען געצוואונגען ארויסצושיקען די מענשען, וואָס טויגען ניט צו בעשיצען די שטאָדט. אָבער אַנטיאָכוס סידעטעס האָט זיי ניט דורכגעלאָזען, און אַזוי האָבען זיי זיך געדרעהט און געבלאָנדזעט ארום ירושלים ביז עס איז אָנגעקומען דער יום טוב סוכות. דאַמאָלס האָט די בעפעלקערונג אין ירושלים בעשלאָסען אריינצונעהמען די אונגליקליכע צוריק אין שטאָדט וועניגסטענס איבער יום טוב. דאַן האָט יוחנן הורקנוס געבעטען אַנטיאָכוס סידעטעס'ן, אַז ער זאָל די צייט פון יום טוב מאַכען א וואפען־שטילשטאַנד. אַנטיאָכוס האָט איהם זיין וואונש נאָכגעגעבען און האָט נאָך געשיקט א קרבן אין בית המקדש. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס יוחנן הורקנוס האָט פערפיהרט פערהאַנדלונגען מיט סידעטעס'ן וועגען פרידען. די בעדינגונגען פון דיזען פרידען זיינען פיר די אידען געווען זעהר ניט גינסטיג, אָבער יוחנן הורקנוס איז געווען געצוואונגען זיי אָנצונעהמען. וואהרשיינליך האָט ער גערעכענט, דאָס די לאַגע פון סיריען און פון סידעטעס'ן וועט זיך גיך ענדערן, און דאַן וועלען די בעדינגונגען פון דעם פרידען מוזען געענדערט ווערען.

און ווירקליך, אין א קורצער צייט נאָכדעם איז סידעטעס אוועק שטרייטען מיט די פּאַרטהיער, אָבער ער האָט געהאַט א מיאוס'ע מפּלה און ער איז געווען געצוואונגען אראָפּצוּוואַרפען זיך פון א הויכען בארג און טויטען זיך אום ניט אריינצופאַלען אין פּלען (129 פּ. קר.). דעמעטריוס דער 2טער איז אפילו בעפרייט געוואָרען פון זיין געפאַנגענשאַפט ביי די פּאַרטהיער און איז צוריק אַרויף אויף דעם סירישען טראָן, אָבער די רייסעריייען אין דער דינאַסטיע האָבען ניט אויפגעהערט און האָבען זיך געענדיגט מיט דעם פאָלשטענדיגען אונטערגאַנג פון דער סירישער מאָנאַרכיע.

יוחנן הורקנוס האָט זיך בענוצט מיט דיזען צושטאַנד פון סיריען און האָט זיך ענטזאַגט פון צו זיין א וואַסאַל. די אַלע אונגינסטיגע בעדינגונגען פון דעם פרידען, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט סידעטעס'ן, האָט ער אָפּגעשאַפט, און אום דאָס זאָל זיין אָנערקענט פון די רוימער, האָט יוחנן הורקנוס געשיקט א געזאַנדטשאַפט צום רוימישען סענאַט צו בענייען דעם בונד מיט רוים און בעטען, אַז דער סענאַט זאָל אָנערקענען פיר איהם די שטעדט יפו, גזר און אַנדערע, וועלכע ער האָט פריהער ערוואָרבען. דער סענאַט האָט ערפילט זיין וואונש און יוחנן הורקנוס איז געבליבען הערשער איבער יהודה און די אַנדערע שטעדט, וואָס ער האָט פריהער איינגענומען, ניט אָפּהענגיג פון קיינעם.

נאכדעם האט זיך יוחנן הורקנוס גענומען צו אונטערוואַרפען אונטער זיין מאכט איניגע בענאכבארטע פראָווינצען, וועלכע האָבען געשטערט די ענטוויקלונג פון דער פּאָליטישער מאכט פון אידישען פאָלק. די ערסטע זיינען געוועזן די סאמאריטאנער (שומרונים), וועלכע האבען פערנומען שכם און די אומגעגענד און האָבען געשטערט צו דער פעראייניגונג פון דעם אידי-שען פאָלק, וואס א טייל פון איהם האט זיך בעזעצט אין יהודה און א טייל אין גליל אויף יענער זייט פון שכם. דאס האט געצוואונגען יוחנן הורקנוס'ן צו אונטערנעהמען א פעלד-צוג געגען די שומרונים. אויסער דעם איז זייער טעמפעל, וואס איז געשטאנען אויף'ן בארג גריזים, אויך געווען א גרויסע שטערונג פיר די אידישע רעליגיאָן. יוחנן האט זיי בעזיגט, האט איינגענו-מען זייער הויפּטשטאדט שכם און האט צושטערט זייער טעמפעל. דאס איז געווען א זעהר וויכטיגע ערייגניס אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק און מען האט דעם טאג, וואס דער סאמאריטאנישער טעמפעל איז צושטערט געוואָרען, ערקלערט פיר א נאציאָנאלען יום טוב אונטער'ן נאָמען „יום גריזים" (21טען כסלו). פון דאמאלס אָן האָבען די שומרונים פערלאָרען יעדען פּאָליטישען ווערט, און פון זיי איז געבליבען נאר א קליין הייפעל, וואס ווערט אלע מאל וועניגער און וועניגער.

פיעל וויכטיגער איז געווען פיר דאס אידישע פאָלק די מלחמה מיט אדום און דער זיג איבער דיזער נאציאָן. די אדומים זיינען געווען די זיד-ליכע שכנים פון יהודה און פון אייביג אָן זיינען זיי געווען זעהר פיינדליך צו די אידען; בעזונדערס זיינען זיי געווען געפעהרליך פיר דאס אידישע פאָלק אין א צייט פון קריג, ווייל דורך דיזעם לאנד איז געווען דער נאָהענטסטער וועג צו קומען אין ירושלים. עס איז געווען נעטיג איינצונעהמען דאס לאנד אדום און אויסבויען דארט נייע פעסטונגען אום צו בעשיצען דאס לאנד יהודה פון דיזער זייט. נאך דעם, ווי יוחנן הורקנוס האט בעזיגט דאס לאנד אדום, האט ער ערלויבט צו בלייבען וואוינען אין לאנד נאר די, וועלכע הא-בען אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. פיעלע פון די אלטע איינוואוינער האבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן און האבען זיך מיט דער צייט אסי-מילירט מיט די אידען. דיזער פאקט האט געבראכט דעם אידישען פאָלק פיעלע צרות און דער דינאסטיע פון די חשמונאים — איהר אונטערגאנג. די אידען אין זרובבל'ס און עזרא'ס צייטען האבען ניט געוואָלט אריינגעה-מען אין זיך פרעמדע פעלקער, ווען יענע האבען זיך ביי זיי געבעטען, און יוחנן האט געצוואונגען אָן אנדער פאָלק אנצונעהמען דאס יודענטום. דער

רעזולטאט פון דעם איז געווען א זעהר טרויעריגער, ווי עס וועט ווייטער דערצעהלט ווערען.

נאכדעם האט זיך יוחנן גענומען צו דער שטאדט שומרון, ווייל די גרי-כען, וואס זיינען דארט געזעסען, האבען זעהר אפט בעאונרוהיגט די אידישע בעפעלקערונג אין זייער נאכבארשאפט. ער האט אהין געשיקט זיינע צוויי זיהן, אריסטאבולוס און אנטיגאנוס, וועלכע האבען זי בעזיגט. די לעגענדע דערצעהלט, דאס יוחנן האט געהערט א בת קול אין בית המקדש אין דער צייט, וואס ער האט דארט מקריב געווען קרבנות, אז זיינע זיהן האבען גע-האט א נצחון איבער'ן פיינד. דער טאג, ווען די חשמונאים האבען איינ-גענומען שומרון, איז בעשטימט געווארען פיר א נאציאנאלען יום טוב (25טען חשון).

אזוי איז אין יוחנן'ס צייט דאס לאנד יהודה געווארען פערגרעסערט אין אלע עקען. אבער דער הערשער האט נאך אלץ געטראגען ניט מעהר ווי דעם טיטעל „עטהנארך" (פירסט) און כהן גדול. ווי עס שיינט איז דער טיטעל כהן גדול געווען דער וויכטיגסטער, ווייל אויף די מטבעות, וואס זיינען געמאכט געווארען אין זיין צייט, זיינען נאר געווען געשטעמפעלט די ווער-טער „יוחנן כהן גדול וחבר היהודים". דאס צייגט אויף דעם דעמאקראטי-שען גייסט פון יענער צייט צווישען די אידען. „חבר היהודים" בעדייט „די אידישע געמיינדע". אבער גיכער איז צו פערשטעהן אונטער'ן ווארט „חבר" קאללעגיום אדער סענאט. די צייט פון דער רעגירונג פון יוחנן הורקנוס איז לאנג געבליבען אין דעם אנדענקען פון פאלק אלס א זעהר גלענצענדע, אין וועלכער דאס אידישע לאנד האט פיעל פערגרעסערט איהר פאליטישע מאכט.

ח. די אידישע פארטייען און די אינערליכע רעגירונג אין די לעצטע צייטען פון יוחנן הורקנוס.

די אידישע נאציאן איז יעצט געשטאנען אויף א שייד-וועג. איהר איז פארגעשטאנען צו לעזען די פראגע: אויף וועלכען וועג צו געהן? זאל זי געהן אויף דעם וועג פון אנדערע פעלקער, וואס פיהרען א פאליטישעס לעבען, אדער זי זאל געהן אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען זי איז איינגעוועהנט צו געהן שוין 400 יאהר, זינט דער צייט פון זרובבל, עזרא, נחמיה און די סופרים, די אנשי כנסת הגדולה — צו פיהרען איבערהויפט א גייסטיגעס לעבען מיט א טהעאקראטישער רעגירונג? דארף די אידישע נאציאן נעה-מען אנטייל אין פאליטישען לעבען פון אנדערע פעלקער, פיהרען מלחמות,

זוכען צו ווערען פיזיש שטאַרקער, פערגרעסערן איהר טעריטאָריע, אָדער זי דאַרף שטרעבען נאָר צו פעבעסערן איהר גייסטיגעס לעבען, ענטוויקלען א הויכע מאָראַל און זיך ניט מעסטען אין פיזישער קראַפט מיט אנדערע פעל־קער, נאָר פיהרען אזא סאָרט לעבען, ווי עס פאַסט פיר א פאָלק, וואָס האָט א פרעטענזיע צו זיין א גאָט־ערוועהלטעס פאָלק, אן עם סגולה?

די פראַגע איז געווען א ברענענדע און האָט געפאָדערט שנעל געלעזט צו ווערען. די ערסטע פירסטען פון די חשמונאים האָבען געפיהרט דאָס פאָלק אויף דעם וועג פון אן אַלגעמיינעם פּאָליטישען לעבען. אויף זייער זייט איז געווען די אידישע אריסטאָקראַטיע פון יענער צייט: די כהנים, די בעאַמטע און פיעלע פון פאָלק, וואָס זיינען געווען געניינט צום גריכישען לעבען. געגען דיזער פּאַרטיי זיינען געשטאַנען ווי אן אייזערנע וואַנט די יעניגע, וועלכע האָבען געגעבען א פאָרצוג דעם גייסטיגען און מאָראַלען צו־שטאַנד פון פאָלק, וועלכע האָבען געפונען דאָס גליק פון פאָלק אין דער רע־ליגיאָן, אין א טהעאָקראַטישער רעגירונג און אין א סאָרט לעבען, וואָס איז אין גאַנצען פערשיידען פון דעם לעבען פון אַלע אַנדערע פעלקער. צו דיזער פּאַרטיי האָבען געהערט די אידישע געלעהרטע פון יענער צייט און די פאָלקס־מאַסע.

דיזע צוויי פּאַרטייען זיינען שאַרף ארויס איינע געגען דער אנדערער אין דער צייט פון דער רעגירונג פון יוחנן הורקנוס. דאַמאָלס האָבען די פּאַרטייען בעקומען זייערע נעמען. די פּאָליטישע פּאַרטיי האָט געהייסען צדוקים, נאָך דעם נאָמען צדוק, דעם אור־פאָטער פון די אַלע כהנים גדולים, וועלכע זיינען געווען אין יהודה די גאַנצע צייט פון יהושע בן יהוצדק ביז די חשמונאים; די לעצטע כהנים גדולים פון דיזען יחום זיי־נען געווען יאַזאָן און אלקימאָס, וועלכע האָבען געשטרעבט אָפּצושאַפען אין פאָלק דאָס יודענטום און איינפלאַנצען דאָס גריכענטום, דעם העלעניזם. די אַנדערע פּאַרטיי האָט זיך גערופען פרושים, אָפּגעזונדערטע, וועלכע האָט געשטרעבט איינצופלאַנצען אין פאָלק דעם וואונש און פערלאַנג צו פיהרען א שטרענג רעליגיעזעס לעבען, צו זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנ־דערע פעלקער. דיזע פּאַרטיי האָט פערלאַנגט נאָר איין זאַך — מען זאָל לאָזען דעם פאָלק פיהרען א רוהיגעס רעליגיעזעס לעבען, קיינער זאָל זיי דערין ניט שטערען; זיי האָבען ניט פערלאַנגט קיין אַנטייל אין פּאָליטישען לעבען פון די אַנדערע פעלקער און ניט שטרייטען מיט קיינעם. מיט איין וואָרט — די צדוקים האָבען געוואָלט אָפּטיילען די רעגירונג פון דער רע־

ליגיאָן, און די פּרושים האָבען געפאָדערט, דאָס די רעגירונג זאָל זיין אונ־טערוואָרפען אונטער דער רעליגיאָן.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ פּארטיי, אַ דריטע, וועלכע האָט בעהויפּ־טעט, דאָס עס איז גאָר אונמעגליך פיר אַ מענשען צו פיהרען אַן עכט רע־ליגיעזעס לעבען און האָבען אומגאַנג מיט דער געזעלשאַפט, ווי זי איז איינ־געאָרדענט. אום צו פיהרען אַן אמת מאָראַלישעס לעבען, דאַרף מען אָפּשאַ־פען אייגענטום, מען מוז פיהרען אַ שטרענג מאָראַלישעס לעבען צוזאַמען ווי ברידער, ווי איין פאַמיליע, זיך בעשעפטיגען נאָר מיט נאַטור־ארבייט, ווי אַקערבוי, עסען זעהר איינפאַכע שפּייזען, קליידען זיך איינפאַך, וואוינען איינפאַך, און שטרעבען נאָר צו אַ גייסטיגען, שטרענג־מאָראַלישען לעבען. דיזע פּאַרטיי איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען אסיים (עסעער). מען גלויבט, אַז דאָס וואָרט איז אַן אַראַמעאישעס — „אסיא", וועלכעס בעדייט דאָקטאָר (זעה ווייטער).

פון דיזע פּאַרטייען האָבען נאָר די ערסטע צוויי געקעמפּט צווישען זיך, די צדוקים און די פּרושים; די דריטע אָבער, די אסיים, האָבען אין גאַנצען פערוואָרפען דאָס בירגערליכע געזעלשאַפטליכע לעבען און האָבען געפיהרט אַ לעבען פון מאָנאַכען, ערגעץ אין די פעלדער, ווייט פון אַ מענשליכער גע־זעלשאַפט. מיר וועלען דאָ געבען אַ ביסעל אויספיהרליכער די כאַראַקטע־ריסטיק פון דיזע פּאַרטייען, אום מען זאָל בעסער פערשטעהן זייער וויכטיג־קייט אין דעם אידישען לעבען פון יענער צייט.

די צדוקים. דיזע פּאַרטיי איז בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון די מע־סיגע העלעניסטען, וועלכע האָבען געלעגט מעהר געוויכט אויף דער וועלט־ליכער קולטור איידער אויף דער גייסטיגער. צו איהר האָבען געהערט גע־בילדעטע כהנים, די העכערע בעאַמטע, און אין אַלגעמיין די רייכערע קלאַס, וועלכע האָט געהאַט אָפּטע געשעפטען און אומגאַנג מיט די גריכען. דער אידעאַל פון דיזער פּאַרטיי איז געווען — אָפּצושוואַכען די ספּעציעלע אי־דישע מאַניערען און מנהגים, וועלכע זונדערן זיי אָפּ פון אַנדערע פעלקער, ווי די סיריער, עגיפּטער, און שטערען די אידען צוזאַמענלעבען זיך מיט זיי. תורת משה איז ביי זיי געווען הייליג, דאָס איז ביי זיי געווען די קאָנסטי־טוציאָן פון פאָלק, אָבער די מנהגים, די געזעצען, וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרען אין פערשיידענע צייטען אַלס אַ צאַם צו דער תורה, געזעצען, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען פון מענשען און זיינען ניט געטליך, האָבען פיר די צדוקים ניט געהאַט קיין ווערט און זיי האָבען זיך ניט געהאַלטען פער־פליכטעט צו היטען זיי. אָבער דערפאַר האָבען זיי די ביבלישע געזעצען

פינקטליך ערפילט, ניט אכטענדיג דערויף, וואס זיי זיינען מאנכמאל שווער דורכצופיהרען אין דער פראקטיק. אזוי צ. ב. האבען זיי דורכגעפיהרט דאס געזעץ „עין תחת עין” בוכשטעבליך, וועהרענד די פרושים האבען עס גע-מאכט גרינגער, נעמליך, דאס דעם, וואס האט יענעם ארויסגענומען אן אויג, זאל מען אונטערוואורפען נאר אונטער א געוויסער געלט־שטראף. דאגעגען, פון די רעליגיעזע געזעצען האבען זיי, די צדוקים, וועניגער געהאלטען פון די פרושים. זיי האבען אמאל געזעהען, ווי די פרושים זיינען טובל די כלים פון בית המקדש, האבען זיי זיך צולאכט און האבען געזאגט: „די פרושים וועלען באלד טובל זיין די זון אין וואסער”.

די צדוקים האבען אויך ניט געגלויבט אין השארת הנפש, דאס די נשמה פון מענשען נאך זיין טויט פיהרט נאך א סארט לעבען, און אז דער מענש בעקומט נאך זיין טויט בעלוינונג פיר זיינע גוטע מעשים און א שטראף פיר זיינע שלעכטע טאטען. זיי האבען אויך ניט געגלויבט אין תחית המתים, דאס די טויטע וועלען נאך אמאל צוריק לעבעדיג ווערען. זיי האבען דעריין ניט געגלויבט, ווייל עס איז אין דער תורה וועגען דעם ניט געוועדט.

אין אלגעמיין זיינען די צדוקים געווען מענשען פון לעבען און האבען זיך וועניג אינטערעסירט מיט רעליגיאן. זיי האבען ניט געגלויבט אין דאס, וואס זיי זעהען ניט אדער פיהלען ניט מיט זייערע חושים, דעריבער האבען זיי ניט געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון מלאכים אדער גייסטער.

די פרושים. די פרושים האבען געלעגט די הויפטגעוויכט אויף דעם רעליגיעזען לעבען. די פאליטישע פרייהייט איז פיר זיי געווען וויכ-טיג נאר דערפאר, ווייל זי זיכערט די פרייהייט און אונאפהענגיגקייט פון דעם גייסטיגען, רעליגיעזען לעבען. אן דער שפיץ פון דיזער פארטיי זיינען געשטאנען הויך־געבילדעטע מענשען, גוט־געזיטעטע מיט טיפע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אנהענגער פון דיזער פארטיי זיינען געווען מענשען פון די מיטעלע און אונטערע שיכטען פון פאלק, און דעריבער איז זי געווען דורכגעדרונגען מיט א דעמאקראטישען גייס

די פרושים האבען בעטראכט די אינטערעסען פון דעם פאלק אלס פיעל וויכטיגער ווי די אינטערעסען פון דער רעגירונג. די תורה איז געווען דאס געזעצבוך, וואס האט רעגולירט דאס לעבען פון פאלק. אבער אזוי ווי די תורה האט ניט ארייגענומען אלע צופעלען פון לעבען, האט מען זי געמוזט ערגענצען מיט דער טראדיציאן, מיט תורה שבעל פה, אדער מיט אויס-טייטשען די געזעצען אין די ווערטער פון דער תורה.

און אזוי האָבען די פרושים פאָרטגעזעצט די טעטיגקייט און די מע־טאָדע פון די סופרים און די אנשי כנסת הגדולה. אָבער זיי זיינען געווען אין זייער טעטיגקייט זעהר פאָרזיכטיג, ווייל דאָס לעבען פון אידישען פאָלק איז געוואָרען פיעל אַנדערס זינט עס איז געוואָרען זעלבשטענדיג. זיי האָ־בען געמוזט פיעלע זאַכען ענדערן, אָבער די ענדערונגען האָבען געמוזט שטי־מען מיט דעם וואהרען גייסט פון דער תורה. עס איז געווען א זעהר שווערע אויפגאַבע: ניט ענדערן די געזעצען פון דער תורה און דאָך זיי צופאַסען צום נייעם לעבען פון פאָלק, וועלכעס איז פיעל אַנדערס פון פריהער. אָבער די פרושים האָבען געלעזט דיזע אויפגאַבע זעהר געוויסענהאַפט און זעהר פאָר־זיכטיג. מיט זייערע ערקלערונגען פון די געזעצען פון דער תורה האָבען זיי פיעלע זאַכען פערלייכטערט פיר דאָס פאָלק. אזוי צ. ב. האָבען זיי ער־קלערט, דאָס „עין תחת עין" מיינט, מען זאָל געבען א געלט־שטראָף און ניט ארויסנעהמען אַן אויג פיר אַן אויג און ד. גל. און דעריבער איז דאָס פאָלק געווען אויף זייער זייט און געגען די צדוקים, וועלכע האָבען זיך גע־האַלטען אַן דעם בוכשטאַב פון געזעץ, אַן דער אויסטייטשונג אות באות.

די פראַגע פון דער אונגערעכטיגקייט אין דער וועלט־אָרדנונג: וואָרום געהט עס דעם שלעכטען גוט, און דעם גוטען שלעכט? האָט געמאַכט דענקען פיעלע פון די גרויסע מענשען פון אידישען פאָלק, פון די נביאים אָן, און מען האָט זיך געגעבען די מיה צו פערענטפערן זי אויף אַן ארט, וואָס זאָל שטימען מיט דעם גלויבען און דער גערעכטיגקייט פון גאָט. מיט דער צייט איז דיזע פראַגע פערענטפערט געוואָרען דורך דעם פרינציפּ פון אונ־שטערבליכקייט פון דער זעעלע (השארת הנפש) און דורך שכר ועונש נאָך דעם טויט. די פרושים האָבען אָנגענומען דיזע ערקלערונג, ווייל זי האָט געשטימט מיט די רעליגיעזע געפיהלען פון פאָלק. די צדוקים אָבער האָבען דאָס ניט אָנגענומען, ווייל עס איז וועגען דעם ניט דערמאָהנט בפירוש אין דער תורה.

דער ווידערשפּרוך צווישען די צוויי פּרינציפּען: ידיעה און בחירה, ד. ה. דאָס גאָט ווייס פריהער וואָס דער מענש וועט טאָן, און דאָך האָט דער מענש אַ פרייען ווילען דאָס ניט צו טאָן, און דעריבער איז ער פער־אַנטוואָרטליך פיר זיינע מעשים און מוז פיר זיי, אויב זיי זיינען שלעכט, בעשטראָפט ווערען, — אַ ווידערשפּרוך, וואָס האָט פערדרעהט דעם קאָפּ פון פיעלע דענקער, האָבען די פרושים געזוכט רעכט צו מאַכען מיט פיער ווערטער: „הכל צפוי והרשות נתונה", דאָס הייסט: „הגם אַלעס, וואָס עס טרעפט דעם מענשען, איז פאָרויסגעזעהען און בעשטימט געוואָרען פון דער

גאָטהייט, דאָך האָט דער מענש אַ פרייען ווילען עס ניט צו טאָן". דאָס וויל זאָגען: מיט'ן פערשטאַנד איז עס שווער צו בעגרייפען, אָבער די זאַך איז דאָך אַזוי. אין די זאַכען, וואו דער גלויבען און דער שכל שטימען ניט, דאַרף דער גלויבען האָבען אַ פאָרצוג, ווייל דעם מענשען'ס פערשטאַנד איז אָפטמאָל צו קורץ און צו שוואַך צו בענעהמען אַזעלכע זאַכען. אין אַזאַ פאַל האָט אונז דער חכם שלמה געלערנט: „ואל בינתך אל תשען", פערלאַז זיך ניט אויף דיין פערשטאַנד, ווייל דער פערשטאַנד קען זעהר אָפט מאַכען אַן אירטום.

די אסיים. די אסיים זיינען ניט געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, נאָר אַ מין אָרדען, וועלכער האָט זיך נאָר אינטערעסירט מיט זיין אייגענעם אינדיווידועלען לעבען, איבערהויפּט מיט זיין רעליגיעזען לעבען. זיי האָבען אין אַלגעמיין ווענינ געהאַלטען פון דער וועלט, האָבען געלעבט ווי מאָנאַכען, ווי אַ פרומע ברידערשאַפט. זיי האָבען ניט געהאַט קיין פּרי-וואַט-אייגענטום. מען האָט געאַרבייט פיר'ן כלל, די פערדינסטען פון יעדען איינעם זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין די אַלגעמיינע קאַסע, פון וועל-כער מען האָט גענומען פיר די הצטרכות פון דער געמיינדע. עס זיינען צווי-שען זיי ניט געווען ניט קיין רייכע און ניט קיין אָרימע. מען האָט געגעסען צוזאַמען, געוואוינט צוזאַמען, אַלע זיינען געגאַנגען אין ווייסע קליידער זו-מער און אין וואַרימע מאַנטלען ווינטער. יעדער האָט געמוזט אַרבייטען אום צו פערדינען זיינע לעבענס-מיטלען. קיין בעדינטע האָבען זיי ניט געהאַט, פון שקלאַפען איז קיין רעד ניט געווען. די מיטגלידער פון דער סעקטע זיי-נען געווען אָדער אַקערבויער אָדער בעלי מלאכות. מיט האַנדעל האָבען זיי זיך ניט בעשעפטיגט. אַ נייעם מיטגליד האָט מען אַריינגענומען נאָר נאָך דעם, ווי מען האָט איהם געפּרובט, אויב ער איז ווערט אַריינגענומען צו ווע-רען אין דער סעקטע. די פּראָבע האָט געדויערט אַ יאָהר. אויב ער איז גע-פונען געוואָרען ווערט אַריינצוטרעטען אין זייער געמיינדע, האָט מען איהם טובל געווען, אָבער ער האָט געמוזט נאָכדעם זיין צוויי יאָהר אַ האַלבער מיט-גליד, ערסט נאָך די צוויי יאָהר איז ער צוגעלאָזען געוואָרען צום אַלגעמיינעם טיש צו שפּייזען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער. דאַן האָט מען איהם געגעבען אַ הייליגע שבועה, דאָס ער וועט טאָן אַלעס, וואָס די עלטערע אין דער געמיינדע וועלען פון איהם פאָדערן, דאָס ער וועט קיינעם ניט אַרויס-געבען די סודות פון דער סעקטע. דאָס איז געווען דער איינציגער פאַל, ווען אַן עססער האָט געדאַרפט שווערען. אויסער דעם האָט ער ניט געטאָרט שווע-

רען זאגאר אויף אן אמת. זיין „יע" אדער „ניין" איז געווען הייליג ווי א שבועה.

די ערסטע פליכט זייערע אין דער פריה איז געווען א געבעט צו גאט. בשעת דער תפלה פלעגען זיי שטעהן מיט'ן געזיכט צו דער זון. נאך דער תפלה זיינען זיי אוועק צו דער ארבייט. קומענדיג פון דער ארבייט האבען זיי זיך טובל געווען אין קאלטען וואסער. די טבילה איז ביי זיי געווען א הייליגע רעליגיעזע פליכט. פאר יעדען עסען האבען זיי זיך געמוזט טובל זיין. אויך נאך דעם, ווי זיי האבען זיך אנגעריהרט אן אן אונריינער זאך, אדער ווען זיי האבען געטאן די נעטיגע מענשליכע בעדערפניסען, האבען זיי זיך טובל געווען. דער מיטעלפונקט פון רעליגיעזען לעבען איז געווען די אלגעמיינע מאהלצייט. דער טיש איז ביי זיי געווען א מין מזבח. פון קרבנות האבען זיי ניט געהאלטען. זייערע אלגעמיינע מאהלצייטען זיינען ביי זיי געווען פעררעכענט פיר קרבנות. די שפייז פלעגען פארבערייטען זייערע כהנים און דערביי האבען זיי געמוזט אפהיטען זעהר פיעלע געזעצען פון ריינליכקייט. יאזעפוס בעשרייבט זייער אויפפיהרונג אזוי: נאך דער טבילה געהען זיי אריין אין עס־צימער, ווי אין א הייליגטום. זיי צוזעצען זיך שטילערהייט און דער בעקער דערלאנגט יעדען זיין ברויט, און דער קוכער דערלאנגט יעדען זיין זופ. די שפייז איז געווען פיר אלעמען גלייך. פאר דעם עסען האט דער גייסטליכער געזאגט א תפלה, קיינער האט זיך ניט גע־טארט צוריהרען צו שפייז איידער די תפלה איז אפגעזאגט געווארען. נאך דעם עסען האט דער גייסטליכער געזאגט אן אנדער תפלה, אין וועלכער ער האט געדאנקט גאט אין דעם נאמען פון די אלע אנוועזענדע פיר די שפייז, וואס ער האט זיי געגעבען. נאכהער האט מען אויסגעטאן די הייליגע עסען־קליידער און מען האט אנגעטאן די איינפאכע קליידער און מען איז ווידער אוועק צו דער ארבייט ביז פארנאכט. פארנאכט האט מען געפראוועט די אבענד־מאהלצייט אין דער זעלביגער ארדנונג און מיט די זעלבע צערעמא־ניעס ווי צום מיטטאג־עסען.

מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, דאס די אסיים האבען ניט מקריב געווען קיין קרבנות אין בית המקדש פון בעלי חיים, אבער זיי פלעגען אפ־פערן אנדערע זאכען אלס נדבות פיר דעם טעמפעל. ביי זייער געטליכען דינסט פלעגען זיי לייענען געוויסע אפטיילונגען פון תנ"ך. זיי זיינען גע־ווען זעהר שטרענגע שומרי שבת. אום שבת פלעגען זיי זאגאר ניט איבער־שטעלען א כלי פון איין ארט אויף'ן אנדערען. זיי פלעגען אויסמיידען אלעס, וואס מאכט אונריין דעם קערפער.

איינער פון די וויכטיגסטע פרינציפען, פון די עקרים פון רעליגיאן ביי די אסיים, איז געוועזן: „די געטליכע פארויסבעשטימונג", ד. ה. אז אלעס, וואס עס טרעפט דעם מענשען אויף דער ערד, איז פארויס בעשטימט פון גאט, און דער מענש קען גאר ניט טאן צו בעפרייען זיך דערפון אדער עס אויס-מיידען. די נשמה פון מענשען, האבען זיי געגלויבט, איז אונשטערבליך. נאך דעם טויט פון דעם קערפער קומען די גוטע פרומע נשמות אריין אין גן עדן און די שלעכטע זינדיגע נשמות פאלען אריין אין גיהנום. זיי האבען אויך געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון צווייערליי מלאכים (גייסטער), אין גוטע און שלעכטע (מלאכי חבלה). זיי האבען געהאט א גרויסע ידיעה אין דער פלאנצען-וועלט; זיי האבען געוואוסט פיעלע פלאנצען, וועלכע ענטהאל-טען אין זיך א הייל-קראפט און פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט מעדיצין און העלפען קראנקע מענשען. (מען גלויבט, דאס דעריבער טאקי האבען זיי גע-הייסען „אסיים". „אסיא" אין כאלדעאיש בעדייט דאקטאר, רופא.) דער המון האט זיי געהאלטען פיר הייליגע מענשען, וועלכע זיינען אין שטאנד זאגאר צו זאגען אפטמאל נביאות.

הגם די אסיים זיינען אויסגעוואקסען אויף'ן באדען פון יודענטום, הא-בען זיי דאך אריינגענומען אין זייער גלויבען מנהגים און לעהרעס פון אנ-דערע אמונות, ווי דאס לעבען פון מאנאכען און מיסטיציזם (געהיים-לעהרע). דיזעביידע עלעמענטען זיינען פרעמד דעם אמת'ען גייסט פון יודענטום, וועלכעס האט אלס זיין צוועק צו רעגולירען דעם מענשען'ס לעבען פריוואט אדער געזעלשאפטליך, ווי עס בעדארף צו זיין לויט דעם געזונטען פערשטאנד, אהן סודות און אהן געמאכטע, געקינצעלטע געפיהלען. די אידישע זיטען-לעהרע ווייס ניט פון א פאדערונג פון מענשען צו לעבען איינזאם, אהן א פרוי, אהן א פאמיליע. דיזע פרעמדע עלעמענטען אין דער סעקטע אסיים האבען געפיהרט דערצו, דאס אין פערלויף פון דער צייט זיינען זיי אין גאנ-צען אוועק פון יודענטום און זיינען געווארען די גרינדער פון קריסטענטום.

די סנהדרין (דער העכסטער ראט). די רייסערייען צווישען די צוויי פארטייען, צדוקים און פרושים, האבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די גאנצע פיהרונג פון דער אידישער רעגירונג, אין וועלכער די הויפט-ראלע הא-בען געשפילט די סנהדרין, דער העכסטער פאלקס-ראט, וועלכער האט עקסיס-טירט ביי אידען זינט זיי זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל. אין דער צייט, ווען די גריכען האבען געהערשט איבער פאלעסטינא, איז דיזער ראט געוועזן אן אריסטאקראטישע אינסטיטוציאן מיט דעם כהן גדול אן דער שפיץ, וועלכע איז געשטאנען צווישען פאלק און דער אויבערהערשאפט פון דער גריכישער

רעגירונג. די איבערקעהרעניס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ארץ ישראל מיט דעם זיג פון די חשמונאים, האָט פעראורזאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דיזען ראַט, וועלכער איז יעצט געוואָרען די העכסטע אונאָפּהענגיגע אינסטיטוציאָן אין לאַנד מיט דעם פירסט — כהן גדול — אַן דער שפּיץ. די מיטגלידער פון דיזער אינסטיטוציאָן זיינען געוועזען ניט נאָר פון רעליגיעזען שטאַנד, נאָר אויך פיעלע וועלטליכע. דיזער ראַט האָט אין דער צייט פון די חשמונאים בעקומען דעם נאָמען „סנהדרין", אין פאָלק איז ער אויך געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „בית דין הגדול" (דאָס העכסטע געריכטס־הויז). אויף די מטבעות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער צייט פון דער רעגירונג פון יוחנן הורקנוס דעם 2טען, ווערען זיי בעצייכענט מיט דעם טיטעל „חבר היהודים". אין דיזער צייט האָט דער סנהדרין געקראָגען זיין שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך שפּעטער געביטען לויט די פּאָליטישע אומשטענדען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט, איז אַן דער שפּיץ פון די סנהדרין אין דער צייט פון די חשמונאים געשטאַנען דער פירסט — כהן גדול. שפּעטער, אין דער צייט פון הורדוס'ן און פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען — אַ נשיא (פּרעזידענט); אונטער איהם איז געווען אַן אב בית דין, דער עלטעסטער פון די ריכטער. די צאָהל פון די מיטגלידער פון סנהדרין איז געווען זיבעציג, און זיי האָבען געהאַט זייערע זיצונגען אין אַ פּאַלאַטע נעבען טעמפּעל, וואָס איז געווען בעוואוסט אַלס „לשכת הגזית" (די פּאַלאַטע פון בעהאַקטע שטיינער). אויסער דיזען העכסטען געריכטס־הויז זיינען געווען אונטערע הייזער (סנהדרין קטנה), וועלכע האָבען זיך געפונען אין יעדער שטאָדט. אין קלענערע ערטער זיינען אויך געווען גאַנץ קליינע געריכטס־אַנשטאַלטען צו משפּט'ן ציוויל־פּראָצעסען. דיזע אַנשטאַלטען האָבען זיך אויך געפונען אין גרעסערע שטעדט און זיינען בעשטאַנען נאָר פון דריי פּערזאָן.

די סנהדרין הגדולה אין ירושלים איז געווען די געזעצגעבענדע מאַכט פון פאָלק, און צוזאַמען מיט דעם איז זי אויך געווען דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד. און ווייל די תורה איז געווען פיר דאָס אידישע פאָלק די הויפּט־קוועלע פיר אַלע געזעצען אין אַלערליי צופעלען פון לעבען, איז די קונסט פון די סנהדרין בעשטאַנען אין דעם, צו געפינען צו יעדען צופאַל אַ רמז, אַ וואונק אין דער תורה, אָדער אַזוי צו ערקלערען דאָס געזעץ פון דער תורה, דאָס עס זאָל פּאַסען צו די פאָדערונגען פון פּראַקטישען לעבען. און דערי־בער איז ביי זיי דאַמאָלס געווען אַ כלל, דאָס יעדער מיטגליד פון די סנהדרין האָט געמוזט זיין אַזוי שאַרפזיניג אין די אידישע געזעצען, דאָס ער זאָל

זיין אין שטאנד צו ערקלערען, אז א שרץ איז טהור, הגם די תורה האט איהם ערקלערט אלס אונריין (טמא), און דאס האט ער בעדארפט קענען בעווייזען פון דער תורה זעלבסט מיט 150 ארגומענטען (אין מושיבין בסנהדרין אלא מי שיכול לטהר את השרץ בק"נ טעמים), ווייל אין פראקטישען לעבען מאכט זיך אפט, דאס מען מוז טאן געגען דער תורה, און דערצו, האבען זיי גע-גלויבט, האט די תורה זעלבסט זיי געגעבען דאס רעכט (חכמים יש כח בידם לעקור דבר מן התורה בהוראת שעה). עס פערשטעהט זיך, דאס דיזעס האט געמוזט ווערען געטאן זעהר עדעל, ניט מבזה זיין דערביי דעם כבוד התורה, נאר אויסטייטשען אזוי, דאס די תורה זעלבסט האט אזוי געמיינט, ווי זיי פסק'ענען יעצט. לויט ווי דער תלמוד זאגט, האבען די סנהדרין געהאט דאס רעכט צו ערקלערען קריג צו אן אנדער פאלק, אדער צו שליסען פרידען, צו משפט'ן א פאלשען נביא, וואס האט פערפיהרט אידען צו דינען עבודה זרה; זיי האבען אויך בעדארפט פיהרען דעם ספר היוחסין פון די אידישע משפחות, איבערהויפט פון כהנים, און בעשטימען די ריכטיגע צייט פון די אידישע ימים טובים.

די זיצונגען פון די סנהדרין זיינען געווען עפענטליכע. די מיטגלידער פון די אויבער-ריכטער זיינען געזעסען אין א האלבען צירקעל, אום זיי זאלען זעהן איינער דעם אנדערען. צוויי סעקרעטארען זיינען געשטאנען פוןביידע זייטען, פון רעכטס און פון לינקס, און האבען פערשריבען די מיינונגען פון די ריכטער. דער פסק איז אנגענומען געווארען נאך דער בעשטימונג פון דער מעהרהייט. אין קרימינאל-פראצעסען איז צו אנערקענען אלס ניט שול-דיג געווען גענוג א מעהרהייט פון איין שטימע, אבער צו ערקענען פיר שולדיג האט מען געמוזט האבען ניט ווייניגער ווי א מעהרהייט פון צוויי שטימען. ווען עס איז געקומען אויפצונעהמען די שטימען פון די ריכטער, האט מען אנגעהויבען פון די אינגערע, אום זיי זאלען ניט זיין בעאיינפלוסט פון די עלטערע ריכטער. פריהער האט געהאט דאס ווארט די פערטיידיגונג, און נאכדעם האט גע'טענה'ט די בעשולדיגונג.

דעם הומאנעם גייסט אין סנהדרין האבען איבערהויפט אריינגעבראכט די פרושים, וועלכע האבען פערנומען אין דעם געריכטס-הויז א זעהר וויכטי-גען ארט. די צדוקים זיינען געווען אין געגענטייל זעהר שטרענג אין זייערע משפטים, און האבען זיך געהאלטען שטרענג ביים בוכשטאב פון געזעץ. דע-ריבער האבען די פרושים געהאט מעהר ווערט אין סנהדרין ווי די צדוקים, און אויך מעהר איינפלוס אויף דאס אינערע לעבען פון פאלק.

די שפּאַלטונג צווישען יוחנן הורקנוס און די פרושים. אין די לעצטע יאָהרען פון יוחנן הורקנוס'עס רעגירונג האָט אויסגעבראָכען אַן אָפּע-נער קאמף צווישען די פרושים און די צדוקים, פון וועלכע יעדע האָבען יאָה-רען־לאַנג געשטרעבט צו געווינען דעם איינפלוס אויף דער רעגירונג. די פרושים איז געווען שטארק ניט געפעלען דאָס שטרעבען פון יוחנן הורקנוס איינצושליננען אַנדערע לענדער און פעלקער, וועהרענד ער האָט פערנאַכלע-סיגט די אינערליכע פּאָליטיק. דאַגעגען די צדוקים, וועלכע האָבען געשטרעבט צו וועלטליכער, פּאָליטישער מאַכט, זיינען מיט יוחנן הורקנוס'עס פּאָליטיק געווען צופרידען. ער האָט יאָהרען־לאַנג ניט געקענט בּשליסען, וועלכע פון די צוויי פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען פערטרעטען אין די סנהדרין, ער זאָל געבען דעם פּאָרצוג. אָנפאַנגס איז ער געווען גענייגט צו די פרושים און האָט פיעל געזאָרגט וועגען דער רעליגיעזער זייט פון פאָלק, אָבער אין פער לויף פון דער צייט האָבען די אינטערעסען פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק גענומען דאָס איבערגעוויכט, דאַן האָבען די צדוקים אָנגעהויבען שפּילען די הויפּט־ראָלע אין סנהדרין, און הורקנוס איז אין גאַנצען אריבער אויף זייער זייט און האָט די פרושים אָפּגעשטויסען פון זיך.

א בעזונדער צופאַל האָט ארויסגערופען אַ שטאַרקע שנאה צווישען הורקנוס'ן און די פרושים. הורקנוס האָט אַמאָל געמאַכט אַ מאָהלצייט, אויף וועלכען ער האָט איינגעלאַדען אייניגע איינפלוסרייכע פרושים. ביים מאָהל-צייט האָט ער געמאַכט אַ פּאָרשלאַג, דאָס די געסט זאָלען איהם אָפען זאָגען, אויב זיי האָבען בעמערקט אין זיין רעגירונג אַ האַנדלונג געגען דער רעליגיאָן, און אויב זיי האָבען אַזאַ האַנדלונג בעמערקט זאָלען זיי איהם זאָגען אָפען, אום ער זאָל זיין פּאָרזיכטיג אין דער צוקונפט און ניט וויעדערהאָלען זי נאָך אַ מאָל. די געסט האָבען אויסגעדריקט פּאָלקאָמענע צופרידענהייט מיט אַלע זיינע האַנדלונגען. נאָר איינער פון די פרושים, מיט'ן נאָמען אליעזר, האָט געזאָגט: „ווען דו ווילסט ווירקליך זיין אַ מאַן מיט פרינציפּען פון רעכט, זאָלסטו זיך צופרידען שטעלען מיט דעם טיטעל פירסט אַליין, און גיב אָפּ דאָס אמט פון כהן גדול צו אַן אַנדערען, ווייל מיר האָבען געהערט, דאָס דיין מוטער איז געווען אַ געפאַנגענע ביי אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס" (וואָס דערמיט איז זיין יחוס אַלס כהן גדול ניט גאַנץ זיכער). מען האָט דיזע זאַך אונטער-זוכט און עס איז בעוויזען געוואָרען אַלס פאַלש. דאָס האָט דעם פירסט שטאַרק אויפגערייצט אויף די פרושים, הגם די מעסיגע פרושים זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דעם פערליימדער.

מיט דיזען צופאל האבען זיך בענוצט די צדוקים, און האבען געזוכט צו ציהען הורקנוס'ן אין גאנצען אויף זייער זייט. מען האט איהם ערקלערט, דאס די גאנצע פארטיי פון די פרושים זיינען איהם שונאים. די צדוקים האבען איהם געראטען, אז ער זאל פאדערן פון די פרושים, דאס זיי זאלען ערקלערען, וואס פיר א שטראף עס זאל געגעבען ווערען דעם פערלייימדער אליעזר'ן. די פרושים האבען איהם בעשטימט א שטראף, וואס עס קומט פיר דיזען פערברעכען אין אלגעמיין, און האבען די שטראף ניט געמאכט שטארקער און גרעסער דערפאר, וואס דער בעליידיגטער איז א פירסט. הורקנוס האט דעריבער גערעכענט, דאס די פרושים זיינען צופרידען וואס אליעזר דער פרוש האט איהם בעליידיגט. דערצו האבען נאך די צדוקים געגאסען בוימעל אויף'ן פייער.

הורקנוס האט אהן צווייפעל געוואוסט, דאס צווישען די פרושים זיינען דא פיעלע, וואס זיינען ווירקליך ניט צופרידען דערמיט, וואס איין פערזאן איז קעניג און כהן גדול, און דעריבער איז ער אויף זיי געוועזען בייז. יעצט, ווען דער פרוש אליעזר האט איהם נאך דערצו אזוי שטארק בעליידיגט האט ער זיך אין גאנצען אפגעטרייסעלט פון די פרושים.

אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז הורקנוס אין גאנצען אריבער אויף דער זייט פון די צדוקים. ער האט אפגעשאפט פיעלע געזעצען, וואס די פרושים האבען געפאסט אויף דעם גרונד פון זייערע ערקלערונגען פון דער ביבעל. די הויפט־ראלע האבען דאמאלס געשפילט די צדוקים.

ניט אכטענדיג דערויף איז דאך אין דעם אנדענקען פון פאלק לאנג פערבליבען דער איינדרוק פון דער גלענצענדער צייט פון דער רעגירונג פון יוחנן הורקנוס. אין דער צייט פון דער רעגירונג פון יוחנן הורקנוס האט דאס אידישע פאלק דערגרייכט אזא הויכע שטופע אין פאליטישער און אין גייסטיגער הינזיכט, אויף וועלכער עס איז זעהר זעלטען געשטאנען אין דער צייט פון זיין געשיכטליכען לעבען.

ט. די קעניגען אריסטאבולוס דער ערשטער און אלכסנדר ינאי און די קעניגין סאלאמא אלכסנדרא. (104—67 פ. קר.)

יוחנן הורקנוס האט רעגירט 30 יאהר און איז געשטארבען אין יאהר 104 פ. קר. נאך איהם זיינען געבליבען זיין פרוי און פינף זיהן, פון וועלכע דער עלטערער איז געוועזען יהודה, מיט'ן גריכישען נאמען אריסטאבולוס. דיזער אריסטאבולוס האט ביים פאטער'ס לעבען בעזיגט שומרון צוזאמען מיט זיין ברודער אנטיגאנוס. לויט דער קאנסטיטוציאן פון

די חשמונאים זיינען איבערגעגאַנגען צום עלטסטען זוהן יהודה אַריסטאָבולוס ביידע טיטלען פון זיין פאָטער יוחנן הורקנוס: פירסט און כהן גדול. לויט ווי אַן אַלטע זאַגע דערצעהלט, האָט יוחנן הורקנוס געלאָזען אַ צוואה, דאָס זיין פרוי די אלמנה זאָל זיין די רעגירערין און יהודה אַריסטאָבולוס זאָל נאָר זיין כהן גדול. עס קען זיין, דאָס ער האָט עס געטאָן צוליב דער אונצופרידענהייט, וואָס האָט זיך בעוויזען אין פאָלק דערמיט, וואָס איין פּערזאָן פערטרעט ביידע עמטער. יהודה אַריסטאָבולוס איז אָבער געווען אונצופרידען מיט דיזער צוואה פון זיין פאָטער, וועלכע איז געווען אונגעזעצליך. ער האָט צוגענומען פון זיין מוטער די רעגירונג און האָט זי אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס, וואו זי איז געשטאָרבען פון הונגער. אויך זיינע ברידער האָט ער פערשלאָסען אין געפענגניס, אויסער איינעם, אַנטיגאָנוס'ן, וועלכען ער האָט שטאַרק געליבט, און האָט איהם גענומען פיר אַ מיטהעלפער אין דער רעגירונג.

יהודה אַריסטאָבולוס איז ניט געווען צופרידען מיט'ן טיטעל נשיא (פירסט, עטהנאַרך); ער האָט אָנגענומען דעם טיטעל קעניג (מלך). דאָס איז געווען געגען דער טראַדיציאָן, וואָס האָט געהערשט אין פאָלק, דאָס אַ קעניג איבער דעם אידישען פאָלק קען זיין נאָר אַ פּערזאָן פון דער דינאַסטיע פון דוד המלך (בית דוד). אָבער אויף די מטבעות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין זיין צייט, איז ניט געווען דער טיטעל קעניג, עס זיינען געשטאַנען די זעלבע ווערטער, וואָס אויף די מטבעות פון זיין פאָטער יוחנן הורקנוס, נאָר אַנשטאָט יוחנן איז געשטאַנען יהודה — „יהודה כהן גדול וחבר היהודים".

וואָס אָנבעטרעפט די אויסווערטיגע פּאָליטיק איז יהודה אַריסטאָבולוס נעגאַנגען אין דעם וועג פון זיין פאָטער. יוחנן הורקנוס האָט אונטערגעוואָרפען אונטער זיין מאַכט די אידומעער (בני אדום) און האָט זיי געצוואונגען אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען, און יהודה אַריסטאָבולוס האָט געטאָן דאָס זעלבע מיט אַן אַראַבישען שבט „יטיר", וועלכער איז געזעסען ביים באַרג לבנון.

אַריסטאָבולוס האָט אָבער ניט לאַנג געקעניגט. ער איז געווען אַ קרענקליבער מענש, האָט קיינעם ניט געטרויט און האָט יעדען חושד געווען, דאָס ער איז איהם אונטריי. זיין געליבטער ברודער אַנטיגאָנוס איז געווען זעהר בעליבט ביים פאָלק און ביי דעם מיליטער. אַנטיגאָנוס'עס פיינד האָבען אויף איהם אָנגערעדט פאַר זיין ברודער דעם קעניג, דאָס ער דענקט צו מאַכען אַן איבערקעהרעניס אין דער רעגירונג און פערכאַפּען דעם טראָן. אַריסטאָבולוס האָט זיי געגלויבט און האָט געהייסען מען זאָל איהם ערמאָרדען.

ווענען דיזען טרויעריגען צופאַל ווערט דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע: אין יענער צייט איז אַנטיגאָנוס געקומען פון א פעלד־צוג צוריק אין ירושלים צוליב דעם יום טוב סוכות. דאָס פאָלק האָט איהם בעגעגענט מיט גרויס ליבשאַפט און בעגייסטערונג. באַלד נאָך דעם, ווי ער איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז ער געגאַנגען אין די קליידער פון א פעלד־הערר מיט דער גאַנ־צער בעוואַפנונג אָן דער שפּיץ פון פיעלע אָפיצערען און סאָלדאַטען גלייך צום טעמפּעל, אום צו ערעפנען דעם יום טוב און צו בריינגען א קרבן און זאָגען א תפלה פיר די געזונדהייט ון זיין געליבטען ברודער דעם קעניג יהודה אַריסטאָבולוס. די פיינד פון אַנטיגאָנוס האָבען באַלד דערצעהלט דעם קעניג אַריסטאָבולוס, דאָס אַנטיגאָנוס איז געקומען אין ירושלים אום צו מאַ־כען אין לאַנד אַן איבערקעהרעניש און פערכאַפּען דעם טראָן, און דאָס ער ווערט באַלד קומען אין קעניגליכען פּאַלאַץ אין פולער בעוואַפנונג דורכצופיה־רען זיין פּלאַן. דער קעניג האָט אָנגעזאָגט די היטער פון פּאַלאַץ צו ערמאָר־דען יעדען, וואָס ווערט וועלען אריין אין פּאַלאַץ א בעוואַפענטער, און צו אַנ־טיגאָנוס'ן האָט ער בסוד געשיקט זאָגען, דאָס ער זאָל קומען צו איהם אין פּאַלאַץ אונבעוואָפענט. אָבער די שונאים פון אַנטיגאָנוס'ן האָבען איבער־געכומען דעם שליח, וואָס דער קעניג האָט געשיקט צו זיין ברודער, און האָ־בען איהם איינגערעדט, אז ער זאָל זאָגען דעם פּרינץ, דאָס דער קעניג פער־לאַנגט איהם צו זעהן אין פולער בעוואַפנונג און אין די נייע קריגס־קליידער, אום צו זעהן ווי זיי פּאַסען איהם. אַנטיגאָנוס האָט געטאָן ווי דער שליח האָט איהם געזאָגט אין דעם נאָמען פון זיין ברודער דעם קעניג. די סאָלדאַ־טען, די וועכטער, ווי נאָר זיי האָבען דערזעהען, דאָס אַנטיגאָנוס וויל אריין אין פּאַלאַץ אין פולער בעוואַפנונג, האָבען זיי איהם ערמאָרדעט. ווען דער קעניג האָט דערהערט פון דעם טויט פון זיין געליבטען ברודער, איז ער גע־וואָרען זעהר טרויעריג; זיין קראַנקהייט איז באַלד געוואָרען געפעהרליך, ער האָט אָנגעהויבען שפּייען מיט בלוט, און אין א קורצער צייט איז ער געשטאָרבען פון גרויס עגמת נפש (אויף'ן 2טען יאָהר פון זיין רעגירונג, 103 פ. קר.).

אַריסטאָבולוס איז געוועזען איינס מיט דער פּאַרטיי צדוקים און געגען די פּרושים. עס קען זיין, דאָס די געשיכטעס וועגען זיין שלעכט בעהאַנד־לען זיין מוטער און זיינע ברידער שטאַמען פון זיינע שונאים די פּרושים. בלויז די גריכישע היסטאָריקער לויבען איהם, וואַהרשיינליך, ווייל ער איז געוועזען א „פריינד פון די גריכען" (א העלעניסט).

אלכסנדר ינאי און זיינע מלחמות. נאָך דעם טויט פון אריסטאָבו- לוס האָט זיין פרוי די אלמנה=קעניגין בעפרייט זיינע ברידער פון געפענג- ניס, און דער עלטסטער פון זיי, אלכסנדר ינאי, איז ערוועהלט געוואָרען אלס קעניג און כהן גדול (103—76 פ. קר.). אריסטאָבולוס האָט ניט געלאָזען נאָך זיך קיין קינד, און אלכסנדר ינאי (יונתן) האָט געהייראַט מיט דער אלמנה פון זיין פערשטאָרבענעם ברודער, ווי עס פאָדערט דאָס אי- דישע געזעץ. אויך זי האָט געהאַט צוויי נעמען: אַ אידישען שלמינון און אַ גריכישען אלכסנדרא.

מען דערצעהלט, דאָס יוחנן הורקנוס האָט ניט ליב געהאַט זיין זוהן אלכסנדר ינאי, און אום ניט צו האָבען איהם נעבען זיך, האָט ער איהם אוועקגעשיקט אין גליל, און דאָרט איז ער ערצויגען געוואָרען אין גריכישען גייסט, צו פיהרען מלחמות. זייענדיג פרעמד פון אידישען גייסט איז ער ניט געוועזען פעהיג צו זיין אַ אידישער קעניג און אַ כהן גדול. ער האָט גע- וואוסט נאָר איין ציל אין לעבען — מלחמה. אָבער זיינע מלחמות מיט זיינע נצחונות זיינען זעהר אָפט געוועזען שעדליך פיר דעם פּאָליטישען צו- שטאַנד פון פאָלק און האָבען געקאָסט דעם פאָלק פיעלע אָפּפער.

די ערסטע פעלד=צוגען זיינע האָט ער געמאַכט אויף די שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער, וואו דאָס אידישע פאָלק האָט נאָר געהאַט די שטאָדט יפו און אייניגע אַנדערע שטעדט. אין סיריען האָט דאַמאָלס געהערשט אַ פאָלשטענדיגע אנארכיע, און דעריבער זיינען כמעט אלע שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער, גע- וואָרען אונאָפּהענגיגע פרייע שטעדט. זיי זיינען געוועזען בעזעצט מיט גרי- כען און פעניציער, צווישען וועלכע דער האַנדעל האָט זיך דאָרט געפונען אין אַ זעהר בליהענדען צושטאַנד. אָבער זיי זיינען ניט געוועזען גענוג בע- פעסטיגט געגען אַן אָנפאַל פון אַ פיינד. דערמיט האָט זיך בענוצט דער שטרייטזיכטיגער אידישער קעניג אלכסנדר ינאי און האָט בעשלאָסען צו עראָבערן דאָס גאַנצע שטיק לאַנד מיט אלע שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער צו מערב פון פאַלעסטינא. דאָס ערסטע האָט ער זיך גענימען צו עכו, וועלכע האָט זיך דאַמאָלס גערופען מיט'ן נאָמען פּטאָלעמאאידע, און האָט זי בעלאַגערט. די איינוואוינער האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף צום קעניג פון דער אינזעל ציפערן (קפריסין), וואו עס האָט דאַמאָלס געהערשט פּטאָלעמעאוס לאַטור, דער עגיפּטישער טראָן=פּרינץ, וועלכען די עגיפּטישע קעניגין קלעאָפּאַטראַ האָט אַרויסגעטריבען פון זיין פאָטערלאַנד. אלכסנדר ינאי איז געוועזען געצוואונ-

גען אפצוטרעטען פון דער בעלאגערונג. ער האט אבער ניט אויפגעגעבען זיין פלאן צו בעהערשען עכו, וועלכע איז געווען פיר פאלעסטינא א זעהר וויכטיגער פארט, און האט זיך גענומען דערגרייכען זיין פלאן מיט דיפלאמאטישע שפיצלאך. ער האט מיט פטאלעמעאוס׳ן געשלאסען פרידען, אבער אין געהיים האט ער פערהאנדעלט מיט דער קעניגין פון עגיפטען, קלעאפאטרא, די מוטער פון פטאלעמעאוס׳ן, און זיין ביטערער שונא. איהם האבען אין זיין פערלאנג געהאלפען אייניגע אידישע בעאמטע, וועלכע האבען זיך דאמאלס געפונען אין עגיפטישען הויף ביי דער קעניגין. פטאלעמעאוס האט זיך וועגען דעם דערוואוסט און האט געשיקט אין ארץ ישראל א גרויסע ארמעע און האט איינגענומען די שטאדט אסאכיש אין גליל נעבען צפורי און האט זי צוראבירט. ביים ירדן האבען זיך ביידע ארמעען בעגעגענט. דארט האט זיך אנגעפאנגען א שלאכט, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט א שטארקערע מפלה פיר אלכסנדר ינאי (100 פ. קר.).

די זיגער זיינען אוועק צוריק צום אופער פון דעם מיטלענדישען מעער און אויף׳ן וועג האבען זיי צושטערט פיעלע אידישע שטעדט און דערפער, און האבען די איינוואוינער בעהאנדעלט גרויזאם. לאטור האט שוין געהאט איינגענומען עכו און עזה, וועגען וועלכע אלכסנדר ינאי האט אזוי פיעל געדענקט. אבער דאן האט זיך אריינגעמישט די עגיפטישע קעניגין קלעאפאטרא. איהר האט ניט געלוינט, דאס איהר זוהן, וועלכען זי האט אזוי שטארק געהאסט, זאל זיך בעפעסטיגען ביים ברעג פון מיטלענדישען מעער אזוי נאהענט צו עגיפטען, און זי האט געגען איהם ארויסגעשיקט א מעכטיגע פלאטע מיט מיליטער. אלס קאמאנדירען פון דער ארמעע, וואס זי האט געשיקט געגען איהר זוהן, האט זי בעשטימט צוויי אידען פון אלעקסאנדריען: ח ל ק י ה און ח נ נ י ה. לאטור האט געכאפט א גרויסע מפלה. די קעניגין קלעאפאטרא זעלבסט איז דאמאלס געווען אין פאלעסטינא. איהרע מיניסטארען האבען איהר געראטען, אז זי זאל זיך בענוצען מיט דעם גינסטיגען מאמענט און בעהערשען פאלעסטינא און פערוואנדלען זי אין אן עגיפטישע פראווינץ, ווי אין די פריהערדיגע צייטען. אבער דער אידישער פעלד־הערר חנניה האט זי אפגעהאלטען פון דורכפיהרען דיזען פלאן. דער אנדערער אידישער חיל־פיהרער חלקיה איז געפאלען אין שלאכט. קלעאפאטרא האט געשלאסען מיט אלכסנדר ינאי א בונד און דיזער האט איהר שטארק בעדאנקט פיר די הילף, וואס זי האט איהם געצייגט. ער האט זיך דאן גענומען צו אנדערע עראבערונגען.

ינאי האָט עראָבערט צוויי שטעדט נעבען ירדן : ג ד ר ה און א מ א ט. די בעלאַגערונג פון גדרה האָט געדויערט צעהן מאָנאַטען, אָבער ער האָט זי ענדליך גענומען. די עראָבערונג פון אַמאַט האָט געקאָסט זעהר פיעלע אי־דישע לעבענס. נאָכדעם האָט ער זיך ווידער געווענדט צו מערב, האָט דאָרט עראָבערט אייניגע שטעדט, צווישען אַנדערע אויך די שטאָדט ע ז ה (96 פ. קר.), וועלכע איז געווען זעהר וויכטיג פיר דאָס לאַנד יהודה אַלס אַ פּאָרט. די בעלאַגערונג פון עזה האָט געדויערט אַ גאַנצען יאָהר. די איינ־וואוינער האָבען זיך פערטיידיגט מיט גרויס מוט, אָבער די שטאָדט־מיליץ האָט איבערגעגעבען די פעסטונג צו אַלכסנדר ינאי. ער האָט ערלויבט די סאָלדאַטען צו רויבען און שענדען די איינוואוינער, ווי עס איז שוין דאַ־מאָלס געווען דער מנהג ביי אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט ביי די גריכען. די מיטגלידער פון שטאָדט־ראַט מיט נאָך אַנדערע וויכטיגע בירגער אין צאָהל פון 500, וועלכע האָבען זיך גירעטעט אין טעמפּעל פון דעם גריכישען גאָט אַפּאָללאָן, האָבען ינאי׳ס סאָלדאַטען אַלע ערמאָרדעט. מיר מוזען אָבער בעמערקען, דאָס אַ גרויסער טייל פון ינאי׳ס סאָלדאַטען זיינען געווען פון אַנדערע פעלקער, געדונגענע, און זיי זיינען געווען געוועהנט מיט אַזעלכע גרויזאַמקייטען.

דער אויפשטאַנד אין טעמפּעל. מיט די נצחונות פון אַלכסנדר ינאי זיינען געווען צופרידען נאָר די צדוקים. די פּרושים האָבען געלעגט מעהר געוויכט אויף די גייסטיגע ענטוויקלונג פון פאָלק און אויף זיינע רעליגיעזע זיטען. די פּרושים האָבען גענלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט אויף זיך אַנדערע פליכטען ; ניט די גראָבע קריגס־קראַפט דאַרף דאָס אידישע פאָלק אין זיך ענטוויקלען, נאָר די גייסטיגע, גוטע, אידעאַלע זיטען, ליבע צו פּראָגרעס און פרידליכען געזעלשאַפטליכען לעבען. דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט געהאַלטען מיט די פּרושים. און עס איז קיין וואונדער ניט. אַפילו די, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען דאָס אידישע פאָלק ווי די פּרושים האָבען עס פערשטאַנען, האָבען געפיהלט, ווי ווייט די מלחמות זיינען אַן אונגליק פיר דאָס לאַנד ; אויסער דעם האָבען זיי ניט געקענט פערטראָגען דעם ווידערשפּרוך, דאָס אַ קעניג, וואָס זיינע הענט זיינען פול מיט בלוט פון הרוגים פון מלחמה, זאָל זיין אַ כהן גדול און מקריב זיין קרבנות און בעטען גאָט צו פערגעבען די זינד, וועלכע ער האָט געטאָן און איז בערייט יעדע מינוט נאָך מעהר צו טאָן.

אין דער צייט פון אַלכסנדר ינאי׳ס רעגירונג זיינען די צדוקים געווען אין מאַכט. אין דער אַרמעע. ווי אין טעמפּעל, האָבען זיי פערנומען די

העכסטע עמטער. די פרושים זיינען געווען זייערע ביטערע געגנער; זיי האבען מיט זיי געקעמפפט פיר די מאכט אין סנהדרין. זיי האבען אויך גערעכענט אויף אן ערפאלג אין דיזען קאמף. איינער פון די וויכטיגסטע מענשען פון דער פארטיי פרושים איז געווען שמעון בן שטח, דער קעניגין סאלאמא'ס ברודער. די קעניגין איז געווען אין גאנצען אונטער זיין איינפלוס; זי האט געשיצט די פרושים געגען דעם ווילען פון איהר מאן אלכסנדר ינאי. און זי איז געווען אין שטאנד דאס צו טאן, ווייל איהר מאן איז כמעט אימער געווען בעשעפטיגט מיט וויטע מלחמות און די רעגירונגס-מאכט איז דאן געווען אין איהרע הענט. שמעון בן שטח האט זיך ניט גוט פערטראגען מיט'ן קעניג. עס ווערט דערצעהלט, דאס ער איז געווען אמאל געצוואונגען צו ענטלויפען פון ירושלים און בעהאלטען זיך פון דעם צארן פון אלכסנדר ינאי, נאר די קעניגין אליין האט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. איין מאל זיינען געקומען צו אלכסנדר ינאי פערסישע מאגנאטען אלס געסט. זיי האבען זיך נאכגעפרעגט אויף שמעון בן שטח, וועלכען זיי האבען געקענט אלס חכם און געלעהרטען, און האבען געבעטען דעם קעניג, אז ער זאל זיי פערשאפען דעם פערגניגען צו פערברייינגען א ביסעל מיט דיזען חכם. די קעניגין האט איהם, לויט דעם דעם פערלאנג פון איהר מאן, ארויס-גערופען פון זיין בעהעלטניס, און האט איהם פערזיכערט, דאס ער איז אוי-סער געפאהר. ווען שמעון בן שטח איז געקומען אין קעניגליכען פאלאץ, האט ער זיך אויפגעפיהרט ווי א מענש, וואס וויים זיין ווערט. ביים טיש האט ער זיך געזעצט צווישען דעם קעניג און דער קעניגין. אלכסנדר'ן האט די מעשה א ביסעל פערדראסען און ער האט איהם געפרעגט, ווי קומט ער עס צו טאן אזוי? דערויף האט ער איהם געענטפערט מיט א פסוק פון ספר בן סירא: „ווען דו וועסט זיך בעשעפטיגען מיט חכמה, וועט זי דיך זעצען צווישען פירסטען".

אלכסנדר ינאי, אלס איינער פון דער פארטיי צדוקים, פלעגט זיך זעהר אפט ערלויבען ביים דינסט אין טעמפעל צו טאן אזעלכע זאכען, וואס האט שטארק אויפגערייצט די פרושים, ווייל אלס צדוקי האט ער געטאן די זאך לויט ווי די צדוקים פערשטעהען די געזעצען פון דער תורה. איין מאל אום סוכות, ווען עס איז געווען אין טעמפעל א גרויסע מאסע פון פאלק מיט אתרוגים און לולבים אין זייערע הענט, און אלכסנדר ינאי האט געפראוועט די עבודה ביים אלטאר, האט ער די כלי מיט וואסער, וועלכעס איז געווען בעשטימט צום גיסען אויף'ן מזבח, לויט דעם מנהג פון די פרושים, אויס-געגאסען אויף דער ערד. דאס האט שרעקליך אויפגערייצט די פאלקס-מאסע,

וועלכע האָט אָנגעהויבען צו ווארפען אויף איהם די אתרוגים און האָט גע־שריען: „געה אוועק פון היילינען מזבח, דו ביזט ניט ווערט צו זיין א כהן גדול! דיין באָבע האָט זיך יאָהרען־לאַנג געוואַלגערט א געפאַנגענע צווישען גוים און דו ביזט ניט קיין כשר'ער מיוחס!" דאָס האָט דעם קעניג שטארק פערדראָסען און ער האָט באַלד אריינגעשיקט אין טעמפּעל זיינע געדונגענע סאָלדאַטען פון די גוים. די גויישע סאָלדאַטען האָבען דאַמאָלס צו'הרג'עט נאָהענט פון זעקס טויזענד אידען (95 פ. קר.). דער האַס פון פאָלק און פון די פּרושים צום קעניג האָט נאָך דעם געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. עס האָט געפעהלט א קליינער צופאַל, אז עס זאָל אויסברעכען אַן אויפשטאַנד. און דיזער צופאַל האָט זיך באַלד בעוויזען.

דער בירגער־קריג. דער קעניג האָט לאַנג ניט געקענט רוהען אין ירושלים. איהם האָט ווידער געצווינגען צו מלחמה. ער האָט זעהר געוואָלט פערברייטערן דאָס לאַנד. איבערהויפּט האָט ער געוואָלט זיכערן די גרענ־צען פון לאַנד, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די בענאַכבאַרטע פעלקער. און עס איז באמת געווען פאַר וואָס מורא צו האָבען. די אראַבער אויף יע־נער זייט ירדן האָבען זיך שטארק פערגרעסערט אין צאָהל און האָבען אָנ־געהויבען צו ווערען א געפאַהר פיר דאָס אידישע פאָלק. די אראַבער האָ־בען פערכאַפּט די לענדער פון עמון און מואב, אויך א טייל פון אדום, און האָבען דאָרט געגרינדעט א מלוכה מיט דער שטאָדט סלע (פּעטרא) אַלס הויפּטשטאָדט. אַלכסנדר ינאי האָט געדונגען אין קליין־אזיען א גרויסע צאָהל סאָלדאַטען און איז מיט זיי אוועק אין גלעד און האָט אונטערוואָרפען די איינוואוינער אונטער זיין הערשאַפט. דאָרט אָבער איז ארויס דער אראַ־בישער קעניג עובדיה אויף א שטרייט, און אַלכסנדר ינאי האָט געכאַפּט א שטאַרקע מפּלה נעבען ים כנרת, און ער איז קוים מיט'ן לעבען ענטלאָפען נאָך ירושלים.

ער האָט זיך גערינט, דאָס אין ירושלים וועט ער ניט האָבען קיין פריינד־ליכע אויפנאַהמע. די פּרושים האָבען אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אוועק, ערקלערט דעם פאָלק, וואָס פיר אַן אונגליק עס זיינען די מלחמות, וועלכע דער קעניג פיהרט שטענדיג. עס האָט זיך געבילדעט א רעוואָלוציאָ־נערע פּאַרטיי, צו וועלכער עס איז צוגעשטאַנען א גרויסער טייל פון פאָלק. זעקס יאָהר האָט געדויערט דער קאַמף צווישען פאָלק און זיין קעניג (94—88 פ. קר.) און עס זיינען געפאַלען אַן ערך 50,000 אידען. אין דיזען קאַמף האָבען איהם געהאָלפען סאָלדאַטען פון פרעמדע פעלקער, וועלכע האָבען בעהאַנדעלט די אידישע קעמפפער זעהר גרויזאַם. ענדליך האָט דער קעניג

געבעטען די פּרושים צו מאַכען שלום. דיזע האָבען איהם געענטפערט, דאָס נאָר זיין טויט קען זיי בערוהיגען. זיי האָבען גערופען צו הילף דעם סירישען הערשער דעמעטריוס דעם 3טען, דעם זוהן פון דע־מעטריוס דעם 2טען.

די אידישע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך פעראייניגט מיט דער סירי־שער אַרמעע נעבען שכם. אַהין איז געקומען אַלכסנדר ינאי מיט זיין אַרמעע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בלוטיגער שטרייט פון אידען געגען אידען. דער קעניג מיט דער אַריסטאָקראַטיע פון איין זייט און דאָס ערביטערטע פאָלק פון אַנדערען זייט, און גריכען געגען גריכען: דעמעטריוס׳עס אַרמעע געגען די געדונגענע סאָלדאַטען פון אַלכסנדר ינאי׳ס אַרמעע. דער אידישער קעניג האָט געהאַט אַ שרעקליכע מפּלה און איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען אין די בערג פון שבט אפרים (88 פ. קר.). אָבער אין דיזען מאָמענט האָבען זיך די אידישע רעוואָלוציאָנערען ארומגעזעהען, דאָס זיי געהען צו ווייט: דער סירישער הערשער וועט פיר זיי געוויס זיין פיעל גע־פעהרליכער אפילו פון אַלכסנדר ינאי. עס זיינען באַלד אריבער אויף דער זייט פון אַלכסנדר ינאי 6,000 רעוואָלוציאָנערען. דעמעטריוס איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס לאַנד יהודה און צוריקקעהרען זיך אין זיין היים.

אָבער עס זיינען נאָך געבליבען צווישען די רעוואָלוציאָנערען פיעלע, וואָס האָבען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט שליסען פרידען מיט׳ן קעניג, און זיי האָבען בעשלאָסען פאָרטצוזעצען דעם קאַמף. מיט זיי האָט ינאי ניט געהאַט לאַנג צו טאָן. ער האָט זיי שנעל צוקלאַפּט. איין אָפּטיילונג פון די רעוואָלוציאָנערען האָט זיך פערשלאָסען אין דער פעסטונג בעטאָם. ינאי האָט זיי בעלאַגערט און האָט זיי אין גיכען גענומען אין פלען און געבראַכט אין ירושלים. דאָרט האָט ער זיי געהייסען הענגען, 800 פער־זאָן. אָבער איידער ער האָט זיי אַלעמען צוהאַנגען האָט ער געהייסען בריינ־גען זייערע ווייבער און קינדער און האָט זיי געהייסען צושעכטען ביז איינעם פאַר זייערע אויגען. דאָס פאָלק איז אַזוי דערשראָקען געוואָרען, דאָס 8,000 מענשען זיינען אין איין נאַכט ענטלאָפען פון לאַנד יהודה. זיי זיינען געוועזן נע ונד אין אַנדערע לענדער אַ לאַנגע צייט ביז נאָך דעם טויט פון דיזען טיראַן. צווישען דיזע פּאָליטישע עמיגראַנטען איז אויך געווען דער נשיא פון די סנהדרין, שמעון בן שטח, דער קעניגין׳ס ברודער. דאָס פאָלק האָט זיין קעניג ינאי נאָך מעהר פערהאַסט און האָט איהם געגעבען אַ נאָמען „טהראַקיד“ (טהראַציער), וועלכער האָט בעדייטעט: ווילדער, הענקער.

צום ענדע פון זיין רעגירונג האָט אַלכסנדר ינאי געהאַט איינגע מלחמות און האָט עראָבערט איינגע וויכטיגע שטעדט אויף יענער זייט ירדן. דאָס פאָלק איז געוואָרען צו איהם אַ ביסעל פריינדליכער, אָבער די פּרושים האָבען איהם ניט אויפגעהערט צו האַסען. דער רעזולטאַט פון די אַלע מלחמות, וואָס אַלכסנדר ינאי האָט געפיהרט אין דער צייט פון זיין רעגירונג, איז געווען, אַז דאָס לאַנד יהודה האָט ווירקליך פערברייטערט איהרע גרענצען.

אַלכסנדר ינאי האָט זיך אויך געהאַלטען אָן דער פּאָליטיק פון זיינע עלטערן — צו צווינגען די עראָבערטע פעלקער אָננעהמען יודענטום, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס ער זעלבסט איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור. ער איז ענדליך געוואָרען קראַנק, מען זאָגט פון צו פיעל טרינקען וויין, און איז געשטאָרבען ניט אין דער היים, נאָר ביי דער פעסטונג ראַגאַב אויף יענער זייט ירדן אין דער צייט פון איהר בעלאַגערונג. ער האָט רעגירט 27 יאָהר און איז געשטאָרבען צו 52 יאָהר (76 פ. קר.).

סאַלאָמאַ אַלכסנדראַ און די פּרושים. פאַר זיין טויט האָט אַלכסנדר ינאי בעשטימט זיין פרוי סאַלאָמאַ אַלכסנדראַ אַלס די הערשערין אין יהודה. אַזוי באַלד, ווי זי האָט דערהערט, דאָס איהר מאַן איז געוואָרען קראַנק, איז זי געשווינד געלאָפען צו איהם אין לאַגער. נאָך דעם, ווי די פעסטונג ראַגאַב איז עראָבערט געוואָרען דורך דאָס אידישע מיליטער, האָט אַלכסנדראַ געבראַכט איהר מאַן'ס טויטען קערפּער אין ירושלים און האָט איהם בעערדיגט מיט גרויס כבוד. עס ווערט דערצעהלט, דאָס פאַר זיין טויט האָט אַלכסנדר ינאי געראַטען זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך פערהאַלטען גוט מיט די פּרושים און צוציהען זיי צו נעהמען אַנטייל אין דער רעגירונג פון לאַנד, ווייל דיזע פּאַרטיי איז אין לאַנד זעהר פּאָפּולער און פון איהר איז אָפּהענגיג דער שיקזאַל פון דער דינאַסטיע. ווי עס שיינט האָט ינאי ניט געוואוסט, דאָס ער פערשפּאָרט געבען זיין ווייב אַזאַ עצה, ווייל זי איז שוין לאַנג געווען איבערגעבען צו דער פּאַרטיי פון די פּרושים.

פון די צוויי זיהן, וואָס זיינען געבליבען נאָך אַלכסנדר ינאי'ס טויט, איז דער עלטערער, הורקנוס, געווען אַ מענש מיט אַ זעהר שוואַכען כאַראַקטער און איז ניט געווען פעהיג צו רעגירען. דער איינגערער, אַריסטאָבולוס, איז אין געגענטייל געווען אַ מענש מיט אַ הייסען טעמפּעראַמענט און איז געווען שטאַרק געניינט צו די צדוקים. די קעניגין האָט איבערגעגעבען דאָס אַמט פון כהן גדול צו איהר עלטערען זוהן הורקנוס, און דעם איינגערען, אַריסטאָבולוס, האָט זי אין גאַנצען אָפּגעשטויסען פון דער רעגירונג, ווייל

זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין קריגערישען כאַראַקטער און פאַר זיין נייגונג צו די צדוקים.

דיזער פאַקט, דאָס אַ פּרוי איז געוואָרען די רעגירערין, האָט געהאַט אַ זעהר וויכטיגען רעזולטאַט. די צוויי עמטער: וועלטליכער רעגירער און רעליגיעזער (קעניג און כהן גדול), איז יעצט געוואָרען צוטיילט. דיזעס האָט דאָס פאָלק שוין לאַנג פערלאַנגט און האָט עס ניט געקענט דורכפיהרען, און דערפון זיינען אַרויסגעקומען רייסערייען און בירגער־קריג. יעצט איז עס ממילא, פון זיך אַליין, אָפּגעשאַפט געוואָרען, ווייל אַ פּרוי האָט דאָך ניט געקענט זיין קיין כהן גדול, און עס איז שוין אַזוי פערבליבען אויף אימער. אָבער די רעגירונג פון דער קעניגין סאַלאָמאַ אַלכסנדרא האָט געהאַט נאָך אַ זעהר וויכטיגען רעזולטאַט, נעמליך, דאָס די עמטער פון די סנהדרין זיינען אַריבער פון די צדוקים צו די פּרושים. דאָס האָט געהאַט אַ גינסטיגע ווירקונג אויף די גאַנצע רעגירונג, די אינערליכע ווי די אויסערליכע. דער קריגס־פיבער איז אַריבער, ווייל די מעהרהייט פון פאָלק זיינען געווען דאַגעגען, און די סנהדרין האָבען זיך געקענט איבערגעבען הויפּטזעכליך צו קולטור־אַרבייט. די שטרענגע געזעצען, וואָס די צדוקים האָבען איינגעפיהרט אין דער צייט פון זייער הערשעווען, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען, און אַנשטאָט זיי זיינען איינגעפיהרט געוואָרען מילדע געזעצען. דאָס איז געווען ביים פאָלק אַזוי וויכטיג, דאָס מען האָט בעשטימט אַ טאָג אין יאָהר צו פייערן דיזע ענדערונג (14טען תמוז).

די פּרושים, וועלכע האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס פאָטערלאַנד אין דער צייט פון דער רעגירונג פון אַלכסנדר ינאי, וועלכער האָט זיי שטאַרק פערפאָלגט, האָבען זיך יעצט צוריקגעקעהרט. צווישען זיי האָבען זיך געפונען די צוויי אידישע גדולים שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי, וועלכע זיינען געווען ענטלאָפען נאָך אַלעקסאַנדריען אין עגיפּטען. יעצט, ווען די פּרושים האָבען בעקומען די מאַכט אין זייערע הענט, האָבען זיי געפאָדערט פון דער קעניגין, אַז מען זאָל בעשטראָפען די צדוקים, וועלכע האָבען בעאיינפלוסט דעם קעניג ינאי צו ערמאָרדען אַזוי פיעלע פּרושים. די קעניגין האָט זייער פערלאַנג נאָכגעגעבען, און איניגע פון די הויפט־אָנפיהרער פון די צדוקים זיינען פער'משפט געוואָרען צום טויט. דיזע האַנדלונג איז ניט געווען אַ געפיהל פון ראַכע, נאָר זי איז געווען אַ נויטווענדיגקייט. ערסטענס, אום צו בערוהיגען דאָס פאָלק, וועלכעס איז געווען שטאַרק אונצופרידען מיט דער פריהערדיגער רעגירונג, און צווייטענס, אָנצושרעקען די צדוקים.

עס ווערט דערצעהלט וועגען שמעון בן שטח, דאָס אָנפאַנגס, ווי ער איז צוריקגעקומען צו זיין אַמט אַלס פּרעזידענט אין די סנהדרין, איז ער געוועזן אין זיינע משפּטים זעהר שטרענג. אַזוי צ. ב. ווערט דערצעהלט, דאָס ער האָט פערורטיילט צום טויט 80 מכשפות אין דער שטאָדט אשקלון. אָבער מען רעכענט, אַז דאָס איז איבערטריבען, ערסטענס האָט דאַמאָלס די שטאָדט אשקלון ניט געהערט צו די אידען, און צווייטענס איז עס געגען זיין לעהרע אין פּרקי אבות: דאָס מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג ביי די פערהאַנדלונגען פון אַ פּראָצעס. שמעון בן שטח האָט געמאַכט פיר דאָס פאָלק איינִיגע וויכטיגע נייע געזעצען. אַזוי צ. ב. האָט ער מתקן געוועזן אַ כתובה פיר אַ פרוי, אום זי זאָל זיין בעזאָרגט, ווען זי בלייבט אַן אלמנה אָדער זי ווערט אַ גרושה, מיט אַ געוויסער סומע געלט, און ער האָט איינגעאָרדענט שולען צום לערנען קינדער. די געשיכטע פון יענער צייט זאָגט ניט קלאָר, אויב ער האָט דער ערסטער געגרינדעט שולען פיר קינדער, אָדער שולען זיינען שוין געוועזן פאַר איהם, נאָר ער האָט געמאַכט פיר אַ מוז, אַ חוב, דאָס יעדער פאָטער זאָל שיקען זיין קינד לערנען אין אַ שולע. דער תלמוד זאָגט, דאָס אין די צייטען פון שמעון בן שטח זיינען די רעגענס געגאַנגען אין דער ריכטיגער צייט און די קערנער פון די תבואות זיינען געוועזן אונגעוועהנליך גרויס. דאָס איז וואהרשיינליך אַ בילד פון אַ רוהיגער צייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געקענט איבערגעבען צו אַקערבוי און ניט פערלירען זיין ענערגיע אין שטענדיגע מלחמות. אָבער דיזע גליקליכע, רוהיגע צייט האָט ניט לאַנג געדויערט. סאַלאָמאַ אַלכסנדרא האָט רעגירט נאָר 9 יאָהר, פון 76 ביז 67 פ. קר.

די קעניגין סאַלאָמאַ אַלכסנדרא האָט געפונען פיר נעטיג אָנצוהאַלטען אַן אַרמעע, הגם זי האָט ניט געהאַט אין זינען צו פיהרען מלחמות. זי האָט עס געמוזט טאָן, אום אין פאַל פון אַן אָנפאַל פון אַן אַנדער מאַכט זאָל זי זיך קענען פערטיידיגען. דער אינגערער זוהן איהרער, אַריסטאָבולוס, איז געוועזן אַ ליבהאָבער פון מלחמות, ווי זיין פאָטער ינאי, און דעריבער איז ער געוועזן איבערגעגעבען צו דער פּאַרטיי פון די צדוקים, וועלכע זיינען געוועזן די הויפּט-בעאַמטע אין דער אַרמעע. ווען די פּרושים האָבען אָנגעהויבען שטאַרק פערפאָלגען די צדוקים, איז אַריסטאָבולוס אַן דער שפּיץ פון אַ דעפּוטאַציע פון די צדוקים געקומען צו דער קעניגין און פון איהר פערלאַנגט, אַז זי זאָל נעהמען די צדוקים אונטער איהר שוץ. אין פאַל, ווען זי וועט עס ניט טאָן, האָבען זיי ערקלערט, וועלען זיי פערלאָזען דאָס לאַנד און איבערגעהן דינען צו אַנדערע קעניגרייכען. די קעניגין האָט דערפאַר

ווירקליך געהאַט מורא, ווייל דאָס לאַנד וועט בלייבען אָהן אַ מיליטערישער מאַכט, וואָס איז אַזוי נעטיג געוועזען אין יענער צייט, ווען פערשיידענע קע- ניגען אין אַזיען האָבען געשאַרפט די ציינער אויף דאָס לאַנד יהודה. זי האָט זיי איבערגעגעבען אייניגע פעסטונגען, וואו זיי האָבען זיך געקענט פערטיידיגען געגען די פערפאָלגונגען פון די פּרושים. נאָר די פעסטונגען, וואו עס האָבען זיך געפונען די שאַץ־קאַמערן פון דער רעגירונג, האָט זי זיי ניט איבערגעגעבען. די צייט האָט געוויזען, ווי ווייט נעטיג עס איז געוועזען די פאָרזיכטיגקייט פון דער קעניגין.

צו ענדע פון דער רעגירונג פון דער קעניגין סאַלאָמאַ אַלכסנדרא האָט זיך די פּאַרטיי צדוקים ווידער געשטאַרקט. די צדוקים האָבען גענומען העלפען דעם אינגערען פּרינץ אריסטאָבולוס, אַז ער זאָל ווערען הערשער נאָך דעם טויט פון זיין מוטער, און ניט הורקנוס, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די פּרושים. מיט זייער הילף האָט אריסטאָבולוס איינגענומען פיעלע פעסטונגען אין יהודה; צו איהם איז צוגעשטאַנען אַ היבשע מאַסע פון פאָלק, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער בירגער־קריג. די קעניגין איז דאַמאָלס געוועזען אַלט 73 יאָהר און איז געוועזען זעהר שוואַך. איבערהויפּט האָט אויף איהר שלעכט געווירקט דער אויפשטאַנד פון איהר זוהן אריסטאָבולוס. די פּרושים זיינען צו איהר געקומען בעראַטען זיך וואָס צו טאָן. זי האָט זיי געענטפערט, דאָס זי איז צו שוואַך צו טאָן עטוואָס, נאָר דאָס זיי קענען זיך זעלבסט העלפען, ווייל זיי האָבען אין זייערע הענט די אַרמעע און די אוצרות פון לאַנד. באַלד נאָך דעם איז די קעניגין גע- שטאָרבען (67 פ. קר.).

י. דער קריג צווישען הורקנוס און אריסטאָבולוס און דאָס אריינמישען זיך פון רוים. (67—63 פ. קר.)

באַלד נאָך דעם טויט פון דער קעניגין סאַלאָמאַ אַלכסנדרא האָט זיך צופלאַקערט אַ קאַמף צווישען די צוויי ברידער הורקנוס און אריסטאָבולוס פיר דעם טראָן. הורקנוס איז געוועזען דער עלטערער, און לויט דער קאָנסטי- טוציאָן פון די חשמונאים האָט ער בעדאַרפט ירש'ענען דעם טראָן. ער איז אָבער געוועזען צו שוואַך צו זיין אַ רעגירער. דאָס האָט געגעבען דעם אינגערען אריסטאָבולוס די מעגליכקייט צו דענקען, אַז דער טראָן געהערט צו איהם, ווייל ער איז געוועזען מעהר פעהיג צו רעגירען. אויך דאָס פאָלק איז געוועזען צושפּאָלטען אין צוויי לאַגערן — די פּרושים, וועלכע האָבען אי- בערהויפּט געלעגט דאָס גאַנצע געוויכט אויף די קולטור פון די מאַסען, אויף

זייער רעליגיאָן, זייערע זיטען און אין אַלגעמיין אויף זייער גייסטיגע ענט-וויקלונג, האָבען געהאַלטען מיט הורקנוס'ן; דאַגעגען די צדוקים מיט די מי-ליטער=בעאַמטע האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אַריסטאָבולוס'ן, ווייל דורך איהם האָבען זיי געהאָפט צו בעקומען די אויבערמאַכט אין דער רעגירונג.

ווי נאָר **הורקנוס דער 2טער** איז אַרויף אויף'ן טראָן, האָט אַריסטאָבולוס גלייך גענומען מאַרשירען אויף ירושלים מיט זיין אַרמעע. הורקנוס האָט געגען איהם אַרויסגעשיקט אייניגע אָפּטיילונגען פון זיין מי-ליטער. ביי יריחו האָבען זיך ביידע אַרמעען בעגעגענט. די מוטיגקייט פון אַריסטאָבולוס'ן איז געווען זעהר אָנציהענד פיר די סאָלדאַטען פון הורקנוס און פיעלע זיינען אַריבער אויף זיין זייט, און פון דעם קאַמף איז אַריסטאָבולוס אַרוים דער זיגער. הורקנוס האָט זיך פערשלאָסען אין דער פעסטונג נעבען בית המקדש, און האָט מיט זיך גענומען די פרוי און קינ-דער פון אַריסטאָבולוס'ן אום צו האַלטען זיי אַלס משכון, אַז אַריסטאָבולוס זאָל ניט טאָן קיין גרויזאַמקייטען. ווען אַריסטאָבולוס איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָבען די צוויי ברידער געשלאָסען שלום: הורקנוס איז געבליבען כהן גדול און אַריסטאָבולוס — קעניג. און אום דער פרידען זאָל זיין אַ ריכטיגער האָבען די ביידע ברידער פערהייראַט זייערע קינדער צווישען זיך: די טאָכטער פון הורקנוס, אַלכסנדרא, איז געוואָרען די פרוי פון אַריסטאָ-בולוס'עס זוהן, אַלכסנדר.

אָבער ניט אַלע זיינען געווען צופרידען מיט דיזען שלום. די פרושים האָט מען שוין אָנגעהויבען ביסלאַכווייז צו דערווייטערן פון דער רעגירונג און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ רעאַקציע פון די צדוקים. אויסער דעם האָ-בען זיך געפונען איינצעלנע זעהר איינפלוסרייכע מענשען, וואָס זיינען מיט דיזער ענדערונג אין דער רעגירונג ניט געווען צופרידען, ווייל זייערע פער-זענליכע אינטערעסען האָבען דערפון געליטען. איינער פון די וויכטיגסטע פערזאָנען פון דיזען סאָרט איז געווען אַ פערזענליכער פריינד פון הורקנוס, מיט'ן נאָמען **אַנטיפּאַטאַר**; דיזער איז געווען איינער פון די אידו-מעער (בני אדום), וועלכע האָבען אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס דעם 1טען אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. אַנטיפּאַטאַר'ס פאָטער איז געווען אַ הוי-בער מיליטער=בעאַמטער אין דער פּראָווינץ אדום. וואַהרשיינליך האָט אויך אַנטיפּאַטאַר פערנומען די זעלבע שטעלע. דיזער אַנטיפּאַטאַר איז געווען אַ מענש מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער און אַ גרויסער אַמביציע. ער האָט געהאָפט, דאָס ווען הורקנוס וועט זיצען אויף'ן טראָן, וועט ער שפּילען אַ

גרויסע ראָלע אין דער רעגירונג, ווייל הורקנוס איז צו שוואך צו רעגירען און ער וועט זיך זיכער געפינען אונטער זיין איינפלוס. ער איז אָבער ניט געווען פון דעם סאָרט מענשען, וואָס גיבען זיך אונטער צו אומשטענדען. ער האָט גענומען אינטריגירען און האָט בעוויזען, דאָס ערסטענס איז עס אַ גרויסע עוולה אָפּצושטויסען הורקנוס'ן פון זיין געזעצליכען טראָן, און צווייטענס איז ער אויך אין געפאַהר צו ווערען ערמאָרדעט פון אריסטאָבולוס'ן, וועלכער וועט זיך געוויס וועלען בעפרייען פון אַ געזעצליכען פּרעטענדענט אויף'ן טראָן. ער האָט איינגערעדט הורקנוס'ן אָנצופאַנגען געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם אַראַבישען קעניג ארעט, אַז ער זאָל שיקען זיין מיליטער צו העלפען הורקנוס'ן אָפּנעהמען צוריק דעם טראָן פון זיין ברודער, און האָט דערפאַר פערשפּראָכען געבען אַרעט'ן אַ געוויסע סומע געלט.

איין מאָל ביי נאַכט זיינען אַנטיפּאַטער און הורקנוס ענטלאָפען פון ירושלים נאָך פּעטרא, די הויפּטשטאָדט פון קעניג אַרעט. דאָרט האָבען זיי געשלאָסען אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען ארעט האָט זיך פערפּליכטעט צו שיקען נאָך ירושלים אַ גרויסע אַרמעע אום צו העלפען הורקנוס'ן אָפּנעהמען פון זיין ברודער אריסטאָבולוס דעם טראָן, וועלכער געהערט געזעצליך צו איהם, הורקנוס'ן ; דערפאַר האָט זיך הורקנוס פערפּליכטעט צוריקצוגעבען צו אַרעט'ן די שטעדט, וואָס אלכסנדר ינאי האָט צוגענומען פון דער פּראָווינץ אדום.

באַלד נאָך דעם אָפּמאַך האָט ארעט געשיקט אַ גרויסע אַרמעע נאָך ירושלים (66—65 פ. קר.). אריסטאָבולוס האָט ארויסגעשיקט געגען איהם זיין מיליטער, אָבער ער האָט באַלד פערלאָרען די שלאַכט, האָט זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים און האָט זיך פערשלאָסען אין דער פעסטונג נעבען בית המקדש (הר הבית). אַרעט'ס אַרמעע מיט הורקנוס'ן אָן דער שפּיץ איז אַריין אין ירושלים און האָט בעלאַגערט די פעסטונג, אין וועלכער אַריסטאָבולוס איז געווען פערשלאָסען. דאָס פאָלק אין ירושלים האָט זיך צוטיילט אויף צוויי לאַגערן: הורקנוסיסטען און אריסטאָבוליסטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בירגער-קריג.

די בעלאַגערונג האָט געדויערט איינינע מאָנאַטען. דערווייל איז אָנגעקומען דער יום טוב פסח, ווען פון אַלע שטעדט פון לאַנד זיינען אָנגעקומען אידען מיט רעליגיעזע געפיהלען צו בריינגען דעם קרבן פסח אין בית המקדש. עס איז אָבער דאָרט געווען אַזוי ענג פון די סאָלדאַטען, דאָס פיעלע בעזוכער האָבען פערלאָזען ירושלים און זיינען אַוועק אין מצרים, וואו עס איז דאַמאָלס אויך געווען אַ בית המקדש מיט כהנים און קרבנות, ווי אין ירושלים. דיזען טעמפּעל האָבען די אַלעקסאַנדריער אידען שוין לאַנג אויפגעשטעלט

אויף זייערע קאָסטען אין מצרים. די לייט, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער פעסטונג, פלעגען אַלע טאָג אַראָפּשיקען צו די בעלאַגערער פיעל גאָלד פון טעמפּעל אום מען זאָל זיי אַרויפשיקען אַ שאָף אויף אַ קרבן. איינמאָל האָט איינער פון הורקנוס'עס מענשען געגעבען אַן עצה, אַז מען זאָל מעהר ניט אַרויפשיקען קיין שאָף פיר אַ קרבן, אום מען זאָל זיי דורך דעם צווינגען זיך אונטערצוגעבען. ווען די בעלאַגערטע האָבען נעכסטען מאָל אַראָפּגעשיקט פיעל גאָלד, אַז מען זאָל זיי אַרויפשיקען אַ שאָף, האָט מען זיי אַרויפגעשיקט אַ חזיר. עס ווערט דערצעהלט, דאָס באַלד נאָך דעם איז געוואָרען אַ שטאַרקער שטורם, וועלכער האָט פערניכטעט אַלעס אויף די פעלדער און אין לאַנד איז געוואָרען אַ הונגער. דאָס פאָלק האָט דערין געזעהען אַ שטראָף פון גאָט פיר בעליידיגען דעם בית המקדש.

די בעלאַגערער זיינען געוואָרען אויסער זיך פון פעדרדרוס, וואָס זיי קענען ניט איינגעהמען די פעסטונג. זיי האָבען געשיקט רופען אין לאַגער אַ געוויסען הייליגען מיט'ן נאָמען חוני המעגל, וועגען וועלכען מען האָט געגלויבט, דאָס זיין וואָרט, זיין ברכה אָדער זיין קללה, האָט אַ ווירקונג. זיי האָבען פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל שילטען די בעלאַגערטע. חוני האָט זיך געשטעלט אין מיטען לאַגער און האָט תפלה געטאָן צו גאָט מיט דיזע ווערטער: „אַלמעכטיגער גאָט! אַרום מיר שטעהט דיין פאָלק, און די בעלאַגערטע זיינען אויך דיינע קינדער, די כהנים. איך בעט דיך, טו ניט זייער ביידענס ווילען". די בעלאַגערער האָבען ניט פערשטאַנען די גרויסע נשמה פון דיזען הייליגען, וואָס פיר אַ הויכע מאָראַל עס ענטהאַלטען אין זיך דיזע ווערטער, און האָבען איהם פון גרוים כעס ערמאָרדעט.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען אין וועסט־אַזיען דער בעריהמטער רוימישער הערשער און חיל־פיהרער פּאָמפּעיוס. ער האָט שוין געהאַט איינגענומען פיעלע לענדער אין וועסט־אַזיען, און האָט זיך נאָכדעם גענומען צו בעזיגען סיריען. ער האָט געשיקט נאָך דמשק זיינעם אַ בעאַמטען מיט'ן נאָמען סקאַורוס (65 פ. קר.). אין דמשק האָט זיך סקאַורוס דערוואוסט וועגען דעם בירגער־קריג אין יהודה. ער האָט בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט דיזען קריג פיר רוים. ער איז אַוועק אין יהודה. ווי נאָר ער איז אַהין געקומען זיינען באַלד צו איהם געקומען געזאַנדטע פון יעדען פון די צוויי שטרייטענדע ברידער. יעדער האָט איהם פאָרגעשלאָגען 400 טאַלאַנטען זילבער פיר די הילף, וואָס ער, סקאַורוס, וועט איהם געבען. סקאַורוס האָט בעשלאָסען בעסער צו העלפען אַריסטאָבולוס'ן, ווייל ער איז דאָך קעניג און וועט גיכער זיין אין שטאַנד צו ערפילען זיין פערשפּרעכען.

ער האָט באַלד געשיקט זאָגען אַרעט'ן, אַז ער זאָל אויפגעבען די בעלאַגערונג, ווען ניט, וועט ער איהם ערקלערען אַלס אַ פיינד פון רוים. אַרעט האָט גוט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט, און האָט באַלד אויפגעגעבען די בעלאַ-גערונג. אַריסטאָבולוס איז באַלד אַרויס פון דער פעסטונג און האָט איהם נאָכגעיאָגט און האָט געהאַט אַ גרויסען זיג איבער איהם און איבער די אַנהענגער פון הורקנוס'ן.

פאָמפּעיוס אין יהודה. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון די פעלקער פון וועסט-אזיען. רוים איז דאָרט געוואָרען די הערשערין. דיזער צושטאַנד איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם בעריהמטען רוימישען קריגס-קאָמאַנדיר פאָמפּעיוס, וועלכער האָט דאַמאָלס געמאַכט זיין צייטווייליגע רעזידענץ אין דמשק. די רוימישע לעגיאָנען זיינען שוין געשטאַנען ניט ווייט פון יהודה. עס איז געווען קלאָר, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועט פאָמפּעיוס אויך איינשלינגען יהודה. אָבער דער קריג צווישען די צוויי ברידער אין ירושלים האָט געהאָלפען, דאָס די איבערקעהרענים אין יהודה זאָל געשעהען גיכער.

צווישען די געזאַנדטשאַפטען, וואָס זיינען געקומען צו פאָמפּעיוס'ן אין דמשק צו צייגען איהם זייער אונטערטעניגקייט צו רוים, האָט זיך אויך גע-פונען אַ געזאַנדטשאַפט פון אַריסטאָבולוס'ן, וועלכע האָט איהם געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלדענעם וויינשטאָק פון זעהר קונציגער אַרבייט, וואָס האָט גע-האַט דעם ווערט פון 500 טאַלאַנטען זילבער. באַלד נאָכדעם זיינען אַריסטאָ-בולוס און הורקנוס פערזענליך געקומען צו איהם, אום ער זאָל זיין זייער שיידס-ריכטער. הורקנוס האָט בעשולדיגט זיין ברודער אַריסטאָבולוס'ן, דאָס ער האָט איהם בערויבט פון טראָן, וועלכער געהערט געזעצליך צו איהם, און אויסער דעם בעשעפּטיגט ער זיך זעהר **ווייניג** מיט רעגירען דאָס פאָלק, נאָר ער האָט אַליץ אין זינען צו פערכאַפּען פרעמדע לענדער און מעהר פון אַלעם העלפט ער די פיראַטען (ים-רויבער), אויף וועלכע פאָמפּעיוס האָט אָנגע-ווענדט פיעלע קרעפטען צו פערניכטען זיי. דיזע קלאַגע האָבען בעשטעטיגט פיעלע אָנגעזעהענע בירגער פון יהודה, וועלכע אַנטיפּאַטאָר האָט מיט זיך געבראַכט אַלס עדות. אַריסטאָבולוס פון זיין זייט האָט ערקלערט, דאָס ער האָט איבערגענומען די רעגירונג אין זיינע הענט, ווייל הורקנוס איז אונפע-היג צו זיין אַ רעגירער. אויך איז צו פאָמפּעיוס'ן געקומען אַ דריטע דעפּו-טאַציע פון די אידען, וועלכע האָבען איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיי העלפען פּטור ווערען פון ביידע ברידער, און איינפיהרען אין לאַנד אַ טהעאָקראַטישע רעגירונג אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אַ כהן גדול. פאָמפּעיוס האָט

אַלע דריי דעפּוטאַציעס רוהיג אויסגעהערט און האָט זיי געהייסען געהן צו־ריק אין זייער לאַנד, פּערזיכערנדיג זיי, דאָס אין קורצען וועט ער זיין אין ירושלים און וועט אַלעס איינאָרדנען. דערוויייל האָט ער זיי געהייסען פּער־האַלטען זיך רוהיג און אויפהערען זיך קריגען.

זעלבסטפערשטענדליך האָט זיך פּאָמפּעיוס גאָרניט אינטערעסירט מיט דעם צושטאַנד פון יהודה אום צו בריינגען אָרדנונג אין איהר רעגירונג. ער האָט געהאַט אין זינען צוצונעהמען דאָס לאַנד און אונטערוואַרפען עס אונ־טער דעם רוימישען יאָך, ווי ער האָט געטאָן מיט אַלע אַנדערע לענדער פון וועסט־אזיען. פּאָמפּעיוס האָט אָבער גוט פערשטאַנען, דאָס אַריסטאָבולוס וועט זיך אַזוי גיך ניט אונטערגעבען אונטער דעם איינפלוס פון רוים, און איהם, פּאָמפּעיוס׳ן, וועט עס קאָסטען גענוג מיה ביז ער וועט איהם בע־זיגען. אַריסטאָבולוס פון זיין זייט האָט שוין אויך גוט געזעהען, דאָס דעם לאַנד יהודה שטעהט פאַר אַ גרויסע געפאַהר פון רוים, דאָס איהר פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט העננגען יעצט אויף אַ האָאָר. פּאָמפּעיוס האָט גע־וואָלט פערהאַלטען אַריסטאָבולוס׳ן נעבען זיך ביז ער וועט ענדיגען זיין פעלד־צוג אויף די אַראַבער, אָבער אַריסטאָבולוס האָט זיך ווי עס איז אויס־געדרעהט פון זיינע הענט און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין יהודה. ער האָט זיך בעפעסטיגט אין אַלעקסאַנדריום, אַ פעסטונג אין צפון־זייט פון יריחו. פּאָמפּעיוס האָט באַלד פערשטאַנען, דאָס אַריסטאָבולוס וועט זיך שטעלען געגען איהם; ער האָט אויפגעגעבען דעם פעלד־צוג אויף די אַראַבער, איז אריבער דעם ירדן און איז אריין אין יהודה.

ביי אַלעקסאַנדריום האָט פּאָמפּעיוס געשיקט רופען צו זיך אַריסטאָבו־לוס׳ן. דיזער האָט זעהר ניט געוואָלט געהן צו פּאָמפּעיוס׳ן, אָבער זיינע גוטע פריינד האָבען איהם גערעטען ניט אויפרייצען דעם בעריהמטען רוימי־שען פעלד־העדר. פּאָמפּעיוס האָט פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל איהם פערשפּרעכען, דאָס ער וועט פאָלגען זיין פּסק אין דער פראַגע פון דעם קריג מיט זיין ברודער. אַריסטאָבולוס האָט עס איהם צוגעזאָגט ניט מיט׳ן גאַנצען הארצען. אַלס גאַראַנטיע אָבער האָט פּאָמפּעיוס פון איהם פער־לאַנגט, אַז ער זאָל איבערגעבען אין זיינע הענט אַלע פעסטונגען פון יהודה. דאָס האָט אויפגעפלאַקערט אין איהם דעם העלדישען גייסט פון די מאַ־קאַבעער, דעם נאַציאָנאַל־גייסט, און ער האָט בעשלאָסען צו בעשיצען זיין פאַטערלאַנד מיט אַלע קרעפטען. ער האָט פערשפּראָכען פּאָמפּעיוס׳ן, דאָס ער וועט טאָן זיין פערלאַנג, אָבער ווי נאָר ער איז געקומען צוריק אין ירושלים האָט ער אָנגעהויבען פאָרצובערייטען זיך צו אַ קאַמף. פּאָמפּעיוס

האָט איהם נאָך אַ מאָל גערופען צו זיך און האָט פון איהם געפאָדערט אַן ערקלערונג. אַריסטאָבולוס האָט איהם פערשפּראָכען איבערצוגעבען אין זיינע הענט ירושלים און בעצאָהלען אַ געוויסע קאָנטריבוציע. פּאָמפּעיוס האָט באַלד געשיקט זיינעם אַ גענעראַל, גאַביניוס, מיט מיליטער נאָך ירושלים און האָט געפאָדערט, אַז די איינוואוינער זאָלען זיך אונטער- געבען אונטער דער מאַכט פון רוים און זאָלען בעצאָהלען די קאָנטריבוציע, וואָס אַריסטאָבולוס האָט זיך פערפּליכטעט צו געבען. דערווייל האָט ער פערהאַלטען אַריסטאָבולוס'ן ביי זיך ביז ער וועט הערען, וואָס פיר אַ בעריכט גאַביניוס וועט איהם ברייגנען פון ירושלים. דאָס פאָלק אין ירושלים האָט זיך ענטזאָגט אונטערצוגעבען זיך אונטער דער מאַכט פון רוים און צו צאָה- לען וועלכע עס איז קאָנטריבוציע. דאָס האָט פּאָמפּעיוס'ן שטאַרק אויפגע- רייצט. ער האָט באַלד געהייסען אַרעסטירען אַריסטאָבולוס'ן, און ער איז אוועק מיט איינינע לעגיאָנען צו נעהמען ירושלים.

ירושלים איז געוואָרען צוטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: איינע, די אַנ- דערע, די אַנ- הענגער פון אַריסטאָבולוס'ן, זיינען געוועזען ענטשלאָסען אויף קריג; די אַנ- דערע האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל נאָכגעבען די פאָדערונגען פון פּאָמ- פּעיוס'ן, ווייל זיי האָבען אַרויסגעזעהען, דאָס זיי זיינען צו שוואַך צו שטע- לען זיך געגען רוים. די אַריסטאָבוליסטען זיינען געוועזען די מינאָריטעט. זיי האָבען זיך פערשלאָסען אין דער פעסטונג אויפ'ן הר הבית, און די שטאָדט האָבען זיי איבערגעלאָזען צום פאָלק, עס זאָל טאָן מיט איהר ווי עס וויל. דאָס פאָלק האָט באַלד געעפענט די טויערן פון ירושלים, האָט אַריינגעלאָזען די רוימישע לעגיאָנען און האָט איבערגעגעבען צו פּאָמפּעיוס'ן די שטאָדט מיט'ן קעניגליכען פּאַלאַץ.

אַזוי באַלד, ווי די רוימער זיינען אַריין אין ירושלים, האָבען זיי זיך גענומען צו בעלאַגערן די פעסטונג פון הר הבית. דיזער פעסטונג איז געוועזען אונמעגליך צו נעהמען פון די זייטען מזרח און דרום, ווייל אין דיזע זייטען איז דער שטיינערנער באַרג געוועזען ווי אַ גלייכע הויכע וואַנט, און האָט ניט געהאַט קיין שום שפּוע. פון צפון־זייט האָט זי געהאַט אַ זעהר שטאַרקע וואַנט, און פון מערב־זייט האָט זיך געפונען אַ טיפער טאָל, וועלכער האָט אָפּגעטיילט די פעסטונג פון שטאָדט. פון דיזער זייט האָט פּאָמפּעיוס בע- שלאָסען צו נעהמען די פעסטונג. ער האָט אָנגעהויבען צו פערשיטען דעם טיפען טאָל און בילדען דאָרט אַ וואַל. אָבער די בעלאַגערטע האָבען זיי געשטערט צו טאָן זייער אַרבייט, זיי פלעגען שיסען אויף די אַרבייטער מיט פיילען און וואַרפען שטיינער, אַזוי דאָס עס האָט אויסגעוויזען, אַז די אַר-

בייט וועט נעהמען א זעהר לאַנגע צייט. די רוימער אָבער האָבען זיך דער-וואוסט, דאָס די אידען מעגען שטרייטען אום שבת, נאָר ווען עס שטעהט פאָר צו רעטען א מענשען'ס לעבען (פקוח נפש), אָבער אויסער אַזעלכע פע-לען טאָרען זיי ניט מחלל שבת זיין. פאָמפּעיוס האָט בעפוילען, דאָס די רוימער זאָלען אום שבת ניט שיסען קיין פיילען אויף די אידען אין דער פעסטונג, זיי זאָלען נאָר טאָן זייער אַרבייט צו פערשיטען דעם טאָל און אויפאַרבייטען דעם וואַל. די רוימער האָבען אַזוי געטאָן. די אַרבייט פון דעם טאָל האָבען זיי געטאָן אום שבת, און דאַמאָלס האָבען זיי ניט אָנגע-גריפען די בעלאַגערטע. די אידען האָבען זיי ניט געשטערט אין זייער אַר-בייט און זי איז אין א קורצער צייט פערטיג געוואָרען.

אַזוי באַלד, ווי דער טאָל איז פערשאָטען געוואָרען, האָט פאָמפּעיוס גע-הייסען ברייננען א בעלאַגערונגס-מאַשין און מען האָט אָנגעהויבען באָמ-באַרדירען די פעסטונג. די בעלאַגערטע האָבען ניט פערלאָרען קיין מוט און האָבען זיך פערטיידיגט ווי לייבען. דער געטליכער דינסט אין טעמפעל האָט ניט אויפגעהערט אויף איין טאָג. דעם קרבן תמיד האָבען די כהנים מקריב געווען יעדען טאָג, ניט אַכטענדיג אויף די באָמבאַרדירונג פון די רוימער. דריי חדשים האָבען די רוימער באָמבאַרדירט די פעסטונג פון בית המקדש און האָבען זי ניט געקענט נעהמען. ענדליך איז זיי געלונגען צו צושטערען איין טורם און אַריינרייסען זיך אין טעמפעל. דאָס איז געווען אין יום כפור פון דעם יאָהר 63 פ. קר. די כהנים האָבען ניט אויפגעהערט צו טאָן זייער עבודה, אַפילו ווען דער פיינד איז שוין געווען אין בית המקדש. די רוימער האָבען זיך גענומען מיט דעם געפיהל פון א ווילדען צורייצטען טיער שניידען קעפ רעכטס און לינקס. 12,000 מענשען זיינען יענעם יום כפור געפאַלען פון אידען.

זעהר שטאַרק האָט געקרענקט די פרומע אידען דער פאַקט, וואָס פאָמ-פּעיוס איז אַריין אין קדש הקדשים מיט זיין גאַנצער סוויטע, ווייל אין קדש הקדשים האָט אַפילו קיין איד ניט געטאָרט אַריינטרעטען אויסער דעם כהן גדול אום יום כפור. די היידען האָבען דאַמאָלס געהאַט וועגען דעם קדש הקדשים זעהר ווילדע מיינונגען. אייניגע האָבען בעהויפּטעט, דאָס דאָר-טען האַלטען די אידען א קאָפּ פון אַן עזעל און פערגעטערן איהם. ווען פאָמפּעיוס איז אַהין אַריין האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס דיזעס איז א שקר-בלבול אויף דעם אידישען טעמפעל און האָט דאָרט קיין זאַך ניט בע-ריהרט. ער האָט געהייסען פעררייכטען אין בית המקדש די בעשעדיגטע ער-טער, און האָט בעפוילען ווייטער צו ברייננען קרבנות, ווי די אידישע

רעליגיאָן שרייבט פאָר. נאָך אַריסטאָבולוס'עס אַנהענגער, וואָס זיינען גע-וועזן די הויפּט-אַנפיהרער פון דער קריגס-פּאַרטיי, האָט ער געהייסען אָפּ-האַקען די קעפּ.

נאָך דיזען נצחון האָט פּאָמפּעיוס אָפּגעשאַפט די זעלבשטענדיגקייט פון יהודה און האָט זי געמאַכט אָפּהענגיג פון רוים. אויסער דעם האָט ער אָפּגעריסען פון יהודה פיעלע שטעדט און האָט זיי פעראייניגט מיט די רוימישע פּראָווינצען אין סיריען. די שטעדט, וואָס פּאָמפּעיוס האָט אָפּגעריסען פון יהודה, זיינען צום גרעסטען טייל געווען בעזעצט מיט גרי-כען, און דיזע זיינען געוועזען העכסט צופרידען, וואָס זיי זיינען אַרויס פון אונטער דער הערשאַפט פון די אידען. די רוימער האָבען געגעבען יעדער שטאָדט דאָס רעכט צו גרינדען איהר בעזונדערע רעפּובליק, און אייניגע שטעדט האָבען זיך פעראייניגט און געבילדעט אַ פערבאַנד. דיזער פער-באַנד איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דעקאַפּאָליס", ד. ה. די פעראייניגונג פון 10 שטעדט. אַלס שטאַטהאַלטער אין סיריען האָט פּאָמפּעיוס בעשטימט סקאַורוס'ן, וועגען וועלכען מיר האָבען פריהער אויספיהרליך דערצעהלט.

נאָך דעם, ווי פּאָמפּעיוס האָט איינגעאָרדענט זיינע געשעפטען אין סיריען און פּאַלעסטינאַ, האָט ער פערנומען מיט זיך אַלע קריגס-געפאַנגענע, דעם געוועזענעם קעניג אַריסטאָבולוס דעם 2טען, זיינע צוויי טעכטער און זיינע צוויי זיהן אַלכסנדר און אַנטיגאָנוס. אין יאָהר 61 (פ. קר.) איז פּאָמ-פּעיוס צוריקגעקומען אין רוים. הינטער זיין טריאומף-צוג זיינען געגאַנגען די אַלע הערשער, וואָס ער האָט בעזיגט אין אַזיען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער אידישער קעניג אַריסטאָבולוס מיט זיינע קינדער, אויסער איינעם, אַלכסנדר, וועלכער איז אין מיטען וועג אַנטלאָפען. צוזאַמען מיט דער קעניגליכער פאַמיליע האָט פּאָמפּעיוס געבראַכט נאָך רוים אַ גרויסע צאָהל אידישע קריגס-געפאַנגענע, וועלכע האָבען מיט דער צייט געקראָגען זייער פרייהייט און האָבען געבילדעט דעם אָנפאַנג פון דער אידישער גע-מיינדע אין רוים.

כמעט 80 יאָהר האָט עקסיסטירט די הערשאַפט פון די חשמונאים און די אונאָפּהענגיגקייט פון דעם אידישען פאָלק. די ערסטע חשמונאים האָ-בען געאַרבייט צוזאַמען פרידליך און האָבען בעפרייט דאָס אידישע פאָלק פין דער אָפּהענגיגקייט פון די גריכען (סעלייקידען). די לעצטע חשמונאים האָבען זיך געריסען צווישען זיך און האָבען געבראַכט דאָס פאָלק אין די אייזערנע הענט פון רוים, וועלכע האָט זיי געבראַכט צו דער העכסטער שטופע פון ליידען און אונגליק.

יא. די אידישע קולטור אין יהודה און מצרים.

צוויי פראַגען שטעלען זיך פיר דעם יעניגען, וואָס בעטראַכט גרינדליך דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק אין דער צייט פון די מאַקאַבעער. די ערסטע פראַגע איז: אויב די אידען האָבען אויפגעהערט זיך צווזען און צושפּרייטען איבער אַנדערע לענדער אין דער צייט, ווען די חשמונאים האָבען געהערשט, און דאָס פאָלק איז געוואָרען אונאָפּהענגיג און האָט גענאָסען פולע פּאָליטישע פרייהייט בײַ זיך אין דער היים? און די צווייטע פראַגע איז: אויב דאָס אידישע פאָלק האָט זיך בעפרייט פון דעם איינפלוס פון דער גריכישער קולטור נאָך דעם, ווי עס האָט זיך בעפרייט פון דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די גריכען? אויף דיזעביידע פראַגען ענטפערט די געשיכטע: ניין.

די עפּאָכע פון די חשמונאים האָט געהאַט פיעל צו טאָן אום צו פערייניגען די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אין פערשיידענע שטעדט פון פּאַלעסטינא און וואָס זיינען פערפרעמדט געוואָרען אין דער צייט, וואָס פּאַלעסטינא האָט זיך געפונען אונטער פרעמדער הערשאַפט. און דאָס איז געווען דער הויפּט־צוועק פון די חשמונאישע הערשער, ווי שמעון, יונתן, יוחנן הורקנוס און אַלכסנדר ינאי, וועלכע האָבען געזוכט צו געווינען די שטעדט צוריק פיר דאָס אידישע פאָלק אום די אידישע איינוואוינער פון יענע שטעדט זאָלען זיך פעראייניגען אין איין פאָלק. אָבער דאָס עס זאָל זיין אַ שטאַרקע עמיגראַציע פון אַלע אַנדערע גלות־לענדער, וואו עס האָבען זיך געפונען אידישע קאָלאָניעס, נאָך פּאַלעסטינא — דאָס איז ניט געווען. עס האָבען פאָרטגעזעצט צו עקסיסטירען אידישע קאָלאָניעס, גרויסע און קליינע, אין אַנדערע לענדער: אין קליין־אזיען, אַפריקאַ, מעסאָפּאָטאַמיען (ארם נהרים) און סיריען. הגם די אַלע אידישע קאָלאָניעס האָבען בעטראַכט ירושלים אַלס רעליגיעזען צענטער, וואוהין זיי פלעגען שיקען זייערע מתנות פיר דעם טעמפּעל און פיעלע פלעגען אָפט געהן אהין בעזוכען דעם טעמפּעל (עולי רגל זיין), אָבער ניט מיט דעם צוועק דאָרט צו פערבלייבען.

אָבער אַ גרויסער טייל פון די ערָאבערטע שטעדט, וואָס די חשמונאישע הערשער האָבען פעראייניגט מיט פּאַלעסטינא, זיינען געווען בעזעצט מיט גריכען. דיזע האָבען זיך ניט אַסימילירט מיט אידען, ווייל די אידען האָבען זיך ניט אַסימילירט מיט זיי. אָבער זיי האָבען דאָך געהאַט אַן איינפלוס אייניג אויף די אַנדערע. די גריכישע קולטור האָט אין זיך פיעל איינגעזויגען פון דער אידישער זיטען־לעהרע, פון זייערע פּרינציפּען וועגען דער איינהייט

פון גאָט און ד. גל. די גריכישע קולטור ווידער האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די אידען.

דער האַנדעל האָט פיעל געהאָלפען צו ברייננען די גריכען און די אידען אין אַ נאָהענטע בעריהרונג, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף זייערע אויסערליכע מאַנירען און זייער שפּראַך. זעהר פיעלע גריכישע ווערטער, איבערהויפּט טעכנישע, זיינען אָנגענומען געוואָרען אין דער אידישער אומגאַנגס-שפּראַך, וועלכע איז דאַמאָלס געווען העברעאיש-אַראַמעאיש, און אויך אין דער ליטעראַטור. מיר געפינען אין דער משנה, וועלכע איז געשריבען אין אַ ריין העברעאישער שפּראַך, אַ גרויסע מאַסע פרעמדע, גריכישע ווערטער. גריכישע נעמען זיינען געווען אַ זעהר געוועהנליכע זאַך צווישען די אידען, איבערהויפּט ביי דער רייכערער קלאַס, די צדוקים. די פּרושים האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען, דאָס דיזער גריכישער איינפלוס וועט זיך ניט בעשרענקען מיט דער אויסערליכער זייט, נאָר וועט באַלד אָנהויבען אריינגעהן טיפער אין גייסטיגען לעבען פון אידישען פאָלק, און דעריבער האָבען זיי אָנגעהויבען צו מאַכען בעגרענצונגען, בעשרענקונגען, צאַמען (סיגים) אַרום די געזעצען, אום מעהר און מעהר אָפּצוזונדערן דאָס אידישע פאָלק פון דער גרויסער מאַסע אַנדערע פעלקער, אום זיי זאָלען זיך ניט אַסימילירען מיט זיי. דיזער מיטעל האָט שטאַרק געווירקט ניט נאָר אויף די אידען אין פּאַלעסטינא, נאָר אויך און זאָגאַר נאָך מעהר אויף די אידישע קאָלאָניעס אין דער דיאַספּאָרא (די גלות-לענדער).

די ליטעראַטור אין יהודה. אָהן צווייפעל האָט די פּאָליטישע פרייהייט, וואָס די חשמונאים האָבען פערשאַפט דעם אידישען פאָלק, אויפגעהויבען און פערשטאַרקט דעם נאַציאָנאַל-גייסט און צוזאַמען מיט דעם אויך די ליטעראַרישע שאַפונג. אָבער די ווערק, וואָס זיינען אונז געבליבען פון יענער צייט, זיינען צו ווענינ, וועדליג ווי זיי האָבען בעדאַרפט זיין לויט דער ענטוויקלונג פון פאָלק. עס קען זיין, דאָס די מחלוקת פון די פּאַרטייען האָט איינגעשלונגען פיעל ענערגיע פון דער דענקענדער קלאַס, און דאָס האָט געשטערט דער ליטעראַרישער שאַפונג; עס קען אויך זיין, דאָס דער פּרינציפּ, וועלכער האָט דאַמאָלס געהערשט צווישען די פּרושים, דאָס די תורה שבעל פּה טאָר מען ניט אויפשרייבען, האָט געשטערט צו שרייבען ווערק אין יענער צייט. און אפשר זיינען פיעלע געשריבענע ווערק פערלאָרען געגאַנגען.

אַ זעהר וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט פון דער עפּאָכע פון די השמונאים איז דער ערסטער טייל פון „ספר החשמונאים“. דיזעס בוך ענטהאַלט די געשיכטע פון די חשמונאים פון מתתיהו ביז שמעון'ען. דאָס בוך איז געשריבען אין אַ סטיל זעהר ענהליך צו דעם סטיל פון די נביאים ראשונים פון תנ"ך, נאָר אָהן אַ צופאַרבונג מיט רעליגיאָן. ער בעשרייבט די גבורות פון יהודה המכבי און דערמאָהנט זעלטען דאָס אריינמישען זיך פון גאָט. עס קען זיין, דאָס דיזעס איז די אורזאַך, וואָרום די אידישע חכמים פון יענער צייט האָבען ניט אַריינגענומען דיזען ספר צווישען די ספרי הקודש פון תנ"ך, הגם דער טייל פון תנ"ך, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען כתובים, איז ערסט אין יענער צייט אַריינגענומען געוואָרען צווישען די ספרי הקודש. דיזעס בוך איז אָריגינעל געווען געשריבען אין העברעאיש, אָבער דער אָריגינאַל איז פערפאַלען געוואָרען און ער איז געבליבען נאָר אין דער גריכישער איבערזעצונג פון דער ביבעל, וועלכע איז בעקאַנט מיט'ן נאָמען „סעפּטואַגינטאַ“ (איבערזעצונג פון די זיבעציג), און מיר האָבען איהם יעצט איבערזעצט אין העברעאיש פון גריכיש. די חכמים פון יענער צייט האָבען דעם ספר אַריינגעשטעלט צווישען די „ספרים החיצונים“, וועלכע זיינען היינט בעקאַנט מיט'ן נאָמען „אַפּאָקריפען“ (באַהאַלטענע שריפטען, ספרים גנוזים). אויך די צוויי ערצעהלונגען „יהודית“ און „טוביה“, פון וועלכע די ערסטע דערצעהלט וועגען דעם פייערדיגען פּאַטריאָטישען געפיהל פון אַ אידישער העלדין יהודית, וואָס האָט אַרונטערגעשניטען דעם קאָפּ פון דעם סירישען קריגס־קאָמאַנדיר האָלאָפערנעס, און די צווייטע, וועלכע האָט דעם צוועק צו פערענטפערן די פראַגע, וואָרום געהט אָפט דעם צדיק שלעכט אויף דיזער וועלט, געהערען צו יענער צייט און זיינען צווישען די אַפּאָקריפען.

אין יענע צייטען איז געוואָרען אַ מאָדע צו שרייבען ספרים אין דעם סטיל און דער פאָרמע פון דעם ספר „דניאל“, ד. ה. אין פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע שטעלען פאָר דעם געשיכטליכען גאַנג פון אידישען פאָלק אָדער די רעליגיעזע מאָמענטען פון זיין לעבען. צווישען די אַפּאָקריפען געפינט זיך אַזאַ ארט בוך מיט'ן טיטעל „חנוך“, געשריבען, ווי מען האָט געגלויבט, פון נח'ס אור־זיידען ח נ ו ך, וועלכען גאָט האָט צוגענומען צו זיך אויף'ן הימעל לעבעדיגערהייט. דאָס אַפּאָקריפישע בוך „תהלים של שלמה“ ענטהאַלט אין זיך פיעל געשיכטליכעס פון אידישען לעבען, איבערהויפּט די טרויעריגע געפיהלען פון די פּרושים פון דער צייט פון די לעצטע חשמונאים,

װעלכע האָבען פערשאפט דעם אידישען פאָלק פיעלע ליידען מיט זייערע רייסערייען צווישען זיך.

אין דער צייט פון די חשמונאים האָבען זיך אויך געפונען געלעהרטע, װעלכע האָבען געשריבען און ענטװיקעלט די ליטעראטור פון װעלטליכער קלוגהייט און פראקטישען לעבען, אזוי װי די משלי שלמה פון תנ״ך. אזעלכע װערק זיינען געװען דער ספר **בן סירא**, **חכמת שלמה**, און פיעלע װיכטיגע רעגלען צום לעבען, װאָס זיינען פערבליבען אין „פרקי אבות״. זעהר אַלט זיינען אין די פרקי אבות די שפּריכען פון די ערסטע דריי פּאָאר, װאָס זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון די אנשי כנסת הגדולה אין די ערסטע צייטען פון די חשמונאים. דאָס ערסטע פּאָאר איז געװען: **יוסי בן יועזר** פון צרדה און **יוסי בן יוחנן** פון ירושלים, װעלכע האָבען געלעבט אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים; דאָס צווייטע פּאָאר איז געװען: **יהושע בן פרחיה** און **ניתאי הארבלי**, װעלכע האָבען געלעבט אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס, און דאָס דריטע פּאָאר איז געװען: **שמעון בן שטח** און **יהודה בן טבאי**, װעלכע זיינען געװען די הויפּט פון די סנהדרין אין דער צייט פון דער קעניגין סאַלאָמאַ אַלכּסנדרא. זייערע שפּרוכען געפינען זיך אין ערסטען פּרק פון די פרקי אבות.

צווישען די אידישע קאָלאָניעס, װאָס זיינען געגרינדעט געװאָרען אין אזיען און אפריקא, איז די װיכטיגסטע געװען די אידישע געמיינדע אין אַלעקסאנדריען, װאָס איז אין עגיפּטען. אין דער צייט, װען די פּטאָלעמעער האָבען געהערשט איבער יהודה, איז אַלעקסאנדריען געװען אַ אידישער קול-טור-צענטער, װעלכער איז געװען זעהר פערשיידען פון ירושלים. װען פּאַ-לעסטינאַ איז איבערגעגאַנגען אונטער די הערשאפט פון סיריען און אנטיאָ-כוס עפּיפאַנעס האָט אָנגעהויבען שטארק צו פערפאָלגען די אידען, האָבען די אידען אין עגיפּטען געהאט פולע פרייהייט און האָבען ניט געװאוסט פון קיין פערפאָלגונגען. **פּטאָלעמאוס דער 6טער פי-לאָמעטאָר**, װעלכער האָט דאמאָלס געהערשט אין עגיפּטען, האָט זאָ-גאר פריינדליך אויפגענומען אין זיין לאַנד די אידישע עמיגראַנטען, װאָס זיינען ענטלאָפען פון יהודה פון די פערפאָלגונגען פון אנטיאָכוס און זיינע משרתים.

צווישען די עמיגראַנטען, װאָס זיינען געקומען אין עגיפּטען, האָט זיך געפונען **אָניאַס** (**חוניו דער 4טער**), דער זוהן פון כהן גדול חוניו דעם 3טען, װעלכער איז ערמאָרדעט געװאָרען פון די העלעניסטען.

דיזער איז געווען דער לעצטער כהן גדול פון די בני צדוק. דער קעניג פון עגיפּטען פּטאָלעמעאוס פילאָמעטאָר און די קעניגין קלעאָפּאַטרא האָבען איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען, ווייל זיי האָבען גערעכענט, דאָס דורך איהם וועט זיי געלינגען צו מאַכען די אידען פון יהודה פריינדליך צו די פּטאָלעמעער און פיינדליך צו די סעלייקידען, און דורך דעם צוריקגעווינען די פּראָווינץ יהודה אונטער זייער שוץ. חוניו האָט זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט, און האָט אויסגעווירקט ביים קעניג און דער קעניגין די ערלויבניס צו בויען אַ בית המקדש אין מצרים מיט אַ מזבח און מיט כהנים און קרבנות, ריכטיג ווי אין ירושלים. די אידען פון עגיפּטען האָבען עס געהאַלטען פיר אַ נויטווענדיגקייט, ווייל די פערפאָלגונגען פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס האָבען זיי געשטערט צו קומען אין ירושלים און מקריב זיין קרבנות, ווי זיי זיינען דאַמאָלס געווען געוועהנט צו דינען גאָט, און איבערהויפּט נאָך דעם, ווי דער בית המקדש אין ירושלים איז פעראונרייניגט געוואָרען דורך די גריכען, וועלכע האָבען אין איהם אַריינגעשטעלט דאָס בילד פון זייער אָפּגאָט אַפּאָללאָ, און דער בית המקדש אין ירושלים האָט דאַן אָנגעוואָרען פיר זיי זיין פריהערדיגע אָנציהונגס־קראַפט. זיי זיינען געווען זעהר צופרידען פון דער ערלויבניס, וואָס חוניו האָט ערהאַלטען פון דעם קעניגליכען פּאָאַר, צו בויען אַ בית המקדש אין מצרים. זייער קאָנסערוואַטיזם איז ניט געווען געגען דיזען פּלאַן, זיי האָבען זיך געשטיצט אויף דער נבואה פון נביא ישעיהו, דאָס אין דער צוקונפט וועט זיין אַ מזבח צו גאָט אויך אין מצרים, און מען וועט דאָרט אויך מקריב זיין קרבנות (ישעיהו יט, 19—21).

דיזער טעמפּעל איז געווען אויסגעבויט אין לעאָנטאָפּאָליס, ניט ווייט פון מעמפיס. חוניו האָט צוגעצויגען אַהין כהנים און לוים פון ירושלים, וועלכע זיינען ענטלאָפען פון די פערפאָלגונגען פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס און זיינע בעאַמטע. די פרומע אידען אין ירושלים זיינען געווען ניט זעהר צופרידען מיט'ן עגיפּטישען בית המקדש, אָבער זיי האָבען איהם אויך ניט פערפּאָלגט. אויך אין מצרים זעלבסט זיינען געווען פיעלע, וואָס האָבען געשיקט זייערע קרבנות נאָך ירושלים און פלעגען זעלבסט עולה רגל זיין צוהין אין די שלש רגלים: פסח, שבועות און סוכות.

די אידען אין עגיפּטען האָבען אין יענער צייט געהאַט פולע רעכטען צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער — ציווילע און פּאָליטישע רעכטען. איבערהויפּט איז געווען גוט דער מצב פון די אידען אין אַלעקסאַנדריען, די גרעסטע ציוויליזירטע שטאָדט אין יענער צייט נאָך רוים. דיזע שטאָדט

איז געווען איינגעטיילט אין פינף גרויסע קוואַרטאַלען; דער צווייטער פון זיי איז געווען בעזעצט מיט אידען און האָט זיך דעריבער גערופען „די אי-דישע שטאָדט”. אין דיזער שטאָדט האָט אימער געקאָכט און גערוישט פון האַנדעל. הגם די אידען אין עגיפּטען האָבען געהאַט גלייכע רעכטען, האָט זיי די עגיפּטישע רעגירונג נאָך געגעבען אַ בעזונדערע אויטאָנאָמיע, אום זיי זאָלען זיך פיהרען אין זייער אייגענעם אינערליכען לעבען נאָך זייערע איי-גענע געזעצען, ווי זיי געפעלט. אָן דער שפּיץ פון דער אַלעקסאַנדרינישער אידישער געמיינדע איז געשטאַנען אַן עטהנאַרך (נשיא, פירסט) מיט אַ גרויסער פּאָלמאַכט. די אידען אין עגיפּטען האָבען זיך דאַמאָלס אויסגע-צייכענט אויף פערשיידענע געביטען, זאָגאַר אין מיליטער. אין דער צייט פון פּטאָלעמעאוס פילאָמעטאָר האָבען זיך געפונען צוויי אידישע הויכע בע-אַמטע אין דער אַרמעע, איינער פון זיי איז געווען דער כהן גדול חוניו, וועל-כער האָט בעקומען די ערלויבנים צו בויען אַ טעמפּעל אין מצרים. שפּעטער זיינען געווען אין דער עגיפּטישער אַרמעע צוויי וויכטיגע גענעראַלען חלקיה און חנניה, וועלכע, ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, האָבען געהאָלפען אַלכסנדר ינאי געגען פּטאָלעמעאוס לאַטור, דעם פערהאַס-טען זוהן פון דער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאַטראַ.

נאָר איין מאָל האָט זיך געטראָפען, דאָס די אידען האָבען געליטען פערפאָלגונגען אין עגיפּטען. דאָס איז געווען אין דער צייט פון פּטאָלע-מעאוס דעם 7טען פיסקאָן, וועלכער האָט געקעמפּט געגען דער קעניגין קלעאָפּאַטראַ, די פרוי פון זיין פערשטאָרבענעם ברודער פּטאָ-לעמעאוס פילאָמעטאָר. פיסקאָן איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די אידען פאַרוואָס דער בעריהמטער פעלד-הערר חוניו איז אַרויס געגען איהם און האָט געשטריטען געגען איהם פיר די קעניגין קלעאָפּאַטראַ, און פאַרוואָס די אידען זיינען אויך געווען אויף דער זייט פון דער קעניגין און געגען איהם. עס ווערט דערצעהלט, דאָס איידער פיסקאָן איז אַרויס אויף אַ שטרייט גע-גען חוניו'ן, האָט ער געהייסען זיינע סאָלדאַטען, אַז זיי זאָלען אויפטרייבען אַ גרויסע מאַסע אידען אין אַלעקסאַנדריען אויף אַ געוויסען פּלאַץ, און דאָרט האָט מען אויף זיי אַרויפגעיאָגט צוואַווילדעטע העלפאַנדען. אָבער די העלפאַנדען האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען ניט אויף די אידען, נאָר אויף דעם קעניג'ס בעאַמטע. די אידען אין אַלעקסאַנדריען האָבען צום אָנדענקען פון דיזער וואונדערבאַרער פּאַסירונג בעשטימט דעם טאָג פיר אַ יום טוב אויף אימער. אָבער דאָס איז ניט געווען אַ רעזולטאַט פון ראַסען-האַס אָדער רעליגיאָנס-האַס, נאָר אַ פּאָליטישער צוזאַמענשטויס. ווען אָבער פּיס-

קאָן איז געוואָרען פעסט אין זיין טראַן האָט ער די אידען בעהאַנדעלט ניט שלעכט. זיי האָבען געהאַט אונטער איהם די זעלבע פרייהייט ווי זיינע אַלע אַנדערע אונטערטאַנען.

די אידיש-גריכישע ליטעראַטור. אין די לעצטע 200 יאָהר פ. קר. איז די שטאָדט אַלעקסאַנדריען געווען דער צענטער פון דער געבילדעטער אַריסטאָקראַטיע פון דער גאַנצער וועלט פון יענער צייט. הגם די אַלע ליטעראַרישע ווערק, וואָס זיינען דאָרט געשריבען געוואָרען, זיינען געווען אין דער גריכישער שפּראַך, זיינען דאָך געווען אין זיי צו בעמערקען כאַראַקטעריסטישע אייגענהייטען פון דעם פאָלק, וואָס האָט גענומען אַנטייל אין דיזער וועלט-ליטעראַטור. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די אידען. זיי האָבען אַריינגעבראַכט אין דער גריכישער ליטעראַטור פיעל פון דעם אידישען גייסט דורך זייער איבערזעצונג פון דער ביבעל אין גריכיש. די איבערזעצונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 3טען יאָהרהונדערט פ. קר. און האָט זיך געענדיגט אין 2טען. די איבערזעצער זיינען געווען זעהר פּאָרזיכטיג מיט דער תורה און די נביאים, אָבער ביים איבערזעצען די כתובים האָבען זיי זיך ערלויבט צוצושטעלען פערשיידענע הוספות. אַזוי צ. ב. צו „מגלת אסתר" האָבען זיי צוגעגעבען די תפלה פון מרדכי'ן און נאָך איינגע זאַכען, אום צוצוגעבען צו דער מגלה אַ רעליגיעזען כאַראַקטער, ווייל אין דער גאַנצער מגלה ווערט ניט דערמאָהנט גאָט'ס נאָמען, און עס שיינט, דאָס דער גאַנצער נס פון פורים איז עפּעס געווען אַ נאַטירליכער צופאַל, אָהן שום אַריינמישען זיך פון דער געטליכער השגחה. אויך צום ספר „דניאל" האָבען זיי צוגעגעבען איינגע הוספות: 1) די תפלה פון חנניה, מישאל און עזריה, ווען מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין קאַלך-אויווען; 2) אַן ערצעהלונג וועגען דעם שלאַנג און דעם אָפּגאָט „בל" און די געשיכטע פון אַן אונשולדיגער פרוי „שושנה", וואָס איז פעראורטיילט געוואָרען צום טויט צוליב פאַלש עדות זאָגען פון צוויי אַלטע הולטייעס, און דניאל מיט זיין חכמה האָט בעוויזען איהר אונשולד. מען קען זאָגען, דאָס ווען ניט די איבערזעצונגען פון די אַפּאָקריפישע ביכער אין גריכיש, וואָלטען מיר היינט פון זיי גאָר ניט געוואוסט; די אידען אין פּאַלעסטינאַ האָבען אויף זיי קיין גרויס געוויכט ניט געלעגט, ווייל זיי זיינען ניט אָנערקענט געוואָרען פיר הייליג, ווי די אַנדערע כתבי הקודש, און די אָריגינעלע העברעאישע ווערק פון דיזע אַלע ספרים זיינען פערפאַלען געוואָרען.

די אַלעקסאַנדרינישע אידען האָבען זיך ניט בעשרענקט מיט איבערזעצונגען אין גריכיש פון העברעאיש, נאָר זיי האָבען אויך געשאַפען פיעל אָרי-

גינעלעס; אָבער אויך אין די אָריגינעלע ווערק, וואָס זיי האָבען געשריבען אין גריכיש, איז געווען צו בעמערקען פיעל אידישעס. דיזע ליטעראטור איז דעריבער בעקאנט אונטער'ן נאָמען „אידיש-גריכישע ליטעראטור". אזוי צ. ב. האָט א אידישער פערפאסער געשריבען אין גריכיש א אידישע געשיכטע אין 5 טיילען נאָר פון דער צייט פון די פערפאָלגונגען פון אנטיאָכוס עפיפאנעס און דעם אויפשטאנד פון די מאקאבעער, ביז זיי האָבען בעפרייט דאָס אידישע פאָלק פון די סירישע פערפאָלגונגען. דיזעס ווערק איז פערלאָרען געוואָרען; פון איהם איז נאָר געבליבען אן אויסצוג, וואָס אן אנדער פערפאסער האָט פערקירצט אונטער'ן נאָמען „דאָס 2טע בוך פון די חשמונאים". דיזער ספר איז מעהר געשריבען געוואָרען אין רעליגיעזען גייסט. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער מחבר געוואָלט ווייזען דער היידנישער וועלט, דאָס די אידישע רעליגיאָן איז אזוי געטליך און פעסט, דאָס קיין מענשליכע קראפט איז ניט אין שטאנד זי אונטערצובריינגען.

יב. די אידיש-גריכישע פילאָזאָפיע און די פערטיידיגונג פון דער אידישער רעליגיאָן.

די אידישע געלעהרטע אין אלעקסאנדריען פון יענער צייט האָבען זיך געגעבען פיעל מיה צו שאפען א הארמאָניע צווישען דער אידישער רעליגיאָן און דער גריכישער פילאָזאָפיע. דער אידישער דענקער אריסטאָבולוס, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון פטאָלעמעאוס פילאָמעטאָר (170—150 פ. קר.), האָט געשריבען א ווערק וועגען תורת משה, און ווי מען דערצעהלט, האָט ער דאָס ווערק געווידמעט צו דיזען קעניג. פון דיזען ווערק זעהט מען קלאָר, דאָס ער איז געווען גוט בעקאנט מיט די אידעען פון די גרויסי גריכישע פילאָזאָפען: פיטהאגאָראס, פלאטאָ און אריסטאָטעל, ווי אויך מיט דער אלטער גריכישער פאָעזיע. אין דיזען ווערק האָט ער זיך געגעבען די מיה צו בעווייזען, אז דאָס בעסטע, וואָס עס געפינט זיך אין די ווערק פון די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען, געפינט זיך אין תורת משה, עס פערשטעהט זיך, ווען מען זאָל זי פערשטעהן ווי עס געהערט צו זיין. ער בעהויפטעט זאָגאָר, דאָס דיזע פילאָזאָפען האָבען געשעפט זייערע אידעען פון תורת משה. ער איז דער ערסטער, וואָס האָט ערקלערט די וואהרע מיינונג פון די שטעלען פון דער ביבעל, וואו עס ווערט גערעדט פון גאָט ווי פון א מענשען מיט זיינע גלידער. אזוי צ. ב. האָט ער ערקלערט, דאָס דער אויסדרוק „די האנט פון גאָט" מיינט די מאכט, די אויגען פון גאָט מיינט ניט, דאָס גאָט האָט אויגען ווי א מענש, נאָר דאָס מיינט די השגחה

פון גאָט א. אז. וו. דער צוועק פון דיזע ערקלערונגען איז געווען צו בע-וויזען, דאָס די ביבעל קען שטימען מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געלערנט, דאָס דער שעפער פון דער וועלט איז ניט קיין קערפּער און האָט ניט די אַלע אייגענשאַפטען, וואָס אַ קערפּער האָט. אין דיזען וועג זיינען נאָכהער געגאַנגען אַלע אידישע פילאָזאָפען פון די שפּעטערע צייטען אין מיטעלאַלטער.

עס האָבען זיך אין יענער צייט אויך געפונען אייניגע אידישע געלעהר-טע, וועלכע האָבען געשריבען איבער אידישער געשיכטע אין דער גריכישער שפּראַך. דעמעטריוס האָט געשריבען די געשיכטע פון אידישען פאָלק פון דער צייט פון משה רבנו ביז דער לעצטער צייט פון די פּטאָלע-מעער. נאָך איינער אין יענער צייט האָט געשריבען אַן עהנליכע געשיכטע, אין וועלכער ער שטעלט פאָר משה רבנו אַלס דעם גרעסטען חכם אין דער וועלט. לויט איהם האָט משה אויסגעלערנט די אידען די קונסט פון שרייַ-בען, דיזע האָבען עס איבערגעגעבען צו די פעניציער, און די גריכען האָבען זיך אויסגעלערנט שרייבען פון די פעניציער. דער דריטער אידישער היס-טאָריקער פון יענער צייט אַרטאַפּאַן שרייבט, דאָס די מצריים האָבען געלערנט פון די אידען זייער גלויבען, קונסט, וויסענשאַפטען און זאָגאַר אַלע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע איינריכטונגען. לויט איהם האָט אברהם אבינו געלערנט די מצריים אַסטראָנאָמיע, יוסף האָט זיי געלערנט צו בעאַרבייטען גוט זייערע פעלדער, און דער ריכטיגער גרינדער פון דער עגיפּטישער קולטור איז געווען משה רבנו. ווי ער דערצעהלט, האָט משה איינגעטיילט מצרים אין 36 פּראָווינצען, האָט דאָרט איינגעאָרדענט אַ געט-ליכען דינסט און אַ ריכטיגע רעגירונג און האָט אויסגעלערנט די עגיפּטישע פּריסטער די קונסט פון שרייבען.

אויך די אידיש-גריכישע פּאָעטען האָבען אָנגעהויבען צו געברויכען ביב-לישע טהעמעס. אזוי האָט פילאָן (דער עלטערער) געשריבען אַ פּאָעמע אונטער׳ן נאָמען „ירושלים“, אין וועלכער ער האָט בעזונגען אברהם אבינו, יוסף׳ן און די אידישע הויפּטשטאָדט ירושלים. אַן אַנדערער פּאָעט, טהעאָ-דאָט, האָט בעשריבען אין אַ פּאָעמע די שטאָדט שכם, וועלכע יעקב׳ס קינדער האָבען איינגענומען נאָך דעם, ווי שכם, דער זוהן פון חמור, דער פּרעזידענט פון שטאָדט, האָט געפאַנגען זייער שוועסטער דינה. אַ געוויסער פּאָעט יחזקאל האָט געשריבען אַ דראַמאַ „יציאת מצרים“, וואו ער האָט אויספיהרליך בעהאַנדעלט דאָס לעבען פון משה רבנו און די געשיכטע פון יציאת מצרים.

דיזע ווערק האבען געהאט נאך אן אנדער צוועק — צו פערטיידיגען דאס יודענטום און די אידען פון די בעליידיגונגען און בעשולדיגונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען אין יענער צייט געגען זיי און זייער רעליגיאן פון אידישע שונאים. די ווערק פון דעם עגיפטישען פריסטער מא-נעטהאן, וועלכען מיר האבען פריהער בעשריבען, האבען פערברייטעט גרויס האס צו די אידען. די אלעקסאנדרינישע אידען האבען אלעס אנגע-ווענדט אום צו בעווייזען, דאס די אידען זיינען א הויך ציוויליזירטעס פאלק פון גאנץ אלטע צייטען. אום צו געבען מעהר ווערט צו דיזען סארט פער-טיידיגונגס-ווערק, איז דאמאלס געווען א מאדע צו שרייבען ווערק אונטער'ן נאמען פון אן אלטער גרויסער אויטאריטעט. אזוי צ. ב. האט א אידישער פילאזאף, וועלכער האט געלעבט אן ערך 200 יאהר פ. קר., געשריבען א ווערק וועגען אידען אונטער דעם נאמען פון אן אלטען גריכישען פילאזאף, אין וועלכען ער בעשרייבט די איבערגעבענהייט פון די אידען צו אלכסנדר דעם גרויסען (אלכסנדר מוקדון) און צו פטאלעמעאוס לאגוס.

א זעהר אינטערעסאנטעס ליב-ווערק פיר די אידען און יודענטום האט געשריבען א אידישער געלעהרטער אין 2טען יאהרהונדערט פ. קר. אונטער'ן טיטעל „דאס שרייבען פון אריסטעאס". דיזעס ווערק איז איבערזעצט פון דעם בעריהמטען אידישען געלעהרטען ר' עזריה מן האדומים אונטער'ן טי-טעל „הדרת זקנים". דאס ווערק איז געשריבען געווארען אין דער פארמע פון א בריו פון א גריכישען בעאמטען פון קעניג פטאלעמעאוס פילאדעלפוס צו זיינעם א פריינד, וועלכען ער דערצעהלט די געשיכטע פון דער איבער-זעצונג פון דער ביבעל אין דער גריכישער שפראך, און בעריכטעט די פילא-זאפישע פערהאנדלונגען, וואס זיינען פארגעקומען צווישען דעם כהן גדול אליעזר און די אידישע געלעהרטע פון איין זייט און דעם קעניג פטאלעמעאוס פילאדעלפוס און זיינע הויפלייט פון דער אנדערער זייט. דער קעניג שטעלט די אידישע געלעהרטע פראגען וועגען עטהיק (זיטענלעהרע), פילאזאפיע, פא-ליטיק און וועלטליכע קלוגהייט, און ער ווערט זעהר ענטציקט פון די אנט-ווארטען, וואס ער בעקומט פון זיי. בעזונדערס ווערט ער ערשטוינט פון די טיפזיניגע ערקלערונגען וועגען דער בעדייטונג פון אייניגע צערעמאניעס פון דער אידישער רעליגיאן, וועלכע זיינען געווען פיר די גריכען זעהר אונ-פערשטענדליך.